ם תחנה השלמה

עם מעשה אלפס

בקשות, דינים און מנהגים פאר אידישע פרויען

אין אלע צייטען פון יאהר.

צונויפגעשטעלט פון

הרב בן-ציון אלפס

UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 15 12 02 03 005 8

שַׁ"ס תְּחִנָּה הַשְּׁלֵמָה

עם מעשה אלפס

תחנות און בקשות, דינים און מנהגים פאר אידישע
פרויען אין אלע צייטען פון יאָהר

אויך דינים פון פלייש-זאלצען

צונויפגעשטעלט פון

הרב בן-ציון אלפס

סטאַר היברו בוק קאָמפּאני
198-200 קאַנעל סטריט, ניו יאָרק

STAR HEBREW BOOK CO.
198-200 CANAL ST., NEW YORK

Printed in the United States of America

(אינהאלט)

זייט

אייניגע ווערטין צו די פרויען — 9
תחנה מודה אני (ברכה פיר קינדער) 16
תחנה על נטילת ידים 17
תחנה אשר יצר 18
תחנה מאפלה לאורה 19
תחנה אלהי נשמה 20
תחנה אויפ׳ן גוטין־זאָרט קנאה 21
תחנה ברכות השחר 22
תחנה הנותן לשכוי בינה 24
תחנה שלא עשני נכרית 25
תחנה מלביש ערומים 27
תחנה לשמוע בקול דברו 28
תחנה החונן לאדם דעת 30
תחנה המכין מצעדי גבר 31
תחנה המעביר שנה 32
תחנה שכן טוב 34
תחנה קבלת עול מלכות שמים 36
אַ נייע ירושלים תחנה 39
תחנה פון תשובה 40
תחנה אויסגיסין די הארץ פאר השי״ת — 43
תחנה צו פארהיטין די גיזונד 46
תחנה אויף ריינע מחשבות (בשעת התפלה) — 47
תחנה מה טובו 48
א נייע תחנה צו מה טובו 49
תחנה פון אליהו הנביא 51
תחנה שערי דמעות 53
תחנה וועגין פרנסה 57
תחנה צו פתיחת ארון הקודש 58
תחנה צו הגבהת ספר תורה 59

זייט

תחנה ליום ראשון (צו זאָגין זונטיג) — 60
תחנה ליום שני 61
תחנה ליום שלישי 62
תחנה ליום רביעי 62
תחנה ליום חמישי 63
תחנה ליום השישי 64
תחנה לשבת לאדון הכל 67
תחנה להעביר גלולים מן הארץ 68
תחנה פאר א טרויעריגע הארץ 69
תחנה עשר זכירות 70
תחנה זכירת יציאת מצרים 70
תחנה זכירת השבת 71
תחנה זכירת מעמד הר סיני 72
תחנה מצות זכירת מעשה עמלק 72
תחנה זכירת עונש מרים 73
תחנה זכירת ה׳ אלהים 74
תחנה צו בעטין אויף פרנסה 74
תחנה זכירת ירושלים 75
תחנה זכירת מעשה בלעם ובלק 76
תחנה פארהיטין די אייגענע נשמה 76
תחנה שלשה שערים 78
עניני מצות חלה 80
תחנה פאר חלה נעמען 87
ברכות פון חלה נעמען 88
תחנה נאָך אָבשיידין חלה 88
אייניגע דינים פון נדה 90
מצות הדלקת נרות 91
די ברכה פון ליכט בענטשען 92
אַ נייע תחנה נאָך ליכט בענטשין 93
אַ צווייטע תחנה נאָך ליכט בענטשין 94
תחנה ברכת קודש 95
תחנה ביין כותל מערבי 98

	זייט
אַ צווייטע תחנה ביין כותל מערבי	102
אַ דריטע תחנה ביין כותל מערבי	104
תחנה פאר קבלת שבת — — —	105
תחנה ערב ר"ח צו יו"כ קטן —	106
אַ נייע תחנה צו יו"כ קטן —	109
תחנה פון שבת פריה — — —	111
תחנה מקראי קודש — — — —	113
אַ תפלה אויף פרנסה — — —	118
אַ נייע תחנה פון ר"ח בענטשין	119
אַ צווייטע תחנה פון ר"ח בענטשין	119
תחנה צו בענטשין ר"ח חשוון —	121
תחנה צו בענטשין ר"ח כסלו —	124
תחנה נאָך חנוכה ליכט — —	126
תחנה צו בענטשין ר"ח טבת —	128
תחנה צו בענטשין ר"ח שבט —	130
תחנה צו בענטשין ר"ח אדר א'	131
תחנה צו בענטשין ר"ח אדר ב'	133
תחנה אויף פורים — — — —	134
תחנה צו בענטשין ר"ח ניסן —	135
תחנה צו בענטשין ר"ח אייר —	135
תחנה צו בענטשין ר"ח סיון —	137
תחנה צו בענטשין ר"ח תמוז —	138
תחנה צו בענטשין ר"ח מנחם אָב	140
תחנה צו בענטשין ר"ח אלול —	140
יהי רצון פאר ר"ח בענטשין —	141
תחנה צו ר"ח בענטשין — — —	142
סדר ראש חודש בענטשין — —	147
תחנה שערי זמרה — — — —	147
תחנה אנעים זמירות — — —	148
תחנה בנות ציון — — — —	151
תחנה פאר הבדלה — — — —	154
תחנה נאָך הבדלה — — — —	155
תחנה לתענית צבור — — —	156
בעדייטונג פון די 4 יאָהרצייטין	158
תחנה לתענית אסתר — — —	162
תחנה לשבעה עשר בתמוז — —	163
תחנה לתשעה באב — — — — —	163
תחנה לשבת נחמו — — — —	165
תחנה מצא טוב (לט"ו באב) —	166

צווייטע טהייל

	זייט
תחנה אמהות לר"ח אלול — —	167
תחנה קול שופר — — — —	173
תחנה ששה סדרים — — — —	174
תחנה לדוד אורי — — — —	177
תחנה תשובה תפלה וצדקה —	180
תחנה ערב ר"ח פאר מנחה —	188
סדר ליכט בענטשין פון ר"ח —	192
תחנה נאָך ליכט בענטשין ר"ח —	191
אַ נייע תחנה נאָך ליכט בענטשין	193
תחנה לדוד מזמור — — — —	198
תחנה לר"ח אין דער פריה — —	200
תחנה לר"ח פון טיפען הארצען	205
תחנה תפלת החיים מארץ הקדושה	206
תחנה פון שופר בלאָזען — —	209
למנצח פאר תקיעות — — —	212
ברכות פון שופר בלאָזין — —	213
תחנה פאר ברכת כהנים — —	215
תחנה נאָך וכתוב לחיים — —	216
ברכת כהנים — — — — —	216
יהי רצון נאָך ברכת כהנים —	217
מנהגים טובים לראש השנה —	218
סדר תשליך — — — — — —	218
אַ נייע תחנה צו תשליך — —	223
תחנה פון עשרת ימי תשובה —	229
דער ענין פון כפרות — — —	232
סדר כפרות — — — — — —	235
אַ נייע תחנה נאָך כפרות שלאָגין	237
תחנה פון ליכט מאַכין ערב יו"כ	238
בענטשין די קינדער ערב יו"כ —	239
תחנה עיו"כ פאר ליכט בענטשין	240
סדר ליכט צינדען ערב יו"כ —	242

זייט
תחנה ערב יו"כ נאָך ליכט בענטשן 245
תחנה פאר כל נדרי — — — 246
תחנה נאָך תפלת יעלה — — — 247
תחנה פאר הזכרת נשמות — — 252
סדר הזכרת נשמות — — — — 256
תחנה נאָך הזכרת נשמות — — 260
תפלה ליום כפור פאר מנחה — 261
תחנה אויסנעמען למנחה יו"כ - 263
אַ נייע תחנה פאר נעילה — — 265
תחנה למוצאי יום כפור — — 266
דער ענין פון שלש רגלים — — 267
סדר ליכט בענטשין פון סוכות — 271
תחנה סוכות נאָך ליכט בענטשין 271
דער ענין פון די ארבעה מינים 273
דינים פון אתרוג בענטשין — 275
אַ קורצע תחנה פאר אתרוג בענשין 275
ברכות פון אתרוג בענטשין — 276
תחנה נאָך אתרוג בענטשין — 276
תחנה פון אויסנעמען שלש רגלים 277
תחנה מועדי ה' מקראי קודש — 277
תחנה להושענא רבה פאר הלל — 278
תחנה להושענא רבה פאר הושענות 279
סדר הקפות פון הושענא רבה — 280
תחנה נאָך ליכט בענטשין שמיני עצרת — — — — — — 282
תחנה צו תפלת גשם — — — 283
תחנה ביים קושין די ספר תורה 288
נאָך אַ תחנה לשמחת תורה — 289
תחנה לש"ת נאָכ'ן קושין די ס"ת 289
דינים פון חנוכה — — — — 290
דינים פון פורים — — — — 290
תחנה פון ליכט בענטשין לשבת הגדול — — — — — — 291

זייט
תחנה לפסח נאָך ליכט בענטשין 292
אַ צווייטע תחנה נאָך ליכט בענשן 294
תחנה לשבת חוהמ"פ נאָך ליכט בענטשין — — — — — — 296
תחנה די אנדערע טעג פסח נאָך ליכט בענטשין — — — 297
תחנה לשבועות נאָך ליכט בענטשין 298
תחנה דעם צווייטין טאָג שבועות 300
תחנה פאר א שווערע געמיט צו קינדער — — — — — — 301
תחנה פאר יתומים — — — — 305
תחנה פיר א אשה מעוברת — — 306
תחנה ליולדת (נאָכן איבערקומען) 307
תחנה פאר א מוטער נאָכ'ן ברית 308
תחנה ביין אויפשטיין פון קינד־בעט — — — — — — — 308
תחנה בעת גיין אין שול נאָכ'ן קינד־בעט — — — — — — 309
תחנה מגדל השן (בעת עס שניידט זיך אוים א ציינדעלע ביי אַ קינד) — — — — — — — 310
תחנה ומדברך נאוה (בעת דער קינד הייבט אָן צו ריידן) — — 310
תחנה פאר אַ מוטער ווען איהר זוהן ווערט א בר מצוה — 314
תחנה אָבשפרעכין איין עין הרע 315
תחנה ווען מ'גיט צדקה אין ר' מאיר בעל הנס פושקע — 316
תחנה צו עלטערינס יאָרצייט — 318
דער ענין פון „חברים כל ישראל" 321
תחנה פון פאָרין אויפין ים — 321
דינים פון פלייש־זאלצען — — 325

אִיר אַרֶעלֶע פְּרוֹיעֶן, אִיר זַייט דִי מוּטֶערְס פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אוּנ דִי מוּטֶערְ'ס פוּן אוּנְזֶער גַאנְצֶעם פָאלְק, דִי תּוֹרָה עֶרְצֵיילְט, בְּעֵת אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְין זַיינֶען גִיוֶוען אִין מִצְרַיִם, הָאט פַּרְעֹה פַארְזָאגְט דִי אִידְעשֶׁע אַקוּשֶׁערְינְס, וֶוען אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער וֶועט גִיבּוֹירִין אַ זָכָר זָאלְט אִיר אִים שְׁטִילֶערְהֵייד דֶערְשְׁטִיקֶען (זָאגִין עֶר אִיז גִיבּוֹירִין גִיוָוארִין אַטוֹיטֶער), זָאגְט דִי תּוֹרָה אוֹיף אַייךְ עֵדוּת, אַז אִיר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אִין סַכָּנָה אוּנ נִיט גִיפָאלְגְט דֶעם קֶענִיג פוּן מִצְרַיִם. אוּנ נִיט גֶענוּג וָואס אִיר הָאט נִיט דֶערְשְׁטִיקְט דִי גִיזוּנְטֶע קִינְדֶער, הָאט אִיר נָאךְ מְחַיֶה גִיוֶוען דִי שְׁוַואכֶע, דִי אָרִימֶע, אִיר הָאט זֵיי גֶעבְּרַאכְט שְׁפַּייז, אוּנ לַאבּוּנְג וֶועלְכֶע אַ קִינְדְבֶּעטָארִין פָארֶערְט. אוּנ אִיר פְלֶעגְט נָאךְ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִי קְרַאנְקֶע קִינְדֶער, אַז הַשֵׁי"ת זָאל זֵיי הֵיילִין, בִּכְדֵי מְ'זָאל אַייךְ נִיט חוֹשֵׁד זַיין, אַז דוּרְךְ אַייךְ אִיז דֶער קִינְד גִישְׁטָארְבִּין, דַאדוּרְךְ הָאבִּין זִיךְ אִידִין זֵייעֶר פַארְמֶערְט. אוֹיךְ זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ אַז בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיוֹת זַיינֶען אִידִין אוֹיסְגֶעלֵייזְט גִיוָוארִין פוּן מִצְרַיִם, — אַז אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְין זַיינֶען אַרִיבֶּער דֶעם יַם הָאט מִרְיָם הַנְבִיאָה גִיזָאגְט שִׁירָה אוּנ מִיט אִיר אוֹיךְ אַלֶע אִידִישֶׁע פְּרוֹיעֶן. נַאכְהֶער אַז דִי עֵרֶב רַב הָאבִּין גִימַאכְט דֶעם עֵגֶל, הָאט מֶען גִיבְּרוֹיכְט צוּ דֶעם גָאלְד, הָאט אִיר פְּרוֹיעֶן גִיזָאגְט וִוי זָאל מֶען דָאס אַזוֹי גִיךְ פַארְגֶעסִין אָן גָאט ב"ה? אוּנ אִיר הָאט צוּ דֶעם קֵיינֶע זַאכֶע גִיגֶעבִּין. אוּנ אוּם מְ'זָאל נִיט זָאגִין ווַייל וַוייבֶּער זַיינֶען שְׁטֶענְדִיג קַארְג, זָאגְט אוֹיף אַייךְ דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה עֵדוּת, אַז בְּעֵת דֶער בּוֹרֵא הָאט גִיהֵייסִין בּוֹיעֶן דֶעם מִשְׁכָּן, הָאט אִיר דִי עֶרְשְׁטֶע אַוֶועק גִיגֶעבִּין אַייעֶרֶע טַייעֶרְסְטֶע צִירוּנְג, אוּן אִיר הָאט אוֹיךְ גִיטָאן פִיל אַרְבַּייט אִין שְׁפִּינֶעַריי מִיט אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע הֶענְד צוּם מִשְׁכָּן, אוּנ צוּם כִּיוֹר (וָואס כֹּהֲנִים רֵיינִיגֶען פוּן אִים דִי הֶענְד פַאר דִי עֲבוֹדָה) הָאט אִיר אַוֶועק גִיגֶעבִּין אַייעֶרֶע קוּפֶּערְנֶע שְׁפִּיגֶלֶען, אוּנ וָואס אִיז נָאךְ טַייעֶרֶער בַּיי אַ אִשָׁה וִוי אַ שְׁפִּיגֶעל? אִיז דָאךְ אַרִיכְטִיגֶער בַּאוַוייז אַז קֵיין זַאךְ אִיז אַייךְ נִיט צוּ שְׁוֶוער צוּ טָאן פוּן גָאטֶעס כָּבוֹד וֶועגִין. אוֹיךְ פִיל נָאךְ שֵׁיינֶע גִישִׁיכְטִין, פוּן אַייךְ וֶועלְכֶע אוּנְזֶער נַאצִיאָן אִיז נָאךְ בִּיז הַיינְטֶע אַייךְ פְּרוֹיעֶן דַאנְקְבַּאר, וִוי דִי גִישִׁיכְטֶע פוּן דְבוֹרָה הַנְבִיאָה, „חַנָה" דִי מוּטֶער פוּן שְׁמוּאֵל הַנָבִיא, „אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה" דֶער נֵס פוּן פּוּרִים, „יְהוּדִית" דֶער נֵס פוּן חֲנוּכָּה. אוּנ נָאךְ פִיל שֵׁיינֶע עֶרְצֵיילוּנְגֶען אִין תַּנַ"ךְ גְמָרָא וּמֶדְרָשִׁים, אוּנ אוֹיךְ יֶעצְט אִיז פַארַאן צְוִוישֶׁען אַייךְ פִיל נָשִׁים צִדְקָנִיוֹת וָואס בַּאזִיצֶען אַסַךְ מִדוֹת טוֹבוֹת פוּן דִי אִמָהוֹת:

בְּעֵת דֶער בּוֹרֵא עוֹלָם הָאט גִיוָואלְט עֶרְשַׁיינֶען אוֹיפְ'ן הַר סִינַי, גֶעבִּין אוּנְז דִי לִיבְּע הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הָאט עֶר אַייךְ פְרוֹיעֶן אָבּ גִיגֶעבִּין כָּבוֹד אוּנ גִיהֵייסִין מֹשֶׁה רַבֵּנוּ'ן רֵיידִין מִיט אַייךְ צוּם עֶרְשְׁטִין (כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב (אֵלוּ הַנָּשִׁים). נָאכְהֶער וְתַגֵּד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל), אוּנ נָאךְ פוּן בְּרִיאַת עוֹלָם אָן, הָאט שׁוֹין דִי הַשְׁגָחָה גִימַאכְט פוּן אַייךְ אַ גְרוֹיסֶען פַארַאד. בְּעֵת הַשֵׁי"ת הָאט בַּאשַׁאפִין דִי מוּטֶער חַוָּה, דְרִיקְט זִיךְ אוֹיס דִי תּוֹרָה מִיט דֶעם לָשׁוֹן „וַיִּבֶן ה' אֱלֹהִים אֶת הַצֵּלָע" דֶער עֶווִיגֶער הָאט גִיבּוֹיט אוּנ „פֶערְשְׁטֶאנְדִיג גִימַאכְט" דִי פְרוֹי, כְּלוֹמַר עֶר הָאט אִין דִי פְרוֹי גִיגֶעבִּין „בִּינָה" (פֶערְשְׁטַאנְד צוּ פַארְשְׁטֵיין פוּן אֵיין זַאךְ דִי צְווֵייטֶע) מֶער ווִיפִיל אִין מַאנְסְפֶּערְזָאן. (דְרוּם וֶוערְט אַ מֵיידֶעל פָאלְשְׁטֶענְדִיג „בַּר מִצְוָה" צוּ 12 יָאהְר אוּנ אַ אִינְגִיל צוּ 13 יָאהְר), אוּנ אַז דִי תּוֹרָה הָאט אַייךְ גִיגֶעבִּין כָּבוֹד, אַפְּשִׁיטָא שׁוֹין, אַז מִיר דַארְפֶן אַייךְ שֶׁעצִין. רֵיידִין מִיט אַייךְ שֵׂכֶל'דִיגֶע גִידַאנְקֶען.

הַתְקֵן עַצְמְךָ בִּפְרוֹזְדוֹר.

דֶער תַּנָּא ר' יַעֲקֹב זָאגְט (אִין פִּרְקֵי אָבוֹת) אַז דִיזֶע וֶועלְט אִיז ווִי אַ פְּרוֹזְדוֹר (אַ פָאהְרְצִימֶער) גֶעגִין יֶענֶע וֶועלְט, דוּ מֶענְשׁ מַאךְ זִיךְ פַארְטִיג אִין פָארְצִימֶער אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אַרַיין גֵיין (פַארְפּוּצְט) אִין גְרוֹיסִין עֶווִיגֶען זַאל (גִינִיסֶען דָארְטִין הִימְלִישֶׁען פֶערְגְנִיגֶען). דִיזֶער הֵיילִיגֶער מַאֲמָר וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט זֵייעֶר פְּרַאקְטִישׁ, שְׁלֹמֹה המע"ה שְׁרַייבְּט „וְיוֹם הַמָּוֶת", וֶוען דוּ ווִילְסְט פַארְשְׁטֵיין אִין וָואס עֶס בַּאשְׁטֵייט דֶער גְלִיק פוּן מֶענְשִׁין דֶעם טָאג פוּן זַיין טוֹיט „מִיּוֹם הִוָּלְדוֹ" קֶענְסְטוּ עֶס בֶּעטְרַאכְטִין פוּן זַיין גֶעבּוֹירִין טָאג. יֶעדֶער בַּר שֵׂכֶל פַארְשְׁטֵייט אַז דִי 9 חֳדָשִׁים וָואס דֶער קִינְד אִיז בַּיי דִי מוּטֶער אִין בּוֹיךְ, אִיז דָאס נִיט זַיין תַּכְלִית פוּן לֶעבִּין, דָאס אִיז נוּר אַקְלֵיינֶער פָארְצִימֶער צוּ גְרֵייטִין זִיךְ אִין אִים, אַרַיין צוּ קוּמֶען נָאכְהֶער אִין וֶועלְט-זַאל*), אַזוֹי אִיז דִי וֶועלְט (עוֹלָם הַזֶּה) קֶעגִין יֶענֶע וֶועלְט (עוֹלָם הַבָּא) אוֹיךְ נוּר ווִי אַ פָארְצִימֶער, דֶער מֶענְשׁ וֶוערְט דָא עֶנְטְווִיקֶעלְט מִיט זַיין גַאנְצִין גֵייסְטְלִיכֶען כֹּחַ וָואס מ'הָאט אַרַיין גִיגֶעבִּין

*) גֶעווִיס הָאט אִיר טַייעֶרֶע פְרוֹיעֶן גִילֶעזִין דֶעם קְלוּגִין אַנְטְווָארְט פוּן רָחֵל יוּדִינְפְרֵיינְד (אִין מַעֲשֶׂה אַלְפַּיִם 7-טֶע טֵייל קַאפִּיטֶל „דֶער לִינְקֶער בָּחוּר") אוֹיף דִי לֵייכְטְזִינִיגֶע פְרַאגֶע „וָוער אִיז גִיקוּמֶען דֶער צַיילִין פוּן יֶענֶער וֶועלְט"? גִידֵיינְקְט אִיר ווִי עֶס פֶערְגְלֵייכְט זִיךְ רִיכְטִיג דֶער גְרוֹיסֶער פָארְצִימֶער עֶנְטְקֶעגִין קְלֵיינֶעם פָארְצִימֶער (ווִי דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט בָּרוּךְ אַתָּה בְּבוֹאֶךָ וּבָרוּךְ אַתָּה בְּצֵאתֶךָ), אַזוֹי ווִי דֶער גְלִיק

פוּן

אין זיין נשמה, (ווי אונזערע חכמים שרייבין, אז פאר זיין ארויס גיין אויף דער וועלט לערינט מען מיט איהם (מיט'ן קינד) די גאנצע תורה, (וואס ער דארף דא ארויס בריינגען מכח אל הפועל), אז ער לייענט הייליגע ספרים וואס לערנען איהם גאטעס וועג און איז מקיים יעדער מצוה וואס קומט איהם צו דער האנד (און די מצות וואס קומען ניט צו דער האנד, נעמט דער בורא אן זיין גוטע מחשבה, וואס ער וויל זיי מקיים זיין, והראיה ער לערינט דאך צו וויסין ווי זיי מקיים צו זיין ווען זיי וועלין איהם קומען צום האנד), דאן דורך די 248 מצות און די 365 עבירות (לא תעשה) וואס ער ענטלויפט פון זיי, בעת דער יצר הרע רעט איהם אן צו טאן, ווערט ענטוויקילט די 248 גייסטליכע גלידער און די 365 גייסטליכע אדערין פון זיין נשמה, און אז עס קומט זיין בעשטימטע צייט, גייט ער ארויס פון פרוזדור אין טרקלין (פון פאדער צימער אין זאל) כלומר פון דיזע פינסטערע וועלט אין יענע ליכטיגע וועלט במיתת נשיקה (גרינג ווי א האר פון מילך).—

ווען אבער דער מענש ווערט חלילה ניט ענטוויקעלט דא אין פרוזדור, היינו ווען מיט זיין שלעכטע בחירה מאכט ער זיך טויב, ער הערט ניט וואס די תורה און עלטערין און גוטע לייט לערנען איהם צו גוטין און איז מבזה א מצוה, ווערט ער א בעל מום אויף דעם גייסטליכען אבר פון די נשמה, וואס איז גלייך צו די מצוה, און אפשיטא חלילה ווען ער איז מחלל שבת וואס דאס איז די הארץ פון יודענטהום, ווערט ער א סוחאטניק אויף די נשמה, דער בזיון און די שמערצין אין גרויסין טרקלין (דיא עוויגע וועלט) איז זיך גאר ניט פארצושטעלין. אדער ווען ער וואקסט אן אויף די ערד-מוטער, די ערד ווערט גירופין די מוטער פון אלע לעבעדיגע (ערום יצאתי מבטן אמי וערום אשוב שמה) ווייל דער קערפער פון אלע בעשעפענעס איז די ערד,

פון קינד בעשטייט אין דעם, ער זאל אויס וואקסין אין קליינעם פארצימער מיט 248 גלידער און 365 אדערין, עס זאלין ענטוויקעלט ווערין אין איהם אלע חושים, זעהען, הערין, א. ד. ג. און חלילה ניט אנוואקסין אן דער מוטער, דאן אז עס קומט דער לעצטער טאג, גליטשט ער זיך מיט גליק ארויס פון דער מוטער לייב ווי א האר פון מילך (כמשחיל בניתא מחלבא) און וועט דא אין וועלט-זאל לעבין גליקליך, א גיזונטער א פרישער אויף אלע אברים וגידים (ער רופט זיך דער אמתר עשיר, ער האט עינים, שנים, ידים, רגלים), אבער ווען עס זאל אין איהם ניט ענטוויקעלט ווערין חלילה איין חוש, למשל די אויגין, די אויערין וועט ער ארויס גיין אין וועלט-זאל אקיילינער חלילה, אבלינדער, אטויבער און וועט פארברייננגען אפינסטערין לעבין.

זי זייגט אונ שפייזט אלע בעשעפענעס, היינו ווען דער מענש לאזט זיך אריין אין תאוות הגוף ווי א בהמה, הייסט דאס ער קלעפט זיך אן צו די ערד־מוטער (דבקה לארץ בטננו).

לאמיר גוט בעטראכטין, ווען די קינד זאל חלילה צו וואקסין צו די מוטער, ווי אונגליקליך דאס איז. אין די צייט פון געבוירן, וועט מען ברייגען א אקושער־דאקטאר מיט אינסטרומענטין אונ מ'וועט אים שלעפין גלידער־ווייס, אזוי איז ווען דער נארישער מענש מיינט, אז ער וועט דא לעבין אטאג, ער וועט אריינלאזין זיין גידאנקען אין די פוסטע תאוות פון דער וועלט (אין בעלער, אין טעאטער, אין פרעסין אונ זויפין) אין ארומלויפין איבער די בולווארין אונ רעכענען אז דאס איז דער תכלית (ציעל) פון לעבין, ווי די נארין זאגין „בעת מ'לעבט דארפין וויסין אז מ'לעבט".—

נאך מיינע טייערע! עס וועט קומען די צייט ארויס צו גיין פון דעם פארצימער (פון דעם פינסטערין טונעל), אויב דו ביסט אנגיוואקסין אן די ערד־מוטער „על כרחך אתה מת" וועט מען חלילה ארויס ציהען שטיקער־ווייס, (אסברה דמיא כחוזרא בנבבא דעמרא דלאחורא נשרא (ברכות ח). ווער עס בעטראכט דאס גוט זעהט ער ווי ריכטיג איז דער דרש פון מדרש אויפ'ן פסוק „ברוך אתה בבואך" גיבענשט זאלסטו זיין ביין קומען אויף דער וועלט „וברוך אתה בצאתך" אונ גיבענשט זאלסטו זיין ביין ארויס גיין פון דער וועלט, ווייל דער קליינער פארצימער (די מוטערס בויך) איז פינקטליך ווי דער גרויסער פארצימער (עולם הזה), אקליין אונטערשיעד איז נור וואס ביי די מוטערס פארצימער ליגט די ענטוויקלונג ניט אונטער דעם קינד'ס בחירה*), אבער די אויפפאסונג אין דעם צימער פון עולם הזה האט דער בורא ב"ה אוועק גיגעבין אונטער דעם מענשינס בחירה, אויב ער וויל גיין אין גוטין וועג, טאן מצות ומעשים טובים אדער ניט חלילה.

מעשה אלפס

*) ווען עס וואלט ליגין אונטער זיין בחירה, וואלט אים שוין גיוועזן אך אונ וועה, ווייל נאך זיין קליינעם פערשטאנד וואלט ער זיך אונגליקליך געמאכט, קיין קעכט אונ קיין דירה געלט קאסט אים ניט, ער האט פריי דירה אונ קעכט ביי די מוטער אין בויך, היינט וואס פעלט אים? וואלט ער נור גולייען אונ קולענעו זיך אונ ניט ענטוויקעלט ווערין, אונ אס ענדע וואלט אים נאר גיפעלין אן וואקסין אן דער מוטער בכדי ער זאל דארפין שטענדיג פאר בלייבין (נאך זיין קליינעם פערשטאנד). דרום האט

אַלְזָא פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר שׁוֹין גוּט, וִוי וַוייט דֶער מֶענְשׁ דַארְף צוּ לֵייגִין קָאפּ אוּנ הַארְץ צוּ זַיינֶע מַעֲשִׂים, עֶר זָאל זִיךְ נִיט אָן קְלֶעפִּין חָלִילָה אָן דִי עֶרְד־מוּטֶער, אִין גֶעגֶענְטְהַייל, עֶר זָאל נָאךְ עֶנְטְווִיקֶעלְט וֶוערִין אִין דִי גַייסְטְלִיכֶע כֹּחוֹת אוּנ חוּשִׁים, וַוייל אִין דֶעם וֶוענְדֶעט זִיךְ זַיין גַאנְצֶער גְלִיק בַּיי זַיין אַרוֹיס גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אִיבֶּער צִיהֶען זִיךְ אִין לִיכְטִיגֶען זָאל פוּן דִי עֶוִוינֶע וֶועלְט:

אֱגוֹז בְּסֵפֶל מַיִם.

פִּילַייכְט וֶועט דֶער מֶענְשׁ פְרֶעגִין, וִוי אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ מַיין גִידַאנְקֶען זָאל נִיט אָנְוַואקְסִין אָן דִי וֶועלְט, דֶער בּוֹרֵא הָאט דָאךְ מִיר אַרַיין גִיגֶעבִּין אִין אַ קֶערְפֶּער וָואס דַארְף עֶסִין, אַקְלֵייד, אַוָואהנוּנְג, דַארְף דָאךְ מַיין קָאפּ טְרַאכְטִין וִוי דָאס צוּ בֶּעקוּמֶען? אִיז דֶער אַנְטְוָוארְט צוּרִיק, גִיבּ אַבְּלִיק אוֹיף דַיין גִיבּוּרְט, מְ׳דַארְף נִיט מֶער וִוי דוּ לִיגְסְט דָארְטִין אוֹיפְגִיפְּרֶעסְט אִין אַפִינְסְטֶערִין אֵיינְגֶען טוּנֶעל אוּנ דַארְפְסְט דָארְטִין צִיהֶען חִיּוּת אוּים צוּ וַואקְסִין, פוּן אַקְלֵיינֶעם טְרָאפִּין וֶוערִין אַפַארְטִיגֶער מֶענְשׁ, אוּנ וֶוען דוּ וֶועסְט דָארְטִין אָנְוַואקְסִין אָן דִי מוּטֶער בִּיסְטוּ אוּנְגְלִיקְלִיךְ. אַלְזָא הָאט דִיר דֶער בּוֹרֵא ב״ה בֶּעזָארְגְט, דוּ לִיגְסְט וִוי אַנוּס אִין אַגְלָאז וַואסֶער אוּנ צוּ דִי מוּטֶערְס קֶערְפֶּער בִּיסְטוּ בַּאהֶעפְט נוּר מִיט׳ן אָפִּיל־שְׁנוּר, וָואס דוּרְךְ אִים צִיסְטוּ חִיּוּת אוּנ וַוייטֶער בִּיסְטוּ פְרַיי. אִיז אַזוֹי וִוי דִי וַואסֶער פַארְהִיט דִיר דוּ זָאלְסְט דָארְטִין נִיט אָנְוַואקְסִין, אַזוֹי הָאט דֶער בּוֹרֵא אִין דֶעם גְרוֹיסִין פְּאַר צִימֶער אוֹיךְ אוּנְז פַארְהִיט נִיט אָנְצוּוַואקְסִין אָן דִי גְרוֹיסֶע עֶרְד־מוּטֶער דוּרְךְ דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט אוּנְז גִיגֶעבִּין, וָואס וִוי אִיז גִיגְלִיכֶען צוּ וַואסֶער (הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם) דִי אִידִישֶׁע פָאלְק אִיז גִיגְלִיכִין צוּ אַנוּס־גַארְטִין (אֶל גִּנַּת אֱגוֹז יָרַדְתִּי), אַז דֶער מֶענְשׁ לִיגְט מִיט׳ן גִידַאנְקֶען אִין תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וֶוערְט עֶר פַארְהִיט נִיט אָנְצוּוַואקְסֶען אָן דִי עֶרְד־מוּטֶער (אין די תאוות העולם הזה):

בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָּעֵהוּ.

יֶעצְט פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר וִויא פְּרַאקְטִישׁ דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן

מעשה אלפס

הַשי״ת אִים נִיט גִיגֶעבִּין דִי בְּחִירָה, נוּר אִיז, עֶר אַלֵיין הָאדֶעוֶועט אִים דָארְטִין מִיט זַיין גְרוֹיס הַשְׁגָּחָה, קֵיינֶער אִיז אַמְשְׁטַאנְד צוּ צוּ קוּמֶען דָארְטִין דֶערְלַאנְגֶען אִים וָואס עֶם נוּר הַשי״ת אַלֵיין פַּאסְט אִים אוֹיף פוּן אָנְפַאנְג שְׁוַואנְגֶער בִּיז דִי לֶעצְטֶע מִינוּט וָואס עֶר דַארְף אַרוֹיס גֵיין אִין דִי לִיכְטִיגֶע וֶועלְט.

דָוִד הַמע"ה אִיז, אַז אִין אַלֶע דַיינֶע װעגִין זָאלְסְטוּ גִידֵיינְקֶען דֶעם בּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, כְּלוֹמַר דֶער בּוֹרֵא װָאס הָאט בַּאשַׁאפִין דִי װֶעלְט פֶערְלַאנְגְט, אַז מְ'זָאל אִיר בַּאנֶוצִין אוּנ בַּאשַׁיינֶען מִיט אַלֶע קוּנְסְט-װֶערְק, מִיט אַלֶע פַּאבְּרִיקַאצִיֶעס אוּנ מִסְחָרִים, װִי דֶער נָבִיא יְשַׁעְיָה זָאגְט „לֹא לְתֹהוּ בְּרָאָהּ, לָשֶׁבֶת יְצָרָהּ" כְּלוֹמַר, נִיט צוּ זַיין װיסְט הָאט עֶר אִיר בֶּעשַׁאפִין. נוּר זִי זָאל זַיין בַּאנֶוצְט, דְרוּם פֶערְלַאנְגְט עֶר נִיט, דֶער מֶענְשׁ זָאל זִיךְ אָפְּשֵׁיידִין פוּן דֶער װֶעלְט, עֶר פֶערְלַאנְגְט נוּר אַז אַלֶעס װָאס דוּ טוּסְט אִין דֶער װעלְט זָאלְסְטוּ הָאבִּין אִים אִין גִידַאנְקֶען, דוּ הַאנְדֶעלְסְט, דוּ טוּסְט אַ מְלָאכָה, זָאלְסְטוּ טְרַאכְטִין אַזוֹי פֶערְלַאנְגְט דֶער בּוֹרֵא עוֹלָם, זַיין װֶעלְט זָאל זַיין בַּאנֶוצְט מִיט מְלָאכָה, מִיט מִסְחוֹר. מְ'זָאל אַרְבֵּייטִין עֶרְלִיךְ, מְ'זָאל הַאנְדְלֶען עֶרְלִיךְ, פַארְדִינֶען אַבְּשֶׁערִין רוּבְּל אוֹיף לֶעבֶּענְס-מִיטֶל, צוּ בֶּערוּהִיגֶען דֶער קֶערְפֶּער זָאל זַיין זַאט, מְ'זָאל נָאכְהֶער קֶענֶען זַיין אַפָּאר שָׁעָה אָפּ גִיגֶעבִּין אִין גַאנְצִין צוּ הַשי"ת, צוּ דַאוְונֶען מִיט אַװאַרִימֶע הַארְץ, לֶערְנֶען צוּ װיסִין װִי אַיין אִיד צוּ זַיין, אַפְּרוֹי זָאל לֵייעֶנֶען דִי דִינִים װָאס גִיהֶער צוּ אִיר. זִי זָאל װִיסִין װִי צוּ בַּאגֵיין זִיךְ דִי צֵייט װָאס זִי דַארְף זַיין בֶּעזוּנְדֶער, װִי צוּ פִירִין כַּשְׁרוּת אִין שְׁטוּבּ, אִין קִיךְ, מְכַבֵּד זַיין שַׁבָּת וְיוֹ"ט, טָאן גוּטֶעס לַייטִין, צְדָקוֹת אוּנ גְמִילוּת חֲסָדִים, עֶרְצִיהֶען קִינְדֶער אִין גוּטִין װֶעג, זֵיי זָאלִין זַיין פְרוּמֶע אִידִין אוּנ אֵיידֶעלֶע מֶענְשִׁין:

הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְאַוֶּה לִתְפִלָּתָן שֶׁל צַדִּיקִים.

אוּן אַזוֹי װִי דָוִד הַמע"ה הָאט גוּט פֶערְשְׁטַאנֶען, אַז דָאס אִיז נִיט אַזַא לַייכְטֶע אוֹיפְגַאבֶּע, הָאבִּין צוּ טָאן מִיט אַלֶע גְלִידֶער אִין דֶער װֶעלְט, אוּנ דֶער גִידַאנְקֶען זָאל זַיין פַארְבּוּנְדִין מִיט הַשי"ת, מִיטִין מוֹיל אִיז עֶס אֲפִילוּ לַייכְט צוּ רֵיידִין, אָבֶּער פוּן רֵיידִין בִּיז טָאן אִיז זֵייעֶר װַייט, דְרוּם הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג מִתְפַּלֵל גִיװֶוען צוּ הַשי"ת, עֶר זָאל אִים הֶעלְפִין. אוּנ אַזוֹי װִי אַפָּאטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ װֶען דֶער קִינְד בֶּעט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג, װֶעה לִיבֶּער פָאטֶער רֶעטֶע מִיר פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, װָאס װִילִין מִיר פֶערְשְׁלֶעפִּין אִין אַלֶע בְּלָאטֶעס, צוּ אַלֶע אוּנְװִירְדִיגֶע זַאכִין, אוּנ גִיבּ אַכְטוּנְג אוּנ הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִיט אוּיס בְּרֵיינְגֶען מַיין צַייט אִין נַארִישְׁקַייט נוּר אִין תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה, אוּנ פַאר הִיטִין זִיךְ דִי גִיזוּנְד, װֶעט דָאךְ אִים דֶער פָאטֶער גֶעװִיס הֶעלְפִין װִיפִיל זַיין מֶעגְלִיכְקַייט אִיז, אַזוֹי לִיבְּט הַשי"ת װֶען דֶער מֶענְשׁ גִיכְט אוּיס פַאר

אִים

אים זיין הארץ ער זאל אים ראטעווען פון דעם שלעכטין חבר, דאס איז דער יצר הרע, וואס גייט מיט שטענדיג מיטן מענשין אונ וואלט אים וועלין אריין פירין אין אלע שמוציגע מעשים, צו פארלירין זיין געזונד מיט זיין געלד, אונ מאכין אים נאכהער צו שאנד אונ צו שפאט, זאל ער אים פון דעם מציל זיין, אונ העלפין גיין אין גוטע אונ אנגינעהמע וועג פון דער תורה, אז עס זאל זיין, "כל עצמותי תאמרנה יי מי כמוך", מיט מיינע אלע גלידער וואס איך ארבעט אין דער וועלט זאל זיין מיט איין איידעלע כונה צו געבין כבוד דיין ליבען נאמען. צו דיעזין ציעל האבין מיר גיזאמעלט תחנות ובקשות פון די היילגע נביאים אונ תנאים אונ גאונים אונ נשים צדקניות, וואס פאסט צו יעדער צייט, סיי אין לידין, סיי אין פריידין, זאל מען וויסין ווי אוים צו גיסין די הארץ פאר דעם ערבארעמיגען פאטער פון הימל, ביז עס האט זיך צוזאמען גישטעלט דער צאל 248 וויפיל די גלידער פון מענשין (רמ"ח אברים) אונ אויך וויפיל דער צאל פון "רחם" איז. דער בורא זאל זיך ערבארעמען איבער אונז אונ מקבל זיין אונזערע תחנות ובקשות, אונ שיקין הילף אין אלע אונזערע צוויי הונדערט אכט אונ פערציג גלידער, אמן:

יֶעדֶער פְרוֹי וֶוען זִי זָאגְט אַתְּחִנָּה, דַארְף זִי זָאגִין מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה, הַיְינוּ מִיט אַוַואַרִימֶע הַארְץ אוּנ דִי קָאפּ זָאל זַיין דֶערְבַּיי, וַוייל דָאס אִיז טַייעֶרֶע רֵייד גִיקְלִיבִּין פוּן דִי הֵיילִיגֶע נְבִיאִים אוּנ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אוּנ נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וָואס זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע רֵייד שְׁפַּאלְטִין הִימְלֶען אוּנ גֵייעֶן גְלַייךְ צוּם כִּסֵּא הַכָּבוֹד, דִי פְרוֹי וָואס הָאט צַייט אוּנ קֶען זָאגִין אַלֶע טָאג פִיל תְּחִנּוֹת, אִיז גוּט אוּנ וָואהל צוּ אִיר, וַוייל דִי תְּחִנּוֹת עֶרְלַייכְטִין דִי גֶעפִיהלֶען אוּנ מַאכִין וַוארִים אוּנ פְרַיינְדְלִיךְ דִי הַארְץ צוּ הַשֵׁי״ת, דֶעם טָאג אָבֶער וָואס מֶען הָאט קֵיין צַייט, אִיז בֶּעסֶער זָאגִין אֵיין תְּחִנָּה אָדֶער צְווֵיי, נוּר מִיט הַארְץ, אֵיידֶער זָאגִין אַפִילֶע תְּחִנּוֹת מִיטְ'ן מוֹיל אַלֵיין אוּנ דִי הַארְץ אִיז נִיטָא דֶערְבַּיי.

תְּחִנָּה מוֹדֶה אֲנִי (אויך ברכה פיר קליינע קינדער).

מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ, אִיךְ דַאנְק אוּנ לוֹיבּ דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען (מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם) עֶוִויג־לֶעבֶּעדִיגֶער קֶענִיג, (שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי בְּחֶמְלָה) וָואס דוּ הָאסְט מִיר צוּרִיק גִיגֶעבִּין מַיין נְשָׁמָה מִיט דַיין בַּארִימְהֶערְצִיגְקַייט. (רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ) אַךְ, וִוי גְרוֹיס אִיז דַיין וַוארְהַייט. (ביז אהער קען מען זאגין פאר נעגיל וואסער, אבער צו „ראשית חכמה" דארף מען אב גיסין נעגיל וואסער). (רֵאשִׁית חָכְמָה) דִי הוֹיבְּט חָכְמָה אִיז (יִרְאַת יְיָ) קְלִיגִין זִיךְ מִיט אַלֶע הִתְחַכְּמוֹת (אין אלע צייטין אונ ביי אלע צושטאנדין) וִוי צוּ בְּלַייבִּין אַגָאטְס פָארְכְטִיגֶער מֶענְשׁ. (שֵׂכֶל טוֹב לְכָל עוֹשֵׂיהֶם), דֶער וָואס ווִיל דָאס עֶרְינְנֶערְט, גִיט אִים הַשֵׁי״ת שֵׂכֶל וִוי צוּ פִירִין זִיךְ. (תְּהִלָּתוֹ עוֹמֶדֶת לָעַד)

א) דֶער הֵיילִיגֶער תַּלְמוּד שְׁרַייבְּט, וִוי מְ'הַאבְּט זִיךְ א־ִף זָאל מֶען זִיךְ נִיט שְׁטֶעלִין גְלַייךְ, וַוייל עֶס אִיז אוּמְגִיזוּנְד, מְ'דַארְף לִיגִין בְּעֶרֶךְ אַמִינוּט. אַלְזָא אִיז אִין דִיזֶע מִינוּט גוּט צוּ זָאגֶען (מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ) אוּנ דָאס קֶען מֶען זָאגִין פַאר נֶעגִיל וַואסֶער, וַוייל אִין דֶעם וֶוערְט נִיט דֶער מָאנְט קֵיין שֵׁם, אוּנ דֶער זָאגִין (מוֹדֶה אֲנִי) אִיז

1) עַצְלוּת פוֹילְקַייט אִיז זֵייעֶר אַשְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, זִי מַאכְט אוּמְגְלִיקְלִיךְ דֶעם מֶענְשִׁין, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ שִׁילְדֶערְט עַל שְׂדֵה אִישׁ עָצֵל עָבַרְתִּי) אִיךְ בִּין פַארְבַּיי גִיגַאנְגֶען בַּיי אַפֶעלְד בַּיי אַוַויינְגָארְטִין פוּן אַמֶענְשִׁין אַ פָּוילֶער, הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהֶען, אַז עֶס אִיז אָן גִיוַואקְסִין דֶערְנֶער, אוּנ דֶער פַארְקָאן (וָואס אִיז אַרִימְגִיצָאמְט) אִיז צוּרִיסִין, כְּלוֹמַר, דֶעם פוֹילֶערְס אַרְבֶּעט אוּנ זַיינֶע גִישֶׁעפְטִין אִיז

אָן הֶענְד אוּנ אָן פִיס, הָאבּ אִיךְ מִיר דָאס גוּט בַּאטְרַאכְט אוּנ גִינוּמֶען אַמּוּסַר, אַז מְ'דַארְף ווֵינִיגֶער שְׁלָאפִין. וֵוינִיגֶער דְרֶעמְלֶען, וֵוינִיגֶער קַייקְלֶען זִיךְ אִין בֶּעט. מַאנְכֶע פוֹילֶער אִיז פַארְאַנְגֶען וָואס פוֹילִין זִיךְ צוּ גֵיין שְׁלָאפִין, אַנַאנְצִין אָוֶוענְט וֶועט עֶר זִיךְ אוּיס קַייקְלֶען דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ. פַאלִין דָא אַוַוייל אוּנ דָא אַוַוייל, אוּנ נָאךְ הַאלְבֶּע נַאכְט שְׁטֵייט עֶר עֶרְכְט אוֹיף שְׁלָאפִין. אַנְדֶערֶע פַאלֶעמוּצִין אִיבּ בִּיז 1 אַזֵייגֶער

זַיין לויבּ אונ רִיהְמוּנְג בְּלַייבְּט אויף אִימֶער, כְּלוֹמַר, ווען דֶער גַאנְצֶ־פָאַרְכְטִיגֶער מֶענְשׁ טוּט וָואס אויף אִין אִידִישְׁקַייט בְּלַייבְּט דָאס גִירִימְט אויף עֶוִויג. (בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד) גֶעלוֹיבְּט אִיז דִי צֶהְרֶע פוּן זַיין קֶענִיגְרַייךְ אויף עֶוִויג.

תְּחִנָּה אויף רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת.

דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פ׳ נח) שְׁרַייבְּט, אַז אַלֶע פְרִיה מָארְגִין זָאל אַמֶענְשׁ מִתְפַּלֵל זַיין, (יְהִי רָצוֹן) עֶס זָאל זַיין דַיין גוּטֶער ווִילִין מִיר בַּאהִילְפִיג צוּ זַיין, (שֶׁיְהֵא לִבִּי נָכוֹן) אַז מַיין הַארְץ זָאל זַיין רֶעכְט פַארְטִיג פַאר דִיר, נִיט אָבּ גִיקֶערְט פוּן גוּטִין ווֶעג, (וּמָסוּר בְּיָדַי) אוּנ אִיבֶּער גִיגֶעבִּין אִין מַיין רְשׁוּת צוּ טְרַאכְטִין גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, (שֶׁלֹּא אֶשְׁכָּחֵךְ) אִיךְ זָאל אָן דִיר נִיט פַארְגֶעסִין, אוּנ אַז מַיין גִידַאנְקֶען וועט זַיין צוּ גִיבּוּנְדִין צוּ דִיר ווֶעט דַיין פְרַיינְדְשַׁאפְט זִיךְ קֶערִין צוּ מִיר, ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט „אֲנִי לְדוֹדִי" ווען אִיךְ בִּין אִיבֶּער גִיגֶעבִּין צוּ מַיין פְרַיינְד (השי״ת) „וְדוֹדִי לִי", אִיז מַיין פְרַיינְד הקב״ה אִיבֶּער גִיגֶעבִּין צוּ מִיר, הָאף אִיךְ, אַז דוּ ווֶעסְט גֶעווִיס בַּאגְלִיקֶען מִיר מִיט מַיין מַאן אוּנ מַיינֶע קִינְדֶער מִיט גֶעזוּנְד אוּנ עוֹשֶׁר וְכָבוֹד אִין גוּטֶע אִידִישְׁקַייט, אָמֵן.

תְּחִנָּה עַל נְטִילַת יָדַיִם.

גְרוֹיסֶער בַּארִימְהֶערְצִיגֶער קֶענִיג! דוּ הָאסְט זִיךְ פוּן דַיין הֵיילִיגְקַייט אַיינְגֶעטֵיילְט דַיין הֵיילִיגֶע פָאלְק אוּנ הָאסְט גִיהֵייסִין דִי כֹּהֲנִים אֵיידֶער זֵיי גֵייעֶן טָאן דִי עֲבוֹדָה (מקריב זיין קרבנות אין בית המקדש)

מעשה אלפס

אוּנ נַאכְהֶער שְׁלָאפִין זֵיי בִּיז הַאלְבִּין טָאג. נַאכְהֶער אֵיידֶער זֵיי טוּעֶן זִיךְ אָן, אֵיידֶער וָואס ווען זֶעהֶען זֵיי נִיט וואוּ דֶער טָאג קוּמְט אַהִין. אַלְזָא זָאגְט שלמה (עַד מָתַי עָצֵל תִּשְׁכָּב?) בִּיז ווִי לַאנְג דוּ פוֹילֶער ווֶעסְטוּ לִיגִין אִין בֶּעט? אוּנ נָאךְ אַכַּוָּנָה אִיז, בִּיז ווִי לַאנְג דוּ פוֹילֶער ווֶעסְטוּ בַּאלֶעמוּצִין בִּיז שְׁפֶּעט? (תִּשְׁכָּב) לֵייג זִיךְ שׁוֹין, ווַייל (מָתַי תָּקוּם מִשְּׁנָתֶךָ?) ווען דוּ ווֶעסְט אוֹיסְבְּרֵיינְגֶען דִי צַייט אוּנ זִיךְ לֵייגִין שְׁפֶּעט, טוּ ווען ווֶעסְטוּ אוֹיף שְׁטֵיין? דִי חַכְמֵי הַמִּדּוֹת שְׁרַייבִּין, אַז עַצְלוּת דַארְף מֶען בַּאנוּצִין נוּר ווען דֶער יֵצֶר הָרָע אָדֶער שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים רֵיידִין אָן בֵּייזֶעס צוּ טָאן, דַארְף מֶען דַאן ווֶערִין פוֹיל, רִירִין זִיךְ ווִי אַבְּלֵייעֶנֶע פֵייגִיל, בִּיז ווַאנֶען דִי בֵּייזֶע שָׁעָה (דִי תַּאֲוָה) גֵייט אַרִיבֶּער, אָבֶּער חוּץ אַיין עֲבֵירָה דַארְף מֶען זִיךְ גִיוָואהְנֶען צוּ זְרִיזוּת.

תפארת ציון

אַגְרוֹיסֶע סְגוּלָה צוּ זְרִיזוּת, אַז מְ׳זָאל זִיךְ נִיט קַייקְלֶען אוֹפִין גִילֶעגֶער, ווַייל דָאס דֶערְמָאנְט דִי חַסְדֵי הַבּוֹרֵא וָואס עֶר הָאט מִיר אָבּ גִיגֶעבִּין מַיין נְשָׁמָה. מַאנְכֶע מֶענְשִׁין לֹא עָלֵינוּ לֵייגֶען זִיךְ אוּנ שְׁטֵייעֶן נִיט אוֹיף. דְרוּם דַארְף דֶער מֶענְשׁ בַּיי זִיךְ גִיפִינֶען דִי שׁוּלְדִיגְקַייט אוֹיף צוּ שְׁטֵיין בִּזְרִיזוּת לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא.

ווי זאלין הייליגען די הענד פון כיור (האנדפאס). דאס גלייכין איז יעדער מענש אכהן אין זיין קליינעם בית המקדש (דאס איז די הארץ פון מענשין) וואס דארטין רוהען די הייליגע געפיהלען, ווי די הייליגע תורה שרייבט „ושכנתי בתוכם" (איך וועל רוהען אין די הארץ פון אידין), האבין אונזערע חכמים מתקן גיוועזן, אז אלע פריה־מארגין זאל מען הייליגען די הענד פאר דעם דאווענען, וואס דאס איז יעצט אונזערע קרבנות (ווי דער נביא זאגט: ונשלמה פרים שפתינו) און זאגין די ברכה „ברוך אתה" גילויבט ביזט דו גאט, קעניג פון דער וועלט, וואס דו האסט אונז גיהייליגט מיט דיינע מצות (גיבאט) און האסט אונז גיבאטין „על נטילת ידים"1) וואשין און רייניגען די הענד א).

תחנה אשר יצר.

אלויב און אדאנק צו דיר גרויסער גאט, קעניג פון דער וועלט, וואס דו האסט באשאפין דעם מענשין מיט גרויס חכמה, דער

שערי ציון

א) דר „טור" שרייבט, אלע פריה־מארגין ווערט דער מענש אבריה חדשה (חי ניי געבוירין) ווי דער נביא זאגט „חדשים לבקרים" דו בענייסט אונז אלע פריה־מארגין מיט נייע קרעפטין און אנאיעם מוטה, דארפין מיר דאנקען דעם בורא ב"ה, וואס ער האט אונז בעשאפען צו זיין עדה (דינען און לויבין זיין נאמען). דרום דארפין מיר זיך הייליגען, אויף דעם איז מרמז דער ווארט „נטילה" (אויפהייבונג) דורך דעם אב גיסין נעגיל־וואסער ווי דער דין פון אכלי, דריי מאל אויף יעדער האנד איינע איבער איינע. גייען די הענד ארוים פון די טומאה וואס האט גירוהט אויף זיי אין שלאף און ווערין ערהויבין צו די מדרגה פון קדושה, אז מ'זאל קענען דער מאנען דעם שם שמים. נעגיל וואסער דארף מען אוים גיסן וואו קיין מענשן טרעטין ניט, און מ'טאר פון דעם קיין הנאה האבין אפילו גרעט צו וואשין.

מעשה אלפס

1) די אויסדריקע „נטילת" ידים (ערהויבין די הענד) און ניט „רחיצת" ידים (וואשין די הענד) באמערקט אויף די רייד פון נביא ישעיה, (גם כי תרבו תפלה אינני שומע, ידיכם דמים מלאו) ווען אייערע הענד זיינען פארשמוצט אין גזלה (אין פרעמדע געלט און בלוט) הער איך ניט צו אייערע תפלות און תחנות, אלזא (רחצו הזכו), וואשט אב אייערע הענד און רייניגט זיי פון אלע פערדארבענע טהאטין, פון פאלשע וואג און מאס, פון שוחד נעמען. פון האנדלען מיט גנבי'ת און פון נאך אזעלכע פיינע מסחרים און שווינדלעריי וואס מאכין די אידישע פאלק צו שאנד און צו שפאט פאר אנדערע אומות, וואשט אב די הענד ריין פון אלע שמוצין, און הויבט זיי אויף הייליג (שאו ידיכם קודש, מלשון וינטלם וינשאם), איר זאלט נהנה זיין מיגיע כפיכם, פון ריינע כשרן פארדינסט, גאטעם גאבע און אייער מיהע.

עם

מענש איז דאכט זיך אקליינע מאשינע, און שוין טויזענדער יאהרין. אז אין די גרויסע וועלט שטודירין טויזענדער דאקטוירים און קענען נאך ניט דערגיין קיין גרונד אין מענשין 1). פארשטייט מען ווי קונציג גיארבייט דער מענש איז. דו האסט אין אים באשאפין פיל לעבער, היינו די מויל, די נאז, די אויערין און פיל רערין, ווי די הארץ, די גידערים. עס איז ענדערקט און באוואוסט פאר דיין עהרע, דאס ווען עס זאל צופיל אפין זיין איינע פון זיי, אדער עס זאל צופיל פערמאכט זיין איינע פון זיי, איז אונמעגליך דער מענש זאל זיך קענען האלטין, ווען חלילה די אורין ווערט פערהאלטין ווערט מען גישוואלין לא עלינו, אדער ווען די לופט ווערט פארהאלטין קען מען חלילה באקומען זאקרוצעניע קישקע, ניט פאר קיין מענשין גידאכט. ברוך גילויבט ביסטו גאט, דו היילסט אלע בעשעפענעם, די קראנקייטין וואס קיין דאקטאר קען זיי ניט היילין היילסט דו, און דו טוסט גרויסע וואונדער א).

תחנה מאפלה לאורה.

דער הייליגער תלמוד ירושלמי (פרק תפלת השחר) זאגט, אז אלע פריה מארגין זאל אמענש זאגין, איך דאנק און לויב דיר גרויסער גאט און גאט פון מיינע עלטערין. (שהוצאתני) וואס דו האסט מיר ארויס גיפירט, (מאפלה) פון פינסטערנעם, (לאורה) צו ליכטיגקייט, אזוי האף איך און בעט דיר ליבער גאט, דו זאלסט מיר ארויס ציהען פון די פינסטערע גידאנקען און פינסטערע מעשים וואס נארישע מענשין ברייגען אויס זייערע טעג און יאהרין אין דעם, און מיך אריין

מעשה אלפס

1) עס איז כמעט ניטא איין פראפעססאר אין דער וועלט וואס זאל וויסען ספעציעל דעם גאנצין מענשין, יעדער ווייס נור אטהייל פון אים, דער איז איין אויגין דאקטאר, דער איין אויער און האלז, דער ווייס ספעציעל הויט קראנקייט, דער נערווין, דער אקושער, דער אקינדער דאקטאר, דאכט זיך אקליינע מאשינקע איז דער מענש, און וויפיל טויזינד יאהר אז מ'קען אים ניט אויס לערנען האט. עס איז נאך גיבליבין וויפיל מחלות וואס מען ווייס גאר ניט ווי זיי אויס קורירען. קען מען שוין באמערקין וויפיל חכמה עס ליגט אין דעם בעשאף פון מענשין (זעה מעשה אלפס חלק ד' זייטע 65, אוואונדערליכע זאך וועגין מוח פון מענשין).

שערי ציון

א) דער בורא האט צו זאמען גישלאסין אגוף פון ערד און אנשמה פון הימל און האט פארארדנעט, אז דורך ברויט למשל, האלט זיך די שותפות, און ווען דער מענש עסט ניט טיילט זיך די שותפות, דאכט זיך וואס פאר אשייכות

בְּרֵיינְגֶען אִין עֶרְהַאבֶּענֶע לִיכְטִיגֶע גִידַאנְקֶען, אַז אִיךְ מִיט מַיין מַאן אוּנ מַיינֶע קִינְדֶערְלַאךְ זָאלִין פַאר בְּרֵיינְגֶען אוּנְזֶערֶע טֶעג אוּנ יָאהְרִין אִין גוּטֶע מַעֲשִׂים, אָמֵן.

תְּחִנָּה אֱלֹהַי נְשָׁמָה.

לִיבֶּער אוּנ טְרַייעֶר גָאט, דִי נְשָׁמָה וָואס דוּ הָאסְט אִין מִיר אַרַיין גִיהוֹיכְט אִיז זִי זֵייעֶר אַרֵיינֶע, זִי אִיז אַפוּנְק פוּן דַיין הֶערְלִיכֶען פַייעֶר, זִי זָאל לִיכְטִיג מַאכֶען דֶעם קֶערְפֶּער אוּנ אִים אוֹיס אֵיידְלֶען אוּנ לֶערְנֶען גוּטֶעס צוּ טָאן, אוּנ וֶוען אִיךְ טוּה אַיין אוּנְפַּאסִיגֶע זַאךְ וָויל דִי נְשָׁמָה אַרוֹיס פְלִיהֶען פוּן מִיר, וִוי אַקִייזֶערְלִיכֶע טָאכְטֶער זִיצְט מִיט אַדָארְף בּוֹיעֶר, אִיז וִוי זִי דֶער וֶועהט פוּן אִים אַיין אוּנְפַּאסֶענְדֶע זַאךְ וִויל זִי עֶנְטְלוֹיפִין. נוּר דַיין וִוילִין הַאלְט זִי אַיין אִין מִיר, בִּיז דִי בֶּעשְׁטִימְטֶע צַייט וָואס דַאן וֶועסְטוּ זִי צוּרִיק גֶעמֶען פוּן מִיר צוּ זִיךְ אִין דַיין קֶענִיגְלִיכֶען פַּאלַאץ לֶעבִּין דַיין כִּסֵא הַכָּבוֹד, אוּנ אִיךְ גְלוֹיבּ אוּנ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִי אִין מִיר צוּרִיק אַרַיין הוֹיכִין צוּ תְּחִיַּת הַמֵּתִים. (כָּל זְמַן שֶׁהַנְּשָׁמָה בְּקִרְבִּי) זָא לַאנְג דִי טַייעֶרֶע מַתָּנָה (די נשמה) אִיז בַּיי מִיר, דַאנְק אִיךְ אוּנ לוֹיבּ דִיר מַיין גָאט אוּנ גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִין אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, בַּאשֶׁעפֶּער פוּן אַלֶע וֶוערְק, הֶער פוּן אַלֶע נְשָׁמוֹת. גִילוֹיבְּט בִּיסְט דוּ גָאט וָואס דוּ גִיבְּסְט צוּרִיק דִי נְשָׁמוֹת אִין דִי טוֹיטֶע קֶערְפֶּער, וַוייל דֶער שְׁלָאף אִיז אַזֶעכְצִיג חֵלֶק פוּן טוֹיט אוּנ דֶער בּוֹרֵא מַאכְט לֶעבֶּעדִיג.

תְּחִנָּה דִי צְוֵויי וָואנ-שָׁאל *) (מ'קען דאס מתפלל זיין אלע טאג).

בַּארְמְהֶערְצִיגֶער אוּנ גֶענֶעדִיגֶער גָאט, הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע אוֹיגִין זָאלִין זַיין אִין מַיין רְשׁוּת, זֵיי זָאלִין שְׁטֶענְדִיג קוּקִין אַרָאב. כְּלוֹמַר, אוֹיף דֶעם אָרִימֶערִין אוּנ שְׁוַואכֶערִין פַאר מִיר,

---

שערי ציון

הָאט דִי בְּרוּיט צוּ דִי נְשָׁמָה? (וואס זי איז אפונק פון געטליכען פייער), נוּר אַזוֹי הָאט דֶער בּוֹרֵא פַארְאָרְדְנֶעט, — וִוידֶער אַוואוּנְדֶער, אַפֶּענְכֶער וָואס אִיז אָנְגֶעבְּלָאזְן מִיט וִוינְט, וֶוען מֶען מַאכְט אֵיין לֶעכֶעלֶע גֵייט אַרוֹיס דֶער וִוינְט, אוּנ דֶער מֶענְשׁ אִיז פוּל לֶעכֶער, אוּנ דֶער וִוינְט גֵייט נִיט אַרוֹיס פוּן אִים. אִיז דֶער מֶענְשׁ נִיט וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער??

מעשה אלפס

*) דִי חַכְמֵי הַמּוּסָר זָאגִין, דִי נַארִישֶׁע וֶועלְט אִיז, וִוי אַוָואנ-שָׁאל, זִי הוֹיבְּט אוֹיף דֶעם גְרִינְגְען (דֶעם קַל שֶׁבְּקַלִים) אוּנ עֶרְנִידֶערְט דֶעם וִויכְטִיגֶען.

אוּם אִיךְ! זָאל שְׁטֶענְדִיג צוּפְרִידִין זַיין מִיט מַיין שִׁיקְזַאל (גורל), וְוִי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגִין (אֵיזֶהוּ עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ) וֶוער אִיז גְלִיקְלִיךְ אוּנ רַייךְ, דֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג צוּפְרִידִין מִיט זַיין טֵייל, אוּנ אַז מַיינֶע אוֹיגִין וֶועלִין קוּקִין אַרָאבּ, וֶועט מַיין הַארְץ קוּקִין אַרוֹיף, בַּאטְרַאכְטִין דַיין גְרוֹיסְקַייט אוּנ עֶרְהַאבֶּענְהַייט, וְוִי דֶער קְלוּגֶער שְׁפְּרִיכְוָוארְט זָאגְט „דִי הַארְץ מִיט דִי אוֹיגִין, זַיינֶען וְוִי צְווייא וָואגְשָׁאלִין גִיוואוֹגִין”, וֶוען אֵיינֶע גֵייט אַרָאבּ, גֵייט דִי צְווייטֶע אַרוֹיף, וֶוען דִי אוֹיגִין קוּקִין אַרָאבּ, קוּקְט דִי הַארְץ אַרוֹיף, וֶוען אָבֶּער דִי אוֹיגִין הֵייבִּין אָן קוּקִין אַרוֹיף, מְקַנֵא זַיין וָואס יֶענֶער אִיז גְלִיקְלִיכֶער אוּנ רַייכֶער פַאר מִיר, פַאלְט דִי הַארְץ אַרָאבּ. עֶס פְלִיהְט אַרוֹיס פוּן מֶענְשֶׁען אַלֶע אֵיידֶעלֶע גֶעפִיהלֶען אוּנ עֶר וֶוערְט פוּל מִיט קִנְאָה אוּנ פַארְדְרוּס, בִּיז דִי קִנְאָה טְרֵיקֶענְט אוֹיס דִי מַארְךְ פוּן דִי בֵּיינֶער אוּנ מְ׳גֵייט אַוֶועק אָן אַצַייט פוּן דֶער וֶועלְט, דְרוּם זָאלְסְטוּ לִיבֶּער גָאט זִיךְ עֶרְבַּארֶעמֶען אוֹיף מִיר אוּנ מִיר הֶעלְפִין צוּ הִיטִין זִיךְ, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁטֶענְדִיג דִינֶען מִיט שִׂמְחָה וּבְלֵב טוֹב, אָמֵן.

תְּחִנָּה, אוֹיפְ׳ן גוּטִין וָוארְט קִנְאָה. (צוּ בעטין גאנץ אָפּט)

טְרַייעֶר פָאטֶער פוּן הִימֶל, הֶעלְף מִיר, מַיין פִירוּנְג זָאל זַיין וְוִי דִי חֲכָמִים עֶרְקְלֶערִין עַל פִּי רֶמֶז, (בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל) אִין הִימֶל זָאכִין זָאל דִי הַארְץ קוּקֶען אַרוֹיף, מְקַנֵא זַיין דֶעם וָואס אִיז גִילֶערִינְט אִין אִידִישְׁקַייט מֶער פַאר מִיר, דֶעם וָואס אִיז פְרִימֶער פַאר מִיר, דֶעם וָואס אִיז מֶער בַּעַל צְדָקָה, מֶער בַּעַל גְמִילוּת חֶסֶד פַאר מִיר, דֶעם וָואס הָאט אַבֶּעסֶערִין הַאַראקְטֶער פַאר מִיר, הַכְּלַל נוּר אַגוּטֶע מִדָה וָואס אִיךְ ווֶעל וֶועהן בַּייא אֵיינֶעם, זָאל אִיךְ דָאס מְקַנֵא זַיין, אוּנ זִיךְ בֶּעמִיהֶען צוּ עֶרְגְרֵייכִין צוּ דֶעם, וַוייל אַזַא וָוארְט קִנְאָה אִיז זֵייעֶר אַטַייעֶרֶע זַאךְ, וְוִי דֶער חָכָם זָאגְט (קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה חָכְמָה) אַז מְ׳אִיז מְקַנֵא דֶעם פרוּמֶען גִילֶערְנְטִין מֶענְשִׁין, וֶועט מֶען זִיךְ אַיין צוּ שַׁאפִין יִרְאַת שָׁמַיִם אוּנ חָכְמָה 1) — (וְעַל הָאָרֶץ מִתָּחַת) אָבֶּער אִין דִי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכִין וְוִי רַייכְקַייט אוּנ גְלִיק, דַארְפֶען דִי אוֹיגִין קוּקֶען

מעשה אלפס ופרי הגפן

1) שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (יָתֵר מֵרֵעֵהוּ צַדִּיק) וָואס עֶר הָאט דָאס נִיט, אִיז עֶר אִים
דֶער צַדִּיק אִיז וְוִי אַשְׁפִּין קֶענִין מְקַנֵא אוּנ שְׁטְרֵייכְט זִיךְ אָן אַיין צוּ
דֶעם צְווייטִין צַדִּיק, עֶר קוּקְט אִים, שַׁאפִין בַּייא זִיךְ אוֹיךְ דִי גוּטֶע מִדָה וָואס
פוּלַייכְט הָאט יֶענֶער צַדִּיק אַגוּטֶע מִדָה פֶעלְט אִים.

אראב (אויף דעם שוואכערן און נעדריקטערן פאר מיר). וועט פון דעם ארויסקומען צווייערליי נוצען, איינס, איך וועל זיין שטענדיג צופרידין מיט מיין טייל, ווייל איך וועהע דאך מענשין וואס זיי איז ערגער פון מיר, בין איך דאך געגין זיי אגליקליכער, אונ דאס צווייטע, אז איך וועל שטענדיג באטראכטין די ארימע אונגליקליכע, וועל איך פילייכט זעהן וואס מעגליך צו העלפין זיי פון זייער נויט.

תחנה ברכות השחר. (צו זאגין גאנץ אפט)

בארמהערציגער פאטער, איך וויל זיך שטעלין מתפלל זיין, אוים גיסין פאר דיר מיין הארץ, אונ מיין גיבעט זאל גלייך ארויף גיין פאר דיין כסא הכבוד, נור אזוי ווי אונזערע חכמים שרייבען, אז איינע פון די זאכען וואס האלטין אב די תפלות פון ארויף גיין אין הימל, איז לשון הרע. דאס הייסט, אז מ'איז גיוואהנט צו באליידיגין דעם צווייטין (ווען אפילו די זאך וואס איך זאג אויף אים איז אמת), 1) אונ אויך רכילות, אב טראגין פון איינעם צו אנדערין וואס גיזעהן אונ וואס גיהערט. אונ אזוי ווי מיר פרויען האבין ליב פיל צו ריידין. אונ „ברוב דברים לא יחדל פשע" ווען מען רעט פיל איז אגרויסע צרה, מ'קומט צו די ביטערע עבירה לשון הרע, אונ אויך צו רכילות, וואס זיי פארהאלטין אונזערע תפלותא). אלזא האב איך מיר גינומען אין אכט, בעסער אוים ברייגען דעם נאטור פון אסך ריידען, אין לייענען היילינע קלוגע ספרים. אונ לויבין דיין היילינען נאמען. אין דעם קלוגען היילינען ספר „חובת הלבבות" גיפינט זיך אגעשיכטע ווי אגוט הערציגער מענש האט גיפונען אקליין קינד אופ'ן וועג. אונ האט זיך אויף אים ערבארימט, גינומען אים צו

א) נאך אטעם שרייבין חכמים, פאר וואס ווערט ניט אן גינומען די תפלות פון די מויל וואס רעט אפט לשון הרע, רכילות, למשל, איינער האט נושא חן גיווען בי אמלך, ער האט אים צו גינומען אין קייזערליכען הויף אונ גיגעבין אים אליכטע עבודה, היינו ער זאל האבין די עהרע

1) אזוי ווי אפאטער וויל ניט ליידען ווען מען באליידיגט זיין קינד, ווען אפילו עס איז אמת, דער קינד האט טאקע די פעלערין וואס מ'זאגט אויף אים, דער פאטער זאגט ווען דו האבט גיזעהן אין מיין קינד אפעלער, רייד אים אוים מיט גוטין אונטער פיר אויגין, וועט דאס פילייכט ברייגען נוצין ער זאל זיך פערבעסערין, אבער אז דו באליידיגסט אים אונטער די אויגען וועט דאך קיינע נוצין ברייגען, נור וואס דו הייסט ארוים אז דו ביסט אשונא מיין קינד. ער איז

דיר

הויז אוּנ אִים גִיהָארֶעוֶועט מִיט אַלֶעם גוּטִין בִּיז עֶר הָאט אִים גִימַאכְט פַאר אַמֶענְשִׁין אוּנ חֲתוּנָה גִימַאכְט, נַאכְהֶער הָאט דֶער גוּטֶער מֶענְשׁ גִיהֶערְט אוֹיף אֵיינֶעם מִיט׳ן נָאמֶען רְאוּבֵן וָואס הָאט פַארְלָארִין אַסַך גֶעלְט אִין אַשְׁלֶעכְטִין גִישֶׁעפְט אוּנ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שׁוּלְדִיג פִיל אָרִימֶע מֶענְשִׁין, וָואס עֶר הָאט זִיךְ פוּן זֵיי קֵיין אָרְט גִיפוּנֶען, זֵיי הָאבִּין אִים פֶּערְקְלָאגְט דֶעם לֶעבִּין אַז עֶר הָאט זִיךְ גִיוואוּנְשִׁין דֶעם טוֹיט, הָאט דֶער גוּטֶער מֶענְשׁ אוֹים גִיצָאלְט זַיינֶע חוֹבוֹת אוּנ הָאט אִים נָאךְ גִיגֶעבִּין אַבִּיסֶל גֶעלְט וַוייטֶער צוּ הַאנְדְלֶען. פְלֶעגְט דֶער רְאוּבֵן שְׁטֶענְדִיג דַאנְקֶען אוּנ לוֹיבִּין דֶעם גוּטִין מֶענְשִׁין, מֶער וִויפִיל דֶער קִינְד הָאט אִים אָב גִידַאנְקְט, הֲגַם דֶער קִינְד הָאט אִים אָב גִיקָאסְט צֶעהְן מָאל אַזוֹי פִיל וִויפִיל רְאוּבֵן, וַוייל רְאוּבֵן הָאט מְקַבֵּל גִיוֶועז דִי טוֹבָה בְּעֵת עֶר אִיז שׁוֹין גִיוֶועז אַבַּר דַעַת, הָאט עֶר גִישְׁפִּירְט דִי גוּטֶעם אַז עֶר הָאט אִים גִירַאטֶעוֶועט פוּן טוֹיט שְׁמֶערְצִין צוּם גְלִיק. אָבֶּער דֶער קִינְד וַוייל עֶר אִיז אַיין גִיטוּנְקְט אִין דִי טוֹבוֹת פוּן גוּטִין מֶענְשִׁין פוּן יוּגִינְד אָן, בַּאקֶענְט עֶר דָאס נִיט, הֲגַם עֶר אִיז שׁוֹין יֶעצְט אַבַּר דַעַת. דָאס גְלַייכִין אִיז יֶעדֶער מֶענְשׁ אַיין גִיטוּנְקְט אִין דִי טוֹבוֹת הַבּוֹרֵא אוּנ עֶר עֶרְקֶענְט דָאס נִיט, וַוייל דָאס אִיז בַּיי אִים טָאג טֶעגְלִיךְ פוּן יוּגֶענְד אָן, דְרוּם הָאבִּין אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים מְתַקֵּן גִיוֶועזְן אוֹיף יֶעדֶער זַאךְ אַבֶּעזוּנְדֶער שֶׁבַח וְהוֹדָאָה, דֶער מֶענְשׁ זָאל זִיךְ נֶעמֶען אִין גִידַאנְקֶען, דִי טוֹבוֹת הַבּוֹרֵא וֶועט עֶר וִויסֶען וִוי נִכְנַע צוּ זַיין פַאר אִים אוּנ אִים לוֹיבֶּען. הַיְינוּ בְּעֵת מְזָאגְט „אֱלֹהַי נְשָׁמָה" דַארְף מֶען זִיךְ בַּאדֵיינְקֶען. פִיל מֶענְשִׁין הָאבִּין זִיךְ גִילֵייגְט אוּנ נִיט אוֹיף גִישְׁטַאנֶען (לא עלינו), אוּנ אִיךְ ב"ה שְׁטֵיי אוֹיף פְרִישׁ אוּנ גִיזוּנְד, וִויפִיל בִּין אִיךְ דָאס שׁוּלְדִיג דַאנְקְבַּאר צוּ זַיין. אוּנ זָאגִין דִי בְּרָכָה „הַמַּחֲזִיר נְשָׁמוֹת" מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה. דְרוּם הַארְצִיגֶער פָאטֶער הֶעלְף מִיר צוּ זָאגֶען אַלֶע בְּרָכוֹת מִיט כַּוָּנָה אוּנ אַרַיין נֶעמֶען אִין גִידַאנְקֶען דַיינֶע טוֹבוֹת וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר טָאג טֶעגְלִיךְ, אַז אִיךְ זָאל דִיר שְׁטֶענְדִיג לוֹיבִּין אוּנ

מעשה אלפס

דִיר גְרוֹיס אִין דִי אוֹיגִין, אַזוֹי וִויל דֶער פָאטֶער פוּן הִימֶל נִיט לַיידֶען, אַז מֶען בֶּעלֵיידִיגְט דֶעם צְווֵייטִין, וַוייל מִיר זַיינֶען אַלֶע קִינְדֶער בַּיי אוּנְזֶער פָאטֶער פוּן הִימֶל, וִוי דִי תּוֹרָה שְׁרַייבְּט (בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹהֵיכֶם) אִיר זַייט פַארֶעכִינְט וִוי קִינְדֶער בַּיי גָאט בָּרוּךְ הוּא.

שערי ציון

עֶהְרֶע דֶער לַאנְגֶען דֶעם קֶענִיג וַויין אִין אַ גָאלְדֶענֶעם בֶּעכֶער מִיט בְּרִילַיאנְטִין גִיזֶעצְט, אוּנ עֶר הָאט אִים אוֹיךְ עֶרְלוֹיבְּט צוּ

דער

דאנקען, אונ אזוי ווי א קינד וואס פאר שטייט צו דאנקען זיין פאטער פיר די גוטעס וואס ער טוט אים, איז ביי אים ווייער ליב אים צו טאן ווייטער גוטעס. אזוי זאלסטו מיר הימעלשער פאטער טאן גוטעס אונ מיר העלפין אין אלע מיינע נויטין. איך זאל דיר שטענדיג לויבין אונ דאנקען. אמן׃

תחנה הנותן לשכוי בינה.

הער פון דער וועלט, דו האסט איין געארדנעט דיין וועלט מיט אלעם וואס פאדערט זיך, אונ אלעם האסטו בעשאפין וועגין די נוטצען פון דעם מענשין. אונ אום דער מענש זאל אויף שטיין פריה האסטו גיגעבין פארשטאנד דעם האן, (להבחין) ער זאל דעם מענשין מאכין וויסען ווען טאג ווערט, אום ער זאל אויף שטיין לויבין גאט, נאכהער גיין צו זיין ארבייט, איך קען זיך ניט אב וואונדערין די חכמה נפלאה פון דעם, דער האן וואס איז גאר פארשפארט אין קאטוך וואס קיין שטראל ליכטיגקייט שיינט דארטען ניט אריין, זאל פערשטיין ווען טאג ווערט. אונ נאך מער, ווען מ׳ברייגנט אהאן פון אמעריקע וואס דארטין ווערט ערסט נאכט, דאך פערשטייט ער, אז ער איז יעצט ניט אין אמעריקע (נור אין יעווראפא), וואס דא ווערט יעצט טאג. אזוי בעט איך דיר אויך רבונו של עולם זאלסט אריין געבין אין מיין הארצין פערשטאנד, איך זאל אויך פארשטיין אונטער צו שיידין פון די בייזע מעשים וואס זיינען גיגליכין צו די פינסטערע נאכט (דרך רשעים באפלה), ביז די גוטע מעשים וואס זיינען גיגליכען צו טאג (ואורח צדיקים כאור נוגה), איך זאל שטענדיג גיין אין די

שערי ציון

צו טרינקען פון דעם בעכער, נור ער זאל אים זעהען ריין צו האלטין, ער זאל ניט פארגעסין אז אין אים דארף ער דער לאנגען עטליכע מאל אטאג דעם קיזער וויין, היינט אז דער נארישער מענש האלט אין דעם בעכער קארישינע, אונ בעת עס קומט די צייט דערלאנגען צום קיזערליכען טיש וויין. גיסט ער אוים די הינער, ווייזט ער אז פאר הולטייסטווע,

מעשה אלפם

1) דער נאטור פון האן לערינט אונז פיל וויכטיגע זאכין, ווי אונזערע חכמים זאגין, אז ביי טאג איז דער האן מכוון ריכטיג די סעקונדע וואס דער בורא איז אין צארין אויף דער וועלט, אונ ביי נאכט איז ער מכוין ריכטיג די צייט ווען הקב״ה גייט אריין אין גן־עדן זיך משתעשע זיין (פרייען זיך) מיט די צדיקים, אונ דאן איז אגרויסער עת־רצון. די כונה פון דעם איז. ווייל ביי טאג איז דער האן אגרויסער הולטיי, ער שפילט זייער פיל מיט די הינער, ווייזט ער אז פאר הולטייסטווע, איז דער בורא צארענדיג אויף דער וועלט.
אונ

לִיכְטִינֶע וֶועג, אוּנ בִּזְכוּת זֶה זָאלְסְטוּ מִיר עֶרְלַייכְטִין מַיינֶע וֶועגִין מִיט גִיזוּנְד אוּנ פַּרְנָסָה, אוּנ נַחַת פוּן מַיינֶע קִינְדֶערְלַאךְ. אָמֵן.

תְחִנָה שֶׁלֹא עָשַׂנִי נָכְרִית.

גִילוֹיבְּט בִּיזְט דוּ מַיין גָאט, אוּנ גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִין, וָואס דוּ הָאסט מִיר נִיט בֶּעשַׁאפִין קַיין נָכְרִית (אַגוֹיֶה), דוּ הָאסְט גִיגֶעבִּין מַיין טֵייל אִין דִי הֵיילִיגֶע פָאלְק יִשְׂרָאֵל, וָואס זֵיי שְׁטַאמֶען פוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיס-אַרְטִיגֶע מֶענֶער. אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט עַד הַיוֹם שֶׁעצְט אוּנ עֶהְרְט זֵיי, אוּנ דַיין הַשְׁגָחָה אִיז צוּ גִיקְלֶעפְּט צוּ זֵיי פוּן עֶווִיג אָן, דִי פָארִיגֶע צַייטִין הָאסְטוּ מִיט זֵיי גִיטָאן אָפֶענֶע נִסִים, וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט גִיזֶעהְן, דוּ הָאסְט זֵיי מִיט גְרוֹיס וואוּנְדֶער אוֹיס גִיצוֹיגִין פוּן שְׁקְלַאפִין הוֹיז (מצרים), דוּ הָאסְט זֵיי אוֹיס גִישְׁפַּייזְט 40 יָאהר אִין אַווִיסְטָן אָרְט (מדבר), מִיט מַן פוּן הִימְל, אוּנ וַואסֶער פוּן אַשְׁטֵיין, דוּ הָאסְט עֶרְשַׁיינְט מִיט דַיין הֶערְלִיכֶען כָּבוֹד אוֹיף דֶעם הַר סִינַי אוּנ הָאסְט זֵיי גִילֶערִינְט דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס דִי פִירְט זֵיי אִין דִי וֶועג פוּן לֶעבִּין. אוּנ עַד הַיוֹם טוּסְט דוּ מִיט זֵיי פַארְבָּארְגֶענֶע נִסִים. דוּ פִירְסְט זֵיי אִין אַמִדְבָּר פוּן ווִילְדֶע מֶענְשִׁין (אנטיסעמיטען און חוליגאנעס) וָואס ווִילִין זֵיי אַיין שְׁלִינְגֶען, נוּר דוּ בַּאשִׁיצְט זֵיי אוּנְטֶער דַיינֶע גִינַאדֶע-פְּלִיגְלֶען אוּנ אוּנְטֶער דִי פְּלִיגְלֶען פוּן מַלְכֵי חֶסֶד, וָואס מֶען דֶערְלָאזְט נִיט דִי חוּלִיגַאנֶעס זֵיי זָאלִין אִידִין אוּם בְּרֵיינְגֶען, אוֹיף דָאס אַלֶעס דַאנְק אִיךְ דִיר אוּנ בֶּעט דַיין רַחֲמָנוּת, דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפִין צוּ זַיין אַכְּשֵׁרֶה אִידִישֶׁע טָאכְטֶער, לִיבּ צוּ הָאבִּין מַיין פָאלְק אוּנ יֶעדֶער אֵיינְצִיגִין מֶענְשִׁין אוּנ אַיין פְלַאנְצִין אִין מַיינֶע קִינְדֶער לִיבֶּע צוּ מַיין פָאלְק אוּנ צוּ אַלֶע מֶענְשִׁין מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם. אָמֵן.

מעשה אלפס

נוייל דֵר בּוֹרֵא אִיז הֵיילִיג, פַר הָאסְט עֶר דִי אֵיינְגִילַאסֶענְהַייט, אבֵּר בַּיי נַאכְט אִיז דֶער הָאן אַפְּרוּשׁ (אָבּ גִישַׁייד פוּן זַיינֶע ווַייבֶּער) אוּנ שְׁטֵייט אוֹיף הַאלְבֶּע נַאכְט, דָאס ווַייזְט, אַז דֶער וָואס הַאלְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת אוּנ שְׁטֵייט אוֹיף פְרִיה לוֹיבִּין דֶעם בּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, צוּ דֶעם לָאזְט זִיךְ דֶער בּוֹרֵא גִיפִינֶען. ווִי שְׁלֹמֹה המע"ה זָאגְט אִין דֶעם נָאמֶען פוּן דֶער תּוֹרָה (וּמְשַׁחֲרַי יִמְצָאֻנְנִי) דִי וָואס פָארְשְׁטִין מִיר אַלֶע פְרִיה מָארְגֶען דִי גֶעפִינֶען מִיר.

שערי ציון

דִי כַארֶעשִׁינֶע פוּן בֶּעכֶער אוּנ גִיסְט אָן ווַיין. הֲיִתָּכֵן אַז דֶער קֶענִיג זָאל טְרִינְקֶען זַיינֶע ווַיין? דָאס גְלַייכִין דֶער בּוֹרֵא הָאט גִימַאכְט דֶעם מֶענְשִׁין הֶעכֶער פוּן אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענֶעס מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט אִים גִיגֶעבִּין אַמוֹיל צוּם רֵיידִין, עֶר זָאל מִיט

איר

דער

ליבער הארציגער פאטער, וויא איך האב גיהערט די וויכטיגקייט פון אונזער תורה. אז אלע גרויסע חכמים פון אומות העולם שעצין איר, זיי רופין איר "דער וועלט ברילליאנט". א) דער גאלדענער מעדייל מיט דימענטין גיזעצט. וואס דער וועלט קעניג האט מיט זיין אייגען האנד באשאנקען די קינדער פון זיין גיליבטין אברהם (אברהם אוהבי), טוט מיר זייער באנק, וואס איך בין ניט קיין מאנס-פערזאהן. וואס וואלט איר גילערינט מיט גרויס פלייס, צו פאר שטיין די טיפע חכמה אונ די אידילקייט וואס אין איר ליגט. נור ווי איך גלויב אז דו ווייסט בעסער וואס פארן מענשין גוט איז, אונ אז דו האסט מיר בעשאפין אפרויענצימער געווים איז גוט אזוי, אלזא דאנק איך דיר. וואס דו האסט מיר באשאפין ווי דיין ווילן איז. אונ בעט דיין רחמנות איך זאל זוכה זיין מיינע קינדער צו ערציהען אין דיין תורה, אונ מיר גיב אויך פערשטאנד צו פארשטיין וואס איך לייען אין דיינע היילינע ספרים, איך זאל עטוואס געניסין די זיסקייט פון דיין ליבע תורה, אמן.

תחנה פוקח עורים.

גילויבט ביזט דו קעניג פון דער וועלט, וואס דו עפינסט די אויגין די בלינדע, איך בין גילעגין אויף מיין בעט ווי א בלינדע. אונ האב זיך אויף גיהאפט האסטו מיר גיגעבין די שיין אין מיינע אויגין, איך בעוואונדער די גרויסע חכמה פון דעם, אז א שטיקעלע פלייש מיט א ביסעלע וואסער זאל האבין אזא קראפט צו לייכטין מיט אזא הערליבע שיין, אונ דו האסט איר אזוי וואונדערליך איינגיפאסט אונ באשיצט מיט די ברעמען, ווי זאלין איר איין היטין פאר שלעכטע

שערי ציון

איר לויבין השי"ת. אלע טאג אונ ער האט אים ערלויבט אז מיט די זעלבע מויל מעג ער פאר זיך אויך רעדין וואס גיהער צו גישעפט אונ צו זיינע נייטיגע הצטרכות, דארף דאך דער פארשטאנ-דיגער מענש האלטין ריין אונ ציכטיג די מויל

מעשה אלפס

א) דער באוואוסטער דייטשער שריפט-שטעלער "היינע" שרייבט אין איינעם פון זיינע ביכער מיט דעם אויס-דריק: "די תורה" דאס איז איין אלטער ספר, איין אלטער אונ איין איינפאכער ווי די נאטור זעלבסט, אונ ווי די נאטור, איז ער אמת, פשוט ווי די זון וואס הארימט אונז פשוט, ווי די ברויט וואס מיר עסין, דער דאזיגער ספר (די תורה) קוקט אויף אונז מיט ליבע אונ טרייסט ווי איין אלטע גוטע מוטער. אונ ענדיגט מיט די ווערטין

ווינטין. טרייער פאטער פון הימל, ווען איך דער מאן מיר וואס אַלע טאָג טוט זיך ביי די אויגין דאָקטורים, פיל אונגליקליכע קראַנקע אויגין זיצין געבאַך אונ וואַרטין אין פרעדנע, זיי זאָלין האָבין די זכיה צו צו שלאָגין זיך צום דאָקטער, ער זאָל ביי זיי צו נעמען דעם האַלבין רובל אונ אַריין גיסין די טראָפינס וואָס פון גרויס שמערצין דער זעהען זיי געבעך ווי מען זאָגט אַלע 7 הימלען, אונ אַז זיי שטייען אויף אין דער פריה, דאַרפין זיי געבאַך וואַרטין אויף חיימקען, יעקעלין, ער זאָל זיי פירין. אונ איך ברוך השם דאַרף קיינעמס לאַסקע ניט, איך גיי אַרום מיט גיזונטע ליכטיגע אויגין, ווי וויט איך דאַרף דאַנקען אונ לויבין ליבין דיין הייליגען נאָמען. אונ איך בעט דיין רחמנות דו זאָלסט ערלייכטען מיינע אויגין אונ די אויגין פון מיין מאַן אונ מיינע קינדערלאַך צו גיין אין די ליכטיגע וועג פון דיין הייליגע תורה אונזער גאַנצין לעבין, אָמן.

תחנה מלביש ערומים.

גילויבט ביזט דו אונזער גאָט, קעניג פון דער וועלט, וואָס באַקליידעט די נאַקעטע, איך שוואַכע פרוי בין ניט אימשטאַנד צו בעוואונדערין דיין גרויסע חכמה, אַז פון אַקערנדיל לײן־זאָמען זאָל אויסוואַקסין אַשטעקיל פלאַקס וואָס פון אים זאָל מען נאָכהער מאַכין לייווינד צו באַקליידין דעם מענשין, אונ אויף דעם שעפס גיבסטו דו האָר וואָס פון דעם זאָל מען מאַכין אַלע וואָלענע צייג, אונ אויף די הויפט שיינע קליידער סאַמעט. זיידינס האָסטו באַשאַפין אַווערימל וואָס שפינט פון זיין האַרצין זיידין שטאָף. אָה ווי גרויס איז דיינע

„די יודין" וועלכע האָבין פערשטאַנען די ווירדע פון דימאַנטין אונ בריליאַנטין — האָבין גיוואוסט וואָס זיי האָבין צו טאָן — בשעת זיי האָבין אַרוים ניראַטעוועט פון חורבן בית שני נור דעם דאָזיגען אַלטין ספר. (אין מעשה אלפס 4־טע טייל זייטע 56 איז באַשריבין די גישיכטע וועגין דעם).

מויל, וואָס טוט אָבער דער נאַר, ער פאַר שמוצט די מויל מיט מיאוסע רייד, מיט לשון הרע מיט רכילות וואָס דאָס האָט נאָך איין ערגערין גרוך ווי קאַרעשינע, אונ נאָכהער גייט ער מיט די וועלכע מויל דאַווענען אונ לויבין השי"ת, נו ווי קען צו גינומען ווערין אַזא תפלה? אַלזא דאַרף מען בעטין רחמים דער בורא זאָל העלפין זיך אָב גוואוינען פון לשון הרע, אונ בכלל פון נאַרישע רייד, אונ די בעסטע עצה צו דעם איז, אַז די פרייע צייט וואָס מ'האָט זאָל מען בעסער לייענען הייליגע קלוגע ספרים.

וואונדער! אז מ'זאל דאס אלעס באקלערין דארף מען זיך קניען און בוקין מיט גרויס אונטערטעניגקייט פאר דיין גרויסקייט. און וואס מער איך ציר זיך אויס אין שענערע קליידער (סאבעס, זיידינס) דארף איך אלעם נידעריגער זיין ביי זיך און געבין כבוד אלע מענשין. 1) און איך בעט דיין רחמנות, דו זאלסט מיר געבין אגוט הארץ, נאך טאן גוטע מעשים. אזוי ווי דו באקליידעסט נאקעטע (דו האסט גימאכט פאר אדם און חוה קליידער און האסט זיי אליין אנגיטאן). אזוי זאל איך אויך זוכה זיין צו מיטלייד האבין מיט די ארימע נאקעטע. און זאל זיך באמיהען ווי ווייט מעגליך אנקליידען זייער נאקעט, דאדורך וועט מיין נשמה אנגיקליידעט ווערין מיט אמעיל צדקה ובגדי ישע, אמן.

תחנה לשמוע בקול דברו.

גרויסער וועלט קעניג, איך גיב דיר אלויב און אדאנק פאר דעם חוש (געפיהל) פון הערין, וואס דו האסט גיגעבין אין מיינע אויערין, פיל מענשין נעבעך אונגליקליכע וואס פעלט זיי דער חוש, זיי זיינען אזוי ווי אב גירישען פון דער וועלט, און מיר האסטו מיט דיין חסד באשאנקען דעם חוש, איך קען מיר ניט אב וואונדערין די חכמה נפלאה וואס אין דעם ליגט, אז אויף די קליינע הייטעלע (באראבאניע פערעפאנקא) קלאפט אב דער קלאנג און גייט ארין אין מוח. און ווען די הייטעלע ווערט גילעכערט ווערט מען טויב און קיין פראפעסאר און קינסטלער קען ניט צו מאכין אזא ברעקיל הייטעלע. הכלל דיינע וואונדער איז ניט אויס צו שרייבין, און איך בעט דיין רחמנות דו זאלסט מיר אויסהיטין פון די אונגליקליכע מענשין וואס צו אלע נארישקייט איז זייער אויער אפין, און ווי עס קומט צו ארעכטע זאך צו אדבר מוסר ווערין זיי טויב, רייד צו זיי און רייד צום וואנד.

מעשה

1) מ'דערציילט איין אקלוגע אגאטס־פארכטיגע פרוי, וואס האט זיך אויס גיפוצט לכבוד יום טוב אין סאמעט און זיידינס, אום צו פארשלאגין די נארישע גאוה גידאנקען וואס חאפט זיך אמאל ארין בעת מען איז שיין אויס גיפוצט, האט זי גיזאגט רבונו של עולם איך דאנק דיר פאר די קליידער וואס דו האסט מיר גיגעבין מיט דיין חסד, און ווי אזוי קען איך מיר גרויס האלטין מיט דעם, אז

אלפס

איך דער מאן כיר אז איך בין נאך נידעריגער פון דעם ווערימל, דער זייד ווערימל מאכט די זייד און שטאלצירט ניט, און איך נארישער מענש לבד וואס איך קען ניט מאכין קיין זייד, צו טראג איך נאך און צו רייס די זייד, און אס ענדערע האלט איך זיך נאך בגאוה. ווי קלוג אונזערע חכמים זאגין, אז גאוה איז דער שילט פון איין נארין.

אונזערע

אה, ווי אונגליקליך זיי זיינען נעבאך! און איך בעט דיר טרייער פאטער פון הימל דו זאלסט געבין אין זייער הארצין פארשטאנד, זיי זאלין וויסין ווי צו האלטין די טייערע מתנה פון הערין. אז זיי און איך אויך אין כלל זאלין ניט צו הערין מיט אונזער אויער קיין רכילות, קיין לשון הרע, קיין מיאוסע רייד. נור הערין דברי חכמה און דברי מוסר פון די הייליגע תורה, ווי שלמה המלך זאגט, (שמעו) הערט צו הייליגע רייד, (ותחי נפשכם) וועט באלעבט ווערין אייערע געפיהלין 1). און בזכות וואס מיר וועלין צו הערין די רייד פון דיין תורה זאלין מיר זוכה זיין צו הערין גוטע בשורות ישועות ונחמות א) אויף כל ישראל, מיר זאלין אויס גילייזט ווערין פון אלע טרויעריקייט און גיין מיט שטאלץ אין אונזער הייליגע לאנד במהרה בימינו אמן.

מעשה אלפס

1) אונזערע חכמים זאגין, ווען איינער פאלט אראב פון אהויכין ארט און צו ברעכט אלע גלידער, דארף מען אים לייגין פארשידענע פלאסטערס, אויף יעדער וואונד אבעזונדערין פלאסטער, ווייל דער פלאסטער וואס ליגט אויפין האנד קען ניט היילין די וואונד פון פוס, אבער ווען אמענש פאלט אראב פון זיין הויכין צוא שטאנד אין אידישקייט און ווערט אבעל מום אויף אלע גלידער, דארף מען נור לייגין איין פלאסטער צום אויער, ער זאל נור הערין דברי תורה ומוסר, מיט דעם ווערין פארהיילט די וואונדין פון אלע גלידער, דאס זאגט שלמה המלך (שמעו) הערט נור צו די רייד פון דער תורה (ותחי נפשכם) וועט גיזונד ווערין אלע אייערע גייסטליכע גלידער.

שערי ציון

א) אזוי ווי דער אויער איז דער טויער וואס דורך אים גייט אריין גליק און הילף אויפין מענשין, (שמעו ותחי נפשכם), אזוי איז ער אגרויסע ריזיקע אונגליקליך צו מאכין דעם מענשין, ווייל די אויג אז עס איז עפעס פערשטעלט

א וואונדערליכע געשיכטע מיט איין אויער.

איונגער מאן (30 יאהר אלט), א ארבייטער, אקראבאוויץ, ער געמט גרויסע ניהאלט, איז גיקומען פרעגין ביי א רב (אין אמעריקע), אויב על פי דין התורה מעג ער זיך מאכין אפעלער (טויב מאכין), דאקטורים האבין אים גיזאגט, אז דאס וועט אים ניט שאדין צו גיזונד, ער וועט קענען ארבייטין, נור ער וועט ניט הערין, — צו וועלכין ציל ווילט איר עס טאן? (פרעגט אים דער רב), אגיזונטער אשיינער מענש זאל זיך וועלין מאכין פאר אבעל מום? -- איך בין אזאקראיסציק אין אמייסטערסקאיע, (ענטפערט דער יונגער מאן) און קען ניט הערין די מיאוסע רייד פון די ארבייטער, איך האב זיי וויפיל מאל פיר גיהאלטין מיט גוטע רייד, צו וואס זאל אמענש פארשטעצין דעם הייליגין פריזענט (די מויל), ריידין נארישקייט נבול פה, אפיקורסות? מ׳קען דען ניט זיצין ביי דער ארבייט שטיל און רוהיג? און ווידער ווי אזוי פועלט מען ביי זיך מאכין קריינקונג דעם צווייטין וואס קען עס ניט הערין? דאס איז דאך ארויס פון גדר דרך ארץ, על פי דרך ארץ פון דער תורה טאר מען ניט אשפיי טאן אין

מלך מלכי המלכים, קעניג איבער אלע קעניגין, די גאנצע וועלט איז פול מיט דיין כבוד, דער מענשליכער שכל איז גאר ניט אימשטאנד צו פארשטיין דיין גרויסקייט מיט דיינע מעשים, דיין גרויס חכמה וואס מ'זעט אין יעדער זאך. פון קלענסטין גרעזעלע ביז דעם גרעסטין בוים, פון קלענסטין ווערימל ביז דעם גרעסטין לייב, פון קערינדיל זאמד ביז די זון, די לבנה. וואס יעדער פון זיי איז טויזינדער מאל גרעסער פאר דעם גאנצין ערד קוגעל. פון זיך אליין קען איך זעהן דיינע גרויסקייט, פון מוח פון מענשין וואס ער איז צו זאמען גישטעלט פון קליינינקייטין. קאלך, זאלץ און פאספאר, דער קליינער מוח'ל האט אין זיך אזא קראפט צו טראכטין און פערשטיין אזוי פיל, ער קען אין זיך אריין נעמען גאנצע אלמערם מיט ספרים. ווי די גרויסע גאונים וואס זיינען קלאר אויסוויינינג גאנץ תנ"ך, גאנץ ש"ס בבלי, ש"ס ירושלמי, אלפסין, רמב"ם, טורים, מדרשים און נאך פיל ספרים. וואו גייט דאס אלם אריין אין מוח, וואס איז נור גרויס ווי אפויסט? דאס איז וואונדער איבער וואונדער. אלזא דאנק איך און לויב דיין היילינען נאמען פאר די מתנה טובה, דעם פארשטאנד וואס דו האסט מיר גיגעבין אין מוח, און בעט דיין רחמנות דו זאלסט חלילה ניט אב נעמען פון מיר די מתנה טובה, דעם פארשטאנד. אה! ווי אונגליקליך איז חלילה דער מענש וואס ער ווערט גירירט אויפ'ן

שערי ציון

זעט מען ניט, אבער הערין קען מען דורך איין איזערנע וואנד אויך. דרום דארף א מענש זייער היטין דעם אויער. דער בורא האט באשאפין מיטלען מיט וואס צו רעטין אים, ווי די חכמים זאגין

ווארום

מעשה אלפס

יענעמס געגענוואורט. פילייכט קען עם יענער ניט פארטראגין, אפשטא ריידין אזעלכע רייד וואס שטעכט יענעם ווי שפיזין אין הארצין. דאס האט אבער אלם ניט גיהאלפין, ווייל בעונותינו הרבים זיינען זיי טויב פון צו הערין איין אידעלין ווארט, אלזא איז ביי מיר גיבליבין זיך צו מאכין טויב, אום איך זאל ניט הערין זייערע טרייפע רייד. — וויל איך וויסען אויב די תורה ערלויבט דאס?

אנטווארט פון רב.

דאס איז ניט ערלויבט איבער 2 זאכין. דאס ערשטע ווייל דער מענש איז אויף זיך קיין בעל הבית, דער קערפער און די נשמה גיהערט צום בורא. אלזא טאר ער זיך קיין מום מאכין. דאס צווייטע אונזערע חכמים זאגין אויפין פסוק (ושמרתם את המצות) אזוי ווי אין דער ספר תורה איז ניטא קיין נקודות, לאזט זיך אויך לייענען ושמרתם את המצות, צו ווייזין אז אלע מצות זיינען גיגליכין אין איין היגזיכט צו די מצוה פון מצה, אזוי ווי מצה איז כשר נור פון די ה' זארטין

מעל

מוח, ער לויפט נעביך ארום איבער די גאסין ווי א בהמה, אונ זיין גליק באשטייט אין דעם וואס מ׳נעמט אים אריין אין דול הויז. אהו! ווי פינסטער איז זיין וועלט אונ די וועלט פון זיין פאמיליע. אלזא גנעדיגער הער, בזכות וואס איך דאנק דיר פאר די מתנה פון מוח, זאלסטו מיר געבין חכמה אונ פארשטאנד, איך זאל זיין די עקרת הבית, פירין מיין שטוב אונ ערציהען מיינע קינדערלאך צו גאטס־פארכטיגקייט אונ צו מענשינפריינדליכקייט. אז מיין שטוב זאל זיין ווי די חכמים זאגין (אין פרקי אבות) „יהי ביתך פתוח לרוחה”, מיין הויז זאל זיין אפין ווי אברהם אבינו׳ס הויז, אז יעדער גידריקטער, יעדער טרויעריגעם הארץ זאל גיפינען אין מיין הויז אטרייסט, עס זאל אים פריי ווערין זיין הארץ אונ זיין מוטה. ובזכות זה זאל איך זוכה זיין צו זעהען נחת אויף מיינע קינדערלאך במהרה, אמן.

תחנה המכין מצעדי גבר. (זאגען דאס אלע פריה מארגין)

גילויבט ביזט דו גאט, קעניג פון דער וועלט, (אשר הכין מצעדי גבר) וואס דו האסט פעראָרדנעט די טריט פון מענשין, ער זאל קענען גיין וואוהין ער וויל, איך וועה אין דעם דיין חכמה. דו האסט באשאפין אין מענשין גלידער אונ זאוועסעם, די גלידער

מעשה אלפס

מעל וואס קענען קומען צו חמץ, אונ אז מ׳היט דאס אב, עס זאל ניט זייערין, איז מען מקיים די מצוה פון (בערב תאכלו מצות), אבער די זארטען מעל וואס ווערין ניט זויער, היינו ארביסענע מעל, קען מען אויף דעם ניט מאכין די ברכה על אכילת מצה. דאס גלייכין ווען קענט איר מקיים זיין אלע מצות לא תעשה וואס גיהערט צום אויער, אז ער וועט קענען זייערין (ווי די חז״ל רופען דעם יצה״ר שאור שבעיסה) אונ איר וועט זיך איין היטין ניט צו הערין נארישקייט, היינו פארשפארין נוט די אויערין מיט וואטע, ניט צו הערין, דאס הייסט אמצוה. אבער אז איר וועט זיך מאכין אמום, הייסט עס אייער אויער קען גאר ניט זייערין, וועט אייער אויער מיט דעם ניט הערין קיין לשון הרע א.ד.ג. האבין אקליינע ווירדע. פון דעם קען מען זיך נעמען אמוסר ווי ווייט די עבירה איז גרוים פון הערין נארישקייט, אז איין איידעלער מענש האט גיפויעלט ביי זיך צו מאכין זיך פאר אבעל מום, אום ניט צו הערין שענדליכע רייד.

שערי ציון

ווארום איז דער גאנצער אויער הארט אונ די אונטערשטע שטיקעלע איז ווייך? דאס איז ווען מ׳הערט נארישקייט זאל מען אריין בייגין די ווייכע אין אויער, וועט מען ניט הערין. דאס גלייכין האט דער בורא גימאכט די שפיצין פינגער שמאל, בכדי מען זאל קענען אריין לייגין זיי אין אויער ניט הערין קיין נארישע רייד ופשיטא לשון הרע אונ רכילות.

וָאלִין זִיךְ קֶענֶען בֵּייגִין הִין אוּן הֶער, אוּן נָאךְ אַוואוּנְדֶער, אַמַאשִׁין מַייסְטֶער וָואס עֶר אִיז נִיט בֶּעקַאנְט אִין זַיין מַאשִׁינֶע, וִוי אַזוֹי קֶען עֶר צוּ טְרֶעטִין צוּ אִיר, פִירִין אִיר, אוּן דֶער מֶענְשׁ הַגַם עֶר וֵוייס גָאר נִיט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין זַיין וואוּנְדֶערְלִיכֶע (קערפערליכע) = מַאשִׁינֶע, דָאךְ פִירְט עֶר אִיר, עֶר גֵייט אוּן בַּאוֶועגְט יֶעדֶער גְלִיד, וִוי עֶר וִויל. — לִיבֶּער גָאט בִּזְכוּת דֶעם וָואס אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַאר דִי מַתָּנָה טוֹבָה פוּן גַאנְג, זָאלְסְטוּ הִיטִין מַיינֶע פִים, אִיךְ זָאל חָלִילָה נִיט אוֹיסְגְלִיצִין זִיךְ אוּן נִיט שֶׁעדִיגֶען מַיין קֶערְפֶּער. אָהּ! וִוי בִּיטֶער אִיז דֶעם אוּנְגְלִיקְלִיכֶע וָואס הָאט קַיין פִים נִיט אוּן דַארְף נֶעבֶּעךְ גֵיין אוֹיף קוּלֶעס א). אוּן אוֹיךְ הִיט מַיינֶע טְרִיט אִיךְ זָאל נִיט אַרָאבּ גֵיין פוּן גוּטִין וֶועג אִין אַשְׁלֶעכְטֶע חָלִילָה, אִיךְ זָאל נִיט שֶׁעדִיגִין מַיין נְשָׁמָה מִיט אַשְׁלֶעכְטִין טְרִיט, וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה הָאט מִתְפַּלֵל גִיוֶוען (פְּעָמַי הָכֵן בְּאִמְרָתֶךָ) מַיינֶע טְרִיט זָאלְסְטוּ גְלַייךְ 1) שְׁטֶעלִין אִין דַיינֶע מִצְוֹת, אַז עֶס זָאל נִיט גִיוֶועלְטִיגֶען אוֹיף מִיר דֶער יֵצֶר הָרָע, נוּר דַיין תּוֹרָה זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַלִיכְט צוּ אוּנְזֶער טְרִיט, וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (נֵר לְרַגְלִי דְבָרֶיךָ) דַיינֶע רֵייד פוּן דֶער תּוֹרָה אִיז אַלִיכְט צוּ מַיין טְרִיט, וּבִזְכוּת דֶעם וָואס אִיךְ וֶועל הִיטִין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה, זָאלְסְטוּ בַּאגְלִיקֶען מִיר מִיט מַיין מַאן אוּנְזֶער וֶועג מִיט גִיזוּנְד אוּן פַּרְנָסָה, מִיר זָאלִין שְׁטֶענְדִיג זַיין מִיט אַרוּהִיגֶע קָאפּ צוּ גֵיין אִין גוּטִין וֶועג, טָאן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אָמֵן.

תְּחִנָּה הַמַּעֲבִיר שֵׁנָה. (זאגין אלע פריה מארגין)

אִיךְ דַאנְק דִיר גְרוֹיסֶער גָאט, קֶענִיג פוּן דֶער וֶועלְט, וָואס דוּ הָאסְט פַארְטְרִיבִּין דֶעם שְׁלָאף פוּן מַיינֶע אוֹיגִין אוּן דֶעם דְרֶעמְלֶען פוּן מַיינֶע בְּרֶעמֶען, בִּכְדֵי אִיךְ זָאל זַיין פְרִישׁ אוּן מוּנְטֶער, טָאן מַיין אַרְבֵּייט נִיט וִוי אַפַארְשְׁלָאפֶענֶע. — פָאטֶער פוּן הִימֶל, אַזוֹי וִוי דוּ

תפארת ציון

א) אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגִין (טָבָא תְּרֵי מִתְּלָת) צְווֵיי אִיז בֶּעסֶער פַאר דְרַיי, כְּלוֹמַר, אַז בֵּיידֶע פִים זַיינֶען גיזונד

תרחם ציון

1) פִיל מִצ'ת אִיז פַארַאן, וָואס מֶען טוּט זֵיי מִיט דִי פִים, הַיְינוּ אַז מְ'גֵייט אִין אַדַבַּר מִצְוָה וִוי אִין שׁוּל אַרַיין (אוּן דָאס גְלַייכִין), אִיז אַמִצְוָה צוּ גֵיין גִיךְ, נִיט אָבּ שְׁטֶעלִין זִיךְ הֶערִין נַייס. — גֵיין מְבַקֵר חוֹלֶה זַיין. — גֵיין מְנַחֵם אֲבֵלִים זַיין. — אַז מְ'הָאט חָלִילָה אַצַער אִין שְׁטוּבּ, דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַתַּלְמִיד חָכָם אַצַדִיק. בֶּעטִין עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין. — מ'טָאר נִיט גֵיין גִיךְ וֶוען מְ'גֵייט פוּן שׁוּל. — מְ'טָאר נִיט גֵיין מִיט הָאפֶערְדִיגְקַייט, אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען שְׁטֶעלְץ דִי

האסט בעשאפין דעם מענשין מיט בעשטימטע נאטירליכע גיזעצין און צו דעם האבטו אים גיגעבין אמתנה טובה (אטייערין פריזענט) דעם כח ההרגל (גיוואנהיים). צו שאפין זיך אצווייטע נאטור (ווי דער חכם זאגט: „דאס גיוואנהיים איז די צווייטע נאטור"), בעט איך דיר הארציגער פאטער, זאלסט מיר העלפין בענוצין די מתנה טובה פון „הרגל" צו גוטע זאכין, היינו גיוויינען זיך גיין אין די וועג פון דיין תורה און טאן גוטע מעשים, און זאלסט מיר אוים היטין פון אשלעכטע גיוואהנהייט, איך זאל חלילה ניט זיין ווי דער נארישער באסמאנט, וואס איז גיוועזן גישמיט מיט צוויי שווערע קייטין (וואס זיי רייסין אים אב די הארץ), האט אים אגוטער פריינד גישאנקען ארובל (ער זאל זיך וואס קויפין), איז אנשטאט וואס ער האט גידארפט קויפין אשטאלאווין פייל, ביסלאך וויים פיילין די קייטין, זיי זאלין ווערין דינער, האט ער בעסער גיקויפט נאך איינגע קייטין און האט זיך גישמידט אלע גלידער, ביז ער קען זיך פון ארט ניט רירין. אזוי זיינען מיר נארישע מענשין, דער בורא האט אונז גישמידט מיט 2 קייטין, היינו עסין און שלאפין, וואס איידער מיר בעקומען לעבינס-מיטל און אדירה, ווערין מיר פאר מאטערט (און עס נעמט ביי אונז צו די בעסטע צייט), איז אנשטאט וואס דער קלוגער מענש דארף זעהען אב צו פיילין די קייטין, היינו גיוואהנען זיך לעבין שפארזאם, ניט זיין קיין פרעסער קיין זויפער און ניט קיין פעפער (ניט שלאפין שפעט), איז לבד וואס מיר טוען דאס ניט, קויפין מיר נאך צו נייע קייטען, היינו, איינער גיוואהנט זיך איין אין טרינקען (שכור'ן), וואס דאס ברייגט צו אלע אונגליקען, איינער גיוואהנט זיך איין חלילה אין קארטין שפילען גאנצע אווינדין, וואס דאס פארשווענדעט די טייערע צייט, און ניט איין מענש איז דורך דעם אוועק פון דער וועלט אן אצייט. איינער גיוואהנט זיך איין רויכערין צו פיל און

תרחם ציון

קאפ. – מ'טאר ניט גיין שבת ניך, סיידין לדבר מצוה. – מ'טאר ניט גיין שבת חוץ לתחום, ווען מ'האט קיין עירובי תחומין גילייגט. – ווען מען באגעגנט איינעם ער גייט צום טייך זייער צוטראגן, איז א מצוה אים פארנאנדער שלאגין מיט ליבליכע רייד, און אים פעסט האלטין ניט אב לאזין ביז וואגען די בייזע שעה וועט אריבער, ווייל מי יודע, אפשר פון צרות גייט ער זיך טרינקען חלילה.

תפארת ציון

גיזונד, איז בעסער ווי מ'דארף חלילה האבין אדריטע (אשטעקין אדער אקולע) אן צו שפארין זיך.

עם

בְּלַייבְּט אָן אַהַארְץ. אֵיינֶער גִיוָואהנְט זִיךְ אַיין אִין פְּרֶעסִין אוּנ זוֹיפִין, אַטְרֵייפֶע הַאלְז בְּרֵיינְגְט צוּ גְנֵבָה וּגְזֵלָה, עֶס גִיבְּט מֶענְשְׁן וָואס גֵייעֶן אִין פִּישׁ מַארְק גַאנְוֶוענֶען פִּישׁ, דָאס מֶערְקְטֶע קוּמְט דָאס פוּן אַטְרֵייפֶע הַאלְז, אַנְדֶערֶע גִיוָואהנֶען זִיךְ אַיין צוּ פְּלַאפְּלֶען אוּנ לִיגְין זָאגִין, אַז כִּמְעַט דִי פַּארֶע פוּן זֵייעֶר מוֹיל אִיז לִיגִין, אוּנ דֶערְפַאר פַארְלִירְט מֶען דָאס צוּטְרוֹי צוּ זֵיי, אַז וֶוען אֲפִילוּ זֵיי זָאגִין „אֱמֶת" גְלוֹיבְּט מֶען זֵיי אוֹיךְ נִיט׃ אַנְדֶערֶע גִיוָואהנֶען זִיךְ אַיין אִין „רְכִילוּת" 1), מַאכִין פְּלָאטְקֶעס, אָבּ טְרָאגִין פוּן אֵיינֶעם צוּ דֶעם אַנְדֶערִין אוּנ דוּרְךְ דֶעם מַאכִין זֵיי אַשִׂנְאָה צְווִישִׁין גוּטֶע פְרַיינְד אוּנ מַאן אוּנ וַוייבּ א). — הַכְּלָל עֶס אִיז דָא פִיל שְׁלֶעכְטֶע גִיפֶערְלִיכֶע זַאכִין, וָואס וֶוען דֶער מֶענְשׁ גִיוָואהנְט זִיךְ אַיין אִין דֶעם, פַארְלִירְט עֶר פָּשׁוּט דֶעם נָאמֶען „מֶענְשׁ" אוּנ וֶוערְט אַצְוֵוי פִיסִיגֶער טִיגֶער. אַלְזָא בֶּעט אִיךְ דִיר, טְרַייעֶר פָּאטֶער פוּן הִימְ׳ל, דוּ זָאלְסְט אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת הָאבִּין אוּנ הֶעלְפִין מִיר צוּ בַּאנוּצִין דִי מַתָּנָה טוֹבָה פוּן „הֶרְגֵל" גִיוָואהנֶען זִיךְ צוּ גוּטֶע מַעֲשִׂים, וָואס וֶוען מְ׳גֶעוֵוינְט זִיךְ אַיין אִין זֵיי הָאט מֶען נַאכְהֶער גְרוֹיס פֶּערְגְנִיגֶען, מְ׳לֶעבְּט ווִי אַיין אַדֶעלֶער מֶענְשׁ אוּנ מְ׳גֶעפִינְט חֵן בַּיי גָאט אוּנ לַייט, אָמֵן.

תְּחִנָּה שֶׁבֶּן טוֹב. (מתפ״ל צו זיין גאנץ אפּט)

עֶס זָאל זַיין דַיין גִיטֶער ווִילֶען מַיין גָאט אוּנ גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִין, דוּ זָאלְסְט מִיר אוֹיס הִיטִין פוּן אַשְׁלֶעכְטִין מֶענְשִׁין אוּנ פוּן אַשְׁלֶעכְטִין

שערי ציון

א) עֶס אִיז אַמִצְוָה „לֹא הַעֲשֶׂה" אִין דִי תּוֹרָה נִיט צוּ מַרַייבִי רְכִילוּת, דֶען דֶער עוֹנֶשׁ פוּן דֶעם אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, מֶען וֶוערְט פִיר דֶעם חֵטְא בֶּעשְׁטְרָאפְט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּנ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דֶער יְרוּשַׁלְמִי זָאגְט אַז דִי עֲבֵירָה „לָשׁוֹן הָרָע רְכִילוּת" אִיז דֶער עוֹנֶשׁ נָאךְ פִיל גְרֶעסֶער ווִי „עֲבוֹדָה זָרָה, גִלּוּי עֲרָיוֹת, וּשְׁפִיכוּת דָמִים", דֶען בַּיי דִי אַלֶע 3 שְׁטֵייט דֶער מָאנְט דֶער וָוארְט „גְדוֹלָה", (חֲטָאָה גְדוֹלָה, הָרָעָה הַגְּדוֹלָה, גָּדוֹל עֲוֹנִי מִנְּשֹׂא), אוּנ בַּיי לָשׁוֹן הָרָע רְכִילוּת, שְׁטֵייט: „יַכְרֵת ה׳ כָּל שִׂפְתֵי חֲלָקוֹת לָשׁוֹן מְדַבֶּרֶת גדולות

מעשה אלפס

1) דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם זָאגְט אִין תְּהִלִּים אוֹיף דֶעם בַּעַל לָשׁוֹן הָרָע וּרְכִילוּת מִיט דֶעם לָשׁוֹן: „מַה יִתֵּן לְךָ וּמַה יוֹסִיף לְךָ לָשׁוֹן רְמִיָּה" הֵייסְט עֶס: וָואס פַאר אַ נוּצְן הָאט דֶר וָואס בֶּערֶעט דֶעם צְווֵייטְן. דֶער הִיבְּנֶער זָאגְט דֶער־וֹיף אַשֵׁיינֶעם מָשָׁל: 2 פֶערְדָארְבֶּענֶע מֶעשִׁין הָאבִּין זִיךְ גִיקְרִיגְט אִין נָאס, בֵּיידֶע זַיינֶען גִיוֶועזִין נִידֶער־טְרֶעכְטִיגֶע לַייט. צוּ זֵייעֶר קְרִיג הָאבֶען זִיךְ פֶערְזַאמֶעלְט פִילֶע מֶענְשִׁין, וֶועלְכֶע הָאבִּין גִיהֶערְט זֵייעֶרֶע שֶׁעהְנֶע אוֹיסְדְרִיקֶע, דֶער רוּפְט דֶעם גַנָּב, אוּנ דֶער רוּפְט דֶעם שְׁלַאנְג, זָאגְט דֶער גַנָּב צוּם שְׁלַאנְג, דוּ נידערטרעכטיגער

חבר, און פון אשלעכטין שכן, ווי אונזערע חכמים זאגין („הרחק משכן רע") ערווייטער זיך פון אשלעכטין שכן, בעת אידין זיינען געוועזן 40 יאהר אין דער מדבר, איז אויס געקומען זייער לאגער, דער שבט ראובן נאהענט לעבין קרח'ן, זיינען פיל פון שבט ראובן פארלארין געווארין מיט קרח'ן, ווייל זיי האבין זיך אב געלערינט פון קרח'ס שלעכטע מעשים (אוי לרשע ואוי לשכנו) וועה צום רשע און וועה צו זיין שכן, אבער דער שבט יהודה יששכר וזבולן זיינען געוועזן שכנים צו משה רבינו, זיינען די גרעסטע טייל פון זיי תלמידי חכמים און פרומע לייט (טוב לצדיק טוב לשכנו) גוט איז צום צדיק און גוט איז צו זיין שכן, אה, ווי נאריש מיר מענשין זיינען. אז מ'דינגט אדירה און מ'גיט האנד געלט, נאכהער אז מ'ווערט געוואהר אז אין דער שכונה וואהנט אקאנקורענט, לאזט מען פאלין די האנד געלד, און אז אין דער שכונה (אפילו אטיר קעגין אטיר) וואהנט איין אפיקורוס, א מחלל שבת בפרהסיא, וואס טרעט אויף אלע אידישע הייליגקייט, זעט מען גאנץ וויינג (צו אונזער גרויסין בעדויערין) אז מ'זאל לאזין פאלין האנד געלד, וואס דער רייגער פארשטאנד ווייזט פארקערט, פרנסה איז ביין בורא אין האנד, אבער יראת שמים איז איבער געגעבין אין מענשינס האנד, ער דארף זיך פאר היטען פון אלעם וואס קען אים שאדין צו אידישקייט, ובפרט פון אנשטעקענדע קראנקהייט ווי אפיקורסות,

מעשה אלפס

נידערטרעכטינער יונג, וואס טוינסטו אויף דער וועלט, יא איך האבבע טאקע גענאנבעט, גערויבט, אבער איך האבבע דער פון הנאה, איך לעב גוט, דאס זעלבע מיין ווייב, מיינע קינדערלאך, און די מענשין וועלכע איך האב זיי בעגאנבעט, בערויבט, זיינען דאך ניט גיטויט געווארין. אבער דו מערדער, דו שלאנג, דו טויטעסט פילע מענשין, דו בערויבסט פון זיי זייער פרנסה מיט דיין גיפטיגען צונג, וואס פאר א הנאה האסטו? דו ביסט דאך גלייך ווי דער שלאנג, ער עסט די ערד און האט קיין שום הנאה, און אויך דיין זינד איזט פיל גרעסער פון מיינע. זאגט דער שלאנג
בעל

שערי ציון

גדולות, מיר גיפינען דאס דר בעל לשון הרע איז גענליכען צו אשלאנג, דער שלאנג גיט נור אבים אין טריט, אבער דער שלעכטער גיפט זיינער לויפט ארום אין אלע אברים, אזוי אויך דאס ווארט לשון הרע, רכילות, פערגיפטעט, פערי אונגליקליכט דעם בערעטען מענשען. דער ילקוט שרייבט, אז אויף יענער וועלט ווען דער מענש קומט ליום הדין, רעכענט מען צו דעם בעל לשון הרע ורכילות אלע עבירות פון די מענשען וועלכע ער האט אויף זיי גירעט, און די מצות פון בעל לשון הרע ורכילות רעכענט מען צו צו דעם בארעטען
מענשען

וואס שטיין לעבן יענעם שאדט (ובדרך חכמים לא עבד). — ליבער גאט זאלסט מיר העלפן ערוויטערן זיך פון זיי, אונ העלף מיר אויך דאס איך אליין זאל זיין אגוטער שכן, טובות טאן מיינע שכנים, לייען אלעם וואס יענער דארף, אונ ניט מדקדק זיין אויף קליינינקייטן, למשל ווען יענער לייט ביי מיר האלץ אונ גיט אב אמאל אדינערן שייטיל ווי מיינע איז געוועזן, זאל איך זיך ניט שטעלין אויף דעם, אונ איך האף, אז בזכות וואס איך וועל זיין אשכן טוב צו אלעמען אונ זיך ערווייטערן פון אשכן רע, וועסטו מיר מיט מיין הויז גיזינד אוים היטין (מפגע רע) פון אלע שלעכטע באגעגענעס, אונ וועסט באגליקען מיינע אלע וועגין, אמן.

תחנה, קבלת עול מלכות שמים א) (זאגין גאנץ אפט).

מלך מלכי המלכים, קעניג איבער אלע קעניגען (קונה שמים וארץ) בעשעפער פון הימל אונ ערד, מיט אלע זייערע הערשאפט, דער מענשליבער שכל איז ניט אימשטאנד צו פערשטיין די גרויסקייט פון דיינע ווערק, די גאנצע וועלט איז פול מיט דיין עהרע, אלע מלאכים, אלע שרפים ואופנים, אלע הימלען, די זון, די לבנה מיט אלע שטערן, וואס יעדער פון זייא איז טויזינדער מאל גרעסער פון אונזער וועלט, דער גרויסער ים אוקינוס מיט אלע ברואים וואס אין אים איז, דער ים הקרח (אייז מעער) מיט אלעם וואס אין אים, אלע

שערי ציון

מענשען. אויך שרייבין די ספרים הקדושים אז דעם בעל לשון הרע ורכילות תפלה ווערט ניט אנגענומען, אונ עס קומט נאך אויף אים פערשיידענע מכות ונגעים, אויך ברייגגט דאס צו עניות ר"ל. אלזא מוז יעדע פרוי געוויינען צו היטען איר צונג, ניט צו ריידין לשון הרע, רכילות, דאן איז זי זיכער דאס איהרע תפלות ווערט אנגינומען אונ זי וועט גיהאלפען ווערען עוויג אין אלע ענינים.

א) די מצוה פון קבלת עול מלכות שמים איז אמצות עשה, איינע פון די תרי"ג מצוות, צו האלטן אין געדאנקען אונ גלויבען באמונה שלמה אז דער

מעשה אלפס

(בעל לה"ר), יא איך האב גיקוילעט פיללע מענשין מיט מיין צונג, אבער מיר קען מען דער פאר גאר ניט טאן, דער פאר זעצט מען ניט אין געפיינגענים, אונ נאך האלט מען מיר פיר אשעהנעם מאן. אבער דו גנב, רויבער, דו האבט דאך זיך אויסגיוועלגערט אין אלע טורמעס, אונ אלע קענען דאך דיר וואס פאר אשעהנער מאן דו ביסט. דאס זאגט דוד המלך ע"ה וואס פיר אנוטץ האט דער בעל לה"ר? דער גנב קען דאך טאן תשובה, ער קען אב געבען זיין גנבה גזלה, אבער דעם בעל לשון הרע העלפט קיין תשובה, ווארום ער מאכט אומגליקליך אזעלכע מענשין וואס ער קען זיי גאר ניט.

פון

בורא

טייכין מיט זייערע טויזענדער זארטין פיש. אלע גרויסע הויכע בערג, אלע מדבריות און וועלדער מיט די טויזענדער-ערליי חיות. אויך די מיליאנען פערשיעדענע גרעזאלאך מיט אלע פערשידענע ביימער, לויבין אלע דיין ליבין נאמען און ווייזין אויף דיין גרוים חכמה פאר די גאנצע וועלט 1). פון אביסיל ערד האסטו בעשאפין דעם מענשין, וואס יעדער גליד פון אים איז וואונדער קינסטליך געארבייט, און האסט אין אים אריין גיהויכט אלעבעדיגע נשמה פון דיין כסא הכבוד און האסט אים באשאנקען מיט אטייערין פריזענט (דאס איז דער כח הדבור), און האסט אים גימאכט פאר אהערשער איבער די גאנצע וועלט (תמשילהו במעשי ידיך כל שתת תחת רגליו), און זיין רעכטין תכלית זאל ער גיפינען, מיט דעם וואס ער וועט אין אלע זיינע מעשים דער קענען דיין כבוד, אז דיין געטליכקייט איז איבעראל, אזוי ווי אונזער הייליגער קעניג זאגט אין תהלים (שויתי ה׳ לנגדי תמיד) איך האב דעם בורא שטענדיג פארגישטעלט פאר מיר. כלומר, אין אלע דיינע

מעשה אלפס — שערי ציון

1) פון די וואונדערשיינע וועלט, מיט אירע מיליאנען פערשיעדענע ברואים, און פון דעם ארדנונג ווי אלעם פירט זיך, זעט מען שיינבאר דעם כבוד פון בעשעפער בורא יחיד ברוך הוא איז איינער, און ער האט אלעם אליין בעשאפען, און נור וואס פאר איין ערהאבענער ווירט ער איז אלעם אויפצופאסין, בעטראכט די געוואוקסין, וואס די ערד גיט ארויס, ווי יעדער מין וואקסט נאך איר ארדנונג, די גיוואוקס וואס דארף מער די זון, האט זי ווייניגער בלעטער איר צו פארשטעלין, און יעלכע עס דארף מער שאטין האט זי מער בלעטער, בלומען דארפין די זון, קערין זיי זיך צו דער זון, תבואות (ווייץ, גערשטין, קארין) ליגיו דאס מערסטע אין אפלעזע, בעת דער טוי קומט אן עפענען זיי די מיילער, אז דער טוי גייט אב מאבין זיי צוריק צו. — עס איז ווידער צו בעוואונדערין, אלעם וואס אויף דער וועלט איז בעשאפין, איז גיפארט זכר ונקבה, דאס קלענבטע גרעזעלע, מוז האבין זיין פאר, דער ווינד איז דער שדכן, ער ברייננט זיי צו זאמען, אפט ווערט דער ווינד אלאנד-שדכן און פארט זיי צוגויף פון הונדערטער מייל, עס איז ווידער דא זארטין צמחים וואס ליידין ניט דעם ווינד-שדכן וואס קומט מיט שטורעם, האט דער בורא זיי בעזארגט מיט ארוהיגען שדכן, דאס איז אזעלכע זומער פליגען, וואס זובענדיג אין די בלומען די זיסע זאק, נעמען זיי אויף די פליגלען די זאמען (די פויל) פון איין גיוואוקס, און ברייננען זיי אריין אין אצווייטע, און נאך פיל וואונדער, וואס די פעדער איז ניט אימשטאנד אים צו שרייבין. טייערע פרויען באטראכט, ווער זאגט די בלום זי זאל זיך קערין צו די זון? ווער הייסט די פלעווע עפענען און פערמאבין די מויל ענטקעגין טוי? ווער שיקט דעם לאנד-שדכן (דעם ווינד)? ווער שיקט דעם רוהיגען שדכן (די פליג), אז ניט דער בעפעל פון בורא יחיד, וואס ער האט באשאפין די נאטור מיט אלע אירע רייכע ארדנונגען? אלזא דארפין מיר זיין אונטערטעניג קעגין זיין גרויסקייט און אים דאנקען און לויבען פאר זיינע חסדים.

מעשים ווערע איך דיין גאטליכקייט פאר מיר, אונ איך שטעל מיר פאר אין גידאנקען גלייך ווי דער בורא כביכול שטייט לעבין מיר אונ זעט אלע מיינע מעשים, דאס איז דער ערסטער אונ דער גרעסטער כלל אין אידישקייט, דאס דער מענש דארף שטענדיג האבין אין זינען דעם בורא עולם, דען ווען אמענש גייט ארום מיט דעם היילגען גידאנקען, איז ער באטראכט אין אלעם וואס ער טוט. דאס זיין גאנצער פירונג אויף דער וועלט (הן וואס גיהער צו גאט ברוך הוא אונ הן וואס גיהער צו מענשין) זאל זיין נאך דעם ווילען פון דיא תורה הקדושה, מען זאל זיך ניט פירין אויף דער וועלט ווי אבהמה אן דעת, נור יעדער זאך זאל זיין אויס גירעכינט מיט אגוטין פערשטאנד.

בפרט מיר שוואכע פרויען דארפין זעהען צו פעסטיגען אונ מוטהיגען זיך צוא האבין אין זינען דעם בורא עולם, ווייל אויף אונז ווייבער ליגט דער היילגער חוב פון די שטוב־ווירטשאפט מיט די כשרות, וואס אונזערע מאנען פערטרויען זיך אויף אונז, אונ איבער הויפט די קינדער ערציהונג וואס אין דעם ליגט גרויס חכמה, פירין זיי דיין אונ ציכטיג, סיי זייער קערפעריל אונ סיי זייער גייסט, היינו באטראכטין דעם הרקטער פון יעדער קינד, אונ אויס ווארצלען פון אים די שלעכטע זיטן, וואס זיין נאטירליכע גייגונג איז צו דעם (לטשל כעס, אמדייפע האלז אונ דאס גלייכין) אונ איינפלאנצען אויף זייער ארט גוטע מדות וואס איז שאהן פאר גאט אונ לייט 1). הכלל די ארינטליבעטוגענדע פרוי ווערט גירופין ווי עס שטייט (אשת חיל עטרת בעלה) אקלוגע אוויבטיגע פרוי איז אקרוין פאר איר מאן, דארפין מיר זיין אויף יעדער טריט באטרעבינט. יעדער זאך דארף גיטאן ווערין מיט חכמה, נור אזוי ווי שלמה המלך זאגט (ראשית חכמה יראת ה׳) די הויפט חכמה איז גאטס פארכטיגקייט. בין איך אויף זיך מקבל מיט אריינע הארץ אונ מיט איין אמתין ווילען דעם עול מלכות שמים, אונ איך זאג דעם היילגען פסוק „שויתי יהוה לנגדי תמיד" אונ בעט רחמים, דר עוויגער זאל שטארקין מיין כח, ער זאל מיר געבין חכמה מיט פארשטאנד

שערי ציון

נור ער אליין איז דער הער איבער אלעס, אונ ווען מען זאגט דעם פסוק

מעשה אלפס

1) דער קלוגער שפריכווארט זאגט: אנגענומען זיך צו זיין א מוטער, גענומען זיך אלע פרויען אן, אבער וויסן ווי צו זיין א מוטער, וויסן גאנץ ווייניג.

איך זאל קענען פירן מיין הויז מיט ציכטיגקייט אונ ריינטליכקייט (ניט חלילה ווי די, וואס איז ניט אריין צו גיין צו זיי אין שטוב פון אונציכטיגקייט). אונ אזוי ווי מיין קיך וועט זיין ציכטיג אויסוועניג, אזוי זאל זי זיין ציכטיג אונ ריין אינעווייניג. כלומר, אין די ריינטליכקייט וויא די תורה האט גיבאטין, עס זאל חלילה ניט פאר מישט זיין קיין איסור טרפות. אויף יעדער זאך וואס איך וועל ניט וויסין, זאל איך גיין פרעגין דעם מורה הוראה (אדער דעם רב). אונ אז איך וועל גיגייט זיין צו האלטין ניט קיין אידישע קעכין, זאל איך שטענדיג אכטונג געבין אין קיך אויף די כשרות. אונ איבער הויפט זאלסטו ליבער פאטער פון הימל מיר געבין חכמה אין ערציהען מיינע קינדער, זיי זאלין זיין פרום צו גאט, היינו גיוואהנען זיי פון יוגנד אן ניט נעמען אין מויל קיין זאך אן א ברכה אונ ערקלערין זייא אז א ברכה איז א דאנק דעם באשעפער פאר די שפייז וואס ער האט בעשאפין 1), אונ אויך זאלין זיי זיין גוט צו יעדער מענשין, זיי זאלין גיפינען חן ביי גאט אונ לייט, דען ערציהען קינדער אין גוטין וועג איז דער רעכטער תכלית פון יעדער אשה, אונ דורך דעם זכות זאל איך זוכה זיין צו ביידע וועלטין, גיזונד אונ פרנסה אונ נחת פון קינדער אויף דער וועלט, אונ אויך ניט פארשעמט ווערין חלילה בעולם הבא. נור זוכה זיין צו די גרויסע ליכטיגקייט מיט די אבות ואמהות אין גן עדן. וואס איך מיט מיין מאן וועלין זוכה זיין נאך אונזער הונדערט אונ צוואנציג יאהר, וואס מיר וועלין דא אויס לעבין אין עושר וכבוד, אמן.

א נייע ירושלים תחנה (פון אגרויסע צדיק'ת אויס ירושלים).

בשם יהוה אלהי ישראל יושב הכרובים, דו גאט פון ישראל, בעת דו האסט גירעט מיט משה רבנו אין אוהל מועד, איז דיין שטימע גיגאנגען פון היכל דורך די צוויי כרובים (וואס זיינען גישטאנען אין קודש הקדשים אויפ'ן כפורת), מיט דעם האסטו גיוויזין, אז דו ערבארעמסט זיך אויף אידין ווי א פאטער אויף קינדער (ווייל די כרובים זיינען גיוועזן אין גישטאלט פון קליינע קינדער), בעט איך דיר דו זאלסט זיך אויף מיר אויך ערבארמען ווי א פאטער אויף א קינד. אונ בעהיט מיר פון אלעם בייזן,

1) אום צו וויסין די זאך גרונטליך, איז „שמע ישראל יי אלהינו יי אחד", מוז אחוב קדוש (א הייליגער פליכט) מען דאס אלעס אין גידאנקען האבען.

און פאר נעם מיין גיבעט וואס איך בין מתפלל פאר דיר אלע טאג מיט מיין גאנצין הארצין. און דער לייגער די יאהרען מיר מיט מיין מאן און מיינע קינדער, מיר זאלין זיין דיינע טרייע דינער. מלך רחמן ערבארימיגער קעניג, ערבארם זיך איבער מיר און גיי מיט מיר ניט במדת הדין נור במדת הרחמים, און הער צו אונזער גיבעט שטענדיג ווען מיר זיינען מתפלל פאר דיר, ערפרייא אונז מיט וואס מיר דארפין, העלף אונז ווי דו האסט גיהאלפין אונזערע עלטערין פון זייער נויט אין מצרים, און זיי מיר מזכה מיט גוטע פרומע קינדער, זיי זאלין זיין צדיקים און גרויסע תלמידי חכמים, אזוי ווי דו האסט דער הערט די תפלה פון אונזער מוטער חנה און האסט איר גיגעבין א זון (דאס איז שמואל הנביא) וואס ער האט ליכטיג גימאכט אידישע אויגין מיט זיין תורה און נבואה. ערבארעמיגער פאטער ערבארים זיך איבער אונז און שיק אונז צו אונזער פרנסה מיט אלעם וואס מיר דארפין מיט נחת, ניט מיט צער חלילה, פון דיין ברייטע האנד, ניט חלילה פון אמענשינס האנד, איך זאל אים לעבין מיינע הונדערט יאהר מיט מיין מאן און קינדער, זיצין אויף מיין טיש, ניט חלילה ביי אפרעמדין טיש, ווען דו ביסט מיין שפייזער און דער שפייזער פון די גאנצע וועלט, און ביז היינט האסטו מיר גישפייזט מיט דיין רחמנות, האף איך און בעט דיר דו זאלסט מיר ווייטער ניט פערלאזין, איך זאל חלילה ניט פארשעמט ווערין, און זאל קענען טאן פיל צדקות און גמילות חסדים, און זאלסט אונזערע תפלות אלע צייט דערהערין, ווען דו ביסט דער גאט וואס הערט צו אלע תפלות וואס מען איז מתפלל צו דיר מיטין גאנצין הארצין, ווי דוד המלך זאגט (קרוב יהוה לכל קוראיו) גאט איז נאהענט צו אלע די וואס רופין איהם (לכל אשר יקראוהו באמת) צו די אלע וואס רופין צו אים מיט ווארהייט (מיט'ן גאנצין הארצין) אמן וכן יהי רצון.

תחנה פון תשובה (נייטיג צו זאגין אלע טאג).

ליבער הארציגער פאטער, אזוי ווי אונזערע חכמים ערציילין, אז ביז יעקב אבינו איז קיינער ניט שלאף גיווען, נור ווי עם האט זיך גיענדיגט די יאהרין, איז גיווארין שוואך אין הארצין און מ'איז

מעשה אלפס

אז יעדע פרוי זאל לעזין דעם ערשטען ערציילט זייער שיינע און קלוגע גישיכטעם
טייל מעשה אלפס, דארפין ווערט ווענין דעם.

דער

גלייך געשטארבען, האט יעקב אבינו מתפלל געווען, אז איידער דער מענש שטארבט זאל ער שלאף ווערין און ליגין עטליכע טעג צו בעט. בכדי ער זאל קענען בענטשין זיינע קינדער און זיי אצוואה לאזין, אויך זאל ער האבין צייט תשובה צו טאן. האט דער בורא צו געהערט זיין תפלה, און פון אים האט זיך אנגפאנגען, ער איז שלאף געווארין פארין טויט און האט געבענטשט זיינע קינדער (ווי אין דער תורה פ' ויחי שטיים געשריבען). — גרויסער וועלט באשעפער! דו ווייסט דאך די שוואכע דעה פון מענשין, אז ווען אלע וועלין שלאף ווערין פארין שטארבן, וועלין פיל מענשין אב לייגין צו טאן תשובה נור פארין טויט, און דעם גאנצין לעבין וועט מען אב לעבין אין מעשים רעים. דרום האסטו געמאכט, אז אפט מאל זאל דער מענש שטארבין פלוצלונג אזוי ווי פריער איז געווען, בכדי יעדער מענש זאל זיך פירכטן, טאמער וועט דאס אים טרעפן ח"ו, וועט ער ווען תשובה טאן בעת ער איז נאך געזונד 1), און אזוי האט דער גרויסער תנא ר' אליעזר געזאגט (שוב יום אחד לפני מיתתך) טו תשובה א) אטאג פאר דיין שטארבין. האבין זיינע תלמידים געפרעגט, רבי, ווייס דען אמענש ווען דער טאג פון זיין שטארבען איז? ענטפערט ר' אליעזר, מיינע ליבע קינדער, איך מיין דאס טאקע, ער זאל אלע טאג רעכענען פילייכט שטארבט ער מארגין וועט ער גלייך תשובה טאן, חרטה האבין אויף זיינע שלעכטע מעשים, און נעמען אויף זיך צו גיין אין גאטעס וועג. און אזוי ווי די ספרי יראים שרייבין אז דער זינדיגער מענש וואס איז שוואך אין אמונה, איז פארין טויט קומט צו אים דער שטן און פארטומילט אים, ער זאל חלילה אבלייקענען די יסודות (פונדאמענטין) פון אמונה, בכדי ער זאל שטארבין איין אפיקורס און זאל פארשפילן זיין טייל אין עולם הבא. דרום בין איך מוסר מודעה מיט מיין גאנצין שכל,

מעשה אלפס

1) דער הייליגער ספר פרקי דרבי אליעזר און דער הייליגער ספר ראשית חכמה ברייגנט א מעשה: עס איז געוועזין אגרויסער מאן א רבי, וועלכער איז געוועזן פריהער אגזלן, ער איז געזעסין אויפ'ן וועג מיט נאך 2 גזלנים, און ווער עס איז פאר ביי זיי געגאנגען האבען זיי אים בערויבט און געשלאגען. האט ער זיך בעדאכט וואס וועט זיין זיין תכלית, ער וועט דאך אייביג ניט לעבין, ער וועט דאך דארפען געבען

שערי ציון

א) תשובה הייסט, דאס דער מענש זאל בעטין ביי דעם בורא יחיד סליחה ומחילה אויף די פאריגע זינדע, און נעמען אויף זיך ערינסט דאס

אַז אִיךְ גְלויבּ אִין דִי 13 אֲנִי מַאֲמִין'ס וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרַיין אוּנְטֶער דְרַיי שָׁרָשִׁים (ווארצלען), וַוייל דֶער „עֵץ הַחַיִּים" (דער לעבינס=בוים) פוּן אֱמוּנָה, וָואס זַיינֶע פרוּכְט פֶּערְשַׁאפִין דֶעם מֶענְשִׁין עֶווִיגֶעם לֶעבֶּן. אִיז גִיגְרִינְדֶעט אוֹיף דְרַיי הוֹיפְּט-וָוארְצְלֶען וָואס פוּן זֵיי שְׁפְּרֵייטִין זִיךְ פוּנַאנְדֶער 13 צְוַויינִין (דאס איז די 13 אני מאמין'ס). דֶער עֶרְשְׁטֶער וָוארְצִיל אִיז „מְצִיאוּת הַשֵׁם" אִיךְ גְלוֹיבּ אַז עֶס אִיז דָא אַגָאט. דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט וָואס מִיר זֶעהֶען וָואס זִי אִיז גִיבּוֹיט מִיט פִיל חָכְמָה, דִי אַלֶע טֵיילִין וֶועלְט (אזיע, אפריקע, יעוראפע, אמעריקא, אוסטראליע). דִי גְרוֹיסֶע מֶערְקְווִירְדִיגֶע יַמִּים, דִי מִילְיָאנֶען וָוארְטִין בְּרוּאִים. דִי הִימֶל מִיט אַלֶע שְׁטֶערִין וָואס יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער פוּן זֵיי אִיז טוֹיזֶענְדֶער מָאל גְרֶעסֶער וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט (נור ווייל זיי זיינען זייער הויך זעהען זיי אויס קליין), הָאט דָאס אַלֶעס גִיבּוֹיט דֶער גְרוֹיסֶר אֵיינְזִיגֶער דָאס אִיז דֶער בּוֹרֵא עוֹלָם יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ. אוּנ עֶר אִיז דִי נְשָׁמָה (די לעבּהאפט) פוּן אַלֶע זַאכֶן, אוּנ אַלֶע מִינוּט אִיז עֶר אִין זֵיי מַשְׁפִּיעַ אַיין קְרַאפְט זֵיי זָאלִן נִיט אוֹיפְהֶערִין, נוּר שְׁטֵיין עֶווִיג אוֹיף זֵייעֶר בֶּעשְׁטַאנְד, וִוי עֶר הָאט זֵיי גִישְׁטֶעלְט (אזוי ווי מ'ציהט אהן אזייגער ער זאל זיך נים שטעלין). אוּנ בַּיי אִים אִין הַאנְד אִיז דִי מַאכְט זֵיי צוּ עֶנְדֶערִין וִוי זַיין רָצוֹן אִיז. אַזוֹי וִוי מִיר הָאבִּין גִיזֶעהֶן אִין מִצְרַיִם, עֶר הָאט גִיעֶנְדֶערְט דִי גַאנְצֶע סִדְרֵי בְּרֵאשִׁית (די נאטור) צוּ רַאטֶעוֶוען אוּנ גֶעבִּין כָּבוֹד דִי קִינְדֶער פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ. פוּן דֶעם שׁוֹרֶשׁ גֵייעֶן אַרוֹיס דִי עֶרְשְׁטֶע 5 צְוַויינִין (די 5 אני מאמין'ס וואס אין סדור שטיים). אוֹיךְ בִּין אִיךְ מַאֲמִין אִין דֶעם צְוֵוייטִין שׁוֹרֶשׁ „תּוֹרָה מִן הַשָּׁמַיִם" אַז דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִיז אוּנְז גִיגֶעבִּין גִיוָוארִין פוּן הַשי"ת דוּרְךְ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ ע"ה. אוּנ אַזוֹי וִוי הַשי"ת אִיז אַיין נִצְחִיִי (עוויגער) אַזוֹי וֶועט דִי תּוֹרָה זַיין עֶווִיג, זִי וֶועט קַיין מָאל נִיט גִיעֶנְדֶערְט וֶוערִין אוֹיף דָאס מִינְדֶעסְטֶע (פוּן דֶעם שׁוֹרֶשׁ גֵייעֶן אַרוֹיס דִי מִיטֶלְסְטֶע 4 אֲנִי מַאֲמִין'ס). דֶער דְרִיטֶער שׁוֹרֶשׁ אִיז „שָׂכָר וָעוֹנֶשׁ". אִיךְ גְלוֹיבּ אַז דֶער עֶווִיגֶער בֶּעצָאלְט גוּטֶעם פַאר גוּטֶע

עֶר זָאל וִוידֶער דִי זֶעלְבֶּע זִינְד נִיט טָאן, וֶוען אִיהם צוּ דֶער הַאנְד קוּמְט דָאס זֶעלְבֶּע זִינְד, אוּנ עֶר הַאלְט זִיךְ דֶער פוּן אָפּ אוּנ עֶר טוּט נִיט, דָאס הֵייסְט

אַיין

דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדֶער זַאךְ, עֶר הָאט אַוֶועק גִילָאזִין דִי 2 גוּטֶע חֲבֵרִים זַיינֶע, אוּנ הָאט תְּשׁוּבָה גִיטָאן מִיט'ן גַאנְצִין הַארְצִין, עֶר הָאט זִיךְ אָן גִישְׁטְרֵיינְגְט מִיט אַלֶע מֶעגְלִיכְקֵייט אָבּ צוּ גֶעבִּין דִי גְזֵלוֹת וֶועמֶען עֶר הָאט גוּרְגִיקָאנְט, אוּנ שְׁטֶענְדִיג גִיבֶּעטֶען מִתְפַּלֵל גִיוֶועזְן לְהשי"ת דָאס עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. דִי

פארינע

מעשים און פאר גוטע גידאנקען , און ער שטראפירט פאר שלעכטע מעשים און פאר שלעכטע גידאנקען . דער שכר אדער דער עונש איז אמאל פער מזומן, היינו מען ווערט בעלאהנט אדער שטראפירט גלייך אויפן ארט, און אמאל האנדעלט זיך דאס אויף קרעדיט (ווי די חכמה עליונה רעכינט אוים וואס גלייכער איז פארין מענשן), היינו אז דער מענש טוט גוטעס שרייבט דער בורא אונטער אוועקסיל (אני ה' נאמן לשלם שכר). און ווען דער מענש טוט שלעכטעס שרייבט דער מענש אונטער אוועקסיל. אויב מען טוט ניט תשובה פארין גיין שלאפין שרייבט די נשמה אונטער (אלע ביי נאכט) אין הימל-בוך וואס זי האט זיך פאר-שולדיגט. אין דעם שורש איז נכלל די לעצטע אני מאמין'ם אז דער בורא ב"ה וועט אונז שיקן משיח צדקנו ווען אויך ער פאר זאמט זיך, פאל איך ניט פון מוטה און האף אלע טאג דאס ער וועט נאך קומען (ובא לציון גואל). און איך גלויב ריכטיג אין „תחית המתים" ווען אויך דער קערפער איז פערברענט גיווארין, וועט דער בורא אים צו זאמען שטעלין צוריק ווי גיוועזן און אריין געבין אין אים די אויסגילייטערטע נשמה. די אלע עקרים גלויב איך מיטין גאנצין הארצין . אויב חלילה איך וועל ניט זיין ביי מיין גאנצין שכל און דער שטן וועט וועלין מיר אראב פירין פון רעכטן וועג, בין איך דאס היינט אלעם מבטל בחרם הנשבר (ווי אצובראכענער שערביל), נור ווי איך גלויב היינט מיט מיין קלארין שכל, זאל דאס אקיום האבין ביז מיין לעצטע מינוט, אמן.

תחנה אב הרחמים (אוים גיסין די הארץ פאר השי"ת).

ערבארימינער פאטער . ווען איך דער מאן זיך דיין גרויסקייט און דיין חכמה, פאלט אויף מיר אשרעק. ווי מען דער ציילט, אז אבערימטער מייסטער האט גיבראכט אויף אוועלט וויסטאווקע אוואונדערליכע זאך, אשטול מיט אקליין פים ביינקעלע ,

פארינע , ער האט גידאווענט ערענסט, ער האט גיגעבין פיל צדקה , גילערינט פיל תורה ביז ער איז געווארין אגרויסער מאן ארבי . אין דעם זעלבין טאג וואס דער רבי איז נפטר גיווארען , זיינען די צוויי גזלנים אויך גישטארבען, האט מען אים דעם רבי, גיגעבין זיין חלק אין גן עדן, און די 2 גזלנים האט מען געפיהרט אין גיהנם. האבין די 2 גזלנים גיפרעגט, פאר וואס קומט

איין אמתע תשובה, אויף אזוי א תשובה זאגין אונזערע היילגע חכמים : גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד, און

די קינסטלעריי וויפיל אין די ארבייט איז גילעגן איז ניט צו בעשרייבען, ביי טאג פלעגט דער שטול ארויס געבין פון זיך אגרויסין פלאם עלעקטרי, וואס האט אנגיווארימט דעם גאנצין געגענד, און ביי נאכט פלעגין ארויס שיינען פון אים דימענטין ווי שטערין אין הימל, וואס האבין בעלויכטין די גאנצע וויסטאווקע. דער ביינקעלע האט פון זיך ארויס גיגעבין אלערליי שמאקהאפטע בלומען. ווען מ'פלעגט איינגע אב רייסין פלעגט ער ארויס געבין אנדערע. אלע קינסטלער פון דער וועלט (וואס זיינען גיוועזן אויף דער וויסטאווקע) האבין זיך ניט גיקענט אב קוקין זאט אויף די קינסטליכע ארבייט, וואס דא ליגט. — מיר אלע (רופט זיך אוים אטעכנישער פראפעסער צו די פובליקע) דארפין זיך קניען און בוקין מיט גרויס עהרענפורכט צו דעם גרויסין מייסטער, וויפיל קונסט ער האט אריין גילייגט אין דעם קליין ביינקעלע, און אפשיטא אויף די פיל חכמה וואס ער האט אריין גילייגט אין די ארבייט פון שטול. — דאס גלייבען ליבער גאט, ווען מיר קענען דיר ניט זעהען און ערקענען דיין עצם גרויסקייט, אבער פון די וואונדערליכע וועלט קענען מיר דיר עטוואס ערקענען, ווי דער נביא ישעיה זאגט (שאו מרום עיניכם) הייבט אויף אייערע אויגען צום הימעל (וראו מי ברא אלה) און באטראכט אויף די קינסטליכע ארבייט פון די זון און אלע שטערין ווער האט דאס אלעס בעשאפין! רופט אויס דער גרויסער פראפעסאר משה רבנו (אין תהלים מזמור צט, רוממו ה׳ אלהינו) ערהייבט גאט דעם באשעפער און פיהרער (והשתחוו להדום רגליו) אפילו אזעלכע וואס האבין ניט אזא הויכע קאפ צו באטראכטין דעם שטול, דאס איז די הימל, ווי דער נביא זאגט (השמים כסאי) די הימל איז גאטעס שטול, ווען איר זאלט נור גוט בעטראכטין די חכמה נפלאה (די וואונדערליכע ארבייט) וואס ליגט אין פוס־ביינקעלע דאס איז די ערד (והארץ הדום רגלי), דארפט איר אייך זיך בוקין מיט עהרע פורכט פון ערשטוינונג פון די וואונדער איבער וואונדער וואס דא איז גיפאסט, וויפיל חכמה עס איז צו זעהען אין יעדער גרעזעלע, פון יעדער קערינדיל וואס מ'פאר זייט און ער

שערי ציון

די אלע זינדע וואס ער האט ביז אהער גיטאן ווערט אים גירעכנט צו מצות.

וויען

מעשה אלפס

דאס אים אזוי פיעל גוטעס, און מיר דארפין פערפינסטערט ווערען אין פינסטערין גיהנם, ער האט דאך גלייך מיט אונז געגאזעלט, גערייבט יעדערען, און מיט אונז אגלייכען טייל נינומען? האט השי"ת ניי גיענטפערט, ער האט תשובה גיטאן ווען ער האט נאך

נילעבט

ווערט צופוילט אין ד'ערד גייט ארויס אגרויסער בוים מיט צווייגין, וואס עס וואקסט אויף אים יאהר יערליך טייערע פרוכט צו ערקוויקען דעם מענשין, אונ אין יעדער עפעלע ליגט ווידער יאדערצקעס וואס פון יעדער יאדרע קען ווידער ארויס וואקסין אבוים מיט פרוכט, אונ אזוי ווייטער אונ ווייטער אן אגרעניץ. היינט וויפיל חכמה עס ליגט אין די מיליאנען ברואים וואס אויף דער יבשה. אונ די פיל ארטיקלען מאטעריאלין וואס מען גראבט פון ד'ערד, אונ אין די מיליאנען ברואים וואס אין ים. היינט ווער רעט וויפיל חכמה עס ליגט אין שטול אליין דאס איז די הימל מיט די זון אונ אלע פלאנעטין, דארף מען ניט ערשטוינט ווערין אונ זיך בוקין מיט עהרענפורכט צום גרויסין היליגען וועלט קינסטלער? היינט בין איך שוואכע פרוי אזוי נאריש גיווען אונ האב גיזינדיגט קעגין דיר. דרום פארכטיגער גאט, בעט איך דיר מיט אצובראכענע הארץ אונ מיט טרערין אויף מיינע אויגין, אז דו זאלסט ריינינגען מיין הארץ צו דינען דיר ערינסט, אונ אלע בייזע מעשים וואס איך האב גיטאן פון יוגינד ביז אהער, זאלסטו לאזין פאלין. אונ איך זאל זיין גליך ווי איך בין היינט גיבוירין ווי אקינד וואס איז ריין פון זינד, דען דו ווייסט דאך וואויל וואס איך האב גיזינדיגט קעגן דיר, איז ניט גיוועזן חלילה צו ערצערנען דיין היליגין נאמען, נור מיינע נארישקייט האט דאס מיט גיבראכט, אונ יעצט אז איך האב זיך עטוואס באדיינקט דיין גרויסקייט, איז מיין הארץ שרעקליך צו בראכין, אונ האב אמת חרטה אויף די נארישקייט וואס איך האב גיטאן, אונ בעט דיין רחמנות זאלסט מיר העלפין, ניט אום קערין זיך קיין מאל טאן אזעלכע נארישקייט, אזעלכע שפלה מעשים וואס זיי פאסען נור פאר אמענשין אן פארשטאנד. אונ איך האב אבטחון אויף דיין גרויסין חסד ורחמים, אז דו עפינסט די טויערין פון תשובה מקבל זיין די וואס ווילין אום קערין זיך צו דיר מיטין גאנצין הארצין, אונ פאר נעם מיין גיבעט אונ מיינע טרערין וואס איך

מעשה אלפס

גילעבט אונ נאך אין דער מעגליכקייט וואס ער האט ניקענט טאן די פערברעכען אונ פערדארבענהייט, דערפאר האב איך אים מוחל גיוועזן. אבער איהר האט קיין תשובה ניט גיטאן. האבין זיי גיזאגט, זאל מען זיי יעצט לאזען טאן תשובה וועלין זיי אויך טאן

שערי ציון

ווען אבער דער מענש רעט נור מיט'ן מויל אליין אונ אין הארצין מיינט ער עס ניט

פאר גים פאר דיר, אונ זאלסט מיר געבין פרנסה מיט רוהיגקייט אז איך זאל דיר קענען דינען מיט אפרייליכע הארץ. אונ איך זאל קענען מגדל זיין מיינע קינדער צו תורה אונ יראת שמים אונ מדות טובות, איך זאל פון זיי נחת האבין אויף דער וועלט אונ אויך אויף יענע וועלט צווישן די צדיקים וצדקניות וואס האבין פערגניגען מזיו השכינה, אונ זאלסט מיר דער נאך לעבעדיג מאכין צו תחית המתים ווען עס וועט זיין דיין גוטער ווילן במהרה בימינו, אמן.

תחנה צו פאר היטין די געזונד.

אנא ה' אלהים, איך בעט דיך רבונו של עולם וואס דו ביזט ארחום בדין, אשר בידך אפקיד רוחי, אין דיין האנד טוא איך בע-האלטין מיין נשמה, אין דער צייט אז איך שלאף, אונ אז איך טו זיך אויפוואכין, איך בעט פון דיר חסד ורחמים, דוא זאלסט מיך בענטשין אלע טעג, דאס מיין פירונג זאל געפינען חן אין דיינע אויגין אונ עס זאל חלילה קיין קראנקייט (רחמנא לצלן) ניט אריין קומען אין מיין הויז, הגם דו רבונו של עולם ביזט אונזער שומר ומציל (אונזער היטער) דאך האסטו געשריבען אין דער תורה הקדושה (תורה שבע"פ) דאס דער מענטש זאל זיך ניט סומך זיין אויף נסים, טאמער האט ער עטוואס פערזינדיגט. אונ ווען דער מענטש היט זיך, היט אים דער רבונו של עולם אויך, דו זאלסט אויך מיר שענקען דעת, איך זאל וויסען ווי צו היטען מיין געזונד, מיין מאנס געזונד מיט דעם געזונד פון מיינע קינדערלאך, דאס מיר זאלין האבין כח צו עבודת הקדש צודינען דיר בלב תמים, ווי דער הייליגער רמב"ם שרייבט, דאס אין אגעזונטין קערפער, קאן דער שכל זיין פעסטער, אונ קען זיין ווייט פון אטעות מעהר ווי א שוואכער קערפער, בפרט נאך אין היינטיגע צייטין וואס די פרנסה איז זייער שווער, דארף מען שטארק אין זינען האבין זיך די כוחות צו שטארקין, אונ דער עיקר איז צו זיין א „שמח בחלקו", איך זאל חלילה ניט מקנא זיין אצווייטע אשה, אויף איר גוט עסין,

---

שערי ציון

ניט, איז דאס געגליכען ווי איינער איז זיך טובל אונ האלט אטויטין שרץ אין האנד.

מה

מעשה אלפס

טאן תשובה. זאגט השי"ת, תשובה העלפט נור ווען מען לעבט, אבער ניט נאכ'ן שטארבען. דער פאר מוז דער מענש זעהען צו טאן תשובה אין די צייט פונעם לעבען, דאס הייסט אלע טאג, דאן וועט ער זוכה זיין צו אלע גוטעס אייבּיג.

דער

אוּנ אוֹיף אִירֶע טַייעֶרֶע מַלְבּוּשִׁים, אוּנ אוֹיף אִירֶע צִירוּנג, אִיךְ זָאל נָאר מְקַנֵא זַיין אִיר גוּטֶע אִידִישֶׁע אוֹיפְפִירוּנג, אוּנ מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט מִיךְ מְטַבֶה זַיין, זָאל אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן. דָאס אִיךְ זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ, אוּנ אִין מַיין שְׁטוּב זָאל קַיין קִנְאָה וְשִׂנְאָה 1) נִיט זַיין, אִיךְ זָאל חָלִילָה נִיט וִויסֶען פוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶס זָאל קַיין קְלָלָה נִיט אַרַיין קוּמֶען אִין מַיין הוֹיז, אוּנ וַוייל עַל פִּי רוֹב וַוייבֶּער זַייֶען מִיט שְׁוַואכֶע דֵעוֹת, בֶּעט אִיךְ דִיךְ רבש"ע, דוּ זָאלְסְט שְׁטַארְקִין מַיין שֵׂכֶל, אַז אִיךְ זָאל קָאנֶען אַוֶועקְלֶעגֶען פֶערְדָארְבֶּענֶע גִידַאנְקֶען פוּן מִיר פַארְטְרַייבִּין, אוּם עֶס זָאל קֶענֶען רוּהֶען דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁפַע פַּרְנָסָה וְהַצְלָחָה אִין מַיין שְׁטוּב, דָאס אִיךְ זָאל קָאנֶען גֶעבִּין צְדָקָה מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע הָארְץ, אוּנ אִיךְ זָאל זִיךְ קָאנֶען שְׁטֶעלִין תְּפִלָּה טָאן מִיט רֵיינֶע גִידַאנְקֶען, אוּנ דוּ זָאלְסְט מְמַלֵא זַיין כָּל מִשְׁאֲלוֹת לִבֵּנוּ לְטוֹבָה, אָמֵן סֶלָה:

תְּחִנָּה אוֹיף רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת (בשעת תפלה).

פָארְבַּטִיגֶער גָאט! מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק שְׁטֶעל אִיךְ מִיר פַאר דִיר מִתְפַּלֵל זַיין, וַוייל דוּ וֵוייסְט אַלֶע גִידַאנְקֶען פוּן מֶענְשֶׁן, קֵיינֶער פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מַלְאָכִים וֵוייסִין נִיט וָואס דֶער מֶענְשׁ טְרַאכְט נוּר דוּ אַלֵיין וֵוייסְט, פוּן דִיר אִיז קֵיינֶע פַארְבָּארְגֶענִים נִיטָא. בֶּעט אִיךְ דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטִין נוּר גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת וֶועגִין דַיין בַּארְבַּטִיגְקֵייט, אוּנ וֶועגִין גוּטֶעס טָאן וִוי דַיין הֵיילִיגֶער רָצוֹן אִיז, וִוי דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט (סעפים שנאתי) שְׁלֶעכְטֶע גִידַאנְקֶען הָאבּ אִיךְ פַיינְד (ותורתך אהבתי), נוּר דִי גִידַאנְקֶען פוּן דַיין תּוֹרָה הָאבּ אִיךְ לִיבּ, וּבִפְרָט בִּשְׁעַת תְּפִלָּה זָאל מִיר נִיט פָארְקוּמֶען קַיין אַנְדֶערֶע גִידַאנְקֶען, נוּר דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל. בָּרוּךְ שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה.

תְּפִלַּת מַה טֹבוּ.

מַה טֹבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל א): וַאֲנִי בְּרֹב חַסְדְּךָ אָבֹא בֵיתֶךָ, בִּזְכוּת אַבְרָהָם שֶׁנִּקְרָא אִישׁ

מעשה אלפס

1) דֶער תַּנָא אִין פִּרְקֵי אָבוֹת בְּרֵיינְגְט דָאס הַקִנְאָה, נֵייד, וְהַתַּאֲוָה, וָואללוּסְט, וְהַכָּבוֹד, עֶהרֶע-זוּכְט. נֶעמְט צוּ דִי יָאהרֶען פוּן מֶענְשֶׁען פַאר דִי צַייט. מִיר ווִעלֶען דָאס עֶרְקְלֶערֶען מִיט אַ מָשָׁל: אַגוּטְבֶּעזִיטְצֶער הָאט אָבְגִינֶעבֶּען זַיין אִיטֶעיֶיע אִין אַרֶענְדֶע, מִיט דֶעם בֶּעדִינְג אַז דֶער אַרֶענְדַאטָאר זָאל

שערי ציון

א) מַה טֹבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל, דִי תְּפִלָּה אִיזְט אוּנְז

הַחֶסֶד. אֶשְׁתַּחֲוֶה אֶל הֵיכַל קָדְשְׁךָ, בִּזְכוּת יִצְחָק שֶׁנֶּעֱקַד עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ, בְּמָקוֹם קָדוֹשׁ. בְּיִרְאָתֶךָ, בִּזְכוּת יַעֲקֹב
שֶׁאָמַר מַה נּוֹרָא הַמָּקוֹם הַזֶּה:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם בִּזְכוּת שְׁלֹשֶׁת אָבוֹת אֵלוּ אָבוֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת לְהִתְפַּלֵּל לְפָנֶיךָ, וּבִזְכוּתָם תַּעֲלֶה תְפִלָּתִי תְּפִלַּת הָאֶבְיוֹן לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן לִפְנֵי כִּסֵּא כְבוֹדֶךָ, וְתַעֲלֶה וְתִתְנַשֵּׂא לְכֶתֶר עַל רֹאשְׁךָ אָמֵן סֶלָה: אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד עַל הַמִּזְבֵּחַ לֹא תִכְבֶּה: סֵעֲפִים שָׂנֵאתִי וְתוֹרָתְךָ אָהָבְתִּי: יְהוָה אָהַבְתִּי מְעוֹן בֵּיתֶךָ וּמְקוֹם מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ: וַאֲנִי אֶשְׁתַּחֲוֶה וְאֶכְרָעָה אֶבְרְכָה לִפְנֵי יְיָ עוֹשִׂי: וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ יְיָ עֵת רָצוֹן, אֱלֹהִים בְּרָב חַסְדֶּךָ עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ:

תְּחִנָּה מַה טֹּבוּ.

מַה טֹּבוּ. ווי גוט און טייער זיינען דיינע גיצעלטין יַעֲקֹב, דָאס אִיז די וויבערשע שולין וואו אידישע טעכטער קלייבין זיך אויף צו לויבין גָאט, און (ווי גוט און האכגישעצט איז) דיינע רוהע ערטער יִשְׂרָאֵל, דָאס איז די הייליגע שולין און בָּתֵּי מִדְרָשִׁים וָואס מאנס לייט קומען דָארטין לערנען און דאווענען. (וַאֲנִי) מיט דיינע פיל חֲסָדִים (וואס מען ערלויבט אונז אין גלות בויען שולין און בתי מדרשים) קום איך אין דיין הויז צו בעטין פאר דיר בִּזְכוּת אונזער פָאטער אַבְרָהָם וָואס ער ווערט גירופין „אִישׁ חֶסֶד", ווייל ער האט גיטאן זייער פיל גוטעס מיט אלע מענשין (אֶשְׁתַּחֲוֶה) איך טו מיר בוקען צו דיין הייליגען הֵיכָל בִּזְכוּת אונזער פָאטער יִצְחָק, וָואס ער האט זיך גילאזט בינדין צו דער עֲקֵדָה אויף דעם מִזְבֵּחַ אין דעם הייליגין אָרט „מוֹרִיָּה" (וואס נאכהער איז דער בית המקדש דארטין גיבויט גיווארין)—(בְּיִרְאָתֶךָ) מיט עהרע פורכט, בִּזְכוּת אונזער פָאטער יַעֲקֹב, וָואס ער האט אָן גירופין דעם הייליגען אָרט (פון בֵּית הַמִּקְדָּשׁ) מיט דעם נָאמען „נוֹרָא" וָואס פאר איין פארכטיגער אָרט דָא

געשטעלט גיווארען צו זאגן פאר אלע תפלות, אום צו בעווייזן ווי הייליג איז אונזערע שוהלען און בתי מדרשים, דאס בלעם הרשע דער גרעבטער פיינדע פון די

זעהן טאבין די רעכאנטין וואס עם וועט זיך פאדערין אין דער אימעניע, דאס וועט זיך אבערעבענען פון די דירה געלט וואס ער דארף צאהלען, דער גוטבעזיטצער אליין איז אוועק גיפארין אין אויסלאנד, עס איז אוועק איניגע יאהר, איז דער גוטבעזיטצער גיקומען און גיפאדערט אחשבון וואס ער האט אויבגיגעבין אויפ'ן רעמאנט, און די

איבערינגע

אִיז׃ רבש"ע בִּזְכוּת דִי דְרַייא הֵיילִיגֶע אָבוֹת קוּם אִיךְ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר מַיין תְּפִלָּה, אוּנ דוּרְךְ זֵייעֶר זְכוּת זָאל אָנְגִינוּמֶען זַיין מַיין תְּפִלָּה צוּ גוּטִין גִיפֶעלִיגְקַייט פַאר דִיר, אַזוֹ וִוי דוּ הָאסְט אָנְגִינוּמֶען דִי קָרְבָּנוֹת בְּעֵת מִיר הָאבִּין גִיהַאט אַבֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּנ אִיךְ בֶּעט בַּייא דִיר, גָאט, אִין אַצַייט פוּן גוּטִין ווִילִין עֶנְטְפֶער מִיר, דוּרְךְ דַיין גְרוֹיסֶע גְנַאדֶע, מִיט אַרִיכְטִיגֶע הִילְף׃

אַנַייעֶ תְּחִנָּה נָאךְ מַה טוֹבוּ׃

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה נָאךְ דֶעם פָּסוּק „מַה טוֹבוּ״ שְׁטֵייט גִישְׁרִיבֶּען „כִּנְחָלִים נִטָּיוּ״ דָאס הֵייסְט אַז דִי שׁוּלִין אוּנ בָּתֵּי מִדְרָשִׁים וואוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֶערְנֶען אוּנ דַאוְונֶען זַיינֶען גֶעגְלִיכֶען צוּ פְלִיסֶענְדֶע טַייכִין וָואס רֵיינִיגֶען דֶעם מֶענְשִׁין, וֶוען מֶען אִיז טָמֵא אוּנ מֶען אִיז זִיךְ טוֹבֵל אִין טַייךְ וֶוערְט מֶען טָהוֹר, דָאס גְלַייכִין דִי שׁוּל, דֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ, וֶוען דֶער מֶענְשׁ אִיז טָמֵא דוּרְךְ זַיינֶע זִינְד אוּנ גֵיכְט אוֹיס זַיין הַארְץ אִין דַאוְונֶען, עֶר לֶערִינְט תּוֹרָה וָואס זִי מַאכְט לִיכְטִיג דִי אוֹיגִין צוּ זֶעהֶען דִי וִויכְטִיגְקַייט פוּן אַמִצְוָה אוּנ דִי שִׁפְלוּת פוּן אַיין עֲבֵרָה, וִוי עֶר הָאט זִיךְ שָׁפֵל גִימַאכְט מִיט זַיין שְׁלֶעכְטִין פִירוּנְג אוּנ הָאט חֲרָטָה אוּנ בֶּעשְׁלִיסְט זִיךְ פֶעסְט צוּ פַארְבֶּעסֶערִין זַיינֶע מַעֲשִׂים וֶוערְט עֶר טָהוֹר פוּן אַלֶע זִינְד. אַז מִיר נֶעמֶען טִיפֶער בַּאטְרַאכְטִין דַיינֶע הֵיילִיגֶע רֵייד, זֶעהֶען מִיר וָואס פַאר אַקְלוּגֶער מוּסָר דָא לִיגְט, אַזוֹי וִוי דֶער מֶענְשׁ וָואס שְׁטֵייט אִין טַייךְ מִיטִין גַאנְצִין קֶערְפֶּער נוּר דִי קָאפּ, דֶער מוֹחַ אִיז אוֹיסֶער דֶעם טַייךְ, קֶען עֶר דָאךְ נִיט וֶוערִן טָהוֹר פוּן זַיין טוּמְאָה, דָאס גְלַייכִין דֶער וָואס אִיז אִין שׁוּל, אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ נוּר זַיין קָאפּ, זַיין מוֹחַ אִיז אִין דְרוֹיסִין,

---

מעשה אלפס

אִיבֶּערִיגֶע זָאל עֶר אִיהם דֶערְצֶעלִין, דֶער אַרֶענְדַאטָאר הָאט אִיהם בֶּעוִויזֶען זֵייעֶר פִיל אוֹיסְגַאבֶּען, דֶעם שֵׁייעֶר הָאט עֶר גִידֶעקְט מִיט בְּלֶעךְ, עֶר הָאט פֶערְפְלַאנְצְט אַגְרוֹיסִין גָארְטִין, אַבְּרוּנֶעם, אוּנ דָאס גְלַייכֶען. דָאס אַלֶעס הָאט עֶר גִיזֶעהְן בַּייא אַשְׁכֵן, הָאט עֶר אִיהם נָאךְ גִיטָאהן. הָאט אִיהם דֶער גוּטְבֶּעזִיטְצֶער גִיעֶנְטְפֶערְט, אִיךְ קֶען דַיין רֶעכֶענוּנְג נִיט אָנְנֶעהמֶען, וַוייל דוּ הָאסְט דָאךְ דָאס גִימַאכְט נוּר פוּן קִנְאָה וֶועגְן, אָבֶּער

איך

שערי ציון

דִי אִידִין, הָאט גֶערִיהמְט דִי אִידִין נוּר מִיט דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן זֵייעֶרֶע שׁוּהלֶען אוּנ הָאט גִיזָאגְט: מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל, וִוי דִי חז"ל הָאבִּין אוּנְז עֶרְקְלֶערְט אַז דָאס הָאט עֶר גִימֵיינְט אוֹיף אוּנְזֶערֶע שׁוּהלֶען אוּנ בָּתֵּי מִדְרָשִׁים. נַאכְהֶער זָאגֶען מִיר דֶעם פָּסוּק וַאֲנִי בְּרֹב חַסְדְּךָ כו׳, הֵייסְט עֶס אַז צוּ

אנרעסערין

כלומר, ער פארגעסט אז ער איז אין שול, ער רעכינט ער איז גאר אופ'ן מארק אונ ערלויבט זיך צו ריידין פוסטע רייד, ובפרט ביי חזרת הש"ץ אדער אין קריאת התורה, ובפרט נאך לשון הרע אונ מחלוקת, קען די היילינקייט פון שול אויף אים גאר ניט ווירקין צו ריינינגען אים, דרום איז זי גיגליכען צו א טייך, דער טייך איז מטהר דעם טמא, נור אז דער קערפער מיטין מוח איז אונטער גיטונקט אין גאנצין אין וואסער. אזו מוז דער מענש זיין אין שול מיטין קאפ אונ מוח, ער דארף באטראכטין וואו ער גיפינט זיך יעצט, ווי יעקב אבינו האט גיזאגט (מה נורא המקום הזה!) אה ווי פארכטיג איז דער היילינער ארט (אין זה כי אם בית אלהים) דאס איז די געטליכע הויז, מקדש מעט (דער קליין בית המקדש), דאן ווירקט אויף אים זיין דאווענן, זיינע תחנות, ווייל מאכן זיין הארץ אונ אנגיסין איר מיט אהבה אונ יראה, אז אפילו קומענדיג אין שטוב, אין גישעפט זאל מען גידיינקען אז מען איז אברהם אבינו'ס איין אייניקעל, האנדלין ערליך אונ טאן טובות מענשין. אונ אזוי ווי איך וויים, אז מיר שוואכע פרויען ווערין זייער פיל נכשל אין די גרויסע זינד פון ריידין אין שול, ובפרט בעת חזרת הש"ץ אונ קריאת התורה וואס די עבירה פון דעם איז זייער גרויס, בעט איך דיר דו זאלסט מיר העלפין אריין נעמען דיינע היילינע רייד אין גידאנקען, אוים היטין זיך פון די שרעקליכע עבירה, איך זאל נאך זיין א מוסר פאר די איבעריגע ווייבער, זיי זאלין זיך פון מיר לערנען ווי צו זיצין מיט דרך ארץ אונ הכנעה אין שול, וועל איך נאך זיין א מזכה רבים, ובזכות זה זאלסטו צו הערין מיינע תפלות אונ תחנות אונ זאלסט מיר געבין אגרינגע גימיטה אונ נחת פון קינדער, אמן.

שערי ציון

אגרעסערין פון זיך אונ ווען נאך צו אמלך איז ניט מעגליך צו צו קומען אן זיין ערלויבניסע, אונ גאט דער מלך מלכי המלכים מיט זיין גרויס גנאדע האט מיך ערלויבט אריין צו גיין אין זיין היילינע הויז ווען נור איך וויל, דאהער ביינע איך אונ קניע מיך פיר זיין גרויסע עהרע מיט עהרע פורכט. אונ ניט אלעס פורכט אליין, נאר אוים גראבסע

מעשה אלפס

איך דארף דאס ניט, יעצט וועסטו מיר איינצאהלין אין גאנצין פיל עם קומט אוים די ארענדע געלט איז גוט, אונ ווען ניט קלייב זיך ארוים. דער נמשל איז, דער מענש איז אויף דער וועלט נור א שכן, אונ דער בעל הבית איז נור השי"ת, אונ דער מענש דארף צאהלין ארענדע, נור מיט תורה ומצות ומעשים טובים, ער ווייזט איין גאנצין חשבון פון מעשים וואס ער האט גיטאהן, אבער דעם חשבון נעמען ניט אן די בית דין של מעלה, טייל דאס האט

רבון העולמים, הער פון אלע וועלטין, ניט אויף דעם רעכענונג פון אונזערע מעשים טובים · לייגין מיר פאר אונזערע תחנות ובקשות פאר דיר, נור מיר פערטרויען זיך אויף דיינע גרויסע בארימהערציגקייט, ווייל אויף אונזערע מעשים האבין מיר ווייניג וואס צו בויען, (מה אנו) וואס זיינען מיר? מיר זיינען פון אשטיק ערד· אונ וואס פאר אווירדע האט אונזער קורצער לעבין קעגין די גרויסע עוויגע וועלט? אונ וואס פאר אווערדע האבין אונזערע חסדים? ווייל דאס מערסטע מיינען מיר גאר פון אייגען־נוצין וועגין, מיר טוען מיט יענעם חסד, בכדי יענער זאל מיט אונז טאן חסד ווען מיר וועלין דארפין, דאס גלייכין ווען מיר דאוונען מיינען מיר אויך אונזער טובה, מיר זאלין גיהאלפין ווערין, אויך ווען מיר זיינען עוסק אין תורה, פערגנב'ת זיך בייא אונז אפט מאל פניות מ'זאל אונז געבין כבוד. (מה כחנו) די קרעפטין וואס מ'דארף אנווענדין צו טאן מצות איז אויך זייער שוואך, אונ די גבורה וואס מ'דארף זיך שטארקין קעגין דעם יצר הרע (נים עובר צו זיין אין עבירה) איז אויך גאנץ ווייניג, דרום פאלין מיר פיל מאל אריין אין זיין האנד· — אונ אויך די 3 מעלות וואס דער מענש שטאלצירט מיט דעם, דאס איז „גבורה אונ עשירות אונ חכמה", קען מען זיך מיט דעם אויך ווייניג איבער נעמען, ווייל דעם גרעסטין גבור צו ברעכבסטו אין איין אויגין בליק, ווי מיר זעהען, אז מענשין וואס זיינען שטארק ווי שטאבעם אייזין ווערין פלוצלונג קראנק אונ שטארבין אין איניגע טעג, היינט קען זיך שוין אמענש איבער נעמען מיט זיין גבורה? אונ דאס זעלבע וואס פאר אווירדע האט די רייכקייט, אז אין איין מינוט קען ער אריין פאלין אין אגרויסין אונגליק וואס עס זאל ווערין פון אים אתל· אונ דאס

מעשה אלפס

ער גיטאהן פון קנאה, יענע נאך פון תאוה, אדער פון כבוד וועגין, אבער אלץ ניט לשם שמים, הייסט מען אים גלייך פון דער דירה הערוים, אונ שטארבט פאר דער צייט, דאס הייסט הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את־האדם מן העולם, ער געהט פון דער וועלט אוועק פאר דער צייט. דער פאר מוז דער מענש זעהן דאס יעדער זאך וואס ער טוט, דארף זיין אלץ לשם שמים, עס זאלין צו פרידין זיין גאט אונ לייט·

שערי ציון

ליבע פונעם הארצען ביינגע איך מיך, אויך זאגען מיר ואני תפלתי וכו' הייסט עס, מיין גיבעט איזט דער ביי, דאס גאט זאל ערפיללען מיין פערלאנג נאר וואס מיך וועט גוטעס ברייגגען אין א אמת, וויא מיר גיפינען באיי יוסף'ן, דאס זיינע שלעכטעס האט אים צום גרעסטין גליק געבראכט, דעריבער

גלייכין קען זיך אמענש ניט איבערנעמען מיט זיין חכמה, ווייל וואס פאר אווירדע האבין אלע חכמים קענין דיין חכמה? אויך קענסטו שיקין הלילה אויף אמענשין אקראנקהייט וואס די גרעסטע פראפעסארין און חכמים זאלין ניט זיין אים-שטאנד אים אויס צו היילין, אלזא האבין מיר אויף אונזער חכמה ווייניג וואס צו פארלאזין זיך, און אונזער פאר-טרויען זיך איז נור אויף דיין רחמנות, ווייל מיר זיינען דיין פאלק, וואס מיר זיינען פאר בונדין מיט דיר דורך די תורה וואס דו האסט אונז גיגעבין. מיר זיינען די קינדער פון דיין גיליבטען אברהם וואס דו האסט אים צו גישווארין אויף דעם בארג מוריה, מיר זיינען די קינדער פון זיין איינציגין זון יצחק, וועלכער האט זיך גילאזט בינדין אויף דעם מזבח, אפפערין זיך וועגין דיין היילעגען נאמען. מיר זיינען די גימיינדע פון דיין היילעגען יעקב וואס וועגין די ליבע וואס דו האסט אים גיליבט און דיין פרייד וואס דו האסט זיך מיט אים גיפרייט האסטו אים גירופין מיטן נאמען „ישראל" און „ישורון". (לפיכך) דרום נעמען מיר זיך מוטה און מיר רעכענען דאס פאר אחוב צו דאנקען דיר און צו רידהמען, צו לויבין און צו היילעגען און געבין איין לויב-גיבעט און אדאנק צו דיין נאמען.

שערי ציון

ענדיגען מיר און זאגען, ואני תפלתי לך יי עת רצון אלהים ברב חסדך ענני באמת ישעך. און ווייל מיר האבען דא ארויס גיזעהן ווי הייליג איזט אונזערע שוהלען און בתי מדרשים, דאהער מוז דער מענש זיך דארט אויך הייליג האלטען, ניט ארייין געהן שכוציג, זיך אפ היטען דארט פון דברים בטלים, ומכל שכן לשון הרע, מחלוקת, ווארום די זאבין האלט אפ, דאס די תפלות זאל ניט אנגינומען ווערען אין הימעל, ר"ל.

מעשה אלפס

1) אין ספר אליהו הנביא וואס ער רופט זיך אן „תנא דבי אליהו" (פכ"א) שטייט דארטין אז אוב מ'זאל ווערט זיין מתפלל זיין די תחנה אז מיר בויען אויף דעם זכות וואס מיר זיינען די קינדער פון די הייליגע אבות (אברהם יצחק ויעקב), דארף מען זעהן איין צו שאפין זיך זייערע מדות, היינו ווי אברהם איז גיוועזן איין „ירא אלהים" דארף מען זעהן צו זיין שטענדיג גאטס-פארכטיג, סיי אפין און סיי בעהאלטין, און זיין איין „מודה אויף אמת", היינו ווען מען טוט אמאל א נארישקייט זאל מען זיך ניט עקשנ'ען און וועלין זיך פארענטפערין מיט שקרים, ווייל מען פלאנטערט זיך אריין אין מער פעלערין, נור מ'זאל בעסער מודה זיין אז מ'האט גיטאן אפעלער, (גיוואהנליך וועט מען זעהן פארזיכטיג זיין אז ווייטער זאל דאס ניט גישעהן), און ניט אזוי מיט'ן מויל מודה זיין אויף דעם אמת (ווייל מען איז גינייט) נור אויך מיט'ן הארצין, דאן ווען מ'איז נאהענט צו אמת איז מען נאהענט צו אלע מדות טובות, און מ'איז זיכער אז די תפלות וועט אנגינומען ווערין.

וואהל איז אונז, ווי גוט איז אונזער חלק (טהייל), אונ ווי ליבליך איז אונזער „גורל", אונ ווי שיין איז אונזער ערב טהייל 1), וואהל איז אונז, דאס אלע פריה־מארגין אונ אווענד זאגין מיר צוויי מאל טעגליך: (שמע ישראל) א) העער (און נעם אריין און גידאנקען) ישראל (ה' אלהינו) דער עוויגער אונזער גאט (ה' אחד) איז דער איינציגער גאט. (ברוך) געלויבט איז דער נאמן פון גאט, די העררליכקייט פון זיין הערשאפט איז גילויבט אויף עוויג.

תחנה שערי דמעות (מתפלל צו זיין מיט טרערין).

רבונו של עולם, איך קום יעצט אוים גיבין פאר דיר מיין הארץ, וואס זי טראגט אין זיך גרויסע וואונדין, נור איך וויים ניט אויף וואס פריער צו בעטין אויב אויף מיינע קערפערליכע זאכין, אדער אויף די זאכין פון מיין נשמה, ווייל איך בין צו וואונדיגט אונ צו שטויסין אין ביידע זאכין. אין מיין גוף בין איך צו שטויסין עס פעלט מיר פרנסה, יעדער גילדין איידער איך פאר דין קומט מיר אן מיט גרויסע שווערעניעס, ווייל די קאנקורענציע איז זייער גרוים, אויף יעדער שטיקעלע גישעפט, איז באפאלין הונדערטער קרעמער, עס איז כמעט מער קרעמער ווי קונים. אונ וואלט איך נאך האבין די שטיקעלע קערעוואניע וואלט איך זיך נאך ווי עס איז געמאטערט. אבער דאס פעלט מיר אויך. איך דארף זיך מאטערין מיט גמילות חסדים, אונ אז איך דארף אב געבין דעם גמילות חסד מוז איך לויפען לייען אנדערם וואו, ארוים נעמען די שויב אונ אריין שטעלין אין די צווייטע, אונ אמאל קריג איך ניט, פלאמט מיר די אויגין אונ עס גריזעט מיר מיין געוויסען, אז איך קען ניט האלטין מייןווארט. דאס איז מיר די גרעסטע יסורים. אונ ווען איך גיב יענעם ניט אב צו דער צייט קען איך מיינע אויגין ניט ווייזין אצווייטין מאל. ליבער גאט דו וויימט דאך מיין ערליכע דעה, אז איך וויל ערליך זיין, ניט פארנעמען חלילה אפרעמדע קאפיקע, ווייל איך וויים גאנץ גוט ווי ווייט די עבירה

מעשה אלפס

1) די 3 אויסדריקע „חלק. גורל, אונ ערב טהייל" בעווייזט אויף דעם וואס דער הייליגער תנא ר' שמעון בן יוחאי זאגט (ברכות ה) דריי מתנות טובות (טהייערע פראזענטין) האט השי"ת גיגעבין צו זיין ליבע פאלק ישראל, דאס איז תורה אונ

שערי ציון

א) דער קורצער פסוק (שמע ישראל) רופט זיך „קבלת עול מלכות שמים" מ'דארף מקבל זיין אויף זיך צו זיין א טרייער אונטערטאן צום הימלישען קעניג. אויך איז אין אים גיפאסט די אמונה פון

פון דעם איז גרויס, ווי דו שרייבסט אין דיין תורה, אז דער גזר דין פון „דור המבול" איז גיחתמת גיווארין נור צו ליב גזלה, וואס זיי האבען גיחאפט איינער ביים אנדערין און ניט אב גיגעבין. און ווידער איך שפיר דאס אויף זיך אליין, אז איינער נעמט ביי מיר און גיט ניט אב, ווי ווייט מיין הארץ ווייטאגט מיר, מיין יעדער רובל אז מוואלט אים גישניטין וואלט גירונען בלוט, ווייל ער איז מיר אן גיקומען מיט שווייס און בלוט, דארף איך דאך די זעלבע גלויבען א צווייטין. דרום זאגין אונזערע חכמים אז מ'נעמט ביי איינעם אגילדין און מ'גיט ניט אב, איז גלייך ווי מ'פאר גיסט זיין בלוט. און דאס איז אטהייל פון רציחה. היינט אז מיר טרעפט פיל מאל אז איך קען ניט אב געבין ווען עס קומט, ווי ביטער און פינסטער איז מיר. איך קען גאר פאר קיינעם ניט דער צייליין די וואונדין פון מיין הארצין, ווייל איך וויל ניט פרעמדע זאלין וויסען אזוי ווייט ווי איך בין גידריקט, פילייכט זיינען זיי מיר שונאים. ווען זיי דער פרייט ווערין און מ'דארף קיין גרעסערע שמערץ, ווען שונאים ווערין דער פרייט, איז מער ווי פאר דיר ליבער פאטער, קען איך ניט אויס גיסין מיין ביטער הארץ, אז דו זאלסט מיר העלפין מיט דיין ברייטע האנד, איך זאל חלילה ניט אן קומען צו א בשר ודם, וואס זייער מתנה איז קליין און די חרפה איז גרויס. אויך זאלסטו מיר פארהיטין פון אונראיעלע מענשין, וואס ווילין בארגין ביי מיר און ניט אוועק געבין, וואס דאדורך ווערט מיר נאך איינגער און איינגער, און איך קען צו ליב דעם ניט היטין מיין ווארט און מיין ערליכקייט, און עס קען חלילה ארויס קומען פון דעם אגרויסער חלול השם. מ'וועט זאגין אז איך האב חלילה פאר נומען לייטינס, זאל די שעה ניט זיין, ווי דו רבש"ע ווייסט מיין ריינע הארץ, אז איך ווינש זיך ליבערסט אגרינגין טויט איידער חלילה איבער פירין לייטישע געלט.

שערי ציון

ביאת מלך המשיח און די גאולה העתידה, (יי) וואס יעצט איז ער נור (אלהינו) מיר אידין גלויבין אין אים מיט זיין תורה, וועט קומען אצייט וואס ער וועט זיין (יי אחד) אלע מענשין פון דער וועלט

מעשה אלפס

ארץ ישראל און עולם הבא און דרום האט ער זיי גילייטערט פריער דורך יסורים. אזוי ווי טייערע בריליאנטין וואס מען וויל זיי פאסין אין גאלד, ברויכט מען די גאלד פריער גוט לייטערין, אום עס זאל זיין שיין צו פאסין אין דעם די טייערע בריליאנטין, און אונזער „חלק" גייט אויף עולם הבא (כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא) און

נורל

האַרְצִיגֶער פָּאטֶער, איך האָב יֶעצְט אוֹים גיוויינט פאַר דיר מיין ביטֶער האַרְץ אוֹיף מיינֶע קֶערְפֶּערְלִיכֶע וואוּנְדִין. איך האָב אָבֶּער נאָך גְרֶעסֶערֶע וואוּנְדִין וָואס מיין נְשָׁמָה איז צוּ וֶוייטִיגְט, ווייל דוּרְךְ דֶעם וָואס מיין קָאפּ איז פאַר דְרֵייט אוֹיף מיין בִּיטֶערֶע פַּרְנָסָה, פאַר וֶועה איך צוּא לִיב דֶעם דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקַייט, איך פאַל אַרַיין אַצוֹיטֶע אַפַּארְמַאטֶערְטֶע אִין שְׁטוּב אוּנ עֶס עֶפֶּעס,פאַל איך אַנִידֶער פִיל מָאל נִיט גִיבֶּענְשְׁט אוּנ נִיט גְלַייֶענְט קַיין קְרִיאַת שְׁמַע, איך זָאג כְּלוֹמֶרְס'ט עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער פַארְשְׁלָאפֶענֶער הֵייד. אוּנ לָבַר וָואס איך בֶּענְשׁ נִיט פִיל מָאל. לֶערְנֶען זִיךְ נָאךְ מיינֶע קִינְדֶער פוּן מִיר, אַז עֶס אִיז רֶעכְט נִיט צוּ בֶּענְשִׁין אוּנ נִיט לֵייֶענֶען קֵיין קְרִיאַת שְׁמַע, פִינְסְטֶער אִיז מִיר, וָואס פאַר אַהַדְרָכָה איך קֶען געבִּין מיינֶע קִינְדֶער מִיט אַזַא פִיהְרוּנְג. הַיינט אַז איך דֶער מָאן זִיךְ וֶועגֶען פְרֵייטִיג פאַר נַאכְט, צִיטֶערִין אִין מִיר מיינֶע אַלֶע גְלִידֶער. דָאס אִיז עֶפֶּעס מַעֲשֶׂה שָׂטָן, אַז פְרֵייטִיג פאַר נַאכְט וֶוען מ'דַארְף גֵיין לִיכְט בֶּענְשִׁין, הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ וַוייזִין קוֹנִים נָאךְ קוֹנִים, אִיז אַבִּיסֶעל דֶער יֵצֶר הָרָע פוּן לֵייזוּנְג, אוּנ אַבִּיסֶעל וָואס מ'דַארְף טַאקֶע, וֶוערְט מֶען פאַר טוּמִילְט אַז מ'פאַר גֶעסְט זִיךְ גָאר וואוּ מ'אִיז אִין דֶער וֶועלְט אוּנ מ'וֶוערְט בְּלִינְד, אַז מ'זֶעט גָאר נִיט אַז עֶס אִיז שׁוֹין דִי שְׁקִיעָה אוּנ מ'וֶוערְט טוֹיב, אַז מ'הֶערְט נִיט ווִי דִי עֶרְלִיכֶע אִידִין גֵייעֶן דֶער מָאנֶען, בְּרִידֶער שְׁוֶועסְטֶער! עֶס אִיז שׁוֹין דִי שְׁקִיעָה אוּנ אַמָאל נָאךְ דִי שְׁקִיעָה, מ'דַארְף גֵיין אַהֵיים! אוּנ אֵיידֶער איך קוּם אַהֵיים אִיז שׁוֹין שַׁבָּת, אוּנ פאַר זַאם לִיכְט בֶּענְשִׁין, וָואס דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי טֵייעֶרֶע מִצְוֹת וָואס אִיז אָב נִיגֶעבִּין פאַר דִי פְרוֹיעֶן. אוּנ מַאנְכֶע מָאל פוּן גְרוֹים פַארְטוּמְלוּנְג הָאבּ איך אוּנ פַארְלֶעשׁ דִי לִיכְט, וָואס מַיין מַאן הָאט אָנְגֶיצוּנְדִין (ווייל ער האט גיזעהן, אז איך האב זיך פארשפעטיגט אין גאס) אוּנ צִינְד אָן אִיבֶּער אַנַיים צוּ בֶּענְשִׁין לִיכְט. אָהּ וֶועה אִיז מִיר! לָבַר וָואס איך הָאבּ מִיט דֶעם נִיט מְקַיֵים גִיוֶוען דִי מִצְוָה פוּן לִיכְט בֶּענְשִׁין, ווייל דָאס אִיז נִיט אִין דֶער צֵייט (דאס איז ווי שופר בלאזין אום חנוכה), טוּ איך נָאךְ 2 עֲבֵרוֹת, איך

מעשה אלפס

"גוֹרָל" גֵייט אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס זִי אִיז צוּ טֵיילְט גִיוָוארֶען צוּ דִי שְׁבָטִים עַל פִּי גוֹרָל. אוּנ "יְרוּשָׁה" גֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה וָואס זִי אִיז "מוֹרָשָׁה קְהִלַּת יַעֲקֹב":

וויי

שערי ציון

וֶועלִין עֶרְקֶענֶען זַיין כָּבוֹד אוּנ דֶעם כָּבוֹד פוּן זַיין תּוֹרָה, אוּנ אַלֶע וֶועלִין זִיךְ אִיבֶּער גֶעבִּין צוּ דִינֶען אִים מִיט אַרֵיינֶע הַארְץ.

ווי

פארלעש און צינד אן אום שבת, און מאנכע מאל טו איך נאך עדריכע עברה. איך קריג זיך און שילט מיין מאן פאר וואס ער האט אנגיצונדין מיינע ליכט, וואס אין דער אמת איז ער דאך גירעכט, הײנט וואס פאר אטעם קען שוין האבין אזא שבת, וואס איך האב אים אריין גינומען מיט קריג און קללות, לבד וואס איך האב אים מחלל גיוועזן מיטין פאר לעשין און אנצינדין די ליכט, אז איך דער מאן מיר דאס אלס, בלוטיגט אין מיר מיין הארץ פון שמערצן, אז אזא טייערע מתנה ווי דער הייליגער שבת, וואס דער וואס היט אים ווי מען דארף ווערט אים פארגרינגערט זיין פרנסה, קום איך נארישע פרוי און בין אים מחלל, און דאדורך ברייננ א ך אויף זיך גרויסע וואונדין, אויף דער וועלט וואס מיין פרנסה ווערט גישלאגין, און מאטער זיך אזוי פיל, און דעם רעכטין שטראף וועל איך נאך דארפען ליידען אויף די אמתע וועלט.

ליבער הארציגער פאטער, איך גים אוים מיין ביטערע הארץ פאר דיר, און בעט דיר מיט טרערין אז דו זאלסט רחמנות האבין אויף מיר ארימע פרוי, וואס איך בין ארים אין וויסענשאפט פון דער תורה, ארים אין מדות טובות, און גיב מיר פארשטאנד צו פערשטיין די טייערקייט פון הייליגען שבת, וואס זי איז גיגליכען צו אמלכה, אזוי ווען אמלכה קומט אן דארפין אלע טרייע אונטער טאנער אירע, צו שליסען די גישעפטין און אוים פוצין זיך, ארוים גיין איר אקעגין מקבל פנים זיין, אן נעמען איר מיט גרוים כבוד, און ווען זי איז צופרידען פון אירע אונטער טאנער גיט זי ארוים איין באפעל מ'זאל אלעמען געבין מתנות „כיד המלך" און פערגרינגערין פיל אב צאלונגען. אזוי אויך ווען די מלכה שבת דארף אן קומען, דאס איז צו די שקיעה (זון אונטערגאנג) א). דארפין אלע אירע טרייע אונטער טאנער. די קינדער פון די הייליגע אבות און די אמהות, צו מאכין זייערע גישעפטין. און אראפ גיין פון גאס, גיין וואס גיכער צו הויז, זיך ארום וואשין און אן טאן בגדי שבת און לפחות ה׳ מינוט פאר די שקיעה בענשין ליכט, מקבל זיין דעם הייליגען שבת מיט

שערי ציון

א) ווי אונזערע חכמים שרייבין (שבת קיט) זאגין צו זיינע תלמידים, לאמיר ארוים ר׳ חנינא פלעגט זיך פרייטיג פאר גיין ענטקעגין די מלכה שבת, וואס איר די שקיעה אנטאן שיינע קליידער און צוג קומט יעצט אן מיט די שקיעה.

פְרֵייד דַאדוּרְךְ װֶעט דֶער זְכוּת פוּן שַׁבָּת שֵׁיינְקֶען אַגְרוֹיסֶע בְּרָכָה אִין אַלֶעס װָאס מִיר טוּעֶן, אוּנפַארְגְרִינְגֶערִין װָאס דֶער מֶענְשׁ הָאט אוֹיף זִיךְ אַיין אָב צָאלוּנְג (פוּן בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם) דִי שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט זָאל אָן קוּמֶען מִיט שְׁװֵייס, אִיז בִּזְכוּת װָאס מְ'אִיז מְכַבֵּד שַׁבָּת (און מ'היט אים, נים מחלל צו זיין) װֶערְט פַארְגְרִינְגֶערְט דִי חִיוּנָה, אַזוֹי זָאלְסְטוּ מִיר פֶערְגְרִינְגֶערִין מַיין חִיוּנָה אִיךְ זָאל קֶענֶען בְּלַייבִּין בַּיי מַיין עֶרְלִיכֶען גֶעוִויסֶען, אוּנ נָאךְ טָאן גְמִילוּת חֲסָדִים מִיט לַייטִין, אוּנ אִיךְ זָאל הָאבִּין נַחַת פוּן מַיינֶע קִינְדֶערְלִיךְ, אָמֵן.

תְּחִנָּה װֶעגִין פַּרְנָסָה (צו זאגין אין שמע קולנו).

עֶרבַּרְמִיגֶער פָּאטֶער! דַיין הֵיילִיגֶע מִילְדֶע הַאנְד, אִיז דָאךְ אָפִין צוּ שְׁפַּייזִין אַלֶע דַיינֶע בֶּעשֶׁעפֶענִיס פוּן גְרֶעסְטֶען בִּיז'ן קְלֶענְסְטִין, אַלֶע הָאבִּין נוּר צוּ דַיין הִילְף, וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם זָאגְט (עיני כל אליך ישברון) דִי אוֹיגִין פוּן אַלֶע בֶּעשֶׁעפֶענִיס הָאפִין נוּר צוּ דִיר (ואתה נותן להם את אכלם בעתו) װָאס דוּ גִיסְט זֵייעֶר שְׁפַּייז יֶעדֶערִין אִין זַיין צַייט. בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער גָאט, דוּ זָאלְסְט מִיר אוּן מַיין הוֹיז גִיזִינְד אוֹיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דַיין הַשְׁפָּעָה. גִיבּ אוּנְז אַרֵיינֶע אַכְּשֵׁרָה פַּרְנָסָה אָן קִנְאָה, אָן שִׂנְאָה, אָן חִלּוּל שַׁבָּת חָלִילָה, אָן הַשָּׂגַת גְבוּל, מִיר זָאלִין נִיט דַארְפִין אָנְקוּמֶען חָלִילָה צוּ אַמֶענְשִׁינְס גָאבּ, אוּן נִיט פַארְנֶעמֶען אַפְּרֶעמְדִין גְרָאשִׁין, מִיר זָאלִין דִיר קֶענֶען דִינֶען מִיט אַרֵיינֶע הַאַרְץ, טָאן גְמִילוּת חֲסָדִים מִיט פִיל מֶענְשִׁין, אוּן מְגַדֵּל זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערְלַאךְ צוּ תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס זָאל דוּרְךְ אוּנְז גִירִיהְמְ'ט אוּן פֶערְהֵיילִיגְט װֶערִין דַיין גְרוֹיסֶער נָאמֶען [א], אָמֵן.

תְּחִנָּה װֶעגִין גוּטֶע קִינְדֶער (ענדע שמונה עשרה נאך יהיו לרצון).

עֶרְבַּארְמִיגֶער פָּאטֶער אוּן קֶענִיג, פַאר דִיר אִיז דָאךְ אָפִין אוּנְזֶער הַאַרְץ, דוּ װֵייסְט דָאךְ וִוי מִיר ווילִין דִיר טְרַיי דִינֶען,

---

שערי ציון

א) ווִי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים עֶרְקְלֶערֶן דֶעם פָּסוּק (וְאָהַבְתָּ אֵת יְיָ אֱלֹהֶיךָ) שֶׁיְּהֵא שֵׁם שָׁמַיִם מִתְאַהֵב עַל יָדְךָ, דוּ זָאלְסְט מִיט דַיין גוּטִין אוֹיפְפִירוּנְג מַאכִין בֶּעלִיבְּט גָאטֶעס נָאמֶען, אַז דוּ װֶעסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ הַאנְדְלֶען עֶרֶענְטְלִיךְ אוּנ בֶּעגֵיין זִיךְ פְרַיינְדְלִיךְ מִיט יֶעדֶער מֶענְשִׁין, װֶעלִין אַלֶע זָאגִין: גִיבֶּענְשְׁט זַיינֶען זַיינֶע עֶלְטֶערִין װָאס הָאבִּין אִים גִילֶערִינְט תּוֹרָה, זֶעט ווִי שֵׁיין עֶר פִירְט זִיךְ

נוּר אָבֶּער דֶער מֶענְשׁ אִיז דָאךְ נִיט קֵיין עֶוִויגֶער, עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס אוּנְזֶער לֶיבְּט וֶועט אוֹיסְגֵיין (דער לעבען וועט זיך ענדיגען), דְרוּם הָאסְטוּ גִיהֵייסֶען מְ'זָאל חַתוּנָה הָאבִּין אוּנ הָאבִּין קִינְדֶער אוּנ הָאדֶעווֶען זֵיי צוּ תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. זֵיי זָאלִין זַיין טְרַייעֶ דִינֶער פַאר דִיר, אוּנ אַז מְ'לָאזְט גוּטֶע קִינְדֶער הֵייסְט מֶען נִיט גְשְׁטָארְבִּן, ווייל אִין דִי תּוֹרָה אוּנ דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים פוּן דִי קִינְדֶער הָאבִּין דִי עֶלְטֶערִין אַגְרוֹיסִין טֵייל אִין דֶעם. אָבֶּער בַּיי יֶעצְטִיגֶע צַייט, וָואס עֶס בְּלָאזְט שְׁלֶעכְטֶע ווִינְטֶען פוּן אַלֶע קַאנְטִין אוּנ פַארְפֶּעסְטִין דִי קִינְדֶער מִיט שְׁלֶעכְטֶע גִידַאנְקֶען, מִיט שְׁלֶעכְטֶע מֵיינוּנְגֶען, אַרָאפּ צוּ פִירִין זֵיי פוּן אִידִישֶׁע וֶועג, צוּ פַארְקְרִיכִין אִין פִינְסְטֶערֶע בְּלָאטִיגֶע דְרָכִים, אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶרְצִיהֶען קִינְדֶער צוּ תּוֹרָה אוּנ יִרְאַת שָׁמַיִם. דְרוּם פַאר גִיס אִיךְ מַיין גִיבֶּעט פַאר דַיין הֵיילִיגֶען שְׁטוּל, דוּ זָאלְסְט זֵיי אָבְּהִיטֶען פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים 1) אוּנ זָאלְסְט זֵיי מַזְמִין זַיין גוּטֶע חֲבֵרִים, וָואס הָאבֶּען חֵשֶׁק צוּם לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ טָאן גוּטֶע מַעֲשִׂים. בִּכְדֵי מַיינֶע קִינְדֶער זָאלִין זִיךְ לֶערְנֶען פוּן זֵיי נוּר גוּטֶעס, אוּן עֶפִין זֵייעֶר הַארְץ צוּ פַארְשְׁטֵיין גְרוּנְטִיג דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן שְׁטַארְק זֵייעֶרֶע קְרֶעפְּטִין צוּ דַיין תּוֹרָה, אוּנ הִיט זֵיי אָב פוּן אַבֵּייזֶע אוֹיג, אוּן פוּן אַלֶע שְׁלַאפְקַייטֶען, אוּן שֵׁיינְק זֵיי אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, אוּנ הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען צָאלִין פַאר זֵיי גוּטֶע שְׂכַר לִמּוּד, אוּנ אִיךְ מִיט מַיין מַאן זָאלִין זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערִין זֵייעֶרֶע שֵׁיינֶע דְרָשׁוֹת צוּ בַּר־מִצְוָה. אוּנ נַאכְהֶער פִירִין זֵיי צוּ דֶער חוּפָּה מִיט שֵׁיינֶע כָּשֵׁרָה פַּארְטֵייעֶן, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהֶען פוּן זֵיי גוּטֶע דוֹרוֹת אוֹיף לַאנְגֶע יָאהְר, אָמֵן.

תְּחִנָּה צוּ פְּתִיחַת אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ.

בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ דְמָרֵא עָלְמָא, גִילוֹיבְּט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער נָאמֶען פוּן דֶעם הֶער פוּן דֶער וֶועלְט, עֶס זָאל זַיין דַיין פְרַיינְדְלִיכֶער ווִילֶען

שערי ציון

זִיךְ אוֹיף מִיט אַלֶעמֶען, ווִי אָרִינְטְלִיךְ זַיין הַאנְדִיל אִיז, ווִי רִיכְטִיג זַיין וָוארְט אִיז", אוֹיף אִים זָאגְט דֶער נָבִיא (יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאֵר) דוּרךְ דֶעם אוֹיפְפִיהרוּנג פוּן אַזַא אִידִין וֶוערְט גָאט אוּנ זַיין תּוֹרָה בֶּעלִיבְּט אוּנ בֶּערִימְט בַּיי אַלֶעמֶען.

מעשה אלפס

1) ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גִיבֶּעטִין (אַתָּה יְיָ תִּשְׁמְרֵם) נוּר דוּ גָאט זָאלְסְט זֵיי הִיטֶען (תִּצְּרֶנּוּ מִן הַדּוֹר זוּ לְעוֹלָם) זָאלְסְט זֵיי אָב הִיטֶען פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע ווִינְטִין וָואס בְּלָאזִין אִין דֶעם דוֹר, (סָבִיב רְשָׁעִים יִתְהַלָּכוּן) וָואס דִי רְשָׁעִים שְׁוֶועבִּין אַרוּם דִי קִינְדֶער, פַאנְגֶען זֵיי אִין נֶעץ, (כְּרוּם זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם) וָואס אִיז דֶער נֶעץ? וָואס בַּיי דִי קוּרְצְזִיכְטִיגֶע מֶענְשֶׁן שְׁטֵייט הוֹיךְ דִי

נידערינגע

בּיי דיין פאלק ישראל אויף עוויג, מיר געפינען אין זוהר הקדוש, דער גרויסער תנא ר' שמעון בן יוחאי זאגט, דאס אין דער צייט אז מ'עפינט דעם ארון הקודש ארויסצונעמען די ספר תורה צו לייענען בציבור, עפינט זיך אין הימל די טויערן פון רחמים און ליבשאפט א), און אזוי ווי יעצט איז אפין די שערי רחמים. קום איך ארימע פרוי (פלונית בת פלונית) פאר דיר הייליגער גאט מיט אהייסע גיבעט, דו זאלסט אננעמען אונזערע תפלות מיט בּארמהערציגקייט, און זאלסט דערליינגערן די יאהרין מיר און מיין מאן און מיינע קינדער אין גוטע אידישקייט. דו זאלסט דורך די אפענע טויערן אראפשיקען מיר און כל ישראל שפע ברכה, פרנסה און הצלחה, מיר זאלין חלילה ניט אן קומען צו די גאב פון אמענשין, דען דו ביסט דאך דער שפייזער פון די גאנצע וועלט. און דורך דעם זכות וואס איך וועל געבין כבוד דיין הייליגע תורה, איך וועל ניט ריידין בעת מען לייענט און ניט מבלבל זיין די מאנסליט, דאס זיי זאלין קענען צו הערין וואס מען לייענט אין דער תורה, בזכות זה זאלסטו ליבער פאטער מיר מזכה זיין מיט גוטע קינדער, וואס זאלין האבין גרויס חשק צו לערנען דיין הייליגע תורה, און זאלסט דער לייכטין זייער שכל זיי זאלין פארשטיין די טיפקייט פון איר חכמה, דען נור די טייערע מתנה (דאס איז די תורה הקדושה) איז אונזער טרייסט וואס ערקוויקט אונזער ביטערע הארץ אין גלות, און זי איז ביי אונז אגוטע זיכערהייט אז דו וועסט אונז ערלייזען פון אלע צרות במהרה בימינו, אמן.

תחנה צו הגבהת ספר תורה (ווען מ'הויבט אויף די ס"ת).

טרייער פאטער פון הימל, איך זעה יעצט ווי דיין ליבע פאלק ישראל הייבין אויף דיין הייליגע תורה און זאגין הויך (וזאת התורה

מעשה אלפס

נידעריגע נארישע זאכען, אזוי ווי אקליין קינד גיט אב די טייערסטע מטבע פאר אצוקערקע, דאס גלייכין איז דער פוסטער כבוד פון די געלט קנעפ אדער די קוקארדע, אגרויסער נעץ וואס פאנגט די נארישע פייגעלע אין קלעטקע אריין; פארכטיגע פרוי אויב זי הערט ווי מען לייענט און זי קען צו הארכען אין אחומש

שערי ציון

א) פון דעם קען מען פארשטיין ווי ווייט טייער איז די הייליגע צייט ווען מ'נעמט ארויס די ספר תורה צו לייענען ביז מ'שטעלט איר אריין צוריק אין ארון הקודש, ניט שמועסין חלילה דאן קיין דברים בטלים, יעדע קלוגע גאטס

אֲשֶׁר שָׂם מֹשֶׁה לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל) דָאס הֵייסְט דָאס אִיז דִי לִיבֶּע תּוֹרָה וָואס אִיז גִיגֶעבִּין דִי יִשְׂרָאֵל פוּן גָאטֶעס מוֹיל דוּרְךְ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, בַּאַדֵיינְק אִיךְ מִיר וִוי רִיכְטִיג דָאס אִיז, אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז מִן הַשָּׁמַיִם (אהיטל״שע), וַוייל וִוי וואוּנְדֶערְבַּאר עֶס אִיז, אַז אַמוֹיעֶר וָואס שְׁטֵייט שׁוֹין הֶעכֶער דְרַיי טוֹיזֶנְד יָאהְר אוּן פִיל הַארְמַאטִין אוּן בָּאמְבֶּעס הָאט מֶען שׁוֹין אוֹיף אִים גִישָׁאסִין אוּן עֶר אִיז גִיבְּלִיבִּין שְׁפָּאגִיל נַיי וִוי דֶער טָאג וָואס עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן מַייסְטֶערְס הַאנְד, עֶס אִיז פוּן אִים נִיט גִירִירְט גִיוָוארִין אַהָאר. אוּנְזֶער לִיבֶּע תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער מוֹיעֶר (אני חומה זו תורה) זִי בַּאשִׁיצְט אוּנְז פוּן אַלֶע קוּילִין וָואס מֶען שִׁיסְט צוּ פַארְלֶענְדִין אוּנְז פוּן דֶער וֶועלְט. וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה זָאגְט (אָמְרוּ לְכוּ וְנַכְחִידֵם מִגּוֹי וְלֹא יִזָּכֵר שֵׁם יִשְׂרָאֵל עוֹד) דִי שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל זָאגִין אֵיינֶע צוּ דִי אַנְדֶערֶע, לָאמִיר זִיךְ אַלֶע אוֹיפְקְלַייבֶּען אוּנ פַארְטִילִיגֶען זֵיי, עֶס זָאל גָאר דֶער נָאמֶען „אִיד" נִיט דֶערְמָאנְט וֶוערִין אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּנ וִויפִיל בָּאמְבֶּעס מְ׳הָאט גִישָׁאסִין אוֹיף דֶער תּוֹרָה מְ׳הָאט אִיר גִיבְּרֶענְט אוּם צוּ פַארְלִירִין אִיר. בִּכְדֵי אַז אִידִין וֶועלִין נִיט הָאבִּין קַיין תּוֹרָה וֶועט מֶען זֵיי נַאכְהֶער קֶענֶען פַאר טִילִיגִין, אוּנ נָאךְ אַלֶעם דֶעם הָאבִּין מִיר אוּנְזֶער תּוֹרָה אִין גַאנְצִין, עֶס פֶעלְט אִין אִיר קַיין וָוארְט, וִוי אִין דֶעם טָאג, וָואס מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט אִיר גִישְׁרִיבִּין פוּן גָאטֶעס מוֹיל, אוּן אוּנְז אִיבֶּער גִיגֶעבִּן. אוֹיף דֶעם דַאנְק אִיךְ אוּנ לוֹיבּ דַיין לִיבֶּען נָאמֶען, אוּנ בֶּעט דַיין רַחֲמָנוּת אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג לִיבּ הָאבִּין דַיין תּוֹרָה אוּנ דִי וָואס לֶערְנֶען אִיר. אוּנ אוֹיךְ מַיינֶע קִינְדֶער, אִיבֶּער הוֹיפְּט מַיינֶע טָאכְטֶער זָאלִין אִיר לִיבִּין, זֵיי זָאלִין וֶועלִין נֶעמֶען חֲתָנִים וָואס לֶערְנֶען אוּן לִיבִּין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּנ בִּזְכוּת הַתּוֹרָה זָאלִין מִיר בְּקָרוֹב אוֹיס גִילֵייזְט וֶוערִין אוּנ גֵיין מִיט שְׁטָאלְץ אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע לַאנְד, אָמֵן.

תְּחִנָּה לְיוֹם רִאשׁוֹן (צו זאגין זונטיג נאכין דאווגען).

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עֶס זָאל זַיין אַגוּטֶער ווִילֶען פוּן דִיר, הֶער פוּן דֶער וֶועלְט וָואס הַיינְדִיגֶען טָאג (רִאשׁוֹן בְּשַׁבָּת) הָאסְטוּ בַּאשַׁאפֶען

שערי ציון

אִיז מַה טּוֹב, אַז נִיט זָאל זִי שְׁטִילֶערְהֵייד אַהֵיילִיגֶע זַאךְ, נוּר שְׁטִיל בִּכְדֵי נִיט לֵייעֶנֶען דִי סֶדְרָה אִין טַייץ חוּמָשׁ אָדֶער מְבַלְבֵּל זַיין דִי מַאנְסְלַייט, זֵיי זָאלִיקְעֶנֶען צוּ הֶערִין וִוי מֶען לֵייעֶנְט אִין סֵפֶר תּוֹרָה וָואס נוּר אִין אוֹצָר הַתּוֹרָה אָדֶער לֵייעֶנֶען.

די הימל אונ ערד . אונ אַלעם האסטו בעשאַפין פון וועגין די תורה אונ פון וועגין דיין פאָלק ישראל . דאס הייסט, דר תכלית פון דער וועלט איז, עס זאָלין זיך גיפינען איידעלע מענשין, וואס זאָלין זיך פירין אין די אַנגענעהמע וועג וואס דו האסט זיי גילערנט אין דיין תורה, אונ דו האסט גיזאגט „יהי אור" עס זאל ווערין פון פינסטער ליכטיג . אַזוי זאָלסטו דער לייכטין מיינע אויגין אונ די אויגין פון מיין מאַן אונ קינדער אונ די אויגין פון כלל ישראל מיר זאָלין זיך פירין אין די ליכטיגע וועג פון דיין תורה . אונ זאָלסט אונז צו שיקין אונזער פרנסה בכבוד, די קאָפּ זאל אונז זיין רוהיג צו לויבין דיין הייליגען נאָמען מיט ערע-פורכט אונ מיט שמחה, אמן .

תחנה ליום שני (צו זאגין מאנטיג נאכין דאווענען) .

יהי רצון מלפניך, עס זאל זיין דיין גוטער ווילען, הער פון דר וועלט, וואס היינטיגען טאג (שני בשבת) האסטו גימאכט אַצווישען שייד דאס די וואַסער וואס גיפינען זיך איבערין רקיע זאל זיין אָב גיטיילט פון די וואַסער וואס גיפינען זיך אויף דער ערד ביז דעם „רקיע" (ביז דעם ארט וואו די וואלקענס הייבען זיך אויף), אונ די אונטערסטע וואַסער האבען זיך גיקריגט מיט דיא איבערסטע וואַסער, פאַר וואס זיינען זיי הויך אונ מיר נידעריג 1), דרום שטייט ניט ביין צווייטין טאג „כי טוב" ווייל פון קריג קומט קיין גוטעס ניט, אונ דאַן איז בעשאַפין גיוואָרין דער גיהנם וואס ער ברענט דורך פייער פון כעס . אַלזא בעט איך דיר , זאָלסט מיר מציל זיין פון כעס אונ פון קריג (מחלוקת) אונ פון אונגליקען אונ פאַרפלייצונג . אונ דער זכות התורה וואס מ'לייענט היינט וואס זי איז גיגליכען צו וואַסער , זאל מגין זיין אויף די אַלע וואס פאָרין אויפין ים, זיי זאָלין נצול ווערין פון די רוישענדע וואַסער פון ים , זייער שיף זאל חלילה ניט אַרויף גיין אויף אַשטיין , אָדר איין שיף זאל זיך ניט אָנשלאָגין אָן די צווייטע, זיי זאָלין חלילה ניט אונטער גיין , אונ זאָלסט זיי ברייינגען לשלום צו זייער אָרט וואו הין זיי פאָרין , דען דו ביסט איין ערבאַרמיגער פאָטער וואס דו הערסט יעדענס תפלה . ברוך שומע תפלה .

1) אין „אוצר התורה" (בראשית דף ט) גידאַנקען אויף די קריג פון די אונטערסטע האבין מיר געשריבין זייער אַשיינעם וואַסער אונ דעם צופרידין שטעלין וואס דער

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עס זאל זיין דיין גוטער ווילין, הער פון דער וועלט וואס היינטיגען טאג (שְׁלִישִׁי בְּשַׁבָּת) האסטו צו גיריכט אוואדגונג פארין מענשין, דו האסט גיהייסין אז אלע וואסערין זאלין זיך אויף זאמלען אין ים אונ עס זאל ווערין גיזעהען טרוקענע פלעצר, אויך האסטו גיגרייט אבופעט פאר דיינע בעשעפענעש, דו האסט בעפוילין די ערד זאל ארויס געבין אלע זארטין תבואות מיט אלע גרינסין אונ אלע פרוכט בוימער אונ יעדער קערענדיל זאל מען קענען ווידער פערפלאנצן, עס זאל ארויס גיין פון דאס ניי אבוים מיט צווייגין מיט פירות אונ אזוי ווייטער אונ ווייטער אן אענדע (ווער קען באטראכטין דיינע גרויסע וואונדער?), אזוי זאלסטו בענטשין מיר אונ כל ישראל מיט אלעם גוטעם, אונ מיין הויז זאל זיין אפין פיר אלע נויט בעדערפטיגע, ווי די הויז פון אברהם אבינו אונ די מוטער שרה, אונ אזוי ווי דו האסט גידאפילט אין דעם טאג צוויי מאל „כי טוב" אזוי זאלסטו אונז געבין די צוויי גוטע זאכין „גיזונד אונ פרנסה" פון דיין ברייטע הייליגע האנד, מיר זאלין קענען מיט ארוהיגע קאפ דערצילן שטענדיג דיינע וואונדער, ווי דוד המע"ה זאגט שיחו בכל נפלאותיו, אמן .

תְּחִנָּה לְיוֹם רְבִיעִי (צו זאגין מיטוואך נאכין דאוונען) .

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עס זאל זיין דיין גוטער ווילין, הער פון דער וועלט, וואס היינטיגען טאג (רְבִיעִי בְּשַׁבָּת) האסטו בעשאפין די גרויסע ליכט, די זון, די לבנה, די שטערין צו בעלייכטין פארין מענשין, אונ וייל די לבנה האט מקטרג גיוועזן (באלײדיגט די זון) איז דער פאר איר ליכטיגקייט קלענער גיווארין, אונ דורך דעם איז חלילה גישיקט גיווארין שלאפקייט אויף קליינע קינדער, ווייל דורך די עבירה פון לשון הרע וואס זי ווייזט ווי פינסטער דער מענש איז, ווערין צו גינומען חלילה קליינע קינדער וואס זיי ויינען די ליכט פון די אויגין (די אויגין אין קאפ), בעט איך דיר ערבארמיגער פאטער זאלסט אונז ערלייכטין די אויגין צו פארשטיין ווי אונווירדיג לשון הרע איז אונ מיר זאלין וויסין צו שעצין איינער דעם צווייטין, אונ טאמער וועט אונז איינער חלילה פוגע בכבוד זיין, זאלין מיר שטיל שווייגין, ווי די

מעשה אלפס ופרי הגפן

בורא האט זיי מפיים גיוועזן, אז דערפאר וועט מען נעמען פון זיי זאלץ צו די קרבנות אין בית המקדש .

זון האט שטיל גישוויגען ווען די לבנה האט איר בעליידיגט (אונ גיזאגט ווי קענען זיין צוויי מלכים אונטער איין קרוין), בזכות זה זאל אונזער מזל שיינען ווי די ליכטיגע זון, ווי דבורה האט גיזאגט אין איר שירה (ואוהביו כצאת השמש בגבורתו), אונ מיר מיט אונזערע קינדער זאלין נצול ווערין פון אלע מיני חלאים אונ עין הרע ר"ל, אונ די זון זאל זיין א היילונג צו אלע אונזערע ווייטאגין אונ צו אונזערע שוואכקייט, ווי דו האסט אונז פערשפראכין דורך דיין היילגן נביא מלאכי (וזרחה לכם יראי שמי, עס וועט אויף שיינען צו אייך גאטס פארכטיגע לייט (שמש צדקה ומרפא בכנפיה) די ליכטיגע זון וואס זי וועט אייך ברייגן גירעכטיגקייט אונ א היילונג מיט איהרע פליגלען, אמן.

תחנה ליום חמישי (צו זאגין דאנערסטיג נאכין דאווענען).

יהי רצון מלפניך, עס זאל זיין א גוטער ווילן פאר דיר, טרייער פאטער פון הימל, וואס היינטיגען טאג (חמישי בשבת) האסטו בעשאפין פון וואסער מיליאנען זארטין לעבעדיגע בריאים. אלער האנד פויגלען, סיי די וואס פליהען נידעריג אונ סיי די וואס פליהען גאנץ הויך, עס זאל זיין א גוטע שפייז פיר דעם מענשין. סיי פון זייערע פלייש אונ סיי פון זייערע אייער, אויך אלע זארטין פיש פון ים אונ דעם גרויסין פיש (לויתן), אונ יעדער בעשעפעניס האט זיך אבעזונדערין טעם, דער זעלבער פיש פון זעלביגען ים ווען מ'פאנגט אים אין דער שטאט, האט ער אזא טעם אונ ווען מ'פאנגט אים אין א צווייטע שטאט, האט ער איין אנדער טעם. אונ אויך יעדער פויגיל האט איין אנדער נאטור, בכדי צו זיין א שפייז פיר דעם גייסט פון מענשין, ער זאל זיך לערנען פון יעדערין א מדה אדער א מוסר, ווי איוב זאגט (מלפנו מבהמות ארץ ומעוף השמים יחכמנו), ער לערינט אונז חכמה פון די נאטור פון יעדער בהמה, פון יעדער פויגיל (ווי אין פרק שירה איז ערקלערט דעם מוסר וואס יעדער בעל חי זאגט). דו האסט בעשאפין אזעלכע פיש, וואס ווען מען נעמט זיי ארויס פון וואסער שטארבין זיי גלייך, אויך האסטו באשאפין זארטין פיש וואס קענען לעבין א גרויסע צייט אן וואסער, ווען זיי האבין נור אין זיך א פייכטקייט פון וואסער, אבער ווען די זון גיט אויף זיי א באק שטארבין זיי. דאס איז צו לערנען דעם מענשין, אז דער וואס האט זיין לעבינס מיטל צו גרייט אונ דארף ניט זארגין אויף היונה, דארף שטענדיג זיין גידאנקען שווימען אין

מצות און תורה (וואס איז גיגליכען צו וואסער), און ווי ער שיידעט זיך אב פון דער תורה, אזוי איז ער ווי גישטארבין, אבער די בעלי מלאכות און די בעלי מסחר וואס דארפין זוכין זייער לעבינס מיטל, די קענען ניט ליגין שטענדיג אין וואסער פון דער תורה, נור זיי דארפין האבין אין זיך אפייבקייט פון וואסער, ליב האבין די תורה און צייטין וויים מאכין זיך קביעות צו תורה, אבער ווען די זון (די תשוקה צו הצלחת הזמן) גיט אויף זיי אבאק און זיי ווארפין די תורה הינטער זיך, דאן ווערין זיי גירעכינט הלילה ווי אב גישטארבין פון זייער חיות, ווייל די תורה איז דער חיות פון אידין, ווי מיר זאגין אין מעריב (כי הם חיינו ואורך ימינו). — אלזא ליבער הארציגער פאטער, זאלסט אויס וואשין אונזער הארץ מיט אונזערע אויגין מיט די קלארע וואסער פון דער תורה, מיר זאלין דער זעהען די אמתע וועג, און ליב האבין דיין היילינע תורה, און עס זאל אויף אונז מקוים ווערין די ברכה פון יעקב אבינו (וידגו לרוב בקרב הארץ) מיר זאלין זיך מערין און גרויסען ווי די פיש פון וואסער, וואס שאדעט זיי קיין עין הרע, אלע אנטיסימיטען און שונאי ישראל, זאלין פאר שעמט ווערין קוקענדיג אויף אונזער הצלחה, עס זאל זיין אגרויסער כבוד פיר דיר, בעשעפער פון דער וועלט, און קעניג פון ישראל, אמן.

תחנה ליום הששי (צו זאגין פרייטיג נאכין דאווגען).

יהי רצון מלפניך, עס זאל זיין אגוטער ווילען פון דיר, וואס היינטיגען (ששי בשבת) האסטו בעשאפין (פון די ערד) אלע וואונדערליכע חיות ובהמות און אלע ווערימלאך, און אם ענדע האסטו בעשאפין דעם מענשין מיט חכמה, דו האסט צו גיגרייט אלע זיינע שפייז און אלע הצטרכות נאכהער האסטו אים בעשאפן, צו ווייזין אז ער איז דער רעכטער גאסט פון דער שמחה, ווי דער שטייגער איז אז עס איז אלעס פארטיג דאן לאדעט מען איין דעם גאסט, אויך האסטו אים מיט דעם גילערינט אמוסר ווי דוד המע"ה זאגט (אחור וקדם צרתני) דער שפעטסטער און דער ערסטער האסטו מיר בעשאפן, ווען דער מענש האלט זיך בגאוה און גייט אראב פון די גוטע וועג פון דער תורה, זאגט מען אים וואס איז מיט דיר אזוי דער יחוס, דער קלענסטער ווערימעל איז בעשאפין גיווארין פריער פאר דיר, און יעדער איז אויף אים אהערשער, ווי טיטוס הרשע בעת ער האט זיך גיגרויבט קעגין

השי"ת איז גיקומען אַפליג און איז אים אַריין גיפלויגין אין די נעזליכער און גילעבערט דעם מוח1). אָבער אַז ער איז זוכה, ער גייט אין דרך הישר פון דער תורה, איז ער דער ערשטער (דער־הערשער איבער אלע ברואים). משה רבנו און יהושע האבין בעפוילין די זון זאל זיך אָב שטעלין האט זי זיך אָב גישטעלט אַגאַנצען מעת לעת. משה רבנו האט בעפוילין אויפ'ן ים ער זאל זיך שפּאַלטין האט ער זיך גישפּאַלטין און דאס גלייכן, אויך האסטו היינטיגען טאָג בעשאַפין זיין פרוי (חוה) זי זאל פאַרעווינען זיין נאָמען דורך די קינדער וואס זי וועט אים געבוירין און דוא האָסט זיי גיבענשט מיט דיא ברכה (פרו ורבו ומלאו את הארץ), אַזוי זאָלסטו ערבאַרמיגער פאָטער מיר אויך בענשין אַז אונזער בנין (פון מיר מיט מיין מאן) זאל זיין ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, מיט פיל נחת דאס מיר זאלין האבין קינדער און איניקלאַך, וואס זאלין עוסק זיין אין תורה ומצות. וואס צו דעם ציעל האבין מיר מקבל גיוועזן די היילינע תורה, וואס אויף דעם ווייזט דער ה' הידיעה פון יום הששי, אַז דער גאַנצער קיום פון דער וועלט איז נור בזכות התורה וואס זיא איז גיגעבין גיוואָרין דעם זעקסטין טאָג אין סיון (חג השבועות). אויך האסטו גיבענשט דעם טאָג, דו האסט צו גישיקט אונזערע עלטערין אין דער מדבר פריטיג דאָפּילטע שפּייז, אויף היינט און אויף שבת, צו לערנען זיי, אַז די רוהע פון שבת מינערט ניט ביין מענשין זיין פּרנסה, ער גיפינט זיין מעסטיל מן פון שבת אין איינעם פון די וואָכענדיגע טאָג, בכדי ער זאל שבת האלטין מיט פערגעניגען און זאָרג. אַזוי זאָלסטו ליבער פאָטער אונז אויך דאָפּלען די פּרנסה מיר זאלין קענען צו גרייטין סעודות שבת בהרחבה, און העלף מיר מיט מיין מאן מיר זאלין זיך מזרז זיין אַראָב גיין פון גאַס פריה, פאַר די שקיעה און מאַכן פאַרטיג אַלע צרכי שבת פריה, עס זאל זיך חלילה ניט מאַכין קיין שטן מקטרג, מען זאל חלילה ניט קומען צו חלול שבת, און העלף מיר איך זאל בענשין ליכט אין דער צייט, מקבל זיין דעם היילינען שבת בשמחה מיט אַפריילינע הארץ, און בזכות כבוד השבת זאלין מיר גישפּייזט ווערין בכבוד, און קענען

מעשה אלפס

1) אָדער דער זינדיגער מענש אַטהעמט עלינו אַגרויסע קראַנקהייט, ווי די חכמי הרפואה שרייבין און אויך די חכמי התלמוד אַריין אין זיך אַמיקראָב אָדער אַבּאַציל, וואס פאַר וועבט אין אים לא (ברכות ו) אַז דער גאַנצער לופט איז פול

(השלמה) נימל

טָאן גְמִילוּת חֲסָדִים מִיט לַייטְן, אוּנ מַיינֶע קִינְדֶערְלַאךְ זָאלִין זַיין גִיזוּנְד אוּנ אִיךְ זָאל זֵיי אוֹים הָאדֶעוֶוען צוּ תּוֹרָה אוּנ יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּנ מִיר זָאלִין אוֹים גִילַייזְט וֶוערִין אוּנ גֵיין מִיט שְׁטָאלְץ אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע לַאנְד בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

תְּחִנָּה וְנִזְכֶּה וְנִחְיֶה (צו זאגין גאנץ אפט נאך ובא לציון).

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גוּטֶער פָאטֶער, אִיךְ וֵויים גַאנְץ גוּט אַז דוּ הָאסְט בֶּעשַׁאפִין דֶעם מֶענְשִׁין צוּ זַייעֶר אַגְרוֹיסִין צִיעל, לֶעבִין אַיין עֶווִיגֶען לֶעבִין אִין גְרוֹים פֶערְגְנִיגֶען, אָבֶער צוּ דֶעם דַארְף עֶר זִיךְ צוּ גְרַייטִין אוֹים צִירִין זִיךְ מִיט דִי שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע צִירוּנְג פוּן דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת. וָואס מֶען אִיז מְקַיֵים אוֹיף דֶער וֶועלְט אִין דֶעם קוּרְצִין לֶעבְּן, נוּר פוּן גְרוֹיסִין טוֹמִיל. וָואס מְ'אִיז פַארְטְרָאגִין צוּ שְׁפַּייזִן דִי פַאמִילְיֶע, פַארְגֶעסִין פִיל מֶענְשִׁין אָן זַייעֶר גַאנְצִין תַּכְלִית אוּנ בְּרֵיינְגֶען אוֹים זַייעֶר לֶעבִין נוּר אִין הָארֶעוֶוען וֶועגִין פַּרְנָסָה, אַלָא בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער הַארְצִיגֶער פָאטֶער, זָאלְסְט מִיר גֶעבִין פֶערְשְׁטַאנְד דָאס אִיךְ זָאל הִיטֶען דַיינֶע מִצְוֹת אִין דִי צַייט פוּן מַיין לֶעבִין אוּנ דוּרְךְ דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת וָואס מִיר וֶועלִין הִיטִין. זָאלִין מִיר זוֹכֶה זַיין דֶער לֶעבִין „מָשִׁיחַ צַייט", וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְכְטֶע גְלִיקְלִיכֶע צַייט וָואס אִיז בֶּעשְׁטִימְט פוּן דִיר לִיבֶּער פָאטֶער, צוּפִירִין דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק צוּם תַּכְלִית הַשְׁלֵמוּת (צום ווירקליכען גליק), אַז יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער זָאל זוֹכֶה זַיין צוּם הֶעכְסְטֶע פֶערְגְנִיגֶן נָאךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים נָאךְ, דַאן וֶועט דִי אִידִישֶׁע פָאלְק קוּמֶען צוּ אִיר גְרוֹיסִין צִיעל אוּנ מִיט אִיר דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה. אַלֶע וֶועלִין עֶרְקֶענֶען דֶעם אֱמֶת מִיטְן יוֹשֶׁר, עֶס וֶועט אוֹים גֵיין מִלְחָמוֹת, בְּלוּט פֶערְגִיסוּנְג, דִי צְוֵויפִיסִיגֶע חַיוֹת (די חוליגאנעס) וֶועלִין פֶערְשְׁטֵיין זַייעֶר אִירְטְהוּם, אוּנ אַלֶע וֶועלִין לֶעבִין צְווִישֶׁען זִיךְ לִיבְּלִיךְ, דִי הֶערְצֶער וֶועלִין וֶוערִין פוּל מִיט חָכְמָה אִין בֶּעגַייסְטֶערוּנְג, אוּנ דוּרְךְ קְלֵיינֶע מִיהֶע וֶועט מֶען קוּמֶן (דער וואס וועט ויערט זיין) צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוּנ

מעשה אלפס

מִיט שְׁעדְלִיכֶע בְּרוּאִים, וָואס דִי אוֹיגְ קֶען זֵיי נִיט בַּאמֶערְקִין פוּן קְלֵיינְקַייט אוּנ נוּר בְּהַשְׁגָחַת ה' וֶוערְט דֶער מֶענְשׁ פַאר הִיט, ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם זָאגְט „יִפֹּל מִצִּדְּךָ אֶלֶף וּרְבָבָה מִימִינֶךָ אֵלֶיךָ לֹא יִגָּשׁ". אוּנ ווִי נוּר דֶער מֶענְשׁ הֵייבְּט אָן צוּ הַאלְטִין זִיךְ בְּגַאֲוָה אוּנ פַאר גֶעסִין אָן דֶעם בּוֹרֵא עוֹלָם, אִיז עֶר אִין גִיפַאר גִישֶׁעדִיגְט צוּ וֶוערִין, סַיידִין עֶר הָאט אַזְכוּת וָואס אִיז מֵגִין אוֹיף אִים, דֶער ווייל פַארְצֶערְט עֶר דֶעם זְכוּת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּנ עֶס בְּלַייבְּט אִים גָאר נִיט אוֹיף דִי אֱמֶתֶע וֶועלְט.

ביאת

נבואה, מ'וועט דינגען דעם בורא ב"ה מיט גרויס פרייד אונ הרחבה, אונ אזוי וועט מען שטייגין העכער אונ העכער, ביז מ'וועט קומען צום גרעניק, וואס פון אים וועט מען איבער גיין אין די קינפטיגע וועלט (דאס איז נאך תחית המתים אונ נאך דעם יום הדין הגדול), וואס דער בורא ב"ה וועט דאן משפטין די וועלט, וועלכע מענשין וואס האבין גיטאן פיל בייזע מעשים אונ גישטארבין אן תשובה וועלין בלייבין צו אייביגע שאנדע, אונ די וואס האבין גיטאן גוטע מעשים אונ אויך די ביסיל שלעכטע מעשים האבין זיי תשובה גיטאן, וועלין איבער גיין צום עוויגען פערגניגען. יעדער נאך זיין מדרגה ווי ער האט זיך אויף גיפירט אויף דער וועלט. די וועלט וועט דאן איבער גיארבעט ווערין אין אזא פארמא וואס פאסט צו די עוויגקייט, דארטין וועלין זיצין די צדיקים מיט גרויס פארכט אונ יעדער וועט גניסען די אונבעגרעניצטע פערגניגען וואס קיין פעדער איז אימשטאנד אוים צו שרייבין. יעדער נאך זיינע מעשים אונ נאך די הויכקייט פון זיין נשמה, אונ וועלין אלע שטייגין העכער אונ העכער. דרום בעט איך דיר גוטער פאטער. דו זאלסט מיר מיט מיין מאן אונ מיינע קינדער העלפין, ליב צו האבין דיין תורה אונ היטין אירע מצות יעדערע אין איר צייט, אום מיר זאלין אויך זוכה זיין צו דעם עוויגען גרויסין גליק במהרה, אמן.

תחנה לשבח לאדון הכל (זאגין גאנץ אפט, איבער הויפט ראש השנה).

עלינו לשבח. אויף אונז אידין ליגט אפליכט (אחוב) צוא לויבין אונ געבין גרויס עהרע צום וועלט באשעפער. פאר דעם וואס ער האט אונזער טייל ניט פערגלייכט צו די פעלקער פון יענע לענדער (וואס גלויבין אז די מזלות גיבין זיי השפעה און פרנסה), אונ אונזער גורל (לאז, שיקזאל) האט ער ניט גיגעבין ווי יענע ערד-בעוויצער (וואס ליגין אין דומהיים) זיי*) בוקין זיך צו הבל וריק אונ בעטין ביי געטער וואס קענען זיך אליין ניט העלפין 1), אבער מיר (הייליגע פאלק ישראל) קניען אונ בוקין זיך

פנינים יקרים

1) די חכמים שרייבין, אז דעם שבח „עלינו לשבח" האט יהושע (דער העכסטער תלמיד פון משה רבנו) מתקן געוועזן, נאכדעם ווי אידין זיינען אריבער דעם טייך „ירדן". אונ האבין איין גינומען דעם ערשטין קרעפאסט „יריחו". זיי האבין דאן גיזעהן דעם אונטערשיעד פון אידין ביז די כנענים, ווי יודין זיינען די חיל פון דעם וועלט קעניג. זינט גאט האט זיי ארויס גינומען פון מצרים, פירט ער זיי ביי טאג מיט

*) די פעלקער פון יענע לענדער (וואו אונזערע אבות האבין גיוואהנט).

און דאנקען דעם קעניג איבער אלע קעניגע דער הייליגער גאט געלויבט איז ער, ער איז דער קינסטלער וואס האט אליין אויס גישפרייט דעם הימל און גיגרינדעט די ערד, און הגם זיין הערליכער קעניג שטול און זיין מאכטיגקייט איז אין די העכסטע הימלען, דאך איז ער אליין אונזער פיהרר. אן מיטהעלפער, ווי אין דער תורה איז גישריבן (וידעת היום) דערקען דם יעצט (מיטן ריינעם פארשטאנד) און נעם דאס אריין אין הארצין, דאס דער באשעפער פון דער וועלט איז נור השי"ת, ער אליין איז דער פיהרער. אויבין אין הימל און אונטין אויף ד'ערד איז ער איינער, און מער קיינער.

תחנה להעביר גלולים מן הארץ (צו זאגין גלייך נאך די פאריגע):

הארציגער פאטער, מיר האפין צו דיר זעהען אומגיזאמט דיין הערליכע מאכט, דו זאלסט אב שאפין די געצינדינסט פון דער וועלט און די פוסטע אידיאלען (וואס פיל יונגע מענשין אפפערין זיך פאר זיי) זאלין פערניכטעט ווערין פאר די ליכטיגקייט פון אמת, וואס וועט אויס שיינען אויף דער וועלט. אלע בני בשר וואס זיינען אריין גיטאן נור אין קערפערליכע תענוגים זאלין בעלויכטין ווערין מיט אמונה ודעת, אז אויסער וואס זיי אליין זאלין זיך קענען בעהערשין (גובר זיין דעם יצר הרע) זאלין זיי נאך, נאכטאן די מעשים פון אברהם אבינו, בעקאנט מאכין דיין נאמען (און די ליכט פון דיין הייליגע תורה) אין דער וועלט, עס זאלין זיך קערין און ווענדין צו דיר אלע רשעים, וואס פערדארבין די וועלט, עס זאלין שוין ערקענען און וויסען אלע וועלט בעוואהנער, דאס פאר דיר דארף זיך בייגין יעדעם קניה, (תשבע כל לשון) און צו דיר דארף זיין צו גישווארן יעדעם צונג. (ווייל יעצט אז די קעפ זיינען פאר שכורת און פערצאדעט פון שלעכטן צייט-לופט (רוח הזמן), בוקט זיך יעדער צו איין אנדער זאך, דער בוקט זיך

פנינים יקרים

מיט איין „עמוד ענן" פאראויס (ווייזין די וועג), און ביי נאכט מיט אזייל פון עלעקטרי (צו בעלייכטין), און בעת זיי האבין גידארפט אריבער געהן דעם ירדן, האבין זיי ניט גיברויכט קיין „פאנטאנע באטאליאן" צו מאכין אבריק. נור די כהנים וואס האבין גיטראגין דעם ארון הקודש, ווי זיי זיינען צו גיקומען צום ברעג ירדן און האבין נור איין גיטונקט די פים אין וואסער, האט שוין דער ירדן גימאכט פים און אבגיטראטין די וועג (הירדן יסוב לאחור), די וואסער פון אראב שטראם איז אראב גילאפין און די וואסער פון ארויף האט זיך אב גשטעלט, ניט גילאפין אראב נור גיווארין ווי אהויכער

וואנד

צו געלט (צו די גאלדענע קאלב), דער בוקט זיך צו אליבע (צו די גלאנציגע פעלכעלע פון די פליישיגע קאלב), זיינען די הערצער פול מיט תאוות אונ דער צונג (וואס ער איז די פעדער פון הארץ, ער גיט ארויס וואס די הארץ טראכט), רעט אלעס וואס די הארץ גילוסט, אז די מוחות וועלין אבער ניכטער ווערין דורך דעם ריינעם גאטליכען לופט (רוח אלהים), וועט מען אוועק ווארפין די נארישקייט אונ זיך בוקין נור צו גאטליכע וויסענשאפט, אונ די הארץ וועט זיין צו גיצויגין מיט גרויס ליבשאפט צו גאט, וועט דער צונג זיין צו גישווארין צו גאט, כלומר, ער וועט גאר ניט קענען ריידין קיין פוסטע זאך, נור חכמת התורה ומעשים טובים), לפניך, פאר דיר גאט וועלין זיי זיך קניען אונ נעמען אויף זיך מיט צופרידענהייט דיין הערשאפט, אונ צו דיין הערליכען נאמען וועלין זיי עהרע געבין, דען די קעניגרייך איז דאך דיינע, אונ צו עוויגע צייטין וועסטו בכבוד רעגירען, ווי משה אונ ישראל האבין גיזאגט אין זייער שירה (ביין ים „גאט וועט רעגירען אימער אונ עוויג״. ליבער אונ טרייער פאטער, זאלסט מיר העלפין אז איך מיט מיינע קינדער זאלין דער לעבין צו די גליקליכע צייט, במהרה, אמן.

תחנה לחלץ נפשי מצרה (ווען עס איז טרויעריג אויפין הארצין).

הארציגער פאטער! דו האסט מיר ביז יעצט גיהאלפין פון אלע מיינע ליידין, בעט איך דיר גוטער גאט, זאלסט מיר היינט אויך העלפין פון מיינע צרות וואס איך קען זיי פאר קיינעם ניט אנדעקין נור פאר דיר אליין. וואס דו ווייסט אלע פארבארגענעם פון הארצין. טרייער פאטער! שיק מיר דיינע גוטע מלאכים זיי זאלין מיר ארויס פירין פון מיינע טרויערקייט, אונ מיר ארויף פירין אויף די רעכטע גליקליכע וועג, דאס מיר זאלין גישפייזט ווערין פון דיין הייליגע אונ ברייטע האנד, מיר זאלין ניט דארפין אנקומען צו

פנינים יקרים

וואנט, אונ איז אזוי גישטאנען ביז די גאנצע יודישע ארמיע (העבער אמיליאן מענשין) זיינען אריבער מיט ווייבער אונ קינדער אין דער טריקענעם, ווי דוד המלך זאגט: (מה לך) „הירדן תסוב לאחור״? וואס איז מיט דיר ירדן, וואס דו האסט זיך נעצויגען אהינטער? פאר דעם הערען באשעפער פון דער וועלט (ווארר זיין אנטווארט). נאכהער ווי די גאנצע יודישע ארמיע איז אריבער, זיינען די כהנים מיטען ארון הקודש צוריק ארויס פון ירדן. האט זיך דער וואסער אראב נילאזין אונ אנגעהויבען צו שטראמען ווי פריער, די כהנים מיט'ן ארון זיינען געבליבען א יף דער זייט אונ

אַמֶענְשִׁינְס גָאב, אוּנ מִיר זָאלִין נִיט פַארְשֶׁעמְט װֶערִין אוּנ שׂוֹנְאִים זָאלִין נִיט דֶערפְרֶייט װֶערִין. אֵיינְצִיגֶער פָאטֶער! בֶּעהִיט מִיר מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אוּנ כָּל יִשְׂרָאֵל פוּן אַלֶע מִינֵי צָרוֹת אוּנ פוּן עַיִן הָרָע אוּנ יֵצֶר הָרָע, אוּנ שֵׁיינְק אוּנְז אֲרִיכוּת יָמִים אִין גוּטֶע אִידִישְׁקַייט, אָמֵן.

תְּחִנָּה עֶשֶׂר זְכִירוֹת (צוּ זאגִין גאנץ אפט).

טְרַייעֶר פָאטֶער! דוּ הָאסְט גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דַיין לִיבֶּע תּוֹרָה מְ'זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֵיינְקֶען דִי אֵיינִיגֶע זַאכִין (דער גרויסער גאון „ר' חיים יוסף דוד אזולאי" רעכינט אויס 10 זאכין), בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מִיר גֶעבִּין פֶערְשְׁטַאנְד צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם גְידַאנְקֶען פוּן דֶעם, אוּנ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפִין דָאס מְקַיֵּים צוּ זַיין, וַוייל דַיינֶע מִצְוֹת זַיינֶען גוּטֶע עֵצוֹת צוּ פִירִין דֶעם מֶענְשִׁין אִין גוּטִין װֶעג, וְוִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (גַּם עֵדוֹתֶיךָ שַׁעֲשֻׁעָי) דַיין תּוֹרָה אִיז מַיין פְרֵיילִיכְקַייט, (אַנְשֵׁי עֲצָתִי) אוּנ דַיינֶע מִצְוֹת זַיינֶען מַיינֶע בַּעֲלֵי עֵצוֹת (קייזערליכער סאוועט).

א) זְכִירַת יְצִיאַת מִצְרַיִם.

מְ'זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֵיינְקֶען דֶעם טָאג, װָאס הַשֵּׁי"ת הָאט אַרוֹיס גִינוּמֶען אִידִין פוּן מִצְרַיִם, דִיזֶע עֶרְאִינֶערוּנְג וָוארְצִילְט אַיין אִין הַארְצִין, אַז דִי װֶעלְט הָאט אַוְוירְט װָאס הָאט אִיר בֶּעשַׁאפִין, אוּנ עֶר רֶעגִירְט אִיבֶּער אִיר, הַיינוּ דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטוּיב װָאס אִיז גִיוָוארִין אִיבֶּער גַאנְץ מִצְרַיִם פוּן אַרוֹיפִין אַשׁ (פיח הכבשן, מכת שחין), וַוייזְט, אַז עֶר אִיז אַבּוֹרֵא יֵשׁ מֵאַיִן, עֶר בֶּעשַׁאפְט דִי גְרֶעסְטֶע זַאכִין פוּן גָאר נִיט, — אַז דוּרְךְ זַיין בֶּעפֶעל זַיינֶען צוּ שְׁטָארְבִּין דִי פִישׁ (מכת דם), עֶר הָאט אָנְגֶעשִׁיקְט אוֹיף זֵיי דֶעם צְפַרְדֵּעַ־סְקִין קָארְפוּס חַיִל (מכת צפרדע), נַאכְהֶער פָאלְקִין חַיִל פוּן אַלֶע זָארְטִין חַיוֹת (מכת ערוב), נַאכְהֶער אַגְרָאמַאדְנֶעם הֵיישֶׁערִיג (מכת ארבה). דָאס אַלֶעם לֶערִינְט אוּנְז, אַז פוּן קְלֶענְסְטִין רֶמֶשׂ (ווי כנים), בִּיז דִי גְרֶעסְטֶע חַיוֹת

פנינים יקרים

דִי יוּדִין אוֹיף יֶענֶעם זַייט יַרְדֵּן, הָאט זִיךְ דֶער אָרוֹן מִיט דִי לוּחוֹת אוֹיף גֶעהוֹיבֶּען אִין דֶער הוֹיךְ אוּנ אַרִיבֶּער גֶעטְרָאגֶען דִי כֹּהֲנִים (װָאס הָאבִּין זִיךְ גֶעהַאלְטֶען אָן אִים) אִין דֶער לוּפְטִין אִיבֶּער'ן וַואסֶער, וְוִי אַיין אָדְלֶער טְרָאגְט אִיבֶּער זַיינֶע קִינְדֶער (צוּ הַתּוֹרָה, טְרָאגְט זִי אִים אַרִיבֶּער אַלֶע שְׁטְרָאמֶען). נָאכֶן אַרִיבֶּער דֶעם יַרְדֵּן הָאט מֶען גִידַארְפְט גֶעמֶען דֶעם גְרֶעסְטֶען קְרֶעפְּאסְט, יְרִיחוֹ'ס קְרֶעפְּאסְט וַואר זֵייעֶר אַשְׁטַארְקֶער (דִי גְרֶעבּ פוּן מוֹיעֶר אִיז גִיוֶועְן וְוִי דִי הוֹיךְ) אוּנ אִין קְרֶעפְּאסְט זַיינֶען גִיוֶועְן גְרוֹיסֶע גִבּוֹרִים. זֵיי זַיינֶען בַּיי זִיךְ פֶּעסְט נַיינִין אוּנְז. אַז דֶער װָאס אִיז נוֹשֵׂא בְּעוֹל

ווערין אלע פערצייטערט פאר זיין ווארט. — פון דעם גוס רעגין מיט'ן שטארקין האגיל פון די פייער מיט'ן שטורעם (מכת ברד), פון שטארקין מזרח ווינט, וואס האט גיבראכט אויף זייגע פליגלען דעם הייעשריג אונ דער שטורעמדיגער מערב-ווינט וואס האט אים צוריק גיטראגין אין ים-סוף, לערנען מיר אז אונטער זיין האנד איז אלע אוצרות פון לופט. — פון דעם וואס דורך זיין ווארט זיינען גיקומען אויף זיי אלע נגעים, אונ דורך זיין ווארט זיינען אלע די מינוט אב גיטראטין, זעהען מיר אז אין זיין האנד איז דער לעבין אונ דער טויט, אונ ער איז איינער אונ מער קיינער.

ג) זכירת השבת.

דעם היילגען טאג שבת (זאל מען שטענדיג גדיינקען), ער ווייזט, אז דער בורא האט בעשאפען די וועלט אין זעקס טעג, אונ דעם זיבעטין טאג האט ער אויף גיהערט צו ארבייטין אונ האט גירוהט, אונ פון דענסטמאל אן רוהט די וועלט ביז היינט. עס ווערט ניט בעשאפען קיין נייע בעשעפענעס (אין כל חדש תחת השמש), אפילו די קלענסטע פליגעלע. — אויך איז קיין קינסטלער ניט אימשטאנד צו בעשאפין אפילו אקליינע פליגעלע פון א פליג. דרום דארף מען אים גידיינקען צו היילגען, ווען עס מאכט זיך אגוטע שפייז (וואס וועט ניט מכולה ווערין ביז שבת) אונ עס קען זיין אז מ'וועט דיא זאך מער ניט קריגען, דארף מען דאס צו גרייטין אפילו פון זונטיג אויף שבת, ווייזין די הבבות פון שבת, אויך ווען מ'נעמט אן איין ארבייט, למשל, אפריעזדנער שררה גיט גייען וואס, אונ ער פארט אוועק שבת פריה, דארף מען אוים רעכענען אויב מען איז דאס אימשטאנד צו מאכין פארטיג ביז די שקיעה, אויב ניט זאל מען צו זעצין נאך איין ארבייטער, אונ אויב עס איז ניט מעגליך פארטיג ווערין ביז די שקיעה אונ מ'וועט דארפין אריין ארבייטען אין שבת, זאל מען דאס בעסער ניט אן נעמען, ווייל פון זונטיג אן דארף מען שוין גידיינקען די היילגקייט פון שבת.

פנינים יקרים

גיוועהן, אז קיינער וועט אזא קרעפּאסט ניט נעמען, האבין זיי זיך פארשלאגן אין אים. אונ פון אויבען זיינען זיי געשטאנען גרייט אויף מלחמה.

אידין האבין אויך צו גינרייט זייערע גיוועהר צום שטרייט. מיינט איר אפשר אייננגילשע הארמאטין, אדער באמבעס? גיין, נאר אנייער זארט גיוועהר, מ'האט זיך גינומען

דֶעם הֵיילִיגֶען טָאג, וָואס אִידִין זַיינֶען גִישְׁטַאנֶען בַּיין בַּארְג סִינַי מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה. דָאס לֶערִינְט אוּנְז אַז דִי תּוֹרָה גֶעבִּין הָאט דֶער בּוֹרֵא עוֹלָם נִיט אָנְגִיטְרוֹיט אֲפִילוּ דֶעם בֶּעסְטִין מֶענְשִׁין וִוי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, מַאכִין אִים פַאר אַשָׁלִיחַ גֶעבִּין דוּרְךְ אִים דִי תּוֹרָה (אזוי ווי ער איז גיוועזן דער שליח פון השי"ת ביי יציאת מצרים), נוּר דֶער בּוֹרֵא אַלֵיין בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ הָאט עְרְשַׁיינְט אוֹיפִין הַר סִינַי, פַאר אַגְרוֹיסֶע פּוּבְּלִיקַע פוּן מִילְיָאנֶען מֶענְשִׁין אוּנ הָאט מִיט זֵיי פֶּערְזֶענְלִיךְ (פָּנִים אֶל פָּנִים) גִירֶעט דִי עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרִים (וואס אין זיי איז פערוויקילט גאנץ תרי"ג מצות), דְרוּם אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אֵיינֶער אוּנ זָאגִין, אַז עֶר אִיז אַצְוֵוייטֶער מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אוּנ גָאט הָאט אִים גִימַאכְט פַאר אַשָׁלִיחַ גֶעבִּין אַנַאיֶע תּוֹרָה, וֶועלִין מִיר אִים עֶנְטְפֶערִן, דִי עֶרְסְטֶע תּוֹרָה הָאט דֶען גָאט גִיגֶעבִּן דוּרְךְ אַשְׁלִיחַ? נוּר בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ, הַיינְט וֶוען עֶר וִויל אִיר בַּייטִין זָאל עֶר אַזוֹי גוּט זַיין אַלֵיין עֶרְשַׁיינֶען פַאר דִי גַאנְצֶע פָאלְק וִוי דֶענְסְטְמָאל, דַאדוּרְךְ בְּלַייבִּין מִיר שְׁטֶענְדִיג בַּיי דֶעם (אני מאמין שזאת התורה לא תהא מוחלפת), אַז עֶס וֶועט נִיט זַיין קֵיין אַנְדֶער תּוֹרָה פוּן דֶעם בּוֹרֵא ב"ה (נאך דייטליכער איז ערקלערט גיווארין אין מעשה אלפס פירטע טייל זייטע 80).

ד) זְכִירַת הַקְצָפַת אֲבוֹתֵינוּ בַּמִדְבָּר.

אִיךְ דֶער מָאן מִיט אַבִּיטֶערֶע הַארְץ אַלֶעס וָואס אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין הָאבִּין עֶרְצַארִינְט דֶעם בּוֹרֵא ב"ה אִין דֶער מִדְבָּר, אוּנ אִיבֶּער הוֹיפְּט דִי גִישִׁיכְטֶע פוּן עֵגֶל, אוּנ גֶעווִיס דַארְף מֶען גִידֵיינְקֶען וָואס מִ'הָאט אַלֵיין עְרְצַארִינְט דֶעם לִיבִּין גָאט פוּן יוּגִינְט אָן, אוּנ מִ'דַארְף חֲרָטָה הָאבִּין אוֹיף דֶעם, אוּנ פָארְזִיכְטִיג זַיין אוֹיף וַוייטֶער בֶּעסֶער צוּ זַיין.

ה) מִצְוַת זְכִירַת מַעֲשֵׂה עֲמָלֵק.

אוּנ אִיךְ בִּין מְקַיֵים דִי מִצְוָה, דֶער מָאנֶען וָואס עֲמָלֵק הָאט גִיטָאן אִידִין בְּעֵת זֵיי זַיינֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פַארְצִיטֶערְט גִיוָוארִין פַאר דִי גְרוֹיסֶע ווַאוּנְדֶער וָואס דֶער בּוֹרֵא

פנינים יקרים

גִינוּמֶען מַבִין זַיין צוּם קָרְבַּן פֶּסַח וָואס מִ'דַארְף אִין 4 טֶעג אַרוּם מַקְרִיב זַיין (דֶעם יַרְדֵן אִיז מֶען אַרִיבֶּער דֶעם צֶענְטִין נִיסָן) אוּנ ווַייל עֲרֵלִים טָארִין נִיט עֶסִין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, אוֹיךְ דֶער וָואס הָאט מַל צוּ זַיין אַקִינְד טאר נִיט מַאכֶען דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אֵיידֶער עֶר אִיז אִים מַל. הָאבִּין זִיךְ אַלֶע גִינוּמֶען צוּ דֶער מִצְוָה (בְּרִיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ). נאכְהֶער הָט מֶען גֶמַאכְט דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח מִיט גְרוֹיס פַּארַאד, אוּנ אַזוֹי וִוי דֶעם קְרֶעפָּאקְסְט

פון

האט געטאן פון אידינס וועגין אין מצרים, אונ אלע האבין געהאט פאר זיי יראת הכבוד (עהרעפורכט), איז געקומען עמלק אונ אן געפאלין אונ געמאכט א מלחמה צו ווייזין די וועלט, אז ער גלויבט ניט אין קיין זאך, הגם ער האט געחאפט זיין פסק, אבער דער וייל האט ער ארייין געווארפין שלעכטע זאמען (זרע עמלק) אין די לייכטזיניגע מענטשין, אב שוואכין אין זיי די אמונה, דארפין מיר דאס געדיינקען אויס צו מעקין פון הארצין די זרע עמלק, די שלעכטע זאמען וואס עמלק האט פארזייט אין די שוואכע בעלי אמונה, אונ אז דער בורא וועט אונז העלפין, מיר וועלין זיין אין אונזער לאנד אונ מיר וועלין האבין דעם מלך המשיח, וועלין מיר פאר פירין מיט אים א מלחמה אויס צו מעקין זיין נאמען פון דער וועלט.

ו) זכירת עונש מרים.

ליבער פאטער, איך וויל מקיים זיין, וואס דו האסט געשריבען אין דיין תורה, מיר זאלין געדיינקען וואס האט פאסירט מיט די צדקת מרים, בעת אידין זיינען געגאנגען פון מצרים האט זי אמאל גירעט פאר אהרנ'ן אויף איר ברודער (משה רבנו), וואס ער האט זיך פון מתן תורה אן אב געשייד פון זיין פרוי צפורה, האט זי אים (משה רבנו) געוואלט פאר גלייכין צו אלע נביאים, וואס זיי זיינען ניט אב געשיידעט פון זייערע פרויען, הגם זי איז דאך געוועזן עלטער פון אים, אונ האט אים ליב געהאט. זי האט דאך איין נישטעלט איר לעבין פאר אים (בעת מיהאט אים געווארפין אין טייך) אונ משה רבנו האט דאך ניט מקפיד געוועזן אויף דעם וואס זי האט אים באליידיגט, פון דעסט וועגין איז איר ניט געשוינט געווארין, אונ זי איז געשלאגין געווארן מיט צרעת. היינט ווי זאל איך ניט פערציטערט ווערין, ווען איך דער מאן זיך פיל מאל האב איך גירעט לשון הרע אויף מיין גלייכין אונ אויף וויכטיגערע מענשין פון מיר אונ אויף גאר גרויסע לייט, ווי ווייט דער עונש איז. אלזא ליבער פאטער העלף מיר איך זאל פון היינט אן

פנינים יקרים

פון מצרים (וואס קיין עבד האט ניט גיקאנט ורם פסח אונ ומיט די נייסטליבע גיוועזער ארויס גיין פון דארטן) האבין אידין גיבראכין האט מען זיך גענומען צום קרעפאסט, מיט די גיוועזער פון דם מילה ודם פסח אונ מ'האט אים אלע טאג ארום געריגעלט. זיינען ארויס פון אים, דאס גלייבען האט די כהנים מיט דעם ארון הקודש פאראויס, מען דא לעבין יריחו גיפראוועט דם מילה נאכהער די גאנצע יודישע ארמיע, געווים האבען

אָבּ היטין מַיין צונג פון אַלֶע רֵייד וָואס מֶען טָאר ניט און וָואס עֶס פַּאסְט ניט. מַיין צוּנג זָאל זַיין אַרַיינֶע כְּלִי צוּ לוֹיבּין דַיין נָאמֶען, אָמֵן.

ז) זְכִירַת יְהֹוָה אֱלֹהִים.

אִיךְ ווִיל מְקַיֵים זַיין, וָואס דוּ לִיבֶּער גָאט שְׁרַייבּסְט אִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶער מֶענְשׁ זָאל נִיט זָאגִין, אַז מַיין קְרַאפְט און מַיין שֵׂכֶל הָאט מִיר גִיגֶעבִּין מַיין רַייכְטְהוּם. נֵיין מַיין קִינְד, עֶס אִיז דָא קְלִיגֶערֶע און מֶער בְּרִיּוֹת פַאר דִיר און הָאבִּין קֵיין בְּרוֹיט נִיט (לא עלינו), דַיין הַצְלָחָה אִיז נוּר וַוייל הַשי"ת הָאט דִיר גִיגֶעבִּין קְרַאפְט און מַאכְט אִין דִי הֶענְט און שֵׂכֶל אִין מוֹחַ, און מִיט זַיין ווִילִין הָאט עֶר גִיקֶערֶעוֶועט דִי רֶעדֶעלֶע עֶס זָאל זִיךְ דִיר גוּט אַרַיין גִיסֶען. אַלְזָא דַארְף מֶען דַאנְקֶען און לוֹיבִּין הַשי"ת און מְ'דַארְף טָאן צְדָקוֹת און גְמִילוּת חֲסָדִים צוּ אַלֶע מֶענְשִׁין, ווַייזִין אַז מְ'אִיז אַגוּטֶער גַבַּאי אוֹיף דִי גֶעלְט, וָואס הַשי"ת הָאט בַּיי מִיר אַיין גִילֵייגְט, און וֶוען עֶר וֶועט צוּפְרִידִין זַיין פוּן מַיינֶע גַבָּאוֹת וֶועט עֶר הַאלְטִין בַּייא מִיר דִיא הַצְלָחָה אוֹיף ווַייטֶער און ווַייטֶער, אָמֵן.

ח) זְכִירַת הַמָּן עוֹמֶר לַגֻּלְגּוֹלֶת (צו בעטין פרנסה).

רִבּוֹן הָעוֹלָמִים וַאֲדוֹנֵי הָאֲדוֹנִים, מֶלֶךְ הַמְלָכִים דֶער קֶענִיג אִיבֶּער אַלֶע קֶענִיגֶען, דוּ פַארְלַאנְגְסְט אִין דַיין לִיבֶּע תּוֹרָה, אַמֶענְשׁ זָאל אָפְּט דֶער מָאנֶען, דוּ הָאסְט גִיפִירְט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין אִין דֶער מִדְבָּר 40 יָאהר, וָואס פַאר דִי מֶענְשְׁלִיכֶע אוֹיג אִיז גָאר נִיט מֶעגְלִיךְ גִיוֶועןְ זֵיי זָאלִין דָארְטֶען קֶענֶען לֶעבִּין אֵיין וָואךְ, ווָאוּ נֶעמְט מֶען בְּרוֹיט און וַואסֶער פַאר מִילְיָאנֶען מֶענְטְשִׁין אִין אַוִויסְטִין מִדְבָּר? און מִיט דַיין חֶסֶד הָאסְטוּ גִיווִיזִין, אַז אָן בְּרוֹיט קֶענְסְטוּ אוֹיךְ שְׁפַּייזִין, דוּ הָאסְט זֵיי גִיגֶעבִּין אַלֶע טָאג אַפְרִישִׁינְקֶע שְׁפַּייז פוּן הִימֶל (דעם מן) וָואס אִיז צוּגַאנְגֶען אִין אַלֶע גְלִידֶער און הָאבִּין גִישְׁפִּירְט אִין אִים אַלֶע טַעֲמִים (וואס איינער האט נור גיוואלט), צוּ לֶערְנֶען אוּנְז מִיט דֶעם, אַז ווִי נוּר דֶער

פנינים יקרים

הָאבִּין דִי גִבּוֹרִים פוּן יְרִיחוֹ וָואס זַיינֶען גִישְׁטַאנֶען אוֹיפְ'ן קְרֶעפָּאסְט זֵיי גֶעקוּקְט אִין דִי אוֹיגֶען, און אַנְדֶערֶע הָאבִּין פִילַייכְט נָאךְ גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת פוּן זֵיי. אוֹיפְ'ן זִיבֶּעטִין טָאג (דָאס אִיז גִיוֶוען שַׁבָּת) נָאךְ דִי זִיבֶּעטֶע הַקָפָה הָאט דִי גַאנְצֶע יוּדִישֶׁע אַרְמֵייֶע מִיט אֵיין מָאל, גֶעשַׁאלִין „אַתְרוּעָה גְדוֹלָה", דָאס ווַייזְט אוֹיף דִי פֶּעסְטֶע אֱמוּנָה אִין דִי רֵייד פוּן דֶער תּוֹרָה, אַז אִיר הַבְטָחָה (גֶעבִּין אוּנְז דִי לַאנְד) אִיז בַּיי זֵיי זִיכֶער, גְלֵייךְ

ווי

מענש האט גיטאן דאס ווייניגע וועגין פרנסה, איז הגם עס איז גאר קיין אויסקוק ניטא „מאין יבא עזרי"? פון וואנען זאל קומען די הילף? זאל ער ניט אנווערין דעם האפענונג פון השי"ת אונ חאפין חלילה אגראשין וואס מ'טאר ניט, היינו גנבה, גזלה, קויפן גנבות חלילה, האנדלען אום שבת, ניין, חלילה וחלילה, ער דארף וויסין „היד ה' תקצר"? איז דען גאטעס האנד קורץ? „עזרי מעם ה' עושה שמים וארץ" מיין הילף וועט קומען פון השי"ת, וואס מיט זיין ווארט האט ער באשאפין הימל אונ ערד מיט מיליאנען ברואים אונ שפייזט אלעמען, בודאי וועט ער מיר אויך צו שיקען מיין שפייז. ווי ער האט גישריבען אין דער תורה (וברכך בכל אשר תעשה) ער וועט שיקען די ברכה אין אלעם וואס דוא וועסט טאן, אונ ווי באלד איך האב דאך גיטאן, איך האב אשטיקעלע עסק אין ערליכען פאך, איז שוין דא איין ארט וואו די ברכה זאל חל זיין, וועט ער בודאי שיקען ברכה והצלחה, איך זאל גישפייזט ווערין בכבוד, ניט אן רירין חלילה אפרעמדין גראשין, נור פאר קערט טאן נאך צדקות אונ גמילות חסדים מיט אלעמען ווי וייט מעגליך, אמן.

ט) זכירת ירושלים.

רבון העולמים, אונזערע עלטערין האבין צו גישווארין צו אונזער היילגע לאנד, בעת דער בית המקדש איז חרוב גיווארין אונ זיי זיינען גיגאנגען אין גלות אונ האבין זיך גישיידעט מיט איר (אם אשכחך) אויב איך וועל דיר פאר געסין ליבע ירושלים, זאל איך פאר געסין אן מיין רעכטע האנד, דאס הייסט זי זאל חלילה אב גינומען ווערין, אז איך זאל גאר ניט שפירין אז איך האב אהאנד. אלזא ליבער פאטער העלף מיר צו גידיינקען אונזער ליבע מוטער ירושלים אויף אלע מיינע שמחות, ביז וואנען מיר וועלין זוכה זיין צו זעהען איר

פנינים יקרים

ווי דער קרעפּאסט איז שוין ביי זיי אין האנד, אונ זיי שאלין שוין אתרועת נצחון, איז גלייך דר מויער איין גיזונקען גיווארן אין ד'ערד, אונ עס איז געווארין פאר זיי פריי די וועג צו גיין. די משנה שרייבט (אין ברכות פ"ט) אז ווער עס קומט אויף דעם ארט דארף געבין אשבח והודאה צום בורא ברוך הוא. יהושע האט וויסט גימאכט די שטאט יריחו אונ האט גיגעבין איין באפעל, אז מ'זאל איר קיין כאל ניט אויף בויען, ווייל זי איז גיוועזן דער רעכטער געסט פון אלע געצין דינער, אונ דארטין האט ער מתקן גיוועזן דעם גרויסין שבח „עלינו", אז מיר דארפין דאנקען דעם גרויסען הער פון

דער

אִין פְּרֵייד בְּעֵת אִירֶע קִינְדֶער וֶועלִין זִיךְ אוּם קֶערִין אִין אִיר שׁוּים, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

י) וְכִירַת מַעֲשֵׂה בִּלְעָם וּבָלָק.

טְרַייעֶר פָּאטֶער, דוּ הָאסְט אוּנְז גִיזָאגְט דוּרְךְ דַיין הֵיילִיגֶען נָבִיא מִיכָה, מִיר זָאלִין דֶער מָאנֶען דִי גִישִׁיכְטֶע וָואס בָּלָק (דער קעניג-פון מואב) הָאט אוֹיף גִיקְלֶערְט אַפְּלַאן וֶועגִין אִידִין, רוּפִין בִּלְעָמְ׳ן זַיי שִׁילְטִין, אוּנ בִּלְעָם הָאט גִיקָאנְט צוּ טְרֶעפִין דִי רֶגַע וָואס השי״ת אִיז צָארִינְדִיג (אלע טאג), אוּנ וָואלְט חָלִילָה אִין דִי שְׁלֶעכְטֶע מִינוּט זָאגִין „כַּלֵּם״ (פאר לענד זיי), הָאט השי״ת גִיטָאן חֶסֶד אוּנ דִי גַאנְצֶע צַייט הָאט עֶר נִיט גִיצַארִינְט, הָאט בִּלְעָם גִימוּזְט עֶנְטְפֶערִין בָּלָקְ׳ן (מָה אֶזְעוֹם) ווִי קֶען אִיךְ צַארֶענֶען אוֹיף אִידִין אוּנ שִׁילְטִין זַיי (לֹא זָעַם ה׳) אַז גָאט צַארִינְד נִיט, דֶען עֶס אִיז פַאר אִים דוּרְךְ אוֹים אַיין עֵת רָצוֹן, אִיז עֶר גִיבְּלִיבִּין אַנַאר אוּנ אַבַּעַל עַוְלָה, אוּנ אַנְשְׁטָאט שִׁילְטִין הָאט עֶר זַיי גִימוּזְט בֶּענְטְשִׁין אוּנ אִיז אַוֶועק מִיט בִּזְיוֹנוֹת פוּן בָּלָקְ׳ן. דַארְפִין מִיר גִידֵיינְקֶען ווִי וַוייט דִי חֲסָדִים פוּן השי״ת אִיז גְרוֹים מִיט אוּנְז, אוּנ אַזוֹי בְּכָל דוֹר וָדוֹר וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף אַנְטִיסֶמִיטִין בִּלְעָמְ׳ם תַּלְמִידִים צוּ שִׁילְטִין אִידִין, זָאלְסְטוּ גוּטֶער גָאט אוּמְקֶערִין זֵייעֶרֶע קְלָלוֹת אוֹיף בְּרָכוֹת, אוּנ אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוּנְז מַצִּיל זַיין פוּן אַלֶע שׂוֹנְאִים, סַיי וָואס ווִילִין אוּנְז שְׁלָאגִין מִיט דִי הֶענְד אוּנ סַיי מִיטְן מוֹיל, אוּנ זָאלְסְט בְּרֵיינְגֶען אוֹיף אוּנְז יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת בִּמְהֵרָה, אָמֵן.

הִתְחַנֵּה וּשְׁמוֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד (פאר היטין אליין די אייגענע נשמה).

עֶרְבַּארְמִיגֶער פָּאטֶער! אִיךְ אָרִימֶע פְרוֹי, אָרִים אִין מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּנ רַייךְ אִין זִינְד, צוּבְּרָאכִינֶער שַׁארְבִּין, פַארְוֶועלְקְטֶע בְּלוּם, מִיט אַצוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ אוּנ מִיט וַוארִימֶע טְרֶערִין קוּם אִיךְ בֶּעטִין פַאר דִיר גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער גָאט, דוּ זָאלְסְט

פנינים יקרים

דֶער וֶועלְט וָואס מִיר זַיינֶען גֶעפַאלִין אִין זַיין גוֹרָל, אוּנ דֶער פַאר אִיז דֶער שֶׁבַח אַזוֹי טֵייעֶר גֶעבְּלִיבֶּען בַּיי אִידֶען, אַז דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה הָאבִּין אִים אַרַיין גִישְׁטֶעלְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אִין „מַלְכִיּוֹת״ וָואס דֶער בּוֹרֵא פֶערְלַאנְגְט, מִיר זָאלִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאגִין פַאר אִים „מַלְכִיּוֹת״ בִּכְדֵי מִיר זָאלִין אִים מַאכִין קֶענִיגֶען אוֹיף אוּנְז, אוּנ דַאדוּרְךְ וֶועט עֶר אוּנְז דֶער מָאנֶען צוּ אַגוּט יָאהר, דַארוּם אִיז דִי תְּחִנָּה פוּן „עָלֵינוּ״ זֵייעֶר אַטֵייעֶרֶע, מְ׳דַארְף אִיר זָאגִין מִיט גְרוֹים כַּוָּנָה.

דער

מיר געבין א לב טהור (אריינע הארץ) מיט אגוטין ווילן (אפעססין טוטה), איך זאל זיך פעסט בעשליסען, אוים צו מיידין די טריט פון די רשעים וואס ווייבין אוים דיין תורה און גייען אין פינסטערע וועגין וואו זייערע תאוות שלעפין זיי (דרך רשעים באפלה), און דער טרינקען מיט דעם זייער נשמה, ווי דוד המע"ה זאגט (אשרי האיש) גליקליך איז דער מענש (אשר לא הלך בעצת רשעים) וואס ווייכט אוים די עצות פון רשעים (וואס זיי ראטהען צו גיין אין זייער וועג), (ובדרך חטאים לא עמד) און אין די וועג פון די זינדיגע מענשין איז ער ניט גישטאנען, (ובמושב לצים לא ישב) און אין די קאמפאניעס פון לצים, קארטען שפילער, אדער אזוי אויפקלייבין זיך באלעמוצען און מאבין לצנות איז ער ניט גיזעסין, (כי אם בתורת ה' חפצו) נור איך זאל חשק האבין צו גיין אין די ריכטיגע וועג פון דיין תורה. און העלף מיר, אז ווען איך האב נור צייט (ווען איך האב אב גיטאן אלע נייטיגע ארבייט פון גאס און פון שטוב) ובפרט שבת ויו"ט זאל איך זיך ניט אוועקזעצין שמועסין פוסטע רייד, נור לייענען הייליגע קלוגע ספרים וואס ווארימען אויף די הארץ מיט הייליגע געפיהלען, ליב האבען דיין הייליגען נאמען און ליב האבען די וואס ווייסין דיין תורה און טוען גוטעס, און זיי לערנען צו ווייסין אלע דינים וואס א אידישע טאכטער מוז וויסען, סיי אין אדין און סיי אין דרך ארץ א), ובזכות זה זאל מקוים ווערין אויף מיר וואס דוד המלך זאגט ווייטער (והיה כעץ שתול) איך זאל זיין ווי אבוים וואס איז גיפלאנצט

שערי ציון

א) דער ספר מוסר השכל שרייבט פון פיל הייליגע ספרים, אפילו וואס וויל זיין געטריי דעם מאן און וויל פארדינען דעם נאמען „העכסט ערענטליכע פרוי" דארף זי נעמען אויף זיך די זאכין: א) זי זאל גיין ארום זיך ריין ציכטיג, ניט פארשמירט, עס מעג זיין איינפאכע, אלטע געמיינע קליידער נור ריין און גאנץ (פאר נייעס), און אזוי אויך אכטונג געבין, די קינדער זאלין גיין ריין און גאנץ. — ב) אין שטוב זאל זיין אוים גיקערט, אויף גיראמט, די כלים צושטעלט אויף זייערע ערטער. — פוילקייט אין אהויז, איז איין אונגליק אין הויז, דאס ווערט צו שטאבין, דאס צו בראכין, דאס צו ביסין, דאס צו ריסין, דעריבער מוז זי אכטונג געבין עס זאל זיין די ווירטשאפט אין ארדנונג. — ג) זי זאל זיך היטען פון איבעריגע רייד פון פלוידערין, ווארום נארישע רייד, גיבען ניט צו קיין חן, שלמה המלך זאגט, אז ווייניג ריידין מאכט אנארין אויך פאר אחכם. — ד) ביי אנויט, ווען דעם מאן איז איינג, זאל זי אים צופיל ניט דערמאנען וועגין וואס עס פעלט. — ה) אז איר פעלט עפעס אין געזונד, זאל זי עס ניט פערגרעסערין, און ניט חאפין זיך און הייבען מיט דאקטורים, אדער ווי היינט איז ארויין אין מאדע, נור עפעס פארען אין אויסלאנד אין א באד. ווייל חוץ וואס מ'ברייננט אוים געלט אום זיסט, מאכט מען זיך אן טאקע קראנקייטין

אמתע

ביי אקוואל וואסער, וואס ער גיט זיין פרוכט אין דער צייט און די צווייגען וואס מ׳נעמט פון אים (איין צו פלאנצין אין א צווייטין ארט) איז גיראטין מיט גרוים הצלחה, אזוי זאל איך זוכה זיין צו האבין גוטע דורות וואס גאט און לייט זאלן זיך מיט זיי פרייען, אמן:

תחנה שלשה שערים.

די תחנה איז גיגרינדעט אויף דיא 3 מצות, וואס זיינען איבער גיגעבין צו די פרויען, דער נאמען פון זיי איז חנ״ה דאס הייסט: חלה, נדה, הדלקה, און אזוי ווי אונזער מוטער חנה האט גיבעטין ביי השי״ת, אז בזכות די 3 מצות, וואס זי האט אב געהיט פינקטליך, ווי די תורה האט גיבאטין א), זאל השי״ת איר מזכה זיין מיט א זוהן, און השי״ת האט צו גיהערט איר תפלה, און האט איר גיגעבין א וויכטיגען זוהן שמואל הנביא, וואס ער איז גיוועזן וויכטיג ווי משה ואהרן צו זאמען, ווי דוד המלך זאגט (משה ואהרן בכהניו ושמואל בקוראי שמו), אזוי אויך די פרוי וואס וועט אב היטען די דריי מצות ווי גיהעריג איז, זאל השי״ת איר מזכה זיין גוטע קינדער און אגרינגע געמיטה, אמן.

ראשון לציון

א) ווי די חכמים זאגען (ברכות לא). ר׳ אלעזר זאגט די 3 מאל אמתך (בעני אמתך, ולא תשכח את אמתך, ונתת לאמתך) וואס חנה האט געזאגט אין איר תפלה בעדייט: רבונו של עולם, דו האסט געגעבען די פרויען 3 מצות, חלה, נדה, הדלקה, וואס

שערי ציון

אמתע, נור מ׳דארף זיך אויס רוהען און אב היטען. — ו) אויב דער מאן איז עפעס אונגערעכט מיט א ווארט, זאל זי עם פאר ביי לאזען, אמאנס כעס געדויערט א קליין ווילע, ער וועט באלד אליין פאר שטיין זיין אונרעכט און וועט זי איבער בעטין. — ז) זי זאל פאר אים אין די אויגען ניט לויבען קיין אנדער מאנכספערזאן, דער איז זייער קלוג, דער איז גאנץ שיין. — ח) אז ער איז אין איין אונגליק חלילה, זאל זי אים ניט בעשולדיגען און ניט ארויף ווארפען אויף אים אומזיסטע חטאים. — ט) ניט ארום לויפען אין פרעמדע הייזער און ברייננען אהיים נייע ידיעות, פון קליידער, פון מעביל, פון צירונג.

י) בעסער דאוונען אין דער היים אליין פאר גאט, איידער גיין אין שול בעטראכטען יענעמס פעריל, יענעמס צירונג און קומען צו קנאה צו לשון הרע חלילה. —

יא) צדקה זאל זי ניט טיילען פיל אן מאנס ידיעה, און זאל זיך אויף די ארעמע לייט ניט בייזערין. — יב) אז דער מאן וויל עפעס ניט אויס זאגין, זאל זי אים ניט אריין קריכען אין לעבער אריין, ער זאל איר דווקא אויס זאגין, (זי זאל זיך דער מאנען דעם בעוואוסטען משל פון האן). — יג) אז עם קומט איינער פון זיינע פריינד, זאל זי אים אויף נעמען מיט כבוד, מיט אפריינדליכע מינע.

אִיךְ נֶעם צוּ הִילְף דֶעם לֶעבֶּעדִיגֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא, וָואס עֶר לֶעבְּט אִימֶער אוּנְד עֶוִויג, אוּן שְׁרַייבּ דִי וִויכְטִיגֶע תְּחִנָּה „שְׁלשָׁה שְׁעָרִים" מִיט גְרוֹיס פְרַיינְדְשַׁאפְט צוּ אוּנְזֶערֶע טַייעֶרֶע שְׁוֶועסְטֶער דִי אֵיינִיקְלַאךְ פוּן אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה, אוּן מִיט גְרוֹיס עֶהְרִין פוּרְכְט (יראת הרוממות) פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ. אוּן מִיט גְרוֹיס גִיבֶּעט, אַז עֶר זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבִּין אוֹיף מִיר אוּן אוֹיפְ'ן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, מִיר זָאלִין נִיט דַארְפִין זָא לַאנְג נַע וָנַד זַיין (ארום וואלגערין זיך אין גלות), עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין עֶנְטְפֶערִין וִוי עֶר הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט אוּנְזֶער פָאטֶער יַעֲקֹב, וָואס צוּלִיבּ דִי שִׂנְאָה פוּן זַיין בְּרוּדֶער עֵשָׂו אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ גִיוֶוען פַאר וָואגִילְט פוּן זַיין הֵיילִיגֶע לַאנְד אוּן פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערִין 22 יָאהר, אוּן בִּזְכוּת אוּנְזֶער קֶענִיג דָוִד וָואס צַייט שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא הָאט אִים גִיזַאלְבְּט פַאר אַ מֶלֶךְ בִּיז וַואנֶען עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן קֶענִיג שָׁאוּל, (אמשך פון 18 יאהר) אִיז עֶר גִיוֶוען נַע וָנַד אִין אַלֶע מִדְבָּרִיוֹת, גֶעיָאגְט פוּן שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ אִין טוֹיט שְׁרֶעק, וִוי דִי וֶועלְט זָאגְט. „אַז מ'אִיז גֶעיָאגְט פוּן אַ קֶענִיג אִיז דִי וֶועלְט אֵיינְג". זָאל זַיין זְכוּת מֵגֵן זַיין אוֹיף אוּנְז. אַז נָאךְ דִי 18 הוּנְדֶערְט יָאהר וָואס מִיר זַיינֶען נַע וָנַד אִין גָלוּת אִין טוֹיט שְׁרֶעק. זָאל דֶער בּוֹרֵא אוּנְז שׁוֹין אוּם קֶערִין אִין אוּנְזֶער לַאנְד מִיט אוּנְזֶער מְלוּכָה בִּמְהֵרָה. אָמֵן:

שערי ציון

יד) זִי זָאל זִיךְ נִיט וֶועלֶען פִירֶען. הֶעבֶער אַיידֶער זַייעֶר פֶּערְמֶעגִין אִיז, בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטֶען, אַז דֶער לוּקְסוּס הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּרַייטֶעט, דֶער פיהרונג אִיז אָן אַחֶשְׁבּוֹן, קֶען מֶען חָלִילָה אַרַיין אִין אַנְגְרוֹיסֶען אוּנְגְלִיק וִוי דִי וֶועלְט זָאגְט: „אַז מ'לֶעבְּט אָן אַחֶשְׁבּוֹן, שְׁטַארְבְּט מֶען אָן אַצַייט". טו) קִינְדֶער זָאל זִי עֶרְצִיהֶען אִין פְרוּמְקַייט אוּן אֵיידִילְקַייט, וֶוען אֵיינֶער נִיט זַיי עֶפֶּעס, זָאלֶען זַיי זָאגֶען אַדַאנְק, אוּן עֶרְקְלֶערֶען אַז אַ בְּרָכָה וָואס מֶען מַאכְט אוֹיף שְׁפַּייז אִיז דָאס אַדַאנְק דֶעם עֶוִויגֶען אוֹיף דִי שְׁפַּייז וָואס עֶר הָאט בֶּעשַׁאפֶען, דְרוּם זָאל זִי לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַבְּרָכָה, אוּן אָבּ הִיטֶען אַז זַיי זָאלֶען נִיט עֶסֶען אָן הַמּוֹצִיא, אָן אַ בְּרָכָה. טז) אִיהרֶע רֵייד זָאל זַיין שְׁטִיל רוּהִיג. אָן כַּעַס, אָן רוּגֶז, אָן קוֹלוֹת, בִּפְרַט אוֹיף דִי דִינְסְטֶען שְׁרַייעֶן, פַּאסְט גֶעוִוים נִיט, זִי מֶעג אוֹיס רֶעכְנֶען, אַז קֵיינֶער וֵוייס נִיט וָואס הִינְטֶערִין פְלֵייצֶע שְׁטֵייט, אַז אִיר קִינְד וָואלְט חָלִילָה דִינֶען, וָואלְט זִי גֶעוִוים וֶועלֶען מ'זָאל אִיר בֶּעהַאנְדְלֶען נִיט, אַזוֹיא אִיז יֶענֶע אוֹיךְ אַקִינְד פוּן עֶלְטֶערֶען אוּן מ'דַארְף אִיר אוֹיךְ בֶּעהַאנְדְלֶען גוּט.

ראשון לציון

וָואס וֶוען זֵיי זַיינֶען חָלִילָה עוֹבֵר אוֹיף זֵיי, שְׁטֵייעֶן זֵיי אִין סַכָּנָה בְּעֵת גֶעבּוֹירֶען דֶעם קִינְד, הָאבּ אִיךְ דָאךְ דָאס אָבּ גֶעהִיט וִוי אַ מְרַייעֶ. „אָמָהִי" (רינסם), דַארְפְסְטוּ בִּזְכוּת זֶה אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוּן מִיר גֶעבֶּען אַקִינְד.

אײדער מיר װעלין שרײבין די תּחנה פון חלה, רעכענען מיר פאר נײטיג צו ערקלערין, װאס איז דאס חלה פאר אזא גרױסע מצוה װאס אלע הײליגע ספרים מאכין אזא פאראר פון דעם? אויך דער מדרש שרײבט אז דער ב׳ פון בראשית איז גלײך װי עס װאלט שטײן (בשביל ראשית) צוליב די זאכען װאס הײסין „ראשית" האט דער בורא בעשאפין די װעלט. הײנו די תורה הײסט „ראשית דרכו", אידין הײסין „ראשית תבואתו" אונ די מצוה פון חלה הײסט „ראשית" (ראשית עריסותיכם חלה תרימו) איז חלה אײנע פון די 3 זאכין װאס צוליב זײ האט דער בורא בעשאפען די װעלט, װאס איז דאס פאר אזא גרױסע זאך? מאכען אברכה אויף אשטיקעל טײג אונ ארײן װארפין אין אויבין פארברענען, זאל דאס זײן אזא גרױסע מצוה? אונ מיט די ערקלערונג װעלין מיר שוין פאר שטײן די װיכטיגקײט פון „נדה" אונ „הדלקת הנר" אויך.

מיר האבין דא דער מאנט אז דער נביא ירמיהו רופט אידין (ראשית תבואתו) די ערסטע אונ בעסטע סארט פון אלע פרוכט פון גאנצען װעלט (די פרימע, די קרױן סחורה), אונזערע עלטערין האבין ערקענט דעם בורא. בעת די װעלט איז נאך האלב װילד געװעזען, אברהם אבינו איז געװעזען דער ערסטער װעלכער האט גימאכט ערקענען אלעמען, אז עס איז דא אבעשעפער, װי דער מדרש שרײבט אז די געשיכטע פון אברהם איז װי ארײזענדער האט גיבלאנזעט אין אפינסטערע נאכט, ער האט די װעג ניט גיטראפען. פלוצלונג האט ער דער זעהען אשײן פון פײער איז ער נאך דעם שײן נאך גיגאנגען ביז ער איז גיקומען צו אהויז. װי ער האט נור די טיר געעפענט איז איהם שוין ליכטיג גיװארין אין די אויגען. ער זעהט פאר זיך א פראכטיגע הויז, – דער סופיט איז גענפאקאסטירט דונקעל בלאה, אין סופיט איז ארײן גיצויגען פיל גאנצע פלאמען, אין מיטען צװײא גרױסע פלאמען עלעקטרעשע, אויף די פענסטער גארדינען, פון דרויסין לאדינס, אין הויז זײער אגישמאקער לופט, די דילין איז באצויגען מיט טײערע דיװאנס, אין די װינקלען שטײען גרױסע װאזאנעס, צום הויז איז דא אגארטן, אזאלד, אטיך, אלע זארטין עופות, בהמות, אין הויז איז דא פערשײדענע פריסאסין װעלכע נײטיג איז. פון אלע זאכין איז קאנטיג דאס דא װאונט ארײכער װירט, מיט קאפ אונ גרױס חכמה איז אלעס גיארדענט, קײן װירט זעהט ער אבער ניט, ער זעהט נור קינדער שפילען זיך אין פאפקעס אונ ליאלקעס, רופין די פאפקע מאמא אונ די ליאלקע פאפא. ער פרעגט בײ זײ װאו איז דער װירט? װײסען זײ ניט װאס צו ענטפערן, ער טראכט װאו איז ער דא אין דער װעלט? איז דאס מעגליך אזא גרױס ארטיגע הויז, זאל זיך פיהרן אהן א װירט, אפשר װארפט ניט אײק קײן קינדער, – װיא ער גײט ארום אזוי פארטיפט אין גערעַנק, האט פאר איהם ערשײנט אהערליכער גראף אונ זאגט צו אים: איך בין דער װירטה אונ דאס אלעס װאס דו זעהסט האב איך אלײן מיט מײנע הענד געגרינדעט, אלײן גיבויט, אלײן גיפלאנצט אלײן

באלויכטין

באלויכטין, אונ דאס זיינֶען מייגֶע קינדער וואס איך וויל זיי גליקליך מאכין אויף עוויג. ווען זיי זאלין נור פֿארשטיין ווי צו פֿירין זיך, ער איז שרעקליך ערשטוינט גיווארין פֿון די חכמה פֿון דעם גראף אוים צו שטרויען אליין אזא פֿאלאץ מיט אלע בעקוועמליכקייט. אונ ווי ער האט ערקענט אויף איהם אז ער איז פֿול מיט חסד אונ רחמים, איז ער זייער צו גיקלעפט גיווארין צו איהם, אונ האט אן גיהויבין צו ערקלערין די קינדער זיי זאלין אוועק ווארפֿין די פֿאפֿקעס מיט די ליאלקעס אונ צו לייגין דעם מוח צו באטראכטין די חכמה נפֿלאה פֿון זייער פֿאטער, אונ פֿלייסען זיך, זיין גיהארכזאם, פֿאלגען אלעס וואס ער לערענט זיי צוא זייער גליק. אונ זעהען אז אין אלע זייערע טהאטין זאל זיך אב שפּיגלען, אז זיי שטאמען ארוים פֿון אפּאטער אזא חכם אונ אזא אדעל.

דער רייזענדער דאס איז אונזער פֿאטער אברהם, ער האט גיבלאנדזעט, ווייל זיין פֿאטער תרח איז גיוועזען אגעצין דינער, אונ דיא געצין דינסט האט דאן גישפּילט די ראלע. אברהם האט אנפֿאנגס די וועג ניט געטראפֿען, ער האט גיקלערט אויף די זוהן, די לבנה, אפֿשר איז דאס גאט, נור זיין גיזונטער פֿארשטאנד האט דאס איהם ניט געלאזט גלויבין, ער האט זייער פֿיל גיהארעוועט, גיטראכט, גידיינקט ווי צו דער גיין דעם אמת, וועער עס האט באשאפֿין די גרויסע וועלט, אונ אויך די קליינע וועלטיל, דאס איז דער מענש וואס ער האט אין זיך די כחות פֿון די גאנצע נאטור, אונ צו וואס פֿיר אצעל דער מענש איז באשאפֿין גיווארין? איז דען מעגליך אז זיין תכלית איז נור ווי אבהמה צו עסין אונ טרינקען אונ לעבין אטאג, אז זיינע טעג זאלען זיין ווי די בלעטלאך פֿון קאלאנדאר, וואס זיי עקסעסטירן נור בעת דר טאג איז דא, נאכהער ווי דר טאג פֿארגייט, פֿליקט מען זיי אב אונ מען טרעט זיי אונטער די פֿים, אזוי זאלין אוועק גיין דעם מענטשינס טעג? אויב אזוי, איז ער דאך אונגליכער פֿאר די בהמה, די בהמה באקומט דאך איהר שפּייז אן מיהע, איהרע קינדער גיבוירט זי אונ האדעוועט אן מיהע, אן שמערצין, איהר שרעקט ניט אב די אונגליקען וואס קענען מארגין זיין, אונ דער מענש איז אין אלעם דער הפוך —. דיזע גידאנקען האט אים ניט גילאזין קיין רוהע, ער האט ניט גיגעסין ניט גיטרונקען, נור גיזוכט דעם אמת, גאט האט צוגיזעהען זיין ריינע הארץ מיט זיין מיהע, אז ער וויל וויסען דעם אמת, האט ער אין איהם אריין גישיינט אשטראל פֿון אמת ואמונה. איז ער צו גיגאנגען נעהנטער צו דער זאך. ער האט דערזעהען די וועלט מיט איהרע גרויסע ארדענונגען, אלעס אב גישטימט פּינקטליך צו דער צייט אין וואג אונ אין מאס, ער האט דערזעהען די צוויי עלעקטרישע פֿלאמען וואס בעלייכטין דיא וועלט. דאס איז די זוהן מיט די לבנה. דער הימל מיט די שטערין ווי גאנזע פֿלאמען, דר שאטען צו פֿארשטעלין די היץ ווי גארדינן, די פֿינסטערע נאכט ווי לאדינס, דר גישמאקער לופֿט איבעראל, די ערד איז באדעקט מיט פֿערשיידענע שפּראצונג

אונ

אונ געוואוקס, אין דיא ערד געפינט זיך פערשיעדענע מעטאלען, יעדער מין בעשעפענעס מיט זיין נאטירליכען פארשטאנד ער זאל קענען עקסעסטירן. דיא ימים מיט די ברואים וואס אין זיי, דער וואלקען מיט זיין רעגין אלעם גיווגען אונ גימאסטין ריכטיג.

אברהם איז געוועזען דער גרויסער פהילאזאף האט ער אנגיפאנגען קלערין איז דאס מעגליך אזוי אגרויסע וועלט, יעדער זאך קינסטליך געארבעט אונ אלעס ניי ווי היינט גימאכט, זאל ניט זיין איינער וואס האט דאס אלעס גיארדענט, אונ פירט די גאנצע ווירטשאפט, עס איז אונמעגליך צו גלויבין. ער זעהט אבער די מענשען פון דער וועלט פארשטעהן גאר ניט, זיי פארנעמען זיך גאר מיט פאפקעס אונ ליאלקעס (מיט די געצין דינסט). ער האט זיך אזוי פיל פארטיפט אין גידאנקען ביז גאט האט זיך צו איהם באוויזען בנבואה, אונ זאגט איהם: איך בין דער ווירטה פון דער וועלט, איך בין דער באשעפער אונ דער פיהרער, אונ אלע מענטשען זיינען מיינע קינדער וואס איך האב זייא באשאפין צוא אגרויסען ציעל.

אט יעצט האט אברהם ערקענט זיין בעשעפער אונ האט באמערקט וואס פארגעניגן היסט. אז די אלע פארגעניגען פון דער וועלט הייבט זיך גאר ניט אן קעגין די איין מינוט פארגעניגען וואס דער מענש ווערט אוים גיטאהן פון קערפער אונ איז זיך מתדבק צו גאט, ווי ער האט יעצט געשפירט ביי זיך אין די צייט וואס ער איז גיוועזען אוים גיטאהן פון גשמיות אונ גירעט מיט גאט. האט ער פון דענסטמאהל אן, זיך אנגיהויבען אלעס וואס מעגליך איז אב שיידען פון די גראבהייט פון חומר, וואס ער איז נור ווי אבהמה אונ זעהען אלעס פארגלייכען זיך צו די מהאטין פון השי"ת, וואס ער איז די קוועלע פון חסד, האט ער אויך אנגיפאנגען צו טאהן חסד מיט אלעמען ביז וואנען ער איז גיווארין דער חסד אליין (חסד לאברהם) אונ ניט נור איינפאכע חסד, ווי באהילפיג צו זיין יעדערין קערפערליך, נור איבערהויפט גייסטליך מאכין אלעמען ערקענען דעם נאמען פון דעם באשעפער אונ דעם פירער, דאס אלע זאלען וויסען אז עס איז דא אגאט וואס האט באשאפין דעם הערליכען פאלאץ (די וועלט) אונ ער איז דער פיהרער פון דער וועלט. די אלע לעקציאנען וואס ער האט באלערינט די וועלט האט אים גיקאסט גוט אונ בלוט, האב אונ גאב. וויל נמרוד'ן מיט זיין קוויטע האט דאס זייער ניט גישמעקט, האבין זיי איהם שטארק רודף גיוועזן, אונ נאכהער גיווארפין אין קאלך אויבין, אונ ער האט זיך פעסט גיהאלטען ביי זיין גדאנק, אונ איז ניט מיד געווארען ארום וואנדערין אין דער וועלט פאר שפרייטין זיין הויבען אידיאל, ביז גאט האט איהם גיהאלפין אז ער האט באלויכטין אגרויסין טייל וועלט אונ אלע זיינע פיינדע זיינען אונטער אים גיפאלין.

דאס זאגט ירמי' הנביא אין גאטעס נאמען (זכרתי לך חסד נעוריך) איך דערמאן

דיר

דיר ישראל דיין יוגענד געגאדע , בעת דער יודענטהום האט זיך אנגעהויבען אקארסט צו ענטוויקלען וואס דיין פאטער אברהם האט מיט מיר (גאם) חסד געטאהן מיר באקאנט צו מאכען אין דער וועלט, (אהבת כלולותיך) אויך געדיינק איך די ליבע פון דיין האבצייט דאס איז די צייט וואס זרע אברהם האבען געשלאסען פארטיא מיט השי"ת אוועק ווארפען אלע גלולי מצרים אונ דינען נור דעם גאט פון אברהם אונ מקבל געוועזען די תורה על הר סיני. (לכתך אחרי במדבר) אויך געדיינק איך דיין טרייהייט מיט דיין איבער געבונג צו מיר, אוועק ווארפין אזא פרוכט-בארע לאנד ווי מצרים (כגן ה' כארץ מצרים) , אונ גיין נאך מיר אין דער וויסטע (בארץ לא זרועה. אויף איינעם ערד בארען, וועלכער נאך נימאלס קיין זאמען עמפפאנגען האט), (קודש ישראל לה') פיר דאס אלעם ועסטו ביי מיר זיין א היילגטהום ווי דיין פאטער אברהם. וועלכער האט דער ערסטער פארשטאנען וואס דער אמת'ר פארגעניגען איזט, אונ איז צופרידען געוועזען צו זיין מיין הויז לעהרער צו לערנען אלע מענשין די אמתע וועג, אזוי וועט איהר (די גאנצע פאלק ישראל) ביי מיר זיין הויז לעהרער, צו באלערנען אלע פעלקער די אמתע וועג פון לעבין, צו פארענדיגען די פובליצירונג דאס גאטהייט (פעולת ההכרזה) וואס אייער פאטער אברהם האט אנגעהויבען.

אויף די היסטאריע באציהט זיך די דריי מצות פון די פרויען, ווייל זי איז די עקרת הבית, פון די יודישע הויז, ווי דער תלמוד זאגט (שבת ל"ב , ראשית קראתי אתכם על עסקי ראשית הוהרתי אתכם) , ווייל איר זייט ביי מיר די קרוין פון מיין וועלט וואס איהר דארפט מיט אייערע טהאטין באלייכטין, פארשיינען אונ באלערנען אלע מענטשען פון דער וועלט. — נור ווי אזוי איז דאס אבער מעגליך, אז אלע יודען זאלען שטיין אין אזו אהויכע מדרגה זיין לעהרער פאר דער וועלט, צו מאכען די גאנצע וועלט פאר גאטעס גארטען ? (כרם ה' צבאות), די באשעפטיגונג וועגען לעבענס-מיטל פארנעמט דאך די גרעסטע טהייל צייט, אונ די ביסעלע צייט וואס פארבלייבט, וואו איז דער יצה"ר אין דער וועלט ? וואס הייסט זיך פארגלייכען, צו מאנכע פעלקער פארברייגען אין טעאטערין אונ קארטען שפיל, אונ מיט אזא פיהרונג קען מען דען זיין אליכטיגקייט פאר דער וועלט ? דרום האט השי"ת אב געשייד פון אונז דעם שבט לוי . ער זאל ניט נעמען קיין חלק אין ארץ ישראל, אונ זיין חלק האבין די איבעריגע עלף שבטים גענומען צו בעארבייטען אונ איהם געבין אלעם פארטיגע, אום איהם צו בעפרייען פון אלע קערפערליכע טרדות, ער זאל זיין פריי נור צו תורה ומעשים טובים, דאפיר וועט ער מיט זיין תורה וואס ער איז אב געלייגט אויף דעם זיין גאנצין לעבין, בעלערנען די גאנצע פאלק, אז די פאלק אין איהרע רוהיגע צייטין זאל זי איהם נאך טאהן, קערין זיך צו גאטעס דינסט, ניט נאך צו כאן די הבלי האומות, אונ האט אונז אן געזאגט, אז אלע ערשטע זאלען מיר געבין דעם כהן. איך מאך פארטיג די תבואה אריין צו שיטען אין זאסיק, אין מאגאזין דארף איך די ערשטע (תרומה ומעשר) געבין דעם כהן ולוי, וועט דאס די פרוי פון כהן, פון לוי צו מאלין אונ אוים באקען ברויט, אונ פאר

די

די יונגע כהנים ולוים וואס לערנען אין ישיבות (ווער וועט זיי פאר'טיג מאכין די ברוים)? אויף דעם האט די תורה גיהייסען די מצוה פון חלה, היינו ווען מ'קנעט אטייג פון 6 פונט זאל מען אב שיידין אפערטיל פונט ($^1/_{24}$ טייל) אוים באקן אחלה לע פארין ישיבה מאן, אבעקער וואס באקט 10 פונד דארף אב שיידען 8^1_3 פונט ($^1/_{48}$ טייל). אוים באקען אונ אריין שיקען אלעבעל ברויט פאר די ישיבה לייט 1), צו דעם תכלית, אז זיי זאלין זיין רוהיג פון אלע טרדות הזמן נור צו תורה ומעשים טובים, דאדורך וועט די גאנצע פאלק קענען זיין „ממלכת כהנים וגוי קדוש", אז אלע אומות זאלען קענען גיין פאר זייער שיין, צוא ער־ענען דעם באשעפער,

מעשה אלפס

1) לבד די איבעריגע מתנות וואס די תורה האט פארארדענט צו געבין די כהנים אונ לוים, 5 טאלער פון פדיון הבן. אטייל וואל אז מען שערט די שעפסין (ראשית הגז), אז מ'קיילעט א בהמה דארף מען אים געבין א חלק פלייש, בכדי די כהנים ולוים זאלין האבין זייער לעבענס־מיט'ל בכבוד, זיי זאלין זיין רוהיג צו לערנען בהתמדה נאטעם תורה אונ זאלען נאכהער קענען לערנען מיט'ן כלל ישראל שבת ויו"ט, נור ווייל דער עיקר איז דאך ברויט אין א שטוב, דרום רעכינט דער מדרש תרומה אונ חלה. — די מצוה פון חלה נעמען האט אין זיך נאך א טייערין גידאנקען, אזוי ווי תרומה ומעשרות וואס לערנען דעם מענשין אז אלע זיינע קנינים איז אמתנת אלהים (אגאטעם גאבע), דער בורא איז דער ווירט פון דער וועלט, ער גיט דעם מענשין לעבען אונ פרנסה, אונ אן דעם רצון הבורא העלפט ניט קיין שתדלנות, אזוי וויא מען האט אונז געוויזען אין דער מדבר ביין מן, אז דער וואס האט גילייגט השתדלות אונ געקליבען אסך מן האט קומענדיג צו הויז ניט געפונען מעהר ווי איין עומר לגולגולת, אונ ביי עבודת האדמה זעהט יעדערער שיינבאר, אז זיין גאנצע מיהע פון אקערין אונ זייען קען נאר ניט געבן, ווען עס זאל ניט זיין דערביי גאט'ס גאבע, רעגן אונ גוטע לופט, אונ אוים היטונג פון אלע פגעים, ווי הייששרעקען אונ ווערים אונ ד. ג., דרום ווי עס ווערט פארטיג די תבואה (אויפען פעלד אדער די פרוכט אויפען בוים) דארף ער די ערשטע בכורים פירען מיט שמחה אין בית המקדש, ווי דער ארים (וואס א־בעט אגארטין פון א גראף צו נעמען אטייל פון די פרות) טראגט די ערשטע פרוכט צום גראף. נאכהער ווי ער נעמט אראב, דארף ער געבין אחלק צו גאט תרומה ומעשרות, דאס זאל אין אים איין פליסען טיף דעם גידאנקען אז אלעס וואס ער נעמט אראב פון די פעלדער איז גאטעם גאבע, אום זיין הארץ זאל זיין ווייך אונ אידעל צו באנוצען מיט דעם נאך נאטעם וואונש, צו טהאן גוטעס זיך אונ אלע מענשין. — דער פאבריקאנט וויים דאך אבער זיינע מאטריאל! השי"ת וויים דאך די הארץ פון מענשין, אז בעת ער איז נאך ניט זיכער מיט דער זאך (עס זאל זיין געווים זיינע) דיינקט ער טאקע צו טאהן מיט דעם גוטעס, אבער נאכהער אז ער האט שוין אריין געקראגין, שטעלט זי אים פאר אז דאס איז זיינע נור זיינע, אונ דער עווינער איז שוין גאר קיין מחותן ניט מיט דעם, אונ ער האט שוין בילכערע זאכען אויף וואס צו פארברייגען זיין געלט, נאך צו געבין זיין תאוה אונ זיין לוקסום מיט די גאוה, אונ זיין הארץ ווערט שוין הארט ווי שטיין, דאס גלייכען די תבואה וואס איז שוין אוים געהיט געווארען פון אלע אומשטענדע (ווי הייששרעקען אונ ד. ג.) אונ ער האט איר שוין אריין גענומען אין אוצר (מאגאזין), מיינט ער אז עס איז שוין גאר זיינע. אויף דעם קומט די תורה מיט די מצוה פון חלה נעמען אן צו מעורר זיין דעם מענשען, אז אפילו בעת די תבואה איז שוין ביי דיר

אין

דֶעם פִיהרֶער פוּן דֶער וֶועלְט. נוּר וַוייל הַיינְט זַיינֶען מִיר מִיט דִי כֹּהֲנִים טְמֵאִ'ם, וָואס זֵיי טָארֶען דִי חַלָּה נִיט עֶסִין, נֶעמְט מֶען נוּר אַכַּוָנַת אוּנ מְ'פַארְבְּרֶענְט, בִּכְדֵי דֶער גִידַאנְקֶען פוּן חַלָּה נֶעמֶען זָאל בַּיי אוּנְז נִיט פַארְגֶעסֶען וֶוערִין, אוּנ מִיר זָאלִין אִיהם עֶרְפִילֶען דוּרְךְ אַנְדֶערֶע מִיטְלֶען וִוי שְׁטִיצֶען תּוֹרָה אוּנ מַחְזִיק זַיין יְשִׁיבוֹת—א). יֶעצְט פַאר שְׁטֵיי אִיךְ, וָואס אַגֶעוִויסֶע צִדְקָנִיּוֹת פְּלֶעגְט זִיךְ נוֹהֵג זַיין, אַז גְלַייךְ וִוי זִי פְּלֶעגְט אַרַיין וַוארְפֶען דִי חַלָּה אִין אוֹיבֶען, פְּלֶעגְט זִי זָאגִין: מְ'דַארְף מַאכֶען אַחַלָּה'לֶע פַאר דֶעם יְשִׁיבָה-מַאן. הָאבּ אִיךְ נִיט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס גִיהֶער זִיךְ דָאס אֵיינֶע צוּ דִי צְוֵוייטֶע? יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ, אַז עֶס הָאט אַגְרוֹיסֶע שַׁייכוּת, וַוייל אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין הָאבֶּען גִיוואוּסְט דֶעם אִידִיאַל וָואס לִיגְט אִין חַלָּה נֶעמֶען, אוּנ וִוי בַּאלְד יֶעצְט אִיז דִי חַלָּה אוּנ דִי כֹּהֲנִים טָמֵא (אוּנ עֶס גֵייט לִשְׂרֵפָה) קוּמְט דָאךְ דִי מִצְוָה נִיט צוּ אִיר תַּכְלִית, דְרוּם הָאט זִי גְלַייךְ גִימַאכְט צוּם עֶרְשְׁטֶען אַיין חַלָּה'לֶע פַאר דֶעם יְשִׁיבָה מַאן. וִוי דִי צָרְפַתִית מִיט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא (מ"א יז), פְרִיעֶר הָאט זִי גֶעמַאכְט פַאר אִיהם אַקוּכִין, נַאכְהֶער פַאר זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער. יֶעצְט טַייעֶרֶע שְׁוֶועסְטֶער בַּטְרַאכְט וִוי דִי מִצְוָה פוּן חַלָּה נֶעמֶן מַאכְט דִי יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער טְרַייי צוּ אִיהר רֶעלִיגְיָאן, דָס קְלִינְגְט אִיהר אִין אוֹיעֶר: "אַךְ מֶענְשׁ" דוּ מֶענְשׁ!

וִוי טַייעֶר עֶס דַארְף בַּיי דִיר זַיין דַיין לֶעהְרֶער, וָואס לֶערִינְט דִיר גָאטֶעס וֶועג, אַז וֶוען דוּ בַּאקְסְט בְּרוֹיט זָאלְסְטוּ גְלַייךְ בַּיין קְנֶעטֶען דֶעם עֶרְסְטֶען בִּיסֶען מַאכֶען פַאר דַיין לֶעהְרֶער, נַאכְהֶער פַאר זִיךְ, אָה וִוי דֶער הֵיילִיגֶער גֶעדַאנְק הָאט אוֹיף דִיא יוּדִישֶׁע פְרוֹי גִיוִוירְקְט צוּ עֶרְצִיהֶען אִיהרֶע קִינְדֶער נָאךְ דֶעם גֶעשְׁמַאק פוּן דִי לִיבֶּע תּוֹרָה, אוּנ אָנְצִינְדֶען זֵייעֶר לִיכְט מִיט דֶעם פַייעֶר פוּן דֶער תּוֹרָה וָואס אוֹיף דֶעם בַּאמֶערְקְט דִי מִצְוָה פוּן לִיכְט בֶּענְטְשֶׁן, וִוי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגֶען (ברכות י"ז)

מעשה "אלפס

אִין שְׁטוּבּ, דוּ הָאסְט שׁוֹין צוּ מָאלֶען אוּנ גֶעקְוָאטֶען אוּנ דוּ דֵיינְקְסְט אַז דוּא בִּיזְט שׁוֹין גָאר זִיכֶער מִיט אִיהר, זָאלְסְטוּ דַאן אָבְּשֵׁיידֶען אַשְׁטִיקֶעלֶע צוּ לִיבּ גָאטֶעס בַּאפֶעל, בִּכְדֵי דוּא זָאלְסְט דֵיינְקֶען, אַז אֲפִילוּ אִין דַיין הוֹיז וָואס דוּא בִּיזְט אַ בַּעַל הַבַּיִת אִין אִיהר אוּנ רַאסְפַּרַאזְייעֶבְט זִיךְ דָארְטֶען מִיט דַיין אֵייגֶענֶעם ווִילֶען, בִּיזְט דוּ נָאךְ אַלֶעם בַּיי גָאט אִין הַאנְד, אַלֶע וַוייטֶע קֶען עֶר צוּ נֶעמֶען בַּיי דִיר דַיינֶע אַלֶע קִנְיָנִים, (עֶס קֶען חָלִילָה פוּן זֵיי וֶוערִין וִוי פוּן דֶעם כַּזַיִת חַלָּה וָואס דוּ הָאסְט אַרַיין גֶעוָוארְפֶען אִין פַייעֶר, וֶועלְכֶער וֶוערְט אִין אַקְלֵיין וַוייעֶלֶע אַשׁ אוּנ רוֹיךְ), אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִיט וִויסֶען וִוי צוּ בַּאגֵיין זִיךְ מִיט דֶעם, אוּנ דִי צַייט וָואס גָאטֶעס גִאבֶּע, צוּ בַּאנוּצֶען צוּ אַ בֶּעשְׁטִימְטֶען צִיעֶל. (טאהן זיךְ גוּטֶעס אוּנ לַייטֶען, (ד"ר הירש במ' חורב. דְבַשׁ וְחָלָב תַּחַת לְשׁוֹנוֹ).

שערי ציון

א) דִי מִצְוָה פוּן שְׁטִיצִין דִי וָואס הָארֶעוֶוען אוֹיף תּוֹרָה מִיט אַיין אֱמֶת (וָואס צוּ דֶעם צִיעֶל קוּמְט דִי מִצְוָה פוּן חַלָּה) אִיז אַזוֹי הָאכְגִישֶׁעצְט, אַז הֲגַם בַּיי קֵיין מִצְוָה טָאר מֶען נִיט פְּרוּבִין דֶעם בּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, אָבֶּער בַּיי דִי מִצְוָה פוּן הַחְזָקַת תּוֹרָה הָאט הַשֵּׁי"ת גֶעזָאגְט דַייטְלִיךְ דוּרְךְ דֶעם נָבִיא מַלְאָכִי (וּבְחָנוּנִי נָא בְּזֹאת) פְּרוּבִירְט מִיר מִיט דֶעם, אִיר שְׁטִיצְט תּוֹרָה, אוּנ דִי וָואס הָארֶעוֶוען אוֹיף אִיר צוּ קֶענֶען אִיר לֶערְנֶען דָאס פָאלְק, זָאלִין הָאבֶּען זֵייעֶר לֶעבֶּענְס-מִיטֶל בְּכָבוֹד, וֶועט אִיר זֶעהן אַז אִיךְ וֶועל אַייךְ עֶפְּעֶנֶען דִי פֶענְסְטֶער פוּן הִימְל אוּנ רֶעגְנֶענֶען מִיט פַּרְנָסָה בִּיז גֶענוּג.

„נשים במאי זכיין" וואס איז דער עיקר זכות פון די פרויען? מיט דעם וואס זייא ברייננען אראפ די ליכטיקייט פון דער תורה צו זייערע מאנען אונ קינדער, דער גאטליכער פהילאזאף דער בחינת עולם שרייבט, אז דער מענש מיט די תורה איז אגעטליכע ליכט אויף דער וועלט, דער קערפער איז אגעפאבטענער קנויט אונ די נשמה איז די בוימעל, אונ די תורה איז דער געטליכער פונק, אז דער פונק קומט צו זאמען אונ באהעפט זיך מיטין לאמפ, ווערט פול דיא אידישע הויז מיט ליכטיקייט, אז זי זאל עוויג עקסעסטירען אויף די וועלט, אונ נאכהער אויף די עוויגע וועלט, אונ אונטער וועמעס האנד ליגט דאס? נור אונטער דיא פרויא וואס זי איז די ווירטין פון שטוב אונ די געהילף פון מאן, איהם מזרז צו זיין, בעת ער קומט פון זיין ארבעט אונ זי דערלאנגט איהם שפייז, אונ ער רוהט זיך אביסיל אוים, דאן דארף זי איהם אויך געבין גייסטליכע שפייז פיר זיין זעלע, אונ זאגען פריינדליך: זעהע מיין ליבער מאן נעם אוויילע אספר אין האנד, לערין אליין, האר וואס די קינדער האבען גילערינט אין חדר צו ווייסען זיי? עס זאל אונזער מיהע ניט גיין לאבוד. אונ וויא וויט אגוטע פרוי קען ווירקען מיט גוטע רייד אויף איהר מאן, איז גאר ניט אוים צו שרייבען, ווי דער חכם זאגט (אשת חיל עטרת בעלה) אקלוגע גאטס־פארכטיגע פרוי איז די קרוין פון איהר מאן, (חכמות נשים בנתה ביתה) די קלוגע פרוי בויט איהר הויז, זי צינדעט אן די געטליכע ליכט. די ליכט פון שבת וואס דאס באדייט אויף די עוויגקייט (ליום שכולו שבת) צינדעט זי אן ביי איהר אין הויז, אז עס זאל לייכטען אימער אונד עוויג. ווער עס איז קלאהר אונזער היסטאריע ווייס וויפיל פרויען האבען אריין גיבראכט געטליכע ליכטיגקייט אין בית ישראל, די קלוגע אונ שיינע רחל דעם אידישען מיליאנערים (כלבא שבוע׳ם) טאכטער האט גימאכט אויפשיינען אגרויסען שטערען דעם תנא ר' עקיבא מיט פיר אונ צוואנציג טויזענד קליינע שטערען אויף יודישען הימעל, ביי אונזער מוטער שרה׳ם האט גיברענט די ליכט (פון שבת) פון שבת צו שבת, כלומר, די ליכטיגקייט פון דער תורה, וואס זיי האבען מזרז גיוועזן זייערע מאנען עוסק צו זיין אין דעם טאג פון שבת (כעת דער מענש איז אוים גירוהט) האט גימאכט מוטה אונ פליים צו שיינען א גאנצע וואך (וואס מען איז טאנכע טאל פערנומען). ניט אום זיסט האט דער בארימטער חכם גיגליכען די תורה צו א אשת חיל, ווייל א אשת חיל איז איינע פון די טייערסטע אנטיקען אין דעם וועלט אוצר. דאס איז די כונה פון אונזערע חכמים (נשמה שנתתי בכם קרויה נר) די נשמה וואס דער בורא האט גיגעבין אין מענשין הייסט „נר", ווי דער פסוק זאגט (נר ה' נשמת אדם) די נשמה פון מענשין איז גאטעס ליכט. אליכט דארף האבען א קנויט, ד. ה. די נשמה דארף האבען אקערפער, אונ מען דארף איהר ליכטיג מאכען מיט פייער, אליכט אן פייער איז פינסטער, די פרוי דארף אן צינדען די ליכט פון שבת, אז עס זאל שיינען, דאס באמערקט איהר אז איהר פליכט איז אריין צו ברייננען

דעם

דעם אור התורה אין איהר מאנס אונ קינדער'ס ליכט, ווייל ווען איהר מאן אונ קינדער זיינען אן תורה. איז זייער ליכט אן פייער.

מיר זאגין נאך קבלת שבת (במה מדליקין ובמה אין מדליקין), אז די ליכט וואס דארפין ברענגען שבת דארפין זיין געמאכט פון אזעלכע בוימיל אונ קנויטען וואס דער פייער זאל זיך האלטען אן זיי אונ ברענגען העל אונ ליכטיג, ווען אבער די בוימעל איז ניט קיין ריינע אונ דער קנויט איז ניט פייהיג אז דער פייער זאל זיך אן איהם אן האלטען, דאס קען מען ניט באנוצען אויף שבת, ווייל אם ענדע וועט מען בלייבען זיצען אין דער פינסטער. אונ ווי (דער בחינת עולם שרייבט) אז דער קערפער מיט די זעלע פון מענשין דאס איז דער קנויט מיט די בוימעל וואס דער פאבריק פון זיי איז די מוטער (זיי ווערין ענטוויקעלט אין מוטער לייב), אויב די פאבריק ארבעט ריכטיג ווי דער מייסטער האט איינגעארדענט דאן קומט ארויס דער קנויט מיט די בוימעל ריין אונ פיין, אז דער פייער זאל זיך לייכט אן נעמען אונ ברענגען העל אונ קלאר. דאס איז ווען די פרוי היט אב איהר ריינטליכקייט נאך דעם ארדענונג פון דער תורה, וואס זי שרייבט (ויקרא ט"ו) והזרתם את בני ישראל מטומאתם, איהר זאלט אב ציהען די יודישע קינדער פון די אונריינטליכקייט. דאס איז איין אויפמערקזאמקייט, אז די יודישע טאכטער איז נאהענט צו איהר מאנאטליכען פלוס, זאל זי שוין זיין באזונדער, נאכהער ווער רעט די גאנצע צייט פון פלוס דאס איז דאך געפערליך פיר דעם קערפער אויך. אם ענדע ווי דער פלוס הערט אויף, דארף זי מאכין איהר אב צוג, אונ אן ציהען ווייסע וועש אונ ציילין 7 ריינע טעג, היינו אלע טאג זיך בודק זיין (אונטערזוכין) פריה אונ פארנאכט מיט אווייכע זאך אוייסע, אונ נאך דעם זיבעטין ריינעם טאג אין אווינד דארף זי גיין טבילה אין אכשרה מקוה, דאן ווערט זי טהור לבעלה, אויב זי היט אב אלעס ווי די תורה לערינט איהר, פארמעהרט זיך אוים ביי איהר דאס קינד אגוף טהור מיט אנשמה קדושה, וואס נאכהער קען זיך אן נעמען דער פייער פון די תורה אן זיין ליכט, אונ ווען חלילה זי היט ניט אב איהרע ריינטליכקייט וויא דער דת התורה, פעראונרייניגט זי זיך אונ דעם מאן, אונ די קינדער וואס זי האט זיינען פון דעם זארט קנויטען אונ בוימעל וועלכע דער פייער נעמט ניט אן ביי זיי, ד. ה. זייער קערפער אונ זעלע זיינען אונריין. וואס דער אור התורה קען זיך אן זיי ניט אן האלטען אונ זיי בלייבען אין דער פינסטער.

תחנה פאר חלה נעמען.

הארציגער פאטער אונ גרויסער קעניג, איך קום יעצט מיט גרויס שמחה מקיים זיין די ליבע מצוה, וואס דו האסט אונז גיבאטין אין דיין הייליגע תורה, (ראשית עריסותיכם חלה תרימו:

אָבּ שֵׁיידִין חַלָה פוּן אוּנְזֶערֶע טֵייג. פַאְרְצַייטִין בְּעֵת מִיר זַיינֶען גִיוֶעסִין אוֹיף אוּנְזֶער לַאנְד, הָאט מֶען אָבּ גֶעשַׁיידְ אַ הִיבְּשֶׁע שְׁטִיק טֵייג, אוּנ פוּן דֶעם אוֹיסְגִיבַּאקֶען אַ חַלָה פַאר דִי יוּנְגֶע כֹּהֲנִים, וָואס לֶערְנֶען אִין דִי יְשִׁיבוֹת, אוּנ הַיינְט אַז מִיר זַיינֶען טָמֵא אוּנ דִי כֹּהֲנִים טָארִין דָאס נִיט עֶסִין, שֵׁיידֶעט מֶען אָבּ אַקְלֵיין שְׁטִיקֶעלֶע גְרוֹיס וִוי אַ זַיִת (אונ פארברענקן), עֶס זָאל נִיט פַארְגֶעסִין וֶוערִין דִי מִצְוָה פוּן חַלָה, (וואס זי לערינט אונז) צוּ שְׁטִיצֶען יְשִׁיבוֹת, עֶס זָאלִין אוֹיס וַואקְסִין גְרוֹיסֶע תַלְמִידֵי חֲכָמִים אוּנ גְאוֹנִים אִין תוֹרָה אוּנ אִין מַעֲשִׂים טוֹבִים, וּבִזְכוּת זֶה זָאלְסְטוּ עֶרְבַּארֶעמִיגֶער פָאטֶער שִׁיקֶען דַיין בְּרָכָה וואוּ מִיר וֶועלִין זִיךְ קֶערִין אוּנ וֶוענְדִין, אִין אוּנְזֶערֶע הַאנְד אַרְבֵּייט אוּנ אִין אוּנְזֶערֶע גִישֶׁעפְטִין, אוּנ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערְלַאךְ זָאלִין נִיט פַאר וָואגִילְט וֶוערִין פוּן אוּנְז, מִיר זָאלִין זֵיי קֶענֶען אַלֵיין אוֹיס שְׁפַּייזֶען. אוּנ דִי מִצְוָה פוּן חַלָה זָאל גִירֶעכִינְט זַיין פַאר דִיר, וִוי אִיךְ הָאבּ אִיר מְקַיֵים גִיוֶועזֶן מִיט אַלֶע כַּוָנוֹת אוּנ מִיט אַלֶע תרי"ג מִצְוֹת וָואס זַיינֶען אָבְּהֵיינְגִיג אָן אִיהר, אָמֵן.

אַז מְ'פַארְקְנֶעט אַטֵייג 3 פוּנְט פוּן דִי 5 זָארְטִין מֶעל (ווייץ, גערשטין, קארין, האבער, כוסמין) אִיז מֶען מְחוּיָב אָבּ צוּ שֵׁיידִין חַלָה מִיט דִי בְּרָכָה.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַפְרִישׁ חַלָּה:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ, וְשָׁם נַעֲבָדְךָ בְּיִרְאָה כִּימֵי עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת:

תְּחִנָּה נָאכִין אָבְּשֵׁיידִין חַלָּה.

לִכְבוֹד גָאט בָּרוּךְ הוּא (וָואס הָאט אוּנְז גִיגֶעבִּין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה) אוּנ לִכְבוֹד דֶעם הֵיילִיגֶען שַׁבָּת, טְרַייעֶר פָאטֶער! עֶס זָאל

שערי ציון

אֵיינִיגֶע דִינִים פוּן חַלָה נֶעמֶען.

א) פוּן אַרְבְּעסְנֶע מֶעל. גְרִיקֶענֶע (רעצקע) מֶעל. קַארְטָאפֶל מֶעל אוּנ דָאס גְלַייכִין, דארְף מֶען נִיט נֶעמֶען חַלָה. ב) דִי בְּרוֹיט, דִי חַלָה וֶועלְכֶע הָאט נִיבַּאקְט נִיט קֵיין אִיד, אַז אַ אִיד קוֹיפְט עֶס, אִיז פָּטוּר פוּן חַלָה, אוּנ דִי פְרוֹיעֶן וָואס רֶעכֶענֶען צוּ טָאן אַמִצְוָה (אִין דִי עֶרְטֶער וואו

זַיין דַיין גוּטֶער ווילֶען מִיר מְזַכֶּה צוּ זַיין, מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן חַלָּה אִין אוּנְזֶער לַאנְד, בְּעֵת דֶער בֵּית הַמִּקְדָשׁ וֶועט זַיין גֶעבּוֹיט, דַאן וֶועל אִיךְ גֶעבִּין תְּרוּמָה וּמַעֲשֵׂר פוּן אוּנְזֶערֶע תְּבוּאָה אוּנ פְרוּכְט, אוּנ אָבְּ שֵׁיידִין חַלָּה וִוי דֶער דִין אִיז, אוּנ גֶעבִּין דֶעם כֹּהֵן עֶר זָאל דָאס עֶסִין בְּטָהֳרָה וּבִקְדוּשָׁה, אוּם עֶר זָאל כֹּחַ הָאבִּין צוּ לֶערְנֶען דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּנ הֶעלְף מִיר יֶעצְט אוֹיךְ צוּ שְׁטִיצִין יְשִׁיבוֹת אוּנ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וִוי וַוייט מֶעגְלִיךְ, וּבִזְכוּת זֶה זָאלְסְטוּ אוּנְז גֶעבִּין פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד אוּנ מְזַכֶּה זַיין מִיט קִינְדֶער גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּנ צַדִיקִים וָואס גָאט אוּנ לַייט זָאלֶען זִיךְ מִיט זֵיי פְרֵייעֶן, אָמֵן.

אוּנ גְלַייךְ בַּארְף מֶען עֶס אַרַיין וַוארְפִין אִין אוֹיבִין פַארְבְּרֶענֶען, אוּנ וֶוען דִי חַלָּה (ווארפענדיג אין אויבין) אִיז אַרַיין גֶעפַאלִין אִין אַ הֵייסֶע גִיקֶעכְטְשׁ, בַּארְף מֶען פְרֶעגִין אַ שַׁאֲלָה. דֶער פַארְבְּרֶענֶען דִי חַלָּה אִיז אַיין אָנְמֶערְקוּנְג, אַז דִי שְׁפַּייז וָואס מִיר נֶעמֶען אִין מוֹיל בַּארְף זַיין טָהוֹר אוּנ כָּשֵׁר נָאךְ דֶעם דִין הַתּוֹרָה. כְּלוֹמַר, אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער בַּארְף פִירִין אַ אִידִישֶׁע קִיךְ, מִיר מֵיינֶען נִיט מִיט דֶעם זִי זָאל נִיט קוֹיפִין קַיין טְרֵיפָה פְלֵייש חָלִילָה, וֶוענִין דֶעם אִיז קַיין רֵייד נִיט, מִיר מֵיינֶען נוּר דִי פְלֵייש וָואס אִיז גֶעקוֹיפְט אִין כְּשֵׁרָה יַאטְקֶע, בַּארְף אוֹיךְ אָבּ גֶעהִיט וֶוערֶען, עֶס זָאל חָלִילָה אִין קִיךְ נִיט טְרֵייף וֶוערֶען בַּיים כַּשֶׁרִין אוּנ זַאלְצִין, אַכְטוּנְג גֶעבִּין עֶס זָאל זַיין אוֹיס גִיטְרוֹיבֶּערְט פוּן חֵלֶב וָדָם, אָבּ הִיטֶען פוּן פְלֵיישִׁיגֶע גִיפֶעס בִּיז מִילְכִיגֶע, אוֹיךְ וֶוען דִי קֶעכִין אִיז אַקְרִיסְטִין בַּארְף דִי וִוירְטִין אַכְטוּנְג גֶעבִּין אָכְט אִין קִיךְ אוֹיף כַּשְׁרוֹת, אוֹיךְ עֶס זָאל נִיט גֶעקָאכְט וֶוערֶען פְרֵייטָאג נָאךְ לִיכְט בֶּענְשִׁין, אוֹיךְ עֶס זָאל נִיט זַיין קַיין בִּשּׁוּלֵי נָכְרִים. הַכְּלָל אוּנְטֶער דִי הַשְׁגָחָה פוּן דִי אִידִישֶׁע פְרוֹי אִיז אָנְגֶעטְרוֹיט דִי גְרוֹיסֶע ווִיכְטִיגֶע מִצְוָה פוּן מַאֲכָל כָּשֵׁר. וָואס דָאס שְׁטֵייט הֶעכֶער פוּן אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, ווַייל דִי שְׁפַּייז וָואס מֶ'עֶסְט וֶוערְט פֶערְוַואנְדִילְט אוֹיף דִי פְלֵייש אוּנ בְּלוּט פוּן מֶענְשִׁין אוּנ וֶוען חָלִילָה עֶס אִיז נִיט כָּשֵׁר וֶוערְט דֶער מֶענְשׁ טְרֵייף חָלִילָה אוּנ אִיז זִיךְ מְטַמְטֵם אֶת הַלֵּב. אַלְזָא דִי אִשָּׁה וָואס אִיז אִיר פַארְזִיכְטִיג אִין דֶעם אִיז אִיר שְׂכַר זֵייעֶר גְרוֹיס.

שערי ציון

וואו מ'קֶען אַלֵיין נִיט בַּאקִין אוּנ קַיין אִידִישֶׁער בֶּעקֶער אִיז אוֹיךְ נִיטָא), כּוֹיפֶען זֵיי בַּיים טֶערְק חַלָּה אוֹיף שַׁבָּת, שֵׁיידִין אָבּ חַלָּה מִיט אַבְּרָכָה אִיז דָאס אַבְּרָכָה לְבַטָּלָה.
ג) וֶוען מ'הָאט בַּיים פַאר קְנֶעטִין פַאר גֶעסִין צוּ נֶעמֶען חַלָּה, קֶען מֶען נֶעמֶען נָאכִין בַּאקֶען, נוּר מְ'דַארְף אַרַיין לֵייגִין גָאר דִי חַלָּה אִין אַ כֵּלִי אָדֶער אַרִיבֶּער דֶעקִין מִיט אַ טִישְׁטַאךְ אוּנ אָבּ בְּרֶעכִין אַ שְׁטִיקֶעל פוּן אַיין חַלָּה אוּנ פַארְבְּרֶענֶען.
ד) עֶס אִיז קַיין אוּנְטֶער שֵׁייד אוֹיבּ דִי מֶעל אִיז מִיט צוּקֶער, אֵייעֶר, מִילְךְ, הָאנִיג וִוי בַּאלְד עֶס אִיז גִידִיכְט פַאר קְנָאטִין אִיז חַיָּיב בְּחַלָּה, וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער נִיט צוּם

באקען

ווי בֶּערִימְט זַיינֶען אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער, אַז זֵייעֶר גָארְטִין אִיז פַארְשְׁלָאסֶען פוּן אוּנְצִיכְטִיגֶע זַאכֶען (זנות), אוּנ אֲפִילוּ פוּן זֵייעֶרֶע מַאנֶען שֵׁיידִין זֵיי זִיךְ אָב אַטָאג אָדֶער אַנַאכְט (סָמוּךְ לְוֶוסֶת) נָאהֶענְט צוּ זֵייעֶר מָאנַאטְלִיכֶען פְלוּס, הַיינוּ וֶוען זִי אִיז גִיוָואהנְט צוּ בֶּעקוּמֶען אִיר פְרוֹיעֶן גַאכְט אַלֶע 30 טֶעג בַּיי טָאג, דַארְף זִי דִי נַאכְט פְרִיעֶר זַיין בֶּעזוּנְדֶער פוּן אִיר מַאן, דֶער הֵיילִיגֶער מְשׁוֹרֵר (שלמה המלך ע"ה) שְׁרַייבְּט אַז דֶער אִידִישֶׁער גָארְטֶען דַארְף נִיט הָאבִּין קֵיין צַאם פוּן בְּרֶעטֶער נוּר (סוּגָה בַּשּׁוֹשַׁנִים) זִי אִיז גִיצַאמְט מִיט רוֹיזֶען אוּנ בְּלוּמֶען, כְּלוֹמַר, אַז זִי זֶעט נוּר אַטְרָאפֶּען רוֹיטְקַייט (בלוט) וִוי אַקֶערֶענְדִיל פוּן אַרוֹיז, אִיז שׁוֹין אִיר גָארְטִין גִיצַאמְט, אַז אִיר מַאן זָאל שׁוֹין נִיט צוּטְרֶעטִין צוּ אִיר, בִּיז וַואנֶען דֶער פְלוּס פַארְהַאלְט זִיךְ, אוּנ זִי מַאכְט דֶעם אָב צוּג, אוּנ צִיהט אָן וַייסֶע וֶועשׁ אוּנ צֵיילְט נַאכְהֶער 7 רֵיינֶע טֶעג וָואס יֶעדֶער טָאג פוּן דִי 7 מַאכְט זִי בְּדִיקָה (איין אונטערזוכונג) אַלֶע פְרִיה אוּנ אָוִונְד (בים אוויכע זאך אווייסע) אוּנ נָאךְ דֶעם 7 טֶען רֵיינֶעם טָאג אִין אָוֶוענְד גֵייט זִיא טְבִילָה אִין אַכְּשֵׁרָה מִקְוָה, דַאן עֶפִינְט זִיךְ דֶעם צוֹים פוּן אִיר גָארְטֶען פַאר אִיר לִיבֶּען מַאן. דֶר זְכוּת פוּן אוּנְזֶער מוּטֶער חַנָה זָאל מֵגִין זַיין אוֹיף אִירֶע טֶאכְטֶער, זֵיי זָאלֶען זֵייעֶרֶע מִצְוֹת רֶעכְט הַאלְטֶען, בִּפְרַט דִי מִצְוָה פוּן נִדָה זָאלֶען זֵיי נִיט פַאר גְרִינְג הַאלְטֶען, וַוייל וֶוען דִי פְרוֹי גֵייט צוּ קִינְד וֶוערְט קָאנְטְרָאלִירְט דֶער בּוּךְ פוּן אִירֶע מַעֲשִׂים, אוּנ וֶוען חָלִילָה זִי הָאט דָאס נִיט אָב גִיהִיט ווִי גִיהֶערִיג. שְׁטֵייט זִי אִין אַגְרוֹיסֶע סַכָּנָה, סַיידִין אַז זִי הָאט אַגְרוֹיסֶען זְכוּת גֵייט זִי דוּרְךְ דֶעם עֶקְזַאמֶען. אַמָאל פַאר בַּייט מֶען דֶעם טוֹיט שְׁטְרָאף אוֹיף יִסוּרִים אוּנ זִי בְּלַייבְּט קְרַאנְק פוּן דֶעם קִימְפֶּעט, אוּנ וֶוען גָאר אַגְרוֹיסֶער זְכוּת שֵׁיינְקְט מֶען אִין גַאנְצֶען. אָבֶער זִי הָאט זִיךְ מִיט דֶעם חֶסֶד וֵוינִיג צוּ פְרֵייעֶן, וַוייל זִי פַארְצֶערְט (עסם אויף) דֶעם גְרוֹיסֶען זְכוּת אוֹיף דֶער וֶועלְט

שערי ציון

בַּאקֶען נוּר צוּ קָאכֶען (ווִי צוּם בַּיי שְׁפִּיל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה'דִיגֶע פַארְפִיל) נֶעמְט מֶען חַלָה אָן אַבְּרָכָה, וֶוען דִי פַארְפִיל וֶוערְט גִימַאכְט אוֹיף קְלָארֶע אֵייעֶר אָן אַטְרָאפֶּען וַואסֶער, דַארְף מֶען גָאר קֵיין חַלָה נִיט נֶעמֶען.

ה) דִי מְשָׁרֶתֶת טָאר נִיט נֶעמֶען קֵיין חַלָה (אָן רְשׁוּת פוּן דִי ווִירְטִין), וֶוען דִי טֵייג אָבֶּער קֶען מְקוּלָה וֶוערִין (אֵיידֶער דִי ווִירְטִין וֶועט קוּמֶען), דַאן מֶעג דִי מְשָׁרֶתֶת אַלֵיין נֶעמֶען חַלָה מִיט אַבְּרָכָה.

ח) וֶוען מְ'פַאר נֶעכְט פְרַייטִיג צוּ נֶעמֶען חַלָה, דַארְף מֶען שַׁבָּת אִיבֶּער לָאזִין פוּן יֶעדֶער חַלָה אַקְלֵיינֶעם אַקְרַייצִיג אוּנ שַׁבָּת'צוּנַאכְט צוּ זַאמֶען לֵייגֶען אַלֶע אַקְרַייצִיגֶעם אוּנ נֶעמֶען פוּן אֵיינֶעם אַכַּזַיִת אוּנ פַאר בְּרֶענְגֶען.

אוּנ בְּלַייבְּט דָארְטִין לְעוה"ב בַּייגָאר נִיט, אוּנ ווייל אִין דֶעם אִיז דָא פִיל דִינִים אוּנ עֶרְקְלֶערוּנְגֶען, אִיז אַיוֹשֶׁר אַז יֶעדֶער פְרוֹי זָאל אָפְּט לֵייעֶנֶען דֶעם פֶּרֶק „קְלֵיין טַייכְעלֶע" וָואס אִיז גִישְׁרִיבֶּען עֶקְסְטְרֶע צוּ דֶער זַאךְ, אִין מַעֲשֶׂה אַלְפַּיִם (דריטע טייל זייטע 39 ביז ענדע) דָארְטֶען גֶעפִינְט מֶען אַלֶעם וָואס נֵייטִיג אִיז, עֶס אִיז וַוייעֶר אַנְגֶענֶעהם צוּם לֶערְנֶען.

מִצְוַת הַדְלָקַת נֵרוֹת.

א) עֶס אִיז אַמִצְוָה אָן צִינְדֶען לְפָחוֹת 2 לִיכְט אוֹיף שַׁבָּת אֵיינֶע וַוייזְט קֶעגֶין „שָׁמוֹר" אֶת יוֹם הַשַׁבָּת לְקַדְשׁוֹ (וואס שטייט אין די צווייטע לוחות), כְּלוֹמַר, צוּ בֶּעלַייכְטֶען דֶעם שֵׂכֶל, וִויסֶען וָואס מְ'טָאר נִיט טָאן שַׁבָּת, אָבּ צוּ הִיטֶען זִיךְ פוּן דֶעם, אוּנ אֵיינֶע קֶעגֶן „זָכוֹר" אֶת יוֹם הַשַׁבָּת לְקַדְשׁוֹ (פון די ערסטע לוחות), כְּלוֹמַר, צוּ בֶּעלַייכְטֶען דֶעם שֵׂכֶל וֶועגֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת בֶּעדַייט, מְ'זָאל וִויסֶען וָואס מְקַיֵים זַיין אִין אִים. צְוַויי מָאל „נֵר" בֶּעטְרֶעפְט 500 קֶעגֶען דִי אֵבָרִים פוּן אִישׁ וְאִשָׁה. בִּזְכוּת דֶעם אָבּ הִיטֶען רִיכְטִיג לִיכְט בֶּענְטְשֶׁען, וֶועט דֶער בּוֹרֵא גֶעבֶּען גֶעזוּנְד אִין אַלֶע גְלִידֶער א).

ב) פְרַייטִיג פַאר נַאכְט לְפָחוֹת 10 מִינוּט פַאר דִי שְׁקִיעָה (זון אונטערגאנג), מוּז מֶען בֶּענְטְשֶׁען לִיכְט. דֶער עִיקָר מִצְוָה אִיז דֶער מַאן זָאל דִי לָאמְפֶּען אוּנ דִי לַייכְטֶער מִיט דִי לִיכְט צוּ רֶעכְט מַאכֶען, אוּנ דִי פְרוֹי זָאל לִיכְט בֶּענְטְשֶׁן. דֶעם עֶרְשְׁטֶען שַׁבָּת וָואס זִי אִיז אַ קִינְדְבֶּעטָארִין זָאל זִי צוּרוּפֶען דֶעם מַאן אוּנ זָאגֶען אִים, זַיי מַיין שָׁלִיחַ אָנְצִינְדֶען דִי לִיכְט מִיט אַ בְּרָכָה, דַאן וֶועט זִיא זַיין אַ שׁוּתָּף אִין דֶער מִצְוָה.

ג) עֶס אִיז אַ מִצְוָה זִיךְ אַרוּם צוּ וַואשֶׁען אוּנ אָן טָאן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער

אֵיינִיגֶע דִינִים פוּן עֶרֶב שַׁבָּת.

א) שַׁבָּת אִיז דִי הַארְץ פוּן יוּדִינְטְהוּם, וֶוען דִי הַארְץ אִיז גֶעזוּנְד הֵייסְט מֶען נאךְ אַמֶענְשׁ, וֶוען דִי הַארְץ אִיז חָלִילָה גִיפֶּעלֶערְט אִיז מֶען שׁוֹין קֵיין מֶענְשׁ נִיט.

ב) עֶס אִיז אַמִצְוָה פְרַייטִיג אוֹיף שְׁטֵיין פְרִיעֶר וִוי אַלֶע טָאג, צוּ צוּ גְרֵייטֶען לִכְבוֹד שַׁבָּת, דִי רַייכְסְטֶע פְרוֹי וָואס הָאט פִיל דִינֶערְשַׁאפְט זָאל אַלֵיין טָאן וָואס מֶעגְלִיךְ לִכְבוֹד שַׁבָּת, וּבִפְרַט וֶוען עֶס אִיז שְׁפֶּעט, דָא אִיז אַחוֹב נָמוּר צוּ הֶעלְפֶען וָואס מֶעגְלִיךְ, בִּכְדֵי עֶס זָאל נִיט קוּמֶען צוּ הִלוּל שַׁבָּת חָלִילָה. מִיר גֶעפִינֶען אִין הֵיילִיגֶען תַּלְמוּד אַז דִי רַייכְסְטֶע תַּנָאִים וָואס אַנְדֶערֶע פוּן זֵיי זַיינֶען גִיוֶועזֶען קְרוֹבִים לְמַלְכוּת, הָאבֶּען אַלֵיין פִיל גִיהָאלְפֶען טָאן לִכְבוֹד שַׁבָּת.

ג) אִין פַאבְּרִיקֶען דַארְף מֶען זָהִיר זַיין פְרַייטִיג אַיין צָאלֶען אַרְבַּייטֶער וָואס פְרִיעֶר. אוּנ וֶועלְכֶע ווירְטְהִין עֶס פִירְט אַיין צָאלֶען אִין ווִינְטֶערְדִיגֶע טֶעג דָאנֶערְשְׁטִיג בַּיי נַאכְט זָאל זִי גִיבֶּענְשְׁט וֶוערִין מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה.

ד) דִי לָאמְפֶּען אִיז אַיוֹשֶׁר אָן גִיסֶען פְרַייטִיג

פריה

פאר ליכט בענטשין, אבער ווען עס איז שוין שפעט, זאל מען פריער ליכט בענטשען אונ נאכהער זיך אב וואשען אונ שיין אנטאן, אונ ווען דער מאן זעט, אז עס איז שוין א מינוט צו די שקיעה אונ די ווייב איז נאך ניטא פון גאס, זאל ער אליין ליכט בענטשען, אונ אז זי קומט נאך דער צייט וואס מ'טאר שוין ניט צינדען קיין ליכט, טאר זי קיין ברכה אויך ניט מאכין אויף די ליכט, אונ ווען זי בייזערט זיך אויף אים, וואס ער האט געבענשט אירע ליכט, דארף ער איר געבין צו פארשטיין מיט גוטע ווערטער, ווי באלד דו רעכענסט, מיין טייערע, מיט דיין ליכט בענטשען צו מאן א מצוה, היינט ווען דו בענשט נאך דר צייט, איז לא די וואס דו האסט קיין מצוה, פארדינסטו נאך אגרויסע עבירה פון חלול שבת, אונ מיט די גוטע רייד וועט זיך אפארשטאנדיגע פרוי גווים בערוהיגען, אונ וועט זיך היטן אצווייטען מאל ניט צו פארשפעטיגען. אונ ווען דער מאן האט אויך ניט אנגעצונדען די ליכט אונ עס איז שוין נאך די שקיעה, זאל מען רופען איין ערל אנצינדען, ווען עס איז ניטא קיין ערל איז גלייכער צו עסין אין דער פינסטער, איידער מחלל שבת צו זיין חלילה. פריער צינדט מען אן די ליכט אונ נאכהער שפרייט מען אויס די הענד קעגען פנים (בכדי נים הנאה צו האבען פון דעם שיין, ביז נאך די ברכה)

אונ מען זאגט די ברכה:

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר של שבת.

שערי ציון

פריה, זעט מען דאן וואו עס פעלט אקנויט, וואו אגלאז, אונ אנדערע מאשינקעס וואס מ'דארף אוים רייניגען עס זאל ברענען העל, אונ ווען מ'לאזט דאס אויף פארנאכט קומט מען גאנץ אפט צו חלול שבת חלילה, אויך דארף מען זהיר זיין ריכטיג אנשטעלין דעם זייגער פריטיג אונ האבען ביי זיך אשקיעה אין שטוב.

ה) פריטיג פאר נאכט מוז מען אכטונג געבין עס זאל אין די קליידער ניט שטעקין קיין נאדיל פאדים, אדער אין די קעשענעס זאל ניט ליגען קיין געלט אדער א דבר מוקצה וואס מ'טאר שבת ניט האלטען:

ו) עס איז רעכט פריטיג ביי טאג ווייניג צו עסין (נור עטוואס אמיני מזונות) עס זאל ניט איבער האלעשין די הארץ, אונ די פרויען וואס קאכען פריטיג מיטאג ווי אלע טאג, איז דאס זייער ניט רעכט. אפילו זומער טאר מען שוין פון 3 אזייגער ניט עסין קיין סעודה קבועה.

ז) אלע קליינגקייטען ווי ויין, שנאפס, עסיג, ליכט, נאז זאל מען אנגרייטען פריה ניט לאזען אויף די לעצטע מינוט, אויך חריין אן רייבען מוז מען פאר די שקיעה, ווען מ'רייבט אן נאך די שקיעה, טאר מען דאס דעם שבת ניט עסין.

פיר

נאך דער ברכה לאזט מען אראב די הענד אונ מען קוקט אן די ליכט.

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ וְשָׁם נַעֲבָדְךָ בְּיִרְאָה כִּימֵי עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת.

לכבוד גאט ב"ה וואס האט אונז געבאטען די היילigע מצוה אונ לכבוד דעם היילigען שבת, עס זאל זיין ליכטיג אין אלע ווינקעליך פון בית ישראל אונ איבער הויפט אין אלע ווינקעליך פון אונזער שכל, מיר זאלען זעהען די אמתע וועג מיט אלע גוטע מעשים, אמן.

אנייע שיינע תחנה (צו זאגין נאך ליכט בענשין מיט גרויס כונה).

רבונו של עולם, הער פון דער וועלט, איך לויב אונ דאנק דיין ליבען נאמען, וואס איך האב זוכה געוועזען צו טאן די גרויסע מצוה וואס דו האסט אונז נשים מזכה געוועזען 1), ווי די חכמי התלמוד שרייבען (אין מסכת שבת) אז נשים זיינען מחויב צוא בענטשען ליכט פרייטיג פאר נאכט, אונ דיין חסד זאל זיין מיט מיר, אז מיינע אויגען זאלען מיר לייכטען צו טאן די מצוה ביז הונדערט יאהר, אונ זאלסט מיר פארהיטען עס זאל קיין מאל ניט טרעפען, איך זאל פארשפעטיגען אן צינדען די ליכט נאך די שקיעה, עס זאל ניט זיין חלילה פון די מצוה די גרעסטע עבירה דאס הייסט חלול שבת. וואס דאס איז הארב ווי די גאנצע תורה צוזאמען, ווייל שבת איז די הארץ פון אידישקייט. אונ פאר דעם זכות האף איך אונ בעט פון דיין הייליגען נאמען הקדוש ברוך הוא, אז מיינע קינדער וואס דו האסט מיר גיגעבין מיט דיין חסד אונ וועסט מיר געבין מיט דיין חסד, אז זיי זאלען ניט זיין קיין מחללי שבת חלילה. מיין פנים זאל ניט פאר שווארצט ווערין דורך זיי אויף יענער וועלט, אונ די ליכט פון דער תורה זאל זיי ערלייכטען די אויגען אז זיי זאלען חלילה ניט נכשל ווערין אין עבירות, ווי דוד המע"ה זאגט (נר לרגלי דבריך) דיין

מעשה אלפס

1) פיר וואס איז די מצוה פון ליכט בענשין שייך צו די ווייבר מער ווי צו די מאנס לייט? איך וואס מיר לייענען וועגין דעם (אין במה מדליקין) על שלש עבירות נשים מתות בשעת לידתן על שאינן זהירות כו' אז פאר די עבירה פון ניט זהיר זיין אין נדה חלה הדלקה שטארבט מען חלילה פון אקינדבעט, איז מיר אפראגע וואס מיר זעהען

תורה איז אליכט צו מיין מדיט איך זאל ניט פאר קריכין אין איין עבירה הלילה, (ואור לנתיבתי) אונ זי פארשיינט מיין גאנצע וועג פון לעבין. ובזכות זה (וואס איך האב אנגענומען דעם ליבען שבת קודש אין דער צייט מיט גרויס כבוד אונ באשיינט אים מיט שיינע ליכט) בעט איך דיר ליבער גאט, אז איך זאל זוכה זיין צו האבען קינדער תלמידי חכמים זיי זאלען זיין (עיני העדה) די ליכטיגע אויגען פון דעם פאלק ישראל, איך זאל האבן נחת אונ כבוד אין ביידע וועלטען, אמן.

א צווייטע תחנה נאך ליכט בענטשען.

אתה אורי וישעי, גרויסער גאט וואס דו ביכט אונזער ליכט אונ אונזער הילף (יהי רצון מלפניך) עס זאל זיין א גוטער ווילען פר דיר, בזכות וואס איך האב מכבד געווען דעם הייליגען שבת מיט מיין ליכט בענטשען אין דער צייט אונ האב גענומען חלה ווי גיהעריג איז, אונ בזכות וואס איך היט אב די ריינטליכקייט וואס בעלאנגט אן אונז פרויען, זאלסטו מתקן זיין דעם קלקול וואס די מוטער חוה האט געמאכט, וואס דורך איר איז טמא געווארען די חלה פון דער וועלט (דער בורא האט פארמישט די ערד מיט וואסער ווי א טייג אונ האט אב גישייד פון איר חלה, וואס פון דעם איז בעשאפען געווארען אדם הראשון, אונ האט אים אריין געלאזען אין גן עדן ער זאל דינען השי"ת מיט קדושה וטהרה. אונ דורך איר איז ער פאר טריבען גיווארין פון גן עדן אונ זי האט פארלאשען זיין ליכט אונ פאר גאסען זיין בלוט, דען עס איז נגזר גיווארן אויף אים דר טויט, אונ דורך דעם זיינען מיר געשאלטען געווארען צו ליידען גרויס צער פון טראגן, פון האבען אונ פון קינדער ערציהען). אלוא בעט איך דיין רחמנות, אז דער זכות פון די דריי מצות זאל זיין א תיקון אויף דעם חטא, ווי די הייליגע גמרא שרייבט (אין מסכת שבת) אז א חכם פון שטאט גליל האט גילערינט רב חסדא'ן, אז השי"ת זאגט, איך האב אייך אידען גירופען „ראשית תבואתי", דרום האב איך אייך גיגעבען די מצוה

זעהען פיל וואס וויסען גאר ניט פון אידישקייט, אונ פיל וואס וויסען אפילו, נור זיי היטען דאס ניט אב ווי גיהערג, אונ לעבין דאך זא פיל? וויל איך וויסען די אורזאך פון דעם אום צו פערשטארקען ביי זיך די אמונה אונ די הייליגע רייד פון אונזערע חכמים.

דער שטיינער איז, ווען מ'דארף איין לאדין אויכטיגען נאכט, ובפרט אמלכה, איז דער ערכטער כבוד ליכטיג מאכין

פון חלה, וואס זי הייסט „ראשית עריסותיכם" — איך האב אין מענטשען גיגעבען ארביעית דם (וואס דער גאנצער לעבען באשטייט אין דעם). דרום האב איך אייך גיגעבען די מצוה איר זאלט זיך ערהייטערין פון „דם נדה" (דאס וועט פארהיטען אייער רביעית דם זאל נים מכולה ווערין). — די נשמה אייערע רופט זיך „נר" (נר ה׳ נשמת אדם) דרום האב איך אייך גיגעבין די מצוה פון „נר שבת" וואס זי מאכט ארייין שיינען אין אייערע נשמות די אמונה אין חדוש העולם וואס שבת בעווייזט, אויב איר וועט דאס אב היטען ווי מ׳דארף, וועט אלע זאכען זיין אין ארדנונג, אייער נאמען וועט זיין גרוים אין דער וועלט. ווייל אזא הייליגען פאמיליען לעבין ווי דער איד לעבט, פארמאגט קיין אומה ולשון ניט, ווען ניט חלילה, וועל איך מינערין אייער רביעית דם און עם וועט פארלאשען ווערין אייער ליכט (די נשמה), און עם וועט בטל ווערען אייער גרויסער נאמען, אין די דריי מצות גיגעבען געווארען צו אונז פרויען, מיר זאלען עם אב היטען ריכטיג, צו פאריכטען דעם פגם, בכדי די וועלט זאל צוריק קומען צו איר תכלית, זי זאל זיין פאר׳ן מענשין ווי אגן עדן, ער זאל צוריק לעבין עוויג, און דער לעבין צו די גליקליכע צייט „ליום שכלו שבת". און אזוי ווי איך האב ביז היינט אב געהיט די דריי מצות, אזוי זאלסטו געבין ליכט אין מיינע אויגען און מיר מזכה זיין אב צו היטען זיי ביז מיינע הונדערט יאהר, איך און מיינע טאכטער און מיינע שניר. און בזכות די דריי מצות זאלסטו מיר בענטשען מיט
דריי ברכות געזונד און פרנסה און נחת פון קינדער, אמן.

תחנה ברכת קדש (מתפלל זיין פרייטיג צו נאכט מיט גרוים כונה):

אנא קבל ברצון השתחויתי בבוקר להכין צרכי שבת קדש.
טייערער פאטער, נעם אן מיט צופרידענהייט מיין אויף שטיין פריה ערב שבת פון דיין כבוד וועגין, צו גרייטען צרכי שבת, אזוי ווי דו האסט געשריבען אין דיין תורה (והיה ביום הששי והכינו את אשר יביאו) דיא מן וואס זיי וועלין אנקלייבען פרייטיג פריה, זאלען זיי גלייך צו גרייטען אויף שבת.

מעשה אלפס
מאכען די הייזער. שבת המלכה איז ביי קעניג צו 2 אנדיינקינגען, דער ערשטער אונז זייער אהאכארטיגע גאסט, זי איז אנדיינקונג אז די וועלט איז ניט ניוואריין דער גרויסער פראזענט פון דעם וועלט־ פון זיך (פון די בלינדע נאטור), נור דער
גרויסער

לְהַרְאוֹת בָּזֶה כַּמָּה גָּדוֹל בְּעֵינַי כְּבוֹד שַׁבָּת הַמַּלְכָּה.

צוּ וַוייזֶען מִיט דֶעם, וִוי דֶער כְּבוֹד פוּן שַׁבָּת הַמַּלְכָּה, אִיז בַּייא מִיר הוֹיכְאַרְטִיג גִישֶׁעצְט, זִי אִיז דֶער טַייעֶרֶער פְּרִיזֶענְט (מתנה טובה) פוּן דַיין הֵיילִיגֶען אוֹצָר א) וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז בֶּעשָׁאנְקֶען דוּרְךְ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ.

כַּאֲשֶׁר כָּתַבְתָּ בְּתוֹרָתֶךָ לָדַעַת כִּי אֲנִי ה' מְקַדִּישְׁכֶם.

וִוי דוּ לִיבֶּער גָאט הָאסְט גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דַיין תּוֹרָה (כי אות היא) אַז דֶער שַׁבָּת אִיז דֶער הֵיילִיגֶער צֵייכֶען צְוִוישֶׁען מִיר אוּנ צְוִוישֶׁען אַייךְ, אִיר זָאלְט וִויסֶען אַז אִיךְ גָאט הֵיילִיג אַייךְ, הַיינוּ אַז אִיר וֶועט הִיטֶען שַׁבָּת וִוי גִיהֶערִיג אִיז, וֶועט אִיר וִויסֶען, כְּלוֹמַר, אִיר וֶועט שְׁפִּירֶען אִין זִיךְ מִיט אַייעֶרֶע חוּשִׁים רוּחְנִיִים אַ גְרוֹיסֶע הֵיילִיגְקַייט.

וְעָזְרֵנוּ לְעַנְגוֹ גַם בְּתוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

אוּנ הֶעלְף אוּנְז, אַז לְבַד וָואס מִיר טוּעֶן זִיךְ פֶּערְגֶענִיגֶען שַׁבָּת מִיט גוּטֶע שְׁפַּייז, פִישׁ אוּנ פְלֵיישׁ אוּנ פֵּרוֹת, זָאלִין מִיר אוֹיךְ מַאכִין פֶּערְגְנִיגֶען אוּנְזֶער נְשָׁמָה, מִיט דֶעם וָואס מִיר וֶועלִין דַאוְונֶען מִיט אַ וַוארִימֶע הַארְץ אוּנ לֵייעֶנֶען הֵיילִיגֶע סְפָרִים וֶואס דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער תַּכְלִית פוּן שַׁבָּת, אַז עֶס זָאלֶען צוּ זַאמֶען קוּמֶען אַלֶע דְרַייא הֵיילִיגְקַייט, „שַׁבָּת" אִיז הֵיילִיג, „אִידֶען" זַיינֶען הֵיילִיג אוּנ דִי „תּוֹרָה" אִיז הֵיילִיג, אַז „אִידֶען" לֶערְנֶען „שַׁבָּת" דִי „תּוֹרָה", וֶוערִין צוּ זַאמֶען גֶעפְלָאכְטֶען אַלֶע דְרַייא הֵיילִיגְקַייט, זַיי זָאלִין הָאבִין אַקִיוּם אוֹיף עֶבִּיג.

וְקַבֵּל בְּרָצוֹן הַדְלָקָתִי וּבִרְכָתִי עַל נֵרוֹת שַׁבַּת קָדְשֶׁךָ.

הַארְצִיגֶער פָאטֶער, נֶעם אָן מִיט בַּאווִילִיגוּנְג אוּנ צוּפְרִידֶענְהַייט מַיין אָנְצִינְדֶען דִי לִיכְט מִיט מַיין בְּרָכָה לְכָבוֹד דֶעם לִיבֶּען שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

משלים יקרים

א) דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט אַ מָשָׁל צוּ אַ מַלְכָּה וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט אִיר אִיבֶּער גִיגֶעבִּין דִי שְׁלִיסְלֶען פוּן זַיינֶע אוֹצְרוֹת, הָאט זִי שׁוֹין אַגֶעווִיסֶען צֵייכֶען אַז דֶער מֶלֶךְ הָאט אִיר גֶעמַאכְט פַאר אַוִוירְטִין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע אוֹצְרוֹת, זִי דַארְף נוּר

הימען

מעשה אלפס

גְרוֹיסֶער אִינְזִינֶער (דֶער בּוֹרֵא עוֹלָם) הָאט אִיר בֶּעשַׁאפִין אִין זֶעקְס טֶעג אוּנ דֶעם זִיבֶּעטֶען טָאג הָאט עֶר גִירוּהט, בְּעַדַייט דֶער לִיכְט בֶּענְשִׁין שַׁבָּת, עֶס זָאל אַרַיין שַׁיינֶען אִין דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ דִי אֱמוּנָה פוּן חִדּוּשׁ הָעוֹלָם. אוּנ וַוייל דִי פְרוֹי הָאט אִין זִיךְ אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע סְגוּלָה פוּן שַׁבָּת, זִי וַוייזְט אוֹיךְ אוֹיף חִדּוּשׁ הָעוֹלָם, וִוי השי"ת הָאט גִיזָאגְט (אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ) אִיךְ וֶועל אִים מַאכִין אַדָאפֶּעלְטֶע הִילְף, (עֵזֶר) זִי זָאל אִים צוּ גְרֵייטֶען שְׁפַּייז פַאר זַיין קֶערְפֶּער (כְּנֶגְדּוֹ) אוּנ מִיט דֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אִיר

בעשאפען

לְהָאִיר אֶת בָּתֵּי נַפְשֵׁנוּ בֶּאֱמוּנָתְךָ הַטְּהוֹרָה כִּי אַתָּה בּוֹרֵא הָעוֹלָם וּמַנְהִיגוֹ.

צוּ עֶרְלַייכְטֶען אוּנְזֶערֶע גֶעפִיהלֶען מִיט דֶעם שַׁיין פוּן דִיא רֵיינֶע אֱמוּנָה, אַז דוּ בִּיסְט דֶער גְרוֹיסֶער אֵיינְזִיגֶער וָואס הָאט גִישְׁטְרוֹיעֶט דֶעם הֶערְלִיכֶען וֶועלְט-פַּאלַאץ, וָואס צוּם אָנְדֵיינְקוּנְג הָאסְטוּ גִיגֶעבִּין דֶעם הֵיילִיגֶען, שַׁבָּת, אַז אִין וֶעכְם טֶעג הָאסְטוּ בֶּעשַׁאפֶען דִי הִימֶל אוּנ עֶרד אוּנ אַלֶעם וָואס אִין זֵיי גֶעפִינְט זִיךְ, אוּנ שַׁבָּת הָאסְטוּ גִירוּהְט.

כַּאֲשֶׁר הֶרְאֵיתָ לָנוּ בְּהוֹצִיאֲךָ אוֹתָנוּ מִמִּצְרַיִם בִּזְרוֹעֲךָ הַנְּטוּיָה.

אוּנ אַזוֹי וִוי דוּ בִּיסְט דֶער בֶּעשֶׁעפֶער פוּן הִימֶעל אוּנ עֶרְד אַזוֹי בִּיסְטוּ אַלֵיין זֵייעֶר פִיהְרֶער, וִוי דוּ הָאסְט גִיוִויזֶען בְּעֵת דוּ הָאסְט אוּנְז אַרוֹים גֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, אַז דִי גַאנְצֶע נַאטוּר אִיז אִין דַיין הַאנְד, אִיר צוּ עֶנְדֶערְן וִוי דוּ ווִילְסְט, דְרוּם אִיז דֶער שַׁבָּת אוֹיךְ אַיין אַנְדֵיינְקוּנְג „זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם״.

וְעָזְרֵנוּ לִשְׁמוֹר אוֹתוֹ בִּקְדֻשָּׁה מִבּוֹאוֹ וְעַד צֵאתוֹ:

לִיבֶּער הַארְצִיגֶער גָאט, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט מִיר גִיהָאלְפֶען אַרַיין נֶעמֶען דֶער שַׁבָּת מִיט כָּבוֹד אוּנ הֵיילִיגְקַייט, אַזוֹ זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפִין אִים צוּהִיטֶען אַגַאנְצֶען מֵעֵת לְעֵת, מִיר זָאלֶען פַארְבְּרֵיינְגֶען נוּר אִין תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, דַאוְוֶענֶען מִיט אַוַוארִימֶע הַארְץ, לֶערְנֶען אַלֵיין אוּנ פַארְהֶערִין דִי קִינְדֶער וָואס זֵיי הָאבֶּען גִילֶערִינְט אַגַאנְצֶע וָואךְ.

וְלֹא יָבֹא חָלִילָה חִלּוּל שַׁבָּת עַל יָדֵינוּ.

אוּנ הִיט אוּנְז אוֹים, עֶס זָאל חָלִילָה נִיט קוּמֶען דוּרְךְ אוּנְז קַיין חִלּוּל שַׁבָּת, סַיי אַמְלָאכָה, אָדֶער רֵיידֶן וֶועגְן גִישֶׁעפְט וָואס דָאס הֵייסְט אוֹיךְ אַחִלּוּל שַׁבָּת. שַׁבָּת דַארְף מֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלִין אַז אַלֶע אַרְבֵּייט אִיז גִיעֶנְדִיגְט, אוּנ עֶס אִיז נִיטָא וֶועגִין וָואס צוּ רֵיידֶען, אוֹיךְ זָאלֶען מִיר נִיט בְּרוֹיכֶען קַיין כַּעַס אִין אִים, נוּר עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה בַּיי אוּנְז.

מעשה אלפם

בֶּעשַׁאפֶען אִין זַיין גֶעגֶענְוַוארְט וֶועט זִי אוֹיךְ זַיין אַהִילְף צוּ שְׁפַּייזֶען זַיין גַייסְט, זֶעהֶענְדִיג אִיר וָואס זִי אִיז בֶּעשַׁאפֶען גִיוָוארִין עֶצֶם מֵעֲצָמָיו, וֶועט בַּיי אִים פֶעסְט וֶוערֶען דִי אֱמוּנָה אִין חִדּוּשׁ הָעוֹלָם. דְרוּם אִיז דִי מִצְוָה גִיגֶעבֶּען צוּ אִיר, אָנְצִינְדֶען שַׁבָּת צְוֵויי לִיכְט צוּ וַוייזֶען אַז זִי מִיטֶען שַׁבָּת זַיינֶען צְוֵויי וִויכְטִיגֶע לִיכְט, לִיכְטִיג מַאכֶען אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען אִין דִי אֱמוּנָה פוּן חִדּוּשׁ הָעוֹלָם וָואס

משלים יקר ים

הִיטֶען נִיט פַארְלִירֶען דִי שְׁלִיסֶען. דָאס גְלַייכֶען, אַז השי״ת הָאט גִיגֶעבִּין אִירִין דֶעם טָאג שַׁבָּת, אִיז אַבֶּעוַוייז אַז עֶר הָאט זֵיי גֶעמַאכְט הֶערְשֶׁען אִיבֶּער אַלֶע זַאכִין וָואס אִיז בֶּעשַׁאפִין גֶעוָוארִין אִין

די

אוים

וְתִשְׁמוֹר אֶת כָּל בָּתֵּי יִשְׂרָאֵל מִשְׂרֵפוֹת.

אוּנ דֶער זְכוּת וָואס מִיר הָאבֶּען אָן גִיצוּנְדֶען דִי לִיכְט פוּן שַׁבָּת אִין דֶר צַייט אוּנ מִיט כָּבוֹד, זָאל מֵגִין זַיין, עֶס זָאל נִיט זַיין קֵיין אוּנְגְלִיקֶן פוּן שְׂרֵפוֹת אִין אִידִישֶׁע הַייזֶער חָלִילָה.

וּשְׁלַח אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ הֵמָּה יַנְחוּנוּ.

אוּנ אַזוֹי וִוי מִיר הָאבֶּען בֶּעלוֹיכְטֶען דֶעם שַׁבָּת מִיט לִיכְט, אוּנ מִיר הִיטֶען אִים מִיט אֱמֶת. זָאלְסְטוּ אוֹיךְ שִׁיקֶען דַיין „לִיכְט" אוּנ דַיין „אֱמֶת", דָאס אִיז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוּנ מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ, זֵיי זָאלֶען אוּנְז אַרוֹיס פִירֶען פוּן דִי פִינְסְטֶערְקַייט פוּן גָלוּת אוּנ פִירֶען צוּ דִי גְרוֹיסֶע לִיכְט פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

וּמַזָּלֵנוּ יָאִיר כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבוּרָתוֹ.

אוּנ אוּנְזֶער מַזָל זָאל אוֹיף שַׁיינֶען וִוי דִי זוּן אִין הֶעלֶען טָאג, אַז אַלֶע וָואס ווילֶען אוֹיף אִידֶען וֶעהֶען נְקָמָה. זָאלֶען פַאר שֶׁעמְט וֶוערְן, אוּנ דֶער מַלְאָךְ רַע זָאל בְּעַל כָּרְחוֹ אוֹיךְ עֶנְטְפֶערִין, אַז מִיר זַיינֶען דַיין לִיבֶּע פָאלְק, וָואס דוּ הָאסְט אוֹיסֶער וֶוָאהלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער, פִירִין אוּנְז מִיט שְׁטָאלְץ אוּנ פְרֵייד אִין דִי הֵיילִיגֶע לִיכְטִיגֶע לַאנְד בִּמְהֵרָה, אָמֵן.

תְּחִנָּה (אין ירושלים ביין) כּוֹתֶל מַעֲרָבִי (נאך ליכט בענשין און שבת פריה).

דִיא אִשָּׁה וָואס אִירֶע גֶעדַאנְקֶען אִיז רֵיין אוּנ הֵיילִיג, אַז בְּעֵת דַאוְונֶען שְׁטֶעלְט זִי זִיךְ פָאר וִוי זִי שְׁטֵייט אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ אַנְטְקֶעגֶען קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים (ווי אין הֵיילִיגֶען תַּלְמוּד שְׁטֵייט), אַזַא זָארְט פְרוֹי קֶען זָאגֶען דִי תְּחִנָּה אִין חוּץ לָאָרֶץ אוֹיךְ. נוּר אֵיינִיגֶע וֶוערְטֶער אִיז דָא וָואס זִיא דַארְף נִיט זָאגִין, נוּר טְרַאכְטִין אִין הַארְצֶען. וֶועלְכֶע וֶוערְטֶער? פַארְשְׁטֵייט יֶעדֶער גִילֶערֶענְטֶע פְרוֹי אַלֵיין.

גְרוֹיסֶער גָאט! שְׁטֵייעֶנְדִיג דָא בַּיי דֶעם מַעֲרָב וַואנְט פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. פַאלְט אוֹיף מִיר אַגְרוֹיסֶער פַּחַד אוּנ אַצִיטֶערְנֶעם, אַז אִיךְ בַּאדֵיינְק זִיךְ אוֹיף וָואס פַאר אַפָארְכְטִיגֶען אוּנ הֵיילִיגֶען אָרְט אִיךְ שְׁטֵיי יֶעצְט, אִיךְ וֵויים נִיט אוֹיבּ אִיךְ בִּין גָאר וֶוערְט. אַז מַיין פוּס זָאל דָא אַרוֹיף טְרֶעטְן, דָא אִיז דֶער הֵיילִיגֶער אָרְט וָואס אוּנְזֶער פָאטֶער

משלים יקרים

דִי זֶעקְס טֶעג, וַוייל שַׁבָּת אִיז „תַּכְלִית מַעֲשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ" עֶר אִיז דֶער אוֹצָר

פון

מעשה אלפס

אויף דֶעם פוּנְדַאמֶענְט (בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹהִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ) וֶוערט גִיבּוֹיט דִי גַאנְצֶע אִידִישֶׁע רֶעלִיגְיָאן.

דֶער צְווייטֶער אָנְדֵיינְקוּנְג פוּן שַׁבָּת אִיז „זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם" אִיז דִי פְרוֹי

אויך

אברהם האט גיבויט זיין מזבח ריכטיג אנטקעגן דעם מזבח פון הימל, און האט דא ארויף גילייגט דעם טייערין קרבן, זיין ליבען איינציגען זאהן יצחק, און בעת ער האט גינומען דעם חלף לייגען אים אויף זיין האלז, איז ביי יצחק'ן די נשמה ארויס און ארויף גיפלויגען אין הימל, און דער גרויסער הימלישער כהן גדול (דאס איז מיכאל המלאך) האט איר מקריב גיוועזען אויפען מזבח פון הימל *), און בעת דער מלאך האט גירופען פון הימעל, אברהם אברהם! האלט אב! טוא אים גאר ניט, איך וויים שוין, אז דו ביסט גאטס פארכטיג און דו האסט ניט פארמיטען דיין ליבען איינציגען קינד פון מיר, כלומר, דיין קרבן איז שוין אין ארדנונג, דעם עיקר (דאס איז די נשמה) האט מען שוין מקריב גיוועזען פאר השי"ת, פעלט נור דער קערפער, דאס קען מען פאר בייטין אויף דעם קערפער פון א בעל חי, ווייל אלעם קערפער איז דער מענש מיט די בעלי חיים גלייך, אלזא האט ער אים צו גשיקט דעם באראן, און אברהם האט אים מקריב גיוועזען אנשטאט דעם קערפער פון יצחק, און השי"ת האט אראב גישיקט א טל של תחיה און האט לעבעדיג גימאכט יצחק'ן. און אראב שטייגענדיג פון מזבח, האט יצחק אויף זיך אליין גיזעהן "תחית המתים" און זיך מתבונן גיוועזען אז אזוי וועט דער בורא ברוך הוא, לעתיד מחיה זיין אלע טויטע (וואס זיינען גיוועזען דבוק צו אים ביי זייער לעבען), האט ער זיך גישטעלט און גיזאגט די ברכה "ברוך אתה יי' מחיה המתים". אה, וואס פאר א פארכטיגער ארט דא איז! אז אזא וואונדערליכע היילינע היסטאריע האט דא פאסירט. —

דא איז אויך דער ארט וואס אונזער פאטער יעקב, גייענדיג פון גרויסען בית המדרש פון שם ועבר וואס ער האט דארטין גילערינט פערצעהן יאר טאג און נאכט. נאכהער אז ער איז גיגאנגען קיין חרן צו

אויך אשייכות צו דעם, ווייל בזכות נשים צדקניות, זיינען אידען אויס גילייזט גיווארען פון מצרים.

פון אלעם וואס איז בעשאפן בששת ימי המעשה, דער איך דארף נור היטען דעם שבת מיט היילינקייט, סיי וואס איז נוגע צום גוף, אן גרייטען די שענסטע און די בעסטע שפייז נאך זיין פערמעגין,

*) ווי די תורה איז מרמז (וישם אותו על המזבח) אברהם האט ארויף גילייגט דעם היפש יצחק, דאס איז זיין נשמה (ממעל לעצים) אויף דעם הימלישין מזבח וואס ער איז איבער די האלץ, (ווייל דער מזבח וואס אברהם האט געבויט, איז געווען אונטער די האלץ).

לבן, האט השי"ת פאר האלטען דעם טייערין אורח דא אויף דעם הייליגען פלאץ, ער האט אראב גילאזען דעם לאכס (די זון) פאר דער צייט. בכדי דער טייערער גאסט זאל דא בלייבען אויף נאכט לעגער, און האט אים דא גיוויזען אין חלום אז אלייטער שטייט אויף ד'ערד און דער שפיץ גרייכט צום הימל, דאס איז אבילד אויף די וויכטיגקייט און די הויכקייט פון זרע אברהם, דאכט זיך אקליין מענשעלע ליגט דא אויף ד'ערד, און אשטיין צו קאפען, אבער זיין הויפט גרייכט צום הימל און די גאטליכע מלאכים (וואס ווערען בעשאפין פון זיין תורה ומצות) גייען ארויף אין הימל, מקבל זיין השפעה פאר זיין נשמה (חכמה, בינה, ודעת), און פאר זיין קערפער (פרנסה) און נידערין אראב צו ריק, אים דאס איבער געבען. און דער עוויגער בכבודו ובעצמו שטייט ביי אים צו קאפען, היטען אים אין אלע גיפערליכע וועגין וואס ער וועט גיין, ביז וואנען ער וועט קומען צוריק אין די הייליגע לאנד, און עס וועט אויף אים מקוים ווערען אלע הבטחות וואס ער האט פארשפראכען צו אברהם ויצחק. ווי דער הייליגער יעקב האט זיך אויף גיוואכט פון שלאף, איז ער פארציטערט גיווארען און גיזאגט מיט שרעק, אה! ווי אזוי שלאף איך דאס אין אזא פארכטיגען ארט, דאס הייסט אז מ'איז זוכה צו שטיין אויף אזא הייליגען פלאץ, דארף מען זיין וואך מיט הייליגע גידאנקען, ניט פארשלאפענער הייד. היינט אז דער הייליגער יעקב וואס ער איז גיוועזען אזוי רייך אין תורה ומעשים טובים האט זיך גישראקען, וואס זאל שוין זאגען אזא ארימע פרוי ווי איך (וואס איז ארים אין מעשים טובים און רייך אין פעלערין), פון גרויס פחד האב איך גאר קיין ווערטער אין מיין מויל, נור איך פאר טרוי זיך אויף דעם וואס אונזערע חכמים זאגען, אז וואו מ'וועט דיין גרויסקייט דארטען וועט מען דיין ענוה. מיט דעם גידאנקען פאס איך זיך מוטה איבער צו זאגען די קורצע תפלה וואס דער הייליגער פאטער אברהם האט דא מתפלל גיוועזען נאך די עקדה, וויא אין דיין הייליגע תורה שטייט (ויקרא

משלים יקרים

און סיי וואס איז נוגע צום נפש, היינו דאווענען וואַרים און לערנען, און עסן

לכבוד

מעשה אלפס

און ווען די אשה איז חלילה ניט זהיר אין דעם, הייסט עס. זי איז שוואך אין די אמונה אז דער בורא איז דער מחדש העולם, עס חאפט זיך ביי איר נארישע גידאנקען פיליכט איז נאר די בלינדע נאטור די פיהרערין? ווערט זי בעהאנדעלט מדה כנגד מדה, בעת זי דארף האבען

דעם

אַבְרָהָם שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא ה' יִרְאֶה. אַבְרָהָם הָאט גִיבֶּעטֶען, אַז השי"ת זָאל אוֹיסְעֶרְוֶוערְלֶען דִיזֶען אָרְט צוּ מַאכֶען דָא שְׁטֶענְדִיג רוּהֶען זַיין שְׁכִינָה, דָאס אִידֶן זָאלֶען זִיךְ דָא אוֹיפְקְלַייבֶּען מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת, אֵיינְצִיגֶען דַיין נָאמֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט, ווִי מַיין זָאהן יִצְחָק הָאט יֶעצְט גִיטָאן, אוּנ דוּ הָאסְט מְקַבֵּל גִיוֶוען זַיין וַוארִימֶע תְּפִלָּה, אוּנ הָאסְט גֶעוִויזֶען אוּנְזֶער פָּאטֶער יַעֲקֹב, אַז דַיין שְׁכִינָה רוּהט דָא שְׁטֶענְדִיג. נַאכְהֶער הָאסְטוּ מְגַלֶּה גִיוֶוען אוּנְזֶער קֶענִיג דָוִד, אַז דָא אִיז דֶער הֵיילִיגֶער אָרְט וואוּ דַיין שְׁכִינָה רוּהט, הָאט עֶר דָא גִיבּוֹיט אַמִזְבֵּחַ, אוּנ זַיין זָאהן שְׁלֹמֹה הָאט דָא גִיבּוֹיט דֶעם בֵּית הַמִקְדָּשׁ, וָואס עֶר הָאט פַאר־אֵיינִיגְט אַלֶע אִידִישֶׁע הֶערְצֶער מִיט גְרוֹיס אַהֲבָה צוּ השי"ת, אוּנ פוּן דֶענְסְטְמָאל אָן רוּהט דַיין שְׁכִינָה דָא אֲפִילוּ אִין דִי צַייט פוּן חוּרְבָּן, ווִי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגֶען (מֵעוֹלָם לֹא זָזָה שְׁכִינָה מִכּוֹתֶל מַעֲרָבִי) דִי שְׁכִינָה הָאט קַיין מָאל נִיט אָב גִיטְרָאטֶען פוּן כּוֹתֶל מַעֲרָבִי, ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (הִנֵּה זֶה עוֹמֵד אַחַר כָּתְלֵנוּ) מַיין גִילִיבְּטֶער פְרַיינְד (די שכינה) רוּהט כִּבְיָכוֹל הִינְטֶער דִי וַואנְט, אוּנ בְּעֵת חוּרְבָּן וָואס טִיטוּס מִיט זַיינֶע חֲיָלוֹת הָאבֶּען צוּ בְּרָאכֶען אַלֶע וֶוענְט פוּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ, הָאסְטוּ מִיט דַיין הַשְׁגָּחָה גִילָאזְין דִי אֵיינְצִיגֶע וַואנְט, אַז קֵיין הַארְמַאט אוּנ קֵיין בָּאמְבֶּע הָאט אִיר נִיט גִיקֶענְט רִירֶען פוּן אָרְט, צוּ וַוייזִין דַיינֶע קִינְדֶער, אַז אֲפִילוּ בְּעֵת זֵיי הָאבֶּען דִיר עֶרְצַארְנְט. הָאסְטוּ נִיט אָבּ גִיטְרָאטְן פוּן זֵיי, אוּנ דַיין הַשְׁגָּחָה אִיז פוּן דַאנֶען מַשְׁגִּיחַ אוֹיף זֵיי אִין אַלֶע עֶרְטֶער וואוּ זֵיי זַיינֶען צוּ זֵייט אוּנ צוּ שְׁפְּרֵייט, אַזוֹי בִּין אִיךְ אָרִימֶע פְרוֹי (אברהם אבינו'ס אייניקיל) אוֹיךְ מִתְפַּלֵּל אַז פוּן דֶעם הֵיילִיגֶען אָרְט, זָאל זַיין דַיין הַשְׁגָּחָה אוֹיף דַיין הֵיילִיגֶע פָאלְק יִשְׂרָאֵל, דוּ זָאלְסְט אַיין פְלַאנְצֶען חֶסֶד אוּנ רַחֲמִים אִין דִי הֶערְצֶער פוּן דִי מְלָכִים וְשָׂרִים פוּן אַלֶע עֶרְטֶער וואוּ אִידִין גִיפִינֶען זִיךְ, זֵיי זָאלִין זֵיי פַאר הִיטֶען פוּן בִּלְעָמְ'ס תַּלְמִידִים וָואס שְׁלָאגֶען זֵיי מִיט זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע צִינְגֶער, אוּנ פוּן דִי חוּלִיגַאנֶעם וָואס קוּמֶען אוֹיף זֵיי מִיט דִי הַיָדַיִם יְדֵי עֵשָׂו. ווִי יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גִיבֶּעטִין אוֹיף דֶעם הֵיילִיגֶן אָרְט, אַז דוּ זָאלְסְט אִים

מעשה אלפס

דֶעם קִינְד גִיט השי"ת נִיט דֶעם שְׁלִיסֶעל צוּ עֶפֶענֶען דֶעם טִיעֶר, דָאס פַארְשְׁטֵייעֶן אַלֶע אַז דִי שְׁלִיסֶעל פוּן קִינְדְבֶּעטָארִין אִיז נִיט אִיבֶּערְגִיגֶעבִּין צוּ קֵיין שָׁלִיחַ פוּן דִי נַאטוּר, קֵיין דָאקְטָאר ווייס נִיט בִּיז דִי לֶעצְטֶע מִינוּט וָואס דָארְטִין טוּט זִיךְ, אַזְכָּר

משלים יקרים

לִכְבוֹד שַׁבָּת, דוּרְךְ דֶעם זְכוּת וֶוערְט דִי גַאנְצֶע נַאטוּר נִכְנָע צוּ אִים, אוּנ עֶס וֶוערְט גֶעשִׁיקְט אַ בְּרָכָה בְּכָל מִשְׁלַח יָדָיו.

אדער

מִיט זַיינֶע קִינְדֶער בַּאהִיטֶען פוּן עֵשָׂו, פוּן לָבָן אוּנ בְּנֵי לָבָן, וּבִפְרַט דִי גוּט הֶערְצִיגֶע אִידִין וָואס שְׁטִיצִין דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּנ דִי אִיבֶּערִיגֶע מֶענְשִׁין וָואס זִיצֶען אִין דַיין הֵיילִיגֶע שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם, אוּנ אִין דִי אִיבְּעריגֶע שְׁטֶעט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְסְטוּ זֵיי גֶעבֶּען גְרוֹיס הַצְלָחָה בְּכׇל מִשְׁלַח יָדָם. אוּנ אִיךְ אָרִימֶע פְרוֹי (פלונית בת פלונית) זָאל אוֹיךְ גִיעֶנְטְפֶערְט וֶוערִין בְּתוֹךְ כְּלַל יִשְׂרָאֵל מִיט דִי דְרַיי טַייעֶרֶע בְּרָכוֹת, גִיזוּנְד אוּנ פַּרְנָסָה אוּנ נַחַת פוּן קִינְדֶר, אוּנ מִיר זָאלֶען הֶערֶען בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּנ אוֹיךְ פוּן מַיין פַאמִילְיֶע וָואס זִיצֶען אִין חוּץ לָאָרֶץ.

אוּנ אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים שְׁרַייבֶּען (אין מסכת שבת) אַז צוּ לִיבּ דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה פוּן חִלּוּל שַׁבָּת הָאסְטוּ חָרוּב גִימַאכְט דֶעם הֵיילִיגִין אָרְט א) אוּנ אוּנְז פַארְטְרִיבֶּען אִין גָלוּת, וָואס אוּנְזֶער בְּלוּט גִיסְט זִיךְ אִין פִיל עֶרְטֶער וִוי וַואסֶער, אוּנ דַיין הֵיילִיגֶער נָאמֶען וֶוערְט אַזוֹי פִיל מְחוּלָל, אָה וֶועה אִיז צוּ מַיינֶע זִינְד, קוּם אִיךְ דִיר צוּ בֶּעטִין. אַז בִּזְכוּת וָואס אִיךְ אוּנ דִי הֵיילִיגֶע טֶעכְטֶער פוּן דַיין לִיבֶּע פָאלְק יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען אָנְגִינוּמֶען דֶעם לִיבֶּען שַׁבָּת מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אוּנ גִיבֶּענְשְׁט לִיכְט אִין דֶער צַייט, אוּנ נַאכְהֶער בִּין אִיךְ גִיקוּמֶען דִיר לוֹיבֶּען אוּנ דַאנְקֶען אִין דֶעם הֵיילִיגֶען אָרְט, וואוּ דַיין שְׁכִינָה רוּהט, בִּזְכוּת זֶה זָאלְסְטוּ שׂוֹין אוֹיף אוּנְז רַחֲמָנוּת הָאבֶּן, אוּנ פִירֶען אוּנְז מִיט שְׁטָאלְץ צוּרִיק אִין אוּנְזֶער לַאנְד, אוּנ אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהֶן דֶעם דְרִיטֶען בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס דוּ וֶועסְט אַרָאבּ שִׁיקֶען פוּן הִימֶל, וָואס עֶר וֶועט שׂוֹין קַיין מָאל נִיט חָרוּב וֶוערִין, אוּנ מִיר וֶועלִין דִיר אִין אִים דִינֶען מִיט עֶהְרִין פוּרְכְט אוּנ מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

אַתְּחִנָּה בַּיי'ן כּוֹתֶל מַעֲרָבִי (שטענדיג גילטיג).

הֵיילִיגֶער גָאט, אִיךְ דַאנְק אוּנ לוֹיבּ דַיין לִיבֶּען נָאמֶען, וָואס דוּ הָאסְט מִיר מְזַכֶּה גִיוֶועזֶען צוּ קוּמֶען אִין דַיין הֵיילִיגֶע לַאנְד, אוּנ שְׁטֶעלִין מַיין טְרִיט אוֹיף דֶעם בַּארִימְטֶען הֵיילִיגֶען פְּלַאץ, וָואס דוּ

א) ווִי דִי תּוֹרָה אִיז מְרַמֵּז (אֶת שַׁבְּתוֹתַי תִּשְׁמֹרוּ) אַז אִיר וֶועט הִיטֶען מַיינֶע שַׁבָּתִים נִיט מְחַלֵּל זַיין (וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ)

אָדֶער אַ נְקֵבָה, אוּנ וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין? הַכְּלָל, קֵיינֶער אִיז נִיט אִימְשְׁטַאנְד צוּ עֶפֶענֶען דֶעם טִיעֶר, נוּר השי"ת אַלֵיין, הַיינְט אַז דוּ צְוֵוייפֶעלְסְט אוֹיבּ עֶס אִיז גָאר דָא אַבּוֹרֵא יָחִיד. טוּ זָאל דִיר דִי בְּלִינְדֶע נַאטוּר עֶנְטְפֶערִין, פַארְשְׁטֵייט מֶען שׂוֹין אִין וַואס פַאר אַלַאנֶע זִי בְּלַייבְּט.

און

הָאסְט אוֹיסעֶרְוֶועהלְט, אַז דַיין שְׁכִינָה זָאל דָא שְׁטֶענְדִיג רוּהֶען, אַזוֹי וִוי דִי נְשָׁמָה רוּהט אִין מוֹחַ פוּן מֶענְשִׁין וָואס עֶר אִיז (עוֹלָם קָטָן) אַקְלֵיינֶע וֶועלְטִיל, אַזוֹי אִיז דֶער הֵיילִיגֶער אָרְט דֶער מוֹחַ פוּן דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט, וַוייל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל רוּפְט זִיךְ (רֹאשׁ עַפְרוֹת תֵּבֵל) דִי קָאפּ פוּן דֶער וֶועלְט, אוּנ דָא אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער פְּלַאץ פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (ווי דער מוח איז דער העכסטער ארט פון קאפ), אוּנ דוּ גָאט וָואס דוּ בִּיסְט דֶער (חֵי הָעוֹלָמִים) דִי נְשָׁמָה פוּן דֶער וֶועלְט, רוּהסְט דָא שְׁטֶענְדִיג אוּנ פוּן דַאנֶען וֶוערְט פַארְשְׁפְּרֵייט דַיין הַשְׁגָּחָה אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. אַזוֹי וִוי דִי נְשָׁמָה וָואס רוּהט אִין מוֹחַ גִיט אִיר חִיוּת אִין גַאנְצֶען קֶערְפֶּער, אוּנ אָדָם הָרִאשׁוֹן וָואס זַיין קָאפּ אִיז גִינוּמֶען גִיוָוארֶען פוּן עֲפַר אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז זַיין מוֹחַ גִינוּמֶען גִיוָוארֶען פוּן מְקוֹם הַמִּקְדָּשׁ, בִּכְדֵי זַיין מוֹחַ זָאל זַיין הֵיילִיג, דָארְטֶען זָאל קֶענֶען רוּהֶען דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה (וָואס זִי אִיז אַחֵלֶק אֱלוֹהַּ מִמַּעַל). דְרוּם בְּעֵת עֶר אִיז פַארְטְרִיבֶּען גִיוָוארִין פוּן גַן עֵדֶן, הָאט עֶר דָא אוֹיף דֶעם אָרְט מַקְרִיב גִיוֶועןאַקָרְבָּן דֶעם שׁוֹר הַפָּר וָואס אִיז בֶּעשַׁאפֶען גִיוָוארֶען בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי בְרֵאשִׁית, דָא אוֹיף דֶעם הֵיילִיגֶען אָרְט הָאט עֶר בַּאקֶענְט זַיין זִינְד אוּנ הָאט תְּשׁוּבָה גִיטָאן, אוּנ נֹחַ בְּעֵת עֶר אִיז אַרוֹים פוּן תֵּבָה אוּנ הָאט גִיזֶעהן, אַז דִי וֶועלְט אִיז וִויסְט הָט עֶר זִיךְ פַר נַאנְדֶער גִיוֵויינְט אוּנ זָאגְט, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וֶועגֶען דִי זִינְד פוּן דִי נַארִישֶׁע מֶענְשִׁין הָאסְטוּ חָרוּב גִימַאכְט דַיין וֶועלְט? הָאט עֶר אוֹיף דֶעם פְּלַאץ גִיבּוֹיט אַמִּזְבֵּחַ אוּנ מַקְרִיב גִיוֶועןקָרְבָּנוֹת, מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין אַז דוּ זָאלְסְט שׁוֹין מֶער נִיט חָרוּב מַאכֶען דַיין וֶועלְט. שְׁרַייבְּסְטוּ אִין דַיין תּוֹרָה (וַיָּרַח ה' אֶת רֵיחַ הַנִּיחוֹחַ), אַז דִיר הָאט גִישְׁמֶעקְט דֶער לִיבְּלִיכֶער גִירוּךְ פוּן דִי קָרְבָּנוֹת, כְּלוֹמַר, נֹחַ'ס תְּפִלָּה בַּיי דִי קָרְבָּנוֹת וָואר דִיר גִיפֶעלִין, וַוייל דוּ הָאסְט גִיזֶעהֶען זַיין רֵיינֶע הַארְץ, וִוי עֶר הָאט זִיךְ פָארְגִישְׁטֶעלְט בְּעֵת מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבָּן, אַז עֶר אִיז גְרֵייט אָפְּפֶּערִין דִי כֹּחוֹת הַגּוּף מִיט דִי תַּאֲוֹות אוֹיף דֶעם פַייֶער פוּן דַיין לִיבֶּע (אהבת ה') מְקַיֵּים זַיין (וְאָהַבְתָּ אֵת יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ) דוּא זָאלְסְט לִיבּ

מעשה אלפס

אוּנ וֶועגִין וָואס מִיר זֶעהֶען, אַז פִיל פוּן דִי וָואס בֶּענְשִׁין גָאר קֵיין לִיבְט נִיט אוּנ הָאבִין נָאךְ אַטְרֵייפֶע קִיךְ אוֹיךְ, גֶעבּוֹירֶען נַאגִין נְרִינְג. — וֶועגִין דֶעם זָאגִין אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים אַגִיט ווָארְט. (נְפַל תּוֹרָא חֲדַד סַכִּינָא)

שערי ציון

תִּירָאוּ) וֶועט אִיר דַאפִיר הָאבֶּען אַיינֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיר וֶועט הָאבֶּען עֶהרֶע פוֹרְכְט פַאר אִים. וַוייל וֶוען אִיר הִיט שַׁבָּת, זַייט אִיר מוֹדֶה אִין חִידוּשׁ הָעוֹלָם,

וֶוען עֶס וֶוערְט קְרַאנְק אַ כְּשֵׁרָה בַּעַל חַי לוֹיפְט מֶען גִישְׁווִינְד צוּם שׁוֹחֵט[אז], טֵייל

ווערך

הָאבֶּען גָאט בָּרוּךְ הוּא (בְּכָל נַפְשְׁךָ) מִיט דַיין גַאנְצֶע וֶועלֶע, אוּנ דָאס איז גִיוֶוען אַזוֹי עֶרְנְסְט, מִיט עֶנֶערְגִיֶע אַז עֶס אִיז אַיינְגִישְׁטֶעמְפִּילְט גֶעוָוארֶען אִין זַיינֶע בְּלוּט, דִי הֵיילִיגֶע כֹּחוֹת וֶועלִין אִיבֶּער גֵיין אִין אֵיינִיגֶע פוּן זַיינֶע קִינְדֶער. ווִי אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּנ חֲנַנְיָא מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה אוּנ פִיל צַדִּיקִים וַחֲסִידִים וָואס הָאבֶּען זִיךְ גִילָאזְט וַוארְפֶען אִין פַייעֶר צוּ לִיבּ אַהֲבַת השי״ת, הָאסְטוּ דַאן צוּ גִיזָאגְט אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין מֶער נִיט חָרוּב מַאכֶען דִי וֶועלְט וֶועגִין דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים פוּן מֶענְשִׁין. לִיבֶּער הַארְצִיגֶער פָּאטֶער, אַז אִיךְ זֶעה דָא דֶעם אָרְט וואוּ דַיין הֵיילִיגֶער פַּאלַאץ אִיז גִישְׁטַאנֶען, נֶעמְט מִיר אָן אַגְרוֹיס גִיוויין. אָה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיבֶּער דִי זִינְד פוּן דִי נַארִישֶׁע מֶענְשִׁין הָאסְטוּ חָרוּב גִימַאכְט אַזַא הֶערְלִיכֶען וֶועלְט פַּאלַאץ, וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט גִישֶׁעפְּט הַשְׁפָּעָה אוּנ לִיכְטִיגְקַייט פוּן אִים, פַּר דִי נְבִיאִים אִיז דָא גִיוֶוען דֶער קְוַואל פוּן נְבוּאָה, פַאר בַּעֲלֵי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אִיז דָא גִיוֶוען דֶער מָקוֹר פוּן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, פַאר חֲכָמִים אַמָקוֹר פוּן חָכְמָה, אוּנ זִינְט עֶר אִיז חָרוּב גִיוָוארְן, הָאבֶּען מִיר עֶס אַלֶעם פַארְלָארֶען. אָה גוּטֶער גָאט! אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט אָנְגִינוּמֶען נֹחַ׳ס תְּפִלָּה אַזוֹי זָאלְסְטוּ אָן נֶעמֶען מַיין תְּפִלָּה וָואס אִיךְ בֶּעט דִיר מִיט וַוארִימֶע טְרֶערִין אִין דֶעם נָאמֶען פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אַז דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ זָאל שׁוֹין גִיבּוֹיט וֶוערִין דוּרְךְ דַיין הֵיילִיגֶע הַאנְד, וֶועט עֶר שׁוֹין מֶער נִיט חָרוּב וֶוערִין, אוּנ זָאלְסְט שׁוֹין דָאס הֵיילִיגֶן אָרְט דֶער פְרֵייעֶן, אַז מִיר זָאלֶען דִיר קֶענֶען דִינֶען מִיטִין גַאנְצִין הַארְצִין מִיט פִיל שִׂמְחָה אוּנ מִיט פִיל גוּטֶעס אִין דֶעם הֵיילִיגֶען בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּנ אַלֶע פֶעלְקֶער זָאלֶען דֶער קֶענֶען, אַז דוּ בִּיסְט אֵיינֶער אוּנ מֶער קֵיינֶר, אוּנ אַלֶע זָאלֶען קוּמֶען בּוּקֶען זִיךְ פַאר דִיר אִין דֶעם הֵיילִיגֶען אָרְט, ווִי דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט (יָבֹא כָל בָּשָׂר לְהִשְׁתַּחֲוֹת לְפָנֶיךָ ה׳) אוּנ מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען אַהֶער עוֹלֶה לְרֶגֶל זַיין בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

אַדְרִיטֶע תְּחִנָּה בַּיין כּוֹתֶל מַעֲרָבִי (נאך ליכט בענשין).

לִיבֶּער גָאט, אִיךְ קוּם יֶעצְט נָאךְ מַיין בֶּענְשִׁין לִיכְט מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם הֵיילִיגֶען אָרְט, צוּם אָנְדֵיינְקוּנְג אַז לֶעָתִיד וֶועט

שערי ציון | מעשה אלפס

אַז דֶער בּוֹרֵא הָאט אִין זֶעקְס טֶעג דוּרְךְ דֶעם רֶעכִינְט מֶען אָב רַאטֶעוֶוען דֶעם שְׁאדִין, אָבֶּער וֶוען אַ בְּהֵמָה טְמֵאָה אִיז בעשאפען

מְסֻכֶּנֶת רוּפְט מֶען נִיט־קַיין שׁוֹחֵט, ווייל דָא וֶועט מֶען גָאר נִיט מַצִיל זַיין, דָאס גְלַייכֶען רעט

מָשִׁיחַ װֶעט קוּמֶען, װֶעלִין אַלֶע מֶענְשִׁין (װעלכע װעלין װערט זיין) קוּמֶען דָא אַלֶע שַׁבָּת בּוּקִין זִיךְ פַאר דִיר אוּנ לוֹיבֶּען דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען, װִי דוּ הָאסְט גִיזָאגְט דוּרְךְ דַיין הֵיילִיגֶען נָבִיא יְשַׁעְיָה (וְהָיָה מִדֵּי חֹדֶשׁ בְּחָדְשׁוֹ וּמִדֵּי שַׁבָּת בְּשַׁבַּתּוֹ יָבֹא כָל בָּשָׂר לְהִשְׁתַּחֲוֹת לְפָנַי אָמַר ה'), דָאס הֵייסְט מ'װֶעט אִין דֶער הֵיים בֶּענְשִׁין לִיכְט, נָאכְהֶער װֶעט מֶען זִיךְ װֶעצִין אוֹיף אַלוּפְט-בַּאלָאן, אוֹיף אַעֶרָאפְּלַאן, אוּנ אִין אֵיינִיגֶע מִינוּטֶען װֶעט מֶען זַיין דָא, מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין אוּנ דַאוֶונֶען מַעֲרִיב אוּנ קוּמֶען צוּרִיק צוּפְלִיעֶן צוּ הוֹיז מַאכֶען קִדּוּשׁ, װִי עֶס שְׁטֵייט (מִי אֵלֶּה כָּעָב תְּעוּפֶינָה וְכַיּוֹנִים אֶל אֲרֻבֹּתֵיהֶם), דִי פֶעלְקֶער װֶעלִין זָאגֶען, װֶער זַיינֶען דָאס דִי גְלִיקְלִיכֶע װָאס קוּמֶען צוּ פְלִיהֶען װִי אוֹיף אַװָאלְקֶען? אִיז פוּן גְרוֹיס תְּשׁוּקָה (לוסט) װָאס אִיךְ בֵּיינְק צוּא דִיא גְלִיקְלִיכֶע צַייט, װָאס מִיר װֶעלִין קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג זַיין נָאהֶענְט צוּ דִיר. אֲפִילוּ דִי װָאס װֶעלִין װָאהְנֶען אִין עֶנְדֶע אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (גאנץ װיים פון ירושלים), װֶעלִין אוֹיךְ קֶענֶען קוּמֶען מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין דָא, דְרוּם בִּין אִיךְ דָא גִיקוּמֶען יֶעצְט מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין. אוּנ בֶּעטִין דַיין לִיבֶּען נָאמֶען, דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפֶּען, אַז דִי לִיכְט פוּן שַׁבָּת זָאל בַּיי מִיר שַׁיינֶען אַגַאנְצֶע װָאךְ, װִי בַּיי אוּנְזֶער מוּטֶער שָׂרָה, דָאס הֵייסְט אַז דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דֶער תּוֹרָה װָאס אוֹיף דֶעם װַייזְט דִי לִיכְט פוּן שַׁבָּת, זָאל שַׁיינֶען בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ שְׁטֶענְדִיג, בִּכְדֵי אִיךְ מִיט מַיין מַאן אוּנ קִינְדֶער זָאלֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְלִיקְלִיכֶע צַייט, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ. אָמֵן.

אַתְּחִנָּה פַאר קַבָּלַת שַׁבָּת.

גְרוֹיסֶער מֶעכְטִיגֶער קֶענִיג! אִיךְ דַאנְק דִיר. װָאס דוּ הָאסְט מִיר מְזַכֶּה גִיװֶען מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה מְקַבֵּל פָּנִים זַיין שַׁבָּת הַמַּלְכָּה מִיט לִיכְטִיגְקַייט, עֶס זָאל אַרַיין שַׁיינֶען אִין מַיין שְׁטוּבּ דִי לִיכְט פוּן אֱמוּנָה אִין חִדּוּשׁ הָעוֹלָם, װָאס שַׁבָּת בֶּעװַייזְט אַז אִין זֶעקְס טֶעג הָאט דֶער בּוֹרֵא בֶּעשַׁאפֶען דִי גְרוֹיסֶע װֶעלְט, דִי הִימֶל אוּנ דִי עֶרְד

מעשה אלפס

רֶעט דִי מִשְׁנָה נוּר װֶעגִין דִי כְּשֵׁרָה פְרוֹיעֶן װָאס פִירֶען זִיךְ אִידִישְׁלִיךְ, נוּר זֵיי זַיינֶען נִיט זָהִיר אִין דִי דְרַיי מִצְוֹת צוּ טָאן װִי גִיהֶערִיג אִיז, אָבֶּער װֶעגִין דִי טְמֵאִים ר"ל, װָאס לַאבֶּען גָאר פוּן אִידִישְׁקַייט, אַרוּם זֵיי רֶעט מֶען דָא נִיט, מִיט זֵיי [פין] װֶעט זַיין אַיין אַנְדֶער חֶשְׁבּוֹן.

שערי ציון

בֶּעשַׁאפֶען דִי װֶעלְט מִיט אַלֶע אִירֶע הֶערְשַׁאפְט, אוּנ דֶער אָנְהֵייבּ בְּרִיאַת הָעוֹלָם אִיז דָאךְ גֶעװֶען פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ

מִיט אַלֶעם וָואס אִין זַיי, דֶעם מֶערְקְווירְדִיגֶען יַם מִיט אַלֶע מוֹרָא'דִיגֶע בְּרוּאִים וָואס אִין אִים, אוּן דֶעם זִיבֶּעטֶען טָאג הָאט עֶר גְרוּהט, (וינפש) אוּן אִיז גֶעוָוארֶען דִי נְשָׁמָה פוּן דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט, עֶר אִיז זַיי מְחַיֶה יֶעדֶער רֶגַע וִוי דִי נְשָׁמָה אִיז מְחַיֶה דֶעם גוּף, אוּן אַזוֹי וִוי מִיר וַוייבֶּער זַיינֶען אוֹיךְ אַלִיכְט פוּן אֱמוּנָה, וַוייל דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי פְרוֹי (חַוָה) אִיז בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען פַאר אָדָם'ן אִין דִי אוֹיגֶען, הָאט עֶר גִיזֶעהֶען אַז דִי וֶועלְט הָאט אַיין בֶּעשֶׁעפֶר, הֵייסְט דָאס מִיט אוּנְזֶער בֶּענְשִׁין לִיכְט וֶוערְט דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּב בֶּעלוֹיכְטֶען מִיט צְוַוי לִיכְט, לִיכְטִיג מַאכֶען אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען אִין דִי אֱמוּנָה, אַז עֶס אִיז דָא אַגְרוֹיסֶער אֵיינְזִיגֶער (אבירא יחיד) וָואס הָאט גִיבּוֹיט דֶעם גְרוֹיסְען ווּאוּנְדֶערְלִיכֶען וֶועלְט פַּאלַאץ, אוּן בִּזְכוּת דִי אֱמוּנָה זָאלְסְטוּ בֶּעלַייכְטֶען אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען אִין דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דֶער תּוֹרָה, אוּן זָאלְסְט אוּנְז אַרוֹיס נֶעמֶען (מֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָדוֹל) פוּן פִינְסְטֶערִין גָלוּת צוּ דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דֶער גְאוּלָה, וָואס דַאן וֶועלִין מִיר זָאגֶען אֵיינֶע צוּ דִי אַנְדֶערֶע (לְכוּ נְרַנְנָה לַה'), קוּמְט מִיר וֶועלִין לוֹיבּ זִינְגֶען צוּ גָאט (נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ) מִיט פְרֵייד צוּ שַׁאלֶען פַאר דֶעם שְׁטַארְקֶען שׁוּטְץ פוּן אוּנְזֶער הִילְף, וָואס מִיר הָאפִּין זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

תְּחִנָה פוּן עֶרֶב ר"ח, צוּ יוֹם כִּפּוּר קָטָן.

תְּפִלָה לְעָנִי כִּי יַעֲטוֹף, לִיבֶּער גָאט. אִיךְ קוּם אוֹיס גִיסֶען מַיין הַארְץ פַאר דִיר וִוי אַיין עֶלֶענְטֶער אָרִימַאן, וָואס אִיז פַארְשְׁמַאכְטֶעט אוּן אַיין גִידְרֵייט אִין דְרַייעֶן פוּן גְרוֹיס פַּיין. אָ גָאט! הֶער צוּ מַיין גֶבֶּעט. אוּן מַיין שְׁרַייעֶן זָאל קוּמֶען פִיר דַיין הוֹיכֶען שְׁטוּל, אִין דֶעם טָאג וָואס אִיךְ רוּף דִיר עֶנְטְפֶער מִיר גִישְׁווִינְד, דֶען עֶס פֶערְשְׁווִינְדֶען אִין רוֹיךְ מַיינֶע טֶעג, אוּן מַיינֶע בֵּיינֶער זַיינֶען וִוי צוּ טְרִיקֶענְטֶע שַׁייט הֶעלְצֶר, מַיין הַארְץ אִיז וִוי פֶערְוֶועלְקְטֶע גְרָאז, מַיין גִיטְרַאנְק אִיז צוּ מִישְׁט מִיט טְרֶערִין וֶועגִין דַיין צָארֶען וָואס דוּ הָאסְט מִיר אַמָאל אוֹיף גִיהֵייבִּין אוּן גִיטְרָאגֶען אוֹיף אָדְלֶער פְלִיגֶלֶען, אוּן הַיינְט הָאסְטוּ מִיר אַרוּנְטֶער

שערי ציון

פוּן אֶבֶן שְׁתִיָה (דער גרונד שטיין וואס איז געווען אין קודש הקדשים) אוּן פוּן אִים הָאט זִיךְ פוּנַאנְדֶער גֶעשְׁפְּרֵייט אִין אַלֶע זַייטֶען בַּיי

מעשה אלפס

אוּן וֶועגִין דֶעם, וָואס צְוִוישֶׁען דִי עֶרְלִיכֶע וָואס זַיינֶען נִיט זָהִיר טְרֶעפְט דָאךְ אוֹיךְ פִיל וָואס גִעבּוֹירֶען גְרִינְג? — דֶער סֵדֶר הָעוֹלָם אִיז, וֶוען אֵיינֶער טוּט אָב אַגְרוֹיסִין

פַארְבְּרֶענְךְ וָואס סוּד פֶער'מִשְׁפָּט אִים טוֹיט-שְׁטְרָאף, דֶערְלַאנְגְט מֶען מַאנְכֶע מָאל

אבימע

געווארפען אין אבגרונד, אמאל בעת מיר האבען געהאט אבית המקדש מיט אכהן גדול, זיינען מיר געוועזען ווי דער רייכער רייזענדער וואס פארט מיטין באן אין פערטע קלאס, אויך נעמט ער איין מאל אבילעט ביז וואנען ער דארף פארען, פאר דינגט ער אין צווייען, עס קאסט אים ביליגער, אי ער זיצט רוהיג די גאנצע וועג. ער דארף ניט לויפען און שפארען זיך ביין קאסע יעדער מאל, די סטאנציעס איז פאר אים נור אפערגניגען זיך דורך גיין אויפען פלאץ פארמע האפען פרישע לופט און עטוואס גניסען אויפען בופעט זיך ערקוויקען די הארץ, אזוי זיינען מיר אמאל געוועזען אין אהויכע מדרגה אין גרויסען פלאהר, מיר האבען געהאט אלאנד, אקייזערטהום, סנהדרין, אבית המקדש, מיט אכהן גדול וואס ער פלעגט טאן די היילעגע עבודה יום כפור, פלעגט ער אויס בעטען פארען כלל ישראל לעבין און פרנסה אויף אגאנץ יאהר, הייסט דאס מיר פלעגין באקומען אבילעט אין הימל-קאסע צו פארין אויפען לעבינס באן דריי הונדערט פיר און פופציג טעג ביז ענדע יאהר מיט גרויס כבוד און עהרע, איז די סטאנציעס (די ראשי חדשים) געוועזען נור אלעם פערגניגען מקריב זיין דאנקבאר קרבנות אויף די צופרידענהייט פון אונזער גליקליכען לעבען, און וואס דער בורא איז צופרידען פון אונזערע גוטע מעשים, אבער היינט האטטו אונז געווארפען פון אזוי הויכע מדרגה אין אבגרונד, מיר האבען ניט קיין בית המקדש, ניט קיין לאנד, ניט קיין סנהדרין, ניט קיין כהנים, זיינען מיר ווי דער ארימאן וואס פארט דריטע און אמאל פערטע קלאס אין איינגעשאפט און רויך, און דאס איז ער ניט אימשטאנד נעמען אבילעט אויף די גאנצע וועג, נור אויף איינע אדער צוויי סטאנציעס, נאכהער אויף יעדער סטאנציע זוכט ער בעקאנטע זיי זאלען אים אויס ליען אדער פשוט אנדבה מאכען אויף נאך אסטאנציע, און אזוי קוועלט ער זיך ביז ער קומט וואו ער דארף, און מאנכע מאל פארזאמט ער דעם באן און וואלגערט זיך אויפען

מעשה אלפס

אביטע אין אהעברין בית המשפט אדער מען בעט גנאדע, איז אויב ער האט אגוטען מליץ, פועל'ט ער אז מ'פאר בייט די טויט-שטראף אויף איניגע יאהר קאטארגע, און אמאל פועל'ט מען מ'זאל אים ארויס לאזען פריי געגין אגרויסען זאלאג, ביז ער וועט געפינען פאר זיך אזכות, דאס גלייכען די פרוי וואס האט אגוטען מליץ, כלומר זכות

שערי ציון

ענדע וועלט, אבער אז מ'האט מחלל געוועזען שבת, הייסט דאך דאס אב גילייקענט חדוש העולם און קדושת

המק"ש

פריה

סטאנציע ביז אצווייטען צוג. דאס גלייכען איז אונזער ארימקייט אין מעשים טובים אזוי גרוים, אז מיר זיינען ניט אימשטאנד אויס צו בעטין יום כפור אבילעט אויפען לעבענס באן קוים אויף צוויי סטאנציעס תשרי און חשון און די ווייטעריגע סטאנציעס (ראשי חדשים) דארפען מיר זוכען בעקאנטע (זכות אבות) זאלען אונז אויס ליינען, אדער פשוט בעטין נדבות אויס ווינען אבילעט פון לעבען און פרנסה אויף נאך אסטאנציע (דרייסיג טעג) ביז דעם צווייטען ראש חדש, און אזוי פארין מיר פון איין ראש חדש ביז'ן צווייטן, און אמאל חלילה ווען מיר פארשלאפען איין ערב ראש חדש אן תפלה ותשובה, בלייבען מיר זיך וואלגערין חלילה די גאנצע צייט אן געזונד און אן פרנסה ביזען צווייטען ראש חדש. אלוא ליבער גאט האב שוין רחמנות אויף אונז און בענשׁ דעם חודש אויף אונז מיט געזונד און פרנסה, מיט הילף און טרייסטונג, דו זאלסט אונז ענטפערין אויף וואס דוד המלך האט געבעטין (שלח אורך ואמתך המה ינחוני) שיק דיין ליכט און דיין ווארהייט (דאס איז אליהו הנביא און דער מלך המשיח) זיי וועלין מיר פירען און ברענגען צו דיין הייליגען בארג ציון, און דו וועסט דארטען בויען דעם דריטען בית המקדש, און קער צוריק די סנהדרין אויף זייער ארט מיט די כהנים און דעם כהן גדול, וועלין מיר דארטען באזוכען דיין בית המקדש גאנץ אפט מיט פרייד און געזאנג, אז דיין נאמען וועט געהייליגט ווערין אין דער גאנצער וועלט, ווי דוד המלך זאגט (בהקבץ עמים יחדו) בעת אלע פעלקער און קעניגרייך וועלין זיך אויף קלייבען צו זאמען דינען גאט אין דיין הייליגען בית המקדש, (וייראו גוים את שם ה') דאן וועלן אלע פעלקער זיך פירכטען פיר דיין גרויסען נאמען, און דיין עהרע וועט ערשיינען אויף אונז במהרה בימינו, אמן.

שערי ציון

המקדש, טו וואס דארף מען דעם ביהמ"ק? האט דער בורא אים חרוב געמאכט. דער פסוק (את שבתותי תשמרו) איז איבער

מעשה אלפס

אבות יאפאטער, אזוידען, אעלטער זיידען אגרויסען למדן וצדיק, אדער זי האט אמאל אליין געטאן אגרויסע מצוה, פאר בייט מען די טויט שטראף אויף אקלענערין שטראף, היינו זי בלייבט מיט אפעלער קראנק פון קינדבעט און ליידעט נשבערצין פיל יאהר, און דער צווייטער ווייס דאס גאר ניט, ער מיינט זי איז ארוים פאלקאם געזונד, און אמאל פועל'ט דער זכות אבות אז עס ווערט גענומען א זאלאג, היינו אגרויסען טייל פון איהרע מעשים טובים און מ'לאזט איר פריי געזונד, ביז זי וועט

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶער פוּן דֶער וֶועלְט, אַז אִיךְ בַּאטְרַאכְט אִידִישֶׁע לַאגֶע, וִוי דָוִד המע"ה זָאגְט (דָמִיתִי לִקְאַת מִדְבָּר) אִיךְ בִּין שׁוֹין גִיגְלִיכְען צוּ דִי קָאַת (אַזָא מִין פוֹיגֶעל וָואס אִין דֶער מִדְבָּר) זִי שְׁרַייט שְׁטֶענְדִיג מִיט אַיין קְלַאגֶעדִיגֶע שְׁטִימֶע, אַזוֹי שְׁרַיי אִיךְ שְׁטֶענְדִיג מִיט אַבִּיטֶערֶע שְׁטִימֶע אוּנ זִיץ פַארְווִיסְטֶעט אוּנ אֵיינְזַאם, ווייל מְ'טְרַייבְּט מִיר פוּן מַיין רוּהֶע (כָּל הַיּוֹם חֵרְפוּנִי אוֹיְבַי) דֶעם גַאנְצִין טָאג לֶעסְטֶערְין מִיר מַיינֶע פַיינְדֶע (מְהוֹלָלַי בִּי נִשְׁבָּעוּ) דִי וָואס שְׁפָּאטֶען פוּן מִיר, שְׁוֶוערִין זִיךְ מִיט מִיר. כְּלוֹמַר, וֶוען זֵיי שְׁוֶוערִין זָאגֶען זֵיי „בְּאָם זֵיי וֶועלִין עוֹבֵר שְׁבוּעָה זַיין זָאל זֵיי אוֹים גֵיין אַזָא סוֹף וִוי דֶעם אִידֶען — „כִּי אֵפֶר כַּלֶּחֶם אָכָלְתִּי" וֶוען אִיךְ עֶס מַיין שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט אִיז מִיר בִּיטֶער אַזוֹי וִוי אֵיינֶער עֶסְט אַשׁ (וְשִׁקֻּוַי בִּבְכִי מָסָכְתִּי) אוּנ מַיין גִיטְרַאנְק אִיז פַר מִישְׁט מִיט טְרֶערִין, אָבֶּר אַז אִיךְ בַּאטְרַאכְט דֶעם עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וִוי פִינְסְטֶער דִי לְבָנָה אִיז, טַאקֶע וִוי סוֹף חוֹדֶשׁ דִי נַאכְט, זֶעה אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט גִירֶעכְט אוּנ דַיין מִשְׁפָּט אִיז גִירֶעכְט. מִיר אִידֶען צֵיילֶען נָאךְ דִי לְבָנָה, אִיז ווַייל מִיר הָאבֶּען נָאךְ גִיטָאן דִי לְבָנָה, הָאבֶּען מִיר בֶּעקוּמֶען דִי שְׁטְרָאף פוּן דִי לְבָנָה. דִי פִינְסְטֶערֶע גֶעפִיהֶלֶען פוּן מֶענְשִׁין שְׁטוּרְמֶען (ווי די לבנה האט מקטרג גיוועז אויף די זון) וִוי קֶענֶען צְוֵויי מְלָכִים בֶּענוּצֶען אַיין קְרוֹין ? (אלזא האט זי פערלאנגט, מ'זאל די זון קלענער מאכען), אַזוֹי שְׁטוּרְמֶען דִי פִינְסְטֶערֶע אוּנ שָׁפְלֶ'ה גֶעפִיהֶלֶען פוּן מֶענְשֶׁן, „וִוי קֶען אִיךְ דָאס צוּ זֶעהֶען אַז יֶענֶער אִיז מִיר אוֹיךְ גִיוָוארֶען אַגַאנְצֶע סְדָרָה" ? „יֶענֶער פֶערְגְלַייכְט זִיךְ אוֹיךְ צוּ מִיר" ? אַלְזָא דַארְף מֶען יֶענֶעם בֶּעלֵיידִיגֶען אוּנ קְלֶענֶער מַאכֶען. מִיר הָאבִּין נִיט צוּ גִילֵייגְט דֶעם אוֹיעֶר מִיטְן שֵׂכֶל הֶערִין דֶעם אַנְטְוָוארְט פוּן הַשי"ת, „יֶע מַיין קִינְד, כָּבוֹד אִיז אַטַייעֶרֶע זַאךְ, אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אַיין גִינַאטִירְט אִין מֶענְשִׁין עֶהְרֶע גֶעפִיהל, נוּר קְרִיךְ נִיט זוּכִין כָּבוֹד אִין קְרוּמֶע וֶועגִין צְווִישֶׁען דֶערְנֶער, זוּךְ נִיט כָּבוֹד וִוי דִי בְּהֵמָה דוּרְכִין בְּרִיקֶענֶען אוֹיף יֶענֶם אוּנ בֶּעלֵיידִיגֶן אִיהם (זיין אמתכבד בקלון חבירו) זוּכֶען

מעשה אלפס

תְּשׁוּבָה טָאן, אִיז וֶוען זִי טוּט נִיט קֵיין תְּשׁוּבָה הָאט זִי זִיךְ ווֵיינִיג וָואס צוּ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס זִי אִיז אַרוֹים גֶעזוּנְד. ווַייל אִיר

שערי ציון

גִיחַזֶרֶת צְוֵויי מָאל אִין דֶער תּוֹרָה (אין קדושים אונ אין בהר) מְרַמֵז זַיין אוֹיף בֵּיידֶע

בתי

זַאלַאנג בְּלַייבְּט פַר פַאלִין, דָאס הֵייסְט זִיא הָאט פַארְצֶערְט פַר אִיר לֶעבִּין אַגְרוֹיסֶען טֵייל פוּן אִירֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּנ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער בְּלַייבְּט אִיר גַאנְץ ווֵיינִיג, אָדֶער מְ'נֶעמְט חָלִילָה צוּ דִי קִינְד אִין אַ יָאהר, אָדֶער צְוֵויי יָאהר אַרוּם, הַכְּלָל הַשי"ת ווֵייס וָואס עֶר הָאט

צו

כָּבוֹד דוּרְךְ יֶענֶעמְס בִּזָיוֹן, קוּם אִיךְ וֶועל דִיר פִירֶען אִין גְרַאדִין וֶועג, וואו דוּ וֶועסְט אִים טַאקֶע גִיפִינֶען, וִוי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגֶען „אֵיזֶהוּ מְכוּבָּד? הַמְכַבֵּד אֶת הַבְּרִיּוֹת” גִיבּ יֶענֶעם כָּבוֹד וֶועט מֶען דִיר גֶעבֶּען כָּבוֹד, וֶוען דוּ שֶׁעצְט יֶענֶעם וֶועט מֶען דִיר שֶׁעצִין, וִוי יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גִיוֶוען אוֹיס גִיצֵייכִינְט מִיט דִי מִדָּה פוּן שָׁלוֹם. שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּער גִילָאזְט זַיינֶע אוּנ דוּרְךְ גִיקוּמֶען מִיט דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מֶענְשְׁן. וִוי עֵשָׂו אוּנ לָבָן, אָבֶּער דִי לְבָנָה וָואס זִי הָאט נִיט גִיוָואלְט שֶׁעצִין דִי זוּן, וָואס אִיז אִיר גֶעוֶוען גִיוָוארֶען? אִיר כָּבוֹד אִיז גִימִינֶערְט גִיוָוארִין בִּיז צוּם גְרוּנְד, אַזוֹי זַיינֶען מִיר דוּרְךְ אוּנְזֶער „שִׂנְאַת חִנָּם” אֵיינֶע צוּ דִי אַנְדֶערֶע, אַרָאבּ צוּם גְרוּנְד. אוּנְזֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גִיוָוארֶען אוּנ מִיר זַיינֶען צוּ וָוארְפֶען אִין אַלֶע עֶקִין וֶועלְט, אוּנ הָאבֶּען בַּיי אוּנְזֶערֶע שְׁכֵנִים גִיקְרָאגְן אַפָּנִים אַשֶׁענְדְלִיכֶען, אוּנ מִיר זַיינֶען גִוָוארִין פִינְסְטֶער וִוי סוֹף חוֹדֶשׁ דִי נַאכְט. אַלְזָא רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זֶעה צוּ אוּנְזֶער עֶלֶינְד אוּנ הֶעלְף אוּנְז מִיר זָאלֶען אִיבֶּער אַנַייעֶם אוֹיף שַׁיינֶען, דוּ זָאלְסְט אוֹיס רַייסֶען דִי קְרָאפֶּעוֶוע פוּן שִׂנְאַת חִנָּם פוּן אוּנְזֶער הַארְצֶען, אוּנ אַיין פְלַאנְצֶען אַנְשְׁטָאט דֶעם „אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת” מִיר זָאלֶען לִיבּ הָאבֶּען אֵיינֶע דִי אַנְדֶערֶע, אוּנ חַס הָאבֶּען אוֹיף יֶעדֶערִינְס כָּבוֹד, וֶוען אֲפִילוּ יֶענֶער קוּמְט מִיר אָן גְרָאבּ, זָאל אִיךְ אִים פֶערְשְׁוַוייגֶן, אוּנ נִיט פַארְשֶׁעמֶען יֶענֶעם צוּרִיק, וֶועט אוֹיף אוּנְז מְקוּיָּם וֶוערִין וָואס דִי הֵיילִיגֶע דְבוֹרָה הַנְּבִיאָה הָאט גִיזָאגְט אִין אִיר שִׁירָה (וְאוֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבוּרָתוֹ), דִי וָואס לִיבֶּען דֶעם בּוֹרֵא אוּנ לִיבֶּען אַלֶע מֶענְשִׁין וֶועלִין שַׁיינֶען וִוי דִי זוּן וָואס זִי הָאט גִישְׁוִויגֶען בְּעֵת דִי לְבָנָה הָאט אִיר בַּלֵיידִיגְט, דַאפִיר אִיז זִי גִיבְּלִיבֶּען בַּיי אִיר גְרוֹיסֶען שַׁיין, אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוּנְז אוֹיךְ בֶּענְשְׁן מִיט דִי בְּרָכָה פוּן שָׁלוֹם. וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (וְרוֹב שָׁלוֹם עַד בְּלִי יָרֵחַ) עֶס זָאל זַיין אַזוֹי פִיל פְרֵייד צְווִישֶׁען אוּנְז, אַז עֶס זָאל בָּטֵל וֶוערֶען דִי פִינְסְטֶערֶע לְבָנָה גֶעפִיהלֶן, דִי אוֹר הַלְּבָנָה זָאל זַיין כְּאוֹר הַחַמָּה, אוּנְזֶער כָּבוֹד זָאל אוֹיף שַׁיינֶען, אַלֶע זָאלֶען זֶעהֶען אַז מִיר זַיינֶען דַיין גִילִיבְּטֶע הֵיילִיגֶע פָאלְק מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט אוּנְז פִירִין (קוֹמְמִיּוּת לְאַרְצֵנוּ)
מִיט שְׁטָאלְץ אִין אוּנְזֶער לַאנְד בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

שערי ציון

בָּתֵּי מִקְדָּשִׁים, אַז וֶוען אִידִין הָאבֶּען גֶעהִיט שַׁבָּת הָאבֶּען דִי בָּתֵּי מִקְדָּשִׁים גֶעהַאט אַקִיוּם.

מעשה אלפס

צוּ טָאן מִיט יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶען, אַלְזָא אִיז דִי גְלַייכְבְּטֶע וֶועג תְּשׁוּבָה, חֲרָטָה אוֹיף דִי פְרִיהֶערְדִיגֶע עֲבֵירוֹת אוּנ זַיין פָארְזִיכְטִיג מְקַיֵּים זַיין רִיכְטִיג דִי דְרַייא מִצְוֹת אוֹיף לְהַבָּא, וֶועט הַשֵּׁי"ת שֵׁיינְקֶען גֶעזוּנְד אוּנ נַחַת פוּן קִינְדֶער.

ובפרים

עֶרְבַּארְמִיגֶער פָאטֶער! בְּכָל יוֹם אֲבָרְכֶךָּ, אַלֶע צַייט וֶועל אִיךְ דִיר לוֹיבֶּען, וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבֶּען לֶעבֶּען אוּנ צוּם לֶעבֶּען (שפייז אונ קליידונג אונ וואהנונג) פוּן מַיין יוּגֶענְד בִּיז הַיינְט, אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים שְׁרַייבֶּען אַז דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת אִיז דֶער אוֹצָר פוּן פַּרְנָסָה אוּנ הַצְלָחָה, וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת מִים כָּבוֹד אוּנ פֶערְגְנִיגֶען גֶעפִינְט מֶען פַאר אִים דֶעם אוֹצָר מַשְׁפִּיעַ צוּ זַיין פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד וּבְנַחַת, אוּנ נִיט אַזוֹי וָואס שַׁבָּת אִיז דֶער אוֹצָר פַּרְנָסָה פַאר'ן גוּף, אִיז עֶר אוֹיךְ דֶער אוֹצָר פוּן לֶעבֶּען אוּנ פַּרְנָסָה פַאר דִי נְשָׁמָה. דֶעם הֵיילִיגֶען טָאג שַׁבָּת הָאסְטוּ לִיבֶּער הַארְצִיגֶער פָאטֶער אוֹיס עֶרְוָואהלְט צוּ עֶרְשַׁיינֶען אִין אִים אוֹיפְ'ן בַּארְג סִינַי פַאר דַיין לִיבֶּע פָאלְק יִשְׂרָאֵל, אוּנ הָאסְט מִיט זֵיי גֶירֶעט דַיינֶע הֵיילִיגֶעֽרֵייד פָּנִים אֶל פָּנִים, וָואס פוּן יֶעדֶער דִבּוּר וָואס אִיז אַרוֹיס פוּן דַיין מוֹיל אִיז פוּל גֶעוָוארֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט אַגִישְׁמַאקִין רֵיחַ פוּן טַייעֶרֶע בְּשָׂמִים, וָואס נַאכְהֶער אִיז דֶער רֵיחַ אַרַיין אִין גַן עֵדֶן[1], וִוי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים שְׁרַייבֶּען (אין מסכת שבת). דוּ הָאסְט בּוֹחֵר גֶעוֶוען דֶעם טָאג פוּן שַׁבָּת צוּ גֶעבֶּען אִין אִים דַיין תּוֹרָה צוּ לֶערְנֶען אוּנְז, אַז דֶער תַּכְלִית פוּן שַׁבָּת אִיז נִיט דֶער עִיקָר צוּ פַארְבְּרֵיינְגֶען אִין עֶסִין אוּנ שְׁלָאפִין אוּנ שְׁפַּאצִירֶען, נָאר צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ לֵייעֶנֶען הֵיילִיגֶע סְפָרִים, מְ'זָאל וִויסֶען וִוי צוּ לֶעבֶּען אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּם צוּ גֶעפִינֶען חֵן בַּיי גָאט אוּנ לַייטא), וִוי דוּ הָאסְט גֶעוִויזֶען דַיין עֶבֶד נֶאֱמָן (דיין הייליגען פרייען קנעכט משה רבינו״), וָואס דוּ הָאסְט אִים גֶעקְרוֹינְט אוֹפְ'ן בַּארְג סִינַי מִיט אַהֶערְלִיכֶע קְרוֹין (כליל תפארת) דָאס אִיז דִי מַייסְטֶעטִישֶׁע שְׁטְרַאלֶען וָואס הָאט גֶעשַׁיינְט פוּן זַיין מוֹחַ, אַז מְ'הָאט נִיט גֶעקֶענְט אַיין קוּקֶען אִין זַיין

מעשה אלפס

1) דֶער מֶדְרָשׁ דֶער צֵיילְט, אַז דֶער רוֹמִישֶׁער פְּרִינְץ אַנְטוֹנִינוּס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז עֶר גִיוֶוען גִילַאדִין שַׁבָּת בַּיין נָשִׂיא (רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ), הָאט עֶר גִיגֶעסֶען דִי תַּבְשִׁילִין וָואס מְ'הָאט צוּ גִיגְרֵייט פוּן נֶעכְטִין אוֹיף שַׁבָּת אוּנ עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גִישְׁמֶעקְט, נַאכְהֶער אִיז עֶר גֶעוֶוען גֶעלַאדֶען. אִין מִיטֶען וָואךְ, הָאט מֶען דֶער לַאנְגְט פְרִישֶׁע

אקערסט

שערי ציון

א) וּבִפְרַט מוּטֶערְס וָואס דַארְפֶען זֵייגֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, כְּלוֹמַר עֶרְצִיהֶען זֵיי אִין אִידֶעשֶׁע וֶועג, וָואס דָאס וֶוענְדֶעט זִיךְ אִיבֶּער הוֹיפְּט אָן דִי מוּטֶער, זֶעלְבְּסְט פֶערְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַז מִיט אַ פּוּסְטֶע טְרוּקֶענֶע הַארְץ קֶען מֶען נִיט זֵייגֶען קַיין קִינְד, דְרוּם אִיז שַׁבָּת גִישְׁטֶעלְט אַז אֲפִילוּ שְׁטוּבּ אַרְבֵּייט (וִוי קָאכֶען בַּאקֶען) טָאר מֶען נִיט, בִּכְדֵי דִי פְרוֹי אוּנ אֲפִילוּ דִי קֶעכִין זָאל זַיין רוּהִיג אוּנ קֶענֶען זִיךְ אָנְזֶעטִיגֶען מִיט

פייערע

געזיכט, גלייך ווי מען קען ניט איין קוקען אויף די זון אין תמוז, צו ווייזען אז די קאפ פון מענשען וואס לערנט תורה לשמה, איז אימ-שטאנד ליכטיג צו מאכען זיין קערפער, דאס הייסט זיינע אלע מעשים אפילו וואס ער טוט וועגען זיין קערפער זאלען אויך זיין ליכטיג (לשם שמים). אלזא ליבער הארציגער פאטער, פריי איך מיר מיט דיין טייערע מתנה

דעם היילעגען שבת אונ איך זינג פאר דיר די לויב ליד (אוהבי יי המחכים בבנין אריאל) איר ליב-האבער גאטעס, וואס איר האפט צו די גליקליכע צייט פון בנין בית המקדש (ביום השבת שישו ושמחו כמקבלי מתן נחליאל) זאלט איר זיך אין דעם היילעגען טאג שבת פרייען ווי אייערע עלטערין, בעת זיי זיינען גישטאנען שבת ביי דעם גרויסען פאראד מקבל זיין די תורה אונ איך הייב אויף מיינע הענד מיט דאנק צו דיר, ליבער גאט, אונ זאג מיט שמחה (ברוך) געלויבט ביזט דו וואס דו האסט גיגעבען א היילעגע תורה צו דיין היילעגע פאלק אין דעם היילעגען טאג שבת, אונ אויך בעט איך דיין רחמנות דו זאלסט מיר העלפין מיט מיין מאן אונ מיינע קינדערלאך צו לערנען דיין תורה אונ היטען דיינע מצות ובפרט די מצוה פון שבת, וואס זי איז די הארץ פון יודענטהום, ובזכות זה זאלסטו פאר אונז עפענען אלע שערי רחמים אונ ענטפערין אונז מיט ערבארימקייט, אונ ערנער אונז פון דיין מילדע האנד, אונ זיי אונז מציל פון אלע אומשטאנדען אונ פון אלע שונאים, זיי זאלען אונז ניט דער שרעקען אונ ניט פארשעמען אונ ניט מאכיז קיין שאדין, אונ איבער הויפט רעטע אונז פון דעם גרויסען שונא דאס איז דער יצר הרע, דאס ער זאל ניט גיוועלטיגען אויף מיר, אונ העלף מיר האדעווען מיינע קינדער אין גוטין וועג אונ זאלסט זיי אויס היטען פון קראנקייט אונ איבער הויפט פון די גרויסע קראנקייט דאס

שערי ציון

טייערע גאטס-פארכטיגע געדאנקען פון מנורת המאור, פון חובת הלבבות אונ נאך פיל היילעגע קלוגע ספרים ווי מעשה אלפס א. ד. ג., זי זאל נאכהער א גאנצע וואך האבען צוא זייגען אונ משפיע זיין אויף אירע ליבע קינדער, מאכען זיי פאר מענשען אונ פאר ווארימע אידין, גוטע מעשים אונ מדות טובות אין זיי פארזייען, אז גאט אונ לייט זאלען זיך מיט זיי פרייען.

מעשה אלפס

אקערסט געקאכטע, זאגט דער פרינץ שבת'דיגע האט מיר מער גישמעקט ווי היינטיגע, ענטפערט דער נשיא, אין היינטיגע שפייז פעלט אמין בשמים, פרעגט דער פרינץ, פעלט דען אין קייזערליכען אוצר וואס? כלומר, אויב אין דיין קיך

האט

ווייל

איז שלעכטע חברים אונ געזעלשאפט פון מושב לצים, וואס לאכען אב פון דער תורה אונ פון די גאנצע אידעשקייט, וואס דאס קוילעט אוועק די יונגע קינדער אן א מעסער, אזוי ווי דו האסט אוים געהיט אונזער פאטער יעקב פון די שלעכטע געזעלשאפט פון לבן'ס קומפאניע, ווי ער האט געזאגט (עם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי) דאס הייסט, הגם איך האב געוואהנט צוואנציג יאהר אין לבן'ס הויז, האב איך אבער זיך מיט מיינע קינדער ערוויטערט פון זייער געזעלשאפט א), אום מיר זאלען בלייבען טריי צו אידעשקייט, היטען תרי"ג מצות. אונ בזכות זה וואס ער האט זיך ערווייטערט פון שלעכטע קאמפאניעס האסטו אים געראטעוועט פון די געפערליכע האנד פון עשו הרשע, ווי דוד המלך עליו השלום זאגט (אשרי האיש) גליקליך איז דער מענש (אשר לא הלך בעצת רשעים) וואס ער דערווייטערט זיך פון שלעכטע קאמפאניעס אונ פון מושב לצים, וועט ער זיין (כעץ שתול על פלגי מים) ווי א בוים וואס איז געפלאנצט ביי א קוואל וואסער וואס זיין פרוכט גיט ער אין דער צייט (וכל אשר יעשה יצליח) אונ אלע זיינע טהאטען וועט אוועק גיין מיט גרויס הצלחה, אזוי זאלסטו ליבער גאט באגליקען מיינע קינדער זיי זאלען האבען גרויס הצלחה אין תורה ומעשים טובים אונ בפרט שבת זאלען זיי היטען ווי די אויג אין קאפ, איך זאל פון זיי האבען נחת אונ גדולה אויף ביידע וועלטין, אמן.

תחנה מקראי קודש, (ערקלערט דעם ענין פון בענשין ראש חודש).

ווען מ'בענשט ראש חודש, זאגט מען פריער די תחנה נאכהער זאגט מען אתה־ה וואס גיהער צום חודש וועלכען מען בענשט.

רבונו של עולם הער פון דער וועלט דו האסט באשאפען מיט דיין חסד הימל אונ ערד אונ אלע בעשעפענעש אין זעכס טעג אונ דעם זיבעטין טאג האסט דו גירוהט פון דיין ארבעט, אונ האסט אים גיבענשט אונ גיהייליגט אונ איבער גיגעבין אלס מתנה צו דיינע ליבע קינדער ישראל, צום אנדיינקונג, אז דו ביסט דער בורא עולם

מעשה אלפס

האט געפעלט דער געווירץ, האסטו אים געדארפט נעמען ביי מיין קוך־מייסטער (מיט'ן פריצ'ן פארט מיט זיין קוך) ענטפערט דער נשיא, דעם געווירץ רופט מען „שבת", נו האט אים דען דיין קוכמייסטער? זעהען מיר פון דעם, אז דער גרויסער צדיק וואס היט

שערי ציון

א) ווייל ער האט זיך געפירט ווי די מוטער רבקה, ווי די תורה ריהמט איר (בת בתואל הארמי מפדן ארם

וּמַנְהִיגוֹ, דֶער בַּאשֶׁעפֶער אוּנ דֶער פִירֶער. אוֹיךְ הָאסְטוּ גִישְׁרִיבֶּען אִין דַיין תּוֹרָה (וַיְכַל אֱלֹהִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה), דֶעם זִיבֶּעטֶען טָאג הָאסְטוּ פַארֶענְדִיגְט דֶעם פַּאסְאן פוּן דַיין אַרְבֶּעט, אִיז דָאס אַרֶמְז, אַז שַׁבָּת הָאסְטוּ אוֹיךְ וָואס גִיטָאן, צוּ לֶערְנֶען אוּנְז אַז אִין דִי זֶעכְּס טֶעג אִיז נוּר בַּאשַׁאפֶען גִיוָוארֶען דִי הַנְהָגַת הַטֶּבַע וָואס זִי וֶוענְדֶעט זִיךְ נִיט אָן קֵיינֶעם נוּר אָן דַיין רָצוֹן, אָבֶּער שַׁבָּת הָאסְטוּ בֶּעשַׁאפֶען אַיין אִיבֶּער נַאטִירְלִיכֶע הַנְהָגָה וָואס זָאל קֶענֶען צוּ שְׁטֶערֶען דִי גַאנְצֶע הַנְהָגַת הַטֶּבַע אוּנ פִירֶען אִיבֶּער נַאטִירְלִיךְ, דָאס אִיז אַיין הַנְהָגָה וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן דִי הִימְלֶען, נוּר אוּנְטֶער דַיין כִּסֵא הַכָּבוֹד. אוּנ דָאס אִיז אִיבֶּער גִיגֶעבִּין צוּ דִי מַעֲשִׂים פוּן דַיין הֵיילִיגֶע פָאלְק יִשְׂרָאֵל, וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט אִין דֶער תּוֹרָה (אִם בְּחוּקוֹתַי תֵּלֵכוּ) אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ בֶּעמִיהֶען לֶערְנֶען מַיין תּוֹרָה מִיט פְלַייס אוּנ אִיר הָארְכִין אוּנ פִירִין זִיךְ אִין גוּטִין וֶועג, וִוי זִי לֶערִינְט אַייךְ. וֶועל אִיךְ עֶפֶענֶען פַאר אַייךְ מַיין גוּטִין אוֹצָר (דֶעם הִימֶל) אוּנ גֶעבִּין רֶעגִין אִין דֶער צַייט אוּנ וֶועל בַּאגְלִיקֶען אַלֶעס וָואס אִיר וֶועט טָאן, אוּנ אִיר וֶועט שְׁטֵיין אִין דֶער וֶועלְט מִיט אַגְרוֹיסֶען נָאמֶען, אַז אַלֶע פֶעלְקֶער וֶועלִין אוֹיף אַייךְ קוּקֶען מִיט עֶהְרֶע פוֹרְכְט, אוּנ וֶוען חָלִילָה אִיר וֶועט וַוארְפֶען מַיין תּוֹרָה הִינְטֶער זִיךְ, אוּנ וֶועט נָאךְ גֵיין נָאךְ וָואס דִי אוֹיגֶען גִיפֶעלְט אוּנ וָואס דִי בֵּייזֶע הַארְץ גִילוּסְט, וֶועל אִיךְ פַארְהַאלְטִין דִי הִימֶל, זִי וֶועט נִיט גֶעבִּין קֵיין רֶעגִין אוּנ דִי עֶרְד וֶועט נִיט גֶעבִּין אִיר קְרַאפְט אוּנ אָן שִׁיקֶען אוֹיף אַייךְ אַלֶע אוּנְגְלִיקֶען בִּיז אִיר וֶועט פַארְטְרִיבֶּען וֶוערִין פוּן דִי טַייעֶרֶע לַאנְד, אוּנ וֶועט זִיךְ וַואלְגֶערִין אִין פְרֶעמְדֶע לֶענְדֶער צְוִוישֶׁען פְרֶעמְדֶע פֶעלְקֶער, אוּנ וֶועט דַארְפֶען נִיט הָאבֶּען קֵיין רוּה. דִי אִיבֶּערְנַאטִירְלִיכֶע הַנְהָגָה הָאסְטוּ אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ פִירֶען זִינְד דוּ הָאסְט אוּנְז גִינוּמֶען פַאר אַפָאלְק דָאס אִיז בַּיי יְצִיאַת מִצְרַיִם, אוּנ פוּן דַאן אָן אוּנ וַוייטֶער הָאסְטוּ גִיטָאן מִיט אוּנְז וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער,

שערי ציון

אֲרַם אֲחוֹת לָבָן הָאֲרַמִּי), הֲגַם זִי אִיז גֶעוֶוען אַ טָאכְטֶער פוּן אַ רָשָׁע אוּנ אַ שְׁוֶועסְטֶער פוּן אַ רָשָׁע אוּנ דִי שְׁטָאט לַייט רְשָׁעִים, דָאךְ הָאט זִי זִיךְ נִיט אָבּ גֶעלֶערֶענְט פוּן זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים, וַוייל זִי הָאט אוֹיס גִיוַוייכְט זֵייעֶרֶע גִיזֶעלְשַׁאפְטִין.

מעשה אלפס

הִיט דִי תּוֹרָה אוּנ הִיט שַׁבָּת וִוי מְ'דַארְף, גִיט מֶען אִים שַׁבָּת פַאר זוּכֶען פוּן דִי בְּשָׂמִים, וָואס הָאט פַארְשְׁמֶעקְט דִי וֶועלְט דֶעם שַׁבָּת פוּן מַתַּן תּוֹרָה, אוּנ אִין זְמִירוֹת זָאגֶען מִיר אוֹיךְ (מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא יוֹם שַׁבָּת מְנוּחָה), אַז שַׁבָּת אִיז אַזֶעכְצִיגְט חֵלֶק פוּן עוֹלָם הַבָּא (פוּן רֵיחַ גַן עֵדֶן).

דער

דו האָסט ערשיינט פאַר די גאַנצע פאָלק (מיליאָנען מענשען) אויף דעם באַרג סיני, אונ האָסט גירעט מיט זיי פּנים אל פּנים אונ זיי גיגעבען דיין תורה, דו האָסט זיי גיפירט פערציג יאָהר אין אַוויסטען מדבר אונ זיי גישפּייזט מיט מן פון הימל, מיט וואַסער פון אַשטיין וואָס האָט זיך מיט זיי מיט גיקייקלט וואו הין זיי זיינען גיגאַנגען, אונ באַדעקט זיי מיט אַבאַלאַגאַן פון ענני כבוד, אונ איבער גיגעבען אין זייער האַנד די גרעסטע מלכים (סיחון מלך האמורי אונ עוג מלך הבשן), וואונדער איבער וואונדער וואָס האָט ניט פאַסירט זינט די וועלט שטייט, אונ צום אָנדיינקונג פון די גרויסע וואונדער וואָס דו האָסט גיטאָן צו דיין פאָלק האָסטו גישטעלט גייסטליכע פאַמעטניקעס, ווי דוד המע"ה זאָגט (זכר עשה לנפלאותיו חנון ורחום ה') דער גנעדיגער גאָט האָט גימאַכט אָנדיינקונגען צו זיינע וואונדער 1), (פּסח) איז אַפאַמעט אויף די וואונדערליכע היסטאָריע פון יציאת מצרים, (שבועות) איז אַפאַמעט אויף די וואונדער פון מתן תורה, (סכּות) איז אַפאַמעט אויף די פערציג יאָהריגע רייזע אין דער מדבר, וואָס מיר האָבען קיין נאַטירליכע שוץ גיהאַט נור אונטער זיין סוכּה פון די ענני כבוד. טרייער פאָטער. פון דיין גרויס ליבשאַפט צו אונז, האָסטו גיוואָלט

ווייזען פאַר אַלעמען אַז די איבערנאַטירליכע הנהגה איז איבער גיגעבען צו אונז אין האַנד, אַז דורך אונזערע גוטע מעשׂים זיינען מיר מעורר שפע ברכה אויף דר וועלט. האָסטו פאַראָרדנט אַז בענטשען ראש חודש, דאָס היסט בעשטימען וועלכן טאָג זאָל זיין ראש חודש ווענדעט זיך אָן די סנהדרין אין ירושלים א), אונ אויך האָסט דו ליבער פאָטער פאַראָרדנט אַז אונזערע חדשים זאָלען זיך ניט רעכענען ווי ביי אַלע אומות פון אָן הויב יאָהר, ביי אונז איז ניט אַזוי, הגם דער נאַטירליכער יאָהר הויבט זיך אָן פון תשרי, אָבער

מעשה אלפס

1) דער גנעדיגער אונ ערבאַרמיגער גאָט וואָס ער וויל דעם גליק פון זיינע בּרואים זיי זאָלען זיך פירען אין גיטען וועג, נור וויל ניט אַלע מאָל ווייזען צו נייאַרקן נביאים ונפלאות, ווייל עס וועט פאַלען דער קורס פון די מעשׂים טובים, ווי עס איז גוט ערקלערט אין פּרק דער יחוס פון פּורים (מעשׂה אלפס חלק ח') דרום האָט ער גישטעלט גייסטליכע פאַמעטניקעס (דאָס זיינען די רגלים) זיי זאָלען אונז דערמאָנען אונ פאָרשטעלען פאַר די אויגען די נפלאות וואָס אונזערע עלטערן האָבען געזעהען אונ האָבען דאָס איבער געגעבען אָב להן. וועט אין געקריצט ווערען אין אונזער

שערי ציון

א) שבת בראשית, וואָס דאָן האָט אָנגעהויבען צו פירען זיך די נאַטירליכע הנהגה וואָס איז בעשאַפען

מארך

אין צאל פון חֳדָשִׁים רֶעכִינְט זיך תִּשְׁרֵי דֶער זִיבְּעטֶער חוֹדֶשׁ אוּנ דֶער עֶרְסְטֶער חוֹדֶשׁ אִיז נִיסָן, וַוייל אִין אִים אִיז גִיוֶוען יְצִיאַת מִצְרַיִם אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אָנְגִיהוֹיבִּין נִסִּים פוּן דִי אִיבֶּרְנַאטִירְלִיכֶע הַנְהָגָה. לִיבֶּער גָאט, אַז אִיךְ דֶער מָאן זִיךְ דֶעם פַּארַאד וָואס אִיז גִיוֶוען בַּיי רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בֶּעגְטְשִׁין (קִדּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ), בְּעֵת אִידֶען זַיינֶען גִיזֶעסִין אוֹיף זַייעֶר לַאנְד, אַגְרוֹיסֶער פְּלַאץ אִיז גִיוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם מִיטִין נָאמֶען „בֵּית יַעֲזֵק” דָארְטֶען פְלֶעגְן זִיךְ פַאר זַאמְלֶען אַלֶע עֵדוּת (וואס האבען פאריגען אווינד גיזעהן דעם מולד הלבנה) אוּנ לְאַחַר חֲקִירָה וּדְרִישָׁה (אויב זיי האבען זיך נים מועה גיוועזן) הָאט מֶען גִימַאכְט פַאר זֵיי אַגְרוֹיסֶען בַּאל פַאר זַייעֶר טִרְחָה צוּ גֵיין אַזַא מַהֲלַךְ בִּיז יְרוּשָׁלַיִם, נַאכְהֶער הָאבִּין זִיךְ דִי סַנְהֶדְרִין אוֹיף גִיקְלִיבֶּען אוּנ נָאכִין פוּנַאנְדֶער רֵיידִין צְווִישֶׁען זִיךְ דִי רִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶער זַאךְ מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אוּנ עֲנָוָה וָואס דִיגְרוֹיסֶע צַדִּיקִים הָאבֶּען גִישֶׁעצְט אֵיינֶע דִי אַנְדֶערֶע, וִוי דִי תּוֹרָה מֶערְקְט אָן בַּיי דִי מִצְוָה פוּן קִדּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ וָואס הַשי״ת הָאט גִיהֵייסֶען מֹשֶׁה רַבֵּנוּ לֶערְנֶען אִידֶען (דברו אל כל עדת ישראל לאמר) אִיר בֵּיידֶע „מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן” זָאלְט רֵיידִין, צוּא אִידֶען, פְרֶעגְט רש״י (וכי אהרן היה מדבר ?) הָאט דֶען אַהֲרֹן גִירֶעט צוּ אִידֶען? עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (אתה תדבר) דוּ מֹשֶׁה זָאלְסְט רֵיידִין, עֶנְטְפֶערְט רש״י בֶּאֱמֶת הָאט נוּר מֹשֶׁה גִירֶעט צוּ אִידִין, נוּר דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען, מֹשֶׁה הָאט גִיזָאגְט צוּ אַהֲרֹן (למדני) לֶערִין מִיר, אוּנ אַהֲרֹן הָאט גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה לֶערִין מִיר, הָאט אוֹיס גִיזֶעהֶען וִוי דֶער דִבּוּר אִיז אַרוֹיס פוּן בֵּיידִן, צוּ לֶערְנֶען אוּנז, אַז אַלֶע מֶענְשִׁין זָאלֶען זִיךְ פִירִין מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּנ עֲנָוָה, וִוי דִי צְוֵויי לִיבֶּע בְּרִידֶער הָאבִּין זִיךְ גִיפִירְט, אוּנ אוֹיף דֶעם זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ (הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד) אַזַא פִירוּנְג אִיז גוּט אוּנ שֵׁיין פַאר גָאט אוּנ לַייט, אוּנ נָאכִין עֶנְדִיגֶען זַייעֶר פִּלְפּוּל הָאבִּין זִיךְ אַלֶע נִישְׁטֶעלְט אוּנ דֶער עֶלְטְסְטֶער פוּן זֵיי הָאט גִיזָאגְט „מְקוּדָשׁ הַחוֹדֶשׁ” דֶער טָאג אִיז גִיהֵיילִיגְט פַאר רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אוּנ דִי אִיבֶּעריגֶע סַנְהֶדְרִין מִיט דִי גַאנְצֶע פּוּבְּלִיק (וואס זיינען דארטען גישטאנען) הָאבִּין גִיעֶנְטְפֶערְט

שערי ציון

גֶעוָוארֶען בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי בְרֵאשִׁית, וֶוענְדֶעט זִיךְ אָן בּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא, עֶר רָאט פַארְאָרְדִינְט עֶס זָאל זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַזוֹי פִירֶען (וַיַּעֲמִידֵם לָעַד לְעוֹלָם חָק נָתַן וְלֹא יַעֲבוֹר). דְרִיבֶּער אִיז דֶער טָאג שַׁבָּת גֶעהֵיילִיגְט

מעשה אלפס

מַארְךְ דִי אֱמוּנָה בַּה׳ אֶחָד, אוּנ דָאס וֶועט אוּנְז פִירֶען אוֹיף דִי וֶועג פוּן לֶעבֶּען אוּנ פוּן גְלִיק.

מיט אהויכע שטימע „מקודש, מקודש״ (געהייליגט, געהייליגט) בכדי אז אלע זאלען וויסען. אז די נסים ונפלאות ווענדעט זיך אן אונזערע מעשים, נאכהער ווי די סנהדרין האבין דא געהייליגט דעם טאג ראש חודש האט מען שוין אין הימל געהייליגט די „רגלים״, למשל דעם פופצעהנטען טאג איז פסח, אונ ווען די סנהדרין האבין דא געהייליגט ר״ח תשרי, האט מען שוין אין הימל געהייליגט דעם צעהנטען טאג פאר יום כפור (פאר איום סליחה ומחילה), אונ די סנהדרין (פון ירושלים) האבין פאר נאנדער געשיקט ידיעות אין אלע אידישע שטעטווען מ׳האט באשטימט ראש חודש, בכדי מ׳זאל וויסען ווען צו מאכין די רגלים. אז איך דער מאן זיך דאס אלעס. וואס פאר אכבוד עס איז דאן געווען פאר דער תורה אונ פאר אידין אונ איבער הויפט דער כבוד אונ די עהרע פאר אונז נשים, וואס ראש חודש איז געגעבין געווארין פאר אונז יום טוב ניט צו טאן קיין ווייטיגע מלאכה (חוץ שטוב ארבייט ווי יו״ט), צו ווייזען אז מיר שטייען העכער אין אפרט פון די מאנס לייט, מיר האבען ניט געגעבין אונזערע צירונג צו מאכען דעם עגל, אונ צו בויען דעם משכן האבען מיר אב געגעבין, האפט מיר אגרוים געזיין, ווי מיר ויינען יעצט אראב געפאלין פון אזא הויכע מדרגה אין אזא טיפען אבגרונד, אה ווערה איז צו אונזערע בייזע מעשים וואס זיי האבין דאס מיט געבראכט. דרום בעט איך דיר ליבער הארציגער פאטער, דו זאלסט אן נעמען אונזער בענשין ראש חודש, וואס מיר היילעגען דעם חודש אין די לענדער פון אונזער גלות, גלייך ווי די סנהדרין װאלטען אים געהייליגט אין ירושלים עיר הקודש, אונ זאלסט אים בענייען אויף אונז צו לעבען אונ געזונד מיט פרנסה פון דיין מילדע דערבארימיגע האנד, מיר זאלען ניט דארפען אנקומען צו אמענשינס האנד, אונ העלף מיר מיט מיין מאן מגדל זיין אונזערע קינדערלאך, זעהן פון זיי פיל נחת, אונ העלף אונז מיר זאלען האבען ברווח זייערע שכר למוד אונ קליידונג, אונ אויף אלע זייערע הצטרכות, מיר זאלען זיי קענען מגדל זיין צו דיין הייליגע תורה אונ מעשים טובים, אונ אונזערע טעכטער זאלען מיר

שערי ציון

געהייליגט פון בורא, מיר קאנען אים ניט אב רוקען אויף איין אנדער טאג מאכען שבת זונטאג, אבער די איבער־נאטירליכע הנהגה וואס זי איז בעשאפן געווארען דעם ערשטען שבת, און געבליבען ליגען אין הימל־ארחיווע, אנגעהויבען צו דייסטעווען האט זי ערשט דעם צענטען טאג ניסן „שבת הגדול״

ווייל

אב היטען פון שלעכטע חברים אונ חברתת אונ זיי מגדל זיין צו גוטע מדות אונ אהבת התורה, מיר זאלען זיי קענען געבין חתנים אידישע מענשין וואס ליבען די תורה, אונ בענש דעם חודש עס זאל חלילה ניט שולט זיין אין אונזערע הייזער קיין שלאפקייט אונ קיין שריפות אונ קיין אומשטאנד חלילה, אונ די טראגעדיגע פרויען זאלסטו דערבארימען מיט דיין גרויס רחמנות זיי זאלען אריבער גרינג, ניט מפיל זיין חלילה, אונ ווען עס וועט קומען זייער צייט צו גיווינען זאלסטו שיקען דיינע גוטע מלאכים היטן זיי פון אלעם בייזין, זאלסט עפענען זייער טויער פון געווינען, אז דער קינד זאל ארויס גיין גרינג אין אגוטע אמזלדיגע שעה, אונ עס זאל חלילה ניט טרעפין קיין שום מכשול ניט די מוטער ניט דעם קינד, אונ די וואס זייגען קינדער זאלסטו משפיע זיין, עס זאל זיי ניט פעלין קיין מילך, אונ זאלסט שיקען אליהו הנביא אונז מבשר זיין אז דער מלך המשיח גייט, פירען אונז מיט שטאלץ אין אונזער היילינע לאנד במהרה בימינו, אמן.

א תפלה אויף פרנסה מען זאל קענען היטען תורה ומצות.

זכור דערמאן אונז ליבער גאט דעם זכות פון אונזער פאטער יעקב, אז פון וועגין די ברכות האט ער גימוזט אנטלויפען פון עשו, ער זאל אים ניט טויטין, אונ ער האט געליטען צוויי אונ צוואנציג יאר אונ האט גילערינט די תורה בקדושה, דרום זאלסטו אונז מציל זיין פון פיין אונ גלות, אז מיר זאלען ניט דארפען חלילה זיין נע ונד אין פרעמדע לענדער, אונ אזוי ווי דו האסט געשיקט גוטע מלאכים, דאס זיי האבען אים גיבראכט די שאף פון לבן וואס עס האט גיהערט על פי דין אונ יושר צו אים, נור לבן האט אים ניט גיוואלט געבין, אזוי זאלסטו אונז ליבער גאט שיקען גוטע מלאכים צו ברייגגען אונז שפע אין אונזער פרנסה, אונ גאר די ברכות וואס אונזער פאטער יעקב איז גיבענשט גיווארען פון זיין פאטער יצחק, זאלן אלע אין אונז גישעהן, מיר זאלין קענען עוסק זיין אין אידישקייט מיט אהייליגען געפיל אמן.

שערי ציון

(ווייל דאן איז געוועזען שבת) אונ אין פולין ממצרים), דרום רופט זיך דער ערסטער פראכט איז זי ארויס דעם ערסטען טאג טאג פסח אויך מיטן נאמען ,שבת" פסח, וואס דאן זיינען העבער ווי א (וספרתם לכם ממחרת השבת), דער מיליאן אידין ארויס ביד רמה (לעיני כל זארט שבת, ווענדעט זיך אן אונז, ווען

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וִוי אַזוֹי זָאל אִין מִיר נִיט צוּבְּרָאכִין וֶוערִין מַיין הַארְץ, וֶוען אִיךְ דֶער מָאן זִיךְ אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גִּישְׁטַאנֶען, הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל יוֹם כִּפּוּר גִּיטָאן דִי עֲבוֹדָה אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים, אָבֶּער אִיצוּנְד בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, הָאבִּין מִיר נִיט קַיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּנ נִיט קַיין כֹּהֵן גָּדוֹל, אוּנ נִיט קַיין קָרְבָּן, עֶס זָאל אוֹיף אוּנְז מְכַפֵּר זַיין, הָאבִּין מִיר קַיין אַנְדֶער מִיטֶעל נִיט, נוּר אוּנְזער תְּפִלָּה פַאר דִיר גָּאט, פַארְנֶעם זִי לִיבֶּער בְּאַשֶׁעפֶּער, אוּנ גִּיבּ אוּנְז פַּרְנָסָה טוֹבָה, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין לוֹמְדֵי תּוֹרָה אוּנ צְדָקָה גֶעבִּין צוּ עֲנִיִּים וְאֶבְיוֹנִים הֲגוּנִים, אוּנְזֶערֶע עֲשִׁירוּת זָאל נִיט זַיין צוּ גַּאֲוָה טְרַייבִּין כְּדֵי מִיר זָאלִין נִיט הֶערְשִׁין אִיבֶּער דִי עֲנִיִּים, (פותח את ידך) גָּאט בָּרוּךְ הוּא דוּ עֶפִינְסְט דַיין פוּלֶע הַאנְד, אוּנ שְׁפַּייזְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, (אב הרחמן יהיו לרצון אמרי פי) מַיין גִּיבֶּעט זָאל זַיין בַּאוִוילִיגְט פַאר דִיר פוּן מַיין צוּ בְּרָאכִין הַארְץ, עֶס זָאל זַיין פַאר דִיר גְּלַייךְ וִוי אִיךְ וָואלְט גִּיבְּרַאכְט אַיין קָרְבָּן, אוּנ וֶוען חַס וְשָׁלוֹם אִיךְ הָאבּ שְׁלֶעכְטֶעס גִּיטָאן, וֶועה מַיין צוּבְּרָאכֶן הַארְץ דוּרְךְ וויינֶען אוּנ שְׁרַייעֶן, אַ מֵלִיץ טוֹב זָאל מַמְלִיץ זַיין פַאר אוּנְז, אוּנ וֶוען חַס וְשָׁלוֹם אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְט, אַז אִיךְ זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין, פַארְזִיכֶער אִיךְ מִיר אוֹיף דִיר, דוּ טוּסְט דָאךְ (חסד לאלפים) דַיין גְּנָאד אִיז צוּ פִיל טוֹיזֶענְדֶער דוֹרוֹת, פַארְנֶעם דִי תְּפִלָּה פוּן (פלונית בת פלונית) זָאלִין מַיינֶע טְרֶערִין נִיט פַארְגָאסִין וֶוערִין אוּמְזִיסְט, דֶער מִדַּת הַדִּין זָאל וֶוערִין גִּיאַיינְצִיגְט מִיט מִדַּת הָרַחֲמִים, אוּנ עֶס זָאל דָאס יָאר קוּמֶען דֶער גּוֹאֵל צֶדֶק. אוּנ גָּאט זָאל גֶעבִּין מִיר זָאלִין דֶערְלֶעבִּין, אַז אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג זָאל דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ גִּיבּוֹיט וֶוערִין, אוּנ דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל זָאל טָאן דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּנ אִיךְ (פלונית בת פלונית) מִיט אַלֶע נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת. זָאלִין מִיר דֶער לֶעבִּין דָארְטִין מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין, דִיא זְכוּת פוּן דִי אִמָּהוֹת שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה זָאלֶען זַיין מְלִיצֵי יוֹשֶׁר פַאר כָּל יִשְׂרָאֵל בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ. אָמֵן סֶלָה.

נָאךְ אַ נַייעֶ תְּחִנָּה פוּן ראֹשׁ חוֹדֶשׁ בֶּענְטְשִׁין.

הַשְׁקִיפָה קוּק אַרָאבּ פוּן דֶעם הִימֶעל אוּנ זֶעה וִוי דַיין הֵיילִיגֶע פָאלְק יִשְׂרָאֵל שְׁטֵייעֶן אוּנ טוּעֶן תְּפִלָּה מִיט צוּ בְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער

שערי ציון

דִי סַנְהֶדְרִין בֶּעשְׁטִימֶען ראֹשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, ראֹשׁ חוֹדֶשׁ, אָדֶער זֵיי גִּיבֶּען צוּ אַ חוֹדֶשׁ דַאן אִיז דֶער פוּפְצֶענְטֶער טָאג פֶּסַח, אָדָר שֵׁנִי וֶוערְט דֶער פֶּסַח אָבּ גֶערוּקְט אָבֶּער וֶוען דִי סַנְהֶדְרִין מַאכֶען מָארְגֶען וַוייטֶער אוּנ אַזוֹי אַלֶע יָמִים טוֹבִים.

און זאָגען מעורר מיט זייערע תפלות די אבות הקדושים זיי זאָלען אויך בעטין רחמים פאַר דיר.

עורו דער וועקט זיך אבות, פון די קברים און גייט צום כסא הכבוד, בעטין רחמים אויף די ביסעלע שאָף וואָס איז געבליבען פון שלאַכט, קום שטיי אויף אברהם בעט בייא אונזער הימלישען פאָטער וואָס לעבט אייביג, ער זאָל געדיינקען דעם ברית בין הבתרים, וואָס ער האָט דיר מבטיח געוועזען אז דיינע קינדער וועלען זיין אזוי ווי שטערין אין הימעל, און ווען זיי האָבען געזינדיגט, בעט ביי השי"ת, זאָג מיט געוויין אזוי, ליבער גאָט געדיינק וואָס איך האָב זיך מוסר נפש געוועזען און האָב זיך געלאָזט וואַרפען אין קאַלך אויבין, וועגין דיין היילינגען נאָמען, און האָב מקדש השם גיוועזען, זאָל דאָס מגין זיין פאַר מיינע קינדער. קום שטיי אויף יצחק אבינו, וואָס דו ביסט גיבונדען גיוואָרען אויף דעם מזבח און בעט אויף אונז רחמים פאַר גאָט וואָס זיצט אויף דעם כסא רחמים, ער זאָל רחמנות האָבען צו ליב די שרעק וואָס דו האָסט געהאַט אויף דעם מזבח, זאָל דאָס זיין אַ פאַר געבונג אויף דיינע קינדער וואָס זיינען שולדיג מיתה ח"ו. — קום שטיי אויף אונזער פאָטער יעקב, און בעט פאַר דעם היילינגען גאָט, דאָס ער דער הערט דאָס געבעט פון אַלע מענשין, און בעט אויף דיינע שאָף, וואָס דו האָסט זיך מוסר נפש געוועזען פון זייערט וועגין, אויב זיי האָבען געזינדיגט און זיי זיינען חייב גלות, אַזוי געדיינק ליבער גאָט, אַז איך בין געגאַנגען פון מיין פאָטערס הויז און האָב זיך פאַר דונגען ביי לבן, און האָב איהם געדינט ערינסט אַז עס האָט מיר גיברענט ביי טאָג די היץ און ביי נאַכט די קעלט. — קום שטיי אויף משה רבינו און בעט פאַר גאָט אויף די קינדער ישראל, און איך בעט דיר וואַרהאַפטיגער נביא וואָס דו ביסט געוועזען אַ פאָטער צו די קינדער ישראל, און אויך אין דער מדבר אַז זיי האָבן געזינדיגט, האָסטו אַיין געשטילט דעם גרים צאָרען פון גאָט, זיי זאָלען ניט פאַרלענדעט ווערין, דרום שטיי אויף און בעט פאַר גאָט, ער זאָל ניט פאַר דארבען דיין פאָלק, וואָס דו ביסט געוועזען זייער שליח אוים צו ציהען זיי פון מצרים און פירען זיי אין זייער לאַנד אַריין, וואָס גאָט האָט צו זיי געשוואָרען, זאָג פיר השי"ת אַזוי, גידיינק ליבער גאָט דאָס איך בין פאַר זיי געלאָפין אין דער מדבר, כדי עס זאָל זיי קיינער ניט קענען בייז טאָן, דו גאָט פון

הימעל, גערייגק אן דיין ניין גארטען דאס דו האסט געפלאנצט מיט דיין הייליגע האנד.- שטייא אויף מלך המשיח אונ זעה די עדה פון גאט, דער וועק דיין משפט פאר דיין הייליגען פאטער פון הימעל, אונ זאג פאר אים רבונו של עולם, ביז ווי לאנג וועסטו זיי פאר לאזין, איך בעט דיר אז מיינע יסורים וואס איך לייד, זאל זיין א פאר געבונג אויף די זינד פון די ישראל, איך בעט דיר גאט וועק אויף דיין חסד צו דיין הייליגע פאלק ישראל, דו ביזט דאך דער קעניג איבער דער גאנצער וועלט, וואס דאס לעבין אונ דער טויט איז נאר אין דיינער מאכט, דו ביסט ממית ומחיה, קיין אנדער גאט איז ניט פארהאנדין אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט, דו ליבער גאט, דו דער גידערסט דעם מענשין אז ער גייט ניט אין דעם רעכטין וועג, אונ דו דער הייבסט דעם מענשין אז ער טוט תשובה אונ געמט אויף זיך צו גיין אין גוטען וועג, דו שטראפסט אונ דו היילסט, מיין בטחון איז נור אויף דיר, וואס דו פירסט דיך געגין דעם מענשין מיט די שלש עשרה מדות פון רחמים, אמן:

תחנה בזכות אמהות.

זכור געדיינק אונז דעם זכות פון שרה רבקה רחל ולאה, איבער דעם זכות פון זייערע גוטע מעשים, זאלסטו פאר געמען מיין גיבעט אונ זאלסט בענייען דעם חודש וואס מיר טוען יעצט בענשין צו גוטעס אונ צו ברכה, אונ דו זאלסט אונז געבין א לעבין פון פריד, לעבין פון ברכה, לעבין פון פרנסה אונ שטארקייט אין אונזערע ביינער, מיר זאלען פחד האבען צו טאן איין עבירה, מיר זאלען ניט ווערין פארשעמט פאר קיינעם, מיר זאלען האבען נחת אונ כבוד, מיר זאלען אין זיך האבען ליבשאפט צו דער תורה, אונ מורא פאר השי"ת, אונ זאלסט דער פילען די פערלאנגען פון אונזער הארצען צו גוטען, צוליב דעם זכות פון דער תפלה פון רבים, אמן סלה:

ווען מ'בענשט ר"ח מרחשון זאגט מען די תחנה.

רבון כל העולמים, הער פון אלע וועלטין, וואס דו האר׳כסט צו די גיבעט פון אלע מענשין, מיר קומען יעצט בענשין אונ הייליגען דעם חודש "מרחשון" דאס אין דעם חודש האט שלמה המלך פארענדיגט

דעם ערסטען בית המקדש (ווי עס שטייט געשריבען אין מלכים א' ו) — טרייער
פאטער, אז איך דער מאן זיך מיט וואס פאר א ליבשאפט זיינען דיינע
קינדערלאך אין דעם חודש צו געבונדען געווארען צו דיין תורה, ווייל
זייערע אויגען האבען געזעהען, אז דורך זייער עולה לרגל זיין, זיינען זיי
גיבענשט געווארען מיט דיין השגחה פרטית, יעדער פאמיליע קומענדיג
צו הויז (פון ירושלים) האבען זיי געפונען זייער גאנצין פערמעגין אין
ארדנונג ווי זיי האבין געלאזין, שטאדעס שאף וואס האבען זיך
געפיטערט אין די וועלדער אונ קיין וואלף האט זיי ניט אנגערירט, עופות
זיינען ארום געגאנגען ארום שטוב, ארום די גערטנער אונ קיין רייסענדע
פויגעל האט זיי ניט צו ריסין, מאגאזינען תבואות, שראנקען מיט זילבער
אונ גאלד אונ קיינער האט ניט אן גערירט, הגם עס זיינען געווען שלעכטע
שכנים ארום ארץ ישראל, וואס האבען געשארפט די ציינער אויף
אידישע רייכקייט אונ אויף די לאנד, אונ בעת אידין זיינען אוועק קיין
ירושלים עולה לרגל זיין, האבען דאך די שלעכטע שכנים געהאט אגוטע
געלעגענהייט זיך אריין צו חאפען אונ צו גענעמען אלעס, אונ אויך אליין
גענעמען פיל שטעט (פון ארץ ישראל) אונ באזעצין זיך אין זיי, פון אידין איז
דאך קיינער ניט געבליבען אין די הייזער, טו ווער האט זיי געהיט? דיין
השגחה האט זיי געהיט, ווי דו האסט מבטיח געווען (ולא יחמוד איש את
ארצך בעלותך לראות) קיינער וועט ניט געלוסטען דיין לאנד אונ דיינע
רייכקייט, ווען דו וועסט גיין געזעהען ווערין פאר דעם בורא עולם אין
בית המקדש, היינט אז אלע אידין פון קליין ביז גרויס האבין גיזעהען
אין דעם חודש מיט זייערע אויגען אז די תורה איז מן השמים (ווייל אבענש
קען דאך ניט שרייבען אזא זאך וואס געגען די נאטור) ווי ווייט איז דאס באליבט גיווארין
דיין תורה אונ דיין הייליגער נאמען, פון גרויס תשוקה וואס מיר וואלטין
דאס אויך וועלין זעהען, בעט איך דיין רחמנות דו זאלסט אונז שיקען
דעם גואל צדק, ער זאל אונז פירען מיט שטאלץ אין אונזער לאנד, אונ
בויע אונז דעם דריטען בית המקדש מיט דיינע אייגענע הענד. בכדי ער
זאל עוויג האבען א קיום, אונ דארטען וועלען מיר דיר דינען בקדושה,
מיט גרויס ליבשאפט ווי מיר האבען.— אין דעם חודש מרחשון האט
פאסירט נאך וויכטיגע זאכין, דעם עלפטין טאג אין אים האט אונזער
מוטער רחל געבוירין איר זוהן בנימין, אונ ווייל זי איז שווער צו קינד
גיגאנגען, איז זי פון דער וועלט אוועק גיגאנגען, בעטין מיר שטיי אויף

גיטרייע מוטער רחל פון דיין קבר, אונ עפין אויף די טויערין פון רחמים, אונ דערוועק די דערבארימקייט פון דעם אלמעכטיגען גאט, דאס ער זאל שוין ממלא זיין וואס ער האט דיר צוגעזאגט, דען אז מ'האט די יודין אין גלות געפירט, ניט ווייט פון דעם קבר פון אונזער מוטער רחל, האבין די יודין זיך־אויס גיבעטין ביי דעם שונא, מ'זאל זיי לאזין גיין אויף איר קבר, אונ ווי די יודין זיינען געקומען אויף דעם קבר, אונ האבין אנגעהויבען צו שרייען אונ צו וויינען מיט א ביטער גישריי, מוטער מוטער! ווי קאנסטו דאס צו זעהן, אז מ'זאל אונז פירען אין גלות אריין, אונ מ'זאל אונז אנטאן אזוי פיל יסורים, אזוי איז אונזער מוטער רחל ארויפגיגאנגען צו השי"ת מיט א ביטער געשריי אונ זאגט, רבונו של עולם, דיין רחמנות איז דאך פיל גרעסער ווי די רחמנות פון א בשר ודם, איך האב רחמנות געהאט אויף מיין שוועסטער לאה, ווען מיין פאטער האט פארביטען, אונ האט זי גיגעבין צו מיין מאן יעקב אויף מיין ארט, אונ האב איר אויס געזאגט די סימנים וואס מיין מאן האט מיר איבער גיגעבען, כדי מיין מאן זאל מיינען, אז איך בין דאס, ווען אויך די זאך איז מיר זייער שווער געווען, נאר פון וועגין די רחמנות אויף מיין שוועסטער האב איך דאס געטאן, אונ דו גאט ביזט דאך א רחום וחנון, בעדארפסטו אוודאי רחמנות האבען אויף מיינע קינדער, דאן האט א שטימע פון הימל גיענטפערט, דו האסט רעכט, איך וועל דיינע קינדער ארויסציהען פון אלע צרות, אונ איך וועל זיי ארויסנעמען פון זייער פיין. אונ העלפין זיי עוויג. אלזא, דערוועק זיך יעצט אויך מוטער רחל, אונ שטיי אויף פון דיין קבר, אונ שטעל זיך פאר דעם כסא הכבוד, אונ בעט פאר דיינע קינדער, וואס זיי זיינען געגליכען צו שעפעלאך וואס בלאנדזשען אין דער מדבר צווישען חיות, דאס השי"ת זאל אויף זיי רחמנות האבען אונ בענשין דעם חודש מרחשון לברכה ולהצלחה, אמן.

עורה נא, ערוועק זיך בנימין דער זאהן פון יעקב אבינו, שטעל זיך ביי דער רעכטער האנד פון דיין מוטער רחל אונ העלף איר בעטין פון דעם בעל הרחמים, אז דער חודש מרחשון, וואס דו ביסט גיבוירין גיווארין אין אים (יא בו), זאל דיין זכות אונז ביישטיין, ווען עס קומט פאר אקטרוג אויף אידען איבער די זינד פון „מכירת יוסף", וואס די ברידער האבין פאר קויפט זייער ברודער פאר אקנעכט,

ווייל

ווייל דער שָׂטָן מאַנצט נָאךְ עַד הַיּוֹם צְווישֶׁען אוּנְז, מַאכֶען אַ שִׂנְאָה פוּן אֵיין בְּרוּדֶער צוּם אַנְדֶערִין אוּנ עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף דִי שְׁבוּעָה וָואס השי"ת הָאט אוּנְז בַּאשְׁוָואוִרין (דורך משה רבינו ע"ה) מִיר זָאלִין לִיבּ הָאבִּין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּנ פַאר דֶעם נִיט הִיטִין דָאס, לַיידִין מִיר זֵייעֶר פִיל, אוּנ אִין דֶעם חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן (ו בו) אִיז צִדְקִיָהוּ (דער לעצטער אידישער קעניג) גִישְׁטְרָאפְט גְיוָוארְן, ווייל עֶר הָאט עוֹבֵר שְׁבוּעָה גִיוֶוען, אוּנ נְבוּכַדְנֶאצַּר (דער קעניג פון בבל) הָאט גִישָׁאכְטִין זַיינֶע קִינְדֶער פַאר אִים אִין דִי אוֹיגִין, אוּנ נָאכְהֶער הָאט עֶר אִים בְּלִינְד גִימַאכְט. אוּנ אִין שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע צַייטִין (שנת ה' תט, יז חשון בעיר גראל) זַיינֶען אוֹיס גִיהַרְגֶעת גִיוָוארֶען צְוֶועלְף טוֹיזִינְד אִידֶען אוֹיף קִדּוּשׁ הַשֵּׁם, אוּנ אִין זֶעקְס אוּנ צְוַואנְצִיגְסְטֶען מַרְחֶשְׁוָן (שנת ה' נב) הָאט מֶען אַרוֹיס גִיטְרִיבֶּען אִידִין פוּן אֵיינְגְלַאנְד, אוּנ דֶעם זֶעלְבִּין טָאג (שנת ה' קנד) הָאט מֶען אַרוֹיס גִיטְרִיבֶּען אִידִין פוּן פְרַאנְקְרַייךְ, אוּנ דָאס אִיז אַלְץ פַאר דִי עֲבֵירָה פוּן שִׂנְאַת חִנָּם וָוס וִיא הֶערְשְׁט נָאךְ צְווישֶׁען אוּנְז, זָאל השי"ת דֶער מָאנֶען דֶעם זְכוּת פוּן בִּנְיָמִין הַצַּדִּיק, וָואס עֶר אִיז נִיט גִיוֶוען אִין דִי עֵצָה פוּן מְכִירַת יוֹסֵף, אוּנ הָאט גִינוּמֶען אַרוֹיסֶין אַנְטֵייל אִין יַעֲקֹב אָבִינוּ'ס צַעַר, אוּנ הָאט זַיינֶע קִינְדֶער נֶעמֶען גִיגֶעבִּין נָאךְ דִי צָרוֹת פוּן זַיין בְּרוּדֶער יוֹסֵף, זָאל זַיין זְכוּת מֵגֵין זַיין, אַז מִיר זָאלִין שׁוֹין אַוֶועק וַוארְפִן קִנְאָה אוּנ שִׂנְאָה, דַאדוּרְךְ וֶועלִין מִיר פוּן אוּנְזֶערֶע צָרוֹת נִצּוֹל וֶוערִין, אוּנ דֶער חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן זָאל גִיבֶּענְשְׁט וֶוערִין אוֹיף אוּנְז אוּנ אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל צוּם לֶעבִּין אוּנ גִיזוּנְד וּפַרְנָסָה מִיט אַלֶעם גוּטִין, אָמֵן.

נָאכְהֶער זָאגְט מֶען דֶעם יְהִי רָצוֹן אוּנ מִי שֶׁעָשָׂה נִסִּים
וִויא וַוייטֶער שְׁטֵייט (נאך אלע חדשים'דיגע תחנות).

וֶוען מ'בֶּענְשְׁט ר"ח **כִּסְלֵו** זָאגְט מֶען דאס.

אֵל מֶלֶךְ יָחִיד שַׁלִּיט בְּעוֹלָמוֹ, אֵיינְצִיגֶער קֶענִיג דֶער וָואס גִיוֶועלְטִיגְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיר קוּמֶען יֶעצְט בֶּענְשִׁין אוּנ הֵיילִיגֶען דֶעם חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, דָאס אִין דֶעם חוֹדֶשׁ הָאט אוּנְזֶער מוּטֶער לֵאָה אִיר עֶרְשְׁטִין זוּן רְאוּבֵן גֶעבּוֹירִין (דעם פערצענטין טאג אין חודש), רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ טוּסְט דֶער הוֹיבִּין אַלֶע נִידֶערִיגֶע, אוּנ טוּסְט בַּאגְלִיקֶען דִי אוּנְגְלִיקְלִיכֶע, דֶער מָאן אוּנְז דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער מוּטֶער לֵאָה, וָואס זִי הָאט פִיל טְרֶערִין פַאר גָאסִין, זִי זָאל אִין דֶעם גוֹרָל פוּן עֵשָׂו נִיט פַאלִין דְרֶען לַייט פְלֶעגִין זָאגִין, יִצְחָק הָאט צְוֵויי זִין, דֶער עֶלְטֶערֶער

אִיז עֵשָׂו, אוּנ דֶער אִינְגֶערֶער אִיז יַעֲקֹב, אוּנ לָבָן הָאט צְוֵויי טֶעכְטֶער דִי עֶלְטֶערֶע לֵאָה אוּנ דִי אִינְגֶערֶע רָחֵל, גְעוִוים וֶועט לֵאָה פַאלִין אִין דֶעם גוֹרָל פוּן עֵשָׂו הָרָשָׁע, אוּנ רָחֵל וֶועט פַאלִין אִין דֶעם גוֹרָל פוּן יַעֲקֹב, דְרוּם פְלֶעגְט אוּנְזֶער מוּטֶער לֵאָה וַויינֶען אוּנ קְלָאגִין, אוּנ דוּ גָאט הָאסְט אִיר מַזָל דֶערְהוֹיבִּין, אוּנ זִי אִיז צוּ יַעֲקֹב גִינוּמֶען גִיוָוארִין, אוּנ הָאט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו אִיר עֶרְשְׁטִין זוּן רְאוּבֵן גֶעבּוֹירִין. — טְרַייעֶ מוּטֶער לֵאָה, שְׁטֶעל זִיךְ פַאר דֶעם כִּסֵא הַכָּבוֹד בֶּעטִין פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אוּנ אוֹיךְ פַאר מִיר דַיין מָאכְטֶער (פלונית בת פלונית) דָאס אִיךְ אוּנ מַיין מַאן זָאלֶען זוֹכֶה זַיין מְגַדֵל צוּ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערְלַאךְ. אוּנ אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער זָאלִין חָלִילָה נִיט אַריין פַאלִין אִין דֶעם גוֹרָל פוּן מַאנֶען רְשָׁעִים, אוּנ עֶס זָאל דֶער הוֹיבִּין וֶוערִין דֶער מַזָל פוּן אוּנְזֶער פַּרְנָסָה, דָאס מִיר זָאלִין זַיי קֶענֶען גֶעבִּין גוּטֶע אוּנ פְרוּמֶע מַאנֶען, דָאס זַיי זָאלִין גוּטֶע אוּנ פְרוּמֶע קִינְדֶער הָאבִּין, אָמֵן.

אַתָּה הָאֵל עוֹשֵׂה פְלָאוֹת, דוּ גָאט וָואס דוּ טוּסְט וואוּנְדֶער אַלֶע צַייט, מִיר קוּמֶען פַאר דִיר יֶעצְט בֶּענְטְשִׁין אוּנ הֵיילִיגֶען דֶעם חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, דָאס דוּ הָאסְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ גִיטָאן גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, אִין דִי טֶעג פוּן מַתִּתְיָהוּ כֹּהֵן גָדוֹל חַשְׁמוֹנָאִי מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען אַנְטִיוֹכוּס הָרָשָׁע אִיז אוֹיפְגִישְׁטַאנֶען אוֹיף דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל, צוּמַאכִין פַארְגֶעסִין זַיי דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּנ אַרָאבּ פִירִין זַיי פוּן אִידִישֶׁע וֶועג, עֶר הָאט אַרוֹיס גִיגֶעבִּין גְרוֹיסֶע גְזֵירוֹת אוֹיף אִידֶען, זַיי זָאלִין נִיט מָל זַיין זַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּנ נִיט הִיטִין קַיין שַׁבָּת, אוּנ פִירִין אַטְרֵייפֶע קִיךְ, אוּנ הָאבֶּען אַריין גִישְׁטֶעלְט זַייעֶרֶע גֶעצִין בִּילְדֶער אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּנ מְטַמֵא גִיוֶועןן אַלֶע הֵיילִיגֶע כֵּלִים מִיט אַלֶע בּוֹימְלֶען פוּן הֵיכָל, אִיז אִידֶען דַאן גִיוֶוען פִינְסְטֶער אוּנ בִּיטֶער, אוּנ דוּ מִיט דַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת בִּיזְט דוּ זַיי גִיקוּמֶען צוּ הִילְף אוּנ הָאסְט אִיבֶּער גִיגֶעבִּין דִי גְרוֹיסֶע מַחֲנֶה הֶעלְדִין פוּן אַנְטִיוֹכוּס אִין דִי הֶענְד פוּן דִי שְׁוַואכֶע אִידִין, וָואס זַיינֶען גִיוֶוען אוֹיס גִימָארֶעט פוּן נִיט פַארְזוּכִין אַלַאנְגֶע צַייט אַלֶעפִיל פְלֵייסִיגֶע וַואסֶער (ווייל זיי האבן קיין טריפות נים גיוואלט עסין), נַאכְהֶער פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג טֶעג אִין כִּסְלֵו זַיינֶען אִידֶען אַריין אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּנ אַרוֹיס גִיוָוארְפִין דִי גֶעצִין בִּילְדֶער מִיט דִי טוּמְאוֹת אוּנ הָאבִּין אַלְס מְטַהֵר גִיוֶוען אוּנ אָנְגִיפַאנְגֶען טָאן דִי עֲבוֹדָה בִּקְדוּשָׁה. ווִי זַיי זַיינֶען גִיקוּמֶען פַארְנַאכְט אָנְצִינְדִין דִי מְנוֹרָה הָאבִּין זַיי נִיט גִיפוּנֶען קַיין שֶׁמֶן טָהוֹר (ריינע כשרת

בויטל) נוּר אֵיין קְרִיגֶעלֶע וָואס אִיז גִיוֶועזֶן פַארְזִיגְל'ט מִיט דִי חֲתִימָה פוּן כֹּהֵן גָּדוֹל, עֶס אִיז אָבֶּער גִיוֶועזֶן אָן צוּ גִיסְן דִי מְנוֹרָה נוּר אוֹיף אֵיין נַאכְט, הָאסְטוּ גִיטָאן אַנֶס אַז דֶער קְלֵיינֶע קְרִיגֶעלֶע אִיז גִיוָוארִין וִוי אַקְוַואל אוּנ הָאט גִיגֶעבִּין פוּן זִיךְ בּוֹימִיל אוֹיף גַאנְצֶע אַכְט טֶעג בִּיז מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט פוּן גַאנְץ וַוייט שֶׁמֶן טָהוֹר. דֶער נֵס אִיז גִיוֶועזֶן צוּ וַוייזִין דִי חֲבִיבוּת, וִוי וַוייט השי״ת הָאט לִיבּ אִידֶען בְּעֵת זֵיי אָפְּפֶערִין זִיךְ צוּ הִיטִין דִי תּוֹרָה, אַזוֹי אוֹיךְ לִיבֶּער גָאט זָאלְסְטוּ עֶרְוֶועקִין דַיין רַחֲמָנוּת צוּ טָאן מִיט אוּנְז נִסִּים וְנִפְלָאוֹת, מִיר זָאלִין קֶענֶען הִיטִין דַיין תּוֹרָה מִיט אַפְרֵיילִיכֶע הַארְץ, אוּנ זָאלְסְט דֶער לַייכְטִין אוּנְזֶער מַזָּל אִין דֶעם חוֹדֶשׁ מִיט גִיזוּנְד אוּנ פַּרְנָסָה, אוּנ מִיר זָאלִין זוֹכֶה זַיין צוּ צִינְדֶען לִיכְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

נָאכְהֶער זָאגְט מֶען דֶעם יְהִי רָצוֹן אוּנ מִי שֶׁעָשָׂה נִסִּים וִויא וַוייטֶער שְׁטֵייט (נאך אלע חדשים׳דיגע תחנות).

אַתְּחִנָּה לַחֲנֻכָּה (נאכין אנצינדען חנוכה ליכט).

דֶער בַּארֶמְהֶערְצִיגֶער פָאטֶער, דֶער מָאן אוּנְז דֶעם זְכוּת פוּן דֶעם צַדִּיק מַתִּתְיָהוּ כֹּהֵן גָּדוֹל, וָואס עֶר הָאט זִיךְ דֶער עֶרְסְטֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גִיוֶועזֶן אוּנ גִיהַרְגֶ'ט דֶעם שַׂר פוּן אַנְטִיוֹכוּס וָואס הָאט דַאן גִיגֵייט אִידִין עֶסִין טְרֵיפוֹת אוּנ דֶעם זְכוּת פוּן דִי צַדֶּקֶת "יְהוּדִית" דָאס דוּ הָאסְט אִיר גִימַאכְט פַאר אַגוּטִין שָׁלִיחַ דַאטֶעוֶועזֶן דַיינֶע קִינְדֶער, זִי הָאט דֶעם שַׂר פוּן אַנְטִיוֹכוּס חַיִל דִי קָאפּ אַרוּנְטֶער גִינוּמֶען. דְרוּם זָאלִין זֵיי זַיין גוּטֶע מְלִיצִים אַז דֶער בּוֹרֵא זָאל אוּנְז גֶעבִּין פַארְשְׁטַאנְד אַרַיין נֶעמֶען אִין גִידַאנְקֶען אַז דִי קְלֵיינֶע לִימְפַּאצְיֶע (נרות חנוכה), זָאל אַרַיין שַׁיינֶען אִין אוּנְזֶער הַארְצִין שְׁטָאלְץ אוּנ גְרוֹים מוּטְה, וַוייל דֶער פַייֶערִיל פוּן יֶעדֶער חֲנֻכָּה לִיכְטֶעלֶע אִיז וִוי אַשְׁטֶערִין אִין הִימֶל, הֲגַם עֶר זֶעט אוֹיס קְלֵיין אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז יֶעדֶער שְׁטֶערִין אַגְרוֹיסֶע וֶועלְט. דִי גֶעשִׁיכְטֶע פוּן קְרִיגֶעלֶע בּוֹמִיל הָאט גִיוִויזֶען, אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז דִי צִיפֶער בְּלַאט פוּן אִידִישֶׁען זֵייגֶער וָואס וַוייזְט שְׁטֶענְדִיג וִוי דִי פָאלְק הַאלְט, אַז מְ'הָאט גִיפוּנֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַלֶע בּוֹמִיל טָמֵא, אִיז אַבֶּעוַוייז אַז אַנְטִיוֹכוּס מִיט זַיין חַיִל וָואס זַיינֶען דַאן אָנְגִישְׁטַאנֶען אוֹיף אִידֶען אַרָאבּ פִירֶען זֵיי פוּן גְרַאדֶע וֶועג, הָאבֶּען שׁוֹין גִיהַאלְטֶען גַאנְץ וַוייט אִין דֶער אַרְבֵּייט, זֵיי הָאבֶּען שׁוֹין מְטַמֵּא גִיוֶועזֶן אַלֶע הֵיילִיגְקַייט פוּן אִידִין, דֶער גְרֶעסְטֶער טֵייל אִידִין זַיינֶען שׁוֹין טָמֵא

געווארין מיט טרייפע קיכין און מיט שלעכטע גידאנקען אין אמונה. און נור דער קליינער קריגעלע בוימל, די ביסעלע אידין וואס האבין זיך גיהאלטין פעסט ביי די היילגע תורה אונטערין שוץ פון מתתיהו כהן גדול זיינען געבליבען. אבער דאס איז נור גיוועזן צו בעלייכטין אידישע מנורה אויף איין טאג, מארגין וואלט ווידער זיין פינסטער, די ביסעלע עלטערע אידען וואלטען אויס שטארבען און עס וואלט בלייבין דער גאנצער יוגינד פארפירט אין א פינסטערע שלעכטע וועג, האסטו גיטאן וואונדער איבער וואונדער, אז די ביסעלע שוואכינקע, אבער פייערדיגע אידין וואס האבין זיך מוסר נפש גיוועזן פאר דעם כבוד הבורא און פאר דעם כבוד פון אונזער תורה האבין גיזיגט אזוי פיל מיליאנען שטארקע חוליגאנעס, און האבען גיבראכט אזא גרויסע תשועה פאר אידען, סיי אין גוף, אידין זיינען ארויס פון די אייזערנע האנד פון אנטיוכוס און זיינען גיבליבען זעלבסט־שטענדיג ערך צוויי הונדערט יאהר אונטער אייגענע מלכים, און סיי אין דער נשמה, זיי האבין גישיינט א גרויסע צייט ביז וואנען עס איז גיווארען פון דאס ניי שמן טהור, דאס הייכט אויף גימונטערט די פארלאשענע פינסטערע הערצער, און אריין גיבלאזין אין זיי הייליגע פונקען ביז עס איז מקוים גיווארען (ולכל בני ישראל היה אור במושבותם). אלזא זאלסטו אונז העלפין צינדען אונזער הייליגע לימינאציע מיט גרוים שטאלץ און מוטה אויף אונזער גרויסין נצחון וואס אונזער קערפער איז געווארין ציכטיג, און אונזער נשמה איז גיווארין ליכטיג, און זאלסט אונז אויך העלפין האלטין די הייליג טעג הייליג ניט מטמא זיין זיי מיט ליצנות און קארטין שפילין1), נור לויבין דיין הייליגען נאמען מיט פרייד און מיט הייליגע גידאנקען, אמן.

די הייליגע מצוה פון „בענשין חנוכה ליכט" זיינען ווייבער אויך מחייב, דרום ווען דער מאן איז אין וועג, דארף די אשה אליין בענשין חנוכה ליכט:

מעשה אלפס

1) די גרויסע אונגליקען וואס שכרות און קארטין האבין געבראכט אויף דער וועלט, איז די פעדער ניט אימשטאנד אויס צו שרייבין, פיל עשירים זיינען דורך דעם געווארין אביונים און געשטארבען אין פרעמדע תכריכין, פיל האבען זיך דורך דעם אליין אמיתה אן געטאן, הכלל די מענשהייט האט דורך דעם פארלארין איר שטאט קלייד, און זיך אן געצויגען ש"ק במתניו (ש"ק מאכט, שכרות קארטין), צוא אונזער גרויסען בעדויערונג האט דער יצר הרע אריין גישלעפט אין די קארטין פיל ארינטליכע אידישע מענשן, און די התחלה האט ער גימאכט פון חנכה. חנכה (זאגט דער

וֶוען מְ'בֶּענְשְׁט ראש חוֹדֶשׁ טֵבֵת זָאגְט מֶען דָאס:

אֱלֹהִים בְּרֹב רַחֲמֶיךָ הוֹשִׁיעֵנוּ מִצָּרוֹתֵינוּ, לִיבֶּער גָאט מִיט דַיין גְרוֹיס עֶרְבַּארִימְקַייט הֶעלְף אוּנְז פוּן אוּנְזֶערֶע צָרוֹת, וֶוען מִיר קוּמֶען פַאר דִיר יֶעצְט דֶעם חוֹדֶשׁ „טֵבֵת" הֵיילִיגֶען אוּנ בֶּענְטְשְׁן, דָאס אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז אַבְרָהָם אָבִינוּ גִישְׁטָארְבֶּען, דְרוּם רבש"ע גִידֵיינְק אוּנְז זַיין זְכוּת, דָאס עֶר הָאט זִיךְ גִילָאזְט אִין קַאלְךְ אוֹיבֶען וַוארְפְּעֶן פוּן וֶועגִין דַיין לִיבֶּען נָאמֶען, וֶוען נִמְרוֹד הָרָשָׁע אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוֹיף אִים, אַזוֹי הָאסְטוּ גֶעשִׁיקְט דַיין הִילְף עֶס זָאל קִילִין דָאס פַייעֶר פוּן דֶעם קַאלְךְ אוֹיבֶען, אוּנ אַבְרָהָם זָאל נִיצּוֹל וֶוערִין (נִיט קֵיין מַלְאָךְ אִיז גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארֶען צוּ הֶעלְפִין אִים נוּר השי"ת אַלֵיין, וִוי אִין מִדְרָשׁ שְׁטֵייט), אַזוֹי רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאלְסְטוּ בַּאהִיטֶען אוּנְז אַלֶע חֳדָשִׁים פוּן אַגַאנְץ יָאהר, פוּן שְׂרֵיפוֹת וּמַגֵפוֹת אוּנ הֶזֵיקוֹת, דָאס עֶס זָאל נִיט שׁוֹלֵט זַיין אִין קֵיין שְׁטוּב מֵאַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל קֵיין פַייעֶר אוּנ קֵיין שׁוּם שְׁרֶעק, נוּר עֶס זָאל לַייכְטִין אוּנְזֶער מַזָּל וִוי דֶער מָארְגֶען שְׁטֶערִין אִין הִימֶעל, אוּנ וִוי דִי זוּהן אִין מִיטִין טָאג, דָאס קֵיין שׂוֹנֵא זָאל אִיבֶּער אוּנְז נִיט דֶער פְרֵייט וֶוערִין.

אֵל פּוֹדֶה מִכָּל צָרָה, גָאט וָואס עֶר עֶרְלֵייזְט זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל פוּן אַלֶע לֵייד, וֶוען מִיר קוּמֶען פַאר דִיר יֶעצְט דֶעם חוֹדֶשׁ טֵבֵת בְּענְשְׁן, דָאס אִין דֶעם חוֹדֶשׁ זַיינֶען אוּנְז פִיל אוּנְגְלִיקֶען גִישֶׁעהְן, אֵיינְס אִיז דָאס דֶעם נַיינְטִין טָאג זַיינֶען גִישְׁטָארְבֶּען עֶזְרָא הַסוֹפֵר אוּנ נְחֶמְיָה בֶּן חֲכַלְיָה, וָואס זֵיי הָאבֶּען דֶעם אַנְדֶערִין בֵּית הַמִקְדָשׁ גֶעבּוֹיט, אוּנ הָאבִּין דִי אִידֶען. פוּן דֶעם גָלוּת בָּבֶל אַרוֹיס גִינוּמֶען, יֶעצְט דֶער מָאן אוּנְז

מעשה אלפס

דֶער יֵצֶר הָרָע) אִיז אַ מִצְוָה צוּ שְׁפִּילִין אִין קָארְטִין, אַלְזָא ווִילִין מִיר עֶרְקְלֶערֶען פִיר אוּנְזֶערֶע קְלוּגֶע שְׁוֶועסְטֶער, דִי שַׁייכוּת פוּן חֲנוּכָּה צוּ קָארְטִין, בִּכְדֵי זֵיי זָאלִין זִיךְ אִיבֶּער צַייגִין דֶעם טָעוּת פוּן דֶעם. בְּעֵת אַנְטִיוֹכוּס הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען אַז מְ'זָאל נִיט לֶערְנֶען, אוּנ וֶוען מְ'וֶועט גֶעפִינֶען אַ קָאמְפַּאנִיֶע זִיצִין אוּנ לֶערְנֶען וֶועט מֶען זֵיי אוּם בְּרֵיינְגֶען. אִיז אִידִין דַאן גֶעוָוארֶען פִינְסְטֶער אוּנ בִּיטֶער, וַוייל אַיין אִיד אָן תּוֹרָה אִיז רִיכְטִיג וִוי אַ פִישׁ אָן וַואסֶער, וָואס הָאבִּין דִי עֶרְלִיכֶע אִידִין גֶעטָאן? הָאט מֶען זִיךְ צוּזַאמֶען גֶעקְלִיבֶּען לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה (מִשְׁנִיוֹת אוּנ תַּלְמוּד) וָואס דָאס הָאט מֶען פַארְצַייטֶען נִיט גֶעטָארְט שְׁרֵייבִּין נוּר לֶערְנֶען אוֹיס וֶוייניג, זַיינֶען גִיזֶעסֶען קָאמְפַּאנִיֶעס אוּנ מְ'הָאט גֶעלֶערִינְט, אוּנ אוּם צוּ פַארְהִיטֶען פוּן אַיין אָנְפַאל, פִילֵייכְט וֶועט מֶען בֶּעפַאלֶען אוּנ גֶעפִינֶען לֶערְנֶענְדִיג, הָאט מֶען גֶענוּמֶען אַ טַאלְיֶע קָארְטִין אוּנ מְ'הָאט דָאס צוּ טֵיילְט יֶעדֶערִין עֶטְלִיכֶע, אוּנ מְ'הָאט דָאס גֶעהַאלְטִין אוּנְטֶערִין טִישְׁטַאךְ, אוּנ אַז מֶען אִיז בֶּעפַאלֶען אוּנ מְ'הָאט גֶעפוּנֶען אַ קָאמְפַּאנִיֶע, הָאט מֶען

רבונו של עולם זייער זכות און דער בארים זיך איבער אונז, שיק אונז דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן. דער צווייטער אונגליק האט אונז אין דעם חודש געשעהן, דאס דעם צענטען טאג אין חודש האט נבוכדנצר מלך בבל באלאגערט מיט זיינע חילות אויף אונזער קרוין שטאט ירושלים, וויי איז אונז, וויי איז צו אונזערע יארין, דאס עס איז צו גינומען גיווארען די קרוין פון אונזער קאפ. איז דרום טוען מיר אלע יאהר אין דעם טאג איין תענית פאסטין, בכדי השי"ת זאל זיך אויף אונז דער בארימען און אומקערין אונז צו אונזער לאנד. ווידער אגרויסער אונגליק, דאס דעם פערצענטן טאג אין חודש האט מען אין שפאניא אן גיטאן גרויסע יסורים און נאכהער פארברענט נייען הונדערט פופציג אידען, רבונו של עולם (הלעד יעשן אפך)? צו ביז אייביג וועט דען דיין גרים צארין אויף אונז ברענען? ערוועק שוין דיין דער בארימקייט ופדה אלהים את ישראל מכל צרותיו, ער לייז גאט דיין פאלק ישראל פון אלע זייערע צרות, און אויך מיין מאן און מיינע קינדער צווישען זיי, און אזוי ווי דו האסט ארויף גיגאסין גרויס חן אויף אסתר המלכה בעת זי איז גינומן געווארן אין דעם חודש צום קעניג אחשורוש, אזוי זאלסטו אויף אונז געבין דיין חן וחסד, און אונזער מזל זאל אויף גערעכט ווערין, צו אלעם גוטען, אמן ואמן, כן יהי רצון.

נאכהער זאגט מען דעם יהי רצון און מי שעשה נסים ווי ווייטער שטייט (נאך אלע חדשים'דיגע תחנות).

מעשה אלפס

געמיינט אז מען שפילט אין קארטען, און דאס האבין דאך די שונאים גענואלט, אז אידין זאלין אוועק ווארפין זייער תורה און ווערין קארטעוויניקעס, האט מען זיך מיט דעם אב געראטעוועט. ווי די שונאים זיינען אוועק האט מען די קארטין צוריק ארונטער געלייגט אונטערין טישטאך און ווייטער גענומען ריידען אין לערנען, איז דאך חנוכה די קארטען א פאמעט ווי ווייט די תורה איז געוועזן טייער ביי אונזערע עלטערן, אז זיי האבען געזוכט אלע מיני התחכמות נור ווי צו פערבלייבען ביי די תורה, אס ענדע קומען די אומוויסענדע מענשין און לעשין אויס מיט די קארטין

הא (השלמה)

די גאנצע ליבע צו דער תורה, וואס איז אונז געבליבען פון אונזערע עלטערין בירושה, און די התמדה וואס אונזערע עלטערין האבין געהאט צו די תורה לערנען איר גאנצע געבט, ברענגען זיי אויס די די גאנצע געבט אין קארטין שפיל, און א ווארט תורה וויל מען אין מויל ניט געמען, דער יצר הרע האט מיט זיי געמאכט ריכטיג ווי דער פוקס מיטן קאקעם נוס, 2 חיות האבען אמאל געפונען אין וואלד אגרויסען קאקעם נוס, דער זאגט כולה שלי און דער זאגט כולה שלי, האט דער זעהען דער פוקס ווי זיי רייסין זיך, זאגט ער איך וועל מאכין א פשרה, האט

וָוען מֶען בֶּענְטְשְׁט ראֹשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבָט זָאגְט מֶען דִי תְּחִנָּה.

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, עֶס זָאל זַיין דֶער ווילֶען פַאר דִיר אוּנְזֶער גָאט אוֹיךְ דֶער גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין, דוּ זָאלְסְט אוֹיף אוּנְז בֶּענְטְשִׁין דֶעם חוֹדֶשׁ שְׁבָט, אוּנ עֶס זָאל פַאר דִיר דֶער מָאנְט ווערִין דֶער זְכוּת פוּן משֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, דָאס אֵיידֶער עֶר אִיז גִישְׁטָארְבֶּען (ז' אֲדָר) הָאט עֶר אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אָן גִיהוֹיבֶּען אִיבֶּער חַזְרִין מִיט דִי אִידִין דִי תּוֹרָה, וָואס עֶר הָאט זֵיי גִילֶערִינְט, אוּנ הָאט זֵיי גִיזָאגְט טִיפֶע אוּנ וַוארִימֶע מוּסָר דָאס זֵיי זָאלֶען אִין רֶעכְטִין וֶועג גֵיין, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֵויי אִיז צוּ אוּנְז. דָאס מִיר הָאבִּין יֶעצְט נִיט קֵיין נָבִיא, דָאס עֶר זָאל אוּנְז זָאגֶען מוּסָר אוֹיף אוּנְזֶערֶע בֵּייזֶע מַעֲשִׂים אוּנ זָאל אוּנְז דֶעם גוּטֶען וֶועג ווייזֶען, אוּנ וֶוען מִיר טוּעֶן זִיךְ אַלֵיין בֶּעטְרַאכְטֶען אוּנְזֶערֶע חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים וָואס מִיר הָאבִּין גֶעזִינְדִיגְט אוּנ פַאר קְרִימְט דִי רֶעכְטֶע וֶועג, טוּט אוּנְז אָן חַאפִּין אַצִיטֶערְנִישׁ אוּנ אַפָּארְכְט. מִיר ווייסִין נִיט וִויא אוּנְזֶער פָּנִים צוּ פַאר שְׁטֶעלִין מֵחֲמַת גְרוֹיס שַׁאנְדֶע, וואוּ זָאלִין מִיר זִיךְ פַאר בָּארְגִין, וואוּ זָאלֶען מִיר פוּן דַיין גְרִים צָארִין אַנְטְלוֹיפֶען, זָאלֶען מִיר גַאנְץ הוֹיךְ מִיט אַלוּפְט בַּאלָאן פְלִיהֶען, בִּיסְטוּ אוֹיךְ דָארְטֶען, זָאלֶען מִיר אִין דֶער טִיפֶענִישׁ פוּן דֶער עֶרְד גֵיין, בִּיסְטוּ אוֹיךְ דָארְטֶען, זָאלֶען מִיר אִין טִיפֶענִישׁ פוּן יַם שְׁווימֶען, וֶועט מִיךְ דָארְטֶען אוֹיךְ דַיין הַאנְד טְרֶעפִין, אוּנ וֶוען אִיךְ וֶועל מִיר טְרַאכְטִין, דָאס פִינְצְטֶערְנִישׁ וֶועט מִיךְ צוּא דֶעקִין דָאס דוּא וֶועסְט מִיךְ נִיט זֶעהְן. שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגֶע שְׁרִיפְטֶען (גַּם חשֶׁךְ לֹא יַחְשִׁיךְ מִמֶּךָּ) קֵיין פִינְסְטֶערְנִים אִיז פַאר דִיר גָאט נִיט פִינְסְטֶער, אוּנ דִי נַאכְט אִיז פַאר דִיר לִיכְטִיג. דְרוּם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אִיךְ נִיט וואוּ צוּ לוֹיפֶען נוּר צוּ דִיר אַלֵיין, דוּ זָאלְסְט

מעשה אלפס

עֶר צוּ שְׁפַּאלְטִין דֶעם נוּס אוּנ גֶעגֶעבֶּען אַהַאלְבֶּן שָׁאלֶעכְטְשְׁ דֶעם אוּנ אַהַאלְבֶּן דֶעם, אוּנ דִי יָאדְרֶע הָאט עֶר צוּ גֶענוּמֶען פְּסַק גֶעלט, אַזוֹי אִיז דִי יָאדְרֶע פוּן קָארְטֶען חֲנוּכָּה, וָואס דָאס וַוייזְט ווִי וַוייט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין הָאבּען גֶעלִיבְּט דִי תּוֹרָה דָאס הָאט דֶער יֵצֶר הָרָע צוּ גֶענוּמֶען, אוּנ פַאר זֵיי הָאט עֶר גֶעלָאזֶען דֶעם שָׁאלַאכְץ, שְׁפִּילֶען גַאנְצֶע נֶעכְט אִין קָארְטִין אוּנ נָאךְ מִיט אַ הוֹסָפָה מֵחוֹל עַל הַקוֹדֶשׁ וויפִיל וָואכִין נָאךְ חֲנוּכָּה אוּנ וויפִיל וָואכִין פַאר חֲנוּכָּה, אַלְזָא דַארְף יֶעדֶע קְלוּגֶע פְרוֹי זֶעהֶען אוֹים צוּ רַאמֶען דֶעם קָארְטֶען שְׁלַאנְג פוּן אִיר שְׁטוּבּ, אוּנ אַרֵיין צִיהֶען אִין אִיר שְׁטוּבּ אַנְשְׁטַאט דֶעם דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶער תּוֹרָה, לֶעזִין דִי גְרוֹיסֶע ווינְטֶער אָוֶוענְדִין הֵיילִיגֶע סְפָרִים, ווִי מְנוֹרַת הַמָּאוֹר, מַעֲשֵׂה אַלְפַּס, אוּנ דָאס גְלַייבֶּען:

אין

אוים שטרעקין דיין הייליגען ארום צו נעמען מיין תשובה, כי אתה
רב חסד ומרבה לסלוח, דען דו ביסט פול מיט חסד און רחמים
האב אויף אונז רחמנות, אמן סלה.

רבונו של עולם. ווען מיר קומען פאר דיר יעצט בענטשין און
הייליגען דעם חודש „שבט" וואס אין דעם פופצענטן טאג פון
דעם חודש איז ראש השנה צו די בוימער א), גידיינק אונז דעם זכות דאס
מיר טוען דעם טאג דיר לויבען אויף די פרות פון די בוימער, בזכות
זה בענטש ליבער גאט די פרוכט פון די בוימר, דאס זיי זאלען אויס
ציהען זייער בליאונג, און זאלען מאכען וואקסען היינטיגעם יאר זייערע
פרות צו ערקוויקען דעם מענשין, און אויך באהיט דיין פאלק
ישראל דאס די קעלט פון דעם חודש זאל זיי ניט שאדען, אלע די וואס
פארין אין וועג זאל זייא ניט באגעגענען דער טויט פון דיא קעלט,
און זאלסט זיי פירען אויף דעם גלייכען וועג, דאס זיי זאלען ניט פאר
אירט ווערין דורך דעם שניי אין א שלעכטע וועג, און אויך די
יודישע קליינע קינדער וואס אין שטאט זענען, זאל זיי ניט שאדען
די קעלט, עס זאל זיי חלילה צו איין שלאפקייט ניט ברייגגען,
ובזכות וואס מיר וועלין מאכען פיל ברכות אויף די פרות צו לויבין
דיין הייליגען נאמען, זאלסטו שיקען דיין ברכה מיר זאלען האבען
שלום און פרנסה טובה און די גאולה אויף כל ישראל אמן כן יהי רצון.

נאכהער זאגט מען דעם יהי רצון און מי שעשה נסים ווי
ווייטער שטייט (נאך אלע חדשים'דיגע תחנות)

ווען אין עבור יאר זאגט מען די תחנה ווען מ'בענטשט ר"ח **אדר ראשון.**

מלך במשפט יעמיד ארץ אשר לא ישא פנים ולא יקח שוחד, קעניג
דער דא האט מיט ריכט גישטעלט די וועלט, ער איז ניט נושא
פנים קיינעם, און נעמט ניט קיין שוחד, און איז מדקדק מיט זיינע
צדיקים אויף א האר, מיר קומען יעצט דעם חודש אדר בענטשין
און הייליגען, דאס אין דעם חודש איז משה רבינו ע"ה גישטארבען

שערי ציון

א) אין די ווארעמע לענדער (ווי ארץ ישראל און ה. ג.) איז ביז חמשה עשר בשבט שוין געגאנגען די גרעסטע טייל רעגן פון דעם יאהר, איז שוין ארויף דער שרף (זאפט) אין די בוימער און זיי הויבען שוין אן צו בליהען פון יעצט, און ווייל די מעשרות וואס מדארף אב שיידען פון די פרות איז ניט אלע יאהר גלייך, די ערסטע צוויי יאהר פון שמיטה גיט מען מעשר ראשון (דעם לוי) און מעשר

שני

פאר דעם וואס ער האט דעם שטיין גישלאגען ער זאל וואסער געבין, ער האט בעדארפט נור ריידין צום שטיין, אזו ווי דו האסט אים גיבאטען, בכדי אידין זאלען פון דעם נעמען אלערנונג, מה דאך אויף אשטיין האט גיווירקט רייד. ער זאל טאן דעם רצון הבורא, אפשיטא אויף אמענשין דארף געוויס ווירקען דברי מוסר ותוכחה, ווען אפילו זיין הארץ איז הארט ווי אשטיין, ניט מ'זאל אים דארפען שלאגען מיט אשטעקן, דאס הייסט ברייגנען אויף אים יסורים, נאכהער וועט ער ערכט טאן תשובה. דרום טוט אונז אגרויס פארכט אונ ציטערניש אנגעמען, ווען מיר טוען זיך דאס בעטראכטען אין אונזער הארץ. וואס פאר עונות אונ חטאים אונ פשעים מיר האבען גיטאן, מה דאך דו האסט משה רבנו ע"ה ניט נושא פנים גיוועז, איז דאך שוין געוויס געגען אונז, וואס מיר זיינען פול מיט זינד. אוי לנו כי נואלנו, וויי איז אונז, דען מיר זיינען פאר נארישט גיווארין.

משה ימליץ טוב בעדנו בר"ח אדר.

קום שטיי אויף משה רבנו אונ עפין אויף די טויערין פון הימיל אריינצולאזין אונזערע תפלות ובקשות וואס מיר טוען יעצט בעטין, אונ זעה דיינע שאף (די ישראל) וואס דו האסט זיי גיפאשעט אין דער מדבר, אונ האסט פון זיי פיל צער געליטען, זיי שטייען יעצט מיט אביטער הארץ אונ אצובראכען געמיט, אונ פאדערין פון דיר דאס דו זאלסט פון ווייערט וועגין בעטין דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה, דאס ער זאל אונז בענטשין דעם חודש אדר צו אלעם גוטין, אונ זאל אונז עפנען די טויערין פון רחמים אונ די טויערין פון חן, אונ די טויערין פון לעבין אונ פון גיזונד אונ פון פרנסה אונ הצלחה, אזוי ווי אין פסוק שטייט (יפתח ה' לך את אוצרו הטוב), גאט וועט דיר עפנען זיין גוטין אוצר, דאס אלעם זאל גאט טאן וועגין דיין זכות, דאס דו ביזט א שליח גיוועזן ארויס פירען אונז פון מצרים אונ גינעהענט אונז צו דעם בארג סיני, אונ גיגעבן אונז די הייליגע תורה לערנען אונז די הייליגע מצות, אונ האסט גיהאט

שערי ציון

שני. פירען קיין ירושלים. עסן דאס פערטען אונ דעם פינפטען יאהר איז בקדושת מעשר שני, אונ דעם דריטען מעשר ראשון אונ מעשר שני אונ דעם יאהר איז מעשר ראשון אונ מעשר עני זעקסטען מעשר ראשון אונ מעשר עני, (פאר ארעמע לייט), אונ אזוי ווייטער דעם דעם זיבעטין יאהר איז שמיטה ארבייט

פון אונז פיל מיה אונ טִרְחָה, ווען די יודין האבין גיזינדיגט האסטו פאר זיי גאט גיבעטין, אזוי שטייט אויף יעצט אונ בעט פאר כָּל יִשְׂרָאֵל, דאס דער חודש אֲדָר, וואס מיר טוען יעצט בענטשין, זאל גיבענטשט ווערין פון גאט ב"ה, אונ אזו ווי צוליב דיין זכות האט השי"ת גימאכט רעגינען דעם מן פון הימל, אזוי זאל ער יעצט אויף אונז רעגענען שפע בְּרָכָה אונ הַצְלָחָה אין אלע אונזערע ווערק. אום מיר זאלען חָלִילָה צו קיין פרעמדין טיש ניט דארפין אנקומען, אונ עס זאל פול ווערין אונזערע אוצרות מיט זאטקייט, אונ אויך אונזערע הענד זאלען פול ווערין מיט גאטס בְּרָכָה, אָמֵן

נאכהער זאגט מען דעם יְהִי רָצוֹן אונ מִי שֶׁעָשָׂה נִסִּים ווי ווייטער שטייט (נאך אלע חדשים'דיגע תחנות).

ווען מ'בענטשט ראש חודש אֲדָר זאל מען די תְּחִנָּה זאגען.

אויך ווען מ'בענטשט אֲדָר שֵׁנִי זאגט מען אויך דאס.

אֵל רַחוּם וְחַנּוּן עֶזְרָה בַּצָּרוֹת נִמְצָא מְאֹד, גאט דער בארמיגער אונ לייטזעליגער, דער דא אין לייד ווערסטו צו איין הילף געפונען, מיר קומען יעצט בענטשען אונ היילגען דעם חודש אֲדָר. דו האסט אין אים גיטאן וואונדער צו דיין היילגע פאלק דורך מָרְדְּכַי הַיְּהוּדִי אונ אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה, ווען הָמָן הָרָשָׁע איז אויף גישטאנען צו פאר טיליגען, הארגענען אונ מאכין פאר לירען דיין פאלק ישראל זֶרַע אַבְרָהָם פון גרויס ביז קליין, אונ דו מיט דיין גרויס דער בארימקייט, האסטו זיי גיטאן נור איבער שרעקין אבער ניט שטראפען, דען דו האסט גיחתמת די גְּזֵירָה מיט א חֲתִימָה פון ליים, אונ ווען די אידען האבען פאר דיר תְּשׁוּבָה גיטאן, האסטו זיי גישטעלט מוֹשִׁיעִים ומַצִּילִים פון דער צָרָה, מָרְדְּכַי הַיְּהוּדִי וְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה, דאס זיי האבען די גְּזֵירָה מְבַטֵּל גיווען. אונ הָמָן הָרָשָׁע מיט זיינע קינדער זיינען אויף דער תְּלִיָּה גיהאנגען גיווארין, אזוי אויך רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, העלף צו אונזער גיבעט פון זייער זְכוּת וועגין, אונ בענש אויף אונז דעם חודש צו גוטען, אונ גיב אין דעם הארץ פון דעם מֶלֶךְ יר"ה מיט זיינע

שערי ציון

מען גאר ניט די פעלדער, אונ די פֵּרוֹת דרום דארף זיין א בעשטימטער טאג וואס עס וואקסט איז הֶפְקֵר צו אלעמען, ראש השנה פאר די בוימער, אז די פרות וואס האבען געבליהט פאר חֲמִשָּׁה עשר דארף מען קיין מַעְשְׂרוֹת ניט געבען,

עשר

שָׂרִים דָאס. זַיי זָאלֶען מִיט אוּנְז חֶסֶד טָאן דוּרְךְ דַיין דֶער בַּארִימְהַקַייט אַלֶע צַייט אוּנ הָמָנְ'ס תַּלְמִידִים זָאלֶען הָאבִּין הָמָנְ'ס מַפָּלָה, אָמֵן.

נַאכְהֶער זָאגְט מֶען דֶעם יְהִי רָצוֹן אוּנ מִי שֶׁעָשָׂה נִסִּים וּוִי ווַייטֶער שְׁטֵייט (נאך אלע חדשים'דיגע תחנות.

אִין דִי טֶעג פוּן פּוּרִים זָאגְט מֶען דָאס.

הַבֵּט מִשָּׁמַיִם וּרְאֵה, לִיבֶּער גָאט בְּלִיק פוּן הִימֶל אוּנ זֶעה דֶעם זְכוּת פוּן דַיינֶע לִיבֶּע אִידֶען, פִיל צְדָקָה גֵייט פוּן זֵייעֶר הַאנְד אַרוֹיס אִין דֶעם טָאג פוּן פּוּרִים, אִיטְלִיכֶער נָאךְ זַיין פַאר מֶעג נָאךְ אוּנ זַיינֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערִין אוֹיף אוּנְז דֶער פָּסוּק צִיוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה וְשָׁבֶיהָ בִּצְדָקָה (צִיוֹן וֶועט אוֹיסְגֵילֵייזְט וֶוערִין פוּן אִירֶע גִיפֵיינְקֶענִים דוּרְךְ דֶעם זְכוּת פוּן צְדָקָה) אוּנ דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה זָאל זַיין אַסְלִיחָה אוֹיף אוּנְזֶערֶע זִינְד, אַזוֹי וִוי דָנִיֵּאל הָאט גִיזָאגְט צוּ נְבוּכַדְנֶאצַר וַחֲטָיךְ בִּצְדָקָה פְּרוֹק (דַיין זִינְד זָאלְסְטוּ מִיט דֶער מִצְוָה פוּן צְדָקָה אוֹיס לֵייזִין), פַארְגִיב אוּנְז רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אוּנְזֶערֶע זִינְד, צוּלִיבּ דֶעם זְכוּת פוּן דֶער מִצְוָה פוּן צְדָקָה אוּנ מִיר זָאלֶען אוֹיס גֶעלֵייזְט וֶוערִין פוּן גָלוּת בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

וֶוען מֶ'בֶּענְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן זָאגְט מֶען דִי תְּחִנָּה:

אֵל רַחוּם עוֹשֶׂה גְדוֹלוֹת עַד אֵין חֵקֶר נִסִּים וְנִפְלָאוֹת עַד אֵין מִסְפָּר, דֶער בַּארֶעמְדִיגֶער פָּאטֶער, דֶער דָא טוּט גְרוֹיסְקַייט גָאר נִיט צוּ דֶער קְלֶערִין, נִסִּים אוּנ וואוּנְדֶער אָן אַיין צָאל, מִיר קוּמֶען יֶעצְט בֶּענְטְשִׁין אוּנ הֵיילִיגֶען דֶעם חוֹדֶשׁ נִיסָן, דָאס אִין דֶעם חוֹדֶשׁ הָאסְטוּ אוּנְז לִיבֶּער גָאט פִיל נִסִּים גִיטָאן אוּנ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, בֶּענְשׁ אוֹיף אוּנְז דֶעם חוֹדֶשׁ נִיסָן, מִיר זָאלִין זוֹכֶה זַיין עֶרְלֵייזְט צוּ וֶוערִין פוּן אַלֶע דְרִיקוּנְג אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט עֶרְלֵייזְט דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל פוּן מִצְרַיִם, אוּנ הָאסְט זֵיי דֶעם יַם גִישְׁפָּאלְטִין, אוּנ דִי אִידֶען הָאבֶּען פַאר דִיר שִׁירָה גְזָאגְט, אַזוֹי אוֹיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאלְסְטוּ אוּנְז אוֹיס לֵייזִין, מִיר זָאלֶען זָאגֶען שִׁירָה פַאר דִיר אוֹיף דִי נִסִּים וְנִפְלָאוֹת וָואס דוּ וֶועסְט מִיט אוּנְז טָאן, אוּנ מִיר זָאלֶען זָאגֶען צוּ דִיר אַנַייעֶם שִׁיר הַלְּלוּיָהּ.

עָשׂר בִּשְׁבָט רֶעכֶענֶען זִיךְ צוּם פָארִיגֶען יָאהר, אוּנ דִי וָואס בְּלִיהֶען נָאךְ חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט רֶעכֶענֶען זִיךְ צוּם קִינְפְטִיגֶען יָאהר.

פקח עיניך וראה. עפין דיינע אויגען ליבער גאט, און זעה די מיהע פון דיין טייער פאלק, וויפיל מיהע זיי האבין צו דער האלטען דיינע מצות וואס דו האסט זיי געבאטין צו טאן אין דעם חודש ניסן, אויס ראמען דעם חמץ פון זייער שטוב, און עסין מצות. אלע זיבען טעג פון פסח, ווי גרוים און שווער עס קומט זיי אן, מחמת די איינגעניש פון זייער פרנסה, אבער זיי האלטין דיין באפעל און היטען דיינע מצות, דרום ליבער גאט שיק א שפע וברכה צו אלע יודין, און זאלסט אונז היטין מיט דיין הייליגקייט, אז מיר זאלין חלילה ניט נכשל ווערין אין איסור חמץ אום פסח, און עס זאל אונז דער הייליגער יו"ט פסח גרינג אנקומען, און מיר זאלין חלילה ניט דארפען אנקומען צו מתנת בשר ודם. און העלף אונז מיר זאלען קענען און וועלין שטיצען די געפאלענע בעלי בתים זיי זאלען אויך האבען מיט וואס דעם הייליגען יום טוב צו מאכן, זיי זאלין אויך ניט פארשעמט ווערין, אמן.

רבונו של עולם, ווען מיר טוען יעצט בענטשין דעם חודש ניסן וואס אין אים האלטען מיר דעם יו"ט, וואס ער ווערט אנגירופין „פסח" דאס גאט האט איבער געהיפט די הייזער פון ישראל, ווען ער איז איבער געגאנגען אין לאנד מצרים צוא טויטין זייערע בכורים, און יודין האבען ביי די מזוזות פון די טירען מיט דעם בלוט פון דעם קרבן פסח געשמירט, האט דער משחית קיין שליטה ניט געהאט אריין צו גיין אין שטוב פון א יודין, אזוי זאלסטו אנשרייען אין אלע משחיתים, דאס זיי זאלען ניט קומען צו די טירען פון אונזערע הייזער ביז צוטאן אונז יודין און אונזערע קינדער אונד קינדם קינדער, און אונזער גאנצע הויז געזינד, זאלסטו מציל זיין פון אלעם בייזען, און זאלסט אונז דערלייזען היינטיגען חודש, אזוי ווי דו האסט אונז צו גיזאגט הן גאלתי אתכם וגו', איך וועל אייך דערלייזין דעם לעצטין מאל, אזוי ווי דעם ערשטין מאל. במהרה בימינו. אמן.

נאכהער זאגט מען דעם יהי רצון און מי שעשה נסים ווי ווייטער שטייט (נאך אלע חדשים׳דיגע תחנות).

ווען מ'בענטשט ר"ח אייר זאל מען זאגען די תחנה.

אב הרחמים הבוחר בעמו ישראל, דערבארעמיגער פאטער, וואס האט אויסערוויילט דיין פאלק ישראל, ווען מיר קומען יעצט

צו בענטשין און הייליגען דעם חודש אִיָר, דאס אין דעם חודש, האבען מיר אנגיהויבען צו זיין איין געליבטע פאלק פאר דיר. און דו האסט אונז דעם ליבען הייליגען שַׁבָּת גיגעבין, אזוי זאלסטו גידיינקען דעם זכות פון אונזער הייליגען שַׁבָּת, און דורך דעם זכות וואס דו האסט אונז וויבער גיגעבין די מִצְוָה פון ליכט בענטשין וכדומה, זאל דערהייכט ווערין אונזער מַזָל, און זאלסט אונז מציל זיין פון אלע שלאפקייטין וואס קענען פארקומען אין דעם חודש דורך דער טֶבַע וואס דו האסט איין גישטעלט, אז די וועטערין זאלין זיך בייטין, דער ווינטער גייט אוועק און דער זומער קומט אן, און שיק אונז א רפואה, ווי אין דער תּוֹרָה שטייט אֲנִי ה' רוֹפְאֶךָ, איך גאט וועל דיך היילין, אָמֵן.

רבונו של עולם, מיר קומען יעצט בענטשין דעם חודש אִיָר, דאס אין דער צייט ווען דו האסט די יודין פון מִצְרַיִם ארויס גענומען האסטו זיי אין דעם חודש אִיָר אנגיהויבען רעגענען דעם מָן פון הימל בזכות משה רבנו ע"ה, און א ברונען מיט וואסער וואס איז בעשאפין גיווארען אין ששת ימי בראשית, פרייטאג בין השמשות, איז ער נאך גיגאנגען די יודין אין דער מִדְבָּר (ער האט זיך גיקייקילט ווי א שטיין) פון דעם חודש אִיָר אן, בזכות מִרְיָם הַנְבִיאָה עָלֶיהָ הַשָׁלוֹם, יעצט גידיינק אונז ליבער גאט איר זכות, וואס זי האט פאר דיר שִׁירָה גיזאגט מיט די ווייבער, ווען די יודין זיינען אוים דעם ים גיגאנגען. אזוי ווי אין פסוק שטייט, וַתִּקַח מִרְיָם הַנְבִיאָה אֲחוֹת אַהֲרֹן אֶת הַתֹּף בְּיָדָהּ וַתֵּצֶאןָ כָל הַנָשִׁים אַחֲרֶיהָ בְּתֻפִּים וּבִמְחוֹלוֹת, וַתַּעַן לָהֶם מִרְיָם שִׁירוּ לַה' כִּי גָאֹה גָאָה סוּס וְרוֹכְבוֹ רָמָה בַיָם. מִרְיָם הַנְבִיאָה די שוועסטער פון אַהֲרֹן האט גינומען דעם פויק אין איר האנד, און עס זיינען ארויס גיגאנגען אלע ווייבער נאך איר מיט פויקין און כלי זֶמֶר. און מִרְיָם האט צו זיי גיזאגט זינגט צו דעם ליבען גאט, דען ער האט גיטאן גרויסע נסים, די פערד פון מִצְרַיִם מיט זייערע רייטער האט ער גיווארפען אין דעם טיפען ים, און אזוי זאלען מיר זוכה זיין צוזאגען שִׁירָה מיט אלע צדיקים ונשים צדקניות, ווען מָשִׁיחַ וועט קומען, און ערלייז אונז פון אלע צרות במהרה בימינו, אָמֵן.

התעוררי נא, דערוועק זיך מִרְיָם הַנְבִיאָה, שטיי אויף פון דיין רוהע און שטעל זיך פאר דעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְלָכִים הַקָדוֹשׁ

ב"ה, אוּן בֶּעט פוּן אִים, אַז עֶר זָאל אוֹיף אוּנְז רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אִין דֶעם חוֹדֶש אִיָּר, מִיר זָאלֶען הָאבֶּען גֶענוּג אוּנְזֶער שְׁפַּייז, אַזוֹי וִוי הַשי"ת הָאט גִישְׁפַּייזְט דִּי יוּדִין מִיט דֶעם מָן בִּזְכוּת דַיין בְּרוּדֶער מֹשֶׁה, אוּן דֶעם בְּרוּנֶעם וַואסֶער פוּן דַיין זְכוּת וֶועגִין, אַז מִיר זָאלֶען חָלִילָה נִיט פַאר אָרִימְט וֶוערִין, אוּן דֶער עִיקָר אִיז, אַז מִיר זָאלֶען גִירֵיינִיגְט וֶוערִין פוּן אַלֶע אוּנְזֶערֶע זִינְד, אַזוֹי וִוי דִי יוּדִין זַיינֶען גִירֵיינִיגְט גִיוָוארִין אִין דֶעם חוֹדֶש, וֶוען זֵיי זַיינֶען אִין דֶער מִדְבָּר גִיגַאנְגֶען מְקַבֵּל זַיין דִּי תּוֹרָה. הוֹשִׁיעָה ה' אֶת עַמֶּךָ וּבָרֵךְ אֶת נַחֲלָתֶךָ, הֶעלְף גָאט דַיין פָאלְק, אוּן בֶּענְטְשׁ דַיין נַחֲלָה, אוּן דֶער הֵייבּ זֵייעֶר מַזָל. אוּן דֶערְבַּארִים זִיךְ אוֹיף זֵיי כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים, אַזוֹי וִוי אַ פָאטֶער טוּט זִיךְ עֶרְבַּארִימֶען אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן בֶּענְטְשׁ אוּנְז דֶעם חוֹדֶש אִיָּר צוּם לֶעבִּין, אוּן גִיזוּנְד, אוּן מַזָל, אוּן בְּרָכָה, אָמֵן.

נָאכְהֶער זָאגְט מֶען דֶעם יְהִי רָצוֹן אוּן מִי שֶׁעָשָׂה נִסִּים וִוי וַויטֶער שְׁטֵייט (נאך אלע חדשים'דיגע תחנות).

וֶוען מְ'בֶּענְטְשְׁט ר"ח סִיוָן זָאגְט מֶען דָאס.

אַתָּה נִגְלֵיתָ בַּעֲנַן כְּבוֹדֶךָ עַל הַר סִינַי, רבש"ע דוּ הָאסְט עֶרְשַׁיינְט צוּ דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי, אוּן הָאסְט זֵיי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה גִיגֶעבִּין דֶעם זֶעכְּסְטִין טָאג אִין חוֹדֶש סִיוָן, וָואס מִיר קוּמֶען יֶעצְט בֶּענְטְשִׁין אוּן הֵיילִיגֶן, דְרוּם לִיבֶּער גָאט גִידֵיינְק אוּנְז דֶעם זְכוּת וָואס מִיר הָאבִּין דַיין לִיבֶּע הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מְקַבֵּל גִיוֶוען, אוּן מִיר זַיינֶען דִיר גִיוָוארֶען אַ גֶעלִיבְּטֶע פָאלְק, אָבֶּער וֶוען דוּ בִּיזְט צוּ יִשְׁמָעֵאל'ן מִיט עֵשָׂו'ן גִיגַאנְגֶען, הָאבֶּען זֵיי דַיין תּוֹרָה נִיט גִיוָואלְט נֶעמֶען, דְרוּם דֶערְמָאן אוּנְז דֶעם זְכוּת אוּן בֶּענְטְשׁ אוּנְז, אוּן עֶר־לַייכְט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער דִי אוֹיגִין צוּ דֶער תּוֹרָה, אוּם זֵיי זָאלִין הַאלְטִין דַיינֶע מִצְוֹת, אוּן עֶרְבַּארִים זִיךְ אִיבֶּער אוּנְז, דֶען מִיר זַיינֶען יֶעצְט גִיגְלִיכֶען צוּ אַיין אִשָּׁה וָואס אִיר מַאן אִיז אִין אַ וַויטֶע וֶועג אַוֶועק גֶערַייזְט, אוּן הָאט אִיר אִיבֶּער גִילָאזְט אִין אָרִימְקַייט אוּן אִין פַּיין, זִי טוּט הָאפִין אַלֶע טָאג אַז אִיר מַאן וֶועט קוּמֶן, אוּן אִיר מַזָל וֶועט דֶער הוֹיבֶּען וֶוערִין, אַזוֹ אוֹיךְ מִיר דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל, הֲגַם דוּ הָאסְט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן אוּנְז אוּן מִיר זַיינֶען יֶעצְט גִיגְלִיכֶען וִוי אַיין אַלְמָנָה חַיָּה, אָבֶּער מִיר הָאפֶען צוּ דִיר לִיבֶּער גָאט, אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוּם

קֶערִין צוּ אוּנְז, אוּנ דוּ וֶועסְט ווִידֶער רֵיידִין מִיט אוּנְז פֶּה אֶל פֶּה, אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט מִיט אוּנְז גִירֶעט אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי, אוּנ דוּ וֶועסְט בּוֹיעֶן דַיין קְרוֹינְשְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם גִיךְ אוּנ בַּאלְד, אוּנ דִי שֵׁיינְקַייט פוּן דַיין נַאצְיָאן, דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, זָאלְסְטוּ אוּנְז בּוֹיעֶן דָאס מִיר זָאלִין דִיר ווִידֶער דִינֶען ווִיא אַמָאל, וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיוֹת ווִיא אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָאהְרִין, אָמֵן סֶלָה.

תּוֹרָה תּוֹרָה! גֵיי אַרוֹיף אִין הִימֶל אוּנ זַיי אַ מֵלִיץ טוֹב פַאר דַיינֶע קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל, אוּנ דֶערְמָאן פַאר דֶעם רִבּוֹן הָעוֹלָמִים וִויפֶעל בְּלוּט עֶס אִיז פוּן זֵיי פַארְגָאסֶען גִיוָוארִין פוּן דַיינְטְווֶעגִין אִין חוֹדֶשׁ סִיוָן אוּנ ווִיפִיל צַדִיקִים זַיינֶען אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵׁם אוּמְגֶעקוּמֶען, אוּנ ווִיפֶעל בְּלוּט פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער, וָואס מֶען הָאט זֵיי אוֹיף דֶער מוּטֶערְס בְּרוּסְט גִיטוֹיט, וָואס עֶס אִיז נִיט מֶעגְלִיךְ פָאר צוּ שְׁטֶעלִין דִי ווִייטָאגִין וָואס מִיר הָאבֶּען אִין יֶענֶע צֵייטִין גִיהַאט, אוּנ דָאס אִיז אַלְס גִיוֶועזִין, ווַייל זֵיי הָאבֶּען נִיט גִיוָואלְט מְחַלֵל זַיין דֶעם הֵיילִיגֶען בְּרִית פוּן דֶער תּוֹרָה, אוּנ פַארְשְׁטֶערִין אִירֶע גִיזֶעצִין, דְרוּם גִיהֶערְסְטוּ צוּ דֶער מָאנֶען דֶעם זְכוּת פַאר דֶעם כִּסֵא הַכָּבוֹד, דָאס עֶס זָאל גִיגְלִיכִין זַיין דִי בְּלוּט, ווִי דִי בְּלוּט פוּן דִי קָרְבָּנוֹת וָואס מֶען פְלֶעגְט שְׁפְּרִיצֶען אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ, עֲשֵׂה לְמַעַן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, טוּ פוּן וֶועגִין דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, וָואס זֵייא לֶערְנֶען אִין חֶדֶר דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּנ בֶּענְטְשׁ אוֹיף אוּנְז דֶעם חוֹדֶשׁ סִיוָן, אַז מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין גוּטֶע קִינְדֶער צוּ הָאבִּין, אוּנ מִיר זָאלֶען זֵיי קֶענֶען מְגַדֵל זַיין צוּ דַיין לִיבֶּע תּוֹרָה אוּנ צוּ מַעֲשִׂים טוֹבִים. וְנֹאמַר אָמֵן.

נַאכְהֶער זָאגְט מֶען דֶעם יְהִי רָצוֹן אוּנ מִי שֶׁעָשָׂה נִסִים ווִי וַוייטֶער שְׁטֵייט (נאך אלע חדשים׳דיגע תחנות).

ווען מְ׳בֶּענְטְשְׁט ר״ח תַּמוּז זָאל מֶען דִי תְּחִנָה זָאגֶען.

רִבּוֹן הָעוֹלָמִים וַאֲדוֹנֵי הָאֲדוֹנִים! הֶער פוּן אַלֶע וֶועלְטִין, אוּנ הֶער אִיבֶּער אַלֶע הֶערִין, מִיר קוּמֶען פַאר דִיר יֶעצְט בֶּענְטְשִׁין אוּנ הֵיילִיגֶען דֶעם חוֹדֶשׁ תַּמוּז דָאס אִין דֶעם אַנְדֶערִין טָאג רֹאשׁ חוֹדֶשׁ הָאט אוּנְזֶער מוּטֶער רָחֵל אִיר טַייעֶרִין זוּהן יוֹסֵף הַצַדִיק גִיבָּאהֶרִין, עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילֶען פַאר דִיר גָאט אוּנְזֶער גָאט, דָאס עֶס זָאל דֶער-וֶועקְט וֶוערִין אוֹיף אוּנְז דֶער זְכוּת פוּן אוּנְזֶער מוּטֶער רָחֵל, אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט גִיהֶערְט אִיר גִיבֶּעט, ווֶען זִי הָאט גְרוֹיס צַעַר גֶעלִיטֶען, דָאס זִי

האט

האט קיין קינדער גיהאט און האסט איר א טייערין זון יוסף גיגעבען, אזוי זאלסטו צוהערין דאס גיבעט פון די אלע וואס האבען קיין קינדער ניט, דאס זיי זאלען דערמאנט ווערין צו האבען גוטע קינדער אזוי ווי יוסף הצדיק, אבער אונזערע קינדער זאלען חלילה ניט צו גינומען ווערין פון אונז, און מיר זאלען פון זיי גרויס גדולה זעהן, אזוי ווי אונזער פאטער יעקב האט אם ענדע גיזעהן גרויס גדולה פון זיין זוהן יוסף הצדיק, און עס זאל ניט פאר שטערט ווערין זייער גדולה ביז אייביג.

הייליגער גאט אזוי ווי יוסף הצדיק איז ביי גישטאנען ביי דעם גרויסין נסיון וואס זיין ווירטהין (פוטיפר'ס פרוי) האט אים אן גירעט, הגם ער איז גיוועזען איונגער מענש (אין די רעכטע היציגקייט) און אין אזא הייסין קלימאט ווי מצרים און דער ווייטערט פון זיין פאמיליע (ער האט זיך פאר קיינעם ניט גיהאט צו שעמען) און דאך האט ער גיזיגט דעם יצה"ר פון זנות און איז גיבליבין ריין און ציכטיג, ווייל ער האט גיהאט בושה פאר דיר צו טאן אזא שענדליכע זאך, אזוי ליבער גאט זאלסטו העלפען אונזערע זין און טעכטער ובפרט די וואס זייגען פערייזט פון זייער היים, זיי זאלין האבין בושה פאר דיר וואס דו זעסט אומעדום, און זיך ניט פארפלעקין אין די שמוציגע עברה פון זנות, און זאלען בלייבין ביז זייער ענדע לעבין ריין און ציכטיג, ובזכות יוסף הצדיק וואס ער איז גיבענשט גיווארען פון זיין פאטער יעקב מיט פיל ברכות און נאכהער האט משה רבנו גיבענשט זיין לאנד (זיין טייל וואס ער וועט נעמען אין ארץ ישראל) מיט גרויס גירעטעניש, אזוי זאלסטו אונז אויך בענטשין אין דעם חודש, אז די תבואה פון די פעלדער זאל חלילה ניט פאר ברענט ווערן פון היץ, און קיין הייסעריג זאל חלילה זיי ניט אב עסין, רבונו של עולם (מלא אסמינו שבע) דער פיל אונזערע אוצרות מיט זעט פון דיין גיבענשטע האנד, עס זאל חלילה ניט זיין קיין הונגער און קיין יקרות, עס זאל אין אונז מקוים ווערין דיין ברכה (ונתתי גשמיכם בעתם) איך וועל געבין רעגין אין דער צייט (ונתנה הארץ יבולה) די ערד וועט געבין אירע פרוכט (ועץ השדה יתן פריו) און אלע בוימער אפילו די אילני סרק (די וואלד בוימער) וועלין געבין פרוכט, בכדי מיר זאלען זיין רוהיג דיר צו דינען מיט ליבשאפט, אמן.

נאכהער זאגט מען דעם יהי רצון און מי שעשה נסים וויא ווייטער שטייט (נאך אלע חדשים'דיגע תחנות).

וָוען מ׳בֶּענְשְׁט ר״ח מְנַחֵם אָב זָאגְט מֶען דָאס.

הַבֵּט נָא עַמְּךָ כֻּלָּנוּ, פָאטֶער פוּן הִימֶל וֶועה דָאס מִיר דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל שְׁטֵייעֶן אוּנ בֶּעטִין דִיךְ, דָאס דוּ זָאלְסְט אוּנְז טְרֵייסְטִין אַזוֹי וִוי אַ פָאטֶער, אוּנ פַאר גִיבּ אוּנְזֶערֶע זִינְד דָאס אִיבֶּער זֵיי זַיינֶען מִיר פוּן אוּנְזֶער לַאנְד פֶערְטְרִיבֶּען גִיוָוארֶען, אוּנ פוּן אוּנְזֶער עֶרְד דֶער וַוייטֶערְט, אוּנ דַיין הֵיילִיגֶר וואוֹינוּנְג (בֵּית הַמִּקְדָּשׁ) אִיז אִין דֶעם חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב פַאר בְּרֶענְט גִיוָוארִין. אוֹי לָנוּ וְאוֹי לְנַפְשֵׁנוּ, וִויא אִיז אוּנְז אוּנ וויא אִיז צוּ אוּנְזֶערֶע נְפָשׁוֹת, דֶען עֶס אִיז צוּ גִינוּמֶען גִיוָוארֶען דִי לִיכְט פוּן אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען, דָאס אִיז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וָואס עֶר פְלֶעגְט פַאר גֶעבִּין אוֹיף אוּנְזֶערֶע זִינְד, אוֹיךְ וֶוען עֶר אִיז גִישְׁטַאנֶען, אִיז אִין דֶעם חוֹדֶשׁ גִיוֶוען אַזוֹי אַ יוֹם טוֹב דָאס עֶס אִיז זַיין גְלַייכֶען נִיט גִיוֶוען, אָבֶּער יֶעצְט אִיז עֶר צוּ אוּנְז נָאר פוּל מִיט טְרוֹיעֶר אוּנ גִיוֵויין, דֶען מִיר טוּעֶן זִיךְ בַּאדֵיינְקֶען דִי גְדוּלָּה וָואס עֶס אִיז פוּן אוּנְז אַוֶועק גִינוּמֶען גִיוָוארְען, לִיבֶּער גָאט! הֶער צוּ דֶעם יָאמֶער פוּן צִיּוֹן, אוּנ פַאר נֶעם דָאס גֶעשְׁרֵיי פוּן יְרוּשָׁלַיִם, וָואס זֵי טוּט מִיט אַ בִּיטֶער הַארְץ קְלָאגֶען, אוּנ אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט זֵי מִיט פַייעֶר פַאר בְּרֶענְט, אַזוֹי זָאלְסְטוּ זֵי בּוֹיעֶן מִיט פַייעֶר, אַזוֹ וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט וַאֲנִי אֶהְיֶה לָהּ נְאוּם יְיָ חוֹמַת אֵשׁ סָבִיב, אִיךְ וֶועל זַיין צוּ יְרוּשָׁלַיִם (דָאס זַיינֶען דִי רֵייד פוּן גָאט) אַ מוֹיעֶר פוּן פַייעֶר אַרוּם אוּנ אַרוּם, גִילוֹיבְּט בִּיסְטוּ גָאט דֶער טְרֵייסְטֶער פוּן צִיּוֹן, אוּנ דֶער בּוֹיעֶר פוּן יְרוּשָׁלַיִם, אָמֵן.

נאכְהֶער זָאגְט מֶען דֶעם יְהִי רָצוֹן אוּנ מִי שֶׁעָשָׂה נִסִּים וִויא וַוייטֶער שְׁטֵייט (נאך אלע חדשים׳דיגע תחנות).

וֶוען מ׳בֶּענְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל זָאגְט מֶען דִי תְּחִנָּה.

אַרְיֵה שָׁאַג מִי לֹא יִירָא? וֶוען אַ לֵייבּ שְׁרַייט וֶוער זָאל זִיךְ נִיט פָארְכְטֶען? דָאס וָוארְט אַרְיֵ״ה בַּאטַייט (די אל״ף מאכט) „אֱלוּל״ (די רי״ש מאכט) „רֹאשׁ הַשָּׁנָה״ (די יו״ד מאכט) „יוֹם כִּפּוּר״ (די ה״א מאכט) „הוֹשַׁעְנָא רַבָּה״, דָאס הֵייסְט וֶוען עֶס קוּמֶען דִי דָאזִיגֶע הֵיילִיגֶע אוּנ פָארְכְטִיגֶע טֶעג וֶוער זָאל זִיךְ נִיט פָארְכְטִין? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, יֶעצְט קוּמֶען מִיר בֶּענְטְשִׁין אוּנ הֵיילִיגֶען דֶעם חוֹדֶשׁ אֱלוּל מִיט גְרוֹיס פָארְכְט אוּנ צִיטֶערְנִשׁ, דֶען עֶס קוּמְט אָן דִי צַייט וָואס דוּ וֶועסְט זִיךְ זֶעצִין אוֹיף דַיין שְׁטוּל צוּ מְשַׁפְּטִין דִי וֶועלְט, דְרוּם טוּט אוּנְז יֶעצְט אַ צִיטֶערְנִישׁ אָן חַאפִּין, אוּנ

אונזער הארץ צו גיט אין אונז אזוי ווי וואסער, אונ איך פֿעדער מיך דיין דינערין (פלונית בת פלונית) דאס איך בין ערד אונ אש אונ בין געקומען צו דער וועקין גרוים דער בארימקייט, דאס דו זאלסט מיך אונ אלע יודין גנעדיגען אין דעם חודש אלול וואס איך טו פאר דיר יעצט בענטשין, דאס דו זאלסט מיר עפֿענען די טויערין פון תשובה, טויערין פון תפלה, דאס עס זאל פאר געבין ווערין נאר מיינע זינד, אונ זאלסט מיך שרייבין אין דעם בוך פון לעבין דעם ראש השנה וואס וועט זיין, בענשין אונ באגליקען אלע מיינע וועגין אונ נאר די ווערק פון מיינע הענד, אונ גיב מיר אגוטע אריינע הארץ איך זאל פארשטיין, ווי וייט נאריש איך בין געוועזן, מיט דעם וואס איך האב אב געטראטין פון דיין תורה, וואס זי פירט צו די וועג פון לעבין, אז איך זאל איין אמת'ה חרטה האבין אויף מיינע בייזע מעשים, אונ זאל ביי זיך מאכין אפעסטין בעשלוס אז איך זאל שוין מער ניט זינדיגען, אונ זאל דיך ניט דער צערענען, אונ עפין מיר די טויערין פון פרנסה אונ זאלסט מיר געבין חן אונ חסד אין דיינע אויגען אונ אין די אויגען פון אלע וואס זעהן מיך, דען דו ביסט נאהענט צו די אלע וואס רופען דיך. אונ ווערסט גיפונען צו די וואס פארשטין דיך, אונ ענטפער מיר אז דער חודש אלול וואס איך טו יעצט בענטשען, זאל געבענטשט ווערען פון דיין פולער ברכה, אמן:

פאר יעדער ראש חודש בענטשין זאגט מען דעם יהי רצון:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁתְּחַדֵּשׁ עָלֵינוּ אֶת הַחוֹדֶשׁ הַזֶּה לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה. וְתִתֶּן לָנוּ חַיִּים אֲרוּכִים. חַיִּים שֶׁל שָׁלוֹם. חַיִּים שֶׁל טוֹבָה. חַיִּים שֶׁל בְּרָכָה. חַיִּים שֶׁל פַּרְנָסָה. חַיִּים שֶׁל חִלּוּץ עֲצָמוֹת. חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם יִרְאַת שָׁמַיִם וְיִרְאַת חֵטְא. חַיִּים שֶׁאֵין בָּהֶם בּוּשָׁה וּכְלִמָּה. חַיִּים שֶׁל עוֹשֶׁר וְכָבוֹד. חַיִּים שֶׁתְּהֵא בָנוּ אַהֲבַת תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם. חַיִּים שֶׁיִּמָּלְאוּ מִשְׁאֲלוֹת לִבֵּנוּ לְטוֹבָה בִּזְכוּת תְּפִלַּת רַבִּים. אָמֵן סֶלָה:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ עס זָאל זַיין דיין גוּטֶער ווִילֶען אוּנְזֶער גָאט, וָואס דוּ בִּיזְט אוֹיךְ דֶער גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין, (שֶׁתְּחַדֵּשׁ) דָאס דוּ זָאלְסְט בֶּענַייעֶן אוֹיף אוּנְז דִיזֶען קוּמֶענְדִיגֶען חוֹדֶשׁ (לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה) צוּ גוּטִין אוּנ צוּ גְלִיק, אוּנ גִיב אוּנְז אֲרִיכוּת יָמִים אוּנ אַקְרֶעכְטִיגֶען לֶעבֶּען. אַלֶעבִּין פוּן פְרִידֶען, אַגוּטִין אוּנ גְלִיקְלֶעכֶען לֶעבִּין, אַלֶעבִּין פוּן פַּרְנָסָה מִיט נַחַת אָן צַעַר, אַלֶעבִּין מִיט אַקְרֶעכְטִיגוּנג אִין דִי בֵּיינֶער אוּנ אִין דִי גְלִידֶער (חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם יִרְאַת שָׁמַיִם) אַלֶעבִּין וָואס מִיר אוּנ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלֶען גְלוֹיבֶּען מִיט אַרַיינֶע הָאָרֶץ אִין גָאט בָּרוּךְ הוּא אוּנ גֵיין אִין גוּטֶען וֶועג, מִיר זָאלִין נִיט פַארְשֶׁעמְט וֶוערִין אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט אוּנ נִיט בָּעוֹלָם הַבָּא פַאר פַּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה. (חַיִּים שֶׁל עוֹשֶׁר וְכָבוֹד) אַלֶעבִּין מִיט פֶערְגְנִיגֶען דוּרְךְ רַייכְטֵהוּם אוּנ עֶהְרֶע, מִיר זָאלִין קֶענֶען מְגַדֵּל זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער פַאר עֶרְלִיכֶע אִידֶען מִיט גוּטֶע מַעֲשִׂים, ווִי דָוִד הַמע"ה הָאט גִיבֶּעטִין רבש"ע אִיךְ זָאל שְׁטַארְבִּין ווִי אַמֶלֶךְ נִיט ווִיא אַיין אֶבְיוֹן, (חַיִּים) אַלֶעבִּין דָאס עֶס זָאל זִיךְ עֶרְוֶועקִין אִין אוּנְז אַלִיבֶּע צוּ דִי הַיילִיגֶע תּוֹרָה אוּנ הָאבִּין אִין זִיךְ יִרְאַת שָׁמַיִם ווִי דִי קִינְדֶער פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ ע"ה, וָוארוּם אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גִיזָאלְט שְׁטַארְבִּין, הָאט עֶר גִיוָואלְט עֶנְטְדֶעקִין זַיינֶע קִינְדֶער דִי צַייט פוּן דִי גְאוּלָה, הָאט זִיךְ דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּן אִים אָב גִיטָאן הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקֶען אוּנ גִיזָאגְט צוּ זֵיי, אֶפְשַׁר אִיז דָא אֵיינֶער פוּן אַייךְ וָואס גְלוֹיבְּט נִיט אִין גָאט בָּרוּךְ הוּא חָלִילָה? הָאבִּין זֵיי אַלֶע צוּ זַאמֶען גִיעֶנְטְפֶערְט (שְׁמַע יִשְׂרָאֵל) הֶער צוּ אוּנְזֶער פָאטֶער יִשְׂרָאֵל (ה׳ אֱלֹהֵינוּ ה׳ אֶחָד) דֶער גָאט וָואס אִיז דַיין גָאט, דֶער אִיז אוּנְזֶער גָאט אוֹיךְ, גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיז אֵיינֶער, דַאן הָאט עֶר בַּאקוּמֶען מוּטְה אוּנ הָאט זֵיי גִיבֶּענְשְׁט, אַזוֹי זָאלְסְטוּ לִיבֶּער גָאט אוּנְז אוֹיךְ בֶּענְשִׁין אוּנ גֶעבִּין אַגְלִיקְלִיכֶען חוֹדֶשׁ, אַז עֶס זָאל עֶרְפִילְט וֶוערִין אַלֶע בַּקָשׁוֹת וָואס מִיר הָאבִּין גִיבֶּעטִין צוּ גוּטִין, בִּזְכוּת דִי תְּפִלָּה פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אָמֵן סֶלָה:

מִי שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ. וְגָאַל אוֹתָם מֵעַבְדוּת לְחֵרוּת. הוּא יִגְאַל אוֹתָנוּ בְּקָרוֹב. וִיקַבֵּץ נִדָּחֵינוּ מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ. חֲבֵרִים כָּל יִשְׂרָאֵל. וְנֹאמַר אָמֵן:

מִי שֶׁעָשָׂה נִסִּים. דֶער גָאט וָואס הָאט גִיטָאן וואונְדֶער צוּ אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין אוּנ הָאט זֵיי אוֹים גִילֵייזְט פוּן קְנֶעכְטְשַׁאפְט צוּ פְרַייהַייט, א) דֶער זָאל אוֹים לֵייזֶין אוּנְז אוֹיךְ בַּאלְד, אוּנ זָאל צוּזַאמֶען פִירֶען אוּנְזֶערֶע פֶערְשְׁטוֹיסְעֶנֶע פוּן אַלֶע עֶנְדִין וֶועלְט, אוּם דָאס גַאנְצֶע פָאלְק יִשְׂרָאֵל זָאל פֶערְאֵיינִיגְט וֶוערִין, אָמֵן.

רֹאשׁ חוֹדֶשׁ (פלוני) יִהְיֶה בְּיוֹם (פלוני) הַבָּא עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל לְטוֹבָה:

רֹאשׁ חוֹדֶשׁ (. . . . .) וֶועט זַיין (. . . . .) וָואס קוּמְט אוֹיף אוּנְז אוּנ כָּל יִשְׂרָאֵל צוּ גוּטִין.

יְחַדְּשֵׁהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל. לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם. לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה. לִישׁוּעָה וּלְנֶחָמָה. וְנֹאמַר אָמֵן:

דֶער הֵיילִיגֶער גָאט (גיליבּט איז ער) זָאל בֶּענַייעֶן דֶעם קוּמֶענְדִיגֶען מָאנְהַייט פַאר אוּנְז אוּנ פַאר כָּל יִשְׂרָאֵל, צוּם לֶעבִּין אוּנ צוּ פְרִידֶען, צוּ פְרֵייד אוּנ צוּ פְרֵייהְלִיכְקַייט, צוּ הִילְף אוּנ צוּ טְרֵייסְט. אוּנ מִיר זָאגֶען דַארוֹיף, אָמֵן.

תְּחִנָּה שַׁעֲרֵי זִמְרָה (ווען מען זאגט אנעים זמירות).

לִיבֶּער הֶער גָאט! עֶפִין מִיר דִי טוֹיעֶרִין פוּן לוֹיבּ אוּנ גֶעזַאנְג, אוּנ פַאר נֶעם מַיין לוֹיבּ גֶעזַאנְג וִוי דָאס לוֹיבּ גֶעזַאנְג פוּן אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב משֶׁה אַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, אוּנ עֶפִין מִיר דִי טוֹיעֶרִין פוּן הִימֶעל. אוּנ דִי טוֹיעֶרִין פוּן גַּן עֵדֶן, אוּנ הֶעלְף מִיר עֶס זָאל אוֹיף אוּנְז נִיט גִיוֶועלְטִיגֶען דֶער יֵצֶר הָרָע, אוּנ דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת (אדער יום טוב) זָאל אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר זַיין פַאר מִיר אוּנ פַאר מַיין מַאן אוּנ קִינְדֶער אוּנ פַאר כָּל יִשְׂרָאֵל, צוּ אַלֶעם גוּטִין אָמֵן, (וּבְרַחֲמֶיךָ הַגְּדוֹלִים נָא חַזֵּק וּשְׁמוֹר נַפְשִׁי)

שערי ציון

א) אַלֶע פֶעלְקֶער צֵיילֶען דִי חֳדָשִׁים פוּן זֵייעֶר אָנְהֵייבּ יָאהר, אָבֶּער מִיר אִידֶען צֵיילֶען דִי חֳדָשִׁים נִיט פוּן תִּשְׁרֵי (וָואס עֶר אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה) נוּר פוּן נִיסָן, צוּ וַוייזֶען אַז מִיר שְׁטֵייעֶן נִיט אוּנְטֶער דִי נַאטוּר, וַוייל מִיט דֶער נַאטוּר דַארְפֶען מִיר זִיךְ גָאר נִיט גֶעפִינֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּנ אוּנְזֶערֶע מוּטֶערְס שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל זַיינֶען גֶעוֶועזֶן עֲקָרוֹת, נוּר דֶער בּוֹרֵא הָאט אוֹיף גֶעהֵייבֶּען אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיבֶּער דִי נַאטוּר (הֶעכֶער פוּן דִי מַזָּלוֹת) אוּנ הָאט אִים גֶעגֶעבֶּען קִינְדֶער, אַלְזָא שְׁטֵייעֶן מִיר זֶרַע אַבְרָהָם הֶעכֶער פוּן דִי מַזָּלוֹת נוּר אוּנְטֶער דִי הַשְׁגָּחָה פוּן השי"ת, דְרוּם הָגַם מִיט דִי נַאטוּר הָאט קֵיין עֶבֶד

נִיט

מִיט דַיין גְרוֹיס דֶער בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקַייט שְׁטַארְק אוּנ בַּאשִׁירֶעם מַיין לַייבּ פוּן גֵיהִנֹם וְחִבּוּט הַקֶבֶר וְחֶבְלֵי מָשִׁיחַ, אוּנ גִיבּ מִיר אַלֶעם גוּטְס, אוּנ זָאלְסְט מִיר מְזַכֶּה זַיין צוּ עֶרְצִיהֶען מַיינֶע קִינְדֶער לְתוֹרָה וּלְחֻפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים. אָמֵן:

שיר תְּחִנָּה אַנְעִים זְמִירוֹת הכבוד

אַנְעִים זְמִירוֹת, אַלִיבְּלִיכֶע לוֹיבּ-גִיזַאנְג וֶועל אִיךְ זִינְגֶען אוּנ וֶועל זַיי וֶועבִּין מִיט לוֹיבּ לִידֶער, דֶען צוּ הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא טוּט מַיין נְשָׁמָה בֵּיינְקֶען.

נַפְשִׁי, מַיין זֶעלֶע גֶעלוּסְט צוּ זַיין אוּנְטֶער דֶעם שׁוּטְץ פוּן דַיין הֵיילִיגֶע שְׁכִינָה, אוּם צוּ ווִיסֶען אַלֶע גֶעהֵיימֶע סוֹדוֹת פוּן דַיין תּוֹרָה.

מִדֵּי דַבְּרִי, וֶוען אִיךְ טוּ רֵיידִין וֶועגִין דַיין הֶערְלִיכֶען כָּבוֹד בְּרוּמְט (בּיינקט) מַיין הַארְץ צוּ דַיין פְרַיינְדְשַׁאפְט.

עַל כֵּן, דְרוּם וֶועל אִיךְ שְׁפְּרֶעכִין וֶועגִין דִיר גִיעֶהרְטֶע רֵייד, אוּנ דַיין נָאמֶען וֶועל אִיךְ עֶהרִין מִיט אַפְרֵייליךְ גִיזַאנְג.

* * *

אֲסַפְּרָה עֶרְצֵיילֶען דַיין הֶערְלִיכְקַייט בִּין אִיךְ נִיט אִימְשְׁטַאנְד, וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר נִיט גִיזֶעהֶן, פָאר צוּ שְׁטֶעלִין דִיר בְּדֶרֶךְ דִמְיוֹן, ווֵיים אִיךְ אוֹיךְ נִיט וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר נִיט גוּט עֶרְקֶענְט, דָאךְ עֶרְלוֹיבּ אִיךְ מִיר צוּא רֵיידִין וֶועגִין דַיין עֶהרֶע.

בְּיַד וַוייל דוּרְךְ דַיינֶע נְבִיאִים (פראפעטין) דוּרְךְ דַיינֶע טְרַייעֶ דִינֶער, וָואס הָאבֶּען זוֹכֶה גִיוֶועזֶען צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ הָאסְטוּ פָארְגִישְׁטֶעלְט דֶעם הֶערְלִיכֶען פְּרַאכְט פוּן דַיין שֵׁיינְהַייט.

גְדוּלָּתְךָ דַיין גְרוֹיסְקַייט אוּנ דַיין מַאכְט הָאבֶּען זַיי אָנְגִירוּפֶען נָאךְ דִי וִויכְטִיגְקַייט פוּן דַיינֶע מַעֲשִׂים, וֶוען דוּ פִירְסְט זִיךְ בְּמִדַּת

שערי ציון

נִיט גֶעקָאנְט אַרוֹיס גֵיין פוּן דֶעם אַייזֶערְנֶעם שְׁלָאס פוּן מִצְרַיִם, אָבֶּער מִיט אוּנְז הָאט השי"ת גֶעטָאן נִסִים וְנִפְלָאוֹת אִיבֶּער דִי נַאטוּר, אוּנ הָאט אוּנְז אַרוֹיס גֶעפִירְט אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן מִיט גְרוֹיס שְׁטָאלְץ פוּן קְנֶעכְטְשַׁאפְט צוּ פְרַייהַייט, אוּנ וַוייל רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בֶּענְשִׁין בִּכְלַל וַוייזְט דָאךְ, אַז מִיר וֶוערִין גִיפִירְט מִיט דִי אִיבֶּער נַאטִירְלִיכֶע הַשְׁגָחָה (ווי עֶס אִיז עֶרְקְלֶערְט אִין דִי עֶרְשְׁטֶע תְּחִנָּה פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בֶּענְשִׁין) דְרוּם הוֹיבֶּען מִיר אָן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בֶּענְשִׁין מִיט דִי תְּפִלָּה (מִי שֶׁעָשָׂה נִסִים לַאֲבוֹתֵינוּ).

אזוי

הרחמים רופען זיי דיר מיט דעם נאמען „גדול", און ווען במדת
הדין רופען זיי דיר מיטין טיטול „גבור".

דמו זיי (די נביאים) האבען דיר פארגישטעלט, אבער דאך ניט
ווי דו ביזט (ווייל דער מענש בייא זיין לעבין קען דיר נים בעגרייפען), זיי האבין
דיר נור גיגליכען נאך דיינע מעשים.

המשילוך זיי האבען דיר פארגליכען אין פילע ערשיינונגען, אבער
באמת ביזטו איינער אין די אלע פארשטעלונגען.

ויחזו זיי (די נביאים) האבין דיר גיזעהן אין גישטאלט פון אגרייז גראען
מאן (ביין בארג סיני) און ווי איונגער העלד (ביין שפאלטען דעם ים
פאר די ישראל).

זקנה אלטקייט האבין זיי גיזעהן בעת דו זיצט אויף דעם כסא
המשפט (ריכט שטול) און יוגענד אין דעם טאג פון שלאכט, ווי
איין קריגס העלד (איש מלחמה) איז דיינע הענד אים מעכטיג (רעכענען זיך מיט
די שונאי ישראל ווי מיט די מצרים ביין ים און דאס גלייכין).

חבש פערבונדין מיט איין זיעג (נצחון) הוט אויף זיין קאפ, עס האט
אים גיהאלפען זיין רעכטע האנד און זיין הייליגער ארם (דאס
הייסט מיט אונזער תורה ומעשים טובים גיבין מיר אים כומה אב צו רעכענען זיך
מיט אונזערע באליידיגער).

טללי מיט שטראלענדע טוי איז זיין קאפ פול, און זיינע האר-
לאקען (איז פול) מיט די טראפען רעגין פון די נאכט א).

יתפאר ער רימט זיך מיט מיר, ווייל איך גיפעהל אים, און ער וועט
זיין צו מיר ישראל איין העכליכער און פארכטיגער קרוין.

כתם אקרוין פון ריינע גין גאלד איז דאס גישטאלט פון זיין
קאפ, און עס איז גיצייכינט אויפ'ן שטערין (פון כהן גדול) די
העכליכקייט פון זיין הייליגען נאמען (דער כהן גדול האט גיטראגין אויפען
שטערין אגאלדענעם צירונג (ציץ) גיקריצט אויף אים די ווערטער קודש לה').

מעשה אלפס

1) אזוי ווי די זון שיין איז קלאר און ליכטיג, אבער ווען זי שיינט אריין אין א שטוב וואס די פענסטער איז פארקאלכט זעט זי אויס דונקיל, אזוי איז די הימלישע השפעה, בעת זי גייט ארוים פון השי"ת איז זי ליכטיג, פול מיט רחמים, נור אז זי קומט צו דעם מענשין וואס זיין נפש איז פארשמירט מיט קאלך און שמוץ פון זינד זעט זי בייא אים אויס פינסטער, דאס איז דער גידאנקען (ראשו) דער אנפאנג פון די השפעה, בעת זי גייט ארוים פון השי"ת איז זי ווי די שטראלענדע טוי פון פריה מארגין, (קווצותיו), אבער ווען זי קומט אראפ אויף די ברעגעס פון די האר (אויף דעם עולם השפל) ווערט זי ווי די טראפינס רעגין פון די פינסטערע נאכט.

להן צו חן, עהרע אונ הערליכען פראכט, האט אים זיין פאלק ישראל (בעקרוינט מיט דעם קרוין פון זייער תפלות ותשבחות).

מחלפות די צייטלען האר פון זיין קאפ, זיינען ווי ביי איונגען מאן, זיינע לאקין זיינען גיקרויזט אונ שווארץ.

נוה הצדק, די וואהנונג פון גירעכטיגקייט, די הערליכקייט פון זיין פראכט (דאס איז ירושלים עה"ק), זאל זיין דער ווילען פון השי"ת, אז ער זאל זי אויפבריינגען צום אנדיינקונג ביי די הויפט. פון זיין פריידע.

סגולתו זיין געליבטע פאלק (ישראל) זאלין זיין ווי אצירונג אין זיין האנד. ווי אקעניגליכע קרוין אין איר הערליכען פראכט.

עמוסים זיי זיינען אויף אים אויפגעלאדען אונ ער האט זיי גיטראגין (פון מצרים), זיין קרוין (די תורה) האט ער זיי געצירט, ווייל זיי זיינען טייער אין זיינע אויגען האט ער זיי געעהרט (ארום גערינגעלט מיט ענני כבוד אונ גישפייזט מיט מן פון הימל).

פארו זיין הערליכקייט איז אויף מיר אונ מיין פערהערליכונג איז אויף אים א), אונ ער איז נאהענט צו מיר ווען איך רוף צו אים.

צח מיין פריינד (הקב"ה) איז העל אונ רויט, כלומר, אפילו ווען ער משפט די וועלט איז ער מצרף דעם מדת הרחמים צום מדת הדין, אבער ווען ער וועט טרעטין זיין קעלטער אין אדום, דאס הייסט ער וועט זיך רעכענען מיט די שונאי ישראל, וועט זיין קלייד זיין נור רויט (דורך אוים מדת הדין).

קשר דעם תפלין באנד האט ער געוויזען צו דעם פרומען (משה רבינו) בעת ער האט געבעטין גאט זאל אים ווייזין זיין כבוד, האט משה אין דעם פארשטאנען אז (רוצה ה' כו').

רוצה אז אים (דעם בורא ב"ה) וואהלגעפעלען זיין פאלק, די פרומע צו בעשיינען, ער ווארט מקבל צו זיין די לויב גיזאנג פון ישראל מיט זיי צו ריהמען זיך (ווי אין די תפילין פון השי"ת שטייט ומי כעמך ישראל).

מעשה אלפס

א) תפלין רופין זיך „פאר" דאס הייסט איך טראג זיינע תפלין, וואס אין זיי איז געשריבען זיין ריהמונג, אז ער איז דער גרויסער אינזינער, וואס האט אליין געשטרויעט דעם הערליכען וועלט פאלאץ מיט אלע הערשאפט וואס אין אים געפינט זיך אונ ער איז די נשמה פון דער וועלט, וואס ער איז אין זיי משפיע חיות אלע רגע, אונ ער כביכול טראגט מיינע תפלין. וואס אין זיי איז געשריבען מיין ריהמונג, אז איך בין איין איינציגע פאלק אויף דער וועלט וואס לאזט זיך ברענגען אונ בראטין ווענין די היילינג פון דער תורה אונ דעם כבוד פון זיין נאמען.

אין

ראש אִין אָנְפַאנְג פוּן דַיין וָואָרְט (דיין תורה) עֶרְשַׁיינְט דֶער „אֱמֶת״ אַרוֹיס צוּם עֶרְשְׁטִין, צוּ וַוייזִין אַז אִין יֶעדֶער צַייט בִּיזְט דוּ נָאהֶענְט צוּ דִי פָאלְק וָואס זוּכְט דִיר מִיט אֱמֶת ב)׃

שִׂיחַ נֶעהם אוֹיף צוּ דִיר דִי הוֹיכֶע שְׁטִימֶע פוּן מַיינֶע לוֹיב לִיעדֶער אוּנ מַיין גֶעזַאנְג זָאל נָאהֶענְט קוּמֶען צוּ דִיר׃

תְּהִלָּתִי מַיין לוֹיב זָאל זַיין אַקְרוֹין צוּ דַיין קָאפּ, אוּנ מַיין גִיבֶּעט זָאל זַיין גְלַייךְ וִוי דִי קְטוֹרֶת (רויכוויערק) וָואס דִי כֹּהֲנִים הָאבֶּען מַקְטִיר גִיוֶועזֶען אִין דַיין הֵיילִיגֶע הוֹיז (בית המקדש)׃

תִּיקַר עֶס זָאל בַּיי דִיר טְהַייעֶר זַיין דִי לוֹיבּ גֶעזַאנְג פוּן מִיר אָרִימֶע פְרוֹי, וִויא דִי לוֹיבּ־גֶעזַאנְג וָואס דִי לְוִיִּם הָאבִּין גִיזוּנְגֶען בַּיי דִי קָרְבָּנוֹת אִין בֵּית הַמִּקְדָשׁ׃

בִּרְכָתִי מַיין לוֹיבּ זָאל אוֹיף גֶעהְן צוּ הקב״ה וָואס עֶר שְׁפַּייזְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּנ הֶעלְפְט דִי גֶעוִוינֶערִין בְּעֵת זִי אִיז אוֹיפְ׳ן בְּרָאךְ שְׁטוּל, עֶר מַאכְט זִי וֵוייעֶן הָאבִּין אוּנ עֶר מַאכְט זִי גֶעוִוינֶען׃

וּבְבִרְכָתִי אוּנ צוּ מַיין לוֹיבּ גִיזַאנְג נֵייגֶע דַיין קָאפּ, צוּם צֵייכֶען אַז זִי אִיז דִיר וָואהל גִיפֶעלִין, אוּנ גֶעם אִיר אָן לְרָצוֹן וִוי דֶעם גוּטִין רֵיחַ פוּן דִי בְּשָׂמִים פוּן בֵּית הַמִּקְדָשׁ׃

יֶעֱרַב מַיינֶע רֵייד זָאל זַיין זִיס פַאר דִיר, דֶען מַיין זֶעלֶע בֵּיינְקְט צוּ דִיר׃

לְךָ בַּיי דִיר גָאט אִיז דִי גְרוֹיסְקַייט, דִי שְׁטַארְקַייט, דִי הֶערְלִיכְקַייט דִי עֶוִויגְקַייט אוּנ דֶער פְּרַאכְט, דֶען צוּ דִיר גִיהֶער אַלֶעס וָואס אִין הִימֶל אוּנ אוֹיף דֶער עֶרְד, בַּיי דִיר גָאט אִיז דִי הֶערְשַׁאפְט, דוּ בִּיזְט עֶרְהַאבֶּען, אִיבֶּער אַלֶעס בִּיזְט דוּ דָאס הוֹיפְּט, וֶוער אִיז אִים שְׁטַאנְד אוֹיס דֶערְצֵיילֶען דַיינֶע גְבוּרוֹת, אוּנ וֶוער אִיז אִימְשְׁטַאנְד צוּ עֶרְקְלֶערֶען גָאר דַיין לוֹיבּ׃

תְּחִנָּה בְּנוֹת צִיּוֹן (נאך מוסף דעם שבת פון ר״ח בענטשין)׃

אתְּחִנָּה (אַנִיבֶּעט) וָואס „שַׁבָּת הַמַּלְכָּה״ בֶּעט פוּן אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער׃

צְאֶינָה וּרְאֶינָה בְּנוֹת צִיּוֹן, אִיר טֶעכְטֶער פוּן צִיּוֹן, (צאינה) גֵייט אַוֶועלֶע אַרוֹיס פוּן וֶועלְט טוּמִיל, פוּן דִי אַבֶּעזִיאַנֶע שְׁקָאלֶע (נאך צו

מ׳עשה אלפס

ב) אִין דִי דְרַיי עֶרְשְׁטֶע וֶוערְטֶער פוּן דֶער תּוֹרָה „בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹהִים״ אִיז דִי לֶעצְטֶע אוֹתִיּוֹת אֱמֶת אוּנ אִין דִי דְרַיי לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער פוּן דֶער פָּרָשָׁה „בָּרָא אֱלֹהִים לַעֲשׂוֹת״ אִיז אוֹיךְ דִי לֶעצְטֶע אוֹתִיּוֹת אֱמֶת, זֶעה מַיין נַייעֶם צְאֶינָה וּרְאֶינָה (אוֹצַר הַתּוֹרָה אָנְפַאנְג בְּרֵאשִׁית)׃

פאן דעם לוקסוס און די מאדע וואס יענער טוט אן אשום איבערלייג)—. (ווראינה) און בעטראכט אוויילע דעם אמת'ן וויכטיגען תכלית, (בנות ציון) טעכטער פון די מוטערס וואס זייערע מעשים טובים זייען געצייכנט אויף די וועלט היסטאריע מיט גאלדענע בוכשטאבען, — כין אייביג אן האט איר פרויען געוויזען אייער שטארקע ליבשאפט און עהרע פורכט פאר גאט ב"ה, ניט אריבער טרעטין זיינע רייד, בעת דער שטן האט גימאכט אטומיל אז משה רבנו וועט מער ניט קומען צוריק און האט אידען אן גירעט „די ערסטע עברה" מאכען דעם עגל, זייט איר פרויען ניט איבער גירעט גיווארען און האט בשום אופן ניט גיגעבין אייערע גאלדענע צירונג צום עגל, דער פאר האט איר זוכה גיווען, אז „די ערסטע מצוה" וואס דער בורא האט גיגעבין דעם כלל ישראל, דאס איז קדוש החודש הייליגען און בענטשן ראש חודש*), האט מען אייך נשים גישעצט און גיגעבין דעם ראש חודש פאר א יום טוב, אויך האט איר שטענדיג גיהאט גרויס ליבשאפט צו די מצות פון גאט ב"ה נאך מער ווי די מאנס לייט, אין דער צייט ווען דער בורא ב"ה האט געהייסען דורך משה רבנו אז אידען זאלען בויען א משכן, די שכינה זאל דארטען רוהען, און געבין געטליכע ליכטיגקייט אין אידישע הערצער, האט איר די ערסטע אויסגיטאן אייערע צירונג מיט גרויס זריזות און ליבשאפט געבין דאס אנדבה צום משכן, און דער פאר האט איר זוכה גיוועהן אז מ'האט אייך גיגעבין די וויכטיגע מצוה פון אן צינדען מיינע ליכט (די ליכט פון שבת) צו געבין ליכטיגקייט אין אייערע נשמות און אין אייערע מאנען און קינדערס נשמות, היינט ווי אזוי קומט דאס אז אגרויסע טייל פון אייך זיינען יעצט נאכלעסיג גיווארען און אראב געפאלען פון אייער הויכע מדרגה צו זיין נידעריגער פון אייערע האכגישעצטע מוטערס, אז עס איז רעכט ביי פיל פרויען אז אייערע קינדער זאלען פאר לעשין די ליכט פון זייערע נשמות און פון אייערע, פאר אייך אין די אויגען מיט דעם וואס זיי טוען אזא פרעכהייט געגין יודינטהום און זיינען מחלל שבת בפרהסיא, זיי פוצין די קאמאשין אום שבת, זיי טראגין מיט זיך געלט און קויפין אום שבת און אנדערע חלילה

רויכערין

*) ווי רש"י הקדוש (אנהייב בראשית) ברייננגט דעם מדרש „לא היה צריך להתחיל התורה אלא מהחודש הזה לכם. שהיא מצוה ראשונה שנצטוו בה (כלל) ישראל".

רויכערין פאפיראסין און איר ווייסט און שווייגט, ווען איר זייט געלערנט דארפט איר פארשטיין, אז דעם גאנצין צעטיל פון ותתן לנו, וואס איר האט געבעטין ביין רבש"ע (אין יהי רצון פון ר"ח בענטשין) קענט איר נור באקומען ווען איר מיט אייערע קינדער וועלין שבת ערליך האלטען 1)— אויך דארפט איר וויסען, אז מיט דעם וואס זיי צורייסען דעם בונד פון השי"ת מיט כנסת ישראל (שבת איז „ברית עולם" איין עוויגער בונד פון השי"ת מיט אידען) ווערין זיי אב געריסען פון „צרור החיים" (עוויגען לעבענס-בונד) און זיי זיינען שוין ניט אייערע קינדער, אז זיי זאלען ראטעווען אייערע נשמות נאך אייער אריכות ימים. ווי אידישע גוטע און פרומע קינדער ראטעווען די עלטערין פון זייער פינסטערין און טרויעריגען צושטאנד אין גיהנם און ברייגען זיי אריין אין די ליכטיגע פערגעניגענדע זאלען און פאלאצען פון גן עדן, און ווי אזוי קענט איר זיי רופען „קינדער" און זיי ליב האבען, אז זיי זיינען ווי נכרים (פרעמדע) וואס געהערען שוין ניט צו אייך א). אלוא מיינע טייערע טעכטער, נעמט דאס גוט אין אכט און זאגט מיט טרערין צו השי"ת, טרייער פאטער פון הימל, עס איז גלוי וידוע פאר דיר, אז מיט מיין בעסטין ווילען וואלט איך וועלין טאן דיין רצון נור דער רעש פון דער וועלט פארטומעלט מיר, אלוא בעט איך דיין רחמנות דו זאלסט שטארקען מיינע געפיהלען איך זאל ניט פאר טויבט ווערין פון גרויסען וועלט-טומל, און העלף מיר צו היטען דיינע מצות און איבערהויפט אויפצופאסין מיינע קינדער (זין און טעכטער) פון יוגנד אן, זיי זאלען היטען דיין תורה

מעשה אלפס

1) די קלוגע ווערטער פון די מלכה „שבת" וועלין מיר פארשטיין דורך א משל, ביי א גרויסען שר אגדיב לב (אנוטהערציגער) וועלכער האט פיל ארעמע פאמיליען אים נעהאלטען מיט אלעס געטען, האט איינער געבעטען א נישעליגקייט, ער זאל אים געבין אוויכטיגע זאך במתנה.— יא יא (ענטפערט דער שר), איך וועל דיר געבען מיטען בעסטען פערגניגען, נור פריער וויל איך מאכין א חקירה ודרישה, אויב דו האלטסט בכבוד די טייערע מתנה וועלכע איך האב דיר לעצנער געגעבען, אויב דו שעצט מיינע מתנות איז מיר זייער אנגענעהם צו געבין דיר ווייטער, און אויב ניט, זאג דו אליין אויב דו בכבוד ווערט מ'זאל דיר געבין א מתנה? — דאס גלייכען האבען מיר דא געבעטען ביי השי"ת (וואס ער איז דער מקור הרחמים והנדיבות) א גאנצין צעטיל מיט מתנות (שתתן לנו חיים ארוכים

שערי ציון

א) און אנדערע פרויען, לא די וואס זיי שטערין ניט זייערע קינדער פון חלול שבת, פארוואשין זיי נאך דעם פלעק, כלומר, זיי פארענטפערין זיי, אז

און מכבד זיין דיין הייליגען שבת, אים ניט מחלל זיין חלילה, עס זאל ניט פארשניטען ווערין זייערע יאהרען דורך די עברה פון כרת ר"ל, און גיב זיי אריינע הארץ צו שפירען דעם געשמאק און דעם גליק פון דיין תורה ומצות, דאן וועט השי"ת גוים צו הערען אייער גיבעט, און וועט אייך משפיע זיין גוטע גידאנקען און שכל ווי צו לערנען זיי די אידישע וועג מיט גוטע און פריינדליכע רייד, אום איר זאלט האבען פון זיי גרויס נחת אויף דער וועלט און גדולה וכבוד אויף די אמת'ע וועלט, אמן.

אתחנה פאר הבדלה.

באשעפער פון דער וועלט. מיט דיין גרויסין חסד האסטו אונז גיגעבען דעם טייערין פריזענט דעם שבת קודש, מיר זיינען ניט אימשטאנד דיר צו דאנקען דער פאר, ווייל דאס איז זייער א גרויסע מתנה און דרום איז אונז שווער צו שיידען זיך מיט דעם הייליגען שבת, בעטין מיר דיר ערבארמיגער פאטער, אז בזכות וואס מיר האבין מכבד גיוועען דעם שבת, זאל די קדושה פון שבת משפיע זיין אויף אונז מחשבות קדושות, אז מיר זאלען זיך האלטען הייליג און ריין פון זינד, און בזכות השבת זאלסטו אונז געבען

א יונגער מענש קען ניט גיין אין ניט קיין ריינעם קאמאש, אויף דעם זאגען די חז"ל. פיל פרויען שטארבין לא עלינו יונגע, פאר די זינד וואס זיי פארוואשין (צואת בגדיהם בשבת) זייערע קינדערשע פעלערין וואס זיי טוען אום שבת, אויב איר זייט מיט איין אמת א טרייע מוטער (טריי צו זיין גוף און אויך טריי צו זיין נשמה) זעט צו קויפען אים נאך אפאר קאמאשין און זייט אים מזהיר ער זאל פרייטאג פאר נאכט אב פוצין ביידע פאר וועט ער האבען אויף שבת ביי טאג איין אב געפוצטין קאמאש און חלול שבת.

חיים של שלום, כו' כו') ענטפערט דער בורא ברוך הוא, מיינע ליבע קינדער, מיר איז זייער אנגינעהם צו געבין אייך פיל מתנות נאך מער פיל איר בעט, נור מ'דארף זעהען אויב איר האלט בכבוד די טייערע מתנה פון שבת (מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה) וועלכע איך האב אייך פון לאנג אן גענעבען. פון דעם איז צו לערנען, אז דער וואס האלט שבת בכבוד ער נעמט אים אן אין דער צייט, און היט אז זיינע קינדער זאלען אים ניט מחלל זיין, (השומר שבת הבן עם הבת) און פארברייננט אין אים אין הייליגקייט; דער איז זוכה צו אלע מתנות והצלחות, ווי מיר זאגין אין לכה דודי (לקראת שבת לכו ונלכה כי הוא מקור הברכה), הכלל דער היטען שבת ברייננט צו אלע מתנות וברכות ווי די חכמי התלמוד שרייבען, עשירים שבשאר ארצות במה הן זוכין (לעשירות?), בשביל שמכבדין את השבת.

יהי

גִיזוּנד אוּנ פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד אוּנ נַחַת אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער1) אוּנ מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין אֶנְטְקֶעגֶענְצוּנֶעמֶען מִיט הֵיילִיגְקַייט דֶעם קוּמֶענְדִיגֶען שַׁבָּת אוּנ נָאכְהֶער לְיוֹם שֶׁכּוּלוֹ שַׁבָּת, אוּנ מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן הֵיילִיגֶען שַׁבָּת מִיט דִי װֶערְטֶער „בָּרוּךְ הַמַּבְדִּיל בֵּין קוֹדֶשׁ לְחוֹל" (גילויבט איז השי"ת וואס ער שיידעט אב פון היילינ ביז אונהיילינ).

אַתְּחִנָּה נָאךְ הַבְדָּלָה (שבת צו נאכט).

רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים, הֶער פוּן אַלֶע װֶעלְטִין, הִימְלִישֶׁער פָאטֶער װָאס דוּ בְּלִיקְסְט מִיט לִיבֶּע אוּנ גְנָאד אוֹיף אַלֶע דַיינֶע בְּרוּאִים, װֶעלְכֶע דוּ הָאסְט אוֹיף דַיין װֶעלְט בֶּעשַׁאפֶען, פַארְנֶעם דֶעם דֵיינֶעם גִיבֶּעט פוּן דַיין דִינֶערִין װֶעלְכֶע קוּמְט פַאר דִיר אוֹיף אַפּוּלֶע װָאךְ אוֹיסְצוּגִיסִין אִיר פוּלֶע הַארְץ, דֶער לִיבֶּער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִיז שׁוֹין אַװֶעק, מִיט אִים צוּזַאמֶען אִיז אוֹיךְ אַװֶעק אוּנְזֶער רוּהֶע, אוּנ אַ נַייעֶ װָאךְ קוּמְט אוּנְז אַנְטְקֶעגִין, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, װֶער נָאךְ װִי דוּ װֵייסְט, װָאס אַ נַייעֶ װָאךְ הָאט פַאר אַ יוֹדִין צוּזָאגֶען, װֶער נָאךְ װִי דוּ הִימְלִישֶׁער פָאטֶער װֵייסְט דֶעם שְׁװֶערִין לֶעבְּן פוּן דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל, זֵייעֶר בִּיטֶערִין גֶעמִיט, װִי שְׁװֶער אוּנ בִּיטֶער יֶעדֶער יוּד פַארְדִינְט זַיין בִּיסֶען בְּרוֹיט, מִיט װֶעלְכֶע זָארְג אוּנ עַגְמַת נֶפֶשׁ. מִיט װֶעלְכֶע שְׁרֶעק אוּנ מַאטֶערְנֶעס עֶר בְּרֵיינְגְט צוּזַאמֶען זַיין פִינְסְטֶערֶע חִיוּנָה, װֶער נָאךְ פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער אִין דֶער װֶעלְט, שְׁפִּירְט אַזוֹי דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען רוֹשֶׁם פוּן אַ נַייעֶ װָאךְ װִי דַיינֶע אָרִימֶע קִינְדֶער, אַיין נַייעֶ װָאךְ קוּמְט אוּנְז אַנְטְקֶעגִין, אַיין נַייעֶ װָאךְ בְּרֵיינְגְט אוּנְז נַייעֶ זָארְג, נַייעֶ שְׁרֶעק, נַייעֶ קוּמֶער, דָאס אֵיינְצִיגֶע װָאס אוּנְז אִיז גֶעבְּלִיבֶען, אִיז נָאר דִי הָאפֶענוּנְג צוּ דִיר אַלֵיין, נוּר דִי אֵיינְצִיגֶע הָאפֶענוּנְג אוּנ גְלוֹיבֶּען אִין דִיר עֶרְבַּארִימְדִיגֶער פָאטֶער הָאט אוּנְז גִיגֶעבִּין קְרֶעפְטִין בִּיז הַיינְט, אוּנְזֶערֶע צָרוֹת מִיט גֶידוּלְד צוּ עֶרְטְרָאגֶען, לָכֵן יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, זָאל זַיין דֶערְװִילֶען פַאר דִיר גְרוֹיסֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט, אַז דִי נַייעֶ װָאךְ װֶעלְכֶע קוּמְט אוּנְז אַנְטְקֶעגִין, זָאל זִיא זַיין מִיט מַזָּל, מִיט פְרֵייד, אוּנ מִיט גְלִיק, מִיר זָאלֶען חָלִילָה נִיט טָאן אַזַאךְ װָאס קֶעגִין

מעשה אלפס

1) אִידִין זַיינֶען גֶעגְלִיכֶען צוּ אַיין גֶּפֶן װִי דֶער הַמֶּלֶךְ זָאגְט (גֶּפֶן מִמִּצְרַיִם תַּסִּיעַ) אוּנ דִי אִידִישֶׁע פְרוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעגְלִיכֶען צוּ אַ „גֶּפֶן" װִי דֶער מְשׁוֹרֵר זָאגְט (אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פּוֹרִיָּה), זָאל טַאקֶע הַשי"ת אַייךְ בֶּענְטְשִׁין מִיט דִי אוֹתִיוֹת „גֶּפֶן" גִיזוּנְד, פַּרְנָסָה אוּנ נַחַת פוּן קִינְדֶער אוּנ פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

אונזערע

דיין ווילען, מיר זאלען קיינעם ניט מקנא זיין אונ קיינער אונז ניט, אונ עפין אונז די טויערין פון ליבטיגקייט, טויערן פון אריכות ימים, טויערין פון פארשטאנד, מיר זאלען מיט דיינעם פערשטאנד מקיים זיין דיינע מצות, טויערין פון טרייסט, מיר זאלען גיטרייסט ווערין פון אלע טרויערקייט, טויערין פון פרנסה מיר זאלען גישפייזט ווערין פון דיין הייליגע האנד, טויערן פון בשורות טובות ישועות ונחמות אויף כלל ישראל, אונ פון אונזערע קינדערלאך וואס זיינען גאנץ ווייט פון אונז, אונ אויך ביי מיר צו הויז זאל זיין אפרייליכע וואך, אמן.

תחנה לתענית צבור.

גרויסער בשעפער! וועלכער דו קוקסט פון דיין הויכען שטול אין יעדע מענשליכע הארץ, אונ ווייסט די געהיימניסע פון יעדער זעלע, יעדע פערבארגענע מחשבה איז פון דיר ניט פערהוילען, דו ווייסט דאך מיין שווערען ביטערין געמיט, מיין בלוטיגע צו בראכענע הארץ מיט וועלכע איך קום יעצט אין דיין פאסט טאג פאר דיר פאר, אונזער הייליגער בית המקדש איז איבער אונזערע זינד חרב גיווארין, מיר האבען ניט מעהר קיין כהן, קיין קרבנות, קיין עבודה מכפר צו זיין אונזערע זינד, אונזערע קרבנות וועלכע מיר ברייגגען פאר דיר, זיינען אונזערע צובראכענע הערצער אונ שווערע געמיטה, אונזערע נסכים איז נור אונזערע הייסע טרערין וועלכע מיר פערגיסען פאר דיר. נור דאמיט קענען מיר פארקומען פאר דיר אלמעכטיגער גאט צו בעטן פון דיר מחילה וסליחה אויף אונזערע זינדע. מיר ווייסען זייער גוט, דאס דו גאט רחום וחנון פערלאנגסט ניט די פייניגונג פון אמענטשין, ווי דער הייליגער נביא ישעיה זאגט: (הכזה יהיה צום אבחרהו יום ענות אדם נפשו), כלומר, הייסט דען דאס ביי מיר איין פאסט טאג וואס אמענטש זאל זיך נור פייניגען? וואס דען פערלאנגסט דו, מ'זאל טאן גוטעס אונ גענאד, זאט מאכען דעם הונגעריגען, אן קליידען דעם נאקעטין, מיט פילען דעם ליידענדין, נור דאס איז דיין הייליגער וואונש, אונ ווי דוד המלך

מעשה אלפס

אונזערע נביאים וועלכע זענען גיוועזן אין די פריהערדיגע דורות האבין מתקן גיוועזן דאס עס איז אמצוה צו פאסטין די טעג, וואס אונזערע עלטערין האבין אין זיי געליטען צרות דורך זייערע זינד, דורך דעם האבען זיי מתקן גיוועזן ארבע תעניתים. צום גדליה, עשרה בטבת, שבעה עשר בתמוז, תשעה באב, אחוץ

אסתר

האט געזאגט (זבחי אלהים רוח נשברה) גאטעס אפפער איז א צו בראכענער גייסט, אונ דער פאסטין איז נור אום אונטערטעניג צו מאכען דעם שטאלצען גוף, דאמיט מיר זאלען קענען קומען פאר דיר מיט אריינע צו בראכענע הארץ דיך צו בעטין מחילה וסליחה וכפרה אויף אלע אונזערע זינד.

ערבארמיגער גאט! הער צו דאס געבעט פון דיין דינערין וועלכע איז גיקומען אין דיין הייליגע הויז אויס גיסין איר פולעס הערץ צו זאמען מיט דיינע בעטריבטע קינדער וועלכע שטייען פאר דיר יעצט, בארעמהערציגער פאטער, לערין אונז די וועגין פון דיינע גוטע מדות, פון דיינע אונענדליכע רחמנות, זעה ווי עלינד אונ פערלאזען מיר שטייען אויף דער וועלט, צו וועמען זאלין מיר שרייען אום הילפע, צו וועמען זאלען מיר אונז קערין אונ ווענדין ווען ניט צו דיר הימלישער פאטער, ווער נאך ווי דו גרויסער גאט ווייסט די געהיימע צרות, די פערבארגענע וואונדין וועלכע מיר טראגין טיף אין אונזערע צוריסענע הערצער, טרייסט ערבארמיגער גאט דיינע אבלי ציון וירושלים, דיינע פערפינסטערטע בעטריבטע קינדער, זעה בארעמהערציגער פאטער דיינע אונגליקליכע פערביטערטע שעבסעלאך זיינען נעבאך צו זייט אונ צו שפרייט אין אלע עקין וועלט, מיר האבען אלעס פערלארען, נור ניט דעם בטחון אין דיר, נור די האפענונג אויף דיר שטארקער גאט איז אונז געבליבען אין אלע אונזערע לייד אונ צרות. עס איז שוין צייט אז דו זאלסט צו זאמען קלייבען דיינע פערשטויסענע פון עק וועלט, ווי דו האסט פערשפראכען אין דיין הייליגע תורה (אם יהיה נדחך בקצה השמים משם יקבצך), כלומר, אויב דיינע פערשטויסענע וועלין זיין וואו די הימלין ענדיגין זיך, וועל איך זיי אויך צו זאמען קלייבען, ברייננ אונז אין די טויערין פון ירושלים (ושם נעבדך ביראה כימי עולם) אונ דארטין וועלין מיר דיך דינען מיט פארכט ווי פאר צייטען, דען דו ביסט אונזער פאטער, דו ביסט אונזער ערלייזער, נור דו אליין ווירסט אונז העלפין במהרה בימינו. אמן.

מעשה אלפס

אסתר תענית וועלכעס די יודין האבין אויף ערוועקין די יודישע הערצער צו תשובה
זיך מקבל גיוועזען בימי מרדכי ואסתר, זיי זאלין חרטה האבין אויף זייערע חטאים,
דער ענין פון דעם תענית איז כדי צו ווי אונזערע חכמים שרייבין (אגרא דתעניתא

דער בעדייטונג פון די 4 יאהרצייטין (תעניתים).

אגרויסער תלמודיסט איז אריין צום גדליה אין א פאבריק, וואס דארטין האבין גיארבעט איינינע מענטשין תמימים, זיי ווייסין אז זייערע עלטערין האבין גיפאסט צום גדליה אונ זיי זעהען אז אלע גוטע אונ פרומע יודין פאסטין, האבין זיי אויך געפאסט, אויך האבין דארטין גיארבעט פיל יונגע מענשין, וועלכע האבין מהדר גיוועזן צוא עסין היינט פריער ווי אלע טאג, עס איז דאך עפעס עשרת ימי תשובה דארפין ווייזין אז מען איז ניט קיין טרוש, אונ מען שרעקט זיך ניט פאר קיין זאך, די עלטערע מענטשין האט דאס פאר דראסין, רופט זיך איינער אב, דו ביסט אן ען הרע אגיזונטער בחור, וואס וואלט דיר חלילה גישאט אז דו זאלסט פאסטין ביז נאך צוועלפין אונ דאווענען מנחה נאכהער עסין, ווי איז מען דאס אזוי אויס געטאן פון גאט אונ פון לייטין, ביגסט אקערסט געקומען צו דער ארבייט האסטו זיך שוין גיהאפט צום עסין! — אויך אגישעפט — רופט זיך אב אצווייטער חכם, — מיין פאטערס יאהרצייט פאסט איך ניט, דארף איך פאסטין צו גדליה בן אחיקם'ס יאהרצייט? — אנאנדערע וועלט זאל פאסטין אז איין מענטש איז גישטארבין? (זאגט אצווייטער חכם) איך וועל ניט לייקענען אז גדליה בן אחיקם איז געוועזן אגרויסער מענטש, אבער דאך ניט גרעסער ווי משה רבינו, אונ ז' אדר צו משה רבינו'ס יאהרצייט פאסט מען אויך ניט.

וואו נעמט מען דא אגילערינטין מענטשין? וועלכער זאל זיי קענען ענטפערין, וואלט ער אונז גאר מחיה גיוועזן — רופט זיך אב איין אלטער פשוטער יוד, איך וועל אייך ערקלערען די זאך (ענטפערט דער תלמודיסט), נור פריער וועל איך אייך עפעס פרעגין, דאכט זיך אניאהר צייט האט מען איין מאל א יאהר, אונ מיר מאכין נאך אונזער חורבן 4 יאהרצייטין: עשרה בטבת, שבעה עשר בתמוז, תשעה באב, אונ צום גדליה, איז אויב איר ווילט פערשטיין די זאך האלט זיך איין אגעשיכטע. אין א שטאט איז געוועזן אגרויסער מיליאנער, אגרויס גילערינטער מאן, ער האט גיפירט גרויסע גישעפטין וועלכע ארום זיי האבין גילעבט הונדערטער פאמיליען. ויהי היום איז דער גביר לא עלינו געפאלין צו בעט טויט קראנק, איז גיווארין אגרויסער יאמער ביי ווייב אונ קינדער אונ אלע ארומיגע, ווייל

מעשה אל.פס

צדקתא), דער צעל פון פאסטין איז אוים זיי אין זינען האבין אז דאס וואס זייערע צו בעסערין די מעשים אונ ערוועקין אין עלטערין זענען גישטראפט גיווארין איז הארצין רחמנות, גלויבין דעם הונגעריגען איבער זייערע פיל זינד, אונ ווי באלד מיר אונ דעם נויטבעדערפטיגען, אויך זאלין וועלין ניט תשובה טאן וועלין מיר חס ושלום

אן אים קען קיינער ניט פירין די געשעפטין וואס פון זיי לעבין הונדערטער פאמיליען, נור כל זמן ער איז געוועזן ביין גידאנקען האט דער אופראוולאיוסקע גיפרעגט יעדער זאך אונ ער האט גיענטפערט, אזוי האט זיך געצויגען פיל וואכין. אם ענדע האט זיך די קראנקייט גישטארקט אונ אין דעם לעצטין קאנסוליום האבין איהם די פראפעסארין ענטזאגט פון לעבין, דא איז גיווארין פון דאס ניי אגרויסער יאמער, עס איז ווייטער אוועק אזוי איינינע טעג מען האט גיהאפט כל זמן אגליד שלאגט, איז נאך ניט פארלארין, אזוי ווי דאקטוירים קענען ניט צו זאגין לעבין, אזוי איז ניט געדרונגען אז זיי זאגין אב דעם לעבין, אונ מען האט זיך גיטרייסט מיט האפענונג. אין איינינע טעג ארום האט דער פאטער פון הונדערטער פאמיליען צו געמאכט די אויגן, מיר קאנען זיך פארשטעלין וואס פאר אשרעקליכען יאמער עס איז גיווארין אין גאנץ שטאט, אלע האבין זיך פשוט גישלאגען קאפ אן וואנד פון גרויס צער, די גישעפטין האבין זיך גישטעלט, אסך פאמיליען זיינען צו פארין אין דער וועלט זוכין ברויט.

ויהי היום איז גיקומען א פריינד פון די יתומים, זייער א קלוגער אונ א ארענטליכער מאן, האבין די פיהרער פון שטאט אים געמאכט פיר איין אפוטרפוס איבער די יתומים אונ איבער די גישעפטין, דער מאן וואר זייער צראיעלער אונ צקאפ מענש, ער האט זיך צריין געלייגט נוט אין גישעפט אונ די גישעפטין האבין אן געהויבען צו גיין, הגם עס איז ניט ווי דער פאטער, אבער דאך עטוואס. עס איז אזוי אוועק איינינע מאנאטין, אונ אלע זיינען גיווארין צו גיבונדין צו אים, וויל ער וואהר זייער א פריינדליכער מענש, מען האט גיהאפט אז ער וועט זיין א ממלא מקומו דעם פאטער, אונ אין פערלויף פון איינינע יאהר וועלין זיך אונטער האדעווען די קינדער אונ צריין אין געשעפט, קען מיט דער צייט דער גישעפט אוועק אין א גרויסין פארמאט, אז עס וועלין צוריק קענען לעבין ביי אים הונדערטער פאמיליען אונ די גרויסע וואונד וועט פארהיילט ווערין. פלוצלונג איז געקומען א פינסטערער וואלקין אונ האט פארלאשין אלעמעס שיין, עס זיינען בעפאלין א באנדע מערדער אונ ערמארדעט דעם עפיקון פון די יתומים אונ צו ראבירט די קאסע, דא איז געווארין אתל פון אלעם. די יתומים אונ די הונדערטער פאמיליען זיינען געבליבען אן ברויט, אונ זיינען געבעך צו שפרייט געווארין אין דער גרויסער וועלט, אין אפריקא,

מעשה אלפס

ושלום אויך געשטראפט ווערען, אבער נוטין, איבער דעם דארף יעדער מענטש אז זיי וועלין דאס בערעכענען וועלען זעהן ניט אב צו קומען נור מיט דעם תענית, זייערע הערצער פארקערט ווערען צום נאר אויך אין דעם טאג פון דעם תענית

אִין אַרְגֶענְטִינָא. פִיל זַיינֶען צוּ שְׁטַארְבֶּן אִין מִדְבָּרִיּוֹת, פִיל זַיינֶען צוּ שְׁטַארְבֶּן פוּן הוּנְגֶער, פִיל זַיינֶען גִיפַאנְגֶען גִיוָוארִין פוּן דִי רוֹיבֶּער בַּאנְדֶעס צוּם פֶערְקוֹיף פִיר עָווינֶע שְׁקְלַאפֶּין, אַז עֶס אִיז פוּן דִי יְתוֹמִים אוּן אַלְמָנוֹת גֶעבְּלִיבֶּען קוֹים אַ צֶעהֶנְטֶע כֵּהֶייל אוּן אוֹיךְ אִין גָלוּת אוּן שִׁפְלוּת, הַיינְט קֶענֶען מִיר זִיךְ פָאָרְשְׁטֶעלִין וָואס פַאר אַטְרוֹיעֶר יֶעדֶער קִינְד מַאכְט צוּם יָאהר צַייט, אַז עֶר דֶערְמָאנְט זִיךְ וִוי גְלִיקְלִיךְ עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען בְּעֵת דֶער פָאטֶער הָאט גִילֶעבְּט, אוּן וִוי אוּנְגְלִיקְלִיכְלִיךְ אוּן שֶׁפֵל עֶר אִיז יֶעצְט. זֵיי הָאבִּין זִיךְ נִיט בַּאנוּגֶנְט מִיט דֶעם גְלַאוְּבֶּען יָאהר צַייט אַלֵיין, כְּרוֹמֵר מִיט דֶעם טָאג וָואס דֶער פָאטֶער אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארִין, נָאר אוֹיךְ דֶעם טָאג וָואס זֵייעֶר אוּנְגְלִיק הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען, דַהַיינוּ דֶעם טָאג וָואס דֶער פָאטֶער הָאט זִיךְ גִילֵייגְט צוּ בֶּעט, אוּן אוֹיךְ אִין דֶעם-טָאג וָואס דִי פְרָאפֶעסָארִין הָאבִּין אִיהם עֶנְטְזַאגְט פוּן לֶעבִּין, אוּן וֶוער רֶעט אִין דֶעם טָאג וָואס מֶען הָאט עֶרְמָארְדֶעט זֵייעֶר עֶפִּיקוֹן, וָואס דַאן אִיז פַארְלָאשִׁין גִיוָוארִין זֵייעֶר לֶעצְטֶער שַׁיין.

הַיינְט פַאר שְׁטֵייט אִיר שׁוֹין לִיבֶּע קִינְדֶער וָואס אוּנְזֶערֶע 4 יָאהר צַייטִין בֶּעדַייטִין? דֶער עֶרְשְׁטֶע אִיז עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת (בו סמך מלך בבל על ירושלים) דֶער מֶלֶךְ בָּבֶל הָאט בַּאלֶעגֶערְט אוּנְזֶער רֶעזִידֶענְץ שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם, ד. ה. אוּנְזֶער גְלִיק הָאט זִיךְ גִילֵייגְט צוּ בֶּעט, וָואס מִיר זַיינֶען אַמָאל אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ גִיוֶוען, גִיהַאט אַ לַאנְד מִיט אַ קֵייזֶערְטְהוּם אוּן גֶעשְׁפִּילְט אַ רָאלֶע אוֹיף דֶער וֶועלְט. מִיט אַזַא נָאמֶען אוּן מִיט אַזַא פַאצָאט, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט בַּאוואוּנְדֶערְט דִי חָכְמָה פוּן אוּנְזֶערֶע מְלָכִים, אוּן דִי גְלִיקְלִיכְקֵייט פוּן אוּנְזֶער לַאנְד, אוּן דִי עֶרְהַאבֶּענְהַייט פוּן אוּנְזֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַלֶע הָאבִּין גִיזֶעהֶן אַז דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים רוּהט בַּיי אוּנְז, אוּן עֶס פְלֶעגִין קוּמֶען דִי גְרֶעסְטֶע מֶענְשִׁין פוּן אַלֶע נַארָאדִין מִתְפַּלֵל זַיין אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן מֶען הָאט אוֹיף אוּנְז גֶעקוּקְט מִיט גְרוֹיס עֶהְרֶען-פוּרְכְט, וַוייל מֶען הָאט גִיזֶעהֶן אַז נָאטֶעס הֶערְלִיכְקֵייט שַׁיינְט אוֹיף אוּנְז, הָאבֶּען אוּנְזֶערֶע בֵּייזֶע מַעֲשִׂים מִיט גֶעבְּרַאכְט, אַז אוּנְזֶער עֶרְדֶע אוּנְד גְלִיק הָאט זִיךְ גִילֵייגְט נִיפֶערְלִיךְ צוּ בֶּעט, ד. ה. אַז דֶער מֶלֶךְ בָּבֶל הָאט זִיךְ עֶרְלוֹיבְּט אוּן בַּאלַאגֶערְט אוּנְזֶער קְרֶעפָאכְט יְרוּשָׁלַיִם, וָואס קֵיין קֶענִיגְרַייךְ הָאט זִיךְ נִיט גִיגְלוֹיבְּט אַז מֶ'וֶועט קֶענֶען אַיין נֶעמֶען אַזַא קְרֶעפָאכְט (לֹא הֶאֱמִינוּ כָּל מַלְכֵי אֶרֶץ כִּי יָבֹא צַר וְאוֹיֵב בְּשַׁעֲרֵי יְרוּשָׁלָיִם), נַאכְהֶער דֶער צְווַייטֶער יָאהר צַייט (שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז), דֶעם טָאג וָואס נְבוּכַדְנֶצַּר הָאט גִינוּמֶען

מעשה אלפס

זִיךְ אַלֵיין אָבנעמֶען דִין וְחֶשְׁבּוֹן פוּן אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים, חוֹקֵר וְדוֹרֵשׁ צוּ זַיין אוֹיב עֶר הָאט עֶפֶּעס גֶעטָאן אַ עֲבֵירָה, עֶר זָאל אוֹיף אִיר תְּשׁוּבָה טאָהן װעט אִים הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ גֶעוִויס אַלֶץ מוֹחֵל זַיין, אוּן עֶר װעט זוֹכֶה זַיין פְרֵייעֶן זִיךְ בְּנֶחָמוֹת צִיוֹן, אָמֵן:

דעם קרעפאסט, ד. ה. שוין אב געזאגט דעם לעבין אונזער ערדע אונ גליק, נאכהער־דעם גלאווגער יאהר צייט (תשעה באב) וואס ער האט פארברענט דעם בית המקדש אונ טויזענדער מענשין צו הארגעט אונ אסך גרויסע מענער פון אידין גענומען אין פלען, ד. ה. אידעשע ערדע אונ גליק האט שוין צוגעמאכט מיט די אויגען, מען קען פארשטיין ווי פינצטער עס איז באן אידין גיוועזן.

אין דיזע פינסטערע נאכט האט נאך גישיינט איין שטערין, ווייל נבוכדנצר האט ניט געוואלט חרוב מאכין די לאנד, ער האט נור געוואלט אז יודען זאלין זיין אונטערטאן אונטער איהם, דרום האט ער נור די גרויסע לייט גענומען אין פלען, אבער דעם איינפאכען נארד האט ער איבער געלאזט אונ אויפגינומען איבער זיי פון זייערע איינענע ברידער, אפירשט אוויכטיגען מאן גדליה בן אחיקם, ד. ה. ווי איין עפיקון איבער די יתומים, אונ מיט דער צייט וואלטין יודין גיקומען צו זיך, פיל פלעניקעס וואלטין זיך אום קערין, די אלע פארברענטע פלעצער וואלטין זיך אב בויען, אונ אין אפערלויף פון יאהרען ווען דער טיראן (נבוכדנצר) איז גישטארבין וואלט גיוועזן אמאגעפעסט אז אלע פלעניקעס זאלין זיך צוריק ציהען אין זייער לאנד, אונ מיט דער צייט וואלט מען דעם בית המקדש אויך אב בויען, וואלטין אידין צוריק גיקומען צו זייער גדולה אונ ערע, אבער יעצט אז די רשעים האבין גיהרג'ת דעם צדיק גדליה בן אחיקם, איז געווארין אתל פון די גאנצע פאלק, פיל זיינען צולאפין אין מצרים אונ געהרג'ת גיווארין אין וועג. אונ פיל אין אפריקא אונ אין קיטאי אונ וואו די וועלט האט איין עק, אסך זיינען צושטארבין אין וועג פון חיות רעות אונ הונגער, אונ די לאנד איז גיווארין פארוויסטעט, אז העבער 50 יאהר איז קיין לעבעדיגעס וועזען ניט דורך גינאנגען אין איהר, איז דר וואס האט נור מארך אין מוח אונ נאציאנאליטעט־גיפיל דארף דעם טאג ניט אזוי נור פאסטין, ער דארף זיצין אויף דער ערד אונ וויינען אויף דעם חורבן פון דאס פאלק, וואס פון איהר איז געווארין, אז עס איז פארצויגין גיווארין אויף איהר לויטערין הימעל אזא דיקער וואלקען (איכה יעיב באפו ה' את בת ציון) אונ עס איז גיפאלין פון הימל צו דער ערד שטיקער! שטיקער מיינט איהר פילייכט שטיקער האגיל וואס האט צו זעצט מוחות? דאס וואלט נאך אפשר ניט זיין אזא אונגליק, נור עס איז גיפאלין שטיקער פון אידישער גלאנץ (השליך משמים ארץ „תפארת ישראל") , אונ די פאלק איז גיווארין הויך ווי די ערד אונ שפל. אז יעדער ציגיינער אונ טויגעניכטס ערלויבט זיך צו זאגין „זיד פארתאטי", פון יעדר עלילה (בלבול) וואס איז ניט גישטויגין

אונ נִיט גִיפְלוֹיגְן, אִיז רֶעכְט אִין מַאנְכֶע עֶרְטֶער עֶס זָאל זִיךְ גִיסְן אִידִישֶׁע בְּלוּט טַייכֶען וַוייס, אִיז דֶער טָאג פוּן הֲרִיגַת גְדַלְיָה בֶּן אֲחִיקָם כִּמְעַט גְרֶעסֶער וִוי דֶער חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ (קשה סלוקן של צדיקים לפני הקב״ה יותר מחורבן בית המקדש), אִיז שׁוֹין נָאר אַדְמִיוֹן דֶער יָאהר צַייט. פוּן גְדַלְיָה בֶּן אֲחִיקָם צוּ דֶעם יָאהר צַייט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ? מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט אוֹיס גִילֶעבְּט זַיינֶע יָאהרֶען אוּנ גִילָאזִין דִי פָאלְק אוֹיף אַ שְׁטַאנְד, אוּנ דָא הָאט מֶען עֶרְמָארְדֶעט אִיהם מִיט דִי גַאנְצֶע פָאלְק צוּ זַאמֶען, הַיינְט וִוי אַזוֹי עֶרְלוֹיבְט מֶען זִיךְ צוּ לַאכִין פוּן דֶעם וָואס פַּאסְט 1) אוּנ טְרוֹיעֶרְט דֶעם טָאג? עֶרְקְוִויקְט זָאלְט אִיר וֶוערִין מִיט אַלֶעם גוּטִין לִיבֶּער פְרַיינְד, וִוי אִיהר הָאט עֶרְקְוִויקְט אוּנזֶער הָארֶץ – הָאבֶּען זִיךְ דִי עֶלְטֶערֶע מֶענְשִׁין אוֹיס גִירוּפִין – מִיר זַיינֶען פְּרָאסְטֶע מֶענְשִׁין, מִיר קֶענֶען נִיט הָאבֶּען קַיין וִויכּוּחִים מִיט דִי הַיינְטִיגֶע וָואס מַאכִין זִיךְ פִיר חֲכָמִים.

תְּחִנָה לְתַעֲנִית אֶסְתֵּר.

אַתָּה הָאֵל עוֹשֵׂה פְּלָאוֹת, דוּ בִּיסְט דֶער גָאט וָואס טוּט וואוּנְדֶער מִיט אוּנְז בְּכָל רֶגַע וָרֶגַע, נוּר דוּרְךְ דֶעם וָואס מִיר זַיינֶען נִיט גוּט אוּנ פְרוּם שְׁפִּירֶען מִיר נִיט דִי נִסִים נִסְתָּרִים (דִי פַארְבָּארְגֶענֶע נִסִים) וָואס דוּ טוּסְט מִיט אוּנְז, דָאס דֶער נֵס וֶוערְט פַארְדֶעקְט אוּנ פַאר הוֹילֶען מִיט אַדֶרֶךְ הַטֶבַע גְלַייךְ וִוי עֶס אִיז מִיט דִי נַאטוּר גִיבְּרַאכְט, דֶען בִּימֵי מָרְדְכַי וְאֶסְתֵּר זַיינֶען דָאךְ דִי נִסִים גִיוֶועְן גָאר גְרוֹיס, פוּן דֶעסְט וֶועגְען וַוייל דִי אִידֶען זַיינֶען דֶענְסְטְמָאל נִיט וֶוערְט גִיוֶוען, זַיינֶען דִי נִסִים גִינַאנְגֶען פֶערְבָּארְגֶען, דָאס וַשְׁתִּי זָאל זִיךְ פַארְזִינְדִיגֶען בַּיי דֶעם מֶלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אוּנ אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה זָאל בַּיי אִים נוֹשֵׂא חֵן זַיין, דָאס דוּרְךְ אִיהר הָאבֶּען דִיא שׂוֹנְאִים גֶעהַאט אַמַפָּלָה, אַזוֹי וִויא דִי

מעשה אלפס

1) וֶוען אֵיינֶער דַארְף עֶסִין אִין אַ תַּעֲנִית צִבּוּר (בְּמִצְוַת הָרוֹפֵא), דַארְף עֶר עֶסִין בִּצְנָעָה, קֵיינֶער זָאל נִיט זֶעהֶען, עֶס זָאל נִיט אוֹיס וַוייזִין פַארִין אוֹיג אַז עֶר אִיז זִיךְ פּוֹרֵשׁ מִן הַצִבּוּר, דָאס הֵייסְט אַז עֶר אִיז אַיין אָב גֶערִיסֶענֶע גְלִיד פוּן פָאלְק׳ס קֶערְפֶּער אוּנ שְׁפִּירְט נִיט אִין אִיר לֵייד אוּנ פְרֵייד, אוֹיךְ דַארְף עֶר נִיט עֶסִין וִוי אַלֶע טָאג, נוּר צוּ פֶערְטְרַייבֶּען דֶעם הוּנְגֶער, אוּנ נִיט גַאנְץ פְרֵיה וִוי אַלֶע טָאג, נִיט וִוי מֶען זֶעהט לֵיידֶער גִיזוּנְטֶע מֶענְשִׁין עֶסִין עֶפִּיל אִין מִיטִי נַאכְט אִין אַתַּעֲנִית צִבּוּר, פּוּנְקְט וִוי זֵיי זַיינֶען גָאר קַיין מְחוּתָּנִים נִיט מִיט אִידִין, אָה! וִוי אוּנְפַארְשֶׁעמְט דָאס אִיז! וָואס פִיר אַיין שִׁילְט זֵיי שְׁטֶעלִין אַרוֹיס אַז דָא וואוֹינְט אַגְרָאבֶּער יוּנְג, וָואס הָאט קַיין מֶענְשִׁין גֶעפִיהל נִיט. אַז אִיר הָאט נִיט בְּכֹחַ צוּ עֶרְטְרָאגֶען דֶעם צַעַר פוּן פַאסְטִין אַ הַאלְבֶּע טָאג, הַיינְט וִוי שְׁפִּירְט אִיר נִיט דִי הַארֶץ פוּן אַיירֶע אוּנְגְלִיקְלִיכֶע בְּרִידֶער וָואס זַיינֶען גֶעבּעךְ גִילֶעגִין אִין דִי נַאסִין גִישְׁוָואלִין פוּן הוּנְגֶער?

אין

גמרא הקדושה זאגט ארמז פון די תורה אויף דעם נס פון אסתר. די תורה זאגט ווען די אידען וועלען חלילה זיין זינדיג פון דעסט וועגען (ואנכי הסתר אסתיר) וועל איך זיי בעווייזען נסים בהסתר, דען דער אייבערשטער האט גיגעבען זיין הבטחה, דאס די שונאים זאלען חלילה ניט קענען פארלענדין די אידען, מיר פאסטען היינט אזוי ווי אונזערע עלטערין האבען גיפאסט בימי המן הרשע ו), דאס דער בורא ב"ה זאל זיך שוין מרחם זיין איבער אונז, מיר זאלען זוכה זיין צו זעהען די נסים בפרהסיא ווי אין דערצייט פון יציאת מצרים, אמן.

תחנה לשבעה עשר בתמוז.

רבונו של עולם, (אמר בבכי) איך טוא זיך ביטערין מיט געוויין אויף די היילגע שטאט ירושלים, וואס אין היינטיגען טאג איז איר מויער גישפאלטען גיווארען, דער שונא האט איר חרוב גימאכט, 8) די היילגע תורה איז אויך אין דעם טאג פארברענט גיווארין. היילגער באשעפער! האב חס אויף דיין היילגען נאמען, וואס ווערט מחולל ביי די געטצען דינער, נעם אנקמה אן די שונאים, דאס אלע זאלען זעהן דיין הילף מיט דאס גרויסקייט פון די ישראל צו ליב דיין גרויסען נאמען, אמן סלה.

תחנה לתשעה באב.

דיא תחנה זאגט מען אום תשעה באב בייא נאכט, אונ אויך אין דער פריא מיט גרוים גיוויין:

אל מלא רחמים, גאט וואס דו ביסט פול מיט דער בארימקייט, אונ ביסט דער ריכטער פון דער וועלט, אלע דיינע גערכט זענין מיט ווארהייט, היינטיגען טאג האבען אינזערע עלטערין אין דער מדבר (וואס דו האסט זיי אוים געצויגען פון מצרים), דער ווידער גיזינדיגט צו דיר אונ האבען ניט גיוואלט אן נעמען דאס גוטס וואס דו האסט גיטאן אונ האסט צו געזאגט צו אונזערע היילגע עלטערין, אברהם יצחק ויעקב, אונ האבען גישענדעט די היילגע לאנד, וואס

מעשה אלפס

1) אין די טעג פון מרדכי ואסתר אין די צייט דרייצעהנטען טאג אין אדר זיך נוקם צו זיין פון נס פורים איז געווארען דער אן זייערע פיינד וועלכע זענען געוועזען באפעהל פון קעניג אחשורוש דאס די יודין זעהר פיל דאס זיי האבן גדארפט דר צו זאלען זיך איינזאמלען אין זייערע שטעט דעם האבען גרוים רחמים פון השם יתברך ער זאל

דיין שכינה האט גירוהט אין איר, אונ האבען אלע צייט גירעט אויף
דיינע ווארהאפטיגע קנעכט משה אונ אהרן, אונ היינטיגע נאכט
האבין זיי גיוויינט אונ האבען פאר גאסען פיל טרערין אומזיסט.
פאר דעם גיוויין וואס זיי האבען אומזיסט גיוויינט, זיי האבען מתרעם
גיוועזן אויף דיר הייליגער גאט, האסטו באצאלט צו זייערע קינדער
דאס אין דעם טאג זיינען פאר וויסט אונ פאר שטערט גיווארען דער
ערשטער אונ דער אנדערער בית המקדש, וואס דורך דעם איז
אוועק גינומען גיווארען פון אונז אונזער שיינקייט אונ די קרוין פון
אונזער קאפ. מיר קענען שוין ניט ברייננען קיין קרבנות אויף דיין
הייליגען מזבח, מיר קענען ניט אויף גיין דריי מאל אין יאר צו
זעהן די שיין פון דיין הייליגע שכינה, צו דער פרייען אונזער זעלע
מיט די הייליגקייט וואס די שכינה האט גירוהט צווישען די כרובים.
ווי איז צו אונז אונ ווי צו אונזער נפש, דען אין היינטיגען טאג איז
פארברענט גיווארען אונזער הייליגער בית המקדש דורך איין פייער
פון הימעל, אויך די גרויסע שטאט ביתר וואס אין איהר איז גיוועזן
דאפעלט ווי יוצאי מצרים איז חרוב גווארן אין דעם טאג, אויך שפניא
האט חרוב געמאכט די יהודים (בשנת רנ"ב), איז אלץ גיוועזן אום תשעה באב.
איבער די גרויסע עבירות פון די אידען וואס זיי האבען ווידער
גיוועזין אקעגן דיר. אונ זיינען גיגאנגען אין בייזען וועג צו דערצערנען
דיך אלמעכטיגער גאט, דרום האסטו צושטערט זייער קעניגרייך,
אונ אלע זייער גלוסטיגקייט האסטו צו בראכען, אונ האסט זיי
גיגעבין אין דיא האנד פון זייערע שונאים, אונ זייערע ווייבער אונ
זייערע קינדער וואס זיינען זייער אדעל ערצויגען גיווארין זיינען
גיפאנגען גיווארין, אונ האבען גימוזט ארבייטין זייער שווערע ארבייט
אונ טראגען גרויסע מיל שטיינער אויף זייערע העלזער, אונ העלצער
אן גיבונדין אויף זייערע פים, צו מאכען זיי שוואך, אונ האבען
געליטען גרויס הונגער אונ דארשט, אונ אויף אזעלכע גרויסע
ביטערע צושטערונג האבין אלע פעלקער גיקלאפט מיט די הענד

זאל זיי העלפען אין די מלחמה מיט זייערע
פיינד, אונ מיר געפינען דאס ווען די
ישראל האבען גיפירט מלחמה האבען זיי
גוזר תענית געוועזן דאס השם יתברך זאל
זיי העלפען, אויך משה רבנו עליו השלום
אין דעם טאג ווען ער האט מלחמה
געהאלטען מיט עמלק האט ער גיפאסט,
פערשטייט מען פון דעם דאס די יודען

אונ האבען זיך פאר וואונדערט, אונ האבען געזאגט דאס איז די שטאט ירושלים? וואס זי איז געוועזען די קרוין פון אלע שטעט אונ פון אלע לענדער, וואס זי האט געוועלטיגט איבער אלע לענדער, אונ יעצט איז זי פאר וויסט דורך אירע פיינד גאר אן דער בארימקייט, אונ ווי פרייען זיך אויף איר בראך אונ לעסטערין זי מיט שענדליכע רייד, ליבער גאט! קער אונז שוין צוריק אין ירושלים, אמן סלה.

אלה מזבחות זכור, פיל אידישע בלוט זיינען פערגאסען געווארען דורך אונזערע בלוט שונאים, די דאזיגע מזבחות פון די הרוגי ישראל. דער מאן דער בארעמיגער גאט, אונ העלף אונז, זאמעל אונז איין פון אלע פיר ענדין וועלט, אונ בויע אויף ווידער מיט פייער דיין שטאט ירושלים, טרייסט אונז פון אונזער טרויערקייט, שיק אונז משיח צדקנו ער זאל אונז אויף ברענגען קיין ארץ ישראל. מיר זאלען היינט אין דעם טאג פריילך זיין, צו לויבען דיין הייליגען נאמען, אונ צו דער ציילען דיינע וואונדער, אזוי ווי דו האסט ערלייזט דיין פאלק ישראל פון מצרים, אונ עס זאל שוין מקוים ווערין וואס דער נביא האט געזאגט, אז דער חודש אב וועט פאר קערט ווערין צו פיל פרייד, אונ ניט צו געוויין אונ קלאגען, דאס זאל געשעהן באלד אין אונזערע טעג, אמן ואמן.

תחנה נחמת ציון (אויף שבת נחמו).

אנא איך בעט דיר אלהי הנחמות, גאט וואס דו טרייסט יעדער אבל, זאלסטו טרייסטען מיר מיט מיין גאנץ הויז געזינד, מיט כל ישראל דאס עס זאל ווערין פון אונז אב געטאן אלע צרות, מיט אלע גזירות רעות, זאלסט צו אונז שיקען די דאפעלטע נחמה דאס מיר זאלען דאפעלט געטרייסט ווערין, אזוי ווי דער נביא ישעיה זאגט נחמו נחמו יאמר אלהיכם, אונ פאר אלע צרות מיט אלע יסורים

מעשה אלפס

האבען געווים געפאסט דעם דרייצענטען טאג אין אדר, איבער דעם האבען אלע יודען אויף זיך מקבל געוועזן דעם דרייצענטען טאג אין אדר פאר א תענית צבור, נאר ער איז ניט אזוי הארב ווי די פיר געבאטענע תעניתים, דער עיקר דארף מען אין דעם תענית אין זינען האבין דאס דער אייבערשטער זעהט אונ הערט צו די יודינס געבעט, דאס אויב מיר וועלען תשובה טאהן מיט דעם גאנצען הארץ אזוי וועט אונז דער אייבערשטער בעווייזין נאיע נסים דאס מיר וועלען געהאלפען ווערען פון אלע צרות, אונ הערין ישועות ונחמות אמן.

מִיט אַלֶע פֶערְשַׁיידֶענֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ רַחֲמָנָא לִיצְלַן וָאלְסְטוּ אוּנְז בֶּעגְּנָטִיגֶען מִיט פִיל טוֹבוֹת יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת דָאס מִיר זָאלֶען פַארְגֶעסִין אָן אוּנְזֶערֶע עֶרְשְׁטֶע צָרוֹת, אוּנ מִיר זָאלֶען שׁוֹין אוֹיפְגֶערִיכְט וֶוערִין מִיט דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה דוּרְךְ מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

תְּחִנָּה מָצָא טוֹב (מתפלל צו זיין חמשה עשר באב).

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דַיין הֵיילִיגֶער דָוִד (מלך ישראל) הָאט גִיזָאגְט „עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא" יֶעדֶער פְרוּמֶער מֶענְשׁ זָאל בֶּעטִין, אַז דֶער בּוֹרֵא וָאלוֹאִים (אדער זיינע קינדער) צוּ שִׁיקֶען דֶעם בַּאשֶׁערְטִין זִיווּג (מצא אשה מצא טוב) אוּנ אַזוֹי וִוי „חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב" אִיז פַארְצַייטֶען גִיוֶועזֶען בַּיי אִידֶען זֵייעֶר אַפְרַיילִיכֶער טָאג, אִין אִים הָאט מֶען גִישְׁלָאסֶען פַארְטַייעֶן, צוּם אַנְדֵיינְקוּנְג אַז אִין דֶעם טָאג אִיז פְרֵיי גִיוָוארֶען דִי וֶועג, אִידֶען זָאלֶען קֶענֶען עוֹלֶה לְרֶגֶל זַיין, וָואס צֶענְדְלִיגֶע יָאהְרִין, פוּן יָרָבְעָם בֶּן נְבָט אָן, הָאבֶּען דִי מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל גִישְׁטֶעלְט שְׁטְרַאזִין אוֹיפִין וֶועג, נִיט צוּ לָאזִין עוֹלֶה לְרֶגֶל זַיין, אוּנ הוֹשֵׁעַ (דער זון פון קעניג אלה) הָאט אִין דֶעם טָאג אַרָאבּ גִינוּמֶען דִי שְׁטְרַאזִין אוּנ אִידֶען הָאבֶּען מִיט גְרוֹיס בֵּיינְקוּנְג אוּנ לִיבְּשַׁאפְט אָן גִיהֵייבֶּען גֵיין צוּרִיק קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אוּנ דָארְטֶען הָאבִּין זֵיי גִיזֶעהְן וִוי דִי גָאלְדֶענֶע כְּרוּבִים (אין גישטאלט פון קליינע קינדער) וָואס אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים אוֹיפִין אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ הָאבֶּען זִיךְ אַרוּם גִינוּמֶען אֵיינֶע דִי אַנְדֶערֶע וִוי צְוֵויי גֶעלִיבְּטֶע (צוּ וַוייזֶען וִוי וַוייט דִי לִיבְּשַׁאפְט פוּן השי"ת אִיז צוּ זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל), אִיז צוּם אַנְדֵיינְקוּנְג הָאט מֶען בֶּעשְׁטִימְט דֶעם טָאג צוּ שְׁלִיסֶען פַארְטַייעֶן. בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער פָאטֶער, אַז דוּ זָאלְסְט מִיר אוֹיךְ הֶעלְפִין אוּנ צוּ שִׁיקֶען פַאר מַיינֶע קִינְדֶער זֵייעֶרֶע בַּאשֶׁערְטֶע, אוּנ אִיךְ מִיט מַיין מַאן זָאלֶען זוֹכֶה זַיין פִירֶען זֵיי צוּ דֶער חֻפָּה אִין אַמַזָל'דִיגֶע שָׁעָה מִיט אֲרִיכוּת יָמִים (אזוי ווי אין דעם טאג איז אראב גינומען גיווארען דער פוים שטראף פון אונזערע עלטערין אין דער מדבר): אוּנ מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן פוּן זֵיי גְרוֹיס נַחַת מִיט גוּטֶע דוֹרוֹת, אָמֵן.

וויכטיגע תחנות ובקשות אויף חודש אלול, סליחות טעג, ראש השנה, עשרת ימי תשובה, יום כפור, אונ שלש רגלים.

תחנה אמהות לר"ח אלול (זאגען אין חודש אלול גאנץ אפס).

גרויסער קעניג! דער ליבער גאסט ר"ח אלול האט אונז געבראכט גוטע נאכריכט, ווי עס ווייזט דער ווארט "אלו"ל" (אני לדודי ודודי לי) אז ווען איך וועל זיך קערין מיט תשובה ותפלה צו מיין פריינד (הקב"ה) וועסטו מיין פריינד זיך קערין צו מיר, באגליקען מיינע וועגין אויפין נאיעם יאהר. — דער גוטער גאסט דער מאנט אונז אויך, די ליבע וואס דו טרייער פאטער ליבסט אונז, מיט דעם וואס דו האסט אונז געגעבין די מצוה פון תשובה, מציל זיין אונז פון די וועג פון טויט אונ ארויף פירען אונז אויף די וועג פון לעבן, דאס הייסט מיר זאלען חרטה האבען אונ זיך מתודה זיין אויף די נארישע מעשים וואס מיר האבען זיך פארנארישט דעם גאנצין יאהר אונ גיזינדיגט קעגין דיר, וואס אונזער קליין קעפעלע האט אויסגירעכינט, ווי יענער קליינער קינד אז די ווייטע רייזע וואס די מענשין האבען גימאכט פון קיטיי נאך ניזנע (אויפען יאהר מארק) איז נור צו טרינקען טיי מיט זעמל*), כלומר אז דער

---

*) אקויפמאן האט אמאל מיט גינומען זיין זאהן אויפין יאהרמארק, קומענדיג אין ניזנע אויפ'ן וואגזאל, זעט דער קינד אז עס זיצען מאנס פערזאהנען מיט לאנגע צעפ אראב געלאזען אויף די פלייצעס אונ טרינקען טיי מיט זעמיל, פרעגט ער דעם פאטער, ווער זיינען דאס? דאס זיינען קיטייצעס (ענטפערט דער פאטער) דארטען איז אזא מאדע אז מאנס לייט גייען מיט צעפ — ווי ווייט איז קיטיי פון דאנען? (פרעגט דער קינד). לערך 2 מאל אזוי פיל ווי פון דאנען נאך אמעריקע (ענטפערט דער פאטער) — אזוי, אזוי? זאגט דער קינד פארוואונדערט, איז דא אזעלכע געשמאקע טיי אז מען פארט אז פון קיטיי אהער טרינקען. טו היים מיר אויך געבען אגלאז טיי.— ניין מיין קינד, טיי איז אין קיטיי דא בעסערע (דארטען איז די רעכטע פלאנטאציעס פון טיי) נור דאס זיינען גרויסע קויפלייטע, דער עיקר זיינען זיי געקומען היער צום יאהרמארק מאכען גרויסע געשעפטען, אונ דער טיי טרינקען איז אטפל — דאס גלייכען דיינקען מיר ווי דער קינד, אז אונזער נשמה האט געמאכט אזא ווייטע רייזע פון דעם עולם העליון אויף דיזע וועלט נור צו טרינקען טיי מיט זעמיל (ווי מ'רופט דאס "לעבען אטאג") אונזער קליינע קעפעלע פארשטייט גאר ניט אז דא איז אגרויסער יאהר מארק (היום לעשותם) צו איין האנדלען טייערע סחורה (מצות ומעשים טובים) וואס מ'קען דאס אויפ'ן עולם העליון ניט בעקומען. ווי דער תנא זאגט (אין פרקי אבות) יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא.

תכלית פון מענשענס לעבן איז נור צו עסן אונ טרינקען אונ זוכען פערגניגען, וואָס דער גיזונטער פאַרשטאַנד ווייזט, אַז די אַלע תענוגי הזמן זיינען הבל הבלים, דאָס איז נור גילעבט ווי אַ בהמה וואָס איר קאָפּ ליגט שטענדיג אין צעבער בראַהע, אונ אַזאַ לעבן ענדיגט זיך ווי דער וואַנט־קאַלענדאַר, וואָס די בלעטעלעך זיינען דינגען נור דעם טאָג, אָבער ווי דער טאָג גייט אַוועק רייסט מען. ווי אָב אונ זיי וואַלגערין זיך אונטער די פיס, אונ ענדע יאָהר איז נימאַ אַזכר פון גאַנצען קאַלענדאַר, אַזוי איז אויך אַזאַ וואָרט לעבן, נור גילעבט אַ אַטאָג אָבער ווי דער טאָג גייט אַוועק ווערט ער פאַרשוואונדען ווי אַרויך עס בלייבט פון איהם גאָר ניט אונ אַזוי פון גאַנצען לעבן. דרום האָסטו בעשטימט דעם לעצטען חודש פון יאָהר, אויף חשבון הנפש, דער מענש זאָל זיך אַרום זעהן אונ מאַכן דעם יאָהר־באַלאַנס, זעהן אויב עס האָט זיך איהם וואָס אָב גישטעלט מצות ומעשים טובים מיט צו נעמען אויף די עוויגע וועלט, אָדער ער האָט גילעבט ווי אַ בעל חי אונ האָט נאָך איין גיצערט די ביסל מצות ומעשים טובים וואָס ער האָט פון פאָריגע צייט.

דער חודש אלול איז נאָך גיהייליגט פון משה רבנו'ס צייט, וואָס ער איז דאַן אום ר"ח (אלול) אַרויף גיגאַנגען אויפ'ן הר סיני מקבל זיין די צווייטע לוחות אונ מ'האָט גיבלאָזען שופר אין דער מחנה (אין אידישען לאַגער) אום מ'זאָל מער זיך ניט טועה זיין ווי פריער וואָס צו ליב דעם טעות איז אַרוים גיקומען דער עגל, אויך האָט מען מרמז גיוועזן מיטין בלאָזען שופר אַז אידען זאָלען זיך נעמען צו תשובה, ווייל שופר ווייזט אַז מ'רופט יענעם צום דין, איז ווען מען דער מאָנט זיך, אַז מ'דאַרף זיך שטעלין צום גרויסען משפט פון דעם מלך מלכי המלכים חאַפּט ציטערין די האַרץ, ווייל ווער קען גירעכט בלייבען פאַר דעם ריינעם משפט, ווי דוד המע"ה זאָגט (ואל תבא במשפט את עבדך), רבש"ע דו זאָלסט ניט קומען אויף מיר מיט דין (כי לא יצדק לפניך כל חי) ווייל קיינער קען ניט גירעכט בלייבען פאַר דיין משפט, דרום שרייבט אליהו הנביא (אין זיין ספר תנא דבי אליהו) אַז אידען האָבען דאַן גיפאַסט אין חודש (אלול) פיל תעניתים בכדי אונטערטעניג מאַכען די האַרץ צו תשובה אונ דעם לעצטין טאָג פון די פערציג טעג (דאס איז דער צענטער טאג אין תשרי)

דעם

הָאט מֶען גּוֹזֵר תַּעֲנִית גִּיוֶועֶן אוֹיף אַלֶעמֶען פוּן פַארְנַאכְט אָן אוּנ אִין דֶעם טאָג אִיז דֶער בּוֹרֵא ב"ה אִיבֶּער גִיבֶּעטִין גִיוָוארֶען צוּ אִידִין אוּנ הָאט גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ (סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ) אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעבִּין דִי זִינְד וִוי דוּ הָאסְט פַארְלַאנְגְט, אוּנ הָאט אִים אִיבֶּער גִיגֶעבִּין דִי צְוֵויטֶע לוּחוֹת, דְרוּם אִיז דֶער צֶעהְנְטֶער טָאג אִין תִּשְׁרֵי גִיהֵיילִיגְט גִיוָוארֶען אוֹיף עֶוִויג פַאר אַיְים סְלִיחָה וְכַפָּרָה (דָאס אִיז יוֹם כִּפּוּר).

וְיַעַן שֶׁגָּלוּי וְיָדוּעַ לְפָנֶיךָ. אוּנ וַוייל עֶס אִיז עֶנְדֶעקְט פַאר דִיר לִיבֶּער גָאט, אַז וֶוען אֲפִילוּ דֶער מֶענְשׁ טוּט שׁוֹין תְּשׁוּבָה אוּנ וִויל שׁוֹין וַוייטֶער נִיט זִינְדִיגֶען, נוּר כָּל זְמַן עֶר אִיז צוּ גִיוָואהְנְט צוּ זַיין שְׁלֶעכְטִין פִיהְרוּנְג טוּט עֶר מַאהְגֶען דִי זֶעלְבֶּע עֲבֵירָה וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעכְטִין נִישְׁלָאגִין אִין הַארְצֶען אוֹיף אִיר 1) דְרוּם הָאסְטוּ הִימְלִשֶׁער פָאטֶער גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ (פְּסָל לְךָ שְׁנֵי לוּחוֹת אֲבָנִים) דוּ זָאלְסְט אַלֵיין אוֹיס אַרְבֵּייטִין דִי לוּחוֹת וֶועל אִיךְ דַאן אַרַיין גֶעבִּין אִין זֵיי אַנְשָׁמָה דָאס אִיז אִיךְ וֶועל שְׁרַייבֶּען אוֹיף זֵיי דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרִים, דָאס אִיז אַיין אָנְמֶערְקוּנְג (פסל לך) דוּ מֶענְשׁ בִּילְדֶע זִיךְ זֶעלְבְּסְט אוֹיס 2), רֵיינִיג אוֹיס דַיין הַארְץ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זִיטְן, פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גִיוָואהְנְהַייטִין וִוי לְמָשָׁל גַּאֲוָה, כַּעַס, קִנְאָה, שִׂנְאָה, עַצְלוּת (פוילקיים), לֵיידִיג גֵיין, רְכִילוּת טְרַייבֶּן, רֵיידִין לָשׁוֹן הָרָע, נִבּוּל פֶּה (מיאוסע רייד), שֶׁקֶר, פַארְלַאנְגֶען אַפְּרֶעמְדִין גְרָאשִׁין אוּנ דָאס גְלַייכִין, אוּנ אַיין גִיוָואהְנֶען זִיךְ צוּ אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת, קוּקֶען מִיט אַגוּטֶע אוֹיג אוֹיף יֶעדֶער מֶענְשִׁין, אִיהַאלְטֶען יֶענֶעמְס כָּבוֹד אַזוֹי וִוי דֶעם אֵייגֶענֶעם כָּבוֹד, חַס הָאבֶּען אוֹיף יֶענֶעמְס גְרָאשֶׁען אַזוֹי וִוי אוֹיף דֶעם אֵייגֶענֶעם, מָאן צְדָקוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים מִיט שִׂמְחָה אוּנ זְרִיזוּת, אָבּ הִיטֶען דֶעם דַאוֶונֶען, אוּנ אַבְּרָכָה מַאכֶען אוֹיף יֶעדֶער זַאךְ מִיט כַּוָּנָה, דִי אוֹיעֶרִין זָאלֶען הֶערִין וָואס דִי מַייל

מעשה אלפס

1) וִוי דִי קְלָלָה וָואס דֶער נָחָשׁ (דִי תַּאֲוָה) אִיז גֶעשׁאלְטֶען גֶעוָוארֶען (הוּא יְשׁוּפְךָ רֹאשׁ) עֶר וֶועט דִיר קְלַאפִּין אִין קָאפּ, כְּלוֹמַר, דֶער מֶענְשׁ מִיט'ן שֵׂכֶל פוּן קָאפּ שְׁלָאגְט דֶעם שְׁלַאנְג, דָאס הֵייסְט עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוּנ הָאט חֲרָטָה אוֹיף דִי עֲבֵירָה (וְאַתָּה תְּשׁוּפֶנּוּ עָקֵב) אָבֶּער דֶער שְׁלַאנְג (דִי תַּאֲוָה) שְׁלֶעפְּט דֶעם מֶענְשִׁין פַאר דִי פִיס גֵיין צוּרִיק בְּנִפְרִידִיגֶען דִי תַּאֲוָה.

2) דֶער עֶרְשְׁטֶער מֶענְשׁ (אָדָם הָרִאשׁוֹן) אִיז גֶעוֶוען גֶעטְלִיכֶע אַרְבִּיט, סַיי זַיין קֶערְפֶּער אוּנ סַיי זַיין נְשָׁמָה, דְרוּם דִי עֶרְשְׁטֶע לוּחוֹת וָואס זֵיי זַיינֶען גֶעקוּמֶען מְכַפֵּר זַיין אוֹיף דֶעם חֵטְא פוּן עֵץ הַדַּעַת אַז דֶער מֶענְשׁ זָאל קוּמֶען צוּרִיק צוּ דִי עֶרְשְׁטֶע מַדְרֵגָה וִוי אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז גִיוֶוען פַאר דֶעם חֵטְא שְׁטֵיט בַּיי זֵיי (וְהַלֻּחֹת מַעֲשֵׂה אֱלֹהִים הֵמָּה וְהַמִּכְתָּב מִכְתַּב אֱלֹהִים

הוא

רעט, אָב היטען שבת פון די שקיעה ביז אויף מאָרגען נאָך צאת הכוכבים, דאַן וועט דער "אשמנו" מיט'ן שלאָגען זיך אין האַרצען הייסען אַרעכטע תשובה.

און ווייל איבער בייטען איין געוואָהנהייט דאַרף געווערין דרייסיג טעג, דרום האָסטו האַרציגער פאָטער אונז געגעבין דעם חודש אלול מיר זאָלען תשובה טאָן און נעמען אין אַכט אָב געוואָהנען זיך פון אַלע שלעכטע מדות און תאוות וואָס פון זיי קומט אַרויס אַלע עבירות, און צו געוואָהנען זיך צו אַלע גוטעס און מקיים זיין מצות מיט זריזות און שמחה, דאַן וועלין מיר קענען קומען שטעלין זיך צום יום הדין. דרום בעט איך דיר ליבער האַרציגער פאָטער דו זאָלסט אויף מיר רחמנות האָבען און מיר זיין צו הילף אָב געוואָהנען זיך פון אַלע עבירות וואָס איך האָב ביז אַהער געטאָן ובפרט די זאַכין וואָס פון גרויס געוואָהנהייט איז דאָס געוואָרען ווי איין היתר, אַז מען שפירט שוין גאָר ניט וואָס פאַר איין האַרבע עבירה דאָס איז, ווי למשל זידלען יענעם פאַר די קלענסטע זאַך, אָדער ניט אָב געבין וואָס עס קומט יענעם, וואָס דאָס איז פון די האַרבסטע עבירות אַז אפילו תשובה און יום כפור און יסורים זיינען אויף דעם ניט מכפר, ביז וואַנען מען מוז יענעם איבער בעטין און דורך קומען מיט איהם, און בעונותינו הרבים (דורך דעם גרויסען געוואָהנהייט) איז דאָס געוואָרען אַזוי רעכט אַז עס קלעמט גאָר די האַרץ ניט און עס פלאַגט גאָר דער געוויסען (סאוויעסט) ניט, יענעם גיסט זיך בלוט פון די אויגען און איך שטיי גאַנץ גלייכגילטיג און מאַנכע מאָל חאַפּט זיך אַ שמייכעל טאָן דער ביי[1]. אויף דעם בעט איך דיין גרויס רחמנות דו זאָלסט מיר

מעשה אלפס

הוא אַז די לוחות זיינען געווען געטליכע אַרבייט, ביי דער איז האַקען די שטיינער און ביי די שריפט, אָבער ווי אידין האָבין געמאַכט דעם עגל זיינען זיי אַראָפּ געפאַלין פון זייער מדרגה, זיי האָבען פאַרלאָרען די הערליכע צירונג וואָס מ'האָט זיי אָן געצירט ביים הר סיני, און זיינען געבליבען ווי אדם הראשון נאָכ'ן חטא פון עץ הדעת וואָס ער האָט געקראָגען געלוסט צו די תאוה און האָט מכולה געמאַכט זיין קערפּער ער האָט איהם פאַרפלעקט מיט די זוהמא פון נחש התאוה, דרום מוז שוין דער מענש אַליין האָרעווען איהם אַרבייטען און איהם בילען זיין קערפּער איהם ריינגען איהם פון די זוהמא פון נחש פון די שלעכטע זאַכען און תאוות, בכדי עס זאָל ראוי זיין צו שרייבען אויף איהם די הייליגע געטליכע שריפט, כלומר די געטליכע נשמה זאָל קענען אין איהם רוהען צו טאָן גוטע מעשים.

1) די אורזאַך פון דעם ניט שפירען האָט ערקלערט דער גרויסער צדיק והחכם רבנו "ישראל סאַלאַנטער" זצ"ל, ווייל

דער

העלפין זיך אב געוואהרגען פון דעם, אז איך זאל שפירען דעם
פערברעך פון דעם אונ דעם פארברעך פון אלע עברות, ווייל ווען
איך דער מאן זיך מיינע ביזע מעשים פאלט אגרויסע שרעק אונ
ציטערנעם אויף מיר, מה דאך די אבות הקדושים אונ די גרויסע
צדיקים זיינען געשטראפט געווארען פאר קליינע זאכען וואס זיי זיינען
דורך געפאלען, אברהם אבינו וואס ער האט געפרעגט „במה אדע"
איז נגזר געווארען אויף זיינע קינדער צו זיין אין גלות מצרים. יעקב
אבינו בעת די מוטער רחל האט געזאגט (הבה לי בנים) סטארע זיך מיט
תפלה אז איך זאל האבין קינדער, האט ער איר געענטפערט מיט כעס
(התחת אלהים אנכי?) האט דער בורא אים געזאגט, אזוי ענטפערט
מען דאס צו אטרויעריגע הארץ? איך שווער ביי דיין לעבין אז דיינע
קינדער (די שבטים) וועלין מוזען שטיין מיט רעשפעקט פאר איר זון (יוסף),
אונ ווייל ער האט באהאלטען זיין טאכטער דינה אין אקאסטין בכדי
זיין ברודער עשו זאל איר ניט זעהן אונ וועלין נעמען פאר אפרוי. הגם
זיין כוונה איז געווען צו גוטן, האט דער בורא אים געענטפערט, דו האסט
איר ניט געוואלט חתונה מאכען פאר אגמהלתין האט איר שכם בן
חמור געהאפט אונ מאנס געווען, ווייל ווען עשו וואלט איר נעמען פאר
אפרוי קען זיין זי וואלט אים מחזיר למוטב געווען. זעט מען פון דעם ווי
ווייט דער מדת הדין רעכינט זיך מיט יעדערין אונ שוינט ניט דעם
גרעסטין מענשן, משה רבנו מיט אהרן זיינען איבער אקליינעם פאר-
זעהונג געשטראפט געווארען צו שטארבען אין דער מדבר אונ האבין
ניט זוכה געווען אריין צו גיין אין ארץ ישראל, היינט אפשיטא איך
אָרימע פרוי וואס איך בין ארים אין מעשים טובים אונ פיל מיט
זינד, אונ הגם פון מיר זיינען פיל מעשים מגונים פאר געסין געווארן,
אבער פאר דיינע ליבטיגע אויגען קומען אלע פאר, אונ צום יום הדין
ווען דער מענש קומט אויף די אמתה וועלט, ווייזט מען אים אלעס
אונ ער זעט אזוי ווי אויף די טיכאנע קארטינעם ווי ער לויפט צו די
עברה אונ וואס ער טוט בחדרי חדרים, אפילו איין אומפאסיגען
ווארט וואס ווערט גירעט אין שלאף צימער, ווייזט מען אויך
דעם מענשין ביים יום הדין. ווי אגראמאפאן רעט איבער זיינע

מעשה אלפס
דער נפש האט אויך רמ"ח אברים רוחניים זיינען קענין די רמ"ח אברים פון נפש, ווי דער גוף אונ די רמ"ח מצות עשה אונ אזוי ווי אין גוף כל זמן דער אבר איז

גיזונד

ווערטער מיט זיין שטימע וואס ער קען דאס ניט אפ לייקענען. אלזא דער מאנענדיג זיך דאס אלעס, פאלט אגרויסע שרעק אויף מיר, אונ מיינע גלידער ציטערין אין מיר, אה וועה צו מיינע בייזע מעשים, ווען מ'וועט מיר מיינע אלע בייזע מעשים בעווייזען, וועל איך דאך ניט האבין וואו צו בעהאלטען זיך פון גרויס שאנד, אונ ווען איך דער מאן זיך נאך ווער עס וועט שטיין דער ביי, עס איז דאך ניט אזוי ווי אויף דער וועלט פאר איינציגע מענשין, דארטין וועט דאך זיין אזא הויכארטיגע פובליקום,. הקב"ה מיט דעם גאנצען הימעלשען פארלאמענט, די אבות הקדושים, אלע תנאים, אלע גאונים אונ צדיקים, אלע ריינע נשמות, אונ איך וועל דאס שטיין פאר זיי פארפלעקט פון קאפ ביז די פיס מיט דעם שמוץ פון מיינע זינד. אה, ווינד אונ וועה איז צו מיר! אז איך שטעל זיך מיר דאס פאר, פליסען מיינע אויגען טייכען טרערין אונ איך טוא וויינען אונ שרייען מיט א צובראכענע הארץ פאר דיין הייליגען נאמען, אז דו זאלסט מיין גיבעט אן נעמען מיט גרויס חסד, ווי דו האסט אן גענומען דיא גיבעט פון אונזער מוטער חנה, אונ זאלסט אויף מיר רחמנות האבין אונ אפ-וואשין מיט מיינע טרערין די פלעקין פון מיינע זינד, ווייל דו באגערסט דאך ניט דעם טויט פון רשע, נור ער זאל זיך ווידער קערין פון זיינע בייזע מעשים אונ זאל לעבין, דו פאר שעמסט ניט די גישרייי פון ארימאן (וואס איז ארום אין מעשים טובים), אונ פארגעסט ניט דיין פנים פון אים. דרום דער לייכט אויך דיין הייליגען פנים צו מיר אונ העלף מיר אפ גיוואהנען זיך פון די בייזע מעשים אונ איך זאל ענטלויפען פון זיי ווי אונזערע חכמים שרייבען (אין פרקי אבות) "ובורח מן העבירה" ענטלויף פון איין עבירה ווי מען ענטלויפט פון אברענענדיגען שלאנג, ווייל די עבירות זיינען גיפערליך צו דער נשמה מער ווי ברענענדיגע שלאנגען, אונ העלף מיר איין גיוואהנען זיך אונ מיינע קינדער צו גוטע מדות אונ גוטע מעשים, צו גאט אונ צו לייטען, בכדי מיין נשמה זאל ניט פאר שעמט ווערין צום יום הדין פאר דיין כסא הכבוד, אונ איך זאל ווערט זיין אז איך מיט מיין מאן אונ קינדערלאך זאלין דעם הייליגען יום

מעשה אלפס

ניזונד שפירט ער, אז עס טוט אים וויי, ער שיין ניט, אזוי אויך איז די נשמה אז ווען אפער ער ווערט פאראליזירט שפירט מען היט די מצוה איז דער אבר פון די

הַדִין (ראש השנה) וָואס גֵייט אוּנְז עֶנְטְקֶעגִין גִישְׁרִיבֶּען אוּנ גֶחַתְמְ'ט וֶוערִין אִין בּוּךְ פוּן לֶעבִּין, מִיט גֶעזוּנְד אוּנ פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד, בְּתוֹךְ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אָמֵן.

תְּחִנָּה קוֹל שׁוֹפָר (ווען מען הויבט אן שופר בלאזין בר"ח אלול).

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶער פוּן דֶער וֶועלְט. הַיינְט הוֹיבֶּען מִיר אָן צוּ בְּלָאזִין שׁוֹפָר, בִּכְדֵי מִיר זָאלֶען זִיךְ דֶערְמָאנֶען אָן דֶעם יוֹם הַדִין, וֶועלְכֶער עֶר קוּמְט אָן צוּ אוּנְז לְטוֹבָה, אוּנ מִיר זָאלִין זִיךְ צַרוּם זֶעהְן וֶועגִין אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים פוּן אַגַאנְץ יָאר, מִיר זָאלִין תְּשׁוּבָה טָאן אוֹיף אוּנְזֶערֶע עֲבֵרוֹת, וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (שׁוּבוּ אֵלַי וְאָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם), קֶערְט זִיךְ צוּ מִיר מִיט אַייעֶרֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, אוּנ טוּט תְּשׁוּבָה אוֹיף אַייעֶרֶע זִינְד, וֶועל אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ צוּ אַייךְ קֶערִן, אוּנ אִיךְ וֶועל אַייךְ מַצִיל זַיין פוּן אַייעֶרֶע צָרוֹת, דְרוּם בֶּעטִין מִיר דִיר דֶערְבַּארֶעמִיגֶער פָאטֶער, אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיף אוּנְז דֶערְבַּארֶעמֶען, אוּנ גֶעבֶּען אוּנְז אַיין גוּטִין גִידַאנְקֶען, אַז מִיר זָאלִין טָאן אַ תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, אוּנ דוּא זָאלְסְט אוּנְז שְׁטַארְקִין אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער צוּ טָאן דַיין ווִילֶען, אַז מִיר זָאלֶען קֶענֶען הֵיילִיגֶען דַיין נָאמֶען, וָואס עֶר אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, אוּנ מִיט דִי שְׁטִימֶע פוּן שׁוֹפָר, זָאלְסְטוּ צוּטוּמְלֶען דֶעם שָׂטָן, אַז עֶר זָאל נִיט קֶענֶען מְקַטְרֵג זַיין, אוּנ מִיר זָאלִין קֶענֶען קוּמֶען צוּם יוֹם הַדִין רֵיין פוּן אַלֶע זִינְד, אוּנ רֵיין פוּן אַלֶע פֶערְבְּרֶעכוּנְגֶען, וֶועלְכֶע מִיר הָאבִּין פֶערְבְּרָאכִין גֶעגִין דִיר הֵיילִיגֶער גָאט, (וְהָאֵר עֵינֵינוּ בַּעֲבוֹדָתֶךָ) דֶערְלַייכְט אוּנְזֶערֶע אוֹיגִין מִיר זָאלִין ווִיסִין ווִי דִיר צוּ דִינֶען מִיט דֶעם גַאנְצִין הַארְצִין, אוּנ אַזוֹי ווִי דִי תְּקִיעָה אִיז אַ גְלַייכֶער קוֹל, אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיסְגְלַייכֶען אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער פוּן אַלֶע קְרוּמֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַז מִיר זָאלִין גֵיין אִין גְלַייכִין וֶועג פוּן דֶער תּוֹרָה, אוּנ אַזוֹי ווִי דֶער קוֹל פוּן שְׁבָרִים תְּרוּעָה אִיז אַיין צוּבְּרָאכֶענֶער קוֹל, אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוּנְז הֶעלְפִין צוּבְּרֶעכִין אוּנ אוּנְטֶערְטֶענִיג מַאכִין אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער צוּ דִיר, אוּנ בִּזְכוּת זֶה זָאלְסְטוּ צוּ בְּרֶעכִין אַלֶע בֵּייזֶע גְזֵירוֹת פוּן אוּנְז, אוּנ מִיר זָאלִין זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערִין דֶעם שׁוֹפָר פוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ. אָמֵן.

מעשה אלפס.

נְשָׁמָה גֶעזוּנְד, לְמָשָׁל יֶעדֶער אִיד אִיז וָואס מֶען הָאט פִיל מָאל עוֹבֵר גֶעוֶועֶן אוּנ זָהִיר נִיט צוּ עֶסִין טְרֵפוֹת, דְרוּם אִיז דָאס נִיט גֶעטָאן קֵיין תְּשׁוּבָה, אִיז פַּארַאלִיזִירְט בַּיי אִים זֵייעֶר הָאַרְבָּ, אָבֶּער דִי עֲבֵרוֹת גֶעוָוארֶען דֶער אֵבֶר פוּן דֶער נְשָׁמָה, דְרוּם

שפירען

פוּן עֶרְשְׁטְן טָאג סְלִיחוֹת בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאגְט מֶען דִי תְּחִנָּה. וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל.

רִבּוֹן הָעוֹלָמִים, הֶער פוּן אַלֶע וֶועלְטְן, (קִדְּמוּ עֵינַי אַשְׁמוּרוֹת, לִשְׁפּוֹךְ לִבִּי כַּמַּיִם) מַיינֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען גִיפֶּעדֶערְט וַואךְ צוּ זַיין פַארְטָאג, פַארְגִיסֶען מַיין הַארְץ אַזוֹי וִוי וַואסֶער, גָאט מַיין גָאט, וָואס בִּין אִיךְ? אוּנ וָואס אִיז מַיין לֶעבִּין? אוּנ וָואס אִיז מַיין כֹּחַ? אוּנ וָואס אִיז מַיין גִירֶעכְטִיגְקַייט? אוּנ וָואס זַיינֶען מַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים? דָאס אִיךְ זָאל מִיט זֵיי קוּמֶען פַאר דִיר, וַוייל אִיךְ בִּין לֵיידִיג אוּנ לֶעהר פוּן גוּטֶעס, אוּנ פוּל פוּן אַלֶע מַיינֶע זַייטִין מִיט גְרוֹיסֶע זִינְד. אוּנ גְרוֹיסֶע אוּמְרֶעכְט. (אוֹי לִי וְאוֹי לְנַפְשִׁי), וִויי אִיז צוּ מִיר, אוּנ וִויי אִיז צוּ מַיין נְשָׁמָה, דֶען אִיךְ הָאבּ פִיל גֶעזִינְדִיגְט, וִוי קָאן אִיךְ קוּמֶען בֶּעטִין סְלִיחָה וּמְחִילָה פוּן דִיר, (אַךְ עַל רַחֲמֶיךָ אֶשָּׁעֵן, כִּי אֵל מָלֵא רַחֲמִים אָתָּה), נוּר אוֹיף דַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת פַארְטְרוֹי אִיךְ מִיר. אַז דוּ עֶרְבַּארִימְסְט זִיךְ אוֹיף דִי וָואס בַּאקֶענֶען זֵייעֶרֶע זִינְד אוּנ הָאבֶּען אוֹיף זֵייא חֲרָטָה.

פַאר נֶעם עֶרְבַּארֶעמִיגֶער פָאטֶער! מַיינֶע רֵייד, אִיךְ בִּין נִיט מַעְלִים מַיינֶע עֲבֵרוֹת, וִויא קָאן אַ בָּשָׂר וָדָם לֵייקֶענֶען עֶטְוָואס פוּן דִיר, אַז דוּ גָאט וַוייסְט דָאךְ אַלֶע מַיינֶע גֶעהֵיימְנִיסֶען. וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ פֶערְבָּארְגִין מַיינֶע זִינְד, אַז דוּ זוּכְסְט אוֹיף אַלֶע מַיינֶע חֲדָרִים פוּן מַיין הַארְץ, אוּנ מַיינֶע נִירֶען, אוּנ וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ לֵייקֶענֶען דַיין גוּטֶעס, וֶוען דוּ וַוייסְט אֲפִילוּ דֶעם מֶענְשִׁינְס גִידַאנְקֶען וָואס עֶר טְרַאכְט נָאר, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר פִיל גֶעזִינְדִיגְט, וִויי אִיז צוּ מִיר, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אוֹיף הוֹיבֶּען מַיין קָאפּ גֶעגִין דִיר, גָאט פוּן הִימֶעל, נָאר אִיךְ בֶּעט אָדוֹן רַב סְלִיחוֹת, דוּ זָאלְסְט פֶערְגֶעבֶּען מַיינֶע זִינְד, וֶועל אִיךְ דִיר דִינֶען בְּכָל לֵב וָנֶפֶשׁ, כָּל יְמֵי חַיָּי.

סְלַח לִי אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

פַאר גִיבּ מִיר מַיין פָאטֶער אִין הִימֶעל, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט אִין פִיל עֲבֵרוֹת. סַיי בְּשׁוֹגֵג (אומגערין), אוּנ סַיי בְּמֵזִיד (מוטווילינ), אַלֶע גְרוֹיסֶע אוּנ הַארְבֶּע עֲבֵרוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטָאן, אוּנ פִיל מָאל הָאבּ

מעשה אלפס

שְׁפִּירֶען מִיר נָאר נִיט, אַלְזָא מוּז מֶען אֲבֶּר פוּן דִי נְשָׁמָה אַזוֹיעֶר וֶועט קְרִיגֶען זֶעהֶען אָבּ צוּ רַאטֶעוֶוען זִיךְ, אוּנ לֶערְנֶען אַ לֶעבְּהאפְּט, אִין סֵפֶר אֶבֶן שְׁלֹמֹה דִי דִינִים אוּנ דִיא מוּסָר פוּן דִיא עֲבֵרָה (דִי בֵּאשְׁרַייבּוּנְג פוּן ווִילְנֶער גָאוֹן) אִיז דָאס וֶועט מֶען מִיט דֶעם אוֹיף מוּנְטֶערִין דֶעם עֶרְקְלֶערְט בַּאֲרִיכוּת (פוּן זַייטֶע 54 בִּיז 59) ס

אִיךְ דִיר דֶערְצַארְנְט, וָואס עֶס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען, אוּנ דוּ
גָאט הָאסְט מִיר אִין אַלֶע צַייטִין גוּטֶעס גִיטָאן, אוּנ אִיךְ הָאבּ דִיר נִיט
גִישֶׁעצְט נָאךְ דַיין גְרוֹיסֶען כָּבוֹד נָאךְ, דְרוּם טוּ אִיךְ מִיךְ בֶּעטְרַאכְטִין,
אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין אוֹיף אַלֶע מַיינֶע זִינְד פַאר דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל
עוֹלָם, אוּנ אִיךְ וֶועל מַיינֶע טְרֶערִין פַארְגִיסֶען, אוּנ אָבְוַואשִׁין מִיט זֵיי
גָאר מַיינֶע זִינְד, וָואס הָאבִּין פַארְפְלֶעקְט מַיין נְשָׁמָה.

סְלַח לִי אָבִי שֶׁבַּשָׁמַיִם.

פַאר גִיבּ מִיר מַיין פָאטֶער אִין הִימֶעל, דֶען וֶוען מַיינֶע זִינְד זֶענֶען פִיל
וָואס שָׁאדִין זֵיי צוּ דִיר? נָאר צוּ מִיר אִיז וֵוייא אוּנ צוּ מַיין לַייבּ אִיז
וֵוינְד, אוּנ וֶועןְ מַיינֶע זִינְד הָאבֶּען צוּ מִיר גְרִיבֶּער גֶעגְרָאבֶּען אוּנ הָאבֶּען
אוֹיף מִיר גֶעבְּרַאכְט טְרוֹיעֶרְקַייט אוּנ זִיפְצֶען אִיז דָאךְ צוּ דִיר גָאט פִיל
דֶער בַּארִימְקַייט אוּנ פַאר גֶעבּוּנְג, גָאט מַיין גָאט גִידֵיינְק דָאס גֶעמִיט פוּן
מַיין לֶעבִּין דָאס אִיךְ בִּין וִוי אַיין פֶערְוֶועלְקְטֶע גְרָאז, וִוי אַ בְּלַאט פוּן
דֶעם בּוֹים וָואס פַאלְט צוּ דֶער עֶרְד, מַיין אָנְהֵייבּ אִיז פוּן עֶרְד, אוּנ מַיין
עֶנְדֶע אִיז צוּ וֶוערִים. מַיינֶע טֶעג זֶענֶען וִוי אַ שָׁאטִין וָואס גֵייט פַארְבַּיי,
אוּנ וֶוען מַיין נְשָׁמָה וֶועט פוּן מִיר אוֹיס גֵיין וֶועט מֶען מִיךְ אִין דֶער עֶרְד
וַוארְפֶען, מַיין לַייבּ וֶועט וֶוייטִיגֶען אוּנ מַיין הַארְץ וֶועט אִין מִיר וֵוייא טָאן,
אִיךְ בִּין דָאךְ נָאר עֶרְד אוּנ אַשׁ, יֶעצְט בִּין אִיךְ דָא, אוּנ שְׁפֶּעטֶער וֶועל
אִיךְ פַאר רוּקִין מַיין גִיצֶעלְט אִין קֵבֶר, אוּנ וֶוען אִיךְ זָאל אֲפִילוּ טוֹיזִינְד
יָאהר לֶעבֶּען וֶועל אִיךְ זַיין גְלַייךְ אַז אִיךְ בִּין גָאר נִיט גֶעוֶועזֶן. גָאט מַיין
גָאט, מֶעק אָפּ וִוי אַ וָואלְקִין מַיינֶע זִינְד, פַאר לֶעשׁ דִי קוֹיְלִין פוּן מַיינֶע
זִינְד מִיט דִי טְרֶערִין וָואס טוּעֶן רִינֶען פוּן מַיינֶע אוֹיגֶען.

עָלֶיךָ נַפְשִׁי אֲקוֹנֵן בְּלֵב מָר, אוֹיף דִיר מַיין נְשָׁמָה טוּ אִיךְ קְלָאגֶען מִיט
אַ בִּיטֶער הַארְץ, וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ דִיךְ אוֹיס גֶערִיסֶען פוּן דֶעם
קְוַואל פוּן לֶעבֶּען אוּנ הֵיילִיגְקַייט אוּנ הָאבּ דִיךְ גֶעפְלַאנְצְט אִין דֶעם אָרְט
פוּן טוֹיט אוּנ אוּם רֵיינִיקַייט? (אֵיךְ לֹא חַסְתִּי עָלַיִךְ בַּת הַיְקָרָה) וִוי אַזוֹי
הָאבּ אִיךְ נִיט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִיר מַיין נְשָׁמָה וָואס דוּ וֶוערְסְט
גֶערוּפֶען מַייעֶרֶע טָאכְטֶער, וֵוייא צוּ מִיר וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטָאן, וִוי אַזוֹי
הָאבּ אִיךְ מוֹרֵד גֶעוֶועזְן אִין גָאט, וָואס עֶר אִיז אַ קֶענִיג אִיבֶּער אַלֶע
קֶענִיגֶען, וִוי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זִיךְ פוֹגֵם גֶעוֶועזְן מַיין נְשָׁמָה אוּנ הָאבּ פַאר
בִּיטֶען אַיין צְווֵייגֶע וֶועלְט אוֹיף אַיין הֶעבֶּלְדִיגֶע וֶועלְט. וָואס וֶועל אִיךְ טָאן

אַז עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער טָאג וָואס אִיךְ וֶועל בֶּעשְׁטִימְט וֶוערֶען צוּם שְׁטַארְבֶּען אוּנ נִידֶערִין אִין גְרוּבּ, וַויי צוּ מִיר, מַיין הַארְץ טוּט מִיר קְלֶעמֶען וָואס אִיךְ הָאבּ מוֹרֵד גֶעוֶועזְן אִין גָאט דֶער דָא אִיז רַיין אוּנ זַיינֶע מַלְאָכִים זַיינֶען רַיין אוּנ אִיךְ בִּין אַיין שֶׁענְדְלִיכֶע אוּנ אַיין זִינְדִיגֶע, וַויי גֶעשְׁרִיעֶן אוֹיף מִיר.

סְלַח לִי אָבִי שֶׁבַּשָּׁמָיִם.

פַאר גִיבּ מִיר מַיין פָאטֶער אִין הִימֶעל, דֶען אִיךְ שְׁטֵיי אוּנ בִּין זִיךְ מִתְוַדֶּה אַיינְגֶעבּוֹיגֶען מַיין קָאפּ, אוּנ צוּבְּרָאכִין מַיין הַארְץ, אוּנ מִיט שְׁלַאפֶע הֶענְד, אוּנ אַלֶע מַיינֶע גְלִידֶער זַיינֶען צוּשְׁרָאקֶען. אִיךְ בֶּעט פוּן דִיר סְלִיחָה וּמְחִילָה וְכַפָּרָה אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעגִין דַיין ווילֶען גֶעטָאן, אוּנ עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר בַּאנְק, אוּנ פַארְגִיבּ מִיךְ אוֹיף דִי פִיל יָאהְרִין וָואס זַיינֶען אִיבֶּער גֶעפָארִין פוּן דֶער צַייט אָן וָואס אִיךְ בִּין צוּ מַיין שֵׂכֶל גֶעקוּמֶען בִּיז דֶעם הַיינְטִיגֶען טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ נָאר מַיינֶע יָאהְרִין פַארְטָאן אִין נַארִישְׁקַייט, צוּפְרִידֶען שְׁטֶעלִין דֶעם יֵצֶר הָרָע, אוּנ פַאר לֶענְדִין מַיין פְלֵיישׁ, צוּ מַאכִין נִידֶערִיג אוּנ אוּמְרֵיין מַיין טַייעֶרִין שֵׂכֶל וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבֶּען:

סְלַח לִי אָבִי שֶׁבַּשָּׁמָיִם.

פַאר גִיבּ מִיר מַיין פָאטֶער אִין הִימִיל, טוּ מִיט מִיר גְרוֹיס גְנָאד אוּנ שְׁטַארְק מִיךְ אַיינְצוּבֵּייגִין מַיין יֵצֶר הָרָע, אִיךְ זָאל שׁוֹין מֶער נִיט זִינְדִיגִין, אוּנ זָאלְסְט אוֹיס שְׁטְרֶעקִין דַיין רֶעכְטֶע הַאנְד אָנְצוּנֶעמֶען מַיין תְּשׁוּבָה פַאר דִיר, הֶעלְף מִיר מְקַיֵּים צוּ זַיין אַלֶע זַאכִין וָואס אִיךְ גֶעם אוֹיף מִיר הַיינְטִיגֶען טָאג צוּ טָאן, אִיךְ זָאל מִיךְ שְׁטַארְקִין אִין דַיינֶע מִצְוֹת, אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים הָאבִּין גֶעזָאגְט (הַבָּא לִטַהֵר מְסַייעִין אוֹתוֹ) דָאס הֵייסְט וֶוער עֶס קוּמְט זִיךְ רֵיינִיגֶען הֶעלְפְט מֶען אִים. אַרֵיין הַארְץ בֶּעשַׁאף אִין מִיר אוּנ אַפֶּעסְטִין מוּטָה בַּאנַיי אִין מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעהִיט צוּהַאלְטִין דַיין גִיבָּאט, אוּנ זָאל נִיט גִישְׁטְרוֹיכִילְט וֶוערִין אִין קַיין שׁוּם עֲבֵרָה, אוּנ דוּ זָאלְסְט אַיינְפְלַאנְצִין אִין מַיינֶע גִידַאנְקֶען דַיין פַארְכְט, דָאס עֶס זָאל מִיךְ נִיט שְׁרֶעקִין קַיין בֵּייזֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּנ פְרֶעמְדֶע גִידַאנְקֶען, בִּפְרַט אִין דֶער צַייט וֶוען אִיךְ וֶועל מִיךְ שְׁטֶעלִין תְּפִלָּה טָאן פַאר דִיר. נָאר אַלֶע מַיינֶע גִידַאנְקֶען זָאלִין זַיין גְרֵייט צוּדִינֶען דִיךְ מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּנ

פְרֵיילִיכְקֵייט . אַלֶע מַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלִין נָאר זַיין פוּן דַיינֶט וֶועגִין, אוּנ אִיךְ זָאל זַיין גוּט צוּ גָאט אוּנ צוּ לַייטִין, אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִיט מְקַנֵּא זַיין, אוּנ אִיךְ זָאל אָבְּגֶעהִיט וֶוערִין פוּן כַּעַס, אוּנ חֲנִיפָה, אוּנ רְכִילוּת, אוּנ לָשׁוֹן הָרָע, אִיךְ זָאל נָאר גַאנְץ זַיין מִיט גָאט אוּנ מִיט מֶענְטְשִׁין:

סְלַח לִי אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

פַאר גִיבּ מִיר מַיין פָאטֶער אִין הִימֶעל, אוּנ נֶעם מִיךְ נִיט צוּ פוּן דֶער וֶועלְט בִּיז אִיךְ וֶועל פַאר רִיכְטִין וֶועלְכֶעס אִיךְ הָאבּ פַאר דָארְבִּין, אוּנ מַיינֶע זִינְד זָאלִין נִיט גִידֵיינְקְט אוּנ גִידַאכְט וֶוערְן, וֶוען אִיךְ וֶועל דִיר מַיין נְשָׁמָה צוּרִיק אָבּ גֶעבִּין, אוּנ מַיינֶע קִינְדֶער אוּנ קִינְדְס קִינְדֶער זָאלִין אַלֶע לֶערְנֶען דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּנ עֶס זָאל זַיין דַיין פָארְכְט אוֹיף זֵייעֶר פָּנִים זֵיי זָאלִין נִיט זִינְדִיגֶען צוּ דִיר, אוּנ וֶוען מַיינֶע קְרֶעפְטִין וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגֶען זָאלְסְטוּ מִיךְ לִיבֶּער גָאט נִיט פַאר לָאזִין, אוּנ אִין דֶער צַייט פוּן מַיין עֶלְטֶער זָאלְסְטוּ מִיךְ נִיט אַוֶועק וַוארְפִין פוּן פַאר דִיר, אוּנ וֶועה מִיךְ צוּ וַואשִׁין אוּנ רֵיינִיגֶען פוּן מַיינֶע זִינְד, אוּנ אִין גִירֶעכְטֶע וֶועגִין זָאלְסְטוּ מִיךְ פִירֶען, אוּנ דָאס טְרֵייסְטוּנְג פוּן צִיּוֹן אוּנ יְרוּשָׁלַיִם זָאלְסְטוּ מִיר וַוייזֶען, אוּנ עֶס זָאל זַיין אִין דֶער בַּארְמִיגֶע צַייט צוּ בַּאוִוילִיגֶען מִיךְ אוּנ מַיינֶע תְּפִלּוֹת צְוִוישֶׁען אַלֶע יוּדִישֶׁע תְּפִלּוֹת . יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן:

תְּחִנָּה לְדָוִד אוֹרִי (צו זאגען אגאנץ חודש אלול אונ עשרת ימי תשובה).

לְדָוִד, אַתְּפִלָּה פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ (ה׳ אוֹרִי וְיִשְׁעִי) וֶוען גָאט אִיז מַיין לִיכְט (צו ערלייכטען מיין משפט ראש השנה) אוּנ מַיין הִילְף (יום כפור),

---

מעשה אלפס

שֵׁיינֶע מְשָׁלִים וֶועגִין דֶעם עִנְיָן פוּן תְּשׁוּבָה.

דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם זָאגְט „אַשְׁרֵי אִישׁ יְרֵא אֶת יְיָ“, וָואהל אִיז דֶעם מֶענְשִׁין וָואס עֶר טוּט תְּשׁוּבָה וֶוען עֶר אִיז נָאךְ אַמֶענְשׁ, וֶוען עֶר אִיז נָאךְ בַּיי דִי קְרֶעפְטִין, אוּנ דֶער נָבִיא יִרְמְיָה זָאגְט אוֹיךְ (טוֹב לַגֶּבֶר כִּי יִשָּׂא עוֹל בִּנְעוּרָיו) גְלִיקְלִיךְ אִיז דֶער מֶענְשׁ וָואס נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת אִין דֶער יוּגֶענְד, דָא וֶוערְט אִים דִי גֶעוְואהְנְהֵייט אַצְוֵייטֶע נַאטוּר אוּנ עֶס אִיז אִים קֵיין זַאךְ נִיט שְׁוֶוער. גְרַאדֶע אוּמְגִיקֶערְט עֶר טוּט עֶס מִיט גְרוֹיס פֶערְגְנִיגֶען, נוּר וַוייל נִיט אַלֶע וַוייסִין גְרוּנְטִיג וָואס הֵייסְט „תְּשׁוּבָה“ וֶועלֶען מִיר דָאס גוּט עֶרְקְלֶערֶען. — דֶער וָוארְט תְּשׁוּבָה הֵייסְט אוּמְקֶערִין זִיךְ, לְמָשָׁל אֵיינֶער פָארְט אִין וֶועג, כָּל זְמַן עֶר הַאלְט דִי לֵייצֶעם אִין

פַאר וֶועמֶען הָאבּ אִיךְ מִיר צוּ פִירְכְטֶען? (ה׳ מָעוֹז חַיַּי) וֶוען גָאט אִיז מַיין לֶעבֶּענְס-קְרַאפְט, פַאר וֶועמֶען זָאל אִיךְ מִיר שְׁרֶעקִין? (בִּקְרוֹב) וֶוען עֶס גִינֶעהֶענֶען צוּ מִיר פַאלְשֶׁע מֶענְשִׁין, וָואס שְׁטֶעלִין זִיךְ פָאר פַאר גוּטֶע פְרַיינְד אוּן בֶּאֱמֶת זַיינֶען זֵיי גָאר מַיינֶע בֶּעלֵיידִיגֶער אוּן מֵיינֶען צוּ עֶסִין מַיין פְלֵיישׁ אִיז גָאט מִיר צוּ הִילְף אַז זֵיי וֶוערִין גִישְׁטְרוֹיכִילְט אוּן פַאלִין. (אִם תַּחֲנֶה עָלַי מַחֲנֶה) דְרוּם וֶוען עֶס וֶועט רוּהֶען גֶעגְן מִיר אֵיין לַאגֶער שְׁרֶעקְט מִיר נִיט דִי הַארְץ, וֶוען עֶס וֶועט אוֹיף שְׁטֵיין קֶעגִין מִיר אַמִלְחָמָה (בְּזֹאת) בִּין אִיךְ פַארְזִיכֶערְט מִיט דֶעם זְכוּת פוּן דֶער תּוֹרָה (וזאת התורה, וואס דורך דעם איז גאט מיין הילף) אַז אִיךְ וֶועל זִיגֶען. (אַחַת) אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ גִיבֶּעטִין פוּן גָאט אוּן דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶער ווּאוּנְשׁ (שִׁבְתִּי) דָאס אִיךְ זָאל זִיצֶען אִין גָאטֶעס הוֹיז (אין בית המדרש) מַיין גַאנְצֶען לֶעבִּין (איך זאל נים דארפען גיין אין מלחמות) צוּ זֶעהֶען אוּן שְׁפִּירֶען דִי זִיסְקַייט פוּן דֶער תּוֹרָה אוּן צוּ בַּאזוּכִין אִים אִין זַיין פַּאלַאץ (בית המקדש) אוּן מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין (כִּי יִצְפְּנֵנִי) אַז עֶר זָאל מִיר בֶּעהַאלְטִין אִין זַיין שׁוּץ אִין דֶעם טָאג פוּן אוּנְגְלִיק, עֶר זָאל מִיר בֶּעוָוארֶענֶען אִין אַיין פֶערְבָּארְגֶענֶעם אָרְט, אוֹיף אַיין פֶעלְזִין זָאל עֶר מִיר עֶרְהֵייבְּן, (וְעַתָּה) אוּן יֶעצְט אַז אִיךְ וֶועל שְׁטֶענְדִיג זִיצְן אִין גָאטֶעס הוֹיז (עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה) וֶועט עֶרְהוֹיבֶּען וֶוערִין מַיין קָאפּ אוֹיף מַיינֶע פַיינְד וָואס אַרוּם מִיר, אוּן אִיךְ וֶועל שֶׁעכְטִין אִין זַיין גִיצֶעלְט פְרֵיידֶענ-אָפְּפֶער אוּן וֶועל אוֹיךְ זִינְגֶען אוּן שְׁפִּילֶען צוּ גָאט דַאפִיר. (שְׁמַע) הֶער גָאט מַיין שְׁטִימֶע וֶוען אִיךְ רוּף דִיר אוּן מִיט גִינֶעדִיגְקַייט עֶנְטְפֶער מִיר. (לְךָ) פוּן דַיינֶעט וֶועגִין (איך זאל דיר דינען ערינסם) הָאט מַיין הֶערְץ מִיר גִירַאטְה אֵיין עֵצָה, אַז דָאס פָאלְק זָאלֶען קוּמֶען בֶּעטִין בַּיי מִיר עֶפֶּעס אַבַּקָשָׁה אוּן אַז אִיךְ הָאבּ בַּאטְרַאכְט מִיט וָואס פַאר

מעשה אלפס

אִין הַאנְד גֵייט דֶער פֶערְדִיל אוֹיף דִי גְרַאדֶע וֶועג, וֶוען אָבֶּער עֶר שְׁלֶעפֶּערְט אַיין אוּן לָאזְט אָבּ דִי לֵייצֶעס, אוּן דֶער פֶערְדִיל שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז פְרַיי, טוּ וָואס לִוינְט אִים צוּ גֵיין אוֹיפְ'ן טְרוּקֶענֶעם זַאמְד? בֶּעסֶער גֵייט עֶר אָן אַנַייט אוֹיפְ'ן גְרָאז, אַז וָואס דָארְטֶען אִיז אַזוּמְפּ אוּן עֶר וֶועט זִיךְ דֶער טְרִינְקֶען מִיט'ן ווִירְטְה צוּזַאמֶען? אוֹיף דֶעם אִיז עֶר דָאךְ נוּר אַפֶערְד, וָואס זֶעט מֶער נִיט וִוי דִי גְרָאז פוּן אוֹיבֶּען, עֶר קַייט דִי גְרָאז אוּן גֵייט וָואס וַוייטֶער טִיפֶער אִין זוּמְפּ, בִּיז דִי בְּרִיצְקֶע וֶוערְט פוּל מִיט וַואסֶער, אַז דֶער ווִירְטְה גִיט זִיךְ אַחַאפּ פוּן שְׁלָאף אוּן גִיט אַבִּיטֶערִין זִיפְץ, אָה! וואוּ בִּין אִיךְ דָא? אָה צוּ וָואס מַיין דְרֶעמְלֶען הָאט מִיר גִיבְּרַאכְט! אַז מַיין פֶערְדִיל הָאט מִיר פַארְשְׁלֶעפְּט אִין אַ זוּמְפּ! דַאן אִיז וֵויינִיג דֶער זִיפְץ אַלֵיין, נוּר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז „תְּשׁוּבָה", זֶעהֶען אַרוֹיס צוּ קְרִיכֶען פוּן זוּמְפּ אוֹיף דִי גְרַאדֶע וֶועג, אָבֶּער כָּל

זמן

ארעשפעקט מ'איז גישטאנען פאר מיר, האב איך מיר גינומען אמוסר
ווי דארף איך שוין שטיין פאר דיר מלך מלכי המלכים אונ דאן האב
איך זיך גישטעלט מתפלל זיין פאר דיר מיט גרויס מורא וכבוד.
(אל תסתר) פאר בארגע ניט דיין געזיכט פון מיר, פארשטויס ניט
מיט צארין דיין קנעכט, דו ביסט דאך שטענדיג גיוועזן מיין הילף,
דרום בעט איך דיר אז היינט אויך זאלסטו מיר ניט פארלאזין. (כי
אבי ואמי) אזוי ווי אין די צייט וואס איך בין גיוועזן גיאגט פון שאול
המלך האבין דאן מיינע בעסטע פריינד (ווי פאטער אונ מוטער) ניט
גיקאנט מיר העלפין, נור דו גאט האסט מיר אריין גענומען צו זיך
אונטער דיין שוץ, אזוי זאלסטו מיר היינט אויך העלפין. (הורני)
לערין מיר גאט דיין וועג אונ פיר מיר אויף דעם רעכטין וועג, וועגין
די וואס קוקין אויס די אויגין, פיליכט וועלין זיי זעהען אויף מיר
עפעס א פעלער, וועלין זיי פאנאנדער קלינגען די וועלט אונ זאגן, אז
דוד טוט אזוי מעגין מיר דאך שוין אלעס טאן, (אל תתנני) גיב מיר
ניט איבער אין דעם ווילען פון מיינע פיינד, דען עס זיינען אויף
גישטאנען געגען מיר פאלשע עדות (פאר שאול המלך) צו ריידין געגין
מיר אונרעכט (אז איך בין אמורד במלכות) אונ ווען איך וואלט ניט האבין
פעסט גיגלויבט, אז איך וועל נאך אמאל זעהען גאטעס גנאדע אויף
די לאנד וואו דאס לעבין הערשט, וואלט איך שוין לאנג-ניט אויס
גיהאלטין מיט מיינע קרעפטין, נור די איינציגע האפענונג האט מיר
גיגעבין מוטה אונ קראפט, דרום איז מיין לעבענס-געשיכטע
אלעהרע פאר יעדער איינציגען אידען, אז איך קען זאגין צו
יעדערין (קוה) האף צו גאט אונ זיי אין די האפענונג אזוי פעסט

מעשה אלפס

זמן ער ווענדעט ניט אן קרעפטין אונ
בלייבט שטיין אין זומפ וואס איז די פעולה
פון זיפצען?—דאס גלייכען איז מיט'ן בעל
תשובה, דער מענש איז אויך אהייטער
אויף אפערדיל, דער חומר איז דער
פערדיל אונ דער גלייכער שכל (וואס איז
באליכטין מיט די ליכטיגקייט פון דער
תורה) איז דער רייטער, כל זמן דער שכל
איז וואך אונ האלט דעם פערדיל פאר די
לייצעס, ער לאזט אים ניט אריין קריכען
אין תאוות, קומען זיי ביידע צום תכלית
צו וועלכען דער מענש איז בעשאפען
געווארען, ווען אבער דער שכל שלעפערט
(ער קערט זיך אב פון דער תורה) אונ
לאזט דעם חומר גיין וואו ער וויל,
פארקריכט דער חומר אין זומפ פון תאוות,
איז ווען דער מענש בעדיינקט זיך אז ער
איז פארקראכין איז די ערסטע זאך
„תשובה" ארויסקריכען פון זומפ אויף די
גראדע וועג פון דער תורה, אבער כל זמן
ער ליגט אין תאוה-זומפ וואס העלפט
דער זיפצען?

אשיף

(וַיְאַמֵץ לִבֶּךָ) בִּיז דִי הָאפְענוּנְג וֶועט מוּטְהִיג מַאכִין דַיין הַארְץ דָאס דוּ זָאלְסְט ווידער צוּ אִים הָאפֶּען. דָאס הֵייסְט דִיא הָאפֶענוּנְג צוּא אַ מֶענְשִׁין וַוייל זִי אִיז נִיט קַיין זִיכֶערֶע אִיז אִיר עֶנְדֶע נוּר הַארְץ ווייטִיג, אָבֶּער דִי הָאפֶּענוּנְג צוּם בּוֹרֵא, וַוייל זִיא אִיז אַזִיכֶערֶע אַז עֶר קֶען אוּנ וֶועט מְמַלֵא זַיין דַיין ווּאוּנְשׁ. אִיז דִי הָאפֶּענוּנְג נִיט מוּטְה אוּנ דֶער מוּטְה נִיט קְרֶעפְּטֶען צוּ הָאפֶּען וַוייטֶער.

תְּחִנָה פוּן תְּשׁוּבָה תְּפִלָה וּצְדָקָה (צוּ זאגין אין סליחות טעג).

גְרוֹיסֶער גָאט! הֶער פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, דוּ בִּיסְט דָאךְ גִיוֶועזְן אַיין קֶענִיג נָאךְ אֵיידֶער דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפֶען דִי וֶועלְט, אוּנ דוּ הָאסְט אַלְץ דִינְג בַּאשַׁאפֶען אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעוָואלְט אוּנ וֶוער קֶען זִיךְ צוּ דִיר גְלַייכֶען אָדֶער אַנְטְקֶעגֶען דִיר זִיךְ שְׁטֶעלֶען, וֶוער קָאן דֶער צֵיילֶען דַיין גְרוֹיסְקַייט אוּנ דַיין הֶערְלִיכְקַייט, דָאס שְׁטַארְקַייט אוּנ דָאס הֶערְשַׁאפְט אִיז אִין דַיין הַאנְד. דוּ בִּיסְט אַיין אֵיינְצִיגֶער גָאט דוּ קֶענְסְט מִיךְ דֶער לֵייזֶען אוּנ דֶער פְרֵייעֶן וֶוען אִיךְ רוּף צוּ דִיר. אִין דַיין הַאנְט בַּאהַאלְט אִיךְ מַיין נְשָׁמָה אַז אִיךְ טוּא שְׁלָאפֶען, אוּנ אַז אִיךְ חַאפּ זִיךְ אוֹיף קֶערְסְטוּ ווידֶער מַיין נְשָׁמָה אִין גוּף, הִימְלִישֶׁער פָאטֶער דֶער בַּארֶעם דִיךְ אִיבֶּער אוּנְז אוּנ הֶעלְף אוּנְז, דֶען אַז אוּנְזֶער בִּיהמ״ק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִיז בַּיי אוּנְז ווֵיינִיג זִינְד גֶעוֶועזְן, דֶען דֶער תָּמִיד שֶׁל שַׁחַר הָאט פַאר גֶעבִּין אוֹיף דִי עֲבֵרוֹת פוּן בַּיי נַאכְט, אוּנ דֶער תָּמִיד שֶׁל בֵּין הָעַרְבַּיִם הָאט פַאר גֶעבִין אוֹיף דִי עֲבֵרוֹת פוּן בַּיי טָאג, אִיצְט מִיט וָואס זָאלֶען מִיר צוּ דִיר קוּמֶען? דְרוּם זָאל פַאר דִיר קוּמֶען אוּנְזֶערֶע צוּ בְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער אוּנ שְׁמֶערְצוּנְג אוּנ עֶס זָאל פַאר דִיר

מעשה אלפס

נָאךְ אַשֵׁיינֶעם מָשָׁל וֶועגִין תְּשׁוּבָה פוּן של״ה הַקָדוֹשׁ.

אַשִׁיף אִיז גֶעפָארִין אוֹיפ׳ן יָם. אִיז גִיוָוארִין אַגְרוֹיסֶער שְׁטוּרְם ווִינְד אוּנ הָאט גִיווָארְפִין דִי שִׁיף, דֶער שְׁטוּרְם הָאט נִיהַאלְטִין אַגַאנְצֶען טָאג בִּיז עֶר הָאט דִי שִׁיף פַארְוָוארְפִין אוֹיף אַיין אִינְזִיל וָואס נִיט בֶּעוָואהְנְט פוּן מֶענְשִׁין, אוּנ וַוייל דִי פַּאסַאזִירֶער זַיינֶען גֶעוֶועזְן אָן גֶעמַאטֶערְט פוּן וֶועג זַיינֶען זֵיי אַרָאפּ אוֹיפִין אִינְזִיל אָבּ רוּהֶען, דֶער אִינְזִיל אִיז גֶעוֶועזְן בֶּעוַואקְסֶען מִיט טַייעֶרֶע פְרוּכְט בּוֹימֶער מִיט נוּטְצֶע קְוַואלִין וַואסֶער, דִי קְלוּגֶע רַייזֶענְדֶער הָאבֶּען גֶעזָאגְט וַוייל מִיר ווֵייסִין נִיט, פִילַייכְט וֶועט דֶער שְׁטוּרְם בַּאלְד שְׁטִיל וֶוערִין וֶועט דֶער שִׁיף קַאפִּיטַאן וֶועלֶען פָארִין וַוייטֶער, אָדֶער פִילַייכְט ווֶעט קוּמֶען אַשְׁטַארְקֶער ווִינְד אוּנ אַוֶועק טַרַייבִּין דִי שִׁיף פוּן דֶעם אִינְזִיל, וֶועלִין מִיר בְּלַייבִּין אָן אַשִׁיף, דְרִיבֶּער הָאבֶּען זֵיי נִיט גִיוָואלְט

פאר

אַן גענומען װערין אונזערע תפלות אַנשטאַט די קרבנות צו פאַר
געבין אונזערע זינד.

רבונו של עולם. הער פון דער גאַנצער װעלט, איך קום בעטין פאַר
דיר מיט אַ צובראָכען האַרץ און מיט אַ צובראָכען געמיט,
איך װײס מיר קײן שום עצה ניט צו געבען, װאָס איך זאָל טאָן צוא
דעם יום הדין הגדול והנורא װאָס דאַ קומט צו דעם נײעם יאָהר,
אונזערע חכמים האָבען מתקן געװען אַז עטליכע טעג פאַר ראש
השנה זאָל מען אויף שטײן גאַנץ פריא און מ'זאָל זאָגן סליחות מיט
גרױס תפלה ובקשה, כדי עס זאָל אָן גענומען װערען פאַר השי"ת,
אָבער גױים האָבען זײ נאָר געמײנט אַזעלכע מענטשען װאָס זײנען רײן
פון זינד, די זאָלען בעטען פאַר השי"ת ער זאָל זײ געבען זײער
באַדערפענעס, אָבער ניט אַזױ אײן מענטש װי איך בין, דען איך
װײס װאָל אַז איך בין פיל מיט זינד, און װי אַזױ קען איך בעטען בײ
השי"ת אַז ער זאָל מיר געבען פיל גוטס, דען דאָס באַדערפעניס
פון אײן מענטשען איז פיל, און איך בין דאָס גאָר ניט װערט, פון
דעסט װעגען האָב איך מיך פאַרט דער װעקט מיט גרױס מורא און
ציטערניש צו בעטין פאַר דיר, איך װײס ניט װאָס איך זאָל טאָן
מיט װאָס זאָל איך דיר איבער בעטן בורא יחיד, און מיט װאָס זאָל איך
דיר באַװיליגען אַז דו זאָלסט מיר פאַר געבען מײנע זינד װאָס איך
האָב געטאָן. אױב מיט תשובה און װידוי קען איך גיפעליג װערין
צו דיר, טוא איך בװדאי תשובה און בין זיך מתודה פאַר דיר מײן
גאָט און גאָט פון מײנע עלטערען, איך האָב געזינדיגט און געשולדיגט
און װידער געשפעניגט פאַר דיר, און דו ליבער גאָט דו ביסט דאָך
אײן דער באַרמיגער און פאַר טראָגסט די זינד פון אַלעמען זײא
מיר אויך מוחל, און אױב מיט תפלה און תחנה ביסטו מוחל, מאַך

מעשה אלפס

פאַר ברײנגען פיל אויפ'ן אינזיל, און זײנען צוריק אַרײן אין שיף, די צװײטע פאַרטע האָבין געשפאַצירט אַביסל אויפ'ן אינזיל און גענאָסין אַביסיל פון די גוטע פרוכט, אָבער באַלד צוריק אַרײן אין שיף און זיך גיזעצט אויף זײערע פלעצער, און האָבען קײן שאָדען גיהאַט פון זײער פאַרברײנגען אויפ'ן אינזיל, די דריטע פאַרטע האָבען פאַרבראַכט אויפ'ן אינזיל אַגאַנצין טאָג ביז װאַנען זײ האָבען דער הערט דעם פײפסטאַק װאָס װײזט, אַז די שיף גײט באַלד אָב, זײנען זײ געלאָפין צום שיף און האָבען שוין געפונען די שיף איז אײנגעפילט מיט מענשין, נור ברוחק האָבען זײ אויך געפונען אַפלאַץ, די פערטע פאַרטע האָבען ניט געקוקט אויף דעם צײכען פון

איך פאלין ליבער גאט מיין געבעט פאר דיר, אונ אויב מיט געוויין אונ געשרייא ביסטו מוחל, אזוי טוא איך וויינען אונ זיפצען, וויי איז מיין לייב אויף מיינע זינד, דען דו ביסט אזוי איין גאט וואס מען באדארף צו דיר ניט פיל שרייען, דו פאר נעמסט די צו בראכענע הערצער, ניט ווי די פאלשע נביאים וואס אליהו הנביא האט גיזאגט צו זיי, שרייעט שטארק צו אייער אב גאט טאמער וועט ער דער הערין, אבער אונזער גאט פאר נעמט תיכף אונזער געבעט, אונ אויב מיט איין צו בראכען הארץ פאר גיבסטו דיא זינד, אזוי צוא ברעך איך מיין הארץ פאר דיר, אונ דו ווייסט דאך וואל וועלכע הערצער זיינען צוא בראכען.

רבונו של עולם, איך טוא דיך בעטין, אז דו זאלסט זיך איבער מיר דער בארמען אונ זאלסט זיין אליין מיין מליץ ביי דעם משפט, דען איך וואלט גערען האבען ביידע וועלטין, אבער מיט מיינע מעשים האב איך עס געווים ניט פאר דינט, נאר מחמת איינם אן דעם אנדערין קען ניט זיין, דען מחמת דאגות פרנסה קען מען ניט רעכט גאט דינען, דרום וויל איך ביידע וועלטין, אבער איך ווייס ניט וועלכע זאל איך פריער אן הויבען צוא בעטין אז עס זאל פאר דיר אן גענומען ווערין, דרום טוא איך דיר בעטין אז דער זכות פון די אבות זאל מיר ביי שטיין פאר דעם יום הדין, אז דוא זאלסט עפענען די טויערען פון הימעל, אזוי וויא דו האסט געעפינט בעת די ישראל זיינען געשטאנען לעבין בארג סיני, אונ האבען מקבל גיוועזן די תורה, האסטו געעפינט אלע הימלען מ'זאל זעהען אז דו ביסט איין יחיד אין אלע עולמות, אזוי בעט איך דיך אז דו זאלסט זייא עפענען צו מיין תפלה.

רבונו של עולם, אזוי ווי דו האסט אן גענומען די טרערין פון די הייליגע מלאכים בשעת אברהם אבינו האט זיין ליבען

מעשה אלפס

סוויכטאק, זיי האבען געזאגט עס איז נאך דא גענוג צייט ביז מ'וועט אויף שטעלען דעם מאסט-בוים אונ אויף ציהען די פלאגען, מיר האבין נאך צייט, אונ האבין זיך אזוי פארבראכט אויפ'ן אינזיל, פלוצלונג האבען זיי דער זעהען פון ווייטין אז די שיף גייט שוין, ניינען זיי געלאפין מיט אלע קרעפטין צום פארט אונ זיינען אריין געשפרונגען אין וואסער אונ מיט גרוים סכנות זיינען זיי צו געשוואומען צום שיף אונ האבען קוים געפונען איין ארט אין גרוים איינגשאפט, די פינפטע פארטע אבער פון גרוים פערגניגען וואס זיי האבין גיהאט אויפ'ן אינזיל האבין זיי גאר

פארגעסין

זוהן יצחק'ן געוואלט ברייינגען אויף דער עקידה, זיינען די טרערין געפאלען אויף דעם מעסער אונ האבין אים טעמפע געמאכט ער זאל ניט קענען שעכטין יצחק'ן, אזוי זאלסטו מיט אונזערע טרערין טעמפע מאכין דעם שווערד פון אלע משחיתים אונ דיא שונאי ישראל, אז זיי זאלין אונז ניט קענען שלעכטעס טאן צום נייעם יאר. אונ אזוי ווי בשעת אסתר איז געגאנגען צו דעם מלך אחשורוש, בעטין פאר דיין פאלק ישראל, האסטו מיט איר געשיקט איין מלאך אונ אסתר האט באקומען חן אין זיינע אויגען, אזוי זאלסטו ליבער גאט ביי אונזער משפט שיקען אזעלכע מלאכים זיי זאלען מאכען טריפען אויף אונז חן וחסד אין דיינע היילגע אויגען. אונ איך בין פאר זיכערט אין דיין גרויס גענאד אז דו וועסט מיר בוודאי העלפין, דען עס איז ניטא קיין שום צדיק אויף דער וועלט אז ער זאל זיין ריין פון זינד, אונ איך ארום מענטש איך קען מיך ניט מאכען פאר קיין רשעת אונ זאגען אז עס איז שוין ח"ו צו מיר קיין הילף ניטא, דרום בעט איך דיר ליבער גאט דו זאלסט זיך דער בארמען איבער מיר צו דעם נייעם יאר, דען דו ביסט אונזער דער בארמיגער גאט אונ מיר זיינען דיין ליב פאלק, אזוי ווי עס שטייט געשריבן; ווער איז אזוי ווי דיין ליב פאלק ישראל, אונ דו ביסט אונזער איינציגער גאט, דרום זאלסטו אליין משפטען דיין פאלק, דען דו ביסט אונזער גאט אונ אונזער טרייסטער, אונ דו זאלסט אונז שיקען דעם גואל צדק היינטיגען יאהר, אמן סלה.

שמע, הער צו ליבער גאט מיין תפלה פון מיין צו בראכענע הארץ גלייך ווי איך וואלט געבראכט איין קרבן עולה, אזו ווי אין פסוק שטייט, איין צוא בראכען הארץ אונ איין צו שטויסען געמיט טוסטו ניט פאר שעמען, אונ דו נעמסט אן לרצון ווי אין קרבן עולה

מעשה אלפס

פארגעסין אז זיי זיינען פאבאזירער, אז ניט איבינג קענען זיי בלייבין אויפ'ן אינזיל ווייל דא איז ניט זייער היים, דער ווייל איז די שיף אוועק, אונ דער זומער איז מיט דער צייט אויך אוועק, די פרוכט זיינען אראפ געפאלען פון די ביימער, דער ווינטער מיט זיינע נר יסע פינסטערע נעכט איז אן געקומען, די גרויסע פרעכט האבין אן געהויבען צו טרעסצען, עס האט אנגעהויבען פעלין עסין, אונ קיין נארימע קליידונג האבען זיי ניט געהאט, איינינע פון זיי זיינען צו שטארבין פון הונגער אונ פון קעלט, איינינע האבען די חיות צוריסען, זיי האבען זיך געריסען די האר וואס זיי זיינען פערבליבען אויפ'ן אינזיל, אבער די חרטה איז געווען צו שפעט. —

און דו זאלסט זיך איבער אונז מרחם זיין און זאלסט מיך ח״ו ניט פאר דארבען, הגם מיינע זינד זיינען גרויס, דען אלע מענטשען לעבען נאר מיט דיין גענאד וואס מיט דיין דער בארימהערציגקייט טוסטו חסד חנם. אלמעכטיגער גאט לאז מיך מיט אלע מיינע ברידער לעבען. און דאס לעבען זאל זיין אן זינד און אן שאנד, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, גאט איז איין דער בארמיגער איבער אלע זיינע באשעפענעס און מיר זיינען דאך דיינע קינדער, דרום ליבער גאט דער בארעם דיך איבער אונז פון דיין ליבען נאמען וועגין, מיר זאלען ניט נידעריג זיין ביי אלע לייטען, אמן.

אנא ה׳ אלהי ישראל, איך בעט דיך אלמעכטיגער גאט, אז דו זאלסט זיך איבער מיר מרחם זיין. (אל מלא רחמים) דו ביסט דאך פול מיט רחמים דער בארעם דיך איבער מיר ליבער גאט, אז מיינע קינדער און קינדס קינדער זאלען ניט שטארבען פאר מיין לעבין, שטראף מיך ניט ליבער גאט דו ביסט דאך איין בארעם הארציגער גאט און דו האסט אן געשריבן אין די היילגע תורה ווען איינער געפינט איין נעסט מיט פויגעל זאל ער די מוטער אוועק שיקען און די קינדער נעמען, חאטשע אז דיא פויגעל ווערען דער וואקסען קענען זיי ניט זייער פאטער און מוטער, און פאטער און מוטער קענען זיי ניט, פון דעסט וועגען האסטו פארט גוזר געווען מען זאל ניט נעמען די קינדער פאר די מוטער אין די אויגען, מכל שכן מיר האבען גרויס מיה אײדער מיר ערציהען אונזערע קינדער דורך דיין גענאד, גיהערסטו בוודאי אונז העלפין מיר זאלען זייא דער ציהען דיר צוא דינען, און עס זאל אין אונז מקוים ווערען דער פסוק עטרת זקנים בני בנים ותפארת בנים אבותם דאס איז טייטש איין קרוין איז צו די עלטערין זייערע קינדער, און דאס שוינהייט פאר די קינדער

מעשה אלפס

דאס גלייכען פאסירט מיט דעם מענשין, די וועלט איז א ים, די תורה איז די שיף, און די תאוות מיט׳ן לוקסוס זיינען דער אינזיל, דער מענש וואס וויל ניט אראב גיין פון די גוטע וועג פון דער תורה און וויל זיך ניט לאזען איבער ריידען פון די הנאה פון לוקסוס מיט די תאוות, ער וויל נור דינען השי״ת ביז וואנען ער וועט קומען צוריק צו זיין היים, די נשמה וועט קומען צוריק צו השי״ת אין דעם צרור החיים, ער איז פון די קלוגע פאסאזירער, די אמת׳ה צדיקים, די צווייטע פארטע זיינען ארוים אביסיל אויף דער וועלט און האבען אנגעהויבען פון איר הנאה צו האבען, זיי האבען שוין געזינדיגט, זיי האבען אבער באלד חרטה געהאט און געטאן תשובה אין

דער

איז דער כָּבוֹד פוּן זַייעֶרע עֶלְטֶערְן, אוּנ וֶוען איך הָאבּ דָאס בַּיי דַיין לִיבֶּען נָאמֶען נִיט פַאר דִינְט, בֶּעט איך פוּן דִיר אַיין מַתְּנַת חִנָם.

אָב הָרַחֲמָן, פָאטֶער דֶער בַּארְמִיגֶער, גִיבּ מִיר מִיט מַיין מַאן אוּנ מִיט מַיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶער פַּרְנָסָה פוּן דַיין הַאנְד אוּנ נִיט פוּן קֵיין מֶענְטְשֶׁען. דֶען דִי גַאבּ פוּן אַ מֶענְטְשֶׁען אִיז גָאר נִישְׁט, קֶען דֶען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבִּין וָואס דֶער אַנְדֶערֶער בַּאדַארְף? אוּנ וֶוען עֶר גִיט שׁוֹין עֶפֶּעס, גִיט עֶר אִים נִיט אִין דֶער צַייט, אָבֶּער דוּ לִיבֶּער גָאט דוּא ווייסְט אִיטְלִיכֶען מֶענְטְשִׁינְס בַּאדֶערְפֶענֶעשׁ אִין אִיטְלִיכֶע רֶגַע וָואס עֶר בַּאדַארְף. דְרוּם רבש"ע זָאלְסְטוּ אוּנְז שְׁפַּייזֶען פוּן דַיין הֵיילִיגֶער הַאנְד, אָמֵן.

רַחוּם וְצַדִיק, דֶער בַּארֶעמִיגֶער אוּנ גִירֶעכְטִיגֶער גָאט, לָאז מִיר אַזוֹי גְלַייך זַיין פַאר דִיר אַזוֹי וִוי אַיין קְלֵיין וֶוערְמִיל וָואס וֶוערְט גֶעשְׁפַּייזְט דוּרְךְ דַיין הַאנְד, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט דוּ עֶפִינְסְט דַיין הַאנְד אוּנ מַאכְסְט זַאט אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט דוּרְךְ דַיין גוּטְס, פַאר לָאז מִיךְ נִיט דוּא פָאטֶער פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אִיךְ זָאל דִיר קֶענֶען דִינֶען בִּיז מַיין צַייט וֶועט קוּמֶען צוּ שְׁטַארְבֶּען, דֶען דֶער נָאךְ וֶועל אִיךְ דִיךְ שׁוֹין נִיט קֶענֶען דִינֶען, דְרוּם אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט זָאלְסְט מִיךְ נִיט פַאר לָאזִין דִי גַאנְצֶע צַייט פוּן מַיין לֶעבֶּען, אוּנ מַיינֶע גְלִידֶער זָאלֶען נִיט שְׁלַאף וֶוערִין כְּדֵי אִיךְ זָאל דִיר קֶענֶען דִינֶען אַזוֹי וִוי עֶס גִיהֶער צוּא זַיין, אוּנ אַז אִיךְ וֶועל בַּאדַארְפֶען שְׁטַארְבֶּען זָאל אִיךְ שְׁטַארְבֶּען פוּן דַיין רֵיינֶע הַאנְד, אוּנ מַיין מִיתָה זָאל זַיין אַיין כַּפָּרָה אוֹיף מַיינֶע זִינְד, עֶס זָאל זַיין בַּאוִוילִיגְט דִי זָאג פוּן מַיין מוֹיל אוּנ דִי גֶעדַאנְקֶען פוּן מַיין הַארְצֶען פַאר דִיר גָאט מַיין בַּאשֶׁעפֶער אוּנ דֶער עֶרְלֵייזֶער בִּיז אֵייבִּיג, אָמֵן.

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עֶס זָאל זַיין דֶער ווילֶען פַאר דִיר מַיין גָאט אוּנ גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אַז דִי יֶעצְטִיגֶע צַייט וָואס אִיךְ שְׁטֵיי פַאר דִיר צוּ בֶּעטֶען אוֹיף מִיר אוּנ אוֹיף מַיין מַאן אוּנ קִינְדֶער אוּנ אוֹיף כָּל יִשְׂרָאֵל זָאל זַיין אַיין דֶער בַּארֶעמִיגֶע אוּנ אַיין בַּאוִוילִיגְטֶע צַייט,

---

מעשה אלפס

דֶער יוּגֶענְד, דָאס אִיז אַגוּטֶע תְּשׁוּבָה. נַאכְהֶער הָאבֶּען זֵיי חֲרָטָה גְעהַאט אוּנ דִי דְרִיטֶע טֵייל פַאסַאזִירֶער זַיינֶען דִי וָואס תְּשׁוּבָה גֶעטַאן, אֲפִילוּ זֵייעֶר תְּשׁוּבָה אִיז שׁוֹין נִיט אַזוֹי חָשׁוּב, דָאךְ הָאבֶּען זֵיי אוֹיךְ הָאבֶּען הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ הָאבֶּען גֶעזוּנְדִיגְט בִּיז צוּ דֶער עֶלְטֶער, גִירֶעטֶעט זֵייעֶר נְשָׁמָה. דִי פֶערְטֶע טֵייל

פאסאזירער

אַז דוּ זָאלְסְט אוּנְז בַּאהִיטְעֶן פוּן אַלֶע קְרֵיינְק אוּנ אַלֶע מִינֵי שְׁפִלוּת אוּנ פַאר שֶׁעמוּנְג, אַז מִיר זָאלֶען נִיט פַאר שֶׁעמְט וֶוערִין וֶועגֶען אוּנְזֶערֶע וִינְד אוּנ מִיר זָאלֶען נִיט פַאר שֶׁעמְט וֶוערִין מִיט גְרוֹים עֲנִיוּת חָלִילָה.

לִיבֶּער גָאט, אִיךְ בֶּעט דִיךְ אַז דוּ זָאלְסְט מַיין תְּפִלָּה נִיט פַאר שֶׁעמֶען אוּנ זָאלְסְט דֶער פְרֵייעֶן מַיין הַארְץ, דֶען מַיינֶע וואוּנְדֶען זַיינֶען גְרוֹים אַז אִיךְ קֶען זֵיי גָאר נִיט אוֹיס רֵיידֶען, זָאל אִיךְ זֵיי זָאגֶען פַאר אַיין מֶענְטְשְׁן, וָואס קֶען עֶר מִיר הֶעלְפִן? וֶוען עֶר וֶועט שׁוֹין אֲפִילוּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת הָאבֶּען, אוּנ בִּפְרַט טָאמֶער אִיז עֶר מִיר גָאר אַיין שׂוֹנֵא וֶועט עֶר זִיךְ נָאךְ פְרֵייעֶן אוֹיף מַיין צַעַר, וִויא אִיז צוּא מִיר פַאר וֶועמֶען זָאל אִיךְ קְלָאגֶען מֶער וִוי פַאר דִיר לִיבֶּער גָאט, אִיךְ בֶּעט דִיךְ וֶועה וֶועלְכֶע יְסוּרִים אִיךְ טְרָאג אוֹיף מַיין הַארְץ, אוּנ עֶס זָאל מִיר בַּיי שְׁטֵיין דֶער זְכוּת פוּן דִי אִמָהוֹת אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין מֶער קֵיין צַעַר נִיט הָאבֶּען פוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוּנ פוּן אַלֶע מַיינֶע גוּטֶע פְרֵיינְד, אוּנ מִיר זָאלֶען גֶעשְׁפַּייזְט וֶוערִין פוּן דַיין הַאנְד בְּכָבוֹד, דָאס מִיר זָאלֶען צוּ קֵיינֶעם נִיט דַארְפֶען אָנְקוּמֶען. לִיבֶּער גָאט לָאז אוּנְז גְינִיסֶען דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער מוּטֶער חַנָּה, אַז זִיא אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִשְׁכָּן אַרֵיין תְּפִלָּה צוּ טָאן אוּנ דֶער נָבִיא עֵלִי הַכֹּהֵן אִיז דָארְטֶען גִיוֶוען, הָאט זִי נָאר גִירִירְט מִיט דִי לִיפֶּען אוּנ אִיר שְׁטִימֶע הָאט מֶען נִיט גִיהֶערְט, אַזוֹי הָאט עֵלִי צוּ אִיר גִיזָאגְט, גֵייא אַרוֹיס וָואס הָאסְטוּ צוּ טָאן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, הָאט זִי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, גֵיין מַיין הֶער, אִיךְ בִּין אַיין אִשָּׁה וָואס אִיךְ הָאבּ אַיין שְׁוֶוער גִימִיט, אַזוֹי הָאט עֶר פַאר אִיר דִיךְ גִיבֶּעטְן, הָאסְטוּ אִיר גִיהָאלְפֶען, אַזוֹי זָאלְסְטוּ מִיר לִיבֶּער גָאט אוֹיךְ עֶנְטְפֶערִין. לִיבֶּער גָאט שְׁטְרָאף מִיךְ נִיט וֶוען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֲפִילוּ גֶעזִינְדִיגְט, בֶּעט אִיךְ דִיךְ לִיבֶּער אוּנ דֶער בַּארִימְהֶערְצִיגֶער גָאט, גֵיי מִיט מִיר מִיט מִדַּת הָרַחֲמִים אוּנ נִיט מִיט מִדַּת הַדִּין, אַזוֹי וִוי יַעֲקֹב אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט דִיךְ גִיבֶּעטִין וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלִין ח"ו שׁוּלְדִיג זַיין זָאלְסְטוּ זֵיי גִידֶענְקִין וֶועלְכֶע צָרוֹת עֶר הָאט פַאר זֵיי גִילִיטֶען אֵיידֶער עֶר הָאט זֵייא עֶרְצוֹיגֶען, אַזוֹי בֶּעט אִיךְ דִיךְ אוֹיךְ

מ ע ש ה א ל פ ס

דִי וֶועלְט אִיז שׁוֹין פַאטְאזִירְעֶר זַיינֶען דִי וָואס טוּעֶן נִיט קֵיין בֶּעט נִיט אַרָאבּ גֵיין, תְּשׁוּבָה אֲפִילוּ אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, נֵיר אַז נִיט פַאר אִים, אוּנ בַּאלְד אִין אַקוּרְצֶע צַייט זֵיי וֶוערִין נִיפְּערְלִיךְ קְרַאנְק אוּנ וֵוייסִין בַּיי וֶועט שַׁיין דִי שִׁיף (דִי נְשָׁמָה וָואס זִי זִיךְ אַז זֵיי וֶועלֶען שׁוֹין פוּן דִי קְרַאנְקֶע גְעלוּבְּט צוּ דֶער תּוֹרָה) אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

שטארקס

אַז אִיךְ זָאל ח״ו קַיין צַעַר נִיט הָאבְּן פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אוּנ אִיךְ וֵויים וואֹל אַז אִיךְ בֶּעט דִיךְ צוּ פִיל, אִיךְ בִּין בְּוַודַאי נִיט וֶוערְט אֲפִילוּ צוּ שְׁטֵיין פַאר דִיר, נָאר וַוייל דוּ בַּאגֶערְסְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל דִיךְ בֶּעטִין אוּנ דוּ דֶער בַּארֶעמְסְט זִיךְ אִיבֶּער אִים, דְרוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ גָאט אַז דוּ זָאלְסְט מִיךְ נִיט אַוֶועק וַוארְפֶען אוֹיף מַיין עֶלְטֶער וֶוען מַיין כֹּחַ גֵייט אוֹיס. לִיבֶּער גָאט לָאז מִיךְ נִיט פַאלֶען אִין דֶער הַאנְד פוּן אַמֶענְטְשֶׁן, דֶען עֶס אִיז קַיין גְרֶעסֶערֶער צַעַר נִיטָא וִויא אַיין מֶענְטְשׁ בֶּעדַארְף אָנְקוּמֶען צוּם אַנְדֶערִין, דְרוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ אַז דוּ זָאלְסְט מִיךְ הִיטֶען דֶער פוּן, אוּנ זָאלְסְט מִיר גֶעבֶּען חֵן וָחֶסֶד אִין דַיינֶע אוֹיגֶען אוּנ אִין דִי אוֹיגֶען פוּן לַייטֶען, מִיר מִיט מַיין מַאן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער צוּ לֶעבֶּען אִין עוֹשֶׁר, אוּנ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּנ קִינְדֶערְס קִינְדֶער זָאלֶען עוֹסֵק זַיין בַּתּוֹרָה טָאג אוּנ נַאכְט, אוּנ מִיר זָאלֶען אוֹיסְלֶעבִּין אוּנְזֶער צַייט מִיט כָּבוֹד, אוּנ וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען מַיין לֶעצְטֶע צַייט זָאל קַיין שָׂטָן אוּנ מְקַטְרֵג קַיין מַאכְט נִיט הָאבֶּן אִיבֶּר מַיין נְשָׁמָה, אוּנ דוּ זָאלְסְט מִיר שִׁיקֶן מַלְאֲכֵי רַחֲמִים, אוּנ מַיין חֵלֶק זָאל זַיין מִיט דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט. לִיבֶּער גָאט פַאר שֶׁעם מִיךְ נִיט וֶוען אִיךְ טוּ פַאר דִיר בֶּעטִין, וָואס אִיךְ קֶען פַאר קַיין מֶענְשִׁין נִיט אוֹיס רֵיידִין זָאג אִיךְ פַאר דִיר. מַיין שְׁוֶוער גֶעמִיט, דוּ נֶעמְסְט אָן אַלֶע גִיבֶּעט, אִיךְ בֶּעט דִיר לִיבֶּער גָאט דֶער וַוייטֶער דִיךְ נִיט פוּן מִיר, וֶוען עֶס וֶועט אוֹיף מִיר ח״ו זַיין אַיין צָרָה אוּנ אִיךְ וֶועל דִיךְ רוּפֶען זָאלְסְטוּ מִיר עֶנְטְפֶערְן, אוּנ אִיבֶּער הוֹיפְּט עֶנְטְפֶער מִיר אוּנ הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין וַוייטֶער נִיט זִינְדִיגֶען, אוּנ שְׁטַארְק מַיין הַארְץ צוּ גֵיין אִין דַיינֶע וֶועגִין, צוּ גֶעבֶּען צְדָקָה אוּנ צוּ טָאן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אַז מַיין לֶעבֶּען זָאל הֵייסֶען אַיין רֶעכְט לֶעבֶּען. דוּ גָאט וֵוייסְט דָאךְ וואֹל מַיין מַחֲשָׁבָה, דוּ הֶעלְפְּסְט דֶעם מֶענְטְשֶׁען אִין דֶעם וֶועג וִוי עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר. לִיבֶּער פָאטֶער זַיי דִיךְ מְרַחֵם אִיבֶּער מִיר כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים, אַז אִיךְ וֶועל ח״ו זִינְדִיגֶען זָאלְסְטוּ מִיר דֶער מָאנֶען תְּשׁוּבָה צוּ טָאן, אוּנ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן אוּנ זָאלְסְט הֵיילִין אַלֶע

מעשה אלפס

שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ דֶער מֶען אִיר אָן. דִי פִינְפְטֶע טֵייל מֶענְשִׁין חַאפִּין דִי נְשָׁמָה אוּנ זִי אוֹיף הַאלְטֶען בִּיז זַיינֶען וָואס הָאבֶּן גֶעמֵיינְט זַיי וֶועלֶען עֲווִיג לֶעבְּן אוּנ אֵייבִּיג יוּנְג זַיין אוּנ הַנָאָה עֶר וֶועט טָאן תְּשׁוּבָה, דֶער זָארְט תְּשׁוּבָה הָאבֶּן פוּן דֶער וֶועלְט, אוּנ אֲפִילוּ זַיי אִיז שׁוֹין נָאר אַשְׁוַואכֶע נוּר בְּדוֹחַק נֶעמְט

מיינע פעלערין, דען דו ביסט ארופא חנם אונ ארופא לשבורי לב. איך בעט דיך אבינו שבשמים דו זאלסט דער הויבען מיין מזל מיר מיט מיין מאן אונ זאלסט מיר געבין גוטע קינדער אונ איך זאל פון זיי קיין צער ניט האבין, דען דאס איז דער גאנצער לעבין פון מענטשין בעולם הזה אונ בעולם הבא, אונ זאלסט אונז געבין לחם לאכול ובגד ללבוש בכבוד אונ ניט ח"ו מיט בזיון, אונ זאלסט אונז לאזין אויס לעבין אונזערע יארין אין גרויס פריידין, מיר זאלין זוכה זיין צו זעהען אונזער משיח צדקנו במהרה בימינו, אמן, כן יהי רצון.

תחנה ערב ראש השנה פאר מנחה.

רבונו של עולם, הער פון דער גאנצער וועלט, איך קום יעצט מתפלל זיין פאר דיר די לעצטע תפלה (מנחה) פון יאהר. איך ווייס גאנץ גוט אז מיין דאווענען דעם גאנצין יאהר איז גיוועזען אן כונה, די אויערין האבין ניט גיהערט וואס די מויל האט גירעדט, די מויל האט גימורמילט די היילינגע ווערטער פון דאווענען אונ דער מוח איז גיוועזען פארטראכט אין הבלי הזמן, איך האב זיך אויפגעפירט ווי דער נארישער ישיבניק וואס דער קעניג פארביי פארענדיג איז ער אריין צו אים אין הויז, האט ער גיהייסין זיין יונג אויף געמען דעם קעניג אונ ריידין מיט אים אונ ער אליין איז אוועק טרייבין די בהמה, דאס גלייכין האב איך געטאן, איך האב געהייסען מיין דינער (די מויל) זאל ריידען מיט דעם רבונו של עולם (ברוך אתה ה', גילויבט ביזט דו גאט) אונ דער עיקר „איך" דאס איז דער מוח (דער גידאנקין) איז אוועק אויפ'ן מארק, אדער איך ווייס וואו, טראכטען נארישקייט, אונ מיינע תפלות זיינען געוועזען ווי טויטע קערפערס, ווי די חכמים זאגען „אז תפלה אן כונה, איז ווי א גוף אן א נשמה". — אונ אז איך נעם זיך דער מאנען אז היינט איז דער לעצטער טאג פון יאהר, אונ מארגען וועל איך מוזין שטיין צום משפט פאר דיר, אונ עס וועלען צו זאמען קומען אלע מקטרגים וואס זיינען בעשאפין געווארין פון מיינע זינד אונ די גוטע מלאכים (מליצי יושר) וואס זיינען בעשאפין געווארין פון

מעשה אלפס

זיינען גילעגין צו בעט האבען זיי זיך ניט געשטארקט אונ זיי האבען פארלארען דעם גענגליבט אז זיי וועלען שטארבען. עס איז פארשטאנד מיט'ן לשון אונ געשטארבען גאר אפחד געוועזען צו דער מאנען זיי צו אן ווידוי, דער גוף איז גענאנגען אין דער זאגען ווידוי, ביז די קראנקייט האט זיך ערד צו די ווערים אונ שלאנגען, אונ די

נשמה

מיינע מצות ווי די היילינע תנאים זאגען (אין פרקי אבות) העושה מצוה אחת קונה לו פרקליט אחד, והעובר עברה אחת קונה לו קטגור אחד (ווען מ'טוט אמצוה שאפט מען זיך איין אמלאך מליץ, און ווען מ'טוט איין עבירה שאפט מען זיך איין אנקלעגער), שרעקט מיר זייער מיין הארץ, אז די מקטרגים זאלען חלילה נישט מנצח זיין די מליצי יושר, דאס ערשטע, ווייל די מקטרגים זיינען זייער פיל ווי דער צאל פון די עברות וואס איך האב געטאן, ובפרט די עברות וואס מיט'ן צונג, לשון הרע, רכילות, קללות, שקר, ליצנות, דאס איז גאר אן אצאל. און די מליצי יושר זיינען ווייניג, און דאס צווייטע די מקטרגים זיינען שטארקע און מוטהיגע, ווייל די עברות האב איך געטאן מיט חשק און מוטה, און די מליצי יושר זיינען שוואכע און פארשלאפענע, אזוי ווי איך האב געטאן די מצות אן חשק און אן מוטה, דרום פאלט אויף מיר אגרויסע שרעק איך זאל חלילה נישט פארשפילען מיין משפט און פארלירען ביידע וועלטען, נישט קיין עולם הזה, האבען חלילה גרויסע צרות פון די שווערע און ביטערע פרנסה, צרות פון קראנקהייטען חלילה, צרות פון שונאים, און צרות פון קינדער חלילה, און נישט קיין עולם הבא, ווייל וועה מגייט ארום אן תורה, אן תפלה, און אן מעשים טובים, ווי אזוי קען מען זוכה זיין צו עולם הבא? און האפען אז מיינע קינדער וועלען מיר דורך טראגען דעם יום הדין און אויך מיר מזכה זיין צו עולם הבא, איז ביי היינטיגע צייטען ווייניג דא וואס צו האפען, הלוואי זאלען היינטיגע קינדער נישט אריין שלעפען די עלטערן טיף אין גיהנם. דרום איז וויי צו מיר און וויי צו מיינע ביזע מעשים. איך בין געגליכען היינט צו איינעם וואס האט בעדארפט פארען אין אווייטע וועג וואס איז נישט זיכער פון רויבער באנדעס און חיות רעות, האט ער דעם טאג פון זיין אב פארען פארבעטען צו זיך זיין פאמיליע מיט אלע גוטע פריינד, און האט זיך מיט זיי געזעגענט און האט יאמערליך געוויינט, פאטער (פרעגין די קינדער) וואס וויינסטו היינט מער ווי אלע מאל? קינדערלאך (ענטפערט ער) איך דארף פארען אווייטע און

מעשה אלפס

נשמה איז געגאנגען אפארפלעקטע אין גיהנם דריבער זאגט דוד המלך עליו השלום (אשרי איש ירא ה') וואול איז דעם וואס טוט תשובה בעת ער איז נאך „אמענש" ווען ער איז נאך יונג און געזונד, דענמאלט איז די תשובה זייער טייער ביי השי"ת, ובפרט אין די 40 היילינע טעג פון ראש חודש אלול ביז יום כפור, דאן איז די בעסטע צייט צו מאכען דעם יאהר בעלאנם און פאריכטען די פעלערן וואס מ'האט נעזינדינט

אסכנה'דיגע וועג, פיל מענשין זיינען דא געפארען און ניט צוריק געקומען, דרום שרעקט מיר די הארץ, פיללייכט וועל איך חלילה ניט זוכה זיין נאך אמאל צו זעהען אייך. דאס זעלבע איז ביי מיר היינט, ווייל אמענש האט צוויי הויפט צייטען צו זאגען וידוי, איין צייט פאר'ן גרויסען יום הדין און דעם צווייטען מאל פאר'ן שטארבען, אמאהליגע יאהרען אז די וועלט איז רוהיג געוועזען, יעדער איז געוועזען רוהיג מיט פרנסה, מ'האט ניט בעדארפט פארוואגילט ווערען אויף ימים פארין אין עק וועלט, האט מען זיך ניט בעדארפט אזוי אנשטריינגען אין וידוי פארין יום הדין, ווייל מ'האט זיך געקאנט סומך זיין אויף דעם וידוי פון פארין שטארבען, לײדער אבער היינט וואס אידען זיינען צו שפרייט אין אלע עקין וועלט, מ'פארט אויף גרויסע ימים וואס פיל אונגליקען האט געטראפען, וויפיל שיפען מיט מענשין זיינען דאס דער טרונקען געווארען, און פיל צרות און הארץ ווייטאג, זיינען די מענשין געווארין ווי פליגין וואס שטארבין פלוצלונג און גייען אוועק פון דער וועלט אן וידוי, ווי גייטיג איז יעצט דער וידוי פארין יום הדין, ווייל ווער ווייס טאמער איז דאס חלילה דער לעצטער וידוי, אלזא ליבער הארציגער פאטער, העלף מיר מתפלל זיין דעם לעצטין מנחה פון יאהר מיט גרויס כונה און זאגען „סלח לנו אבינו כי חטאנו" מיט גרויס געוויין און מיט איין אמתע חרטה אויף די אלע בייזע מעשים וואס איך האב דעם יאהר געטאן, אז אלע מקטרגים וואס זיינען בעשאפען געווארען פון מיינע עבירות זאלען כלה ווערען, און גיב מיר אריינעם געדאנקען איך זאל מאכען אפעסטין בעשלוס ניט אום קערען זיך חלילה טאן נאך אמאל די עבירות, און די יעצטיגע תפלת מנחה זאל איך דאוונען מיט גרויס התלהבות (ווארימקייט) און לעבהאפט אז זי זאל קענען מתיה זיין אלע אירע חברתות, דאס הייסט די תפלות פון אגאנץ יאהר וואס איך האב גידאווענט אן כונה, וואס זיי זיינען ווי טויטע ציפער (נולין), זאל היינטיגער מנחה זיין דער לעבעדיגער ציפער (דער איינס) וואס ער וועט זיך צו

מעשה אלפס

געזינדיגט צו גאט אליין און איך די פעלערין וואס מ'האט געזינדיגט צו מענשין און צו הקב"ה וואס ער האט פארזאגט מ'זאל זיך אויפפיהרען ארענטליך מיט מענשין, דריבער שרייבן די הייליגע ספרים, אז אין די הייליגע טעג איז אחוב צו לייענען אלע טאג אביסעלע מוסר ספרים כדי צוערוועקין די הארץ צו תשובה, וועט מען זוכה זיין געשריבען צו ווערען צו אגוט יאהר, אמן.

דער

שטעלען צו די נולין און ווערין א צאל פון פיל הונדערטער לעבעדיגע תפלות, וואס וועלען ארויף גיין צו דיין כסא הכבוד ווערען א כתר לראשך, און זאלסט מיר העלפען טאן א תשובה שלמה מיט גרויס הכנעה, איך זאל אריין גיין צום יום הדין, און דו זאלסט מיר אנשרייבען א יאהר פון לעבען און געזונד און פרנסה בכבוד, און נחת פון מיינע קינדער, איך זאל זיי זוכה זיין צו ערציהען צו לערנען דיין היילינע תורה און טאן מעשים טובים. עס זאל זיין שיין פאר גאט און לייטען. אמן.

סדר ליכט בענשין פון ראש השנה.

ווען די אידעשע פרוי וואלט וויסען ווי ווייט די מצוה פון ליכט בענשין איז גרויס. וואלט זי געווים געבענשט מיט אריינע כונה און מיט גרויס שמחה, ווי דער היילינער תנא ר' שמעון בן יוחאי שרייבט אין זוהר הקדוש (פ' בראשית) (ואתתא בעי בחדוה דלבא ורעותא לאדלקא בוצינא דשבת), דאס הייסט א פרוי דארף בענשין ליכט שבת ויום טוב מיט פרייד פון הארצען און מיט גרויס כונה, די מצוה איז א גרויסער כבוד פאר איר. אז איר האט דער וועלט קעניג אויסערוואוהלט מקבל פנים זיין די האבגישעצטע מלכה (שבת המלכה), און דאס איז א גרויסער זכות פאר איר זוכה צו זיין צו גוטע קינדער וואס זייערע אויגען זאלען לייכטען אין דער-תורה, און זיי זאלען ברייננען גרויס פרייד אויף דער וועלט און אריכות ימים פאר איר מיט איר מאן און קינדערלאך. ובפרט די ליכט בענשין פון ראש השנה וואס מיט דעם נעמט זי אויף דעם נייעם יאהר, דארף זי געווים בענשין מיט אריינע הארץ און מיט גרויס פרייד. ווען

מעשה אלפס ופרי הגפן

התעוררות לימים הנוראים.

דער ערשטער טאג פון חודש תשרי איז בקבלה ביי אונזערע חכמים אז ער איז ביי אונז בני ישראל — ראש השנה, אין יחזקאל מ' שטייט בפורש: בראש השנה בעשור לחודש, ד. ה. אז ביז נאך יום כפור, רעכענט זיך אלעס פיר ראש השנה. דען די חכמים האבען בקבלה אז דער דין ומשפט וועלכער פאנגט זיך אן דעם ערשטען טאג ראש השנה, ענדיגט זיך ערשט אום יום כפור, דען „בראש השנה יכתבון וביום צום כפור יחתמון“. — דער אברבאנאל שרייבט, אין נאמען פון די אלטע אסטראנאמיקער אז אין מזל „מאזנים“ (חודש תשרי), אין זיין אנפאנג נעהט אויף דעם נאראזאנט, איין צורה פון צוזאמענגעשטעלטע שטערין, אין דער

פארעם

זי מיט דעם זוכה זיין בּריינגען אַגוּט יאָהר אויף זיך אונ אויף איר מאַן אונ קינדער.

אַז ר"ה גיפאַלט אום דער וואָכין זאָגט מען די בּרכות נאָכהער צינט מען די ליכט אונ ווען עס גיפאַלט אום שבּת זאָגט מען די בּרכות נאָך ליכט צינדין.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל יוֹם טוֹב (אויב יו"ט גיפאלט אום שבת זאגט מען שֶׁל שַׁבָּת וְשֶׁל יוֹם טוֹב*).

ווייל די צווייטע נאַכט ראש השנה איז אַספק אויב מ'זאל מאַכען „שהחיינו" אָדער ניט, דרום איז רעכט אַז די אשה זאל אָן טאָן צו ליכט בענשין אַנייעס בגד אָדער אַוועק לייגען אויפ'ן טיש אַנייע פּרי אונ זאל אַכוונה האָבען מיט דעם שהחיינו אויך אויף דעם בגד אָדער די פּרי.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה.

אונ גלייך נאָך ליכט בענשין זאל זי זאָגען די קליינע תּחנה מיט גרויס שׂמחה.

איך דאַנק דיר גוטער גאָט פאַר די זכיה, וואס דו האָסט מיר מזכה גיוועזען מיט די הייליגע מצוה פון ליכט בענשין אין דעם יום הדין, אונ איך בעט דיין רחמנות אַז דו זאָלסט מיר מזכה זיין היטען די מצות דעם גאַנצין יאָהר, אונ אַזוי ווי איך האָב ליכטיג גימאַכט מיין שטוב מיט מיין אָנצינדען די ליכט, אַזוי זאָלסטו דערלייכטען די אויגען פון מיינע קינדער מיט די ליכט פון דער תּורה, אונ זאָלסט ליכטיג מאַכען אונזער משפּט מיר זאָלען געשריבען ווערען לחיים טובים ארוכים ושלום, אָמן סלה.

*) ווייל ניט אַלע פאַרשטייען דעם טייטש פון די בּרכה שטעלין מיר דא דעם טייטש פון דעם, בּכדי מ'זאל דאס זאָגען מיט גרויס כּוונה.

ברוך געלויבט ביזט דו גאָט, קעניג פון דער וועלט, וואס דו האָסט אונז געהייליגט מיט דיינע מצות, אונ האָסט אונז (פרויען) גיבאָטין ליכטיג מאַכען אונזערע הייזער מיט די ליכט פון יום טוב (אויב עס גיפא"ט אום שבת זאגט מען) מיט די ליכט פון שבּת אונ יום טוב.

ברוך געלויבט ביזט דו גאָט, קעניג פון דער וועלט, וואס דו האָסט אונז געשאַנקען לעבען, אונ אונז געהאַלטען אויף דיין וועלט, אַז מיר האָבען זוכה גיוועזן צו די הייליגע צייט פון דעם הייליגען יום טוב.

אַנייעֶ תְּחִנָּה נאָך ליכט בענטשין.

בּוֹרֵא עוֹלָם, אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל!

אָה וועלט שאַפער, דער מעכטיגער גאָט פון ישׂראל.

נוֹתֵן נְשָׁמָה כֹּחַ וָאֱיָל.

דער וואָס גיט לעבען דער וועלט בכלל און זיין פאָלק ישׂראל קרעפטין צוא עקזיסטירען שוין טויזענדער יאָהר.

בְּיוֹם הַזֶּה עוֹלָמְךָ בָּרָאתָ.

אין דיזען טאָג, ערשטין תשׂרי האסטו דיין וועלט בעשאַפען, דאַמאָלס איז דער ערשטער ראש השנה געוועזען.

אַךְ חוֹשֶׁךְ וַאֲפֵלָה הָיָה.

אָבער קיינע ליכטיגקייט איז אויף איר געוועזען.

וַתֹּאמֶר, יְהִי אוֹר! וַיְהִי.

האסטו אַ זאָג געטאָן – ליכטיג זאָל ווערין! איז געוואָרען;

תָּלִיתָ אֶת הַמָּאוֹר הַגָּדוֹל וְהַקָּטָן.

דו האָסט אויף געהאַנגען אין דיין גרויסע וועלט-געביידע דעם גרויסין פענאַר, די זוהן, און די לבנה.

וְאִתָּם צֶאֱצָאֵיהֶם הַכּוֹכָבִים סְבִיבָם.

און מיט זיי אויך די שטערין, די פּלאַנעטעס, וועלכע גייהען אַרום דיזע פאָר ליכט, זאָ ווי קינדער אַרום זייערע עלטערין.

מעשה אלפס ופרי הגפן

פאַרעם פון איין ביידזען מאַן, אין זיין רעכטע האַנד האַלט ער איין וואַנגשאַל, אין זיין לינקע – פאַר שריבענע אָפענע ביכער (ספרים פתוחים); דיזע בעוויזען-שרייבט דער אַברבנאַל – אַז „פּלס ומאזני משפּט לה'", אין זיי יענע טעג, אין זיי וועגט ער דעם מענשינס מעשׂים, געבען יעדען נאָך זיין פערדינסט לרע און לטוב, די ביכער דערמאָנען די מענשין אַז „שלשה ספרים נפתחים" בראש השנה כו' – דיזער טאָג ראש השנה, הייסט מיט זיין נאָמען אין דער תּורה: „יום תּרועה", „זכרון תּרועה"; דען אין אָנפאַנגס יאָהר איז גלייך ווי אַ אָנפאַנג פון דעם בורא ב"ה מלוכה; בפרט ווי אַלע קדמונים זיינען מסכּים מיט דער דעה פון ר' אליעזר, וועלכער האַלט אַז בראש השנה נברא העולם, זאָ ווי דער חכם אבן עזרא, ר' סעדיה גאון, שרייבען, אויף דיזעם בעווייזט אונז אויך דער שופר, וועלכער דערמאָנט אונז אויף

בראת לאדם הראשון ועזרתו חוה.

דו האסט דאן בעשאפען דעם ערשטין אדם אויף דער וועלט. פער־פערטיגט אויך פיר איהם איינע הילפע אין זיין לעבין, איין שותף געמען מיט אים א אנטהייל אין זיין וועלט—חוה'ן זיין פרוי.

מעון ומאכל ולבוש להם ערכת.

איין פארטיגען וואהנונג אין גן־עדן, א געגרייטען טיש מיט אלעם גוטען, אי אנצוגען, קליידער האסטו זיי גיגעבין.

אך יצרם הרע הסיתם.

דער שלאנג, דער יצר הרע, וועלכער זיצט אינערליך ביין מענשין, האט זיי צו לוקסום, צו באזעם אן גירעט, זיי האבען פונ'ם עץ הדעת געגעסין, זיי האבען זייערע יאהרען פערקירצט.

בנם קין הרג את אחיו הבל.

זייער פערדארבענע בלוט, האבען זיי צו קינדער איבערגיגעבען, דער קין איז דער ערשטער מערדער אויף דער וועלט גיוועזען, זיין אייגען ברודער די בלוט פערגאסען.

כה חלפו הדורות.

אט אזוי, זיינען, פון אדם הראשון אן, פיל דורות דורך געגאנגען, דיזע ערשטע פארפאלג, וועלכע האבען גיקענט טויזענדער יאהרען לעבען, האבען דער לעבט נור זיין הונדערט מיט דרייסיג יאהר, און ווייטער, ווייטער זיינען די מענשליכע יאהרען געמינערט

מעשה אלפס ופרי הגפן

קראנאציע, זא וויא עס שטעהט ביי דער קראנאציע פון שלמה המלך, (ויתקעו בשופר ויאמרו יחי המלך שלמה), מיט דיזען שופר בלאזען שרייט דאס גאנצע פאלק ישראל, יי מלכנו הוא יושיענו, המלך יעננו ביום קראנו, זא ווי די גמרא זאגט דעריין, אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם, און אין תפלת מוסף זאגען מיר, זה היום תחלת מעשיך זכרון ליום ראשון. — דער כלל איז, אלע יאהר אין דיזען טאג איז נייע מאנגעפעסטין, דעם עולם הגדול בכלל און יעדען מענשין (דעם עולם קטן) בפרט; אבער דער נאמען מאנגעפעסט הייסט ניט־נור לטובה, נור אויך דער הפך; ווער פון אונז קאן זיך רעכענען פון דער גליקליכער קאטעגאריע וועלכע וועט געשווים איין ארדער באקומען? ווען אונזערע בעוואוסטע חכמים האבען זיך נור פיר בינונים געהאלטען (אמר רבה כגון אני בינוני) הייגט וואס זיינען מיר?...

מיר

גֶעוואָרֶען, דִי מֶענְשְׁלִיכֶע לִיכְט הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאשֶׁען, בִּיז מֶענְשִׁין הָאבֶען אוֹיף דֶעם וֶועלְט בַּאשֶׁעפֶער תַּרְעוֹמוֹת גִיקְרָאגֶען, מֶען הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ דֶער זוּהן אוּנ לְבָנָה דִינֶען.

שֶׁמֶשׁ וְיָרֵחַ קָדָרוּ, וְכוֹכָבִים אָסְפוּ נָגְהָם.

דִי נַאטוּר וֶועלְכֶעס אִיז אוֹיךְ גֶעוָוארֶען פַאר דָארְבֶּען.

וַתִּשָּׁחֵת הָאָרֶץ לִפְנֵי הָאֱלֹהִים.

דִי וֶועלְט אִיז פַאר דָארְבֶּען, דֶער לוּקְסוּס אִיז גְרוֹיס, דִי מֶענְשְׁלִיכֶע תַּאֲוָה אָן אַ בְּרֶעג, דֶער מֶענְשְׁלִיכֶער פֶערְשְׁטַאנְד פֶערְשְׁוַואכְט, דִי נְשָׁמָה, דִי נֵר אֱלֹהִים נִשְׁמַת אָדָם — פֶער לָאשֶׁען גֶעוָוארִין.

וְרַק אֶחָד הָיָה בְּדוֹר הַהוּא נֹחַ הַצַּדִּיק.

דֶער נֹחַ הַצַּדִּיק הָאט אוֹיךְ גְעהַאט אַ זוּהן חָם, מִיט אַ גְרָאבֶּען כַּארַאקְטֶער, אַ נִיט שֶׁעטְצֶער דִי עֶלְטֶערִין, פֶער דָארְבֶּען אִין אַלֶעם.

הַמַּבּוּל שָׁטַף אֶת כֹּל.

הָאט דֶער עֶוִויגֶער זֵיי אַלֶעמֶען פַארְפְלֵייצְט מִיטֶען מַבּוּל, נאכְהֶער אִיז אַ נַייעֶ וֶועלְט גֶעוָוארֶען, זֵיי אָבֶּער נִיט טְרַיי. אַ שְׁוַואכֶערֶע אַ דוּנְקְלֶערֶע. —

צֶעהן דוֹרוֹת זַיינֶען ווִידֶער דוּרְךְ גֶעלָאפֶען, בִּיז אַבְרָהָם אוּנ שָׂרָה. דִיזֶע פָאר פָאלְק, וֶועלְכֶע הָאבֶען עֶרְקֶענְט דֶעם וֶועלְט שֶׁאפֶער, מִיט אַ לִיכְטִיגֶען פֶערְשְׁטַאנְד, זֵיי הָאבֶען עֶרְקְלֶערְט דִי מֶענְשִׁין דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת, דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אִין דֶעם אֵיינְצִיגֶען גָאט, זֵיי הָאבִין אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן ה' אֶחָד! —

מעשה אלפם זפרי הגפן

מִיר זַיינֶען גֶעגְלִיכֶען צוּ אַ גוּבֶערִינְסְקִי טוּרְמֶע, וֶועלְכֶע אִיז שׁוֹין אַלְט אוּנ פֶערְפוֹילְט גֶעוָוארֶען, דִי אַדְמִינִיסְטְרַאצִיעֶ הָאט אוֹיף אַ נַייעֶם אָרְט אַ נַייעֶ פֶעסְטוּנְג גֶעשְׁטֶעלְט. דִי צַייט פוּן חֲנֻכַּת הַבַּיִת אִיז גֶעקוּמֶען, בֶּעאַמְטֶע הָאבֶּען זִיךְ אִין דֶער נַייעֶר גֶעבַּיידֶע פֶערְזַאמֶעלְט, טִישֶׁען זַיינֶען גֶעגְרֵייט, דִי בֶּעסְטֶע שְׁפַּייזֶען זַיינֶען פֶערְפֶערְטִיגְט. דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ גוּט פֶערְוַוויילְט, אִין אָרְקֶעסְטֶער מוּזִיק גִיט קָאנְצֶערְט; נַאכְהֶער הֵייבֶען זִיךְ דִי בֶּעאַמְטֶע אוֹיף, זֵיי ווִינְטְשֶׁען מִיט גְלִיק אֵיינֶער צוּם צְווֵייטֶען, מֶען גֶעהט מִיט מוּזִיק גֶעגֶען דִי אַרֶעסְטַאנְטֶען, זֵיי אִיבֶּער פִיהְרֶען פוּן דֶער אַלְטֶער טוּרְמֶע צוּ דֶער נַייעֶר, דִי קֵייטֶען קְלִינְגֶען, בַּיי דִי גֶעפַאנְגֶענֶע טְרִיקֶענֶען זִיךְ נִיט דִי טְרֶערִין, אַ נַייעֶ — טוּרְמֶע. דָאס גְלַייבֶען זַיינֶען מִיר עַם בְּנֵי

ישראל

בַּעֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת עָמַד אַבְרָהָם אָבִינוּ׃

דֶער מָאן אוּנְז גָאט אִין דִיזֶע עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה, דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער אַלְטֶער פָּאטֶר אַבְרָהָם, וָואס עֶר אִיז בַּיי גִישְׁטַאנֶען בַּיי דִי צֶעהֶען נִסְיוֹנוֹת וָואס דוּ הָאסְט אִים גִיפְּרוּבְט, אוּנ דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער אַלְטֶער מוּטֶער שָׂרָה׃

נֵר שָׂרָה אִמֵּנוּ הָיָה דוֹלֵק מֵעֶרֶב שַׁבָּת לְעֶרֶב שַׁבָּת׃

עֶרְלַייכְט גָאט מַיין לִיכְט. זָאל בְּרֶענֶען הֶעל, קְלָאהר, אִין מַיין גַאנְצֶען לֶעבִּין, אִיךְ בִּין דָאךְ שָׂרָה'ס אַ טָאכְטֶער׃

נָא אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ!

הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר (פב"פ), גִיבּ מִיר זִין אוּנ שְׁנִיר זָא וִוי יִצְחָק אוּנ רִבְקָה, עֶרְלַייכְט זֵייעֶרֶע אוֹיגְען אַז זֵיי זָאלֶען הָארְכְזַאמִיג זַיין. מִיר אוּנ מַיין מַאן, זָא וִוי יִצְחָק צוּ אַבְרָהָם וְשָׂרָה׃

זְכוֹר נָא לִי עֲקֵדַת יִצְחָק׃

אָה גוּטֶער גָאט, דֶער מָאן הַיינְט צוּם יוֹם הַדִין, דִי הָאלְץ, דֶעם מִזְבֵּחַ, דִי פַייעֶר, דִי עֲקֵדָה וֶועלְכֶע אִיז אִין דִיזֶען טָאג גֶעשֶׁעהֶן׃ קוּק זֶע אָהֶן, אוּנְזֶער צַייט דִיא פִינְסְטֶערֶע, דִי קִינְדֶער וֶועלְכֶע וַיינֶען וִוי גֶעבּוּנְדֶענֶע... זֵיי זַיינֶען דָאךְ אִידֶען, זֵיי הָאבֶּען דָאךְ נָאךְ זֵייעֶרֶע אָבוֹת אִין גַאנְצֶען נִיט פֶערְגֶעסֶען׃

כִּי גַם אֲנַחְנוּ מִבְּנֵי אַבְרָהָם וְשָׂרָה׃

מִיר הַאלְטִין דָאךְ זִיךְ אָן דַיין אֱמוּנָה, מִיר גְלוֹיבְּען דָאךְ אַז ה' אֶחָד, מִיר ווִילֶען דָאךְ דִיךְ דִינֶען, נוּר דֶער פִינְסְטֶערֶער יֵצֶר הָרָע,

---

יִשְׂרָאֵל וֶועלְכֶער אִיז כְּבוּשָׁה בַּגוֹלָה, אַיָאהר אַוועק אַיָאהר גֶעקוּמֶען, דִי שְׁכִינָה אִיז אִין גָלוּת, דִי תּוֹרָה, דָאס פָאלְק, פֶערְבּוּנְדֶען הֶענְד אוּנ פִים, דִי קָאפּ שְׁווִינְדִילְט, אִין דִי אוֹיגֶען פִינְסְטֶער, דֶער מוּטֶה גֶעוָוארְפֶען, פוּן אַלֶעם בֶּערוֹיבְּט (לֶעיְשָאן פְּרַאוו) גוּט יוֹם טוֹב! „הֶערְט זִיךְ קוֹלוֹת" אֵיין יִשְׂרָאֵל צוּם צְווייטֶען - רֹאשׁ הַשָׁנָה, „לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵבוּ וְתֵחָתֵמוּ" „שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה" אַנַייעֶר יָאהר. אַנַייעֶר גָלוּת, מִיט אַנַייעֶ טוּרְמֶע, מִיט נַייעֶ אֶבְיוֹנִים, מִיט נַייעֶ עֶמִיגְרַאנְטֶען מֵעֵבֶר לַיָם... תִּקְעוּ בַחוֹדֶשׁ שׁוֹפָר! שְׁפִּילְט מוּזִיק! אָבֶּער - בַּכֶּסֶא לְיוֹם חַגֵנוּ, דִיזֶער יוֹם טוֹב אִיז פֶּערְדֶעקְט, נִיט קְלָאהר, פַאר וֶועמֶען פוּן אוּנְז וֶועט עֶר זַיין אַ טוֹב, אוּנ פַאר וֶועמֶען אַ רַע, בֶּעהִיטֶע נָאט! נָאךְ עֶרְגֶער פוּן דֶער אַלְטֶער טוּרְמֶע... כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא מִשְׁפָּט לֵאלֹהֵי יַעֲקֹב, דִיזֶער טָאג מִיט זַיין פָארְזֶעטְצוּנְג, דִי עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, בִּיז

נאך

אונ דֶער פִינְסְטֶערֶער גָלוּת דֶער לָאזְט נִיט. דִי יוּנְגֶע קִינְדֶער גֵיין אִין גָאטֶעס וֶועג, אוּנ הִיטֶען וִוי גִיהֶערִיג דֶעם „נֵר מִצְוָה וְאוֹר תּוֹרָה"׃

אוֹר יִשְׂרָאֵל וּקְדוֹשׁוֹ!

דֶער לַייכְט דִי אוֹיגֶען מַיין מַאן אִין זַיין טֶעגְלִיכֶען לֶעבֶען, פֶער־גְרִינְגֶער אִים זַיין פַּרְנָסָה, מִיט וֶוייניג מִיה, אוֹיפִין נַייֶעם יָאר׃

מֶלֶךְ מוֹחֵל וְסוֹלֵחַ!

פִּיר גִיבּ מִיר מַיינֶע זִינְד, אוֹיף וֶועלְכֶע אִיךְ בִּין נִיט יוֹצֵא גֶעוֶוען דִיר, הֵן אִין קִיךְ אִין אָפְּהִיטֶען זִיךְ אִין כַּשְׁרוּת, אִין בָּשָׂר בְּחָלָב, פְלֵיישִׁיגְס מִיט מִילְכִיגְס. הֵן אִין טַהֲרָה, וָואס גִיהֶער אָן צְוִוישֶׁען מִיר אוּנ מַאן אוּנ דִי קִינְדֶער, הֵן אִין קַארְג זַיין צוּ גֶעבֶּן הִילְפֶע אָרִימֶע פִיל מַיין מֶעגְלִיךְ אִיז, הֵן אִין קִנְאָה מְקַנֵא זַיין דִיא קְלֵיידֶער אוּנ צִירוּנְג פוּן דֶער צְוֵוייטֶע׃

וְהָאֵר עֵינֵי עַמְּךָ בְּאַרְצוֹת פְּזוּרֵיהֶם׃

אָה גוּטֶער גָאט, דֶער לַייכְט דַיין פָאלְקְס אוֹיגֶען דָא אוּנ דָארְט, אַז זַייא זָאלֶען זִיךְ אַלֶע פִיר אֵיינִיגֶען צוּא דִינֶען דִיךְ מִיט אַרַייגֶע הָאֶרֶץ׃

וּבִזְכוּת הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת׃

וָוא וִוי אִיךְ דֶער לַייכְט מַיין הוֹיז, מִיט דִיזֶע לִיכְט, זָא זָאלְסְטוּ, גָאט דֶער לַייכְטֶען דֶעם בֵּית יִשְׂרָאֵל, אוּנ מַיין הוֹיז זָאל אוֹיךְ זַיין אִין כְּלַל, צוּ מִשְׁפָּטֶען אוּנְז צוּא גֶעזוּנְד, אוּנ פַּרְנָסָה, צוּ אַגְאוּלָה וִישׁוּעָה, אִין דִיזֶען יָאהר׃

מעשה אלפס ופרי הגפן

נָאךְ יוֹם כִּפּוּר, אִיז אוֹיף דֶעם פָאלְק יִשְׂרָאֵל יֶעדֶער יָאהר, אַנֵייעֶר מִשְׁפָּט, כֵּען מִשְׁפָּט אוּנְז בַּיי דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, דֶעם פְּרַט, אוֹיךְ דֶעם כְּלַל, „וְכוּלָם נִסְקָרִין בִּסְקִירָה אַחַת", דֶען דֶער כְּלַל יִשְׂרָאֵל בַּאשְׁטֵייט דָאךְ פוּן דִי פְּרָטִים, וֶוען דִי פְּרָטִים זַיינֶען זוֹכֶה בְּמִשְׁפָּט, דַאן קָאן פוּן דֶעם נִידֶערְגֶעשְׁלָאגֶענֶעם מַאן יַעֲקֹב, וֶועלְכֶער וֶוערְט מִיט דֶעם טְרִיט צֶערְטְרָאטִין־ אַיין גְרָאסְמַארְטִיגֶעס פָאלְק יִשְׂרָאֵל וֶוערִין, וֶועלְכֶער הָאט דִיזֶען טִיטוּל יִשְׂרָאֵל בָּשֵׁר פֶערְדִינְט, עֶר זָאל אַיין זִיגֶער בְּלַייבֶּען. דִי מִלְחָמָה דִי אַלְטֶע מְנַצֵּחַ זַיין, לֹא יַעֲקֹב יֵאָמֵר עוֹד שִׁמְךָ, כִּי אִם יִשְׂרָאֵל וגו׳, אוּנ עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערִין – כָּל הָעַמִּים תִּקְעוּ כָף הָרִיעוּ לֵאלֹהִים בְּקוֹל רִנָּה וגו׳, יִבְחַר לָנוּ אֶת נַחֲלָתֵנוּ אֶת גְאוֹן יַעֲקֹב אֲשֶׁר אָהֵב סֶלָה, אָמֵן׃

וְהָאֵר פָּנֶיךָ עַל מִקְדָּשְׁךָ הַשָּׁמֵם.

גיב א פרייליך בליק אויף דעם ארט וואו אונזער בית המקדש איז געשטאנען, וואו דיין פאלק האט זיך פעראייניגט, און מיר זאלען זוכה זיין להדליק נרות אין דער היילינגער מנורה, במהרה בימינו, אמן.

תְּחִנָּה לְדָוִד מִזְמוֹר

דעם מזמור זאגט מען ביידע טעג ראש השנה און אויך יום כפור נאך מעריב:

לדוד מזמור, איין לויב-געזאנג פון דוד המע"ה צו השי"ת, (לה' הארץ ומלואה) צו גאט געהערט די ערד און אלעם וואס אויף איר געפינט זיך א) די בעוואהנטע פלעצער און אלע אירע בעזיצער וום אויף איר, דען ביי ימים האט ער זי געגרינדעט און ביי שטראמענדע טייכין האט ער זי פעסט געשטעלט (מיט דעם וואס ער האט איר פאר ארדינט מיט אלעס, זי זאל זיין ראוי לישוב האדם, זעט מען אז ער איז איר באשעפער). (מי יעלה) ווער איז ראוי אויף צוא שטייגען אויף גאטעס בארג (דעם בית המקדש) און ווער האט רעכט צו שטיין אויף זיין היילינגען פלאץ. (נקי כפים) ביי וועמען עס איז ריין די הענד (ער האט נים פארנומען אפרעמדין גראשין) און א קלארע אריינע הארץ (נים געטראכם קיין שלעכטע מחשבות) און ווער עס האט ניט אויס געשפראכען אומזיסט, "איך שווער ביי מיין לעבן" און אפשיטא אז ער האט קיין מאל געשווארין פאלש (ישא ברכה) אזא מענש וואס זיינע הענד, זיין הארץ און זיין מויל זיינען ריינע, דער וועט ער-האלטין פון גאט ב"ה א ברכה (אויפען נייעם יאהר) און איין רעכטין לוין פון גאט זיין העלפער. (זה דור דורשיו) די וואס פירען זיך אזו אויף, די הייסין דר דור וום פארשטין נאך גאט, די וואס זוכין דיר גאט (דו זאלסט מאכין רוהען דיין שכינה צווישען זיי) די זיינען די וואהרע קינדער פון יעקב אבינו ביז עוויג, (שאו שערים) איר טויערין פון בית המקדש הויבט אויף אייערע קאפ (והנשאו) און ווערט דער הויבין איר טירין וואס אייער קדושה וועט

מעשה אלפס

א) דאס הייסט די גרויסע וועלט איז דער געטליכער בויעט, וואס ער האט צו געגרייט פאר די וועלט-רייזענדער אויף זייער לעבענס-באן, זעלבסט-פערשטענדליך איז, אז מ'געניסט פון באן-בויעט דארף מען גוט בעצאהלען, אבער מיט וואס קענען מיר צאלין דעם בורא ב"ה? אויב מיט געלט? איז דאך די געלט אויך זיינע (לי הכסף והזהב אמר יי צבאות) טו וואו נעמען מיר אזא זארט "מטבע" וואס דער

בְּלַייבִּין בִּיז עֶוִויג, הֲגַם דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב אוּנ פַאר בְּרֶענְט גִיוָוארֶן, אָבֶּער דִי טוֹיעֶרִין זַיינֶען נִיט פַאר בְּרֶענְט נוּר פַאר זוּנְקֶען גִיוָוארִין אִין דֶרֶערְד, וִוי יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא הָאט גִיזָאגְט (טָבְעוּ בָאָרֶץ שְׁעָרֶיהָ) אוּנ לֶעָתִיד וֶועלִין זֵיי עֶנְדֶעקְט וֶוערִין, אוּנ מִיר וֶועלִין זֵיי אָן טְאן אוֹיפְ'ן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס דֶער בּוֹרֵא אַלֵיין וֶועט בּוֹיעֶן, בִּכְדֵי עֶס זָאל הֵייסִין אַז מִיר הָאבִּין אוֹיךְ אַ טֵייל אִין דֶער מִצְוָה (ועשו לי מקדש) פוּן בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. (וְיָבֹא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד) אוּנ עֶס זָאל אַרַיין קוּמֶען אִין אַייךְ דֶער קֶענִיג פוּן עֶהרֶע, כְּלוֹמַר, מְ'זָאל אַרַיין טְרָאגִין דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ מִיט דִי לוּחוֹת אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים, (מִי זֶה) וֶוער אִיז דָאס דֶער מֶלֶךְ הַכָּבוֹד? (פרעגין די טויערין) עֶנְטְפֶערְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, נִיט אוֹיף מִיר מֵיין אִיךְ דָאס, נוּר גָאט דֶער שְׁטַארְקֶער שְׁטְרֵייט, הֶעלד, צוּ שְׁטְרַייטִין קֶעגִין דִי שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל, נֶעמֶען רַאכֶע פוּן זֵיי (שְׂאוּ שְׁעָרִים) הֵייבְּט אוֹיף אִיר טוֹיעֶרִין אַייעֶר הוֹיפְּט, (וּשְׂאוּ פִּתְחֵי עוֹלָם) אוּנ וֶוערְט עֶרְהוֹיבִּין אִיר טִירִין וָואס אַייעֶר קְדוּשָׁה וֶועט בְּלַייבִּין אוֹיף עֶוִויג (מיט דעם איז ער מרמז אויף דעם צווייטען בית המקדש וואס זיין היילינקייט איז גיבליבין אויף עוויג, אז אפילו היינט (בחורבנו) טאר איף דעם פלאץ נים ארויף טרעטין א טמא לנפש אונ ווען ער טרעט ארויף איז ער חייב כרת על פי דין התורה). (מִי הוּא זֶה מֶלֶךְ הַכָּבוֹד?) וֶוער אִיז דָאס דֶער קֶענִיג פוּן עֶהרֶע? (פרעגין די טויערין), — עֶנְטְפֶערְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ — דֶער גָאט פוּן אַלֶע הֶערְשַׁאפְט עֶר אִיז דֶער קֶענִיג פוּן עֶהרֶע, עֶוִויג 1).

מעשה אלפס

בּוֹרֵא זָאל דָאס אָן נֶעמֶען אִין גֶעצָאלְט? זָאגִין דִי חז״ל, דָאס אִיז דִי „מַטְבֵּעַ" שֶׁטָּבְעוּ חֲכָמִים בִּבְרָכוֹת, דִי בְּרָכָה וָואס מֶען מַאכְט אוֹיף דִי שְׁפַּייז, דָאס אִיז דִי „מַטְבֵּעַ" וָואס מֶען צָאלְט דֶעם בּוֹרֵא ב״ה מִיט דֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער קִינְד וָואס אִיז מַכִּיר טוֹבָה (דַאנְקְבַּאר) דֶעם פָאטֶער פַאר דִי גוּטֶעס וָואס עֶר טוּט אִים, נֶעמְט דֶער פָאטֶער אָן דִי דַאנְקְבַּארְקַייט פַאר אַיין גֶעצָאלְט פַאר דִי גוּטֶעס, אוּנ עֶס אִיז אִים לִיבּ צוּ גֶעבֶּען דֶעם קִינְד נָאךְ גוּטֶעס, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ וֶוען מִיר זַיינֶען דַאנְקְבַּאר דֶעם בּוֹרֵא ב״ה פַאר אַלֶעס וָואס עֶר גִיט אוּנְז לְמָשָׁל מִיר זָאגִין (בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ) גֶעלוֹיבְּט בִּיזְט דוּ נָאט קֶענִיג פוּן דֶער וֶועלְט וָואס דוּ הָאסְט בֶּעשַׁאפֶען דִי אוּנ דִי שְׁפַּייז, אוּנ אַזוֹי (בָּרוּךְ יוֹצֵר הַמְּאוֹרוֹת) גֶעלוֹיבְּט בִּיזְט דוּ נָאט פַאר דִי לִיכְטֶער (דִי זוּן אוּנ דִי לְבָנָה) וָואס דוּ הָאסְט בֶּעשַׁאפֶען אוּנְז לִיכְטִיג צוּ מַאכֶען, אוּנ אַזוֹי מַלְבִּישׁ עֲרוּמִּים) גֶעלוֹיבְּט בִּיזְטוּ נָאט דֶער קֶענִיג פוּן דֶער וֶועלְט פַאר דִי קְלֵיידוּנְג וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז גֶעגֶעבֶּען, אוּנ אַזוֹי (בָּרוּךְ חוֹנֵן הַדָּעַת) פַאר דִי פַארְשְׁטַאנְד וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז גֶעגֶעבֶּען, נֶעמְט דֶער בּוֹרֵא דָאס אָן פַאר אַגִיצָאלְט, אוּנ עֶס אִיז אִים לִיבּ צוּ גֶעבִּין אוּנְז אוֹיפְ'ן נַייעֶס יָאהר לֶעבֶּען אוּנ צוּם לֶעבֶּען מִיט גְרוֹיס נַחַת.

1) כְּלוֹמַר נִיט וִוי דִי פִילָאזָאפִין זָאגֶען אַז עֶס אִיז קֵיין כָּבוֹד פַאר נָאט אַבְטוּנְג צוּ

געבין

זכור לנו ברית אברהם אבינו.

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון אונזר פאטער אברהם, וואס פון דריי יאהר אן האט ער דער קענט זיין באשעפער אונ האט זיך מוסר נפש געוועזן בעקאנט צו מאכן דיין נאמען אין דער וועלט, אונ איז מיט צעהן נסיונות גפרובט געווארן, גידיינק אונז ליבער גאט, זיין זכות דען מיר טוען ציטערין אונ פארכטען פון דעם יום הדין, ווען מיר טוען זיך באדיינקען דאס היינטיגן טאג טוסטו זיך זעצין אויף דיין שטול אונ טוסט משפטין דיין באשעפעניש, אונ עס ווערט גילייענט פאר דיר דער בוך פון אלע מעשים פון די מענשין פון דיא גאנצע וועלט. קיין זאך איז פאר דיר ניט פאר הוילין אונ קיין פאר געסונג איז פאר דיר ניט דא. דער מאן דיך ליבער גאט אן אונזער פאטער אברהם, אונ דער באדים דיך אויף זיינע קינדער אין די צעהן טעג פון ראש השנה ביז יום כפור צוליב זיין זכות וואס ער איז מיט צעהן נסיונות גיפרובט געווארן אונ דו האסט גיפונען זיין הארץ טריי צו דיר.

זכור לנו זכות שרה אמנו.

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון אונזער מוטער שרה, וואס זי איז אין דעם טאג ראש השנה דערמאנט גיווארין אונ שרייב אונז אן בספר החיים, אונ מיר זאלין האבין קינדער תלמידי חכמים. רבונו של עולם, דו האסט איר צוא ניינציג יאר איין איינציגין זוהן גיגעבין, אונ האסט איר צוא גיזאגט דאס אירע קינדער וועלין זיין פיל אונ וויכטיג ווי שטערין אין הימעל, יעצט ליבער גאט זאל איר זכות ביישטיין דאס אירע קינדר, וואס זיי זיינען דיין פאלק ישראל, זאלין חלילה ניט פאר לענט ווערין, אונ שרייב אן א גוט יאהר מיר אונ מיין מאן אונ מיינע קינדער אונ קינדס קינדער אונ כל ישראל, אמן.

זכור לנו עקדת יצחק אבינו.

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון אונזער פאטער יצחק וואס ער האט זיך גילאזט מקריב זיין פון דיין נאמען וועגין אויף

מעשה אלפס

געבין אויף די נידעריגע וועלט, איז בכן דער מענש שפילט ביי השי"ת אגריזיסע קען דער מענש טאן וואס ער וויל. ווי ראליע, ובפרט זרע אברהם יצחק ויעקב באלד עס איז ניטא קיין משגיח, ניט אזוי, וואס רופען זיך זיינע קינדער, איז זיין

דֶעם הַר הַמּוֹרִיָה. רבש״ע עֶס זָאל זַיין גְלַייך וִוי זַיין אַש לִיגְט אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ אוּנ זַיין בְּלוּט אִיז פַאר גָאסֶען, אוּנ דָאס קוֹל פוּן שׁוֹפָר וָואס מִיר בְּלָאזִין הַיינְט וִוי דוּ הָאסְט אוּנְז פַאר זָאגְט אִין דַיין הַיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאל פַאר טוּמְלֶען אַלֶע מְקַטְרְגִים וָואס קוּמֶען מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל, אוּנ זָאלְסְט צוּ רֵייסִין דֶעם גְזַר דִין, אוּנ מִיט דֶעם קוֹל פוּן שׁוֹפָר זָאלִין אַרוֹיף גֵיין פַאר דִיר אַלֶע אוּנְזֶרֶע תְּפִלּוֹת אוּנ בַּקָשׁוֹת, דָאס דוּ זָאלְסְט אוּנְז אָן שְׁרַייבִּין צוּ אַיין גוּט גֶעבֶּענְשְׁט יָאר.

זְכוֹר לָנוּ זְכוּת רִבְקָה אִמֵּנוּ.

גֶידֵיינְק אוּנְז לִיבֶּער גָאט דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער מוּטֶער רִבְקָה, וָואס זִי הָאט זִיךְ גִיהָאדֶעוֶועט בַּיי עֶלְטֶערִין רְשָׁעִים (לבן ובתואל) אוּנ צְוִוישֶׁען שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשֶׁען, אוּנ הָאט זִיךְ נִיט אָבּ גִילֶערִינְט פוּן זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים, אוּנ אַזוֹי וִוי זִי הָאט זִיךְ בְּעֶמִיהט דָאס אוּנְזֶער פָאטֶער יַעֲקֹב זָאל מְקַבֵּל זַיין דִי בְּרָכוֹת פוּן אוּנְזֶער פָאטֶער יִצְחָק אַזוֹי זָאל זִי שְׁטֵיין הַיינְט בַּיים יוֹם הַדִּין פַאר דַיין כִּסֵּא הַכָּבוֹד מֵמְלִיץ טוֹב זַיין אוֹיף אוּנְז אִירֶע קִינְדֶער דָאס מִיר זָאלִין אָן גֶעשְׁרִיבֶּען וֶוערִין צוּ אַ גוּט יָאהר, אוּנ אוּנְזֶער הַארְץ זָאל בְּלַייבִּין טְרַייא צוּא דִיר, מִיר זָאלִין זִיךְ נִיט אָבּ לֶערְנֶען קַיין לַייכְט-זִינִיגְקַייט פוּן שְׁלֶעכְטֶע גִיזֶעלְשַׁאפְטִין, אוּנ אַלֶע בְּרָכוֹת פוּן אוּנְזֶער פָאטֶער יִצְחָק זָאל אוֹיף אוּנְז מְקוּיָם וֶוערִין בִּמְהֵרָה, אָמֵן.

זְכוֹר לָנוּ זְכוּת יַעֲקֹב אָבִינוּ.

גֶידֵיינְק אוּנְז לִיבֶּער גָאט דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער פָאטֶער יַעֲקֹב, אַזוֹי וִוי דוּא הָאסְט אִים גִיהָאלְפִין פוּן עֵשָׂו אוּנ פוּן לָבָן, אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוּנְז הֶעלְפִין פוּן כָּל הַמְקַטְרְגִים זֵיי זָאלִין אוֹיף אוּנְז נִיט קֶענְעֶן מְקַטְרֵג זַיין צוּ דֶעם יוֹם הַדִּין. אוּנְזֶער הַיינְטִיגֶער מִשְׁפָּט זָאל אַרוֹיס גֵיין מִיט גְרוֹיס דֶער בַּארִימְהַארְצִיגְקַייט, אוּנ אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גִיבֶּענְשְׁט גֶעוָוארֶען פוּן זַיין פָאטֶער יִצְחָק דָאס עֶר זָאל מִיט׳ן קוֹל (יעקב) גִיהָאלְפֶען וֶוערִין, אַזוֹי זָאל אוּנְז זַיין זְכוּת בַּיי שְׁטֵיין דָאס דוּ זָאלְסְט

מעשה אלפס

עהרע און פערלאנג צו רוהען צווישען זיי. ווי ער האט געשריבען אין דער תורה (ועשו לי מקדש) מאכט מיר אהייליגען ארט (אבית המקדש) וועל איך רוהען צווישען אייך, און וויל זיין התגלות אויף דער וועלט איז אויף צוויי אופנים צו צאלין אגוטין לוין די וואס טוען גוטעס און זיך שטריינג רעכענען מיט די פערברעכער,

אָן נֶעמֶען אוּנְזֶרֶע תְּפִלּוֹת אוּנ דֶעם קוֹל פוּן דֶעם שׁוֹפָר, אוּנ אִיךְ מִיט מַיין מַאן אוּנ קִינְדֶער אוּנ דֶער כְּלַל יִשְׂרָאֵל זָאלִין גֶעשְׁרִיבֶּען אוּנ גִיחַתְמֶת וֶוערִין צוּ אַלֶעם גוּטִין, אָמֵן.

זְכוֹר לָנוּ זְכוּת אִמֵּנוּ רָחֵל.

גֶידֵייגְק אוּנְז לִיבֶּער גָאט דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער מוּטֶער רָחֵל. וָואס זִי הָאט אוֹיסְגֶערֶעכִינְט דִי לַאגֶע פוּן אִיר שְׁוֶועסְטֶער לֵאָה, זִי זָאל נִיט אַרוֹיס גֵיין מִיט בִּזָיוֹן, וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ וֶועט מִיט אִיר רֵיידִין אוּנ זִי וֶועט נִיט וִויסֶען וָואס צוּ עֶנְטְפֶערִין, אוּנ צוּא לִיב דֶעם וָואס דִי שְׁוֶועסְטֶער זָאל נִיט אוּנְגְלִיקְלִיךְ וֶוערִין, אִיז זִי בַּיי גִישְׁטַאנֶען אַ גְרוֹיסֶען נִסָּיוֹן צוּ וֶוערִין אָבּ גֶערִיסֶען פוּן אִיר גְלִיק פוּן אִיר גֶעלִיבְּטֶע פַּארְטְיֶע וָואס זִיא הָאט אוֹיף דֶעם גִיוַוארְט זִיבְּעְן יָאהר, אוּנ הָאט אִיבֶּער גִיגֶעבִּין דִי שְׁוֶועסְטֶער דִי סִימָנִים וָואס יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט מִיט אִיר אָבּ גִירֶעט, דְרוּם וֶוען נְבוּזַרְאֲדָן הָאט דִי יוּדִין אִין גָלוּת גֶעפִירְט פַאר בַּיי אִיר קֶבֶר, אוּנ זִי הָאט גִיוֵויינְט אוּנ גִיקְלָאגְט אוּנ מִתְפַּלֵּל גִיוֶוען פַאר דִיר אוֹיף אִירֶע קִינְדֶער, הָאסְטוּ אִיר דֶער מָאנְט דֶעם זְכוּת אוּנ אִיר צוּא גִיזָאגְט, דָאס דוּא וֶועסְט אוּנְז אוּם קֶערִין צוּ אוּנְזֶער לַאנְד, לִיבֶּער גָאט גִידֵייגְק אוּנְז הַיינְט אוֹיךְ בַּיין יוֹם הַדִין אִיר זְכוּת צוּא גֶעבִּין אוּנְז אַ גוּט יָאהר, אוּנ זָאלְסְט אוּם גִיזַאמְט מְקַיֵּים זַיין וָואס דוּ הָאסְט אִיר מַבְטִיחַ גִיוֶוען, אוּנ בִּזְכוּת וָואס מִיר הֶערִין הַיינְט שׁוֹפָר בְּלָאזִין וִוי דוּ הָאסְט אוּנְז גִיהֵייסִין אִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאלִין מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערִין שׁוֹפָר שֶׁל מָשִׁיחַ גִיךְ אוּנ בַּאלְד, אָמֵן, כֵּן יְהִי רָצוֹן.

זְכוֹר לָנוּ זְכוּת לֵאָה אִמֵּנוּ.

גִידֵייגְק אוּנְז לִיבֶּער גָאט דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער מוּטֶער לֵאָה אוּנ קֶער דִיךְ צוּ אוּנְזֶער גִיוֵויין, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט אָן גִינוּמֶען אִיר גִיוֵויין דָאס זִי זָאל אִין דֶעם גוֹרָל פוּן עֵשָׂו נִיט פַאלִין, דֶען דוּ בִּיסְט אַרַחֲמָן וָואס הֶערְט דָאס קוֹל פוּן גִיוֵויין. קוּק פוּן הִימֶעל אַרָאפּ אוּנ זֶעה וִוי דַיין פָאלְק טוּעֶן אַלֶע וֵויינֶען מִיט בִּיטֶערֶע טְרֶערִין

מַעֲשֶׂה אַלְפַּס

דְרוּם זָאגְט עֶר אֵיין מָאל (יְיָ גִבּוֹר מִלְחָמָה) הַכָּבוֹד) וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז צוּ שְׁטְרַייטֶען מִיט דִי פֶערְבְּרֶעכֶער, אוּנ דֶער טִיטוּל צְבָאוֹת אִיז בְּעֵת עֶר וֶוערְט נִתְגַּלֶּה דֶעם צְווייטֶען מָאל (יְיָ צְבָאוֹת הוּא מֶלֶךְ צוּ בֶּעלוֹינֶען גוּטֶעם זַיינֶע גֶעלִיבְּטֶע דִינֶער.

דער

און טוען ציטערין פון דעם פארכט פון דיין משפט, מיר זאלין חלילה ניט פאלין אין דעם גורל פון דעם שטן און די מקטרגים וואס קומען מקטרג זיין אויף אונז. רבונו של עולם קער דיך בעסער צו דעם קול פון אלע גוטע מלאכים וואס שטייען פאר דיין שטול און בעטין גוטס אויף דיין פאלק ישראל, און קער דיך ניט צוא דעם קול פון דעם שטן וואס קומט צו זאגין אויף זיי בייזעס. שריי אן אויף אים ער זאל זיין מויל ניט עפענען און ער זאל פאר טומילט ווערין פון צו ריידין שלעכטעס. און דאס קול פון דעם שופר מיט אונזערע תפלות זאלין אויף גיין פאר דיר, אן צו שרייבען אונז אין דעם ספר הצדיקים לחיים טובים, אמן.

זכור לנו זכות שבטי יעקב.

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון די שבטים, די קינדער פון יעקב וואס האבין אלע צוזאמען דיין נאמען גאיינציגט, דען איידער יעקב איז גישטארבין האט ער זיינע קינדר צו זאמען גירופין און האט גיזאגט צו זיי, ליבע קינדער טאמער איז חלילה צווישען אייך דא א פסול, אזוי ווי מיין עלטער פאטער אברהם האט גיהאט אזהן ישמעאל, אדער מיין פאטער יצחק וואס האט גיהאט א זוהן עשו. אזוי האבין דיא שבטים אלע צוזאמען גיזאגט (שמע ישראל) הער צו ישראל (אונזער פאטער) (יי' אלהינו יי' אחד) גאט אונזער גאט איז איין איינציגער גאט און מיר דינען אלע צו דעם גאט וואס אברהם און יצחק און דו אונזער פאטער האבין גידינט. דרום גידיינק אונז ליבער פאטער זייער זכות, דען מיר טוען אלע איינציגין דיין נאמען אלע טאג, און מיר טוען דיך הײנט אום ראש השנה פאר איין קיניג איבער אונז קרוינען.

זכור לנו זכות יוסף הצדיק.

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון יוסף הצדיק, וואס ער האט זיך מוסר נפש גיוועזן צו האלטין זיך ריין און צו ניט ... פון אויסגילאסענהייט, דאס אין דעם טאג האט ער אים פריי גימאכט פון זיין תפיסה, און האט אים דער הויבין צו זיין א מושל אויף דער לאנד מצרים, און ער האט בעלוינט גוטעס צו די אלע וואס האבען גידיינקט אויף אים שלעכטעס, אזוי רבונו של עולם צוליב

זְכוּת זָאלְסְטוּ דֶער הֵייבֶּען אוּנְזֶער מַזָל, מִיר זָאלֶען חָלִילָה קֵיין בִּלְבּוּל נִיט הָאבֶּען דָאס מִיר זָאלֶען אִין תְּפִיסָה זִיצִין. אוּנ זָאלְסְט אָבּ הִיטֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער פוּן אוּיסְגִילַאסֶענְהַייט, בִּפְרַט דִי וָואס זַיינֶען פַאר וַוארְפִין אִין דֶער פְּרֶעמְד, אוּנ זָאלְסְט אוּנְז גֶעבִּין אַגוּטֶע הַארְץ צוּ בֶּעהַאנְדְלֶען פְּרַיינְדְלִיךְ אַלֶע מֶענְשִׁין אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבֶּען אוּנְז גִיטָאן שְׁלֶעכְטֶעס, אוּנ זָאלְסְט אוּנְז גֶעבִּין אַגְרִינְגֶע גֶעמִיטְה, מִיר זָאלֶען דִיר קֶענֶען דִינֶען מִיט אַיין אֶמֶת׳ה הַארְץ, אָמֵן.

זְכוֹר לָנוּ זְכוּת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ.

גֶּידֵיינְק אוּנְז לִיבֶּער גָאט דֶעם זְכוּת פוּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, דָאס עֶר אִיז אִין דִי טֶעג אוּיף דֶעם הַר סִינַי גִיוֶוען, אוּנ הָאט פוּן אוּנְזֶערְט וֶועגִין דִי לוּחוֹת גִינוּמֶען, אוּנ זֶעה לִיבֶּער גָאט דָאס מִיר זַיינֶען מְקַיֵּים אַזוֹי וִוי דוּא הָאסְט אוּנְז גִיבָּאטִין, מִיר זָאלֶען הַיינְטִיגִין טָאג שׁוֹפָר בְּלָאזֶען, דְרוּם זַיי אוּיךְ מְקַיֵּים אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ (סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶיךָ) אִיךְ הָאבּ פַאר גֶעבִּין (די זינד פון ישראל) אַזוֹי וִוי דַיין פֶערְלַאנְג.

זְכוֹר לָנוּ זְכוּת אַהֲרֹן הַכֹּהֵן.

גֶּידֵיינְק אוּנְז לִיבֶּער גָאט דֶעם זְכוּת פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, דָאס זַיין מִדָּה אִיז גִיוֶוען צוּ מַאכֶען שָׁלוֹם צְווִישֶׁען מַאן אוּנ וַוייבּ אוּנ צְווִישֶׁען מֶענְשִׁין וָואס הָאבִּען זִיךְ גִיקְרִיגְט בַּאנַאנְד. אַזוֹי אוּיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאלְסְטוּ אִים גֶעבִּן רְשׁוּת דָאס עֶר זָאל זַיין אַמֵלִיץ טוֹב אוּיף דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל אָפּ צוּ טָאן דַיין גְרִים צָארֶען פוּן אוּנְז, אוּנ זָאלְסְט אוּנְז אָן שְׁרַייבֶּען צוּ אַיָאר פוּן פְרֵייד אוּנ שָׁלוֹם אוּנ שְׁטִילְקַייט, צוּ נַחַת אוּנ נִיט קֵיין צַעַר חָלִילָה.

זְכוֹר לָנוּ זְכוּת דָּוִד מַלְכֵּנוּ.

גֶּדֵיינְק אוּנְז לִיבֶּער גָאט דֶעם זְכוּת פוּן דָוִד אוּנְזֶער קֶענִיג, וָואס עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גִיוֶוען פַאר דַיין כָּבוֹד אוּנ פַארֶען כָּבוֹד פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּנ הָאט זִיךְ אֵיינֶער אַלֵיין גִישְׁטֶעלְט שְׁטְרַייטֶען קֶעגִין דֶעם גָלְיַת הַפְּלִשְׁתִּי אוּנ דוּ הָאסְט אִים גִיגֶעבֶּען דֶעם גְרוֹיסֶען נִצָחוֹן, אוּנ אוּיךְ פוּן אַלֶע פַיינְד הָאסְטוּ אִים גִיהָאלְפֶען, אַזוֹי הֶעלְף אוּנְז אוּיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם צוּלִיבּ זְכוּת פוּן אַלֶע בֵּייזֶע מַלְאָכִים, אוּנ

מקטרגים

מקטרגים אונ משחיתים וואס האבען פיינדשאפט אויף דיין פאלק ישראל, אונ אויך קיין שונא זאל פון אונז ניט הער פרייט ווערין.

וזכור לנו זכות צדיקים וצדקניות.

גידיינק אונז ליבער גאט דעם זכות פון אלע צדיקים אונ נשים צדקניות וואס זיינען גיווען פון דר צייט פון אדם הראשון ביז היינטיגען טאג, זייער זכות זאל אויף אונז מגין זיין דאס מיר אונ אונזערע קינדער זאלען זיין דיינע טרייע דינער מיט אפרייליכע הארץ, אונ זאלסט אויף אונז רחמנות האבען דאס דער גואל צדק זאל שוין קומען, אונ עס זאל זיין תחית המתים, אונ מיר זאלען שוין הערין שופר של משיח, במהרה בימינו, אמן.

תחנה ממעמקים (פון טיפען הארצען).

בייא חסידים זאגט מען דאס עשרת ימי תשובה נאך ישתבח.

שיר המעלות, איין לויב געזאנג ביי דעם אויפגאנג (עולה לרגל זיין) אויך ביי דעם אויסוואנדערונג פון בבל קיין ירושלים (בויען דעם צווייטען בית המקדש), (ממעמקים) א) פון טיפען הערצין רוף איך דיר גאט. (ה' שמעה בקולי) גאט הער צו מיין שטימע, זאל דיינע אויערען פאר נעהמען מיין גיבעט מיר מוחל צו זיין מיינע זינד, אונ אנשרייבען מיר אגוט יאהר. (אם עונות) ווען דו גאט וואלסט דעם מענשינס זינד אין גידאנקען האלטען, ווער קען פאר דיר בעשטייהן? (כי עמך) ביי דיר איזט די פערגעבונג (נור דו קענסט פארגעבין די זינד פון מענשין) ווען מ'טוט תשובה מ'האט חרטה אויף די פאריגע זינד אונ מ'נעמט אויף זיך מער ניט צו זינדיגען. (למען) פון וועגין מ'זאל זיך פאר דיר פירכטען ניט מער צו זינדיגען, ווייל ווען עס וואלט ניט העלפען קיין תשובה

מעשה אלפס

א) דער ווארט „ממעמקים" לשון רבים הייסט אויף צווייערליי טיפענישן, איינס איז טיפענישן פון קערפער וואס מיר זיינען אראפ פון אזא הויכע מדרגה, מיר האבען געהאט אלאנד, אקייזערטהום אונ אבית המקדש, יעצט זיינען מיר אין טיפען אבגרונד צו זיין איינגיבעטענע שכנים, וואס צאלין בלוטיגע דירה געלט, אונ מ'ווארפט זיי אלע ווילע פון דער דירה, אונ דאס צווייטע איז די טיפענישן פון נפש. מיר זיינען אמאל געווען גוט אונ פרום מיט הויכע געפיהלען, נאהענט צו השי"ת, אונ יעצט דורך אונזערע זינד זיינען מיר דער ווייטערט פון אים אונ ליגען אין אב גרונד אין גאנץ נידעריגע געפיהלען, איז פון די ביידע טיפענישן (פון חומר אונ רוח) רוף איך צו דיר גאט, דו זאלסט מיר פארגעבען די זינד אונ אויף ברינגען אין אהויכע מדרגה פון גוטע אידישקייט אונ גליק.

וָואלְט דֶער זִינְדִיגֶער טְרַאכְטֶען בַּיי זִיךְ, אִיךְ בִּין שׁוֹין זָא וְזָא פַאר פַאלְעֶן וֶועל אִיךְ שׁוֹין טָאן וָואס דִי הַארְץ גִילוּסְט, אָבֶער יֶעצְט אַז תְּשׁוּבָה הֶעלְפְט, הִיט זִיךְ דֶער מֶענְשׁ מֶער נִיט צוּ זִינְדִיגֶען, (קִוִּיתִי ה׳) אִיךְ הָאף צוּ גָאט, מַיין זֶעלֶע הָאפְט *) צוּ אִים, (וְלִדְבָרוֹ) אוּנ צוּ זַיין וָוארְט וָואס עֶר הָאט מִיר פַארְשְׁפְּרָאכֶען דוּרְךְ דִי נְבִיאִים (בעתה אחישנה) טוּ אִיךְ הָאפֶען, (נַפְשִׁי לַה׳) מַיין זֶעלֶע הָאפְט צוּ גָאט, מִיט אַפֶעסְטֶע הָאפֶענוּנְג נָאךְ מֶער ווִי דֶער שׁוֹמֵר (וועכטער) וָואס שְׁטֵייט אִין אַפִינְסְטֶערֶע נַאכְט אוּנ הָאפְט צוּם פְרִיה מָארְגֶען א), וֶועסְטוּ פְרֶעגִין ווִי קֶען עֶס גִימָאלְט זַיין נָאךְ זִיכֶערֶער ווִי דִי הָאפֶענוּנְג אַז עֶס וֶועט טָאג וֶוערִין? עֶנְטְפֶערְט דֶער מְשׁוֹרֵר (שׁוֹמְרִים לַבֹּקֶר) יָא דֶעם וֶועכְטֶערְס הָאפֶענוּנְג אִיז זִיכֶער, אַז לְמָשָׁל זֶעכְס אַזֵייגֶער וֶועט טָאג וֶוערִין, אָבֶער קֶען עֶר דֶען הָאפֶען אַז דְרַיי אַזֵייגֶער זָאל וֶוערֶען טָאג? אָבֶער (יַחֵל יִשְׂרָאֵל) אִיךְ יִשְׂרָאֵל לְבַד וָואס מַיין הָאפֶענוּנְג אוֹיף „בְּעִתָּהּ" אִיז זִיכֶער, אַז עֶס וֶועט קוּמֶען דִי בֶּעשְׁטִימְטֶע צַייט וֶועט פַאר מִיר לִיכְטִיג וֶוערְן, קֶען אִיךְ נָאךְ הָאפֶען פַאר דִי בֶּעשְׁטִימְטֶע צַייט זָאל מִיר אוֹיךְ לִיכְטִיג וֶוערְן, (כִּי עִם ה׳ הַחֶסֶד) וַוייל בַּיי גָאט אִיז דִי גְנָאדֶע (וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת) אוּנ פִיל וֶועגִין זַיינֶען בַּיי אִים צוּ עֶרְלֵייזוּנְג, הַיינוּ „אֲחִישֶׁנָּה" וֶוען אַגוּטֶע שָׁעָה וֶועט אוֹיף מִיר קוּמֶען אוּנ אִיךְ וֶועל טָאן אַתְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה (יִפְדֶּה אֶת יִשְׂרָאֵל מִכֹּל עֲוֹנוֹתָיו) וֶועט גָאט מִיר אוֹיס לֵייזֶען פוּן אַלֶע זִינְד אוּנ וֶועט בְּרֵיינְגֶען אוֹיף אוּנְז אַשְׁנֵעל גְאוּלָה וִישׁוּעָה בִּמְהֵרָה, אָמֵן.

תְּפִלַּת הַחַיִּים מֵאֶרֶץ הַקְּדוֹשָׁה.

אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה יוֹם כִּפּוּר, וֶוען מ׳נֶעמְט אוֹיס דִיא ס״ת פוּן אָרוֹן הַקֹּדֶשׁ זָאגְט מֶען דָאס.

יי פפ. דוּ בִּיזְט אַ דֶערְבַּארִימִיגֶער גָאט, דוּ דֶערְבַּארִימְסְט דִיךְ אִיבֶערְן
״ זד מֶענְטְשִׁין אֵיידֶער עֶר זִינְדִיגְט, כְּלוֹמַר, וֶוען עֶר הִיט זִיךְ פוּן זִינְד

*) דְרוּם זָאגְט עֶר צְווֵיי מָאל קִוִּיתִי ה׳, קִוְּתָה נַפְשִׁי, וַוייל מִיר הָאבִּין צְווֵיי הַבְטָחוֹת פוּן הַשֵּׁי״ת אוֹיס צוּ לֵייזִין אוּנְז פוּן גָלוּת, אֵיינֶע „בְּעִתָּהּ" וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי בֶּעשְׁטִימְטֶע צַייט, סַיי מִיר וֶועלִין וֶוערְט זַיין אָדֶער חָלִילָה נִיט וֶועט עֶר אוּנְז גְוִיס אוֹיס לֵייזִין, אוּנ אַ צְווֵייטֶע צַייט אִיז „אֲחִישֶׁנָּה" וֶוען מִיר וֶועלִין וֶוערְט זַיין אִיז אַלֶע טָאג דִי צַייט (הַיּוֹם אִם בְּקוֹלִי תִשְׁמָעוּ) דְרוּם הָאבִּין מִיר אַצְווֵייאִיגֶע הָאפֶענוּנְג.

מ ע ש ה א ל פ ס

א) דֶער מְשׁוֹרֵר שְׁטֶעלְט פָאר דִי לַאנְגֶע פוּן אוֹיף קַארַאהוּל אִין אַווִינְטֶער נַאכְט אִין אִידִין אִין גָלוּת ווִי אַ קָאלְדַאט שְׁטֵייט אַשְׁלֶעכְטֶען וֶועטֶער וָואס שְׁנֵייט אוּנ דְרֵייט

היטסטו אים אויך ער זאל ניט אריין פאלען אין דעם נעטץ פון יצר הרע. און אויך דערבארימסטו זיך איבער אים נאכהער ווי ער האט גיזינדיגט, און ביזט אים מוחל דורך תשובה.

אל רחום וחנון, דו ביזט א בארימהערציגער און א גינעדיגער גאט, הגם דער מענטש האט קיין זכות ניט נור ער טוט דיך אנרופען מיטין גאנצען הארצען, אזוי דערבארימסט דו זיך איבער אים, און ביזט אים מוחל זיינע עברות.

ארך אפים, דוא ביזט לאנגמוטהיג (דו ווערסט נים גיך אין כעס) און דוא דער לייגערסט דיין גרימצארען אפילו צו דם רשע, דו איילסט ניט צו באצאלען דעם מענטשין נאך זיינע מעשים רעים נאך, נייערט דו טוסט אים ווארטין פיליכט וועט ער תשובה טאן.

ורב חסד, און דו בעווייזט פיל גינאד צו די מענטשן די וואס האבין אפילו גאר קיין זכות ניט.

ואמת און דו ביזט א ווארהאפטיגער גאט, דו שטראפסט דעם מענטשין אויף דער וועלט, אום ער זאל האבען א גוטען לוין לעולם הבא, אויף די מצות וואס ער האט גיטאן ביי זיינעם לעבן.

נוצר חסד לאלפים, דו היטסט (דו גידיינקסט) די גוטעס וואס א צדיק טוט אויף דער וועלט, אז דיין זכות זאל ביי שטיין זיינע קינדער און קינדס קינדער ביז צוויי טויזנד דורות*).

נושא עון ופשע וחטאה, דו טראגסט און האלסט אויף) די מקטרגים ומלאכי משחית (וואס ווערין בעשאפען פון די זינד) און ווארסט ביז דער מענש וועט תשובה טאן וועלין זיי כלה ווערן, און ווען דער בורא וואלט זיי ניט גיטראגען וואלטען זיי בעפאלען ווי רייסענדע חיות אופען מענשין און אים צורייסען אויף שטיקער.

ונקה, און דו רייניגסט דעם ריכטיגען בעל תשובה פון זיינע זינד, און ווען די תשובה איז נאך מאהבה, ווייל ער ליבט דעם בורא עולם און האט גרויס צער און וויינט מיט ביטערע טרערין וואס ער

---

*) מיר בענוצען זיך טויזנדער יאהרען מיט דעם זכות פון די אבות הקדושים, איז ווען דער בורא וואלט זיא באצאלין זייער שכר פאר זייער לעבין, וואס וואלט בלייבין פאר אונז?

מעשה אלפס

און די ביינער ברעכט אים פון קעלט און טרייבט אים, אז ניט עוויג וועט פינסטער די הארץ פאלט אים ארויס פון שרעק פאר זיין, 6 אזיינער וועט ליבטיג ווערען וועט גנבים און גזלנים, נור איין פונק האפנונג ער גיין אוים רוהען די ביינער אונטער אווארעמען

איז אים געווען דער ווידער אזוי ווערין די מקטרגים גופא מליצי יושר. רבונו של עולם, ערפיל מיין באגער צו גוטען, און זאלסט מיר מיט מיין מאן און קינדער מוחל זיין אונזערע זינד וואס מיר האבין גיטאן, אפערצייהונג פון גינאד און רחמים און ריינינג אונז פון אונזערע זינד פון אונזערע שילדען און פון אונזערע פערברעכונגען ופשעים, (וואס מיר האבען גיטאן מיטוויליגען קעגען דיין היילינגען נאמען) און דו זאלסט מיך מיט מיין מאן און קינדער דער מאגען ביין יום הדין צו לאנג לעבין, צו גיזונד, און צו שלום, און זאלסט אונז געבין פרנסה טובה, דען יעצט טוסטו דעם מענטשין זיין פרנסה בעשטימען אויף אגאנצען יאר, דרום בעט איך דיר בארימהערציגער פאטער, דאס דו זאלסט מיט אונז טאן לפנים משורת הדין, און זאלסט אנשרייבען צו איין גרינגע און אזיסע פרנסה, מיר זאלען האבען לחם לאכול ובגד ללבוש בכבוד, און ניט מיט בזיון, מיט היתר ניט מיט איסור, ניט מיט חלול שבת חלילה, און ניט שאדין מאן חלילה אצווייטין מענשין, דען דו ביזט דער הער פון דער גאנצער וועלט, דו שפייזט מיט חסד אלע באשעפעניש פון קליין ביז גרוים, ווי עס שטייט גישריבען עיני כל אליך ישברו, די אויגען פון אלע באשעפעניש האפען צו דיר, און דו גיבסט איטליכען זיין שפייז און באדערפעניש אין דער צייט, און דו זאלסט אונז געבין פארשטאנד מיר זאלין פארשטיין אז דער בעסטער פיהרונג איז נור אין די וועג פון דיין היילינגע תורה, און שיק אונז א רפואה שלמה צו אונזערע ווייטאגין, און גיב ברכה והצלחה אין אלע אונזערע עסקים וואס מיר טוען, און דו זאלסט גוזר זיין אויף אונז נור גוטע גזרות צוא דעם נייעם יאר, און זאלסט מבטל זיין פון אונז אלע בייזע גזרות, און נייג די הארץ פון דעם קעניג און אלע זיינע שרים אויף אונז צו גוטן, עס זאל זיין בעוויליגט פאר דיר די רייד פון מיין מויל, און גידאנקען פון מיין הארצען, דען דו ביזט מיין באשעפער און מיין דער לייזער, אמן וכן יהי רצון.

מעשה אלפס

אנ־ארעמען צ־דעק. דאס זעלבע איז די לאגע פון ישראל אין די פינסטערע נאכט פון גלות און פון פחד פאר פאגראמען, אז נור דער פונק פון האפענונג איז זייער נחמה, אז ניט עווינג וועט זיין שלעכט, עס וועט אויפשיינען פאר אונז די ליכטיגקייט פון די גאולה. און ווי זיינע גידאנקען שוועבין אין זיינע האפענונג פון די גאולה, דריקט ער זיך אוים מיט פרייד, אז מיין האפענונג (צו די ליכטיגקייט פון די גאולה) איז נאך זיכערער פון דעם שומר'ס האפענונג צום טאג.

רבש"ע. א) בִּזְכוּת וָואס מֶען לֵייעֶנְט אַחֲרֵי מוֹת זָאל שׁוֹין הַיינְטִיגֶען יָאר מְקוּיָּים וֶוערִין, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בִּלַּע הַמָּוֶת לָנֶצַח.

ב) אוּנ בִּזְכוּת וָואס מֶען לֵייעֶנְט אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְנֵי, צְווייא צַדִּיקִים נָדָב וַאֲבִיהוּא אַהֲרֹן'ס קִינְדֶער, זָאלֶען נִיט אָפְּגֶערִיסֶען וֶוערִין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער פוּן אוּנְז ח"ו. ג) אוּנ בִּזְכוּת וָואס מִיר דֶערְמָאנֶען דֶעם נָאמֶען פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, זָאל פוּן אוּנְז דֶערְפַאר אָפְּגִיטָאן וֶוערִין דֶער חָרוֹן אַף דָאס מִיר זָאלֶען נִיט דַארְפֶען אָנְקוּמֶען צוּ פַּרְנָסַת בָּשָׂר וָדָם נָאר פוּן דַיין הֵיילִיגֶע הַאנְד זִיךְ צוּא עֶרְנֶערִין. אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

אוּנ דֶערנָאךְ זָאגְט מֶען וַאֲנִי תְפִלָּתִי אוּנ בְּרִיךְ שְׁמֵיהּ.

תְּחִנָּה פוּן שׁוֹפָר בְּלָאזֶען (צו זאגען מיט גרוים כונה).

אָב הָרַחֲמָן, דֶער בַּארְמִיגֶער פָאטֶער, דַיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶער גְרֵייטֶען זִיךְ צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי לִיבֶּע מִצְוָה וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז גִיבָּאטֶען אִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה צוּ הֶערִין „תְּקִיעַת שׁוֹפָר" אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה, כְּדֵי דוּרְךְ דֶעם זָאלֶען מִיר גֶעוִוינֶען דֶעם מִשְׁפָּט. דֶער שָׂטָן זָאל צוּ מְשֻׁתָּק וֶוערִין אוּנ נִיט קֶענֶען מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף אוּנְז, וַוייל דֶער שׁוֹפָר וֶועקְט אוֹיף דִי הֶערְצֶער צוּ תְּשׁוּבָה. דָאס עֶרְשְׁטֶע עֶרְאִינֶערְט עֶר אוּנְז, אַז אִין דֶעם טָאג ר"ה הָאסְטוּ דַיין וֶועלְט בַּאשַׁאפֶען אוּנ בִּיסְט גִיוָוארֶען אִיר קֶענִיג, אוּנ דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז אִין קְרָאנַאצְיֶע-טָאג טְרוּמֵייטֶערְט מֶען עֶרְאִינֶערִין דִי פּוּבְּלִיק אַז הַיינְט הָאט מֶען גִיקְרוֹינְט דֶעם קֶענִיג, אוֹיף מוּנְטֶערִין זַיירֶע גֶעפִיהלֶען אָז גֶעמֶען אוֹיף זִיךְ מִיט צוּפְרִידֶענְהַייט זַיין קֶענִיגְרֵייךְ, זִיךְ אִיבֶּער גֶעבֶּען צוּ זַיין טְרַייעֶ אוּנְטֶערְטַאנֶער, ווִי עֶס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבֶּען (בַּחֲצוֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר הָרִיעוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ ה') מִיט טְרוּמֵייטֶען אוּנ אַשְׁטִימֶע פוּן שׁוֹפָר שַׁאלְט פַאר דֶעם קֶענִיג גָאט. אוּנ דֶער טְרוּמֵייטֶערִין אִין קְרָאנַאצְיֶע-טָאג אִיז שׁוֹין מוֹדִיעַ אַמַאנִיפֶעסְט אַז דִי אַלֶע אַנְטְלָאפֶענֶע סָאלְדַאטֶען וֶוען זֵיי וֶועלִין עֶרְקֶענֶען זֵייעֶר אִירְטְהוּם אוּנ וֶועלִין הַיינְט מִיטִין אֵייגֶענֶעם ווִילֶען צוּרִיק קוּמֶען לַעֲבוֹדַת הַמֶּלֶךְ, וֶועט זֵיי זַיין גִישָׁאנְקֶען דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטְרָאף (פון איבער געבן זיי אין דיסציפלינארנעם באטאליאן), דָאס גְלַייכֶען דִי זִינְדִיגֶע מֶענְשֶׁין וָואס זַיינֶען אַנְטְלָאפֶען אַגַאנְץ יָאהר פוּן גָאטֶעס לִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ גֵייִן אִין דִי פִינְסְטֶערֶע וֶועג פוּן זֵייעֶרֶע תַּאֲווֹת, זָאלֶען הַיינְט זִיךְ צוּרִיק קֶערִין צוּ דֶעם וֶועלְט קֶענִיג, גֶעמֶען אוֹיף זִיךְ פוּן הַיינְט אָן אוּנ ווַייטֶער צוּ זַיין

טרייע דינער, ווערט מען זיי ניט איבער געבן צו די גזרות רעות חלילה. דאס צווייטע דר מאנט אונז דער שופר, אז דער מלך מלכי המלכים וואס היינטיגן טאג האט ער בעשאפען די וועלט אונ איר איבער גיגעבין צום מענשין אין האנד (אים גימאכט פאר איין דירעקטאר אויף די וועלט באנק), איז אום דער מענש זאל וויסען ווי אזוי צו פירען זיך, (כבדי ער זאל זיך אונ די וועלט מאכען גליקליך), האט ער ערשיינט אויפען בארג סיני מיט א קול שופר אונ גיגעבין דעם מענשין א תורת חיים, אז ווען ער וועט זיך פירען ווי די תורה לערנט אים, וועט ער פארברענגען אראהיגען אצופרידענעם לעבין אויף דער וועלט, אונ וועט זוכה זיין צו גרוים פערגניגען אויף די עוויגע וועלט. היינט אז מיר האבען אפ גיטראטען פון די ליכטיגע וועג פון דער תורה אונ אזעלכע גיבלאנדזשעט אין די פינסטערע וועגין פון אונזער בייזע הארץ, נאך צוגין דעם לוקסוס אונ די תאוות, דער מאנט אונז דער שופר מיט זיין מוראדיגע אונ מוראדיגע שטימע, אז די וועלט איז ניט קיין הפקר צו טאן וואס די בייזע הארין גילוסט, אונ דער זעלבער יצר הרע וואס פריער האט ער אונז אנגירעט צו טאן די בייזע מעשים איצונד האט ער גימאכט א גרויסע מלחמה אויף אונז, ער איז א גרויסער מקטרג מיט א גאנצע מחנה בייזע מלאכים וואס מיר האבען באשאפען דורך אונזערע זינד, אונ דער קול שופר רופט אויס (עורו ישנים משנתכם) וואכט זיך אויף שלאפעדיגע פון אייער הארטען ליטארגישין שלאף! אונ דער מאנט זיך אן אייער בעשעפער, איר פארבלאנדזשעטע וואס האט פארגעסין דעם אמתין תכלית, דורך אייערע פוסטע תכליתים, איר האט פארבראכט דעם גאנצין יאר אין הבל הבלים וואס זיי קענען אייך ניט רעטען פון גרויסען פארכטיגען יום הדין, האט חרטה אויף אייערע בייזע מעשים אונ שלעכטע גידאנקען, דער מאנט זיך אז איהר האט קיין קאנטראקט ניט אויף דער וועלט, אלע טאג קען מען אייך היסען נעמען דעם פעקיל אונ גיין, נעמען דעם צוא קאפין זעקעלע-יאמד אונ גיין חלילה אין טיפען גרוב, דער מאנט זיך אז צו ליב אייערע זינד איז חרוב גיווארין אייער בית המקדש אונ די שונאים האבען גיטרומייטערט מיט שופרות א מלחמה אויף אייך, אונ אזוי מאכט איר חרוב אייערע נשמות אונ אייערע עוויגע פאלאצען (פון די אמתה וועלט) דורך אייערע זינד, אלזא נעמט דאס גוט אין אכט אונ פארבעסערט

אַייעֶרע מַעֲשִׂים, גֶענֶמט זִיךְ אַפִּיר צוּ גֵיין אִין דִי לִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן דֶער תּוֹרָה, אָפְּגֶעפְּעֶרין זִיךְ פַאר דֶעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא ב"ה אוּנ פַאר דֶעם רָצוֹן פוּן אַייעֶרע גוּטֶע אוּנ פְרוּמֶע עֶלְטֶערין אַזוֹי וִוי אַייעֶר פָאטֶער יִצְחָק הָאט זִיךְ גִילָאזְט בִּינְדֶען אוֹיף'ן מִזְבֵּחַ צוּ עֶרְפִילֶען דֶעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא אוּנ דֶעם רָצוֹן פוּן זַיין הֵיילִיגֶען פָאטֶער אַבְרָהָם, דְרוּם הַארְצִיגֶער פָאטֶער עֶפִין מַיין הַארְץ, אִיךְ זָאל גֶענֶמֶען גוּט אִין אַכְט דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע גֶידַאנְקֶען, אוּנ עֶרְלַייכְט מַיין שֵׂכֶל אִיךְ זָאל פַאר שְׁטֵיין נָאךְ פִיל הֵיילִיגֶע כַּוָּנוֹת וָואס דִי לִיבֶּע מִצְוָה פוּן הֶערִין שׁוֹפָר בְּלָאזֶען, הַאלְט אַיין אִין זִיךְ, אוּנ אַזוֹי וִויא דֶער שׁוֹפָר אִיז אַיין גִיבּוֹיגֶען, אַזוֹי זָאל אִיךְ פַארְצִיטֶערְט וֶוערִין פַאר דִי גְרוֹיסְע אֵימָה פוּן פָארְכְטִיגֶען יוֹם הַדִּין, אוּנ אִיךְ זָאל אַיין בֵּייגִין מַיין הַארְץ פַאר דִיר, אוּנ מִיט אֱמֶתֶע רֵיינֶע טְרֶערִין זָאל אִיךְ אוֹיסְגִיסֶען מַיין הַארְץ פַאר דִיר בֶּעטִין סְלִיחָה וּמְחִילָה אוֹיף אַלֶע מַיינֶע בֵּייזֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן אַגַאנְץ יָאהר, אוּנ וֶוען אֲפִילוּ צוּ לִיבּ מַיינֶע גְרוֹיסֶע זִינְד זַיינֶען צוּ גֶעשְׁלָאסֶען פוּן מִיר אַלֶע טוֹיעֶרִין, אָבֶּער דִי טוֹיעֶרִין פוּן אֱמֶתֶע טְרֶערִין זַיינֶען דָאךְ נִיט פַארְשְׁלָאסֶען.

גְרוֹיסֶער קֶענִיג, זַיי זִיךְ מְרַחֵם אוֹיף מַיין זִינְדִיגֶען גוּף אוּנ אִיבֶּער הוֹיפְּט אוֹיף מַיין נְשָׁמָה, אוּנ זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע בֵּייזֶע מַעֲשִׂים אוּנ גִיבּ מִיר אַרֵיינֶע הַארְץ אִיךְ זָאל זִיךְ פֶעסְט בַּאשְׁלִיסֶען מֶער נִיט אוּם קֶערִין זִיךְ צוּ דִי זִינְד, אוּנ דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיךְ וֶועל הֶערִין דֶעם קוֹל שׁוֹפָר מִיט אַרֵיינֶע כַּוָּנָה טָאן אַנַחַת רוּחַ צוּ דַיין לִיבֶּען נָאמֶען, זָאל צוּרִיסֶען וֶוערִין דִי וַואנְט פוּן דִי מְקַטְרְגִים וָואס זַיינֶען מַפְסִיק פַאר אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת, אוּנ אוּנְזֶערֶע וַוארִימֶע תְּפִלּוֹת זָאלֶען אַרוֹיף גֵיין גְלַייךְ צוּ דִיר, אוּנ זָאלְסְט פוּל וֶוערִין מִיט רַחֲמִים אוֹיף אוּנְז, אוּנ אוֹיפְשְׁטֵיין פוּן כִּסֵּא דִין אוּנ זִיךְ זֶעצִין אוֹיף דֶעם שְׁטוּל פוּן רַחֲמִים, אוּנ אוּנְז גִירֶעכְט מַאכֶען אִין דֶעם מִשְׁפָּט, אוּנ מַצִּיל זַיין אוּנְז פוּן אַלֶע גְזֵרוֹת רָעוֹת, פוּן אַלֶע קְרַאנְקְהַייטֶען אוּנ פוּן אַלֶע אוּנְגְלִיקֶען ר"ל, אוּנ זָאלְסְט אָנְשְׁרַייבֶּען אַיָאהר פוּן לֶעבִּין פוּן גִיזוּנְד פוּן פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד אוּנ נַחַת פוּן קִינְדֶער, מִיר זָאלֶען זֵיי קֶענֶען עֶרְצִיהֶען צוּ תּוֹרָה אוּנ יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּנ בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן הֶערִין שׁוֹפָר בְּלָאזֶען זָאלֶען מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערִין וִוי דוּ אַלֵיין וֶועסְט בְּלָאזִין מִיט'ן וִוייכְטִיגֶען שׁוֹפָר צוּ בֶּעפְרַייעֶן אוּנְז פוּן פִינְסְטֶערִין גָלוּת אוּנ פִירֶען

אוּנְז מִיט שְׁטָאלְץ אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע לַאנְד, אוּנ נַאכְהֶער זָאלֶען מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהֶען דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים, וָואס דַאן וֶועט אוֹיךְ גִיבְּלָאזֶען וֶוערִין מִיט אַוִיכְטִיגֶען שׁוֹפָר, בִּמְהֵרָה, אָמֵן.

סֵדֶר תְּקִיעוֹת.

פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר זָאגְט מֶען דֶעם לַמְנַצֵּחַ אֵיינִיגֶע מָאל.

לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי קֹרַח מִזְמוֹר׃ כָּל הָעַמִּים תִּקְעוּ כָף הָרִיעוּ לֵאלֹהִים בְּקוֹל רִנָּה׃ כִּי יְיָ עֶלְיוֹן נוֹרָא מֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל הָאָרֶץ׃ יַדְבֵּר עַמִּים תַּחְתֵּינוּ וּלְאֻמִּים תַּחַת רַגְלֵינוּ׃ יִבְחַר לָנוּ אֶת נַחֲלָתֵנוּ אֶת גְּאוֹן יַעֲקֹב אֲשֶׁר אָהֵב סֶלָה׃ עָלָה אֱלֹהִים בִּתְרוּעָה יְיָ בְּקוֹל שׁוֹפָר׃ זַמְּרוּ אֱלֹהִים זַמֵּרוּ זַמְּרוּ לְמַלְכֵּנוּ זַמֵּרוּ׃ כִּי מֶלֶךְ כָּל הָאָרֶץ אֱלֹהִים זַמְּרוּ מַשְׂכִּיל׃ מָלַךְ אֱלֹהִים עַל גּוֹיִם אֱלֹהִים יָשַׁב עַל כִּסֵּא קָדְשׁוֹ׃ נְדִיבֵי עַמִּים נֶאֱסָפוּ עַם אֱלֹהֵי אַבְרָהָם כִּי לֵאלֹהִים מָגִנֵּי אֶרֶץ מְאֹד נַעֲלָה׃

לַמְנַצֵּחַ לִבְנֵי קֹרַח מִזְמוֹר. אַלוֹיבּ גִיזַאנְג צוּ דִי לְוִיִם פוּן קֹרַח (כָּל הָעַמִּים) אַלֶע פֶעלְקֶער מַאכְט הַאנְד־שְׁלַאג (נים די האנד איינע די אנדערע) צוּם צֵייכֶען פוּן שְׁלִימֶען פְרִידֶען (אוים מיידען מלחמות) וַוייל דַאן וֶועלִין זֵיי דִינֶען אַלֶע אֵיין גָאט (וועט בטל ווערין שנאת הדת) אוּנ גָאט וֶועט זַיין דֶער קֶענִיג אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, (הָרִיעוּ) טוּט שַׁאלִין דוּרְךְ שׁוֹפְרוֹת אוּנ טְרוּמֵייטֶען מִיט אַשְׁטִימֶע פוּן גִיזַאנְג (פאר גרויס שמחה) וָואס אִיר נֶעמְט אָן דִי קֶענִיגְרַייךְ פוּן וֶועלְט קֶענִיג אוֹיף אַייךְ (כִּי ה' עֶלְיוֹן) זֵיי וֶועלִין דַאן עֶרְקֶענֶען אַז גָאט אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער אוּנ עֶר אִיז פָארְכְטִיג, וַוייל עֶר קוּקְט אוֹיף אַלֶע מַעֲשִׂים פוּן מֶענְשִׁין אוּנ עֶר אִיז דֶער גְרוֹיסֶער קֶענִיג אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, (יַדְבֵּר) דִי פֶעלְקֶער (פון גוג ומגוג) וָואס וֶועלִין קוּמֶען מִלְחָמָה הַאלְטֶען אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם וֶועט עֶר זֵיי אוּנְטֶער טֶענִיג מַאכֶן אוּנְטֶער אוּנְזֶער מַאכְט (וּלְאוּמִּים) אוּנ נַאצְיָאנֶען (וועט ער פ״דין) אוּנְטֶער אוּנְזֶער גַאנְג, כְּלוֹמַר, דָאס זֵיי וֶועלִן עֶרְקֶענֶען דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן דֶער תּוֹרָה אוּנ גֵיין אִין אִירֶע אַנְגִינֶעהֶמֶע וֶועגִין (יִבְחַר) עֶר וֶועט ווידער

אויסער

אויסער וויילען אונזער פאריגע ערבשאפט (דאס איז ציון ווירושלים) הַיּום זי איז יעצט וויסט, וועט ער איר פון דאס ניי אים בויען, דעם גרוים ווירדיגען שטאלץ פון יַעֲקֹב א) וואס ער ליבט זייער (דאס איז דער בית המקדש). (עָלָה אֱלֹהִים בִּתְרוּעָה) גאטעס עהרע איז הויך געשטיגען דורך דעם שאלונג, גאט ווערט גילויבט מיט די שטימע פון שופר, כלומר, גאט ב"ה וועט אן נעמען די מלוכה וואס די גאנצע וועלט וועט אים ערקענען, אונ וועט פירען איין וואונדערליכע הנהגה מיט נסים ונפלאות, וואונדער איבער וואונדער, (זַמְּרוּ) זינגט צו גאט זינגט, זינגט צו אונזער קעניג זינגט אויף די נסים ונפלאות וואס ער וועט מיט אייך טאן. (כִּי מֶלֶךְ) דען דער קעניג פון דער גאנצער וועלט איז גאט, זינגט אקלוגע ליד פון אייער ערקענען זיין גרויסקייט. (מָלַךְ אֱלֹהִים) גאט רעגירט איבער פעלקער, גאט האט זיך געזעצט אויף זיין היילינגען שטול צו פירען איין הויכארטיגע הנהגה. (נְדִיבֵי עַמִּים) די אדעל לייט פון פיל פעלקער, האבען זיך פערזאמעלט קיין ירושלים זיך מגייר אונ מקבל זיין אויף זיך צו זיין טרייע אונטערטאנער צום וועלט קעניג, זיי וועריו פערעכענט ווי די פאלק פון דעם גאט פון אברהם, וואס ער (אברהם) איז געוועזן דער ערסטער וואס האט ערקענט דעם גאט פון הימל. (כִּי לֵאלֹהִים) צו גאט וועלין זיך פערזאמלען אלע בעשיצער פון דער וועלט, כלומר, אלע קעניגע וואס זיי באשיצין מיט זייער מאכט, אונ אלע צדיקים וחסידים וואס זיי באשיצען מיט זייער זכות, (מְאֹד נַעֲלָה) וועט דאן גאט אונ די קינדער פון אברהם ווערין זייער ערהויבען, אלע וועלין לויבען גאט אונ שעצין די ישראל וואס זיי זיינען גאטס פאלק פון אייביג אן.

ווען דער בעל תוקע הויבט אן צו זאגען די ברכות, דארף מען אויף הערען צו זאגין די תחנות אונ איין הארכין די ברכות אונ די תקיעות.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לִשְׁמוֹעַ קוֹל שׁוֹפָר:

מעשה אלפס

א) ווייל דער אנפאנג ידיעה, אז די געווייזען צו יַעֲקֹב אָבִינוּ ביי די מַרְאָה פון שכינה רוהט אין דעם ארט פון כולם, וואס ער שטייט אויף דער ערד אונ בית המקדש, האט דער בורא ברוך הוא זיין שפיץ גרייכט צום הימעל. אונ דער

בורא

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה׃

תקיעה שברים תרועה תקיעה

תקיעה שברים תרועה תקיעה

תקיעה שברים תרועה תקיעה

יְהִי רָצוֹן, עֶס זָאל זַיין בַּאוויליגְט פַאר דִיר מַיין גָאט אוּנ גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִין דָאס בְּלָאזֶען תְּקִיעָה שְׁבָרִים תְּרוּעָה תְּקִיעָה וָואס מִיר הָאבֶּען יֶעצְט גִיבְּלָאזֶען, עֶס זָאל פוּן דֶעם וֶוערִין אַקְרוֹין דוּרְךְ דֶעם מַלְאָךְ וָואס אִיז אִיבֶּער דֶעם גִיזֶעצְט, אוּנ זָאלְסְט טָאן מִיט אוּנְז גוּטֶעס אִין דֶעם יוֹם הַדִּין, גִילוֹיבְּט בִּיסְטוּ בַּעַל הָרַחֲמִים.

תקיעה שברים תקיעה

תקיעה שברים תקיעה

תקיעה שברים תקיעה

יְהִי רָצוֹן, עֶס זָאל זַיין בַּאוויליגְט פַאר דִיר מַיין גָאט אוּנ גָאט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִין דָאס בְּלָאזֶען תְּקִיעָה שְׁבָרִים תְּקִיעָה וָואס מִיר הָאבֶּען יֶעצְט גִיבְּלָאזֶען, זָאלְסְטוּ דָאס אָן נֶעמֶען לְרָצוֹן אוּנ זָאלְסְט רַחֲמָנוּת הָאבִּין אִיבֶּער אוּנְז אוּנ גֶעבִּין אוּנְז אַגוּט יָאהר. גִילוֹיבְּט בִּיסְטוּ בַּעַל הָרַחֲמִים.

תקיעה תרועה תקיעה

תקיעה תרועה תקיעה

תקיעה תרועה תקיעה גדולה

וּבְכֵן יְהִי רָצוֹן, עֶס זָאל זַיין בַּאוויליגְט פַאר דִיר אוּנְזֶער גָאט אוּנ גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין, דָאס דִי מַלְאָכִים דִי גֵייעֶן אוֹיף פוּן דֶעם שׁוֹפָר בְּלָאזֶען פוּן תְּקִיעָה שְׁבָרִים תְּרוּעָה תְּקִיעָה, אוּנ פוּן תְּקִיעָה שְׁבָרִים תְּקִיעָה, אוּנ פוּן תְּקִיעָה תְּרוּעָה תְּקִיעָה זָאלִין קוּמֶען פַאר דַיין

מעשה אלפס

בּוֹרֵא ב"ה שְׁטֵייט בַּיי אִים, דָאס הָאט מְרַמֵּז גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם עֶרְסְטֶען בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּנ אוֹיךְ אוֹיף דֶעם לֶעצְטִין. וָואס דֶער בּוֹרֵא ב"ה וֶועט דָארְטִין שְׁטֶענְדִיג רוּהֶען.

כִּסֵא הַכָּבוֹד אוּנ זָאלִין גוּטְס פַאר אוּנְז פִיר שְׁפְּרֶעכִין צוּא פַאר גֶעבִּין
גָאר אוּנְזֶערֶע זִינְד, אָמֵן.

דֶער נָאךְ זָאגְט דֶער חַזָן מִיט אַהוֹיכֶע שְׁטִימֶע.

אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה, יְיָ בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן:
בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן כָּל הַיּוֹם, וּבְצִדְקָתְךָ יָרוּמוּ:
כִּי תִפְאֶרֶת עֻזָּמוֹ אָתָּה, וּבִרְצוֹנְךָ תָּרוּם קַרְנֵנוּ:
אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ, עוֹד יְהַלְלוּךָ סֶּלָה: אשרי וכו'

תְּחִנָּה פַאר בִּרְכַּת כֹּהֲנִים

דִי תְחִנָה זָאגְט מֶען וֶוען דִי כֹּהֲנִים גֵייעֶן דוּכֶענֶן אַז דֶר חַזָן הֵייבְּט אָן צוּ זָאגִין רְצֵה.

אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ.

אוּנְזֶער גָאט, דֶער גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, הִנֵּה בְּנֵי אַהֲרֹן כֹּהֲנֶיךָ, דִי קִינְדֶער פוּן אַהֲרֹן דַיינֶע כֹּהֲנִים וֶועלִין יֶעצְט אוֹיפְהֵייבְּעֶן דִי הֶענְד צוּ בֶּענְטְשִׁין דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל, מִיטִין גַאנְצֶען הַארְצֶען, אוּנ וֶועלִין זָאגְען דִי בְּרָכָה וָואס דוּ הָאסְט זֵיי גִיבָּאטִין, דָאס מִיט דֶער בְּרָכָה, זָאלֶען זֵיי בֶּענְטְשִׁין דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל וֶוען זֵיי שְׁטֶעלִין זִיךְ דוּכֶענֶען, רבש"ע פַארְנֶעם דִי גִיבֶּעט פוּן דִי כֹּהֲנִים, וָואס בֶּענְטְשִׁין דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל, אוּנ עֶס זָאלֶען גִיבֶּענְטְשְׁט וֶוערִין אַלֶע יוּדֶען צוּזַאמֶען, אוּנ אוֹיךְ אִיךְ מִיט מַיין מַאן אוּנ קִינְדֶער צְווִישֶׁען זֵיי, צוּ אַגוּט לֶעבִּין, אוּנ גוּטֶע פַּרְנָסָה פוּן דַיין פוּלֶע גִיבֶּענְשְׁטֶע הַאנְד, אַז מִיר זָאלֶען נִיט דַארְפֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַ בָּשָׂר וָדָם, אוּנ מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבֶּען קִינְדֶער אוּנ קִינְדְס קִינְדֶער, גוּטֶע אוּנְד גָאטְס פָארְכְטִיגֶע, אוּנ זָאלְסְט אוּנְז הִיטֶען פוּן אַלֶעם בֵּייזֶן, קַיין שׂוֹנֵא זָאל אוּנְז נִיט קֶענֶען טָאן קַיין שְׁלֶעכְטֶעס, דוּ זָאלְסְט דֶער לַייכְטֶען דַיין גֶעטְלִיכֶע פָּנִים צוּ אוּנְז. אַז מִיר זָאלֶען קֶענֶען הַאלְטִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אוּנ מִיר זָאלֶען נִיט ווידֶער שְׁפֶּענִיגֶען גֶעגִין דִיר, אוּנ זָאלְסְט אוּנְז בֶּענְטְשִׁין מִיט אַלֶעם גוּטֶעס. מִיט אַ גוּט לֶעבִּין, פוּן גִיזוּנְד, פוּן פַּרְנָסָה, אוּנ זָאלְסְט אוּנְז נוֹשֵׂא פָּנִים זַיין, וֶוען דוּ קוּמְסְט אוּנְז צוּ מִשְׁפְּטִן, דֶערְמָאן דֶעם זְכוּת פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן (וָואס עֶר אִיז גִיוֶועזִין, אַיין אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם) מִיט זַיינֶע קִינְדֶער,

און דו זאָלסט אונז געבּען שלום און שלוה, און רוהיגקייט, עס זאָל חלילה ניט קומען קיין שרעק אין אונזערע וואוינונגען, און מיר זאָלען קענען דיר דינען ליבּער גאָט מיט איין וואהרין געפיל, מיטין גאַנצין האַרצען בּקדושה ובטהרה, ווי עס פּאַסט פאַר איין אל יחיד ומיוחד ווי דו.

תחנה נאָך וכתוב לחיים טובים.

אום ר״ה ויו״כ צו מוסף, אַז דער חזן האַלט וכתוב לחיים, זאָגט מען די תחנה.

אבינו אונזער פאָטער און אונזער קעניג, דערמאָן אונז דיין דער באַרימהקייט, און דערוויטער דיין צאָרען, און פאַרלענד פון אונז, מארד, און שווערד, און הונגער, און גיפיינקענעס, און מגפה און אַלע בייזע באַגעגעניש, און אַלע קראַנקהייטין, און אַלע שטרויכלונגען, און אַלע בייזע גזרות, און שנאת חנם (אומזיסטע פיינדשאפט) פון אונז, און פון די אַלע וואָס דינען דיר, הייליגער פאָטער.

ברכת כהנים.

יברכך יי וישמרך:

ווען דער חזן זאָגט דאָס וואָרט „וישמרך", זאָגט מען דאָס.

רבונו של עולם, איך בּין דיינע און מיינע חלומות זיינען דיינע, עס זאָל זיין דער ווילין פאַר דיר גאָט, אַז אַלע מיינע חלומות זאָלען בּעדייטען אויף אונז וכל ישראל צו גוטען. סיי עס האָט זיך מיך געחלומט אויף זיך זעלבּסט, סיי אויף אַנדערע, סיי אַנדערע האָבּין זיך געחלומט אויף מיר, אויבּ זיי בּעדייטען צו גוט זאָלען זיי מקוים ווערין אַזוי וויא די חלומות פון יוסף הצדיק, און אויבּ זיי בּרויכין איין אויס בּעסערונג זאָלסטו זיי היילין אַזוי ווי די וואַסער פון מרה דורך משה רבּנו, און אַזוי ווי דו האָסט געהיילט צו מרים פון אירע אונציכטיגקייט, און ווי דו האָסט געהיילט די וואַסער פון יריחו דורך אלישע, און נעמן פון זיינע קרעטץ, און חזקיהו מלך יהודה פון זיין קריינק, און אַזוי ווי דו האָסט פאַרקערט די קללה פון בלעם הרשע צו איין בּרכה, אַזוי זאָלסטו פאַרקערין אַלע אונזערע חלומות און פון כל ישראל צו גוטין, און זאָלסט אונז היטען און בּאַווילינען, אמן.

יָאֵר יְיָ פָּנָיו אֵלֶיךָ וִיחֻנֶּךָּ:

װען דער חזן זאגט דאס װארט „ויחנך“, אזוי זאגט מען נאך אמאל דעם
„רבונו של עולם“ װאס מיהאט פריער גיזאגט.

יִשָּׂא יְיָ פָּנָיו אֵלֶיךָ, וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם:

װען דער חזן זאגט דאס װארט „שלום“, זאגט מען דאס.

יהי רצון מלפניך יי אלהי ואלהי אבותי, עס זאל זיין דער ווילין פאר דיר מיין גאט, אונ גאט פון מיינע עלטערין, אז דו זאלסט טאן (אויס ווירקען איבער אונז דעם ברכת כהנים) װעגען די הייליגקייט פון דיינע חסדים, אונ װעגין דאס גרויסקייט װאס איז פארשפרייט איבער דער װעלט, אום ווילען די ריינהייט פון דיין גרויסין מעכטיגען אונ פארכטיגען נאמען, װאס װערט אויף געבויט דורך די צוויי אונ צװאנציג אותיות, װאס זיי גייען ארויס פון די פסוקים פון ברכת כהנים, װאס די ברכה איז געזאגט געװארין פון די מויל פון אהרן מיט זיינע קינדער געגין דיין הייליגע פאלק, אז דו זאלסט זיין נאהענט צו מיר װען איך טו רופין צו דיר, אונ זאלסט פארנעמען מיין גיבעט אונ מיין געשריי אין אלע צייטען, אזוי װי דו האסט גיהערט די גישריי פון יעקב אבינו, אונ דו זאלסט מיר געבען מיט מיין גאנץ הויזגעזינד אונזער שפייז אונ פרנסה מיט ברייטקייט, ניט בצמצום, מיט היתר, ניט מיט איסור, מיט נחת, אונ ניט מיט צער, פון דיין ברייטע האנד, אזוי װי דו האסט געגעבען ברויט צו עסין, אונ קליידער אנצוקליידען צו יעקב אבינו, אונ זאלסט אונז מאכין בעליבט מיט חן אונ חסד, אונ רחמים אין דיינע אויגין אונ אין לייטנס אויגין, אונ זאלסט טאן מיט מיר װאונדער אונ נסים אונ צייכין צו גוטין, אונ זאלסט מיר באגליקען אין אלע מיינע װעגין, אונ גיב אין מיין הארץ פארשטאנד צו פארשטיין אונ צו קליגין זיך, מקיים צו זיין די רייד פון דער תורה מיט אירע סודות, אונ דו זאלסט מיך מציל זיין פון פעלערין, איך זאל מיך חס ושלום ניט טועה זיין אין דער תורה, אונ ריינינג מיינע גידאנקען אונ מיין הארץ דיר צו דינען, אונ דו זאלסט דער לייגערין מיינע יאהרין מיט מיין מאן אונ קינדער מיט אלעם גוטין, מיט לעבין, מיט פיל שטארקייט אונ פריד, אמן סלה.

דִי תְּחִנָּה זָאגְט מֶען נָאךְ בִּרְכַּת כֹּהֲנִים, וֶוען דֶער חַזָּן עֶנְדִיגְט דֶעם וָוארְט „שָׁלוֹם״.

אַדִּיר בַּמָּרוֹם שׁוֹכֵן בִּגְבוּרָה, שְׁטַארְקֶער גָאט וָואס רוּהט אִין הִימֶל, אַתָּה שָׁלוֹם וְשִׁמְךָ שָׁלוֹם, דוּ אוּנ דַיין נָאמֶען אִיז לוֹיטֶער שָׁלוֹם, יְהִי רָצוֹן שֶׁתָּשִׂים עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל חַיִּים וּבְרָכָה לְמִשְׁמֶרֶת שָׁלוֹם, עֶס זָאל זַיין דַיין ווילֶען, דוּ זָאלְסְט אוּנְז אוּנ כָּל יִשְׂרָאֵל גֶעבִּין אֲרִיכוּת יָמִים, גֶעזוּנְד אוּנ פַּרְנָסָה, אוּנ עֶס זָאל בַּיי אוּנְז זַיין לוֹיטֶער שָׁלוֹם, אָמֵן.

מִנְהָגִים טוֹבִים לְרֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ דֶעם דַאוְונֶען זָאל מֶען גֵיין אַהֵיים פְרֵייליךְ, אוּנ בָּטוּחַ אִין דִי חֲסָדִים פוּן השי״ת, אַז עֶר וֶועט מִשְׁפָּטִין מִיט חֶסֶד, אוּנ מֶען טָאר נִיט גֵיין פוּן שׁוּל אַיילֶענְדִיג אֲפִילוּ אַגַאנְץ יָאר, אוּנ מִכָּל שֶׁכֵּן אִין דֶעם יוֹם הַדִין, כְּדֵי עֶס זָאל נִיט אוֹיסְזֶעהן דָאס גָאטְס תְּפִלּוֹת אִיז אִים צוּלַאסְט. פַאר דֶער סְעוּדָה דַארְף מֶען מַאכִין קִידוּשׁ אוֹיף וַויין, אוּנ מְ׳דַארְף עֶסִין דִי סְעוּדָה מִיט פְרֵיילִיכְקַייט, מְ׳דַארְף זִיךְ אָבֶער נִיט אָן עֶסִין בִּיז גַאנְץ זַאט, נִיט פִיל מַשְׁקֶה טְרִינְקֶען, אוּנ נִיט פַאר שְׁמוּעֶסִין זִיךְ אִין פּוּסְטֶע רֵייד, כְּדֵי עֶס זָאל נִיט אָפְּגֶעטָאן וֶוערֶען גָאטְס פָארְכְטִיגְקַייט פוּן גֶעדַאנְק, מְ׳דַארְף גֶעדֵיינְקֶען, דָאס דִי צַייט אִיז זֵייעֶר טַייעֶר עוֹסֵק צוּ זַיין אִין תְּשׁוּבָה אוּנ תְּפִלָּה.

סֵדֶר תַּשְׁלִיךְ.

דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאךְ מִנְחָה גֵייט מֶען צוּ אַ טַייךְ אוּנ מֶען זָאגְט דָאס. אוּנ וֶוען עֶס גִיפַאלְט אוּם שַׁבָּת גֵייט מֶען דֶעם אַנְדֶערִין טָאג.

מִי אֵל כָּמוֹךָ נוֹשֵׂא עָוֹן וְעוֹבֵר עַל פֶּשַׁע לִשְׁאֵרִית נַחֲלָתוֹ, לֹא הֶחֱזִיק לָעַד אַפּוֹ כִּי חָפֵץ חֶסֶד הוּא: יָשׁוּב יְרַחֲמֵנוּ יִכְבּוֹשׁ עֲוֹנוֹתֵינוּ, וְתַשְׁלִיךְ בִּמְצוּלוֹת יָם כָּל חַטֹּאתָם:

תתן

עברי טייטש

מִי אֵל כָּמוֹךָ, וֶוער אִיז אַזוֹי מֶעכְטִיג אוּנ גְנֶעדִיג וִוי דוּ, וָואס פֶערְצַייהֶעט דִי זִינְד אוּנ נֶעמְט אַרוּנְטֶער דָאס פַאר בְּרֶעכֶען צוּא דִי פְרוּמֶע וָואס מַאכִין פוּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶעם פֶערְזָאן קַיין גְרוֹיסִין וֶועזִין (זיי האלטין זיך קליין), עֶר הַאלְט נִיט עֶוִויג זַיין צָארִין, דֶען עֶר וִויל גְנַאדֶע טָאהן. (יָשׁוּב) עֶר וֶועט אוּנְז ווידֶער עֶרְבַּארְמֶען, עֶר וֶועט אַיין פֶּרֶעסִין

תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב חֶסֶד לְאַבְרָהָם, אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ
לַאֲבוֹתֵינוּ מִימֵי קֶדֶם: מִן הַמֵּצַר קָרָאתִי יָּהּ, עָנָנִי בַמֶּרְחָב
יָהּ: יְיָ לִי לֹא אִירָא, מַה יַּעֲשֶׂה לִי אָדָם: יְיָ לִי בְּעֹזְרָי,
וַאֲנִי אֶרְאֶה בְשֹׂנְאָי: טוֹב לַחֲסוֹת בַּייָ, מִבְּטֹחַ בָּאָדָם:
טוֹב לַחֲסוֹת בַּייָ, מִבְּטֹחַ בִּנְדִיבִים:

רַנְּנוּ צַדִּיקִים בַּייָ, לַיְשָׁרִים נָאוָה תְהִלָּה: הוֹדוּ לַייָ
בְּכִנּוֹר, בְּנֵבֶל עָשׂוֹר זַמְּרוּ לוֹ: שִׁירוּ לוֹ שִׁיר חָדָשׁ,
הֵיטִיבוּ נַגֵּן בִּתְרוּעָה: כִּי יָשָׁר דְּבַר יְיָ, וְכָל מַעֲשֵׂהוּ
בֶּאֱמוּנָה: אֹהֵב צְדָקָה וּמִשְׁפָּט, חֶסֶד יְיָ מָלְאָה הָאָרֶץ:

עברי טייטש

(קלענער מאכין) אונזערע פערברעכען, אונ ווארפין אין די טיפענעס פון ים אלע זינד. (תִּתֵּן) דו זאלסט אונז געבין די ווארהייט, וועגין דעם זכות פון יעקב, גנאדע זאלסטו אונז ווייזען, וועגין דעם זכות פון אברהם, ווי דוא האסט געשווארען צוא אונזערע עלטערין נאך פארצייטין (ביי עקידת יצחק). (מִן הַמֵּצַר) אין נאוטה ווען איך האב גערופען צו גאט, האט ער מיר געענטפערט אונ אוועק געשטעלט אין בעקוועמליכקייט. (יְיָ לִי) ווען גאט איז מיר צו הילף, שרעק איך מיר ניט, וואס קען מיר ווער טאן? (יְיָ לִי, ווען גאט איז מיר צו הילף, וועל איך שוין זעהען דעם אונטערגאנג פון מיינע פיינד. (טוֹב לַחֲסוֹת) עס איז בעסער זיך צוא שיטצען ביי גאט (ווען אויך ער האט מיך נים פערשפראכין) איידער צו האפין אויף די הבטחה פון מענשין. (טוֹב לַחֲסוֹת) עס איז בעסער זיך צו שיטצען אויף גאט, ווי זיך צו פערטרויען אויף פירסטין.

רַנְּנוּ איר צדיקים זינגט אונ פרייט זיך מיט גאט, צו די וואס פירען זיך אין רעכטפארטיגע וועג, פאסט צו לויבען גאט. (הוֹדוּ) לויבט גאט אויף דער פידעל, אויף א הארפע פון צעהן קלאנגען, זינגט צו אים דאנקבארקייט. (שִׁירוּ לוֹ) זינגט פאר אים לויב־לידער, שפילט הערליך מיט פריינדליכער געזעלשאפט. (כִּי יָשָׁר) דען גאטעס ווארט (דאס איז די וועלט וואס איז בעשאפין דורך זיין ווארט) איז גלייך אונ רעכטפארטיג, אונ די ווערק וואס איז בעשאפען דורך זיין ווארט איז פעסט געשטעלט, עס זאל קיין מאל ניט צושטערט ווערן. (אֹהֵב) גאט

בִּדְבַר יְיָ שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ, וּבְרוּחַ פִּיו כָּל צְבָאָם: כֹּנֵס כַּנֵּד מֵי הַיָּם. נֹתֵן בְּאוֹצָרוֹת תְּהוֹמוֹת: יִירְאוּ מֵיְיָ כָּל הָאָרֶץ, מִמֶּנּוּ יָגוּרוּ כָּל יוֹשְׁבֵי תֵבֵל: כִּי הוּא אָמַר וַיֶּהִי. הוּא צִוָּה וַיַּעֲמֹד: יְיָ הֵפִיר עֲצַת גּוֹיִם, הֵנִיא מַחְשְׁבוֹת עַמִּים: עֲצַת יְיָ לְעוֹלָם תַּעֲמֹד, מַחְשְׁבוֹת לִבּוֹ לְדֹר וָדֹר: אַשְׁרֵי הַגּוֹי
אשר

עברי טייטש

ליבּט צְדָקָה צו בֶּעלוינֶען גוּטֶעס צוּ דִי וָואס טוּעֶן גוּטֶע מַעֲשִׂים, אוּנ טָאן מִשְׁפָּט, רֶעכֶענֶען זִיךְ מִיט דִי פֶּערְבְּרֶעכֶער, נוּר וָוארוּם שְׁטְרָאפְט עֶר זֵיי נִיט אַזוֹי גִיךְ? וַוייל גָאטֶעס גְנַאדֶע אִיז פוּל דִי וֶועלְט, הַאלְט עֶר אָבּ דֶעם שְׁטְרָאף פִּילַייכְט וֶועלִין זֵיי תְּשׁוּבָה טָאן. (בִּדְבַר) דוּרְךְ גָאטֶעס וָוארְט זַיינֶען דִי הִימְלֶען מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע הֶערְשַׁאפְט בַּאשַׁאפִין גֶעוָוארִין. (כֹּנֵס) עֶר זַאמִילְט אוֹיף וִוי אַמוֹיעֶר דִי וַואסֶער פוּן יַם, (ווי ביי קריעת ים סוף). עֶר שְׁפַּארְט אַיין אִין פֶערְזַאמְלוּנְגְס־עֶרְטֶער דִי וַואסֶער פוּן דִי אָבְּגְרוּנְטִין. (יִירְאוּ) עֶס פִירְכְטֶעט פַאר גָאט דִי גַאנְצֶע עֶרְד, פַאר אִים צִיטֶערְין אַלֶע בֶּעזִיצֶער פוּן דֶער וֶועלְט. (כִּי) דֶען עֶר הָאט נוּר גִיזָאגְט (בששת ימי בראשית) אוּנ עֶס אִיז גֶעוָוארֶען, עֶר הָאט בֶּעפָאהְלֶען (די וואסער פון ים זאלין נים אריבער טרעטין דעם זאמד צו פארפלייצען די וועלט) אִיז אַזוֹי גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין, דְרוּם פִירְכְטֶעט זִיךְ אַלֶע בֶּעזִיצֶער פוּן דֶער וֶועלְט אִיבֶּער צוּ טְרֶעטִין זַיינֶע גִיבָּאטֶע, וַוייל וֶוען אִיר וֶועט אִיבֶּער טְרֶעטִין, הָאט עֶר פַארְאָרְדִינְט אַז דִי וַואסֶער פוּן יַם זָאל אוֹיךְ אִיבֶּער טְרֶעטִין זַיין וָוארְט. אוּנ אַרִיבֶּער דֶעם זַאמְד צוּ פַארְפְלֵייצִין פִיל שְׁטֶעט. (יְיָ הֵפִיר) אוּנ דוּרְךְ דֶעם וָואס זַיין הַשְׁגָּחָה אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּשְׁטֶערְט עֶר דֶעם רַאטְה פוּן דִי פֶעלְקֶער אוּנ פַארְנִיכְטֶעט זֵייעֶרֶע גִידַאנְקֶען וָואס זֵיי ווִילִין שְׁטֶערִין דֶעם תַּכְלִית וָואס דֶער עֶווִיגֶער הָאט בֶּעשְׁטִימְט. (עֲצַת יְיָ) גָאטֶעס רַאטְה אָבֶּער בְּלַייבְּט אוֹיף עֶווִיג, זַיינֶע גִידַאנְקֶען וֶוערְט גִיטָאן אִין יֶעדֶער דוֹר נָאךְ דִיא מַעֲשִׂים פוּן דֶעם דוֹר א). (אַשְׁרֵי) דְרוּם וָואהל אִיז דָאס פָאלְק וָואס הָאט אוֹים

מעשה אלפס

א) לְמָשָׁל זַיין רַאטְה אִיז, אַז דִי וֶועלְט (סוֹפֵי תֵּיבוֹת אֱמֶת), אַלֶע וֶועלֶען דֶער זָאל קוּמֶען צוּם אֱמֶת, וִוי עֶס זֶעהֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶער תּוֹרָה, אוּנ אִיז אָנְגֶעוִוינֶען אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן סוֹף אַז דִי יִשְׂרָאֵל זַיינֶען „עַם הַנִּבְחָר" דָאס שְׁטֵייט מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית „בָּרָא אֱלֹהִים לַעֲשׂוֹת" בֵּין רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶווִיג אֶן אַ שׁוּם
שנוי

אֲשֶׁר יְיָ אֱלֹהָיו, הָעָם בָּחַר לְנַחֲלָה לוֹ: מִשָּׁמַיִם הִבִּיט
יְיָ, רָאָה אֶת כָּל בְּנֵי הָאָדָם: מִמְּכוֹן שִׁבְתּוֹ הִשְׁגִּיחַ, אֶל
כָּל יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ: הַיּוֹצֵר יַחַד לִבָּם, הַמֵּבִין אֶל כָּל
מַעֲשֵׂיהֶם: אֵין הַמֶּלֶךְ נוֹשָׁע בְּרָב חָיִל, גִּבּוֹר לֹא יִנָּצֵל
בְּרָב כֹּחַ: שֶׁקֶר הַסּוּס לִתְשׁוּעָה, וּבְרֹב חֵילוֹ לֹא יְמַלֵּט:
הנה

עברי טייטש

ערוואוּלט צו דינען גאט, אונ נאך מער זיינן גליקליך די ישראל, לבד וואס זייערע עלטערין האבען אויס ערוואהלט צוא דינען גאט, האט גאט זיי אויך אויס ערוואהלט פיר זיין ערב, זיין צו אים (עם כגולה) „אגעליבטער אוצר". (משמים) פון הימעל בליקט גאט, ער זעהט אויף אלע מענשין־קינדער (דאס איז די נאטור-גאנג וואס ער האט פארארדינט). (ממכון שבתו) פון זיין אגעבעריטין וואהנונג (דאס איז די איבערנאטירליכע הנהגה) גיט ער אכטונג מיט גרויס השגחה אויף אלע בעוואהנער פון די ערד. (היוצר) דער וואס האט בעשאפען אלע זייערע הערצער, דער פארשטייט אויך אלע זייערע מעשים, אונ אזוי ווי ער האט בעשאפין אלע הערצער אין איין וויילע, (ער האט גיגעבין בכח אין אדם הראשון׳ם הארץ עס זאל פון אים געבוירין ווערין אגאנצע וועלט), אזוי בליקט ער דורך אלע זייערע מעשים אין איין אויגען בליק (וכולם נסקרין בסקירה אחת). (אין המלך) אונ פון די איבער נאטירליכע השגחה ציט זיך די וואונדערליכע השגחה וואס פארהיט די גאטס פארכטיגע פון אלעם בייזין, קיין מלחמה פון פייער אונ וואסער זאל זיי ניט זיגען, ווי מיר זעהען אפט מאל אין דער וועלט, אז אקעניג ווערט ניט געהאלפען דורך זיין גרויסע ארמייע, (גבור) אויך אהעלד ווערט ניט גירעטעט דורך גרויסע קראפט (וויא דיא היסטאריע פון גלית הפלשתי). (שקר הסוס) אונ אמאל איז גראד וואס דער פערד איז פאלש זיין ווירט (ער פירט אים געגין זיין ווילען) דאס איז גראדע זיין הילף, ווי די געשיכטע פון אברבנאל, זעהע סדור קרבן מנחה מעשה אלפס) וואס מיט זיין גרויס מאכט

מעשה אלפס

שנוי, אונ ווען אויך עס דויערט, דארפין מיר האפין אונ זיך פאסין מיטה ניש שוואך צו ווערען אין האפנונג, אונ די גידאנקען פון זיין הארצען דאס רופט זיך די מיטלען

צו דעם, איז דער בורא מכין אין יעדער דור, דורך פערשידענע פארמען, נאך די מעשים פון דעם דור), אמאל דורך אפינגעטערין וואלקין וואס פארשפרייט זיך איפ׳ן

הִנֵּה עֵין יְיָ אֶל יְרֵאָיו, לַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ: לְהַצִּיל מִמָּוֶת נַפְשָׁם, וּלְחַיּוֹתָם בָּרָעָב: נַפְשֵׁנוּ חִכְּתָה לַייָ, עֶזְרֵנוּ וּמָגִנֵּנוּ הוּא: כִּי בוֹ יִשְׂמַח לִבֵּנוּ, כִּי בְשֵׁם קָדְשׁוֹ בָטָחְנוּ: יְהִי חַסְדְּךָ יְיָ עָלֵינוּ, כַּאֲשֶׁר יִחַלְנוּ לָךְ:

נָאךְ דֶעם זָאגְט מֶען דָאס:

לֹא יָרֵעוּ וְלֹא יַשְׁחִיתוּ בְּכָל הַר קָדְשִׁי, כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת יְיָ, כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים:

שִׁיר לַמַּעֲלוֹת אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים, מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי: עֶזְרִי מֵעִם יְיָ, עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ: וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ, הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם: וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ יְיָ עֵת רָצוֹן אֱלֹהִים בְּרָב חַסְדֶּךָ, עֲנֵנִי בֶּאֱמֶת יִשְׁעֶךָ: הִנֵּה

לא

עברי טייטש

וָואלט עֶר נִיט קֶענֶען רֶעטֶען זַיין בַּייטֶער. (הִנֵּה) דָאס אִיז אַלְס וַוייל גָאטֶעס אוֹיג (בליקס) אוֹיף דִי וָואס פִירְכְטֶען פַאר אִים, צוּ דִי וָואס הָאפֶען אוֹיף זַיין גְנָאדֶע. (לְהַצִּיל) צוּא רֶעטִין זֵיי פוּן טוֹיט אוּנ צוּ עֶרְהַאלְטִין זֵייעֶר לֶעבִּין אִין הוּנְגֶער צַייט. (נַפְשֵׁנוּ) דְרוּם וַוארְט אוּנ הָאפְט אוּנְזֶער זֶעלֶע נוּר צוּ גָאט, דֶען נוּר עֶר אִיז אוּנְזֶער הִילְף אוּנ אוּנְזֶער בֶּעשִׁיצֶער. (כִּי בוֹ) נוּר מִיט אִים פְרֵייט זִיךְ אוּנְזֶער הַארְץ וֶוען מִיר פֶערְזִיכֶערִין זִיךְ אָן זַיינֶעם הֵיילִיגֶען נָאמֶען. (יְהִי) עֶס זָאל זַיין דַיין גְנָאדֶע, גָאט, אִיבֶּער אוּנְז וִוי מִיר עֶרְוַוארְטִין פוּן דִיר.

לֹא יָרֵעוּ, זֵיי (די חיות רעות אונ שלעכטע מענשין) וֶועלִין נִיט שַׁאדִין טָאן אוּנ וֶועלֶען נִיט פֶערְדַארְבֶּען אוֹיף מַיין גַאנְצִין הֵיילִיגֶען בַּארְג (ארץ ישראל), דֶען עֶס וֶועט (סוף כל סוף) פוּל וֶוערִין דִי עֶרד מִיט אַנֶערְקֶענֶען גָאט, זָא וִוי דָאס וַואסֶער בַּאדֶעקְט דֶעם יַם.

מעשה אלפס

אוֹיפְ'ן אִידֶעשֶׁען הִימֶעל (פַאנְרָאסֶען, אָדֶער אַנְדֶערֶע צָרוֹת ר"ל) אוּנ אַמָאל דוּרְךְ אוֹיף שַׁיינֶען דִי זוּן. אוֹיפְ'ן אִידֶעשִׁין הִימֶעל, אִיז בִּכְלָל אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִין יֶעדֶער דוֹר (פְרַייהַייט אָדֶער דְרִיקוּנְג), אִיז רִינְגֶעלִיךְ אִין דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט קֵייט, וָואס דֶער לֶעצְטֶער רִינְגְעלֶע פוּן אִיר אִיז, דֶער תַּכְלִית וָואס אִיז בַּאשְׁטִימְט בַּיי גָאט בָּרוּךְ הוּא פוּן אָנְהוֹיבּ בְּרִיאָה, וִוי מִיר זָאגִין (יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדַּשׁ) אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועט גֶעגְרוֹיסְט אוּנ פֶערְהֵיילִיגְט וֶוערֶען זַיין גְרוֹיסֶער נָאמֶען, אִין דֶער וֶועלְט וָואס עֶר הָאט אִיר בֶּעשַׁאפֶען אוּנ גֶעפִירְט נָאךְ זַיין ווילֶען.

דער

לֹא יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל: הוֹד וְהָדָר לְפָנָיו, עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ: כִּי עִמְּךָ הַסְּלִיחָה, לְמַעַן תִּוָּרֵא: חַנּוּן וְרַחוּם יְיָ, אֶרֶךְ אַפַּיִם וּגְדָל חָסֶד: בְּאוֹר פְּנֵי מֶלֶךְ חַיִּים, וּרְצוֹנוֹ כְּעָב מַלְקוֹשׁ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְיָ, וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים: אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה, יְיָ בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן: כַּשֶּׁמֶן הַטּוֹב עַל הָרֹאשׁ יוֹרֵד עַל הַזָּקָן, זְקַן אַהֲרֹן שֶׁיּוֹרֵד עַל פִּי מִדּוֹתָיו א):

אַ נייע תְּחִנָּה צו תַּשְׁלִיךְ.

רִבּוֹן הָעוֹלָמִים, הער פון אַלע וועלטין, דו האסט אונז געשריבען אין דיין הייליגע תורה צו הייליגען היינטיגען טאג (ראש השנה), דען אין היינטיגען טאג זיצטו אויף דיין שטול צו משפטין די גאנצע וועלט, יונגע אונ אלטע, ארום אונ רייך, משפטין זיי צו גוטס אדער שלעכטס חלילה, צו גליק אדער אונגליק, צום לעבין אדער פאר קערט חלילה, יעדערין נאך זיינע מעשים, אונ מיר ווייסין אז מיר זיינען פול מיט זינד, מיר האבען ניט מקיים געווען וואס דו האסט פארזאגט אין דיין הייליגע תורה, אונ מיר האבין ווידערגישפעניגט געגין דיר, דרום זיינען מיר זייער ערשראקין פאר דעם יום הדין, פילייכט וועסטו אונז משפטין נאך אונזערע מעשים, דרום קומען מיר היינטיגען טאג צום וואסער, פליסען טרערין ווי וואסער, אז דו זאלסט זיך מיט אונז באגיין מיט ערבארימקייט, מיט חסד וואס איז געגליכען צו וואסער, אונ זאלסט היינט צום יום הדין ערוועקין די שלש עשרה מדות פון רחמים צו ריינינען אונז פון אונזערע זינד, וואס זיינען פול ווי אין מעער וואסער, אונ זאלסט אפ וואשין אלע אונזערע פלעקין ווי וואסער. דו הייליגער גאט זעהסט וואס ביי יעדער מענש איז אין הארץ, דו באמערקסט יעדער קערפער קלאר ווי וואסער, עס איז פון דיר קיין זאך ניט פאר הוילען. קיינער קען זיך פון דיר ניט באהאלטין, אויסער דיר קען קיין באשעפענעש ניט לעבען, ווי

מעשה אלפס

א) דער מנהג קדמונים פון תשליך (גיין תנ"ך געפינען מיר, אז ביין וואסער איז צום וואסער) ראש השנה, בעדייט דער מענש עלול בעגייסטערט צו ווערין, אויף הויכע געדאנקען, אין פיל ערטער אין „הגר" בעת זי איז ענטלאפען פון שרה'ן

אפּיש אָן וואסער, ווען חָלִילָה דו וָאלסט זיך באגיין מיט דער וועלט אקלֵיינֶע ווייל מיט מדת הדין, ווען דו וָואלסט באצָאלין אַמֶענשין נָאך זיינֶע מַעֲשים פּינקטליך ווי ער האט פאר דינט, וואלט די וועלט קיין קִיוּם ניט הָאבּן, נָאר דו צאמסט אַרוּם דעם מדת הדין מיט דיין מדת הרחמים, ווי די בּרעגין פון ים צאמען ארום דאס וואסער, דרום קומען מיר היינט צום וואסער, ניט מיט אונזערע גוטע מַעֲשים, ניט מיט אונזערע רעכט-פארטיקייט, נאר מיר האפין אויף דיין גינאד, און דיין מדת הרחמים, וואס זיינען אזוי פיל ווי אין ים דאס וואסער, מיר זיינען זיך מתודה אויף אונזערע בייזע מעשים וואס מיר האבען גיטאן ביז אהער, און אונזער הארץ איז זייער צו בראכען וואס מיר האבען דיר פיל ערצערינט, מיר האבען ניט גיהיט דיין היילִיגע תורה, מיר האבען ניט מקיים גיווען דיינע היילִיגע מצות, מיר בעטין פון דיר הער פון דער גאנצער וועלט, וואס אין דיין האנד איז די זעלע און דער לעבין פון אלע מענשין, מיר בעטין פון דיר דו זאלסט אפּ מעקין אלע אונזערע זינד, און אלע אונזערע שטרי חובות, דען מיר האבען ניט מיט וואס איין צו צאלין דאס וואס מיר זיינען שולדיג, מיר זאלין חלילה ניט באצארפין צאלין מיט אונזער לעבין, און מיט דעם לעבין פון אונזערע קליינע קינדער, און פון יעצט אן און ווייטער זאלסטו אונז העלפין ליבער גאט מיר זאלען קענען דיך דינען מיט'ן גאנצען הארצען, דו זאלסט אונז באשאפען אגוט הארץ, מיר זאלען היטען אלע דיינע גיבאט, עס זאל ביי אונז ניט זיין קיין קנאה, שנאה, מיר זאלען איינער מיט דעם אנדערען טאן גוטעס, און טראכטין גוטע גידאנקען איינער אויף דעם אנדערן, מיר זאלין ווערט זיין פון היינט אן, אז דו זאלסט מיט אונז גוטס טאן, און זאלסט היילען אלע צובראכענע הערצער, דו זאלסט אונז געבין אַיאר פון לעבען, אַיאר פון געזונד, אַיאר פון פרנסה, אַיאר פון נחת, דו זאלסט ניט צו נעמען אפּאטער פון זיינע קינדער, עס זאלין ניט בלייבין חלילה אלמנות און יתומים ווי א שיף אן ארודער, און

מעשה אלפס

אונזער מוטער, שרייבט די תורה (ויַמְצָאֵהוּ יאין גלות בבל) דער ציילט אז ער האט מלאך יי על עין המים) אז ביין קנאל גיזעהען מראות אלהים ביין וואסער יעל וואסער האט זי זוכה גיוועזן צו נבואה נהר כבר), משה רבנו אין מדין דערציילט ביידין מיט פיל מלאכים, יחזקאל הנביא די תורה, אז ער איז גיזעסין ביין ברונען

וואסער

ווי א שטארע שאף אן א פאסטוך, דו זאלסט ניט צו נעמען עלטערין פון קליינע קינדער, אונ קינדער פון עלטערין, עס זאל ביי אונז קיין אונגליק ניט גישעהן אין אונזערע הייזער, אונזער בלוט זאל זיין אין גאנצין, מיר ווייגען אונ שרייען הייגט. אז אגאנץ יאר זאלין מיר שוין מער ניט דארפין שרייען אונ וויינען חלילה, אונ דו זאלסט ערפרייען אלע ביטערע הערצער, דו זאלסט יעדערין ערפילען וואס אים פעלט. אלע קראנקע זאלסטו זיי שיקען א רפואה שלמה, זיי זאלען געזונד אונ שטארק ווערין. אלע וואס זיינען במקום סכנה זאלסטו זיי שטיצען מיט דיין רעכטע האנד, אונ זאלסט זיי מציל זיין פון ווייטער גיפאר, אלע עקרות זאלסטו ענטפערין מיט קינדער, אונ אלע חשוכי בנים זאלין ערפרייט ווערען מיט זרע של קיימא. זיי זאלען מער ניט זיין קיין צו דארטע בוימער. נור ווי בוימער וואס גיבען פרוכט, אלע שוואנגערע פרויען זאלען געווינען אין דער צייט, אן צער, אן חבלי לידה, אן יסורים, אן סכנה, זיי זאלען האבין לעבעדיגע קינדער, אונ זאלין פון זיי קיין צער גדול בנים ניט האבין, זיי זאלען זיי אויף האדעווען צו תורה ומעשים טובים, זיי זאלען ניט פאר שעמען זייערע עלטערין. זיי זאלען זיין גוט אונ פרום צו גאט אונ צו מענשין. רבונו של עולם. גיב אונז אזאר וואס מיר זאלין ניט פאר שעמט ווערען, זאלסט אונז היטען פון ארימקייט, מיר זאלען ניט באדארפין אן קומען איינער צום אנדערין, דען די גאב פון א מענשין איז קליין אונ די שאנד איז זייער גרויס, נאר דו זאלסט אונז ערנערין פון דיין הייליגע האנד, דו זאלכט אונז צו שיקען א כשרה אונ גרינגע פרנסה, אן צער, אן שוועריקייטין, אן חלול שבת, אן פארשאפין שאדין דעם צווייטען. רבונו של עולם, דו זאלכט אונז ניט צו נעמען פון דער וועלט פאר דער צייט, ביז האנען מיר וועלין אויסלעבען אונזערע יארין. אונ אויס האדעווען אונזערע קינדער, אונ מיר זאלען פון זיי נחת האבען, זיי זאלען גיין אין די רעכטע וועג צו דינען דיר באמת ובתמים, אמן.

מעשה אלפס

וואסער, אין אנפאנג מעשה בראשית איז פערקומען אויף פיל גוטע געדאנקען, מערקט אן די תורה ורוח אלהים מרחפת על פני המים. אז דער געטליכער גייסט שוועבט מדה פון ענוה, דאס ערכטע מערקט ער אן אויף די טייערע איזוי ווי וואסער מיידעט ביין וואסער, ווייל דער וואסער מאכט אוים די הויכע פלעצער, אונ ציט זיך אלס

הַבֵּט מִשָּׁמַיִם וּרְאֵה, וֶועה הֵיילִיגֶער גָאט פוּן הִימֶעל אוֹיף אוּנְז אִין דֶער נִידֶער, אַזוֹי וִוי דִי וַואסֶער גֵייט פוּן הוֹיךְ אִין דֶערְנִידֶער.
וֶועה וִוי מִיר שְׁטֵייעֶן דָא פַאר דִיר לִיבֶּער גָאט מִיט שְׁרֶעק אוּנ מִיט גְרוֹיס צִיטֶערְנֶעס. דֶערְבַּארְים זִיךְ אוֹיף אוּנז. אוּנ עֶס זָאל אַוֶועק גֵיין אוּנְזֶערֶע פֶארִיגֶע זִינְד, אַזוֹי וִוי וַואסֶער גֵייט אַוֶועק, זָאלְסְט אַרַיינְוַוארְפִין אוּנְזֶערֶע חֲטָאִים אִין אַיין אָרְט וְואס זֵיי זָאלִין שׁוֹין מֶער נִיט קוּמֶען, אַזוֹי וִוי דִי וַואסֶער גֵייעֶן, אוּנ פַאלִין אַרַיין אִין טִיפֶען יַם. מִיר הָאבִּין פִיל גֶעזִינְדִיגְט, אָבֶּער יֶעצְט אִיז אוּנְזֶער הַארְץ קְלָאר וִוי דָאס וַואסֶער, טוּ מִיט אוּנְז גְנָאד פוּן וֶועגִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס זִי אִיז גֶעגְלִיכֶען צוּ וַואסֶער, דֶען דִי תּוֹרָה קֶען מֶען נִיט מְקַיֵּים זַיין אִין קֶבֶר, זִי אִיז נִיט גִיגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען פַאר טוֹידְטֶע, דְרוּם לָאז אוּנְז לֶעבִּן, מִיר זָאלֶען זִי מְקַיֵּים זַיין אוּנ גוּטְעס טָאן אוֹיף דֶער וֶועלְט וִוי מִיר קְלֶערִין, מִיר זָאלִין פַארִיכְטֶען וָואס מִיר הָאבֶּען בִּיז יֶעצְט קִיילְיֶע גֶעמַאכְט, הוֹשִׁיעָה יְיָ, הֶעלְף, אוּנְז גָאט צוּ דִינֶען דִיךְ מִיט דֶעם גַאנְצִין הַארְצִין. מִיר זָאלֶען פַארְבְּרֵיינְגֶען אוּנְזֶערֶע יָארִין אִין פְרוּמְקַייט אוּנ אִין עֶרְלִיכְקַייט. אוּנְזֶער עֶלְטֶער זָאל מְכַפֵּר זַיין אוֹיף אוּנְזֶער יוּגֶענְד, אוּנ זָאלְסְט אוּנְז נִיט בְּרֵיינְגֶען לִידֵי נִסָיוֹן. מִיר זָאלֶען נִיט קוּמֶען לִידֵי בִזָיוֹן, אוּנ מִיר זָאלִין חָלִילָה צוּא דֶער עֶלְטֶער נִיט בַּאדַארְפִין אָנְקוּמֶען צוּא קִינְדֶער אוּנ צוּ קְרוֹבִים, אוּנ צוּ דִי גָאבּ פוּן אַ מֶענְטְשִׁין, מִיר זָאלִין אוֹיסְלֶעבִּין אוּנְזֶערֶע יָארִין מִיט אוּנְזֶערֶע מַאנֶען, מִיר זָאלִין חָלִילָה נִיט אָפְּגֶערִיסִין וֶוערִין אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערִין, דוּ זָאלְסְט אוּנְז נִיט אַוֶועק וַוארְפִין צוּ דֶער צַייט פוּן אוּנְזֶער עֶלְטֶער, דוּא זָאלְכְט אוּנְז נִיט פַאר לָאזִין וֶוען מִיר וֶועלִין שׁוֹין זַיין שְׁלַאף, מִיר זָאלִין זַיין מִיט דֶעם גַאנְצִין זִינֶען בִּיז דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, מִיר זָאלִין קַיין צַעַר נִיט הָאבִּין פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אִין גַאנְצִין לֶעבִּין, מִיר זָאלִין קַיין צַעַר נִיט זֶעהן אִין אוּנְזֶער גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע, אוּנ אִין אוּנְזֶערֶע אַלֶע גוּטֶע פְרֵיינְד, אוּנ אִין כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, חַדֵּשׁ עָלֵינוּ, בַּאנַיי אוֹיף אוּנְז לִיבֶּער גָאט, דֶעם נַייעֶם יָאר, אַז עֶס זָאל זַיין אַ יָאר פוּן בְּרָכָה,

מעשה אלפס

וואו נידעריגער איז, אזוי איז דער בורא נכנע צו דער תורה, פאלגין אלעם וואס ב"ה (שׁוכן את דכא ושפל רוח) משרה זי לערינט אים צו זיין עוויגען גליק, זיין שכינה נור ביי דעם וואס צו ברעכט אונ דאדורך איז ער מקבל אויף זיך עול זיין הארץ דורך דעם קול שופר אונ ווערט מלכות שמים. ניין אטבייער דינגער צום

עס זאל חלילה קיין הונגער ניט זיין אויף דער וועלט, עס זאל זיין א יאר פון פרנסה, אונ פון גוטע געשעפטין, א יאר פון שלום אונ פון מנוחה, אונ עס זאל חלילה קיין מגפה ניט זיין אויף דער וועלט, אונ קיין שום שלעכטע איבערגאנג, אונ קיין שום צרה, אונ מיר זאלין אלע זיין געהיט פון שאדין, פון פייער אונ וואסער, אונ פון אלע בייזע באגעגעניש, אמן.

שמע קולנו, הער צו אונזער שטים גאט אונזער גאט, פאר נעם אונזער געשריי, האב אויף אונז רחמנות אונ נעם צו אונזער גיבעט וואס מיר בעטין דא ביי דיר ביי דעם וואסער, וואס מיר זיינען גיקומען בעגייען דיין קעניגרייך, ווי עס איז געוועזין פאר צייטין דער שטייגער אז מען פלעגט זאלבען איין קעניג ביי דעם וואסער, נעם צו אונזער תפלה מיט רחמים מיט באוויליגונג אונ דער מאן אונז היינט דעם זכות פון אונזערע עלטערין וואס דו האסט זיי געענטפערט ביי דעם וואסער (בעת פרעה האט זיי נאך געיאגט ביין ים סוף), דער מאן אונז דעם זכות פון נח הצדיק וואס דו האסט אים געהאלפין אין וואסער (ער איז גירעטעט געווארען פון מבול), דער מאן אונז דעם זכות פון אברהם אבינו, וואס מען האט אים אריין געווארפין אין קאלך אויבין, אונ דו האסט פאר לאשין דעם פייער וויא מיט וואסער, דער מאן אונז דעם זכות פון די עקדה וואס דער שטן האט גימאכט אויפין וועג א טייך וואסער, אונ אברהם אבינו מיט יצחק'ן זיינען גיגאנגען ביז האלז אין וואסער (אונ ער האט מתפלל גיווען הושיענו אלהים כי באו מים עד נפש), דער מאן אונז דעם זכות פון יעקב וואס דו האסט איהם געענטפערט ביי דעם ברונעם וואסער, אונ ער האט זיך גיראנגלט מיט דעם מלאך ביי דעם וואסער (נחל יבק), דער מאן אונז דעם זכות פון משה ואהרן אונ כלל ישראל וואס דו האסט זיי גיטאן גרויס וואונדער אונ גיגעבין אין דער מדבר וואסער, דער מאן אונז דעם זכות פון יהושע וואס דו האסט אים געשפאלטין דעם ירדן אונ איז אריבער דעם וואסער, דער מאן אונז דעם זכות פון אליהו הנביא אונ אלישע הנביא וואס זייא האבין

מעשה אלפס.

וועלט-קעניג אונ ביי דעם טייך ווערט (ווי מ'האט ניזאלבט שלמה המלך ע"ה דאך פאר פעסטיגט דער קבלת עול מלכות ביין קוואל גיחון). אונ ווען מען זעט נאך שמים, ווייל דער מנהג ביי אידין איז ביין טייך פאנגענדיג פיש, מערקט דאס גיוועזען צו זאלבין א מלך ישראל ביין טייך אן אוועק צו ווארפין די גאוה מיט דעם

שמאלץ

גיטאן וואונדער ביי דעם וואסער, דער מאן אונז דעם זכות פון אלע חסידים אונ נעם צו אונזער תשובה אונ זאלסט אונז אן התמענען א גוט יאר, אונז אונ אונזערע מאנען אונ אונזערע קינדער, אונ אונזער גאנצע פאמיליע אונ אלע אונזערע גוטע פריינד בתוך כלל ישראל, אונ ווען עס איז חלילה נגזר געווארען אויף אונז א גזר דין אונ דער מדת הדין ברענט ווי אפייער, זאלין דיינע רחמנות פאר לעשין אים ווי וואסער, אונ דו זאלסט אויף זכין אלע אונזערע זכיות, דער זכות פון אונזערע אייגענע מצות, דער זכות פון אונזערע קליינע קינדער וואס זיינען פון זינד ריין ווי וואסער, דעם זכות פון וואס מיר גיבין זיי לערנען דיין היילינע תורה וואס זי איז גיגליכען צו וואסער, זאלסט אויף אונז דער וועקין דעם זכות פון אונזערע עלטערין, דיא אוים גילייטערטע נשמות, דעם זכות פון אלע צדיקים אונ צדקניות וואס אין גן עדן, אונ זאלסט אונז אן שרייבין מיך מיט מיין מאן אונ מיינע קינדער אין דעם בוך פון לעבין, אמן.

אנא ה׳, איך בעט דיך גאט, דער גרויסער אונ שטארקער אונ אלמעכטיגער, נעם צוא מיין תשובה וואס איך האב יעצט חרטה אויף מיינע זינד מיט דעם גאנצין הארצין, דוא ווייסט דאך אונזער קערפער, עס איז ניטא א מענטש אויף דער וועלט וואס זאל טאן נאר גוטס אונ זאל ניט זינדיגין, אונ דעריבער האסטו אונז גיגעבין די היילינע ימים נוראים מיר זאלין ניט פאר פאלין ווערין אין אונזערע זינד, מיר זאלין תשובה טאן, ווי עס שטייט געשריבען דורך דיינע היילינע נביאים „כי לא תחפוץ במות המת”, דו ווילסט ניט אז דער מענטש זאל שטארבין, נור ער זאל תשובה טאן אונ חרטה האבין אויף זיינע זינד, אונ זאל בלייבין לעבין, דרום זאלסטו צונעמען מיין גיבעט אונ מיין תשובה צווישין די תפלות פון כלל ישראל, פון אלע צדיקים וצדקניות, אונ זאלסט מיך לאזין לעבין, אונ דוא זאלסט עפענען דיינע טויערין פון רחמים צו כל ישראל אונ צוא מיר

מעשה אלפס

שטאלין (כי לא ידע האדם את עתו כדגים) איך מערקט דאס אז, אז אלע וועלטליכע הנאהזים בי), ווייל דער מענש ווייס ניט פערגעניגען וואס זיי זיינען ניט נאך דעם וואס איילע שפעטער קען מיט אים איידעלען גישמאק פון דער תורה הקדושה פאסירען, ווי די פיש וואס שווימען רוהיג אונ דער פינסטערער קערפער איז אין טייך אונ פלוצלונג ווערין זיי גיפאנגען זיך מיט דעם מהיה איז דאס פאר די אין נעץ (ומצודה פרוסה על כל החיים). איידעלע געפיהלען פון די נשמה יסורי

אויך, דֶער הויך מַיין מַזָל און דֶעם מַזָל פון מַיין מַאן און מַיינֶע קִינְדֶר, דֶער לַייכְט זַייעֶרֶע אויגִין אִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און דֶער הויבּ דֶעם מַזָל פון כְּלַל יִשְׂרָאֵל, גִיבּ זֵיי חֵן אִין דִי אויגֶען פון דֶעם מֶלֶךְ און זַיינֶע שָׂרִים, און זָאלְסְט אוּנְז בּויעֶן דַיין הֵיילִיגֶען בֵּית הַמִקְדָשׁ. און מִיר זָאלֶען דָאס זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהֶען מִיט אוּנְזֶערֶע אויגִין בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

תְּחִנָה פון עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה.

אֱלֶה אֶזְכְּרָה וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי, וֶוען אִיךְ טוּ זִיךְ דִיזֶעס עֶרְמָאנֶען, אַזוֹ בַּאגִיס אִיךְ מִיךְ מִיט טְרֶערִין, אַז אִיךְ הָאבּ מַיין תַּכְלִית גִישְׁטֶעלְט אויף דֶער וֶועלְט, נָאר וֶועגִין פַּרְנָסָה, און אִיךְ הָאבּ גָאר נִיט אויס גִירֶעכִינְט, אַז אִיךְ וֶועל פַאר דֶעם מִשְׁפָּט פון דֶעם יוֹם הַדִין גִיבְּרַאכְט וֶוערִין, און אִיךְ וֶועל מוּזִין אויף אַלֶע מַיינֶע מַעֲשִׂים דִין און חֶשְׁבּוֹן אָפְּגֶעבִּין אויף יֶענֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ גָאר נִיט גִיטְרַאכְט, אַז דֶעם מֶענְשִׁינְס לֶעבִּין אויף דֶער וֶועלְט אִיז גָאר נִיט גִיאַכְט, דֶען וֶוען עֶר לֶעבְּט שׁוֹין אֲפִילוּ טויזִינְד יָאר, אִיז גְלַייךְ אִין דַיינֶע אויגֶען וִוי דֶער נֶעכְטִיגֶער טָאג, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל), (אָדָם) וִוי זָאל דֶער מֶענְטְשׁ נִיט זָארְגִין, אַז אַלֶע טָאג דַארְף עֶר זִיךְ רִיכְטֶען צוּם טויט, (עַד שׁוּבוֹ לְעֲפָרוֹ לֹא יִשְׁקוֹט) בִּיז זַיין אוּמְקֶערִין זִיךְ צוּ דֶער עֶרְד, קֶען עֶר נִיט רוּעֶן, טָאג און נַאכְט טְרַאכְט עֶר וִוי עֶר זָאל זַיין שְׁפַּייז בֶּעקוּמֶען, און אִיבֶּער דֶער בִּיטֶערֶער פַּרְנָסָה, קֶען עֶר דִיךְ לִיבֶּער גָאט נִיט דִינֶען, דְרוּם בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער גָאט, דוּ זָאלְסְט אוּנְז צוּ דֶעם נַייעֶן יָאר אָנְשְׁרַייבִּין צוּ אַיין גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה, עֶס זָאל זַיין פון דַיין מִילְדֶע און גֶעטְרַייעֶ הַאנְד, און נִיט פון אַ מֶענְשִׁינְס הַאנְד, (אוֹי לִי) וֵויי אִיז צוּ מִיר אויף מַיינֶע יָארִין, וָואס אִיךְ הָאבּ פַארְבְּרַאכְט אִין לֵיידִין, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין סִפְרֵי מוּסָר, (טוֹב שֶׁלֹּא נִבְרָא מִשֶּׁנִבְרָא לְיוֹם צָרָה וְעֶבְרָה) עֶס וָואלְט בֶּעסֶער גִיוֶועזֶן, אַז מֶען זָאל

מעשה אלפס

מֵית, אַזוֹי וִוי דִי פְרִישֶׁע לוּפְט וָואס מִיר אָן תּוֹרָה, הַכְּלָל וַואסֶער הָאט אִין זִיךְ לֵייפֶּען אִיר אַטְהֶעמֶען זִיךְ מְחַיֶּה זַיין, אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה צוּ בַּעגַייסְטֶערִין דֶעם אִיז דָאס פַאר דִי פִישׁ אַפֵּיינִינְג צוּם מֶענְשִׁין, און דָאס פַּאדֶערְט זִיךְ זֵייעֶר טוֹיט, און אַזוֹי וִוי דִי פִישׁ קֶען נִיט לֶעבִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וִוי דִי חז״ל זָאגֶען (אִמְרוּ אָן וַואסֶער. אַזוֹי קֶען דִי נְשָׁמָה נִיט לֶעבִּין , לְפָנַי מַלְכִיּוֹת כְּדֵי שֶׁתַּמְלִיכוּנִי עֲלֵיכֶם).

גאר ניט בעשאפען ווערן איידער בעשאפען ווערען צו איין טאג פון לייד, דעי דעם מענשינס טעג זיינען ווייניג און שלעכט, און גייען גיך אוועק זא ווי איין בליץ, און צום סוף מוז ער ערשט השבון געבין פאר גאט ב"ה, אויף אלע זיינע מעשים וואס ער האט איטליכען טאג גיטאן, און אויף אלעם קען ער ניט ל' קענען, דען זיינע מעשים זיינען אויפגעשריבען מיט זיין אייגענע האנד, און אלע רגע איז ער ניט זיכער, טאמער הייסט מען אים אויף יענער וועלט גיין גיכער, און ער האט ניט אנגיבריט קיין שפייז (דאס איז מצות ומעשים טובים) צו אזא גרויסע און אלאנגע וועג, און פון זיין עשירות נעמט ער גאר ניט מיט זיך, ער בלייבט נאקעט פון אלעם, ווי עס שטייט (ערום יצא מבטן אמו וערום ישוב שמה) נאקעט איז ער ארויס פון זיין מוטערס בויך, און נאקעט טוט ער זיך אומקערין אין דער ערד אריין, פלוצלונג ווערט ער באצוואונגען אין א בייזין גענץ א) דאס איז דער פינשטערער טאג, פון יום המיתה, דאס איז דאך אזא טאג וואס השי"ת נעמט אפ השבון אויף אלעם, וואס ער האט געטאן אויף דער וועלט, דאס איז אזא טאג, וואס ער מוז אוועקגיין פון זיין ליכטיגע הויז אין פינשטערע גרוב, דאס איז אזא טאג וואס די אויגען ווערען בלינד, די אייגענע קינדער און די פריינד ווערין ביי אים ניט דערקענט. דער מענש זאל דאס אין דעם געדאנקען נעמען, וועט ער זיין צייט פון זיין לעבען ניט פארברייננגעי מיט'ן יצר הרע. אויך זאל ער גידיינקען, אז ער איז ארוים געקומען פון א טפה סרוחה, און אלע טאג זאל ער פארשטעלין פאר זיך די גרוב פון זיין קבר, אין וועלכע מ'וועט אים ברייגגען, אין אזא ארט וועלכע עס איז רמה ותולעה. אויך זאל ער גידיינקען אז ער וועט מוזין אפגעבין דין וחשבון אויף אלע זיינע זינד פון זיין גיבארין טאג אן ביז דעם טאג וואס ער ווערט פון דער וועלט פארלארין, אלע טעג און נעכט פון זיין לעבין, אפילו ווען ער לעבט שוין אפ הונדערט יאר,

מעשה אלפס

א) ווי קהלת זאגט (כי לא ידע האדם את עתו) א מענש וויים ניט זיין צייט הנאחזים במצודה רעה) ווי די פיש וואס איז דאס נאר אויף אים אשטריק, (כדגים אפילו וואס אים שטעלט זיך פאר פאר שווימט אין טייך און זעט פון ווייטען א גליקליכע צייט, עס דוכט זיך אים אז א ווערימעל, האפט ער אים אריין אין ער האפט דא דעם גליק, און אם ענדע מויל מיט פרייד, און דא געפינט ער זיין

טרויער

זַיינֶען זֵיי אַייךְ הֶבֶל הֲבָלִים, זֵיי גַּייעֶן אַוֶועק אִין צָרוֹת אוּנ אִין לֵיידִין, עֶר הָאט נִיט קַיין מְנוּחָה, בִּיז עֶר שְׁלָאפְט שׁוֹין אִין קֶבֶר, אָבֶּער וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְשִׁין, וָואס עֶר פַארְבְּרֵיינְגְט זַיין צַייט אִין תּוֹרָה אוּנ אִין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, דֶען דָאס טוּט אִים בַּאגְלֵייטִין אוֹיף דִי אֱמֶת'ה וֶועלְט, דְרוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ לִיבֶּער גָאט (אַל תַּעֲלֵנִי מֵהָעוֹלָם הַזֶּה קוֹדֶם זְמַנִּי) דוּ זָאלְסְט מִיךְ נִיט אַוֶועק נֶעמֶען פוּן דֶער וֶועלְט פַאר מַיין צַייט, כְּדֵי אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טָאן אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּנ אִיךְ זָאל גוּטְס טָאן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּם אִיךְ זָאל נִיט פַארְשֶׁעמְט וֶוערִין אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, בֶּעוַוייז מִיר דַיין חֶסֶד, וֶוען אִיךְ לֶעבּ נָאךְ. (הַיְסֻפַּר בַּקֶּבֶר חַסְדֶּךָ וֶאֱמוּנָתְךָ בָּאֲבַדּוֹן) וֶועט דֶען דֶערְצֵיילְט וֶוערֶען אִין קֶבֶר דַיין חֶסֶד מִיט דַיין וַוארְהַייט? (מָה אָנוּ מֶה חַיֵּינוּ) וָואס אִיז אוּנְזֶער לֶעבִּין, אוּנ וָואס אִיז גִיאַכְט אוּנְזֶער עֲשִׁירוֹת, וָואס מִיר זָאלֶען זִיךְ דֶערְמִיט אִיבֶּער נֶעמֶען, וִוי עֶס שְׁטֵייט (אָדָם בִּיקָר בַּל יָלִין) וֶוען אֲפִילוּ דֶער מֶענְשׁ אִיז אִין גְרוֹיס עֲשִׁירוּת, אִיז עֶר נִיט זִיכֶער מִיט דֶעם אִיבֶּער צוּ נֶעכְטִיגֶען, אֵיינֶער טוּט אַיינְזַאמְלֶען פִיל גֶעלְט, אוּנ וֵוייסְט נִיט נַאכְהֶער וֶוער עֶס וֶועט דָאס יַרְשֶׁנֶן? (יִצְבֹּר וְלֹא יֵדַע מִי אֹסְפָם) הַיינְט וָואס אִיז מַיין הָאפֶענוּנְג נִיט מֶער, נָאר (מִכָּל פְּשָׁעַי הַצִּילֵנִי) פוּן אַלֶע מַיינֶע זִינְד זָאלְסְטוּ מִיר מַצִּיל זַיין, צוּ דִיר לִיבֶּער גָאט טוּ אִיךְ הָאפֶען, דֶען דוּ בִּיזְט (שׁוֹמֵעַ אֶל אֶבְיוֹנִים) דוּ פַאר נֶעמְסְט דִי גִישְׁרֵיי פוּן דִי אֶבְיוֹנִים, (שׁוּר נָא בְּעָנְיִי וְאַל תָּשׁוּר אֶל עֲוֹנִי) בַּאטְרַאכְט מַיין אָרִימְקַייט, אוּנ קוּק נִיט אִין מַיינֶע זִינְד, אוּנ שְׁרַייבּ אוּנְז אָן צוּם לֶעבֶּען, גָאט דוּ שְׁפַּייזְט דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט דַיין גְרוֹיס דֶערְבַּארִימְקַייט, גִיבּ אוּנְז אַזָא פַּרְנָסָה אַז אוּנְזֶערֶע מַאגֶען אוּנ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלֶען נִיט בֶּעדַארְפֶען מְבַטֵּל זַיין דַיין תּוֹרָה לֶערְנֶען, אַז מִיר זָאלֶען דִיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דִינֶען מִיט אַיין פְרֵיילִיךְ הַארְץ, אוּנ זָאלְסְט אוּנְז גֶעבֶּען אִיטְלִיכֶען בַּאזוּנְדֶער זַיין פַּרְנָסָה פוּן דַיין מִילְדֶע הַאנְד, אַז קֵיינֶער זָאל נִיט בַּאדַארְפִין אָנְקוּמֶען צוּ אַ צְוֵויטִין, אָמֵן סֶלָה.

מעשה אלפס

טְרוֹיעֶר אוּנ לֵייד. וַוייל אִין דֶעם וֶוערִימֶעל אַז עֶר פַאר דִינְט פִיל גֶעלְט אוּנ גֵייט מִיט אִיז אָנְגִיבּוּנְדֶען אַ קְרוּצִינִיל פוּן וֶוענְדֶע, פְרֵייד אוּנ דָא לוֹיעֶרֶען אוֹיף אִים גַזְלָנִים וָואס פַאר צֶעפֶּעט זִיךְ אִים אוּנ עֶר וֶוערְט צוּ נֶעמֶען בַּיי אִים דִי גֶעלְט מִיטִין לֶעבִּין גִיפַאנְגִין, אַזוֹי אִיז דֶער מֶענְשׁ עֶס טְרֶעפְט צוּ זָאמֶען.

אום צו פאר שטיין דעם ענין פון כפרות ערב יו"כ, וועלין מיר פריער עטוואס ערקלערין דעם ענין פון דיא צוויא ציקלאך וואס איז פאר גיקומען אין די עבודה וואס דער כהן גדול האט גיטאן יום כפור. ער האט גימאכט אויף זיי א גורל, אויף וועלכע ציקעלע עס איז ארויס דער צעטעלע (להי חטאת) האט ער גיקוילעט און אביין גיטראגען איר בלוט אין קדש הקדשים און גישפריינגט ענטגעגען כפורת וואס אויפ'ן ארון הברית, נאכהער אין היכל אויפ'ן פרוכת נאכהער אויפען גאלדענעם מזבח. און אויף דיא ציקעלע וואס איז גיפאלין דער גורל "לעזאזל" האט דער כהן גדול אנגישפארט זיינע ביידע הענד אויף איר קאפ און האט זיך מתודה גיוועזן אלע זינד און די פערברעכונג פון אידין, און האט די ציקעלע מיט די זינד אוועק גישיקט דורך א שליח אין וויסטען מדבר. און דער שליח איז ארויף מיט דיא ציקעלע אויף א שפיציגען בארג, און האט איר א שטויס גיטאן אויף הינטער און זי האט זיך צו שאטין גלידער ווייס. אונטער די פיל גידאנקען וואס איז מרומז אין דעם (גיוואהנליך אז די תורה האט דאס גיהייסין, מהסתם האט דאס פיל וויכטיגע בעדייטונגען) קען מען זאגין אויך דעם טעם. מיר זעהען אין דער וועלט ניט זייער פיהיגע קינדער, גוטע קעפ און ווארימע בלוט, איז ווען מ'זאל אויף זיי גוט אכטונג געבין און פירין זיי אין גראדע וועג, קען פון זיי ארויס קומען די וויכטיגסטע מענשין צו גאט און צו לייטין, ווען צו בער מ'גיט ניט אכטונג אויף זייא און מ'לאזט זייא שפרינגען ווי די ציגען, פאר קריגען זיי חלילה אין אלע אונגליקען. זיי ווערין זוללים וסובאים און נאכהער ווערין זיי גנבים און גזלנים (אום נאך צו געבין זייערע טרייפע העלזער), נאכהער ווערין זיי אנארכיסטען, און דער סוף פון זיי איז, אז די עלטערין ווייס'ן ניט אין וועלכע וויסטע ערטער זייערע ביינער ווערין צו שאטין, און זייער טויט איז א כפרה פארין כלל ישראל. ווייל דער כלל ישראל ליידעט זיך גינוג אן פון זיי (הם הם המבאישים את ריח ישראל בעיני המלך והשרים כידוע).

די חכמי המדרש האבין דאס איין גיפאסט אין די רייד פון אונזער מוטער רבקה, בשעת זי האט משתדל גיוועזן אז יעקב אבינו זאל נעמען דיא ברכות פון פאטער יצחק, האט זי אים גיזאגט (לך נא אל הצאן) גיי צוא די שאף (באטראכט די אומה הישראלית וואס זי איז גיגליכען צוא צאן) און נעם מיר פון דארטין צוויי גוטע ציקאלאך, זאגט דער מדרש (טובים לך וטובים לבניך) זיי וועלין זיין גוט פאר דיר (דו וועסט דורך זייא נעמען די ברכות) און זיי וועלין זיין גוט פיר דיינע קינדער (דורך זיי וועט פאר געבין ווערין זייערע זינד יום כפור). איין ציקעלע וועט פאלן אויף איר דער

גורל

נורל לה׳, כלומר, צווישן דיינע קינדער וועלין זיין פיל צדיקים וחסידים וואס מיט זייערע גוטע פייהיגקייט אונ ווארימען בלוט *) וועלין זיי גיין גלייך אין קודש הקדשים, דאס הייסט מיט ווארימקייט אונ מסירת נפש וועלין זיי זיך אפפערין פאר אלע הייליגקייט. פאר דעם כבוד התורה אונ כבוד שמים אונ פאר דעם כבוד פון די אומה הישראלית, וועלין זיי מגין זיין אויפן כלל ישראל אין גוטין זייט, כלומר, זייער תורה אונ מעשים טובים וואס זיי האבין גיטאן מיט ווארימקייט אונ מסירת נפש וועט פאר קומען פאר השי״ת אין קודש הקדשים מכפר צו זיין אויפן כלל ישראל, אויס ווירקען א שנת חיים, א שנת פרנסה וגזרות טובות, אויך וועלין זיך געפינען ביי אידין רשעים וואס וועלין בענוצין זייערע ווארימע בלוט אונ לעבעדיגקייט אין לינקען זייט, ווי עשו איש שעיר (שעיר המשתלח) וואס ענטלויפט פון בית המקדש (פון די בתי כנסיות ובתי מדרשות), ער וויל ניט זיין ווי יעקב אבינו (איש תם יושב אוהלים) נור „איש שדה״ לויפען אין ווילדע פעלדער, אונ ער איז אויך אמכפר, אבער אין זייער אטרויעריגען ארט, דורך זייערע בייזע מעשים ווערט נגזר גזרות רעות אז אידין זאלין חלילה פאלין אונטער די ידי עשו (איש שעיר), אונ דארורך ווערט אטייל פון אונז, אונ איבער הויפט פון אונזערע קינדער, זייערע ביינער ווערט חלילה צוא שאטין אין אלע ווסטע ערטער, אונ דער גרויסער

צער איז דיא כפרה **).

צו דעם אנדיינקונג פון די צוויי שעירים (וואס זיי מאכין אויפמערקזאם אויף זייער אויבטיגען רעיון) האבין דיא ראשונים נאכין חרבן הבית מתקן גיוועזן כפרות, אויס ניקליבין איין בעל חי וואס ער האלט איין אין זיך דעם גאנצין גידאנקען פון די צוויי שעירים. דער בעל חי וואס אהאלבין מעת לעת איז ער דער סימבאל פון אצדיק (לה׳) אונ דעם צווייטין האלבין מעת לעת איז ער פונקט פארקערט, אונ איז דאן דער סימבאל פון גרעסטין רשע (לעזאזל), דאס איז דער האן, ביי טאג איז ער אגרויסער הולטיי (אין לך זנאי בעזיזות יותר מן התרנגול) אונ ער ווייזט אן די רגע וואס השי״ת כעס׳ט אויף דער וועלט, ווייל דיא אויבגיזאסנהייט אונ הולטייסטווע איז די מוטער פון אלע זינד, דאס ברענגט צוא אלע

*) די בלוט פון אציקעלע איז גלייך צו מענשין בלוט, דרום האבין די שבטים איין גיטונקט יוסף׳ס העמדעל אין די בלוט פון א ציקעלע.

**) גיוואהנליך אין אלע צייטין זיינען דא רשעי הדור, (שעיר עזאזל) נור ווען אידין זיינען גיוועזן פרום איז גיוועזן די גרעסטע טייל צדיקים וואס האבין גיאפפערט זייער לעבין אונ זייער בלוט פאר דעם כבוד התורה וכבוד האומה (שעירי חטאת), איז דער גורל לה׳ פארגיקומען אין רעכטע האנד, צו ווייזען אז די פאלק איז רובן צדיקים. ולהיפך חלילה עלה העזאזל בימין. וד״ל.

אונגליקען, בלעם הרשע האט קיין אנדער עצה ניפונען אום גליקליך
מאכין אידין נור מיט הולטייסטווע (לזנות אל בנות מואב), דרום רופט
זיך בלעם "נאום הגבר" (גבר איז דער טייטש אהאן), דער הולטיי לבד וואס
ער איז רע לשמים, האט ער אויך עין רעה לבריות, דער האן האט פיינט
זיין ברודער אשנאת מות (מלחמת התרנגולים) (תלמידיו של בלעם הרשע
עין רעה היפך מתלמידיו של אברהם אבינו "עין טובה") אונ בייא נאכט
איז ער פונקט דער היפך, דאן ענטזאגט ער זיך פון אלע הולטייסטווע,
אונ קריגט ליב אלעמען, ניט אזוי במחשבה זאנאר אפילו במעשה. ער
ווערט גאר איין עסקן צבורי (טאן פארין כלל), ער שטייט אויף פונקט
האלבע נאכט (צו חצות) אונ זאגט שירה "שאו שערים ראשיכם ויבא מלך
הכבוד" (ווי עס שטייט אין פרק שירה), ער רופט אוים אונ איז מודיע
אז יעצט איז איין עת רצון וואס השי"ת אין גן עדן איז זיך משתעשע
מיט די צדיקים, דרום איז יעצט זייער מסוגל אז תלמידי חכמים זאלין אויף
שטיין לערנען, ווי דוד המלך פלעגט טאן (חצות לילה אקום כו'), איינפאכע
אידין זאלין אויף שטיין זאגין תפלות ותחנונים (קומי רוני בלילה לראש
אשמורת), בויערין זאלין אויף שטיין צו זייער ארבייט. ער דער מאנט
ווי שלמה המלך ס ווערטער (עד מתי עצל תשכב!), הכלל דער האן וואס האט
אין זיך ביידע איינגעשאפטין קוקט ארין "אין בני אדם". אויב דער וואס
האלט אים איז א מענש וואס זיינע הויפט מעשים זיינען גיוועזן ווי א מענש
דארף זיך פירין, אונ מיט זיין נאמען "אדם" איז ער (אדמה לעליון). נור
ווייל אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא, איז ער דורך ניפאלין
אין קליינע פעלערין, דאן איז ער זיין כפרה הענדיל "זה תמורתי" (דער
לשון "תמורה" איז אבעל חי אויף אבעל חי), אבער ווען דער "אדם" איז
גאר פון די (יושבי חושך וצלמות) ער איז גינאנגען אגאנץ יאהר אין
אפינסטערע וועג, זיין "אדם" בעדייטעט נור אויף לשון אדמה (ער איז
אשטיק ערד), דא איז נור (זה חליפתי) "חליפין" איז אויף א העכערע
זאך, ווייל דער האן איז פיל וויכטיגער פאר אים, ווי מיר זאגין אין תפלת
זכה (ואפילו כבהמה לא הייתי), דאס איז א גרויסער מוסר פארין מענשין
ער זאל בעת מעשה (פון כפרות שלאגין) צו ברעכין זיין הארץ אונ חרטה
האבין אויף זיין שלעכטין פירונג וואס ביז הער, אונ בעטין רחמים ביי
השי"ת אז סיי "זה חליפתי" אונ סיי "זה תמורתי" זאל אלעס זיין "זה
כפרתי" (זה התרנגול ילך לשחיטה) אט די הולטייסטווע, די שלעכטע דרכים
זאלין גיקוילעט (בעזייטיגט) ווערין פון היינט אן, אונ איך זאל גיין
לחיים טובים וארוכים אין א גוטע וועג, וואס זאל ברייננען אויף מיר אונ
אויף אלע אידין שלום וברכה, אמן.

סֵדֶר כַּפָּרוֹת

מֶען נֶעמְט דִי כַּפָּרָה אִין דֶער רֶעכְטֶע הַאנְד אוּנ מֶען זָאגְט „נֶפֶשׁ תַּחַת נָפֶשׁ" נַאכְהֶער זָאגְט מֶען דָאס דְרַיי מָאל:

בְּנֵי אָדָם יֹשְׁבֵי חֹשֶׁךְ וְצַלְמָוֶת, אֲסִירֵי עֳנִי וּבַרְזֶל: יוֹצִיאֵם מֵחֹשֶׁךְ וְצַלְמָוֶת, וּמוֹסְרוֹתֵיהֶם יְנַתֵּק: אֱוִלִים מִדֶּרֶךְ פִּשְׁעָם, וּמֵעֲוֹנֹתֵיהֶם יִתְעַנּוּ: כָּל אֹכֶל תְּתַעֵב נַפְשָׁם, וַיַּגִּיעוּ עַד שַׁעֲרֵי מָוֶת: וַיִּזְעֲקוּ אֶל יְיָ בַּצַּר לָהֶם, מִמְּצֻקוֹתֵיהֶם יוֹשִׁיעֵם: יִשְׁלַח דְּבָרוֹ וְיִרְפָּאֵם, וִימַלֵּט מִשְּׁחִיתוֹתָם: יוֹדוּ לַייָ חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם: אִם יֵשׁ עָלָיו מַלְאָךְ מֵלִיץ אֶחָד מִנִּי אָלֶף, לְהַגִּיד לְאָדָם יָשְׁרוֹ: וַיְחֻנֶּנּוּ וַיֹּאמֶר, פְּדָעֵהוּ מֵרֶדֶת שַׁחַת, מָצָאתִי כֹפֶר:

עברי־טייטש

בְּנֵי אָדָם, דִי מֶענְשֶׁען וֶועלְכֶע זִיצֶען אִין דֶער פִינְסְטֶערְנֶעס אִין הוּנְקֶעלִין גֶעפֶּיינְקֶענִיס, גֶעבּוּנְדִין אִין אַייזֶערְנֶע קֵייטִין אוּנ גֶעפַּיינִיגְט, (ווען זיי ווערין אונטערטעניג אונ בעטען רחמים) וֶועט גָאט זֵיי הֶערוֹיס פִיהְרֶען פוּן דִי פִינְסְטֶערְנֶעס אוּנ טוֹיט שָׁאטִין, אוּנ זֵייעֶרֶע בֶּענְדֶער (קייטין) וֶועט עֶר צוּ רַייסְן, (אֱוִלִים) דִי דוּמֶע מֶענְשִׁין וָואס צוּ לִיבּ זֵייעֶר אוּנְאַרְטִיגֶען פִיהרוּנְג אוּנ צוּא לִיבּ זֵייעֶר פֶערְבְּרֶעכִין וֶוערִין זֵיי פוּן אֵיינְער קְרַאנְקְהַייט גִיפְּלַאגְט, (כָּל אֹכֶל) יֶעדֶע שְׁפַּייזֶע פֶערְעֶקֶעלְט זֵייעֶר זֶעלֶע, אוּנ זֵיי גְרֵייכֶען שׁוֹין בִּיז דִי טוֹיעֶרִין פוּן טוֹיט. (וַיִּזְעֲקוּ) וֶוען זֵיי שְׁרַייעֶן אוּנ בֶּעטִין צוּ גָאט אִין זֵייעֶר נֹאטְה, רֶעטֶעט עֶר זֵיי פוּן זֵייעֶר אַנְגְסְט, (יִשְׁלַח) עֶר בֶּעפֶעהְלְט אוּנ הֵיילְט זֵיי אוּנ רֶעטֶעט זֵיי פוּן נִידֶערִין אִין גְרוּבּ. (יוֹדוּ) דַאן דַאנְקֶען זֵיי גָאט פִיר זַיין גְנַאדֶע אוּנ זַיינֶע וואוּנְדֶער וָואס עֶר טוּט מִיט'ן מֶענְשִׁן, (אִם יֵשׁ) וֶוען עֶס אִיז דָא אוֹיף אִים אֵיין מַלְאָךְ וָואס רֶעט גוּטֶעס פַאר אִים, אֵיינֶער קֶעגֶען טַויזֶענְד גִיזֶעהְלְט) וָואס דֶער מַלְאָךְ אִיז אָנְגִיבְּרֵייט צוּ זָאגֶען אוֹיף אִים זַיין רֶעכְטְפֶארְטִיגְקֵייט, זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט גִיטָאן. (וַיְחֻנֶּנּוּ) טוּט גָאט גֶענֶעדִיגֶען דֶעם מֶענְשִׁין אוּנ זָאגְט צוּ דֶעם מַלְאָךְ מֵלִיץ, לֵייז אִים דֶעם מֶענְשִׁין פוּן צוּא נִידֶערִין אִין גְרוּבּ, אִיךְ (גָאט) הָאבּ גִיפוּנֶען אַיין אִים לֵייזוּנְג פַאר אִים.

ווען אײן נְקֵבָה שְׁלָאגְט כַּפָּרוֹת פַאר זִיךְ אַלֵײן זָאל זִיא דָאס זָאגֶען דְרַײא מָאל:

זֹאת חֲלִיפָתִי. זֹאת תְּמוּרָתִי. זֹאת כַּפָּרָתִי. זֹאת הַתַּרְנְגֹלֶת תֵּלֵךְ לִשְׁחִיטָה, וַאֲנִי אֶכָּנֵס וְאֵלֵךְ לְחַיִּים טוֹבִים אֲרוּכִים וּלְשָׁלוֹם:

ווען מְ'שְׁלָאגְט כַּפָּרוֹת פַאר זִיךְ מִיט נָאךְ אֵײנֶעם זָאלֶין זֵײ דָאס זָאגֶין דְרַײ מָאל:

זֹאת חֲלִיפָתֵנוּ. זֹאת תְּמוּרָתֵנוּ. זֹאת כַּפָּרָתֵנוּ. זֹאת הַתַּרְנְגֹלֶת תֵּלֵךְ לִשְׁחִיטָה, וַאֲנַחְנוּ נִכָּנֵס וְנֵלֵךְ לְחַיִּים טוֹבִים אֲרוּכִים וּלְשָׁלוֹם:

אַײן אִשָּׁה מְעֻבֶּרֶת זָאל נֶעמֶען אַהוּן מִיט אַהָאן, אוֹיב זִי טְרָאגְט אַ מֵײדִיל אִיז דִי הוּן פַאר בֵּײדִין, אוּנ אוֹיב אַײן זָכָר אִיז דֶער הָאן פַאר דֶעם זָכָר.

אֵלּוּ חֲלִיפוֹתֵינוּ. אֵלּוּ תְּמוּרוֹתֵינוּ. אֵלּוּ כַּפָּרוֹתֵינוּ. אֵלּוּ הַתַּרְנְגוֹלִים יֵלְכוּ לִשְׁחִיטָה, וַאֲנַחְנוּ נִכָּנֵס וְנֵלֵךְ לְחַיִּים טוֹבִים אֲרוּכִים וּלְשָׁלוֹם: (דריי מאל)

עברי טייטש

(זֹאת חֲלִיפָתִי) דָאס אִיז מַײן אוֹים בַּײטוּנְג, דָאס אִיז מַײן אָבְּוֶועכְּסְלוּנְג, דָאס אִיז מַײן פַארְגֶעבּוּנְג, דִיזֶע הוּן וֶועט צוּ דֶער שְׁחִיטָה גֵײן *), אוּנ אִיךְ וֶועל גֵײן צוּא אֲרִיכוּת יָמִים אִין גוּטֶעס אוּנ אִין פְרִידֶען. דריי מאל

(זֹאת חֲלִיפָתֵנוּ) דָאס אִיז אוּנְזֶער אוֹים בַּײטוּנְג, דָאס אִיז אוּנְזֶער אָבְּוֶועכְּסְלוּנְג, דָאס אִיז אוּנְזֶער פֶּער-גֶעבּוּנְג, דִיזֶע הוּן וֶועט צוּ דֶער שְׁחִיטָה גֵײן*), אוּנ מִיר וֶועלֶין גֵײן צוּ אֲרִיכוּת יָמִים אִין גוּטֶעס אוּנ אִין פְרִידֶען. דריי מאל

(אֵלּוּ חֲלִיפוֹתֵינוּ) דִיזֶעם זַײנֶען אוּנְזֶער אוֹיסְבַּײטוּנְג, דִיזֶעם זַײנֶען אוּנְזֶר אָבְּוֶועכְּסְלוּנְג. דִיזֶעס זַײנֶן אוּנְזֶר פֶּערְגֶעבּוּנְג. דִיזֶע עוֹפוֹת וֶועלֶין צוּ דֶער שְׁחִיטָה גֵײן*) אוּנ מִיר וֶועלֶין גֵײן צוּ אֲרִיכוּת יָמִים אִין גוּטֶעס אוּנ אִין פְרִידֶען. דריי מאל

---

*) (ווען מ'שלאגט כפרות מיט געלט זאגט מען אין) דִיזֶע גֶעלְט וֶועט אוֹיף צְדָקָה גֵײן.

רבש"ע, אָב הָרַחֲמִים, ערבארמיגער פאָטער, דו ערבארימסט זיך אֲפִילוּ אויף דעם זינדיגען מענשין, אונ דו ווילסט ניט ער זאָל שטארבין, נור ער זאָל תְּשׁוּבָה טאָן (אוועק ווארפין זיינע בייזע מעשים) אונ זאָל לעבין, ערבארעם זיך אויף מיר מיט מיין מאַן אונ קינדער, אונ אַזוי ווי איך האָב געשיקט קוילין די כַּפָּרוֹת, אַזוי זאָלסטו מיר העלפין, עס זאָל גיקוילעט (אָב גיטאָן) ווערין פון מיר דער שלעכטער כאראקטער פון האָן וואָס ער איז זייער אויסגילאסין, אונ קען ניט אָן זעהן זיין אייגענעם ברודער, זאָלין די מִדּוֹת רָעוֹת (וואָס זיי זיינען די מוטער פון אַלע זינד) אויס גיראָטעט ווערן פון מיין האַרצין, אונ איך זאָל זיך אָנהייבען פירען פון היינט אָן אין די וועג פון צְנִיעוּת אונ גוטהערציגקייט צו אַלע מענשין, ווי אונזער מוטער שָׂרָה איז געוועזן אַגרויסע צְנוּעָה אונ אַגוטהערציגע, וואָס מיט אירע גוטהערציגקייט האָט זי מְקָרֵב גיוועזן פיל נְפָשׁוֹת צו די ריינע אֱמוּנָה פון בּוֹרֵא יָחִיד, אונ אַלעס הַתְּחָלָה (אַריין טרעט) אין די גוטע וועג פון גוט הערציגקייט (וואָס דאָס איז די מוטער פון אַלע מִדּוֹת טוֹבוֹת) מאַך איך בּיי זיך אָפּ עפּעטין בּעשׁלוּם מוֹחֵל צו זיין אַלע מענשין וואָס האָבין געזינדיגט קעגין מיר, אונ אַזוי ווי איך בּין זיי מוֹחֵל אַזוי זאָלסטו אַריין געבּין אַרָצוֹן אין האַרץ פון די מענשין וואָס איך האָב געזינדיגט קעגין זיי, אַז זיי זאָלין מיר אויך מוֹחֵל זיין *), אונ אַזוי ווי מיר זיינען זיך מוֹחֵל איינע די אַנדערע, אַזוי זאָלסטו ליבער האַרציגער גאָט אונז אויך מוֹחֵל זיין וואָס מיר האָבין קעגין דיר

מעשה אלפס

אין די גרויסע שטעט וואָס ערב יו"כ צו כַּפָּרוֹת ווערט אַגרויסע איינגשאַפּט אונ די שׁוֹחֲטִים זיינען וואַכעדיג אַגאַנצע נאַכט, איז דער וואָס מיידעט אויס שלאָגין כַּפָּרוֹת מיט איין עוֹף נור מיט געלט איז מַה טּוֹב, אונ ווען ער דאַרף שעכטין איין עוֹף לְכָבוֹד די סְעוּדָה, איז גלייכער אַליין מיט גיין אין בֵּית הַשְּׁחִיטָה. ניט פארלאָזין זיך אויף די מְשָׁרֶתֶת, כַּמָּה יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים זיינען זיך אַזוי נוֹהֵג, ווייל אין אַגרויסע איינגשאַפּט קען חָלִילָה טרעפין פיל סִבּוֹת. וּמִצְוָה גוֹרֶרֶת מִצְוָה, אַז ער וועט אַליין זיין אין בֵּית הַשְּׁחִיטָה וועט ער קריגען אַכּבוד די בְּרָכָה פון כִּסּוּי הַדָּם. — דער מִנְהָג איז אַרויס צו וואַרפין די נִידֶערִים פון די כַּפָּרוֹת וואָס דאָס מערבטע פיקען די עוֹפוֹת פון פרעמדע, הייסט דאָס זיי ווערין גישפייזט פון גְזֵלָה אונ די נִידֶערִים זיינען דאָך די ערסטע אֵבָרִים וואָס זיינען מְקַבֵּל די גְזֵלָה, דרום וואַרפט מען זיי אַרויס, כְּדֵי נעמען זיך אין נידאַנקען ערווייטערין זיך פון גְזֵלָה, אונ ווען ער האָט נעמען איין עֵילָה גיטאָן
אין

*) די תְּפִלָּה איז אַפְּעוּלָה נור ווענין די מענשין וואָס מ'האָט געזינדיגט קעגען זיי אונ מ'ווייס ניט פאַר יוֹם כִּפּוּר וואו זיי געפינען זיך, אָבער די וואָס מ'ווייס וואו זיי געפינען זיך מוז מען גיין זיי איבערבעטין.

גֶעזִינְדִיגְט, אוּנ זָאלְסְט אוּנְז הֶעלְפִין אָב צוּ הִיטֶען דֶעם הֵיילִיגֶען יוֹם כִּפּוּר וִוי דַיין רָצוֹן אִיז, סַיי מִיט'ן פַאסְטִין אוּנ סַיי דַאוֹוְנֶען מִיט אַרַיינְגֶעם גִידַאנְקֶען, אוּנ בִּזְכוּת זֶה זָאלְסְטוּ אוּנְז אָן חַתְמֶענֶען אַגוּט יָאהר, אַ שְׁנַת חַיִים, אַ שְׁנַת פַּרְנָסָה אוּנ נַחַת אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּנ אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אָמֵן.

תְּחִנָּה פוּן לִיכְט מַאכִין עֶרֶב יו"כ.

חַיינְט וִוי עֶס אִיז אַרוֹיס גִיקוּמֶען דִי שְׁטֶערִין לִיכְט אוּנ מֶען קוֹיפְט פַארְטִינֶע, זָאל מֶען זָאגִין דִי תְּחִנָּה בְּרֵיינְגֶענְדִיג דִי לִיכְט צוּ הוֹיז.

לִיבֶּער גְנֶעדִיגֶער פָאטֶער, אִיךְ הָאבּ פוּן דַיין כָּבוֹד וֶוענִין גִיקוֹיפְט *) צְוַויי לִיכְט, אֵיינֶע צוּם אָנְצִינְדֶען אִין שְׁלָאף צִימֶער, זִי זָאל אוּנְז דֶער מָאנֶען אַז דִי הֵיילִיגֶע נַאכְט יוֹם כִּפּוּר דַארְף מֶען זַיין בַּאזוּנְדֶער, אוּנ וִוי דִי לִיכְט רוּפְט זִיךְ „גֶעזוּנְד לִיכְט", זָאלְסְטוּ מִיר מִיט מַיין מַאן אוּנ קִינְדֶער אָן חַתְמֶענֶען אַ יָאהר פוּן גִיזוּנְד, אוּנ דִי צְוַוייטֶע לִיכְט אִיז לִיכְטִיג צוּ מַאכִין דַיין הֵיילִיגֶע שׁוּל (דֶעם מִקְדָּשׁ מְעַט) אוּנ בֶּעלַייכְטֶען דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת פוּן מַיינֶע אוּנ מַיין מַאנְס עֶלְטֶערִין אוּנ פַאר דִי עֶלִינְטֶע נְשָׁמוֹת וָואס לִיגִין אִין פֶעלְדֶער אוּנ וֶועלְדֶער, אוּנ פַאר אַלֶע קְדוֹשִׁים וָואס זַיינֶען אוּם גֶעקוּמֶען עַל קִדוּשׁ הַשֵּׁם, אוּנ פַאר דִי עֶלִינְטֶע נְשָׁמוֹת וָואס הָאבִין קֵיין קִינְדֶער נִיט גֶעלָאזִין, אוּנ פַאר דִי רֵיינֶע נְשָׁמוֹת פוּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלַאךְ, דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת זָאלִין זִיךְ דֶער וֶועקִין אוּנ מִיט הֶעלְפִין אוּנְז בֶּעטִין רַחֲמִים עֶס זָאל פַארְגֶעבִּין וֶוערִין אוּנְזֶערֶע זִינְד אוּנ מִיר זָאלִין

אִין גֶעלְט זַאבִּין, זָאל מֶען גֵיין גְלַייךְ אִיבֶּער בֶּעטִין אוּנ צוּרֶעכְט קוּמֶען מִיט יֶענֶעם, בִּיז וַואנֶען עֶר וֶועט מוֹחֵל זַיין, וַוייל אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת וָואס פוּן אֵיין מֶענְשׁ צוּם צְוַוייטִין אִיז יוֹם כִּפּוּר נִיט מְכַפֵּר, בִּיז וַואנֶען מ'קוּמְט צוּרֶעכְט מִיט יֶענֶעם. דִי מִדָּה פוּן אִידִין אִיז, אֵיינֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבִּין א יִפְ'ן צְוַוייטִין, דְרוּם אַז מ'בֶּעט אִים אִיבֶּער דַארְף עֶר מוֹחֵל זַיין בְּלֵב שָׁלֵם, אוּנ דֶער וָואס אִיז נִיט מוֹחֵל וֶוען מ'בֶּעט אִים אִיבֶּער, מִיט וָואסֶערֶע אוֹיגֶען קֶען עֶר קוּמֶען בֶּעטִין בַּיי הַשי"ת אַז עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין? — מֶען אִיז זִיךְ נוֹהֵג צוּ קוֹיפִין צְוַויי לִיכְט עיו"כ, אֵיינֶע אִין שְׁלָאף צִימֶער דָאס רוּפְט מֶען „גִיזוּנְד לִיכְט" (דִי גִיזוּנְד לִיכְט דַארְף זַיין אִין שְׁטוּבּ) אוּנ דִי צְוַוייטֶע אִין שׁוּל, הֵייסְט „נְשָׁמָה לִיכְט" פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן פָאטֶער אוּנ מוּטֶער אוּנ שְׁוֶוער אוּנ שְׁוִויגֶער. אוּנ וַוייל עֶס טְרֶעפְט פִיל מָאל אַז פוּן אַוֶועגְ פַאר לֶעשְׁט זִיךְ אַ לִיכְט, אוּנ אַנְדֶערֶע רֶעכֶענֶען דָאס חָלִילָה פַאר נִיט אַגוּטִין סִימָן אוּנ הָאבִּין גְרוֹיס צַעַר, אַלְזָא אִיז גְלַייכֶער

*) וֶוען מֶען מַאכְט אַלֵיין וֶועקְסֶענֶע לִיכְט, זָאגְט מֶען: אִיךְ הָאבּ פוּן דַיין כָּבוֹד וֶוענִין „גֶעמַאכְט".

גיהתמת ווערין צו אגוט יאהר, אויס גילייזט ווערין פון גלות אונ זוכה זיין צו זעהען די גרויסע שמחה פון תחית המתים במהרה. אמן.

תחנה פון בענשין די קינדער (ערב יו"כ פאר נאכט).

עס איז אהיילינגער מנהג בענשין די קינדער אידער מ'גייט אין שול, ווייל דאן קומט אן די גרויסע היילינקייט פון יום כפור אונ אלע טויערין פון רחמים ווערין גיעפינט.

ישימך אלהים כאפרים ומנשה, נאט ב"ה זאל דיר העלפין דו זאלסט זיין אזוי חשוב ווי אפרים ומנשה (אגרויסער לייט אין תורה ווי „אפרים" אונ אין וועלטליכע זאכין ווי „מנשה") (ווען מ'בענשט אנקבה זאגט מען) ישימך אלהים כשרה רבקה רחל ולאה). ויהי רצון, עס זאל זיין אגוטער ווילען פון אונזער פאטער פון הימל, ער זאל איין פליסען אין דיין הארצין איין ליבשאפט אונ איין עהרען פורכט צו איהם, עס זאל זיין גאטעס פורכט אויף דיין גיזיכט שטענדיג, אום דו זאלסט ניט זינדיגען, אונ דיין חשק זאל זיין שטענדיג צו תורה ומצות, דיינע אויגען זאלין לייכטין אין דער תורה, דיין מויל זאל ריידין דברי חכמה, דיין הארץ זאל טראכטין יראת שמים, דיינע הענד זאלען געבען צדקה. דיינע פיס זאלין לויפין צו טאן דעם רצון הבורא ב"ה, אונ טאן טובות אלע נויט בעדערפטיגע, אונ ער זאל דיר בענשין מיט זיהן אונ טעכטער צדיקים וצדקניות וואס זאלין עוסק זיין אין תורה ומצות זייער גאנצין לעבין, דיין קוואל זאל זיין אגיבענשטער, אונ ער זאל דיר צו שיקען אכשרה פרנסה, מיט כבוד אונ מיט נחת, אגרינגע פרנסה, דו זאלסט האבין רוהיגקייט צו דינען דיין בעשעפער, אונ זאלסט גשריבען אונ גיהתמת ווערין צו

מעשה אלפס

אבי צו געבין די ליכט דעם שמש, מ'זאל אליין ניט וויסין וועלכע מיין ליכט איז. — ערב יו"כ איז אמצוה צו עסין. נור מ'זאל עסין גרינגע זאכין וואס איז גרינג צו פאר דייען, אין דער פריאינגע סעודה איז אמצוה צו עסין פיש, אונ מען זאל אין זינגען האבין, איך עס בכדי איך זאל קענען פאסטין מארגין מקיים זיין דעם רצון הבורא ית"ש, וועט דאס זיין פארעכינט וויא מען וואלט פאסטין ביידע טעג. ערב יו"כ אונ יו"כ, ערב יו"כ נאך האלבין טאג איז אמצוה זיך טובל זיין אין אמקוה אדער אין אטייך אפילו ווען מ'איז גאר ריין. — ערב יו"כ איז אמצוה צו דאווענען מנחה מיט ניוויין אונ זאגין אשמנו אונ על חטא מיט אצובראכענע הארץ אונ חרטה האבין אויף די פאריגע שלעכטע מעשים אונ אויף דעם שלעכטין נאטור פון פיל ריידין, אונ מקבל זיין אויף זיך צו פירען זיך בדרך הישר אונ ניט ריידין דברים בטלים, בכדי מקיים צו זיין וואס די תורה זאגט אונז „לפני יי תטהרו" בעפאר דער היילינגער טאג קומט אן, זאלין מיר זיך ריינינגען פון די זינד.

אגליקליכען יאהר אונ ארויהיגען לעבין צווישין אלע צדיקים פון כלל ישראל, אמן.

נאכהער זאל מען ניין אין שול מיט גרויס הכנעה אונ עהרין פורכט פאר די הייליגקייט פון יום כפור.

תחנה עיו"כ פאר ליכט בענשין.

מיין הארץ ציטערט אין מיר אונ מיינע הענד טרייסלען זיך אז איך נעם אן צינדען די ליכט לכבוד דעם הייליגען אונ שרעקליכען טאג יום כפור, מיר שיינט אז פון אלע זייטין הער איך קולות (דע לפני מי את עומדת) פארגעס ניט פאר וועמען דו שטייסט יעצט, פארגעס ניט אז דו שטייסט פאר דעם גרויסין וועלט ריכטער, וואס וועט זיך יעצט אויף זיין ריכט שטול דיך צו משפטין פאר דיינע שלעכטע מעשים וואס דוא האסט גיטאן אגאנץ יאר.

אמנם חטאתי, אמת בארימהארציגער גאט, איך האב אין דעם יאר זייער פיל געזינדיגט, איך בין ניט יוצא גיוועזן ענטקעגין דיר אונ ענטקעגין אסך מענשין, אונ איך ווייס אז איך בין ניט ווערט דו זאלסט מיר מיינע גרויסע עבירות מוחל זיין, אבער אויף דעם הייסטו דאך (אל רחום וחנון) ווייל דו האסט רחמנות אויף די זינדיגע מענשין אונ דוא בעגנעדיגסט זיי ווען זיי קומען פאר דיר מיט צובראכענע הערצער אונ מיט גיוויין אונ בעטין פון דיר פערצייהונג.

מי אני, ווער בין איך זינדיגע פרוי, איך זאל זיך פאר דיר אויס טענהן אונ פארענטפערין זיך אויף די זינד וואס איך האב גיטאן? ווער בין איך שוואכע פרוי, איך זאל מיר שטעלין פאר דיר גרויסער גאט, וואס די גאנצע וועלט איז אין דיינע אויגין ווי אטראפין פון ים,

---

מעשה אלפס

דער הייליגער תנא רבי עקיבא זאגט (אין דער משנה סוף יומא) "אשריכם ישראל" וואהל איז אייך אידישע קינדער (לפני מי אתם מטהרין?) פאר וועמען רייניגט איר זיך פון אייערע זינד ערב יום כפור? (ומי מטהר אתכם?) אונ ווער העלפט אייך רייניגען זיך? (אביכם שבשמים) אייער פאטער פון הימעל, ווי חשי"ת זאגט דורך דעם נביא יחזקאל (וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם) איך וועל שפריינגען אויף אייך ריינע וואסער (כלומר, ריינע גידאנקען פון דער תורה וואס זי איז געגליכען צו וואסער) וועט איר געריינינגט ווערען (מכל טומאותיכם ומכל גלוליכם אטהר אתכם) פון אלע אייערע אומריינע מעשים אונ אלע שמוציגע גידאנקען וועל איך אייך ריין מאכין, אונ אויך דער נביא ירמיה זאגט (מקוה ישראל יי) השי"ת איז די אידישע מקוה, אזוי ווי אמקוה איז מטהר די טמאים, אזוי איז

אוּנ מִיט אֵיין וִוינְק קָאנְסְטוּ פוּן אִיר מַאכִין תֹהוּ וָבֹהוּ, אָבֶּער הֶער פוּן אַלֶע וֶועלְטִין, אַט דֶער פַאר גוּפָא וָואס אִיךְ בִּין אַזוֹי קְלֵיין אוּנ שְׁוַואךְ בַּארַארְפִּסְטוּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת הָאבִּין, דוּ אַלֵיין ווייסְט דָאךְ אַז דֶער שְׁוַואכֶער מֶענְשׁ טוּט וַוייעֶר אָפְט גָאר נִיט ווילֶענְדִיג אַזֶעלְכֶע זַאכִין וָואס דִיר אִיז נִיט לְרָצוֹן, אוּנ פַאר דִי זִינְד וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטָאן הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ פִיל גֶעלִיטֶען, פַאר דִיר זַיינֶען בַּאוואוּסְט דִי פִילֶע צָרוֹת אוּנ קְרֵיינְקוּנְג וָואס אִיךְ הָאבּ דֶעם פֶערְגַאנְגֶענֶעם יָאהר גִיהַאט, דוּ הָאסְט גִיהֶערְט מַיינֶע זִיפְצֶען וָואס זַיינֶען אַרוֹיס פוּן טִיפֶען הַארְצֶען, אוּנ הָאסְט אוֹיךְ גִיזֶעהְן דִי טְרֶערִין וָואס אִיךְ הָאבּ פִיל מָאל אִין דֶעם יָאר פַארְגָאסִין דוּרְךְ דִי פַארְשִׁידֶענֶע צָרוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, דִי צָרוֹת אוּנ דִי יִסוּרִים מִיט וֶועלְכֶע דוּ הָאסְט מִיךְ אִין דֶעם יָאר גִשְׁטְרָאפְט, זָאל שׁוֹין זַיין אֵיין אָפְּקוּמֶענִישׁ פַאר דִי זִינְד וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן, אוּנ דֶער נַייעֶר יָאר וָואס הֵייבְּט זִיךְ עֶרְשְׁט אָן פַר מִיר, זָאל זַיין (אַ שְׁנַת בְּרָכָה) אַגִיבֶּענְשְׁט יָאר אָן עַגְמַת נֶפֶשׁ, אָן זִיפְצֶען אוּנ אָן טְרֶערִין, דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ מִיט דַיינֶע פְלִיגֶעל בֶּעשִׁיטְצֶען מַיין מַאן מִיט מַיינֶע אוּנְשׁוּלְדִיגֶע קִינְדֶערְלַאךְ, דוּ גוּטֶער גָאט זָאלְסְט אוּנְז חָלִילָה נִיט צוּ שֵׁיידִין אוּנ זָאלְסְט אוּנְז בֶּענְשִׁין מִיט נַחַת אוּנ מִיט גְלִיק, מִיט גִיזוּנְד אוּנ מִיט פַּרְנָסָה, פַאר דֶעם שַׁיין פוּן דִי לִיכְט וָואס אִיךְ צִינְד אָן יֶעצְט לִכְבוֹד דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען אוּנ לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגֶען יוֹם כִּפּוּר, זָאלְסְטוּ זֶעהן נוּר דָאס בִּיסִיל גוּטֶעס וָואס מִיר הָאבִּין אִין דֶעם יָאר גִיטָאן, אוּנ אוּנְזֶערֶע זִינְד זָאלִין ווי שָׁאטִינְס אַוֶועק פְלִיהֶען פַאר דִי לִיכְטִיקַייט פוּן דִי גִיבֶּענְשְׁטֶע לִיכְט. אָמֵן.

מעשה אלפס

הקב"ה מְטַהֵר דִי יִשְׂרָאֵל, דִי לֶעצְטֶע רֵייד פוּן דֶעם תַּנָא ר' עֲקִיבָא אִיז וַוייעֶר שְׁוֶוער, (מִקְוֶה) אִיז נָאר דֶער טַייטְשׁ הָאפֶענוּנְג אוּנ עֶר טַייטְשְׁט נָאר אַמִקְוֶה וָואס מְ'אִיז זִיךְ טוֹבֵל? — וֶוען מֶען בַּאטְרַאכְט אָבֶּער גוּט, זֶעט מֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער ר' עֲקִיבָא הָאט דָא אוּנְז מְגַלֶה גִיוֶועזֶען אַיין טִיפֶען גֶעדַאנְקֶען, וָואס מִיר הָאבֶּען דָאס וַוייעֶר נֵייטִיג צוּ דִי מְחִילָה וּסְלִיחָה פוּן דֶעם הֵיילִיגֶען טָאג, ווייל אַגַאנְץ יָאהר הָאבִּין מִיר אַוִויכּוּחַ מִיט'ן רבש"ע, מִיר זָאגִין (הֲשִׁיבֵנוּ יְיָ אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה) הֵייבּ דוּ אָן פְרִיעֶר, קֶער אוּנְז צוּ זִיךְ וֶועלִין מִיר זִיךְ נָאכְהֶער קֶערִין צוּ דִיר, אוּנ הַשי"ת זָאגְט פַאר קֶערְט (שׁוּבוּ אֵלַי וְאָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם) קֶערְט זִיךְ פְרִיעֶר צוּ מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נַאכְהֶער קֶערִין צוּ אַייךְ, עֶרְקְלֶערְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער ר' עֲקִיבָא אַז יוֹם כִּפּוּר לָאוּט דֶער בּוֹרֵא ב"ה אִיבֶּער דָאס זַיינִיגֶע אוּנ גִיט אוּנְז נָאךְ, ווי מִיר זֶעהֶען אַז עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר פַאר נַאכְט צוּ לִיכְט בֶּענְשִׁין עֶפֶענֶען זִיךְ דִי טוֹיעֶרִין פוּן הֵיילִיגְקַייט אוּנ עֶס וֶוערְט אַרוֹיף גֶעגָאסִין אַ רוּחַ טַהֲרָה וּקְדוּשָׁה אוֹיף אִידֶעשֶׁע קִינְדֶער אַז עֶס חַאפְּט זִיךְ שְׁטַארְק בֵּיינְקֶען אוּנ

פַאר שְׁקִיעַת הַחַמָּה (זון אונטֶער גַאנג), צִינְדְט מֶען לִיכְט אונ דֶער נָאךְ זָאגְט מֶען דִי בְּרָכוֹת.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו, וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל יוֹם הַכִּפּוּרִים:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם. שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה:

וֶוען יוֹם כִּפּוּר גֶעפַאלְט אוּם שַׁבָּת זָאגְט מֶען דִי בְּרָכוֹת.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו, וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת וְשֶׁל יוֹם הַכִּפּוּרִים:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם. שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה:

דִי פְרוֹי וָואס הָאט גִיבֶּענְשְׁט לִיכְט, זָאל שׁוֹין אִין שׁוּל נִיט זָאגִין דִי בְּרָכָה שֶׁהֶחֱיָנוּ מִיטִין עוֹלָם, וַוייל זִי הָאט דָאךְ שׁוֹין גִיזָאגְט שֶׁהֶחֱיָנוּ צוּ לִיכְט בֶּענְשִׁין.

תְּחִנָּה עֶרֶב יוה"כ נָאךְ לִיכְט בֶּענְטְשִׁין.

גְרוֹיסֶער קֶענִיג! אִיךְ לוֹיבּ אוּנ דַאנְק דַיין לִיבֶּען נָאמֶען, וָואס דוּ הָאסְט מִיר מְזַכֶּה גִיוֶועזְן. מִיט דִי מִצְוָה פוּן לִיכְט בֶּענְשִׁין,

---

מעשה אלפס

וַויינֶען פוּן טִיפֶען הַארְצִין ווִי אַקִינְד בֵּיינְקְט צוּ אַלִיבֶּען פָאטֶער וָואס עֶר הָאט אִים אַנְאַנְץ יָאר נִיט גִיזֶעהְן אוּנ פְּלוּצְלוּנְג הָאט עֶר אִים דֶער זֶעהֶען, פַאלְט עֶר ארוֹיף אוֹיף אִים מִיט אַיין אָפֶענֶע הַארְץ אוּנ מִיט טְרֶערִין, דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא (אַשְׁרֵיכֶם יִשְׂרָאֵל) גְלִיקְלִיךְ זַייט אִיר אִידֶעשֶׁע קִינְדֶער אוּנ וָואהל אִיז אַייךְ, מִיט וֶועמֶען בּאֶגֶעגִינְט אִיר זִיךְ יֶעצְט עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר פַאר נַאכְט? מִיט אַייֶער צֶערְטְלִיכֶען פָאטֶער פוּן הִימֶעל וָואס אַנְאַנְץ יָאהר הָאט אִיר זִיךְ עֶרְוַוייטֶערְט פוּן אִים, אַלְזָא זָאלְט אִיר ווִיסֶען ווִי אוּים צוּ נִיצֶען דִי טַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע מִינוּטִין, שְׁטֶעלְט עֶר דָאס פָאר אִין אַצִיוּר, אַזוֹי ווִי אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַצַייט טָמֵא עֶר הָאט נִיט גֶעהַאט קַיין מִקְוֶה, פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ אִים מְזֻדַּמֵן גִיוֶוען אַ מִקְוֶה, אִיז עֶר פוּן גְרוֹיס אִיבֶּערַאשׁוּנְג אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין אִיר אוּנ אָבּ גֶעשְׁטַאנֶען אֵיינִיגֶע שָׁעָה אוּנ זִיךְ פִיל גֶעוַואשִׁין, אָבֶּער עֶר הָאט פַאר גֶעסִין

אונטער

אונ בַּאשֵׁיינֶען דֶעם הֵיילִיגֶען יוֹם כִּפּוּר, אוּנ בִּזְכוּת דִי מִצְוָה (פון ליכט בענשין) זָאלִין מַיינֶע גִידַאנְקֶען יֶעצְט אַרַיין גֵיין אִין דִי לִיכְטִיגְקַייט אוּנ הֵיילִיגְקַייט פוּן דֶעם גְרוֹיסִין אוּנ פָאַרְכְטִיגֶען יוֹם כִּפּוּר, ווִי דוּ עֶפִינְסְט יֶעצְט אַלֶע טוֹיעֶרִין פוּן הֵיילִיגְקַייט אוּנ עֶרְוֶועקְסְט דִי הֶערְצֶער פוּן דַיין לִיבֶּע פָאלְק יִשְׂרָאֵל צוּ תְּשׁוּבָה, מַיינֶע זִינְד זָאלֶען זִיךְ חָלִילָה נִיט לֵייגֶען בַּיין טִיר (ביין ארייננאנג) פוּן דֶעם הֵיילִיגֶען טָאג אוּם נִיט צוּ לָאזִין מַיינֶע גִידַאנְקֶען דֵיינְקֶען וֶועגִין דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן דֶעם טָאג, מַיינֶע גִידַאנְקֶען זָאלִין חָלִילָה נִיט בְּלַייבִּין פִינְסְטֶער, עֶס זָאל חָלִילָה דוּרְךְ דֶעם נִיט פַאר פִינְסְטֶערְט וֶוערִין דִי לִיכְט פוּן מַיין לֶעבִּין, דוּ זָאלְסְט מִיר חָלִילָה נִיט חַתְמֶנֶען צוּם טוֹיט, אָדֶער חָלִילָה אִין פִינְסְטֶערִין בּוּךְ פוּן אַלְמָנוֹת, אוּנ אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ יֶעצְט לִיכְטִיג גֶעמַאכְט מַיין הוֹיז לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגֶען טָאג, אַזוֹי זָאל מַיין נְשָׁמָה וָואס זִי אִיז פִינְסְטֶער גֶעוָוארִין אִיבֶּער מַיינֶע זִינְד, דֶער לַייכְט וֶוערִין דוּרְךְ דִי מִצְווֹת פוּן דֶעם הֵיילִיגֶען טָאג, דָאס הֵייסְט דֶער פַאסְטִין אוּנ דִי תְּפִלּוֹת וּבַקָשׁוֹת וָואס אִיךְ וֶועל דַאוְונֶען מִיט הַארְץ (מִיט גְרוֹיס כַּוָנָה), אוּנ דוּרְךְ דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט מִיךְ מְזַכֶּה זַיין צוּ טָאן אַגַאנְץ יָאר, אָמֵן.

נָאךְ אַתְּחִנָה עֶרֶב יו"כ נָאךְ לִיכְט בֶּענְטְשִׁין.

הַנֵרוֹת הַלָלוּ, דִיזֶע לִיכְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעצוּנְדִין לְכָבוֹד יוֹם כִּפּוּר וָואס דוּ הָאסְט אִים גֶעהֵיילִיגְט, אוּם צוּ בֶּעלַייכְטֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נַאכְט אִין וֶועלְכֶע דַיינֶע קִינְדֶער דִי אָרֶעמֶע יוּדֶעלַאךְ קְלַייבִּין זִיךְ צוּזַאמֶען אִין דִי שׁוּלֶען אוּנ אִין דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּים

מעשה אלפס

אוּנְטֶער טוּנְקֶען דִיא קָאפּ, זֶעלְבִּיגְט פֶערְשְׁטֶענְדְלִיךְ אִיז, אַז עֶר בְּלַייבְּט דֶער זֶעלְבֶּער טָמֵא, דָאס גְלַייכִין אִיז דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר פַאר נַאכְט, אַז מִלֵייגְט חָלִילָה נִיט צוּ דִי קָאפּ אוּנ דֶעם מוֹחַ, אַרוֹים שְׁלָאגִין זִיךְ פוּן אַלֶע וֶועלְטְלִיכֶע גֶעדַאנְקֶען אוּנ זִיךְ אוּנְטֶער טוּנְקֶען דָאס הֵייסְט אַרַיין לֵייגִין דֶעם מוֹחַ אִין דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן דֶעם טָאג ווִי דִי תּוֹרָה שְׁרַייבְּט (וְעִנִיתֶם אֶת נַפְשׁוֹתֵיכֶם) אִיר זָאלְט פַּיינִיגֶען, כְּלוֹמַר אִינְטֶער טֶענִיג מַאכֶען אַייעֶרֶע בֵּיידֶע נְפָשׁוֹת, דֶעם נֶפֶשׁ הַחוּמְרִי דוּרְךְ נִיט עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען אוּנ דֶעם נֶפֶשׁ הָרוּחָנִי נִיט לָאזִין אִים טְרַאכְטִין קֵיין נַארִישֶׁע גִידַאנְקֶען, נוּר דוּרְךְ אוּים טְרַאכְטִין וֶועגִין דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן טָאג, אוּנ וֶועגִין זַיין גַאנְצֶע סֵדֶר עֲבוֹדָה מִיט דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלּוֹת אוּנ דִי ווִידוּיִם. דַאן וֶועט אִיר רֵיין וֶוערִין פוּן אַלֶע זִינְד, אָבֶּער וֶוען חָלִילָה (לַפֶּתַח חַטָאת רוֹבֵץ) אַז דֶער יצה"ר מִיט דִי זִינְד פוּן אַ גַאנְץ יָאהר לֵייגִין זִיךְ בַּיין טִיר, בַּיין אַרַיינְגַאנְג פוּן יוֹם כִּפּוּר אוּנ לָאזִין חָלִילָה נִיט אַרַיין טְרֶעטִין אִין דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן יוֹם כִּפּוּר. זֵיי פַאר דְרֵייעֶן דֶעם מוֹם

צוּגִיסֶען פַאר דִיר לִיבֶּער פָאטֶער זַייעֶרֶע בִּיטֶערֶע הֶערְצֶער, צְווִישִׁין דִי טוֹיזֶענְדֶער צוּבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער מִישְׁט זִיךְ מַיין צוּבְּרָאכִין הַארְץ אוֹיךְ אַרַיין, צְווִישִׁין דִי טַייכִין טְרֶערִין וָואס דַיינֶע קִינְדֶער פַארְגִיסִין דִי נַאכְט פַאר דִיר, וֶועלִין זִיךְ מַיינֶע טְרֶערִין אוֹיךְ אַרַיינְמִישֶׁען. אוּנ דִי אַלֶע יָמִים טְרֶערִין וֶועלִין פַארְלֶעשִׁין דַיין צָארִין וָואס בְּרֶענְט אוֹיף אוּנְז, דַיין אוּנְגְלִיקְלִיךְ פָאלְק יִשְׂרָאֵל, דוּ וֶועסְט אוּנְז בֶּעוַויזֶן, דָאס אַזוֹי וִוי מִיר הָאבִּין דִיךְ נִיט פַארְגֶעסִין, הָאסְט דוּ אוּנְז אוֹיךְ נִיט פַארְגֶעסִין, אַז מִיר זַיינֶען נָאךְ אִיצְט אוֹיךְ דַיינֶע גֶעלִיבְּטֶע קִינְדֶער, וְוִיא דוּ הָאסְט גִיזָאגְט דוּרְךְ יִרְמְיָה הַנָּבִיא (הֲבֵן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם), אֶפְרַיִם (דער כלל ישראל וואס ער רופט זיך אויף דעם נאמען פון אפרים) אִיז מַיין טַייעֶרֶער זוּן, מַיין צְעַרְטְלִיךְ קִינְד, אַז אִיךְ רֵייד וֶועגִין אִים דַייכְט מִיר דָאס הַארְץ אוֹיף אִים, דַארוּם וֶועל אִיךְ אוֹיף אִים רַחֲמָנוּת הָאבִּין (אזוי רעט גאט).

הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ, דִי דָאזִיגֶע לִיכְט וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גִיצוּנְדִין, זָאלִין פַאר מִיר זַיין אַיין אָנְהֵייבּ פוּן אַלִיכְטִיג גְלִיקְלִיךְ יָאר. אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעצוּנְדֶען דִי לִיכְט לִכְבוֹד דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען, אַזוֹי זָאלְסְטוּ הֵייסִין מַיין מַזָּל זָאל אָנְהֵייבִּין צוּ לַייכְטִין, אוּנ אַזוֹי וִוי דָאס פִינְצְטֶערְנֶעס וָואס אַנְטְלוֹיפְט פַאר דֶער שַׁיין פוּן לִיכְט, אַזוֹי זָאלִין פַאר מַיין לִיכְטִיגֶן מַזָּל אַנְטְלוֹיפִן אַלֶע מַיינֶע צָרוֹת. (וְתֵן בְּלִבִּי) גִיבּ אַרַיין אִין מַיין הַארְצִין דֶעם חֵשֶׁק צוּ טָאן גוּטֶעס אוּנ אַלְץ וָואס דִיר גִיפֶעלְט, שְׁטַארְק דָאס הַארְץ פוּן מַיינֶע קִינְדֶערְלַאךְ, זֵיי זָאלִין זִיךְ הַאלְטִין פֶעסְט אָן דִיר, דֶער גָאט פוּן זַייעֶרֶע עֶלְטֶערִין אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב, זֵיי זָאלִין חָלִילָה פוּן גְלַייכִין רֶעכְטִין וֶועג נִיט אַרָאפּ, זֵיי זָאלִין דִיר זַיין גִיטְרַייעֶ קִינְדֶער, אוּנ נוּצְלִיכֶע מֶענְשִׁין אִין דֶער וֶועלְט, דוּ זָאלְסְט שְׁטַארְקִין אוּנְזֶער בּוּנְד, אִיךְ זָאל חָלִילָה נִיט אָפּ-

מעשה אלפס

מִיט נָארִישֶׁע גִידַאנְקֶען, רוּפְט זִיךְ דָאס מֶען שְׁטֵייט אִין אַ מִקְוֶה טְהוֹרָה פוּן יוֹם כִּפּוּר אוּנ דִי קָאפּ אִיז אִין דְרוֹיסִין, טוּ וִוי אַזוֹי זָאל מֶען גִירֵיינִיגְט וֶוערִין? אוּנ וֶוען מִ'בַּאטְרַאכְט גוּט דֶעם גַאנְצִין קַאפִּיטֶעל אִין יִרְמְיָה זֶעט מֶען וִוי רִיכְטִיג ר' עֲקִיבָא'ס דְרַשׁ אִיז, וַוייל אִין גַאנְצִין קַאפִּיטֶעל דְרִיקְט דֶער נָבִיא אַלְס אוֹיס דֶעם וָוארְט „הָאפֶענוּנְג" מִיט'ן פֹּעַל בָּטוֹחַ (אָרוּר הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בָּאָדָם, בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּיְיָ, וְהָיָה יְיָ מִבְטַחוֹ) אוּנ צוּם עֶנְדֶע דְרִיקְט עֶר אוֹיס מִיט'ן פֹּעַל „קוה" („מִקְוֵה" יִשְׂרָאֵל יְיָ אוּנ נִיט „מִבְטַח" יִשְׂרָאֵל יְיָ) בִּכְדֵי צוּ בַּאמֶערְקִין אוּנְז דֶעם גִידַאנְקֶען, וֶוען אִיז הַשֵּׁי"ת אִידִישֶׁער הָאפֶענוּנְג? אַז עֶר וֶועט אוּנְז קֶערִין צוּ זִיךְ אַרוֹיף נִיסִין אוֹיף אוּנְז אַרוּם

טהרה

גערימען ווערין פון זיי, אונ זיי פון מיר, אונ איבער איאר אין דער צייט זאלן מיר אלע זיין אין דיין הייליגע לאנד אונ מיר זאלין דיר לויבין אין דעם בית המקדש וואס דו וועסט אראפ שיקען פון הימעל
במהרה, אמן:

אנא ה', איך בעט דיך ערבארמיגער פאטער, זעה דיין ליבע פאלק ישראל ווי אזוי זיי ציטערין אונ פארכטין זיך אקעגין דעם הייליגען יום כפור וואס קומט אן, זיי האבין איבער גיבעטין איינע די אנדערע אונ אב גיטאן פון זיך קנאה אונ שנאה, אונ האבין אנגיקליידעט ריינע ווייסע קליידער ווי מלאכים, אונ צו ברעכין זייער הארץ, אונ פאר גיסען טרערין מיט אביטער הארץ, דו זאלסט פאר געבין זייערע זינד אונ זאלסט זיי אן חתמנען אגוט יאהר. ליבער פאטער, דער מאן אונז די גוטע מעשים פון אונזערע הייליגע אבות אברהם יצחק ויעקב, אונ פון אונזערע אמהות שרה רבקה רחל ולאה, אונ צו רייס דעם שלעכטין גזר דין, אונ שטארק אונזערע קרעפטין מיר זאלין קענען פאסטין אונ טאן אלע זאכין וואס מיר גיהערין צו טאן היינטיגען טאג, אונ פאר היט אונז אז דער תענית זאל קיינעם ניט שאדן, אונ אלע שוואנגערע פרויען פון דיין פאלק ישראל זאלסטו אויסהיטען עס זאל זיי ניט פארשמעקין קיין עסינווארג אגאנצין מעת לעת, עס זאל ניט שאדין ניט זיי ניט דעם קינד, אונ זאלסט אננעמען לרצון די מצוה פון מיינע ליכט בענטשין לכבוד דעם הייליגען טאג, אונ זאלסט אונז חתמנען צו אגוט יאהר, אונ ערלייכט אונזערע אויגען מיר זאלין דר זעהן די ליכטיגקייט פון דיין תורה אונ די וויכטיגקייט פון דיינע מצות, אונ זאלסט מאכין לייכטין דיין שיין אויף ציון וירושלים
במהרה בימינו, אמן.

מעשה אלפס

טהרה וקדושה? ווען אז (מקוה ישראל יי) אז מיר וועלין אריין גיין אין זיין הייליגקייט ווי אין אמקוה, מיט'ן קערפער אונ מוח, דאן וועט ער זיין אונזער „מקור מים חיים" ווי דער נביא מנדינט דעם פסוק מקור מים חיים יי. מנדינט דער נביא (רפאני יי וארפא הושיעני ואושעה כי תהלתי אתה), כלומר, ער לערינט אונז ווי צו בעטין רחמים, הייל אונז גאש פון די פינסטערנעס פון חומר דאס מיר זאלין אים אונטערטעניג מאכין דורך דעם תענית, אונ העלף אונז צו ריינינגען אונזערע מחשבות אריין צו גיין אין דיא הייליגע מקוה אין דעם קוואל פון לעבין, וועלין מיר דאן אויס בעטין איין אמת'ע מחילה וסליחה וכפרה אונ א שנת חיים ופרנסה ושלום, אמן.

דער

רבש"ע, דו ביסט (אב הרחמן והסליחות) דער פאטער פון רחמנות און פאר געבונג און הייסט „אל רחום וחנון ארך אפים", איך קום פאר דיר מיט א איין געבויגענע קאפ, מיט א צובראכין הארץ. מיט גרויס פארכט און מיט גרויס ציטערניש, און בעט מחילה וסליחה וכפרה אויף מיינע זינד וואס איך האב גיטאן אגאנץ יאהר, סיי איך האב גיטאן געוויסן אדער אום געווין, איך ווייס אז מען קומט דיך בעטין מוזין די גוטע מעשים מליצים זיין, דען דיא צדקות פון דעם מענש טוט ממליץ זיין אויף אים, און איך האב קיין גוטע מעשים און אויך קיין צדקות גיטאן, און קיין גמילות חסד און רעכט פרומקייט איז אין מיר גאר ניטא, עס איז מיר ווי דעריבער, מיט וואס פאר א פנים שטעל איך מיר פאר דיין היילינען נאמען, נאר מיין גאנצע האפענונג איז אויף דיר, אז אין דער צייט ווערין גיעפינט די טויערין פון רחמים, און האסט אונז גיגעבין דעם טאג פון יום כפור צו פאר געבין אונזערע זינד, און האסט אונז גיבאטין דעם טאג פינף ענוים, איינס איז, מיר טארין ניט עסין און טרינקען, דאס אנדערע מיר טארין זיך ניט וואשין, דאס דריטע מיר טארין זיך ניט שמירען מיט אייל, דאס פערטע מיר טארין ניט גיין אין שיך (סיי אין שטוב און סיי אין שול)*), דאס פינפטע מיר מוזין זיך פון אונזערע מאנען אפ שיידין, די פינף זאכין זאלין איין כפרה זיין אויף אונזערע עונות, דאס פייניגען פון עסין און טרינקען זאל זיין א כפרה וואס מיר האבען דורכין יאהר גיגעסין און געטרונקען אן דרך ארץ פון דער תורה, היינו פיל מאל אן גיוואשן, פיל מאל אן א ברכה ראשונה ואחרונה, פיל מאל ניט אב געהיט ריכטיג כשרות ווי גיהעריג איז, בעט איך דיר אז דורך דעם וואס אונזער קערפער ווערט דער היצט פון דעם פאסטען, דורך דעם פייער זאל געלייטערט ווערען אונזערע נשמות, און דער פייניגען פון ניט וואשין, זאל מכפר זיין וואס מיר האבען אגאנץ יאהר פר

מוסר פאר כל נדרי.

דער פייטן זאגט אין די פיוט־פון ראש השנה ויום כפור (אדם יסודו מעפר וסופו לעפר, בנפשו יביא לחמו) דער

אנפאנג פון מענשין איז ערד און זיין ענדע גייט ער צו ערד, מיט זיין נפש ברייננט ער ארויין זיין ברויט, דאס ווערט ערקלערט דורך א משל, אמאל איז גיווען א בעל עגלה אויף דער עלטער האט זיך מיישב גיוועזן, אז

עס

*) א שלאפע פרוי אדער אקינדבעטארין דעם גאנצן חודש מעג זי גיין אין שיך.

פלעקט אונזערע נשמות, און דאס פיינגען אלס מיר מוזין אן שיך גיין, זאל עס מכפר זיין וואס מיר זיינען געלאפין מיט אונזערע פים צו בייזין, און מיר האבין גיטאן אונפאסיגע מעשים וואס מיר זיינען ווערט גיוועזין חרם חס ושלום, און ווער אין חרם איז מוז ער גיין אן שיך. און וואס מיר מוזען זיך אפ שיידען פון אונזערע מאנען, זאל מכפר זיין וואס מיר האבען פארבראכין אין די ענינים פון צניעות וואס גיהער צווישען מאן און ווייב, און איבער דעם האבין מיר פארפלעקט אונזערע קינדער און געבראכט צו פארלייגערין דעם גלות, דרום ליבער גאט דער וועק דיין דער בארימקייט און נעם אן אונזער תשובה און העלף אונז צו אגוט יאהר, צום לעבין און צו גיזונד און צו איין גרינגע פרנסה, און זאלסט אונז געבין איין לב טהור, מיר זאלען דיך דינען מתוך הרחבת הלב, און זאלסט אונז פאר גרינגערין דעם יאך פון אונזערע צרות, וואדום מיר האבען שוין קיין כח ניט אוים צו שטיין, מיר האבען ניט פאר קיינעם אונזער ביטער הארץ אוים צו ריידן, און מיר נעמען דאס אלץ אן באהבה, פילייכט וועסטו דיך שוין דער בארימען איבער דיין ארימע פאלק און וועסט זעהן אונזערע פיין, און גינעהן די גאולה אז מיר זאלין דאס יאר אוים גילייזט ווערין, און דער בית המקדש זאל געבויט ווערען אין אונזערע טעג, אמן סלה.

תחנה נאך תפלת יעלה.

די תחנה זאגט מען יום כפור ביי נאכט נאך כל נדרי ווען דער חזן זאגט אפ יעלה,

יעלה לפניך אבי שבשמים.

עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימעל, מיין וויינען און קלאגין פון מיין ביטער הארץ אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין אל״ף (אשמנו) וואס עס באטרעפט איינס, און זאלסט אונז גידיינקען דעם זכות וואס מיר טוען איינציגען דיין נאמען (ה׳ אחד).

מעשה אלפס

עס איז שוין צייט אנהייבין צו זאגין אויף אזא לאנגע רייזע וואס קיין קרעצמעס וועגין די לאנגע און גרויסע וועג וואס איפען וועג איז ניטא וואו צו קויפן שפייז, מ׳דארף פארין צו די עווינע וועלט, מ׳דארף אלעס צוא גרייטין ביין ארוים מ׳דארף עפעס צו גרייטין שפייז און הוצאות פארין פון הויז. האטו ער גישיקט

רופין

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער אין הימל, מיינע שמערצען וואס איך האב פון מיינע קינד וואס איך האב געטאן אגאנץ יאר, וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין בי"ת, אונ זאלסט אונז גידיינקען דעם זכות וואס מיר האבען מקבל געוועזן דיין תורה וואס זי הייבט זיך אן מיט איין בית פון בראשית.

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער אין הימעל, מיינע הייסע טרערען וואס איך טו יעצט פאר גיסען דרויף וואס איך האב ווידער גישפעניגט אקעגין דיר מיט די חטאים ועונות ופשעים, וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין גימיל, וואס באטרעפט דריי, אונ זאלסט אונז גידיינקען דעם זכות פון די דריי אבות הקדושים אברהם יצחק ויעקב.

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער אין הימעל, מיינע גרויסע זיפצען אונ קלאגען וואס איך טו יעצט קלאגען מיט איין ביטער הארץ אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס איך האב גיטאן ביז אהער, וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין דל"ת, וואס עס באטרעפט פיר, אונ זאלסט אונז גידיינקען דעם זכות פון די פיר אמהות הקדושות, שרה רבקה רחל ולאה.

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער אין הימעל מיינע תפלות ובקשות וואס איך בעט פאר דיר אויף מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס איך האב גיטאן אגאנץ יאר, וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין ה"א, אונ זאלסט אונז גידיינקען דעם זכות וואס מיר טוען לערנען די פינף הייליגע חומשים פון דיין תורה הקדושה.

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימעל, וואס איך קום יעצט פר דיר זיך מתודה זיין דרויף וואס איך האב פאר אום ריינגט מיין נשמה מיט די חטאים ועונות ופשעים, וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט אי"ו, אונ זאלסט גידיינקען צו דיין ליבע פאלק ישראל דעם זכות וואס זיי טוען לערנען די זעקס סדרים משניות. וואס דאס ווערט אן גערופען תורה שבעל פה.

מעשה אלפס

רופין איין נעוויסען למדן (אפרוש פון בית תורה, הן אין סחורה, מען שרייבט זיך המדרש) אונ שליכט מיט אים, עס זאל זיין אב. אונ דער צו לאזט דער בעל עגלה ביי זיי ביידען אריכטיגע שתפות, הן אין מאכין אפיינעם מאלצייט, נאכהער ווי דער

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימעל, מיין הארץ ווייטאג. אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים וואס איך האב מיט זיי פאר אום ווירדיגט מיין נשמה, וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין זיי"ן, און זאלסט אונז ליבער גאט גידיינקען דעם זכות פון דעם ליבען שבת קודש, וואס ער איז דער זיבעטער טאג פון דער וואך.

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימעל, מיין אונטער טעניגקייט וואס איך בין יעצט געקומען פאר דיר, וואס איך טו מיך באדיינקען וואס איך האב גיטאן אויף מיין לעבין פיל חטאים ועונות ופשעים, וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט א חי"ת, וואס דאס איז דאס אכטע אות פון אלף בית, און זאלסט אונז געדיינקען דעם זכות וואס מיר טוען מל זיין אונזערע זין דעם אכטין טאג.

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימעל, מיין קול פון גיוויין וואס איך בין יעצט געקומען צו שרייען און וויינען אויף מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין טי"ת, וואס דאס איז דאס ניינטע אות פון דעם אלף בית, און זאלסט אונז געדיינקען דעם זכות פון דיא צדקה וואס מיר האבין צו טיילט היינט אין דעם ניינטין טאג פון דעם חודש.

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימעל, דאס פאר ביטערניש פון מיין הארץ וואס עס איז פאר ביטערט און פאר זארגט אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס איך האב גיטאן פון מיין גיבארין אן ביז אהער, וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין יו"ד, וואס דס איז דאס צעהנטע אות פון דעם אלף בית, און זאלסט אונז געדיינקען דעם זכות וואס מיר היילעגן דעם טאג יום כפור, וואס ער איז דער צעהנטער טאג אין דעם חודש.

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער אין הימיל וואס איך טו פאר גיסען פיל תפלות ובקשות צו בעטין סליחה מחילה וכפרה

מעשה אלפס

אלטער איז גוט פריילך געווארן הייסט פאסאזירער וואוהין מען דארף, און וואס ער שפאנען די טרויקע פערד און זאגט צום ווערט איר טאן? (פרעגט דער פרוש פאר למדן (דערלאנגענדיג אים דעם בייץ) ניכער וואונדערט), איך וועל אוועק גיין אין בית ועצט זיך אויף'ן קעלנע און פארט מיט די המדרש (ענטפערט דער בעל עגלה), דען

מיר

אויף אַלֶע מיינֶע חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים, וָואס זֵייעֶר נָאמֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אַבָּ"ף, וָואס דָאס בַּאטְרֶעפְט צְוַואנְצִיג, אוּנ זָאלְסְט אוּנְז גִידֵיינְקֶען דֶעם זְכוּת פוּן דֶעם קָדְשֵׁי הַקֳּדָשִׁים וָואס אִיז גִיוֶועֶן בְּרֵייט צְוַואנְצִיג אֵיילִין.

יַעֲלֶה עֶס זָאל אוֹיף גֵיין פַאר דִיר מַיין פָאטֶער וָואס אִין הִימֶעל, מַיינֶע הֵייסֶע טְרֶערִין וָואס טוּעֶן רִינֶען פוּן מַיינֶע אוֹיגֶען אוֹיף דִי חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים וָואס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן אַגַאנְץ יָאר וָואס זֵייעֶר נָאמֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אַלַמֶ"ד, אוּנ זָאלְסְט אוּנְז גִידֵיינְקֶען דֶעם זְכוּת וָואס מִיר זַיינֶען הַיינְטִיגֶען חוֹדֶשׁ מְסַיֵּים דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס לָאזְט זִיךְ אוֹיס מִיט דֶעם אוֹת לַמֶ"ד פוּן וָוארְט יִשְׂרָאֵל.

יַעֲלֶה עֶס זָאל אוֹיף גֵיין פַאר דִיר מַיין פָאטֶער וָואס אִין הִימֶעל, וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט חֲרָטָה אוֹיף אַלֶע מַיינֶע חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים, וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט זֵיי וִוידֶער גִישְׁפֶּענִיגְט אַקֶעגִין דַיין לִיבֶּען נָאמֶען, וָואס זֵיי הֵייבֶּען זִיךְ אָן מִיט אַיין מ"ם וָואס בַּאטְרֶעפְט פֶערְצִיג, אוּנ זָאלְסְט אוּנְז גִידֵיינְקֶען דֶעם זְכוּת פוּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ וָואס עֶר אִיז פֶערְצִיג טֶעג אִין הִימֶעל גְעוֶועֶן צוּ מְקַבֵּל זַיין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

יַעֲלֶה עֶס זָאל אוֹיף גֵיין פַאר דִיר מַיין פָאטֶער וָואס אִין הִימֶעל, מַיין גְרוֹיסֶע קְלָאג אוּנ יָאמֶער וָואס אִיךְ טוּא יֶעצְט קְלָאגִין אוֹיף מַיינֶע חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים וָואס זֵייעֶר נָאמֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אַיין נוּ"ן, וָואס עֶס בַּאטְרֶעפְט פוּפְצִיג, אוּנ זָאלְסְט אוּנְז גִידֵיינְקֶען דֶעם זְכוּת וָוס מִיר הָאבִּין דִי תּוֹרָה מְקַבֵּל גְעוֶועֶן צוּ פוּפְצִיג טֶעג פוּן אוּנְזֶער אַרוֹיס גֵיין פוּן מִצְרַיִם.

יַעֲלֶה עֶס זָאל אוֹיף גֵיין פַאר דִיר מַיין פָאטֶער וָואס אִין הִימֶעל, מַיין גְרוֹיס בּוּשָׁה אוּנ חֶרְפָּה וָואס אִיךְ שֶׁעם מִיךְ דְרוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ וִוידֶער גִישְׁפֶּענִיגְט אַקֶעגִין דִיר מִיט חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים, וָואס זֵייעֶר נָאמֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אַיין סַמֶ"ךְ, וָואס עֶס בַּאטְרֶעפְט זֶעכְצִיג, אוּנ זָאלְסְט אוּנְז גִידֵיינְקֶען דֶעם זְכוּת פוּן דִי מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס דַיין לִיבּ פָאלְק יִשְׂרָאֵל טוּעֶן אִין דִי זֶעכְצִיג טֶעג פוּן דִי צְוֵויי חֳדָשִׁים אֱלוּל אוּנ תִּשְׁרֵי.

מעשה אלפס

מִיר זֵיינֶען דָאךְ שֻׁתָּפִים אִין אַלֶעם, דֶעם בֵּייזֶע מַעֲשִׂים אוּנ וֶוער רֶעט שׁוֹין וֶוענִין נִמְשָׁל אִיז אַיְיבִּטִיגֶער מוּסָר וָואס נִיהֶער צוּ נִיט רֵייגֶע גִידַאנְקֶען וָואס יֶעדֶער וֵוייס בַּיי תְּשׁוּבָה וּתְפִלָּה אִין דֶעם הֵיילִיגֶן יוֹם כִּפּוּר, זִיךְ, הַיינוּ תַּאֲוָה, קִנְאָה, שִׂנְאָה, אוּנ דִי וֶוען מִיר זָאלִין גוּט בַּאטְרַאכְטִין אוּנְזֶערֶע פִינְסְטֶערֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט מִיט'ן צוּנג.

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימעל, מיין געשריי וואס איך טו שרייען ווייא אויף מיינע חטאים ועונות ופשעים וואס איך האב געטאן אין דער צייט פון מיין לעבין, וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט דעם אות עי"ן, וואס עס באטרעפט זיבעציג, אונ דו זאלסט אונז געדיינקען דעם זכות פון דוד המלך וואס האט געלעבט זיבעציג יאהר.

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימעל, וואס איך בין געקומען אין דיין היילגער שול בעטין פון דיר דו זאלסט מיר מוחל זיין אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין פ"א, וואס עס באטרעפט אכציג, אונ זאלסט אונז געדיינקען דעם זכות פון משה רבנו וואס ער איז אלט געוועזן אכציג יאהר אין דער צייט וואס דו האסט דורך אים געטאן גרויסע וואונדער אין מצרים (ומשה בן שמונים שנה בעמדו לפני פרעה).

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימעל, מיין גרויסע קלאג אונ זיפצען וואס איך טו קלאגין אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט א צדי"ק, וואס עס באטרעפט ניינציג, אונ דו זאלסט אונז דער מאנען דעם זכות פון אונזער מוטער שרה, וואס דו האסט איר געענטפערט מיט א קינד צו ניינציג יאהר.

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימעל, מיינע ביטערע געשרייען וואס איך טו שרייען פון מיין טיפען הארצן אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים, וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין קו"ף, וואס עס באטרעפט הונדערט, אונ זאלסט אונז געדיינקען דעם זכות פון אברהם אבינו וואס ער האט געגלויבט אין דיר אונ דו האסט אים געגעבין צו הונדערט יאר א זוהן יצחק.

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימעל, וואס איך האב יעצט חרטה אויף אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים,

---

מעשה אלפס

צונג, היינו לשון הרע, רכילות, קללות דורך זיי זיינען מיר רעכטע מורדים קעגין אונ שבועות אונ דברים בטלים (פוסטע השי"ת, דאס ווערענד אין די וועלכע מינוט נארישע רייד) פיר עבירות וואס גיהער וואס מיר זינדיגען דאמאלסט גיט ער אונז קעגין לייטין, אויף די הארבע עבירות וואס חיות אונ כח, אונ אין אנוויילע ארום גייען

מיר

וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין רי"ש, אונ זאלסט אונז געדיינקען דעם זכות פון דעם הייליגען יום כפור וואס זיין נאמען לאזט זיך אוים מיט איין רי"ש.

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימעל, וואס איך קום יעצט זיך מתודה זיין פאר דיר אויף אלע מיינע חטאים עונות ופשעים, וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין שי"ן, אונ זאלסט אינז גידיינקען דעם זכות וואס מיר טוען אלע טאג זאגען דעם פסוק שמע ישראל, וואס ער הייבט זיך אויך אן מיט איין שי"ן.

יעלה עס זאל אויף גיין פאר דיר מיין פאטער וואס אין הימעל מיינע הארץ שמערצין אונ לייד וואס איך האב פון אלע מיינע חטאים ועונות ופשעים וואס זייער נאמען הייבט זיך אן מיט איין תי"ו, אונ זאלסט אונז מזכה זיין מיר זאלען „תשובה" טאן אויף אלע אונזערע זינד, אונ מיר זאלין מקיים זיין גאר דיין הייליגע „תורה" (מיט דעם תי"ו הייבט זיך אן תשובה אונ תורה). אונ אליהו הנביא (וואס ער הייסט „תשבי") זאל קומען במהרה בימינו, אמן.

תחנה פאר הזכרת נשמות.

רבונו של עולם, הער פון דער וועלט, וואס דו האסט באשאפען דעם מענשין אגוף מיט א נשמה, דער גוף איז שטויב פון דער ערד אונ די נשמה איז גינומען געווארן פון אונטער דיין הייליגען כסא הכבוד, אונ ווען דער מענש שטארבט, שיידין זיי זיך פארנאנדער, יעדערער גייט אוועק צו זיין ארט, דעם גוף לייגט מען אריין אין קבר אונ ער ווערט אום גיקערט צו ערד, אונ די הייליגע נשמה פליהט אוועק צוריק צו איר הייליגען רוהונג, צו איר הייליגען וואונונג פון וואנען זי איז גענומען געווארען. (אשרי האיש) וואל אונ גוט איז צו יענעם וועלכער האט גוטס געטאן אין די צייט פון זיין לעבען, ער האט ערפילט וואס דו האסט גיבאטען אין דיין הייליגע תורה, ער איז גיוועזען פרום צו גאט אונ צו לייטען, יענע נשמה קומט

מעשה אלפס

מיר (מחמת גרוים גיוואונהייט) דאוונען אונ מיר בעטין מיט די זעלבע אומריינע מויל אויף אגוט יאהר אונ פרנסה והצלחה, ווערענד מיר זיינען די זעלבע זינדיגער ווי פאר דעם, איז דען מעגליך דאס א מענש וואס ער האט ווידער נישפעניגט קעגן איין ש"י וועלכער האט שטענדיג מיט אים גרויסע חסדים געטאן אונ תיכף איידער ער האט

גליך נאך דעם טויט צו איר ערשטען ארט, עס איז איר די וועג ניט פארשטעלט אונ זי ווערט ניט אבגיהאלטען, דען דו שיקסט דיינע היילגע מלאכים זיי זאלין יענע נשמה צו נעמען אונ ברייננען גליך צו דיר. אונ דו פרייכסט דיך מיט איר, ווי אפאטער וואס האט באקומען צו זעהן זיין טייער קינד וואס האט אים אלאנגע צייט ניט גיזעהן, וואל אונ גוט איז יענע נשמה, צו איר תענוג אונ צו איר פארגעניגען איז גאר קיין גלייכען ניטא, אבער ווי עס איז באוואוסט, אז עס איז גאר אוממעגליך אז אמענש זאל טאן נאר גוטס אונ קיין מאל ניט זינדיגען, אונ די זינד מאכען נאך דעם טויט איין אייזערנע וואנט פאר די נשמה, זיי פארשטעלין איר די וועג אונ זי קען ניט ארויף גיין אונ קומען צו איר רוהע, אונ אנדערע מענשין ווערין חלילה צוגענומען פון דער וועלט אין די יונגע יארן, אדער פלוצלונג אום געריכט אונ זיי האבין נאך ניט פאריכט וואס זיי האבען באדארפט פאריכטען, דורך דעם קענען זייערע נשמות ניט גרייכען צוריק צו קומען צו זייער ערשטען היילגען ארט, אונ האבען קיין מנוחה ניט, אבער דו ביסט דאך אגאט פון חסד אונ פון רחמים, דו ערוועקסט דיינע רחמנות פיר מאל אין יאר, יום כפור, שמיני עצרת, פסח, שבועות, צו דיינקען אונ צו דער מאנען די נשמות אונ מעלה זיין זיי, עס זאל חלילה פון זיי קיינער ניט פארשטויסין ווערין אונ פארפאלין ווערין אין תהום, אין דיזע פיר צייטין איז דיינע ערבארימקייט גרויס צו ברייננען יענע נשמות צו זייער היילגע רוהע, צו דער הייבין זיי אונ זעצין זיא צווישין דיא היילגע נשמות פון אלע צדיקים קדושים וטהורים.

על כן, דרום קומען מיר יעצט אין איינע פון יענע פיר צייטען פאר דיר גאט ב"ה. מיט צו בראכענע הערצער. מיט הייסע טרערין, מיר וויינען אונ בעטין פון דיר ארון הנשמות, הער פון אלע נשמות דו זאלסט צו נעמען אונזער דאזיגע תפלה:

האט נאך אים איבער גיבעטין אונ אים פארשטעמט, גיבעסערט זיינע מעשים וועט ער שוין קומען צו אים ווידער בעטין. ער זאל אים נאך מער טובות טאן, דאס פארשטייט יעדער איינציגער אז עס איז נאריש אומ- דרום פארשטייט זיך דאס דער עיקר תפלה וואס עס איז גירעכינט ביי אונז אנשטאט קרבנות: איז נור גישטעלט באיפן. עס זאל פאר דעם זיין ארעכטע תשובה, ווי שלמה המלך האט

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עס זאל זיין דער ווילן פון דיר גאט ב"ה דו זאלסט עפענען די טויערן פון רחמים, און זאלסט ערוועקן היינטיגען טאג דיינע ערבארימקייט אויף די היילגע נשמות, דו זאלסט זיי דעם טאג דערמאנען און דיינקען צו דער הויבען און צו דער הויכען זיי, צו געבין זיי מנוחה צווישען די היילגע נשמות פון צדיקים און צדקניות, בזכות די תפלות וואס מיר זענען מתפלל, בזכות די היילגע תורה וואס מען האט גילייענט ובזכות די צדקה וואס מיר זיינען מנדב. זעה און פארנעם די טרערין וואס ווערין היינטיגען טאג פאר גאסין אין אלע שולין און בתי מדרשים, און פאר נעם מיינע טרערין אויך, הגם איך בין ניט ווערט, נאר בזכות תפלת רבים זאלסטו מיין גיוויין אויף הערין, דו זאלסט געבין רוהונג צו אלע היילגע נשמות און צו די היילגע נשמה פון מיין ···· וואס האט געהייסען מיטען נאמען ···· מיינע בייזע מעשים זאלסטו איצט ניט דער מאנען, איך זאל ניט גורם זיין חלילה מיט מיינע שלעכטע מעשים צו ערוועקין דעם מדת הדין אויף די נשמות פון מיינע עלטערין, וואס האבין מיר גיבראכט אויף דער וועלט, מיינע זינד זאלין ניט זיין אמחיצה פאר זייערע נשמות הקדושות, דאס זיי זאלין ניט קענן קומען חלילה צו זייערע היילגע מדרגות, נור אונזערע גוטע מעשים זאלסטו אויף זיי דער וועקין, דעם זכות פון אונזערע מצות און דעם זכות פון אונזער צדקה וואס מיר זאגין צו בלי נדר צו געבין, און בפרט דער זכות פון אונזערע קליינע קינדער, זאל דער וועקט ווערען אויף די היילגע נשמות פון אונזערע עלטערין, וואס האבין אונז גיבראכט אויף דער וועלט, אז זייערע נשמות זאלין דער הויכט און דער הויבין ווערין, און בפרט זאלסטו גאט ברוך הוא דער הויבין און אויף ברייגען אויף אהויכע מדרגה די נשמה פון מיין ···· און דו זאלסט צו נעמען מיין גיבעט ברחמים, אמן.

וְאַתֵּנָה נשמות הקדושות, און איר היילגע נשמות וואס מיר בעטין און מיר זיינען מתפלל פון אייערט וועגין צו דער מאגען

מעשה אלפס

געזאגט, בעת ער האט געבויט דעם בית המקדש און האט געבעטין אז ווער עס וועט קומען דארטין מתפלל זיין זאל השי"ת איהם ענטפערין, האט ער באן אין זיין תפלה פריער ערטה (ויהי ויבעלין?) — ויבו אליך והתפללו והתחננו וגו' והודו את שמך ואתה תשמע), דאס הייסט ווען זיי וועלין ··· האבין פון זייערע זינד און מאכין

אַייךְ, בֶּעטִין מִיר אַייךְ אִיר זָאלְט אָן אוּנְז אוֹיךְ נִיט פַאר גֶעסִן, ווִי מִיר פַאר גֶעסִין נִיט אָן אַייךְ, אִיר זָאלְט נִיט פַר גֶעסְן אָן אַייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס אִיר הָאט גֶעלָאזִין אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס אִיר הָאט זֵיי אוֹיף גִיהָאדֶעוֶועט מִיט מַאטֶערְנִעשׁ, מִיט צַעַר אוּנ מִיט טְרֶערְן, וָואס אִיר הָאט זֵיי גֶעמָאסְטִין אוּנ גֶעוואֹגֶען, אוּנ אִיר הָאט פוּן זֵיי נִיט אַרָאפּ גֶענוּמֶען אַייעֶרֶע אוֹיגֶען, זָאלְט אִיר הַיינְט אוֹיךְ פוּן אוּנְז נִיט אַרָאפּ נֶעמֶען אַייעֶרֶע אוֹיגִין, אִיר זָאלְט אַייךְ דֶער מָאנֶען אוֹיף אוּנְז אוּנ אוֹיף אוּנְזֶערֶע מַאנֶען אוּנ אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אִיר זָאלְט אַייךְ עֶרְוֶועקִין פוּן אַייעֶר הוֹיכֶע אוּנ הֵיילִיגֶע רוּהֶע, אוּנ אִיר זָאלְט זַיין פַאר אוּנְז גוּטֶע מְלִיצִים פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אִיר זָאלְט בֶּעטִין פַאר אוּנְז דֶעם אַלְמֶעכְטִיגֶען גָאט, עֶר זָאל זִיךְ מִיט אוּנְז נִיט בַּאגֵיין חָלִילָה מִיט דִין, אוּנ אוֹיף צוּ זוּכִין פוּן אוּנְז זַיינֶע חוֹבוֹת, נוּר עֶר זָאל זִיךְ מִיט אוּנְז בַּאגֵיין מִיט חֶסֶד אוּנ רַחֲמִים, עֶר זָאל אוּנְז מוֹחֵל זַיין אוּנְזֶערֶע זִינְד, אוּנ אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת זָאלִין אָן גִינוּמֶען וֶוערִין, עֶר זָאל אוּנְז הֶעלְפִין אִין אוּנְזֶערֶע נוֹיטִין (יום כפור זאל מען זאגין עֶר זָאל אוּנְז חַתְמֶנֶן צוּם לֶעבֶּען) עֶר זָאל אוּנְז דֶער לֵייגֶערִין דִי יָארְן, אוּנְז אוּנ אוּנְזֶערֶע מַאנֶען אוּנ קִינְדֶער אוּנ אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער אוּנ שְׁוֶועסְטֶער אוּנ אוּנְזֶערֶע קְרוֹבִים אוּנ אַלֶע גוּטֶע פְרַיינְד, מִיר זָאלֶען נִיט אָפּ גֶערִיסֶען וֶוערֶען פוּן דֶער וֶועלְט אִין אַצַייט, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלֶען זִיךְ חָלִילָה נִיט הָארֶעוֶוען בַּיי אַפְרֶעמְדֶע מוּטֶער, אוּנ מִיר זָאלֶען אוֹיךְ קֵיין אַלְמָנוֹת נִיט בְּלַייבְּן, אוּנ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלֶען נִיט בְּלַייבִּין קֵיין יְתוֹמִים, אוּנְזֶער זִיהן זָאל נִיט פִינְצְטֶער וֶוערִין אִין מִיטִין טָאג, מִיר זָאלִין נִיט ווִיסִין פוּן קֵיין טְרוֹיעֶר אוּנ פוּן קֵיין בְּרָאךְ, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלֶען בַּיי אוּנְז אִין גַאנְצִין זַיין, עֶס זָאל פוּן אוּנְזֶער שְׁטוּב קֵיינֶער נִיט פֶעלִין, אוּנ צוּ אַלֶע אַלְמָנוֹת אוּנ יְתוֹמִים זָאל גָאט ב"ה זַיין אַפָּאטֶער אוּנ אַבַּאשִׁיצֶער, עֶר זָאל הֵיילֶען אַלֶע צוּבְרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, עֶר זָאל אוּנְז צוּ שִׁיקֶען פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד אוּנ עוֹשֶׁר, מִיר זָאלֶען נִיט בַּאדַארְפִין אָן רִירֶען אַפְרֶעמְדִין, אוּנ מִיר זָאלֶען נִיט קוּמֶען צוּ שַׁאנְד, וָואס דָאס אִיז גְלַייךְ

מעשה אלפס

מַאכִין אַפֶּעסְטֶע הַסְכָּמָה נָאךְ אַמָאל נִיט אוּם זִיךְ נִיט אַזוֹי נוֹהֵג. דְרוּם טְרֶעפְט אָפְט אַז קֶערִין זִיךְ צוּא דִיא שְׁלֶעכְטֶע וֶועג אוּנ מִיר שְׁרַייעֶן אוּנ דָאךְ וֶוערִין נָאכְהֶער וֶועלִין זֵיי מִתְפַּלֵּל זַיין, דַאן מִיר נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט, גְלַייךְ ווִי אַקָרְבָּן אָן זָאלְסְטוּ זַיי עֶנְטְפֶערִין, אוּנ עייל מִיר זַיינֶען תְּשׁוּבָה אִיז קַיין פְּעוּלָה נִיט גִיוֶועזֶן. בַּייא

אונז

ווי דער טויט, אונ מיר זאלין זוכה זיין מגדל צו זיין אונזערע קינדער צו דער היילינגע תורה, ווי זאלן זיין פרום צו גאט אונ גוט צו מענשין, איר היילינגע נשמות פאר דעם זכות וואס מיר גיבין צדקה פון אייערט וועגן, בעט פאר אונז השם יתברך, ער זאל אונז שטארקין אונזערע הערצער צו גיין אין זיין רעכטע וועג, מיר זאלען ניט פערטרונקען ווערין אין די תאוות פון דער וועלט, מיר זאלען ניט פערפיהרט ווערען פון יצר הרע, בזכות אונזערע אבות הקדושים אברהם יצחק ויעקב אונ בזכות אונזערע אמהות שרה רבקה רחל ולאה, אונ בזכות די נשמות פון אלע צדיקים אונ צדקניות, אונ מיר זאלין זוכה זיין צו זעהן, בנין בית המקדש אונ תחיית המתים במהרה בימינו, אמן.

סדר הזכרת נשמות.

מען איז זיך נוהג צו דער מאנען די נשמות פון די עלטערין אין שלש רגלים אונ אום יום כפור אונ מען זאגט צו צו געבין צדקה וועגין זיי.

נאך איין פאטער זאגט מען דאס:

יזכור אלהים נשמת אבא מורי (פב"פ) שהלך לעולמו בעבור שאתן בלי נדר צדקה בעדו, ובשכר זה תהא נפשו צרורה בצרור החיים, עם נשמת אברהם יצחק ויעקב, שרה רבקה רחל ולאה, ועם שאר צדיקים וצדקניות שבגן עדן, ונאמר אמן:

יזכור דו זאלסט געדיינקען גאט, די נשמה פון מיינעם פאטער ער הייסט מיט זיינעם נאמען (פב"פ) דער דא איז גיגאנגען אויף די אמת'ה וועלט, זאלסטו גידיינקען אים אום ווילין דאס איך וועל געבין בלי נדר צדקה פון זיינעט וועגין, אונ פאר דעם שכר זאל זיין נשמה רוען אין גן עדן מיט די נשמות פון אברהם יצחק ויעקב, שרה רבקה רחל ולאה אונ אנדערע צדיקים אונ צדקניות וואס זיינען אין גן עדן אונ מיר ווערין זאגין אמן.

מעשה אלפס

אונז בעונותינו הרבים איז נאר דער הויפט אין די ענינים פון היילינגע מחשבות פאר־ אין עבודת השם דער גוף, (דער חומר) ברויכען דאס צו תורה ותפלה באטראכטין אונ די נשמה וואס איר עסק דארף זיין יעדער ווארט פון ד'אווגען ווי הויך ער איז

בבדי

נָאךְ אַיין מוּטֶער זָאגְט מֶען דָאס:

יִזְכּוֹר אֱלֹהִים נִשְׁמַת אִמִּי מוֹרָתִי (פב״פ) שֶׁהָלְכָה לְעוֹלָמָהּ, בַּעֲבוּר שֶׁאֶתֵּן בְּלִי נֶדֶר צְדָקָה בַּעֲדָהּ, וּבִשְׂכַר זֶה תְּהֵא נַפְשָׁהּ צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים, עִם נִשְׁמַת אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה, וְעִם שְׁאָר צַדִּיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת שֶׁבְּגַן עֵדֶן, וְנֹאמַר אָמֵן:

יִזְכּוֹר דוּ זָאלְסְט גֶעדֵיינְקֶען גָאט, דִי נְשָׁמָה פוּן מַיין מוּטֶער. זִי הֵייסְט מִיט אִיר נָאמֶען (פב״פ) דָאס זִי אִיז אַוֶועק אוֹיף דִי אֶמֶת׳ה וֶועלְט, זָאלְסְטוּ הַיינְט אִיר גִידֵיינְקֶען אוּם ווילֶען דָאס אִיךְ וֶועל גֶעבִּין בְּלִי נֶדֶר צְדָקָה פוּן אִירֶעטְ וֶועגִין, אוּנ פַאר דֶעם שְׂכַר זָאל אִיר נְשָׁמָה רוּהֶען אִין גַן עֵדֶן מִיט דִי נְשָׁמוֹת פוּן אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה, אוּנ אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים אוּנ צִדְקָנִיּוֹת דִי זַיינֶען אִין גַן עֵדֶן, אוּנ מִיר וֶועלִין זָאגִין אָמֵן:

אוֹיף אַנְדֶערֶע קְרוֹבִים זָאגְט מֶען דָאס:

יִזְכּוֹר אֱלֹהִים נִשְׁמַת אָבִי וְאִמִּי, זְקֵנַי וּזְקֵנוֹתַי, דּוֹדַי וְדוֹדוֹתַי, אַחַי וְאַחְיוֹתַי, בֵּין מִצַּד אָבִי, בֵּין מִצַּד אִמִּי שֶׁהָלְכוּ לְעוֹלָמָם, בַּעֲבוּר שֶׁאֶתֵּן בְּלִי נֶדֶר צְדָקָה בַּעֲדָם, וּבִשְׂכַר זֶה תִּהְיֶינָה נַפְשׁוֹתָם צְרוּרוֹת בִּצְרוֹר הַחַיִּים, עִם נִשְׁמַת אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה, וְעִם שְׁאָר צַדִּיקִים וְצִדְקָנִיּוֹת שֶׁבְּגַן עֵדֶן, וְנֹאמַר אָמֵן:

יִזְכּוֹר דוּ זָאלְסְט גֶעדֵיינְקֶען גָאט, דִי נְשָׁמָה פוּן מַיין עֶלְטֶער פָאטֶער אוּנ מוּטֶער, בְּרִידֶער אוּנ שְׁוֶועסְטֶער, פֶעטֶערְס אוּנ מוּמֶעס

מעשה אלפס

בכדי וויך צו מאכן אונזער הארץ און פייכט צו מאכן איר מיט הייליגע נידאנגקען. פאר ברוויכן מיר נאר די נידאנגקען אויף חבלים אין די פראסטע וועלטליכע שווינדלעריי און תאוות, דער היפך ווי עס דארף זיין באמת, און ווי עס איז גיוועזן פאר צייטן, דאס דער גוף האט גיאקערט די ערד. גיזייט געשניטען תבואה. אדער אנדערע האנד ארבייט, ווי אונזערע חכמים זיינען געוועזן פיל פון זיי בעלי מלאכות. מיט דיא הענד האבין זייא גיטאן דיא מלאכה און דער מוח איז גיוועזן אריין גיטאן אין הייליגע רעיונות פון חכמת התורה און תפלה בכונה, דאס באקלאגט זיך דער

פייטן

וואס זיינען געגאנגען אויף די אמת'ה וועלט, אום ווילין דאס איך וועל געבין בלי נדר צדקה פון זייערט וועגין, פאר דעם שכר זאלין זייערע נשמות רוען אין גן עדן מיט די נשמות פון אברהם יצחק ויעקב, שרה רבקה רחל ולאה, אונ די אנדערע צדיקים די זיינען אין גן עדן, אונ מיר וועלין זאגין אמן:

יזכור אלהים נשמת (פב"פ) ונשמת כל קרובי וקרובותי, הן מצד אבי והן מצד אמי, הן שהומתו הן שנהרגו הן שנשחטו ושנשרפו ושנטבעו ושנחנקו על קדוש השם, בעבור שאתן בלי נדר צדקה בעד הזכרת נשמותיהם, ובשכר זה תהיינה נפשותיהם צרורות בצרור החיים, עם נשמות אברהם יצחק ויעקב, שרה רבקה רחל ולאה, ועם שאר צדיקים וצדקניות שבגן עדן, ונאמר אמן:

יזכור דו זאלסט געדיינקען גאט, די נשמה פון דעם ועלביגען (פב"פ) אונ די נשמות פון אלע מיינע פריינד, פון מיינע פריינדים פריינד, סיי פון מיין פאטערס צד, סיי פון מיין מוטערס צד, די וואס זיינען געשטארבין אויף זייער בעט, אונ אויך די וואס ניט אויף זייער בעט, זאלסטו היינט געדיינקען אום ווילין וואס איך וועל געבין בלי נדר צדקה וועגין זייערע נשמות, פאר דעם שכר זאלין זייערע נשמות רוען אין גן עדן מיט די נשמות פון אברהם יצחק ויעקב, שרה רבקה רחל ולאה אונ אנדערע צדיקים די אין גן עדן זיינען, אמן:

אל מלא רחמים, שוכן במרומים, המצא מנוחה נכונה על כנפי השכינה, במעלות קדושים וטהורים כזוהר הרקיע מזהירים, את נשמת (אבי מורי)

מעשה אלפס.

פיוטן אדם יסודו מעפר וסופו לעפר) דאס ערדישען אונ פראסטין לעבין, אבער עס הייסט דער גוף וויאס ער ווערט אן נערופין לאוט זיך נאר אוים אין היפך, היינו ער ,ארבי ילשין ארמה) ווייל זיין גאנצער לעבינט אונ דאייגט בלומרשט אונ בנפשו יסוד פון אנהויב ביז סוף איז נאר דורך יביא לחמו זיינע ברויט שאפט ער זיך נאר אוים ערד, אונ דרום דארף ער אויך אין מיט זיין נפש, כלומר, מיט מחשבות ארבייטין אונ בעזארגין דא אין דעם אונ שכל פון די נשמה, דאס הייסט דער

בעל

(פב"פ) שֶׁהָלַךְ לְעוֹלָמוֹ. בַּעֲבוּר שֶׁאֶתֵּן בְּלִי נֶדֶר צְדָקָה בְּעַד הַזְכָּרַת נִשְׁמָתוֹ, בְּגַן עֵדֶן תְּהֵא מְנוּחָתוֹ, לָכֵן בַּעַל הָרַחֲמִים יַסְתִּירֵהוּ בְּסֵתֶר כְּנָפָיו לְעוֹלָמִים, וְיִצְרוֹר בִּצְרוֹר הַחַיִּים אֶת נִשְׁמָתוֹ, יְיָ הוּא נַחֲלָתוֹ, וְיָנוּחַ עַל מִשְׁכָּבוֹ בְּשָׁלוֹם, וְנֹאמַר אָמֵן:

אֵל מָלֵא רחמים, גאט ברוך הוא וואס ער איז פול מיט דער בארימהַקייט, ער רועט אין הימעל, מאך גרייכען איין רעכטע רואונג אויף דעם באשיצונג פון דער שכינה, מיט הייליגע אונ ריינע מַעֲלוֹת ווי דאס לויטערקייט פון הימעל זאל לייכטין די נשמה פון (מיין פאטער)(פב"פ) וואס ער איז גיגאנגען אין זיין עוויגקייט, פון וועגן וואס איך בין מנדב צדקה צו ליב מען האט דער מאנט זיין נשמה, זיין רואונג זאל זיין אין גן עדן, דרום וועגן דער צדקה זאל גאט ברוך הוא וואס ער איז איין דער בארעמיגער זאל ער אים בעשיצען אויף עוויג אונטער זיין פליגעל, אונ זאל איין בינדין אין בונד פון עוויגען לעבין זיין נשמה, גאט ברוך הוא איז זיין ארב, אונ זיין גוף זאל רוען אין קבר מיט שלום, אונ דרויף וועלין מיר אלע זאגין אמן:

לנקבה אֵל מָלֵא רַחֲמִים שׁוֹכֵן בַּמְּרוֹמִים, הַמְצֵא מְנוּחָה נְכוֹנָה עַל כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה, בְּמַעֲלוֹת קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים כְּזוֹהַר הָרָקִיעַ מַזְהִירִים, אֶת נִשְׁמַת (אִמִּי מוֹרָתִי) (פב"פ) שֶׁהָלְכָה לְעוֹלָמָהּ, בַּעֲבוּר שֶׁאֶתֵּן בְּלִי נֶדֶר צְדָקָה בְּעַד הַזְכָּרַת נִשְׁמָתָהּ, בְּגַן עֵדֶן תְּהֵא מְנוּחָתָהּ, לָכֵן בַּעַל הָרַחֲמִים יַסְתִּירֶהָ בְּסֵתֶר כְּנָפָיו לְעוֹלָמִים, וְיִצְרוֹר בִּצְרוֹר

מעשה אלפס

בעל עגלה ווערט איין פרוש אונ דער פרוש אבעל עגלה, היינט וואס פאר אפנים קען דאס האבין?

ובפרט דעם הייליגען טאג יום כפור דאס מיר זיינען גלייך ווי די רייזענדער וואס זיי זיינען אריין אין די רעכטע טיפענעס פון ים אונ דער ים שטורעמט אונ קאכט, דאס יעדער מינוט איז דער לעבין אין סכנה, ראש השנה איז נור געווען די כתיבה אבער יום כפור איז די חתימה וואס די וועלט ציטערט פאר דעם הייליגען יום הדין, לאמיר ריין מאכין אונזערע מחשבות פון די וועלטליכע זאכין אונ אריין טאן זיי אין די הייליגע גידאנקען פון די תפלות ותחנונים, אונ לאמיר אלע באנאנד דאוונען מיט גרוים כונה אונ וויינען אונ

בעטין

החיים את נשמתה, יי הוא נחלתה, ותנוח על משכבה בשלום, ונאמר אמן:

אל מלא רחמים, גאט ב"ה וואס ער איז פול מיט דער בארימקייט, ער רועט אין הימעל, מאך גרייכין איין רעכט רואונג אויף דעם באשיטצונג פון דער שכינה, מיט הייליגע אונ ריינע מעלות אזוי ווי דאס לויטערקייט פון הימעל זאל לייכטען די נשמה פון (מיין מוטער) (פב"פ) וואס זי איז אין איר עוויגקייט גינאנגען, פון וועגין וואס איך בין מנדב צדקה צו ליב מען האט דער מאנט איר נשמה, איר רואונג זאל זיין אין גן עדן, דרום וועגין דער צדקה זאל גאט ברוך הוא וואס ער איז איין דער בארעמיגער זאל ער איר בעשיצען אויף עוויג אונטער זיין פליגעל, אונ זאל זיין איין געבונדען אין בונד פון עוויג לעבין איר נשמה, גאט ב"ה איז איר ארב, אונ איר גוף זאל רוען אין קבר מיט שלום, אונ דרויף וועלען מיר אלע זאגין אמן.

די תחנה זאל מען זאגין נאך הזכרת נשמות.

יהי רצון מלפניך, עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר מיין גאט אונ גאט פון מיינע עלטערין, דאס דו זאלסט לייכטין היינט מיט דיין גרויסין חסד אויף די הייליגע נשמות די דא ריידין מיט ליב אונ בעטין אויף דיין הייליג פאלק ישראל, אונ צווישען זיי זאלסטו דער לייכטען אויך די נשמה פון מיין פאטער אונ מוטער, אונ אויך די נשמות פון אלע מיינע פריינד, הן מצד אבי הן מצד אמי, אונ אלע די נשמות וואס שטייען אין די דריי שורות פון גן עדן אונ טוען ליבין גאט אונזער קעניג אונ בעטין לעבין אונ פרייד אויף אונז דיינע ליבע קינדער, אויך בעט איך פון טיפען הארצען דיין דער בארימקייט אז דו זאלסט מבטל זיין פון דיין פאלק ישראל אלע משיחיתים אונ אלע פורעניות אונ זאלסט דער לייגערין אונזערע יאהרין מיט שמחה אונ חיים ושלום ופרנסה

מעשה אלפס

בעטין מיט גרוים רחמים דעם הייליגען באשעפער ער זאל אונז ריינינגען די הארץ אום צו דינען אים מיט איין אמת, אונ ער זאל זיך שוין דערבארמען איבער זיין פאלק ישראל מיר זאלען חלילה ניט דער טרינקען ווערין אין דעם ים הצרות, ער זאל אונז חתמען אגוט יאהר, איאהר פון לעבין, פון געזונד אונ פרנסה בכבוד, מיר זאלען קענען ערציהען אונזערע קינדער בדרך הישר, אידין צו גאט אונ מענשין פאר דער וועלט אונ דער עיקר עס זאל שוין זיין אגאולה שלמה במהרה, אמן.

בע״בה (שֶׁיִּהְיֶה אֶצְלִי תּוֹרָה וּגְדוּלָּה בְּמָקוֹם אֶחָד) דָאס עֶס זָאל זַיין בַּיי מִיר תּוֹרָה אוּנ גְדוּלָּה צוּזַאמֶען, בִּכְדֵי מִיר זָאלִין דִיר דִינֶען מִיט גְרוֹיס נַחַת, אוּנ עֶס זָאל זַיין דַיין חֶסֶד אוֹיף אַלֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת אוּנ אוֹיף דֶער נְשָׁמָה פוּן מַיין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער זֵיי זָאלִין אוֹיף גֵיין אוּנ גְרֵייכִין פַאר דַיין הֵיילִיגֶען דֶער בַּארֶעמִיגֶען שְׁטוּל אוּנ דָארְטִין זָאל זַיין זֵייעֶר רוּאוּנג, לִפְנֵי וְלִפְנִים אוֹיף דֶעם הֵיילִיגֶען אָרְט וָואס קֵיין אוֹיג קָאן נִיט מַשִּׂיג זַיין נָאר דוּ אַלֵיין, אוּנ זָאלְסְט דֶער לַייכְטִין זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת מִיט לוֹיטֶערְקַייט, אוּנ דִי נְשָׁמוֹת וָואס הָאבִּין נָאךְ קֵיין כֹּחַ נִיט צוּ קוּמֶען צוּ זֵייעֶר רוּאוּנג אוּנ צְווִישֶׁן דִי נְשָׁמוֹת אִיז אוֹיךְ דִי נְשָׁמָה פוּן מַיינֶע קְרוֹבִים, בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער גָאט דֶער דָא לַייכְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנ פַאר דִי לַייט וָואס וואוֹינֶען אוֹיף דֶער עֶרְד, דֶער בַּארֶעמְיגֶער גָאט דֶער לַייכְט דַיין שְׁכִינָה אוֹיף זֵיי אוּנ דוּ זָאלְסְט צוּ דֶעקִין זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, אוּנ זָאלְסְט זָאגִין צוּם מַלְאָךְ וָואס אִיז מְמוּנֶּה אִיבֶּער זֵיי צוּ פַאר גְרִינגֶערִין פוּן זֵיי דֶעם מִשְׁפָּט, אוּנ זֵיי זָאלִין גֶעפִינֶען אִיטְלִיכֶער זֵייעֶר רֶעכְטֶע רוּאוּנג בְּשָׁלוֹם, אוּנ זֵיי זָאלִין גֵיין מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה אוּנְטֶער דִי פְלִיגֶעל פוּן דִי כְּרוּבִים, אָמֵן.

תְּפִלָּה לְיוֹם כִּפּוּר פַאר מִנְחָה.

יום כפור פַאר מִנְחָה זָאגְט מֶען פָּרָשַׁת עֲקֵדָה אוּנ דֶער נָאךְ זָאגְט מֶען דָאס.

וְשָׁחַט אֹתוֹ עַל יֶרֶךְ הַמִּזְבֵּחַ צָפֹנָה לִפְנֵי יְהוָה, וְזָרְקוּ בְּנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֲנִים אֶת דָּמוֹ עַל הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב.

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁתִּתְמַלֵּא רַחֲמִים עָלֵינוּ וְתִזְכּוֹר לָנוּ עֲקֵדָתוֹ שֶׁל יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אֲשֶׁר בַּיָּמִים הָהֵם בַּזְּמַן הַזֶּה בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי הָיְתָה עֲקֵדָתוֹ בְּהַעֲלוֹת

עברי טייטש

יְהִי רָצוֹן, עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילֶען פַר דִיר אוּנזֶר גָאט אוּנ דֶער גָאט פוּן אוּנזֶערֶע עֶלְטֶערִין, אַז דוּ זָאלְסְט פוּל ווֶערִין מִיט דֶער בַּארִימְקַייט אוֹיף אוּנז אוּנ זָאלְסְט אוּנז גִידֵיינְקֶען דִי עֲקֵדָה פוּן אוּנזֶער פָאטֶער יִצְחָק דֶער זוּהן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, וָואס אִין דֶעם צֶעהִנְטִין טָאג פוּן חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי אִיז גִיוֶועזֶן זַיין עֲקֵדָה אִין דֶער צַייט פוּן

הַמִּנְחָה, וּבְכֵן בְּרוֹב רַחֲמֶיךָ תִּזְכּוֹר לָנוּ כְּאִלּוּ אֶפְרוֹ צָבוּר וּמוּנָח עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ, וְתַבִּיט בְּאֶפְרוֹ לְרַחֵם עָלֵינוּ, וּבִזְכוּתוֹ וּבִזְכוּת אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם שֶׁנִּתְנַסָּה בַּעֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת וּבִתְפִלָּתוֹ, וְגַם בִּזְכוּת יַעֲקֹב אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם נָתַתָּ לָנוּ עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה לְכַפֵּר עַל חַטֹּאתֵינוּ. תִּתְמַלֵּא רַחֲמִים עָלֵינוּ לְבַטֵּל מֵעָלֵינוּ כָּל גְּזֵרוֹת קָשׁוֹת וְרָעוֹת, וּכְמוֹ שֶׁכָּבַשׁ אַבְרָהָם אָבִינוּ אֶת רַחֲמָיו לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ בְּלֵבָב שָׁלֵם, כֵּן יִכְבְּשׁוּ רַחֲמֶיךָ אֶת כַּעַסְךָ מֵעָלֵינוּ וְיָגוֹלּוּ רַחֲמֶיךָ עַל מִדּוֹתֶיךָ, וְתִתְנַהֵג עִמָּנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ בְּמִדַּת הַחֶסֶד וּבְמִדַּת הָרַחֲמִים וְתִכָּנֵס אִתָּנוּ לִפְנַי וְלִפְנִים מִשּׁוּרַת הַדִּין, וְתַבִּיט בְּדַם הַבְּרִית שֶׁמָּל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים, וּתְכַפֵּר כָּל עֲוֹנוֹתֵינוּ בְּכָל

עברי טייטש

מִנְחָה, דְרוּם זָאלְסְטוּ אוּנְז גִידֵיינְקֶען מִיט דַיין פִיל דֶער בַּארִימְקַייט גְלַייךְ וִוי זַיין אַשׁ אִיז גִיהוּיפִינְט אוּנ לִיגְט אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ אוּנ זָאלְסְט בַּאטְרַאכְטִין זַיין אַשׁ צוּ דֶער בַּארֶעמֶען זִיךְ אוֹיף אוּנְז, (וּבִזְכוּתוֹ) אִין זַיין זְכוּת אוּנ אִין דֶעם זְכוּת פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וָואס עֶר אִיז גִיפְּרוּבְט גֶעוָוארִין מִיט צֶעהֶן נִסְיוֹנוֹת אוּנ אִיז בַּיי גִישְׁטַאנֶען, אוּנ אוֹיךְ אִין דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער פָּאטֶער יַעֲקֹב עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאסְטוּ אוּנְז גִיגֶעבִּין צֶעהֶן טֶעג אוֹיף תְּשׁוּבָה צוּ פַאר גֶעבִּין אוּנְזֶערֶע זִינְד, אוּנ זָאלְסְט פוּל וֶוערֶען אוֹיף אוּנְז מִיט דֶער בַּארִימְקַייט צוּ פַאר שְׁטֶערִין אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּנ בֵּייזֶע גְזֵרוֹת פוּן אוּנְז, אוּנ אַזוֹי וִוי אוּנְזֶער פָּאטֶער אַבְרָהָם הָאט אוּנְטֶערְדְרִיקְט זַיין רַחֲמָנוֹת צוּ טָאן דַיין ווילִין מִיטְ'ן גַאנְצִין הַארְצִין, אַזוֹי זָאלִין דֵיינֶע רַחֲמָנוֹת אוּנְטֶערְדְרִיקֶען דַיין צָארִין אוּנ זָאלְסְט זִיךְ פִירִין מִיט אוּנְז מִיט דִי מִדָּה פוּן חֶסֶד אוּנ דִי מִדָּה פוּן רַחֲמִים אוּנ זָאלְסְט זִיךְ בַּאגִיין מִיט אוּנְז לִפְנִים מִשּׁוּרַת הַדִּין, אוּנ זָאלְסְט קוּקִין אוֹיף דִי בְּלוּט וָואס אוּנְזֶער פָּאטֶער אַבְרָהָם הָאט זִיךְ מַל גִיוֶועזְן אוּם יוֹם כִּפּוּר, אוּנ זָאלְסְט פַאר גֶעבִּין אוֹיף אַלֶע אוּנְזֶערֶע זִינְד, אַזוֹי וִוי דֵיינֶע גִירֶעכְטִיקַייט, אוּנ דוּרךְ דַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוֹת זָאל זִיךְ

צדקותיך, ובטובך הגדול ישוב חרון אפך מעמך ומעירך ומארצך ומנחלתך:

עברי טייטש

אוועק קערין דיין גרים צארין פון דיין פאלק און פון דיין שטאט און פון דיין הייליגע לאנד, אמן.

תחנה פון אוים נעמען צו מנחה יום כפור.

רבונו של עולם, דו ביסט דער פאטער פון רחמנות און פון פאר געבען די זינד, פאר נעם די שטימע פון מיין גיבעט און ענטפער מיר אין מיין טאן קלאפין אין די טויערין פון רחמנות, אז דו זאלסט מיר פאר געבין אלע מיינע זינד וואס איך האב געזינדיגט פאר דיר פון מיין יוגענט אן ביז היינטיגען טאג, און זאלסט ממלא זיין אלע שמות הקדושים וואס איך האב אין זיי פוגם גיוועזן, און זאלסט מיר געבין אוייכע הארץ איך זאל זיך אום קערין צו דיר בתשובה שלמה, און זאלסט מיך פירין אין רעכט פארטיגען וועג דיר צו דינען, (אחת שאלתי מאת יי׳ אותה אבקש) איין זאך טוא איך פערלאנגען פון דיר ליבער גאט, אז איך זאל זיצען אין דיין הויז (אין הייליגען בית המקדש) צייט מיין לעבין, איך זאל שפירין די ליבליכקייט פון גאט ב״ה און איך זאל שטיין פאר אים אין זיין היכל, לערין מיך גאט דיין אמת׳ה וועג און העלף מיר צו גיין אין איר, איינציג מיין הארץ אז איך זאל מיך פארכטין פאר דיין הייליגען נאמען, (לב טהור ברא לי אלהים) ליבער גאט! באשאף מיר א ריין הארץ און אפעסטין מוטה זאלסטו באנייען אין מיר. (אל תשליכני מלפניך ורוח קדשך אל תקח ממני) ליבער גאט! דו זאלסט מיך ניט אוועק ווארפין פון פאר דיר, און דיינע הייליגע געפיהלען זאלסטו פון מיר ניט אוועק נעמען, ליבער גאט! דער בארעם דיך איבער מיר און זאלסט ניט פאר שעמען מיין פייניגונג וואס איך האב פאר דיר היינט גיפאסט, וואס מיין גאנצער קערפער איז אבגעשוואכט פון תענית צו ליב דיין הייליגען נאמען. הער צו ליבער גאט מיין תפלה און מיין גישריי, זאלסט פאר נעמען מיינע טרערין. מיין תפלה זאל ביי דיר אזוי חשוב זיין ווי קטורת, דאס אויף הייבונג פון מיינע הענד

(אין תפלה) זאלין ניט גיין פארלארין, זאל ביי דיר אזוי זיין ווי איין
קרבן מנחה. ווי איז צו מיר דער הייליגער טאג פאר גייט באלד,
עס נעמט מיר אן א מורא און א ציטערנעש אז איך דער מאן מיך
מיינע זינד און איך וויים ניט אויב איך וועל ארויס גיין גירעכט פון
דעם משפט און פאר דיין גירעכטין בית דין, זכאי אדער חיב חס
ושלום, יעצט ליבער גאט איז מיין האפענונג נאר אויף דיר און אויף
דיין גרויס דער בארימקייט, אז דיין רחמנות זאל איין האלטין דיין
כעס, אז דו זאלסט זיך מיט מיר נוהג זיין במדת החסד ובמדת
הרחמים, און זאלסט מיט מיר טאן לפנים משורת הדין, און מיט
דיין גרויס גנאדע זאלסטו זיך אום קערין פון דיין גרים צארין פון
דיין פאלק ישראל און פון דיין הייליגער שטאט ירושלים, און זיי
מבטל פון כל ישראל אלע שלעכטעס, און זאלסט נייגין דאס הארץ
פון אונזער קייזער און פון זיינע יועצים אויף אונז צו גוטין, און זאלסט
אונז אן שרייבין אין ספר החיים מיט די צדיקים וואס זיי טוען דיין
ווילין און איינציגען דיין הייליגען נאמען, און אין ספר ברכה ושלום
ופרנסה טובה ישועות ונחמות, און זאלסט אונז געבין כח און קראפט
אז מיר זאלען באשטיין אקעגין דעם יצר הרע, ער זאל אונז ניט
מאכין שטרויכלען מיט איין דבר עבירה, און פון וועגין דיין הייליגען
נאמען זאלסטו ליבער גאט אונז פירען אין גוטען וועג און זאלסט אונז
אונטער לעהנען מיט דיין רעכטער האנד, אז מיר זאלען קענען
באשטיין בתשובה שלמה פאר דיר, צייט אונזער לעבין וועט זיין.
און דו זאלסט אונז ניט אוועק נעמען פון דער וועלט פאר דער צייט,
ביז מיר וועלין אויס לעבין אונזערע זיבעציג יאר כדי אז מיר זאלען
קענען פאר ריכטען וואס מיר האבין קיילע געמאכט, און גידיינק אונז
ליבער גאט דאס ליבשאפט פון אונזערע ערשטע עלטערין און דעם
ברית מיט דעם חסד און די שבועה וואס דו האסט געשווארען צו
אונזער פאטער אברהם און די עקדה וואס אברהם אבינו האט
גיבונדין זיין זוהן יצחק אויף דעם מזבח אין דעם טאג אין יענע צייט,
כדי צו טאן דיין ווילען מיט זיין גאנצין הארצין, דו זאלסט בינדין
אלע מקטרגים ומשטינים של מעלה וואס זיי ווילין מקטרג זיין פאר
דיר אויף דיין ליב פאלק ישראל, און זיי זאלין זיין ווי פלעווע פאר
דעם ווינט, און מאך שטום אלע שונאי ישראל וואס ריידין אויף אונז

שלעכטס אונ רייצין אויף דעם פראסטין נארד צו מאכין אויף אונז
פאגראמען, גיס אוים אויף זיי דיין צארין, לאז אויף זיי פאלין דיין
פחד אונ פארכט, מיט דיין גרויסע מאכט ואלסטו זיי מאכין שטומען
ווי איין שטיין, (עד יעבור עמך יי עד יעבור עם זו קנית) ביז וואנען דו
וועסט פירען דיין ליב פאלק ישראל צו דיין הייליגע לאנד אונ מיר
זאלין זוכה זיין צו זעהן אין גיכע צייטין. אין דער נחמה פון ציון
וירושלים. אמן כן יהי רצון. (ואני תפלתי כו' בריך שמיה כו').

איין נייע תחנה צו זאגין פאר נעילה.

ערבארמינער גאט. דער זיסער טאג יום כפור גייט באלד אוועק, די
זון פאר גייט שוין, איהרע ליכטיגע שטראהלען
פארבארגין זיך אונ די האלבע שוין ביין פאר תתמענען יעדעריגס גורל,
יעדעריגס מזל וואס די האסט פיר איס אז געשריבען, דער שרעקליכער
חותם ליגט יעצט אין דיין אייגענע האנד, רבונו של עולם איידער די
וועסט דיין הייליגען זיגעל לייגין אויף אונזער משפט, באטראכט דיינע
ארעמע קינדער, דיינע פערוואגעלטע שעפסעלאך. וועלכע שטייען
פאר דיר נאך פון נעכטין מיט א פערקלעמטע צובראכענע הארץ,
פערשמאכט, פעריאמערט, אונ זייערע אויגען איז אויסגעשטעלט נור
צו דיר אליין, בעטראכט ערבארעמיגער גאט די לאגע פון דיין ארעמע
פאלק, וועלכע פינסטערט אין תושכדיגען גלות שוין באלד צוויי
טויזענט יאר, בעטראכט וואס אינזערע עלטערין האבען געליטען ביז
היינט, ווי זיי האבין מקריב גיוועזען זייער לעצטען טראפין בלוט פאר דיין
הייליגען נאמען, בעטראכט הימלישער פאטער דעם ביטערין לעבין
פון דיינע ארעמע קינדער, וועלכע שטייען יעצט פאר דיר אונ
ערווארטין פון דיר אמחילה וסליחה אין דעם הייליגען יום הכפורים,
ווער נאך ווי די אליין גרויסער גאט ווייסט אונזערע צובראכענע הערצער,
אונזערע בלוטיגע וואונדין וועלכע מיר טראגין טיף אין אונזערע פערי
קלעמטע הערצער, נור די אליין ווייסט דאס, אז ניט דיך צו ערצערנען
חלילה האבין מיר געגין דיר פערבראכין, נאר אונזער שווערער
פינסטערער לעבין האט אונז דאצו גיבראכט, דער מאן זיך ערבארמינער
גאט וואס דיין טרייער קנעכט דוד המלך האט גיזאגט .מי כעמך ישראל
גוי אחד בארץ", ווער איז נאך ווי דיין פאלק ישראל איינער אויף דיין

גאנצער וועלט. וועלכער האט אזוי פיל געליטען איבער די הייליגקייט פון דיין גרויסען נאמען, עס איז שוין צייט דו זאלסט דער מאנען דיין הבטחה וואס דו האסט געגעבען אונזערע עלטערין, ווי לאנג נאך וועלין מיר זיין צו שאנד אונ צו שפאט אין אלע עקין דער וועלט, ערבארמיגער גאט וואס דו ביסט די קוועלע פון רחמנות, היינט איז דער טאג וואס דו בעשטימסט'ט יעדערנס גורל אויף דעם גאנצין יאר וואס זאל געשעהן, באלד פערשליסטו שוין אלע טירען, אונזער דעקרעט איז שוין אונטער געשריבען, מיט שרעק אונ ציטערניש שטייען מיר יעצט פאר דיר, פארנעם הייליגער פאטער אונזער געבעט, נעם צו זאמען אונזערע הייסע טרערין וועלכע מיר האבין פאר דיר פארגאסען, גיס זיי אריין אין דעם לאגיל וואו דו האלסט די טרערין פון אונזערע עלטערין אונ וואש אב מיט זיי די אלע פלעקין פון אונזערע נשמות, ערבארעם דיך אויף אונז אונ אויף אלע אונזערע ארעמע עלענדע אומגליקליכע ברידער, וועלכע זיינען צו זייט אונ צו שפרייט אין אלע עקין דער וועלט. לאז שוין זיין דער יאר וואס איז אוועק אסוף פון אונזערע צרות. הייל די וואונדין פון אונזערע בלוטיגע הערצער, טרייסט דיינע בעטריבטע פערביטערטע קינדער, שרייב זיי אן צו אגוטין לעבין אויפין נייעם יאר, דען צו דיר אליין האפין מיר, שיק אונז דעם גואל צדק אונ פיר אונז מיט שטאלץ אין דיין הייליגע לאנד במהרה בימינו. אמן:

תחנה למוצאי יום כפור.

רבון העולמים, הער פון אלע וועלטין, (מלך מלכי המלכים) קעניג איבער אלע קעניגען, מיר האבין גיפאלגט דיין הייליגע תורה, מיר האבין גיפאסט אטאג מיט אנאכט, מיר האבען נאך מוסיף גיווען מחול על הקודש, מיר האבען אויף זיך מקבל גיווען דעם עול מלכות שמים מיט דיין יחוד שמך הגדול, דאנקען מיר דיר פאר דיין ליבען חסד דאס דו האסט גישטארקט אונזער כח אויס צו האלטין די חמשה ענוים, בכדי דו זאלסט אונז מאכען ריין פון אונזערע עונות. יעצט רבונו של עולם אונזער מחשבה איז ערינסט מיר זאלען שוין בלייבין ריין, מיר זענען מקבל אויף זיך מיר זאלען שוין מער ניט זינדיגען, אונ דו וועלסט באשעפער זאלכט מצרף זיין מחשבה טובה למעשה, מיר זאלין זיין גיבענשט מיט אגוט יאהר, עס זאל זיין ביי אונז ליכטיג אין

יעדין

יעדין ווינקעלע, אונזער גליק זאל פאר אונז שיינען און מיר זאלין שוין זוכה זיין צו זעהן ווי דו וועקסט מקיים זיין אונזער האפנונג, לשנה הבאה בירושלים, אמן.

דער ענין פון שלש רגלים (און די אושפיזין פון סוכות).

דער שטיינער פון דער וועלט איז, אז יעדע פאלק מאכט אפאמעטניק צו די וויכטיגע זאכין פון זיין היסטאריע, און ווער האט נאך אזא רייכע וואונדערליכע היסטאריע ווי מיר אידין. ווי משה רבנו ע״ה זאגט (כי שאל נא לימים ראשונים) פרעג די וועלט היסטאריע פון זינט אן השי״ת האט באשאפען אדם הראשון, און פון איין עק וועלט ביז די צווייטע, אויב עס האט ווען געטראפען אזעלכע הויכווירדיגע זאכין, אדער פילייכט עטוואס ענהליך צו דעם, (השמע כם) אז אפאלק פון מיליאנען מענשין זאלין צלע הערין די שטימע פון גאט בעת ער האט ערשיינט מיט זיין כבוד פאר די פובליקע און האט מיט זיי גירעט פנים אל פנים (פערזאנליך) ווי מיר אידין האבין גיהערט? אדער וואו האט דאס פאסירט. אז איינער פון די געטער, וואס די פעלקער דינען צו זיי זאל פארפירען מלחמות מיט גרויסע וואונדער אום אויסצוקלייבין זיינע דינער, ווי דער גאט פון אברהם יצחק ויעקב, האט ערשיינט אין מצרים מיט אזעלכע גרויסע וואונדער און מלחמות געגען די מצרים, ביז נאכען ער האט ארויס גענומען זרע אברהם פאר אפאלק. אדער וועלכער גאט פון אלע פעלקער האט געפירט זיין פאלק פערציג יאהר אין אוויסטען מדבר וואס אמענש קען דארטין ניט דורך גיין און ער האט זיי אוים געהאלטין מיט שפייז און קליידונג און וואהנונג אזוי ווי אין אבאזעצטע לאנד. נעוואהנליך ווען מיוואלט פרעגין ביי אונז מענשין וואלטין מיר זאגין אז עס פאסט צו מאכין אויף דעם אוויכטיגען פאמעט, היינו מאכין אמראמארנעם פיגור משה רבנו און אזעק שטעלין אויף אשיינעם בולוואר (בעת מיר זיינען געווען אין אונזער לאנד) צום אנדיינקונג, אז דאס איז דער הויכוויכטיגער מענש וואס דורך אים איז גיטאן גיווארין די אלע וואונדער, און ער האט אראב געבראכט די עלעקטרי (דעם אור התורה), וואס אהן איר האט דיא וועלט ניכלאנדזעט טויזענדער יאהרין אין פינסטערע וועגין.

אונזער תורה האט אבער בעזייטיגט די מאטריאלע פאמעטניקעס, ווייל לבד וואס זיי ברייננען ווייניג נוצען, זיי שטייען נור אין איין ארט, און ווען מ׳ווערט צו זיי געוואהנט באטראכט מען זיי גאנץ קאלט, קענען זיי נאך פיל שאדין ברייננען, דער פראסטער נארד קען זיי נאך פאר געטער מאכין, דרום האט זי דאס פארבאטין (ופסל ומצבה לא תקימו לכם), קיינע בילדער

וואלט איך ניט מאכין אונ אוועק שטעלין, אי מכח אפאמעט ? זאגט דוד המע"ה (זכר עשה לנפלאותיו, חנון ורחום יי) דער ערבארעמיגער גאט וואס וויל פירין דעם מענשין צום עווינגען גליק, ער זאל מאכין זיין אין בורא עולם אונ פירין זיך נאך די פראגראמע וואס ער האט אים גיארדינט אין דער תורה, אונ ווייזין נסים נאכין אפט לזינגט ניט, וויל עס וועט פארין דער קורס פון אידישע קונאנט (פון תורה ומעשים טובים), וויל ווען ער וועט שטענדיג מיט די אויגען אז עס איז דא אבעשעפער, מוז ער דאך זיין נט אגיפרום, פארלירט זיך די בחירה, אלזא האט די השגחה אוים גירעכינט, אז עס לזינגט ניט צו ווייזין נסים אלע וויילע, נור ער האט גימאכט גייסטליכע פאטעמניקעס צו די אמאליגע נסים וואס ער האט געוויזען בעת ער האט אונז אויסערוואהלט פאר אפאלק, איז דורך די גייסטליכע פאטעמניקעס וואס זיי קומען פאר מיט די באוועגונג פון קערפער ווערט איין גישטעמפעלט אין אונזערע בלוט אונ אין אונזער הארץ אהבה צו השי"ת אונ פורכט פאר אים, היינו אויף די וואונדערליכע היסטאריע פון "יציאת מצרים" האט ער אונז פארארדינט איין פאטעמניק דעם "חג המצות" מיטין "קרבן פסח", די באשעפטיגונג פון דעם מיט פיל וואכין פריער ביז מ'נעמט אים אריין אין שטוב אונ נאך דעם מיטין פראווען דעם סדר, ערציילין די קינדער די גרויסע וואונדער ווי השי"ת האט זיך אב גירעכינט מיט פרעה אונ די מצריים פאר וואס זיי האבין אונז אזוי פיל געפייניגט, מאכט דאס א גרויסע ווירקונג איין צו פלאנצין אין אידישע הארץ דעם (שמע ישראל יי אלהינו יי אחד), ווי מיר האבין עס גוט ערקלערט אין מעשה אלפס ופרי הגפן (סדר בא, פרק "דער גרויסארטיגער רייכטהום").

אונ אויף די וואונדערליכע זאך, וואס השי"ת אליין האט ערשיינט פאר די גאנצע פאלק אויפין הר סיני אונ האט גירעדט מיט אונז די זיסע דברות פנים אל פנים, וואס דיזער גישמאק ליגט נאך עד היום אויף די ליפען פון אונזער נשמה (וויל אלע נשמות וואס דארפין געבארין ווערין זיינען דאן גישטאנען ביים גרויסען פארהאר) אונ זי בענקט זייער נאך דעם, ווי זי בעט זיך (ישקני מנשיקות פיהו) ווי איז מען דאס זוכה נאך אמאל צו הערין די זיסע ווערטער פון זיין מויל (כי טובים דודיך מיין) וויל דיזע פריינדשאפט איז ליבער אונ אנגינעהמער פון אלע פערגניגען וואס קען געבין אין דער וועלט, אויף דעם האט השי"ת אונז גיגעבין אפאמעט דעם היילינגען יום טוב "שבועות", אונ ווען דער איד איז זיך נאך מכין צו דעם שבועות'דיגע נאכט שפירט ער אין דער פריה בעת הערין "אקדמות" אונ קריאת "מתן תורה" עטוואס פון יענעם פערגניגען: (כאשר בארנו במאמר "אור חדש על ציון תכון עשה לנפלאותיו" לתיקון ליל שבועות).

און אויף די גרויסע וואונדער פון דעם אוים האלטין אונז פערציג יאהר אין דער מדבר, וואס דאס מיינט, אז ישראל וועט זיך האדערעווען מיט מזל, האט דער בורא געמאכט אפאמעט דעם „חג הסוכות, (זמן שמחתנו)“, ווייל די גרעבסטע שמחה ביי עלטערן איז, אז די קינד האדערעוועט זיך, בקיצור הייסט עס, „חג המצות“ מיינט אויף ישראל'ס געבורטס טאג (זמן חרותנו), מיר זיינען בעפרייט געווארין פון קנעכטין דאוז, ארויס געצויגען דעם קינד פון יעגיפטישע בויך, פון אפינסטערין איינגען מגעל וואס ישראליק איז דארטין גילעגין אצייט יאהרין ווי דער קינד אין מוטער לייב (גוי מקרב גוי). — „שבועות“ מיינט, אז ישראליק האט מיט מזל אנגהויבען צו גיין אין חדר און לערינט שוין (זמן מתן תורתנו), אבער די שמחה איז נאך ניט פאר פול, ווייל מ'קען ניט וויסען אויב דער שוואכער קינד, וואס איז אזוי פיל פערמוטשעט געווארין אין די יעגיפטישע בויך און גייט אין חדר לערנען, וואס די תורה איז מתשת כחו של אדם, אויב ער וועט מאריך ימים זיין? ובפרט ווי ער האט אויף זיך גרויס קנאה פון די צולאזענע קינדער וואס ווילען ניט לערנען (אנטיסעמיטען), זיי וואלטין אים פארברענגען מיט זייערע וואלפישע אויגען, אויף דעם האט מען אונז געגעבין דעם „חג הסוכות“, דער אמת'ער „זמן שמחתנו“, ווייל דאס ערינערט אונז די פערציג יאהריגע רייזע אין דער מדבר וואס מיט דער נאטור קען אמענש דארטין זיך ניט האלטין, האט דער בורא אונז אוים גיהאלטין מיט אלעם נוטין, ווי דער נביא זאגט (המדבר הייתי לישראל?) האבין זיך דען אידין געפילט אז זיי זיינען אין אמיטען מדבר? דאס גיט אונז צנוטע לערע אז דער קיום פון ישראל סבא איז מער איבער נאטירליך ווי נאטירליך, און חען איך ישראל ארבייט חיינת, ווייל ער איז אריין גיטאן אין לערנען און די צוויי פיסינע ברענגעדינע שלאנגען און עגדעשין האלטין אפין זייערע מיילער אויף אים און בלאזין אויף אים פייער מיט ניפט, אויף להכעים זיינע שונאים וועט ער זיך האדערעווען מיט גליק*), ביז די גאנצע וועלט וועט ערקענען (און אויך די

קליינע

*) דאס איז דער ענין פון די „אושפיזין“ אין סוכה, אין דעם היילינען יום טוב (זמן שמחתנו) באזוכין אונז די טייערע געסט, וואס זייער לעבענס-געשיכטע איז דער סימוואל פון דעם גידאנקען, „אברהם אבינו“ איז געוועזען געיאגט פון די צוויי פיסינע שלאנגען, וואס האבין אויף אים געשאטין פייער, און צו זייערע גרויסע שמערצין האט ער זיך געהאדערעוועט מיט מזל און גליק, אז צום ענדע האבין אים אלע גערופען „נשיא אלהים“. — „יצחק אבינו“ האבין אויף אים די פלשתים נישאטין פייער, צו גענומען די בארות, און נאכהער האט זייער קייזער אליין אים ארוים געשיקט (לך מעמנו), צום סוף צו זייערע פוקענעס האט דער קעניג מיט זיין מיניסטער געמוזט גיין צו אים שליסען מיט אים שלום, — „יעקב אבינו“ איז געוועזען שטארק געיאגט פון עשו און

לבן

קליינע קעפאלאך פון זייגע איינענע קינדער), צו ער איז אנאטירליכע זאך,
ער איז בעשאפען געווארען צו בעטראכטען די וועלט אונ בעגערען אלעמען
דעם הויכען אידיאל פון הכרת הבורא, דרום בעת זיין כאן גייט גראד
אויפ'ן רעלצע (די וועג וואס די תורה האט פאר אים גיאורדינט) מאכט ער
גרויסע פארשריטע אונ שטייט מיט גרוים כבוד, ווען אבער ער גייט צוראב
פון רעלצע, דא ליגט ער טיף אין דרערד, אונ האט קיינע האפענונג אז
זיין לאגע זאל זיך בעסערן, נור דער איין מיטעל אנווענדין קרעפטין ארויף
צוריק אויפ'ן רעלצע (אויף דעם דרך התורה), דאס איז בכלל דער ענין
פון די היילינע רגלים, אונ בפרטות דארף מען לייענען היילינע ספרים,
מנורת המאור אונ מעשה אלפס, דרום די מצוה פון ליכט בענשין, וואס
דאס איז דער צריינגאנג אין די היילינע ימים טובים דארף יעדע אידעשע
פרוי טאן מיט שמחה אונ גרוים יראת שמים, וועט זי זוכה זיין אז עם
זאלין ערלויכטין ווערין די אויגין פון אירע קינדער אז זייער לעבענס-באן
זאל חלילה ניט אראב גיין פון רעלצע (פון דרך התורה) זי זאל פון זיי נחת
האבין אויף ביידע וועלטין.

ברוך

לבן, אם ענדע איז עשו אים גיפאלין אויפ'ן האלז קושין, – „משה רבנו" איז געווען
א נרדף פון פרעה, ער האט אים געוואלט ארונטער נעמען די קאפ מיט'ן שווערד,
אם ענדע איז ער מיט זיין סוויטע געפאלען אים צו די פים אונ בעפרייט אלע אידין,
„אהרן" איז דאך געווים אנגוטער נאכט סוכות, די ענני כבוד אין דער מדבר האבין
מיר דאך געהאט נור צו ליב זיין זכות. – „יוסף" האט נעבעך גיהאט גיברענטע ליידין
אין מצרים, מ'האט אויף אים געמאכט אקרימענאל-בלבול אונ פארשפארט אים אין
אסטראג אויף צוועלף יאהר, אם ענדע זיינען זיי אכציג יאהר גילעגין אונטער זיין
האנד. –דוד המלך ע"ה איז געווען דער גרויסער נרדף, געוואלגערט זיך יאהרין
לאנג אין מדברות, נאכהער געיאגט פון איין איינגענעם קינד. אבער דער סוף איז ער
אלעמען איבער געקומען אונ איז געבליבען „דוד מלך ישראל חי וקים". ער האט
געוויזען די גאנצע וועלט, (ווי רועי) אז גאט איז מיין פיהרער, (לא אחסר) פון דעם
וואס איך פעל ניט, איך עקסעבטיר. לערינט אונז דער לעבענס-געשיכטע פון די
זיבען געסט, אז מיר קענען איך זאגין צו די אלע אומות. (ווי רועי) זעט אז גאט איז
דר הירט (אונ פיהרער) פון די שה פזורה ישראל, (לא אחסר) מיט דעם וואס איך עקסעבטיר
טויזענדער יאהר אין אזעלכע שלעכטע גרויזאמע וועטערין, אזעלכע גרויסע חוואלעם
וואס האבין איבער גיקערט די גרעסטע פערעהאדין האבין מיין קליינע שיפעלע ניט
גיקענט איבער קערין, אזעלכע גרויסע שטורמען וואס האבין אוים געריסען די
שטארקסטע בוימער, האבין מיין דינעם בוימעלע ניט געקענט רירען פון ארט, אזעלכע
ערד ציטערנעם וואס האבין צוריסען די גרעסטע פאלאצין האבין מיין קליינע סוכה'לע
נור אב גערוקט פון ארט, אבער זי איז גאנץ געבליבען, מיט דעם איז אבעוויז
אז איך בין בעשאפען צוא זיין „לאור עולם" מאכען אלעמען ערקענען
„אחדות הבורא".

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו, וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל יוֹם טוֹב: (ווען יום טוב גיפאלט שבת זאגט מען שֶׁל שַׁבָּת וְשֶׁל יוֹם טוֹב):

דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁהֶחֱיָנוּ דַארְף מֶען זָאגִין מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה וָואס מְ'הָאט דֶערְלֶעבְּט דֶעם הֵיילִיגֶען יוֹם טוֹב זְמַן שִׂמְחָתֵנוּ.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה *):

אום שבת חול המועד זאגט מען נור לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת (אבער נים קיין שהחיינו), דִי בְּרָכָה „לֵישֵׁב בַּסּוּכָּה" זָאגְט מֶען נִיט צוּ לִיכְט בֶּענְטְשְׁן נוּר אַז מְ'גֵייט עֶסְן אִין סוּכָּה.

תְּחִנָּה לְסוּכּוֹת נָאךְ לִיכְט בֶּענְטְשִׁין.

אויב אִין סוּכָּה אִיז קַאלְט אָדֶער צוּ לִיב אַיין אַנְאַנְדֶער אוּרְזַאךְ קֶען מֶען דָאס זָאגִין אִין שְׁטוּב.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶער פוּן דֶער וֶועלְט, אִיךְ דַאנְק אוּנ לוֹיבּ דַיין לִיבְּעֶן נָאמֶען וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז נָשִׁים מְזַכֶּה גִיוֶועֶן מִיט דִי מִצְוָה פוּן לִיכְט בֶּענְשִׁין צוּ בֶּעלַייכְטֶען דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, וָואס זִי אִיז אַיין אָנְדֵיינְקוּנְג צוּ דִי גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער וָואס דוּ הָאסְט גֶעטָאן מִיט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן דִי פֶּערְצִיג יָאהר וָואס זֵיי זַיינֶען גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מִדְבָּר, וָואס דָארְטִין אִיז נִיטָא קַיין הַייזֶער צוּ בֶּעשִׁיצְעֶן זִיךְ פוּן דִי זוּן בְּרֶענֶעֶנִיס, פוּן שְׁלֶעכְטֶע וֶועטֶערְן אוּנ פוּן דִי גוּס רֶעגִינְס, הָאסְטוּ זֵיי בַּאשִׁיצְט מִיט אַגְרוֹיסִין בַּאלַאגִין פוּן עֲנְנֵי כָבוֹד **) אוּנ הָאסְט זֵיי

אויס

*) דִי וַוייבְּער וָואס קֵיינֶער פוּן זֵייעֶרֶע בְּנֵי בַּיִת עֶסְט נִיט אִין סוּכָּה (אִיבֶּער וָואס פאר אַיין אוּרְזַאךְ עֶס אִיז) זָאלִין זֵיי נִיט בֶּענְצִין קַיין לִיכְט אִין סוּכָּה נוּר אִין שְׁטוּב וואוּ זֵיי עֶסִין, וַוייל דִי מִצְוָה פוּן לִיכְט צִינְדִין אִיז נוּר עֶס זָאל לִיכְטִיג זַיין וואוּ מֶען עֶסְט — אַבַּעל הַבַּיִת'טֶע אַווירְטִין וֶוען זִי בֶּענְשְׁט לִיכְט אִין סוּכָּה אוּנ לָאזְט דָארְטִין דִי לַייכְטֶער דַארְף זִי גוּט אַכְטוּנְג גֶעבִין מְ'זָאל דִי לַייכְטֶער נִיט גַנְבֶעֶנְעֶן, וַוייל דִי גַנָבִים לוֹיעֶרִין בַּיי דִי סוּכּוֹת צוּ לִיכְט בֶּענְשִׁין, אוּנ לְבַד וָואס עֶס אִיז אַשָׁאדִין אוּנ אַמָאל נָאךְ אַגְרוֹיסֶער (וֶוען עֶס אִיז זִילְבֶּער) וֶוערְט פוּן דֶעם אַפַארְשְׁטֶערְטֶער יוֹם טוֹב חָלִילָה, אַלְזָא דַארְף מֶען גוּט אַכְטוּנְג גֶעבִין.

**) אַגְרוֹיסֶע סוּכָּה פוּן וָואלְקִינְס, וָואס דָאס הָאט זֵיי גִיגֶעבִין גְרוֹיס עֶהְרֶע בַּיי אַלֶע אוּמוֹת, וִוי אִין שִׁיר הַשִּׁירִים שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבֶּען, אַז דִי אוּמוֹת הָאבִין גִיפְרֶעגְט אֵיינֶע בַּיי דִי אַנְדֶערֶע (מִי זֹאת עוֹלָה מִן הַמִּדְבָּר?), וֶוער אִיז עֶס דִיזֶע גְלִיקְלִיכֶע

פאלה

אוים גֶעהַאלְטֶען מִיט אַלֶע הִצְטַרְכוּת וָואס אַמֶענְשׁ פָּאדֶערְט, דוּ הָאסְט זֵיי גֶעשְׁפַּייזְט מִיט מָן פוּן הִימֶעל, מִיט וַואסֶער פוּן אַ קְוַואל וָואס הָאט זִיךְ מִיט גִיקַייקִילְט מִיט זֵיי וואוהִין זֵיי הָאבִּין גִירַייזְט, הַכְּלָל דוּ הָאסְט זֵיי גֶעהִיט וִוי דִי שְׁוַוארְצַאפֶּעל פוּן אוֹיג ״יִצְּרֶנְהוּ כְּאִישׁוֹן עֵינוֹ״א). גוּטֶער גָאט, אִיךְ בֶּעט דַיין רַחֲמָנוּת, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין בַּאשִׁיצְט מִיט דִי עֲנָנֵי כָּבוֹד פוּן רֶעגִין אוּנ פוּן דִי שְׁטַארְקֶע הִיץ פוּן דִי זוּן אוּנ פוּן דִי גְרוֹיסֶע שְׁלַאנְגֶען אוּנ דִי בְּרֶענֶענְדִיגֶע עֶנְדֶערְשִׁין פוּן דֶער מִדְבָּר, אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוּנְז אוֹיךְ בַּאשִׁירְמֶען דֶעם סוּכּוֹת פוּן רֶעגִין, עֶס זָאל אוּנְז נִיט שְׁטֶערִין מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן סוּכָּה, אוּנ בִּזְכוּת מִצְוַת סוּכָּה זָאלְסְטוּ אוּנְז בַּאשִׁיצֶען פוּן אַלֶע שְׁלַאפְּקַייטִין וָואס קוּמְט פוּן דִי גְרוֹיסֶע הִיצִין אוּנ פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע חֶעסְטֶערִין, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אוּנְז בֶּעשִׁיצֶען פוּן דִי צְווֵיי־פִיסִיגֶע שְׁלַאנְגֶען (די שונאי ישראל) וָואס מִיט זֵייעֶרֶע בֵּייזֶע צִינְגֶער וִוילֶען זֵיי פַאר בְּרֶענֶען דַיין צוּ זֵייטֶע אוּנ צוּ שְׁפְּרֵייטֶע פָאלְק. אוּנ דֶעם טִלְטוּל וָואס מִיר בְּרֶעכִין זִיךְ פוּן אוּנְזֶערֶע הַייזֶער צוּ גֵיין אִין סוּכָּה, זָאלְסְטוּ פַאר־

א) מְפָרְשִׁים שְׁרַייבִּין, בְּעֵת מַכַּת בְּכוֹרוֹת, אַז פַּרְעֹה הָט גִיגֶעבִּין רְשׁוּת, אִידִין זָאלִין אַרוֹיס גֵיין פְּרַיי פוּן זַיין לַאנְד, אוּנ אַזוֹי וִוי אִידִין זַיינֶען גֶעוֶוען צוּ שְׁפְּרֵייט אִין דִי גַאנְצֶע מְדִינָה, אִין גוֹשֶׁן, אִין רַעְמְסֵס אוּנ אִין נָאךְ פִיל עֶרְטֶער (בְּעֵרֶךְ פֶערְצִיג טֶעג נַאנְג) שְׁטֵייט אִין מְכִילְתָּא (פ׳ בא), אַז דִי שְׁכִינָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז גִינַאנְגֶען אִין לוּפְט אַזוֹי וִוי דוּרְךְ אַטֶעלֶעפָאן אוּנ הָאט זִיךְ גִיהֶערְט אִין גַאנְץ מִצְרַיִם צוּ אַלֶע אִידִין*), אוּנ הָאט זֵיי אִין דֶעם נָאמֶען פוּן הַשֵּׁי״ת בַּאשְׁטִימְט אֵיין אָרְט וואו אַלֶע זָאלִין זִיךְ צוּנָאמֶען קְלַייבִּין, דֶעם אָרְט הָאט מֶען נָאכְהֶער אָנְגֶענוּמֶען נִיגֶעבִּין „סוּכּוֹת, וַוייל אַזוֹי וִוי בְּדֶרֶךְ גֶם זַיינֶען זֵיי צוּ זַאמֶען גֶעקוּמֶען אִין אֵיינִיגֶע שָׁעָה פוּן גַאנְץ לַאנְד מִצְרַיִם אִין רַעְמְסֵס, אוּנ פוּן דָארְטִין (עֵרֶךְ דְרַיי טֶעג נַאנְג) קַיין סוּכּוֹת אַזוֹי וִוי אוֹיף אַדְלֶער פְלִיגְלֶען אוּנ אִין סוּכּוֹת זַיינֶען שׁוֹין גִיוֶוען אַלֶע אִידֶען (כְּשֵׁשׁ מֵאוֹת אֶלֶף רַגְלִי), הָאט שׁוֹין הַשֵּׁי״ת מִיט אַנַאכְט פְרִיעֶר צוּ גֶעגְרֵייט פַאר זֵיי סוּכּוֹת, עֶס הָאט אוֹיס גִיוַואקְסֶען אִיבֶּער נַאכְט (לֵיל טו נִיסָן) בְּדֶרֶךְ נֵס הוֹיכֶע בְּלֶעטֶער אַזוֹי וִוי דֶער קִיקָיוֹן דְיוֹנָה (שֶׁבִּן לַיְלָה הָיָה) מִיט שְׁמַאקְהַאפְטֶע בְּלוּמֶען צוּ מַאכִין זֵיי אַשָׁאטִין

איבערין

פָאלְק, וָואס זִי אִיז אַזוֹי עֶרְהוֹיבֶּען גֶעוָוארִין. (מִתְרַפֶּקֶת עַל דוֹדָהּ) זִי גֵייט גִיאַרֶעמְט מִיט אִיר גֶעלִיבְּטֶען, כְּלוֹמַר דִי גֶעטְלִיכֶע הַשְׁגָּחָה טְרֶעט פוּן זֵיי נִיט אָב אֵיין מִינוּט, עֶר פִירְט פַאר זֵיי אֵיין ווָאלְקִין־זֵייל בַּיי טָאג, וַוייזְין זֵיי דִי וֶועג, אוּנ בַּיי נַאכְט אַזֵייל פוּן פַייעֶר צוּ בֶּעלַייכְטֶען זֵיי.

*) אוּם עֶס זָאל דִיר קַיין ווּאוּנְדֶער זַיין, לֶערִין אָב מִקַּל וָחוֹמֶר פוּן דִי מַכַּת עָרוֹב, מַה דָאךְ אַרוֹיס פִּיחַ כִּבְשָׁן אִיז נִיט דִי נַאטוּר עֶס זָאל צוּ טְרָאגִין וֶוערִין וַוייט. אִיז דָאן פַארְגַאנְגֶער גֶעטְרָאגֶען גֶעוָוארֶען אִין גַאנְץ מִצְרַיִם, אַפְשִׁיטָא אַשְׁטִימֶע וָואס דֶער טֶעלֶעפָאן טְרָאגְט דָאס אַוֶועק גַאנְץ וַוייט. (מְכִילְתָּא שָׁם).

רעכענען פאר גלות עס זאל פארגרינגערט ווערין דורך דעם די גזרה
פון גלות וואס עס איז נגזר געווארען אויף אונז, אונ זאלסט שוין צוזאמען
קלייבין אונזערע פארשטויסענע ברידער פון אלע עקין וועלט, אונ
פירין אונז אין דיין היילינגע לאנד אונ בויען דארטין דוד המלך'ס איין
געווארפענע סוכה (סוכת דוד הנופלת) דאס איז דער בית המקדש, וואס
דאן וועט זיין דער אמת'ר זמן שמחתנו במהרה בימינו, אמן.

דער ענין פון די ארבעה מינים (אתרוג בענשין).

ווי עס איז פריער ערקלערט אז דער חג הסוכות ווייזט פאר דער וועלט.
אז מיר וועלין עווינג עקסעסטירען (אקים תאבין) געגנין דעם ווילין פון אלע
אונזערע פיינד, ווי די פראקטיקע ווייזט, אז די גרעסטע אומות ווי אשור,
בבל, עמון, מואב, אונ די רעמער וואס אין זייער צייט האט די גאנצע
וועלט פאר זיי געציטערט זיינען זיי היינט אראפ פון פלאץ. אז עס איז קיין
זכר פון זיי ניטא, אונ מיר שוואכע שעפעלע צווישען אזוי פיל וועלף אונ
טיגערין וואס שטייען מיט אפענע מיילער אונז איין צו שלינגען – האבען
אקיום, דורך וועלכין זכות איז דאס? ווייל מיר זיצן שטענדיג אין א סוכה
וואס זעט זיך ארויס דער הימל, דאס הייסט אונזער האפענונג איז ניט אויף
די מענשליכע קרעפטין, נור אויף אונזער פאטער וואס אין הימל, אונ מיר
גיבען זיך איבער מיט אלע אונזערע גלידער צו דיין ווילען, ווי דוד המע"ה
זאגט (אין דעם נאמען פון כלל ישראל) .כל עצמותי תאמרנה יי מי כמוך"
מיט מיינע אלע גלידער ווייז איך, אז נור דו גאט ביזט איינער אונ מער
קיינער, אויף דעם נידאנקען נעמען מיר סוכות די ארבעה מינים, וואס זיי
בעצייכענען די הויפט גלידער פון מענשין.

דער אתרוג איז די הארץ (זיין פיגור איז ווי אהערצעלע), דער לולב איז ווי די
שדרה (דער גאנצער שטאלץ) פון מענשין, די הדסים זיינען ווי די איגען,
(אליך נשאתי את עיני) אונזערע איגען איז אויף געהויבען צו אונזער פאטער
פון הימל, אונ די בלעטלאך פון די ערבה איז גלייך צו די מויל, בעווייזין

מעשה אלפס

איבערין קאפ פון די היטץ אונ דארטין
אונטער די סוכות פון די בלעטער, האבין
זיי גערוהט אונ געבאקען זייערע מצה פון
דיא אונגעזייערטע טייג, וואס זיי האבין
ארויס געטראגין פון מצרים. אונ ביי זייער
ערסטע רייזע פון סוכות האט אנגיהייבען
צו גיין פאראויס די אידישע ארמיע, דער
עמוד ענן ביי טאג, ווייזין זיי די וועג אונ
דער עמוד האש ביי נאכט צו באלייכטען
זיי אונ די ענני כבוד. פון אלע פיר זייטען
אונ איבערין קאפ. אזוי ווי א סוכה, איז צום
אנדיינקונג פון דעם נס וואס השי"ת האט
זיי געוויזען. אז אויב זיי וועלין אים דיין
טרייע דינער, וועלין זיי האבין א פער-

מיר מיט דעם שאקלען די ארבעה מינים (לארבע רוחות הטלב) , אז מיר באוועגין זיך מיט אלע אונזערע גלידער לעבודת השם. דורך דעם ווערט אב גיהאלטין אלע רוחות רעות , אלע שטורים ווינטין וואס שטורמען אויף אונז פון אלע זייטין וועלט, אונ מיר הייבין זיי ארויף אונ אראפ , צו ווייזין אז אלע טללים רעים וואס גייען ארויף פון דערערד אין דער הויך אונ נאכהער פון דער הויך צוריק אויף דערערד, וועט אונז ניט שאדין אונ מיר וועלין עווינ עקקעסטירען.

אבער ווייל ניט אלע מענשין האבין אזא אדעלען געפיהל צו זאגין אונ מקיים זיין (כל עצמותי תאמרנה יי מי כמוך) האט אונז השי"ת גיגעבין איין עצה, אזוי ווי בעת יציאת מצרים האבין אידין זוכה גיוועזן צו אזא הויכ-ארטיגע מתנה ווי קבלת התורה, נור דורך דעם זכות פון שלום וואס אלע האבין זיך פעראייניגט ווי איין מענש (ויחן שם ישראל, כולם כאיש אחד) האבין די הויכע אידין משפיע גיוועזן אויף די קלענערע, אזוי זאלין מיר טאן אין אלע צייטין, זאלין זיך פעראייניגען אלע קלאסין מענשין, די בעלי בתים וואס האבין אין זיך מעשים טובים אן תורה וואס זיינען געגליכען צו אלולב (ער האט פרות אן אריח), אונ די וואס האבין תורה אן מעשים טובים דאס איז הדסים (ריח טוב אן פירות) אונ די גאר פשוטע, אן תורה אונ אן מעשים טובים (ערבות), זאלין זיי מאכין הייליגע חברות לערנען מקרא, משנה, עין יעקב, מנורת המאור, חברה תהלים, חברה ש"ס, אונ אויף נעמען איין תלמיד חכם וואס האט אין זיך תורה ומעשים טובים, וואס ער איז גליך צו דעם אתרוג (פירות אונ אריח טוב), ער זאל זיך מקרב זיין צו די אגודה אידין (ואגודתו על ארץ יסדה) לערנען אלע טאג אשיעור, מקרב זיין זיי צו תורה אונ צו יראת שמים, דאן וועלין זיי אלע זיין ראוי לברכה אונ מיט זייער זכות וועלין זיי מוריד זיין השפעה טל לברכה, אונ אב האלטין טללים רעים אונ רוחות רעות (גזרות רשות) דאדורך וועלען זיי עווינ עקקעסטירען.

ווייזט די אגודה פון די ארבעה מינים ווי שלמה המע"ה זאגט (הולך את חכמים יחכם) אז דער וואס בינדעט זיך אין אחברה פון חכמים אונ ערליכע אידין איז דער זכות הרבים ווירקט אויף אים אויך, צו פערהייליגען זיינע

גינענדין לעבין אפילו אין די פלעצער וואו מיט דער נאטור קען גאר אמענש ניט דורך גיין (לזכרון הנס הזה) האט די תורה אונז געהייסען מאכען סוכות בזמן האסיף (ווען מ'נעמט ארין פון די פעלדער) אונ ניט אין חודש ניסן, ווייל יעצט איז דא אין די פעלדער אונ גערטנער די שמאקהאפטע

בלימען, אונ ווידער נאך פסח וואלט ניט קאנטיג זיין אז דאס איז צום אנדיינקונג פון נס, ווייל פיל מענשין מאכין דאן דאצעס אונ ביידלאך פון פערגניגען וועגן, אבער אנהייב ווינטער וואס אלע גייען שוין ארוים פון די דאצעס איז קאנטיג אז דאס איז צום אנדיינקונג פון נס.

אנדערע

געפיהלען און פעסט מאכין זיין אמונה ער זאל זיין אין דער מדרגה פון כל עצמותי תאמרנה יי מי כמוך•

דינים פון אתרוג בענשין•

ווען מ'בענשט אתרוג דארף מען האלטין דעם לולב אין רעכטע האנד, די הדסים זאלין אויס קומען רעכטס און די ערבות לינקס, און דעם אתרוג האלט מען אין די לינקע האנד, און ווייל די ברכה פון א מצוה דארף זיין בעפאר מ'טוט די מצוה, און ביי די ארבעה מינים ווי מ'נעמט זיי אביין אין האנד איז דאך שוין דער קיום המצוה (ולקחתם לכם), דרום זייגען זיך אנדערע נוהג אז בעת ברכה האלטין זיי דעם אתרוג פארקערט היינו מיטין עוקץ (דער שטעקעלע וואס ווערט אב געשניטען פון בוים) ארויף, און נאך דער ברכה קערין זיי איבער דעם עוקץ אראפ און מ'טוט אשאקיל (און מהדרים זיינען מנענע לארבע רוחות מעלה ומטה), און ווייל ניט אלע פארשטייען וואס ווערט גערופען פטום און וואס עוקץ און טוען גראד פארקערט, איז גלייכער צו טאן ווי דר ווילנער גאון ז"ל הייסט, מ'זאל גאר ניט איבער קערין נור נעמען גלייך ווי עס דארף זיין (דעם פטום ארויף) נור מ'זאל טראכטין ניט יוצא זיין די מצוה ביז נאך די ברכה.

אקורצע תחנה פאר אתרוג בענשין•

הנני מוכן ומזומן, איך בין צו געגרייט מקיים זיין די ליבע מצוה פון אתרוג בענשין, וואס דער ליבער גאט האט אונז גיבאטין אין זיין תורה צו טאן צונחת רוח מיין באשעפער, אויך איך בין מכוין מיט דעם צו ווירקען אויף מיינע אלע גלידער, איבער הויפט אויף די הארץ וואס זי איז געגליכען צום אתרוג און די שדרה (לולב) און די אויגין (הדסים) און די מויל (ערבה) זיי זאלין אלע זיין איבער גיגעבין לעבודת הבורא, ווי דוד המלך זאגט כל עצמותי תאמרנה יי מי כמוך א).

מעשה אלפס

א) אנדערע זייגען דא מוסיף, און אזוי ווי דער אתרוג איז „טעם עצו ופריו שוה" אזוי זאל איך זוכה זיין, אז דער טעם די געשמאקע גידאנקען פון די מצוה וואס איך טו (אמצוה איז געגליכען צו א פרי, אמרו צדיק כי טוב כי פרי מעלליהם יאכלו) זאל מיר אריין גיין אין הארצין וואס זי איז געגליכען צו אבוים (כי האדם עץ השדה) איך פייבט צו מאכין מיט יראה ואהבה, עס זאל ערפילט ווערען דער רצון הבורא וואס ער האט באפאהלען די ערד, זי זאל ארויס געבין (עץ פרי, שטעם עצו ופריו שוה) ביימער וואס דער געשמאק פון די פרוכט זאל זיין אין בוים גופא, דאס הייסט דער געשמאק (די אדעלע גידאנקען פון די מצות וואס מען טוט זאל אריין גיין אין הארצין. (זעה מעשה אלפס חלק ה' זייטע 76).

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל נְטִילַת לוּלָב:

דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג מַאכְט מֶען שֶׁהֶחֱיָנוּ אוּנ דִי אִיבֶּערִיגֶע טֶאג זָאגְט מֶען עַל נְטִילַת לוּלָב אַלֵיין.

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה.

תְּחִנָּה נָאךְ אֶתְרוֹג בֶּענְשִׁין.

לִיבֶּער גָאט, אִיךְ גִיב אַדַאנְק אוּנ אַלוֹיבּ צוּ דַיין לִיבֶּען נָאמֶען, וָואס דוּ הָאסְט מִיר מְזַכֶּה גִיוֶועזֶען מִיט דִי לִיבֶּע מִצְוָה פוּן אֶתְרוֹג בֶּענְשִׁין, וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דַיין לִיבְּשַׁאפְט וָואס דוּ הָאבְּסְט צוּ דַיין לִיבֶּע פָאלְק, דֶער אֶתְרוֹג (פרי עץ הדר) אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִיר גָאט ווִי עֶס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבֶּען (עוז והדר לפניו) אוּנ דִי הֲדַסִים זַיינֶען מְרַמֵּז אוֹיף דִי צַדִיקִים (והוא עומד בין ההדסים), אוּנ בִּזְכוּת דִי מִצְוָה זָאלְסְטוּ אוּנְז דֶער מָאנֶען דֶעם זְכוּת פוּן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים וָואס דִי אַרְבָּעָה מִינִים זַיינֶען מְרַמֵּז אוֹיף זֵיי אוֹיךְ, אוּנ בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גִינוּמֶען פוּן דַיין כָּבוֹד וֶועגִין דֶעם אֶתְרוֹג (וואס ער איז געגליכען צו אהערצעלע) זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפִין צוּ רֵיינִיגֶען מַיין הַארְץ פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת אוּנ חֶמְדוֹת, אוּנ בִּזְכוּת דֶעם לוּלָב וָואס עֶר אִיז גֶעגְלִיכֶען צוּ דִי שֶׁדְרָה (רוקין) פוּן מֶענְשִׁין זָאלְסְטוּ מִיר פַאר גֶעבִּין וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעהַאלְטִין שְׁטָאלְצִיג (בְּגַאֲוָה), אוּנ פוּן הַיינְט אָן זָאל מַיין שְׁטָאלְץ זַיין נוּר צוּ אִידֶעשְׁקַייט, אִיךְ זָאל שְׁטָאלְצִירֶען מִיט דִי תּוֹרָה וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז מִיט דַיין רֶעכְטֶע הַאנְד גִיגֶעבִּין, וָואס קֵיין אוּמָה וְלָשׁוֹן הָאט דָאס נִיט, אִיךְ זָאל שְׁטָאלְצִירֶען מִיט אוּנְזֶערֶע אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים, מִיט אוּנְזֶערֶע גֶאטְלִיכֶע נְבִיאִים, מִיט אוּנְזֶערֶע תַּנָאִים וַאֲמוֹרָאִים, גְאוֹנִים צַדִיקִים וָואס קֵיין אוּמָה וְלָשׁוֹן פַארְמָאגְט דָאס נִיט, אוּנ בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי הֲדַסִים וָואס זֵיי זַיינֶען גֶעגְלִיכֶען צוּ דִי אוֹיג זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפִין הִיטִין דִי אוֹיגִין נִיט קוּקִין וואוּ מְ'דַארְף נִיט, וּבִזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי עֲרָבוֹת וָואס זֵייעֶרֶע בְּלֶעטְלַאךְ זַיינֶען גְלַייךְ צוּ דִי מוֹיל פוּן מֶענְשִׁין, זָאלְסְטוּ מִיר פַאר גֶעבִּין דִי זִינְד וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטָאן מִיט דִי רֵייד פוּן מַיין מוֹיל, אוּנ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפִין פוּן הַיינְט אָן הִיטִין אִיר פוּן לָשׁוֹן הָרָע אוּנ רְכִילוּת, אִיךְ זָאל בַּאנוּצִין דִי מוֹיל נוּר צוּ הֵיילִיגֶע זַאכִין

צו תּוֹרָה וּתְפִלָּה אונ מאכין שָׁלוֹם צווישען מענשין. אונ זאלסט אונז מְזַכֶּה זיין דעם צווייטין סוכּות צו נעמען די אַרְבָּעָה מִינִים אונ זיך מיט זיי פרייען אין דיין היילִיגען בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

תְּחִנָּה פון אוים נעמען לְשָׁלשׁ רְגָלִים.

פריער. זאגט מען די שְׁלשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת אונ נאכהער דעם רבש״ע.

יי יי, אֵל רַחוּם וְחַנּוּן אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב חֶסֶד וֶאֱמֶת. נוֹצֵר חֶסֶד
וד זד
לָאֲלָפִים, נוֹשֵׂא עָוֹן וָפֶשַׁע וְחַטָּאָה, וְנַקֵּה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הער פון דער וועלט, ערפיל דאס פערלאנגען פון מיין הארץ צו גוטען, אונ בעפרידיג מיין ווילען, אונ בעגליק מיך (פב״פ) אונ מיין מאן אונ קינדער אונ אלע מיינע הויז לייטע, דאס מיר זאלין טאן דיין ווילען מיט'ן גאנצין הארצין, אונ רעטטע מיך פון יֵצֶר הָרָע, אונ גיב אונזער טייל אין דיין ליבע היילִיגע תּוֹרָה, מיר זאלין איר מיט איהרע לערנער ליב האבין, מיר זאלין ווערט זיין אז דיין שְׁכִינָה זאל רוהען אויף אונז, אונ מאך שיינען איבער אונז א גייסט פון חָכְמָה אונ פערשטאנד, עס זאל מְקוּיָם ווערין אויף אונז וואס דו האסט גישריבין דורך דיין היילִיגין נָבִיא יְשַׁעְיָהָ (ונחה עליו רוח ה׳) עס וועט רוהען אויף אים א געטליכער גייסט, א גייסט פון קלוגהייט אונ פאר שטאנד, א גייסט פון העלדענמוטה (גוֹבֵר זיין דעם יֵצֶר הָרָע), א גייסט פון וויסענשאפט אונ גאטעס פורכט, אונ אזוי זאל זיין דער ווילען פון דיר, אונזער גאט, אונ גאט פון אונזערע עלטערין, דו זאלסט אונז מְזַכֶּה זיין צו טאן מַעֲשִׂים טוֹבִים אין דיינע אויגען אונ גיין אין רעכטפארטיגע וועג, (וקדשנו) אונ היילִיג אונז מיט דיינע מִצְוֹת כְּדֵי מיר זאלין קענען געניסען א גוטען אונ א גליקליכען לעבין אויף דער וועלט, אונ אויך א יענעם לעבין אויף די קינפטיגע וועלט, אונ היט מיך ופון בייזע מַעֲשִׂים אונ פון אונגליקליכע צייטין וועלכע מיט שטורים קומען זיי אויף דער וועלט, ווייל דו וואס פאר זיכערט זיך אויף דיר גאט טוט דיין חֶסֶד אים הערומרינגלען, צו בעשיצען אים אונטער דיינע פליגלען.

אָמֵן (נאכהער זאגט מען ואני תפלתי אונ בריך שמיה).

תְּחִנָּה מוֹעֲדֵי ה׳ מִקְרָאֵי קוֹדֶשׁ (אלע יום טוב נאכין עסין).

גרויסער קעניג. דו האסט גירופין די היילִיגע יָמִים טוֹבִים מיט'ן

נאמען „מקראי קודש" דאס הייסט מיר זאלין זיך פער־זאמלען אין זייא אין גאטעס הויז, הייליגין זיי עפענטליך מיט הלל, זאגין תהלות ותשבחות צו דיין הייליגען נאמען, אונ אן טאן שיינע מלבושים אונ עסין גוטע שפייז, אונ נאכין עסין א ביסעלע רוהען אונ נאכהער זיך ווידער פאר זאמלען אין די שולין אונ בתי מדרשים, הערין הייליגע רייד פון דער תורה פון חכמים ודרשנים, ווייל די טעג זיינען הייליגע, זיי רופין זיך (מועדי ה׳) גאטעס באשטימטע צייטין צו הייליגע פערזאמלונגען. דרום בעט איך דיר ליבער גאט אזוי ווי דער שטייגער איז לכבוד יום טוב גייט מען באזוכין קרובים אונ גוטע פריינד, זאל אונזער צו ברייגגען דארטין ניט זיין וועגין פוסטע זאכין, נור צו ריידין אונ ערציילין איינע די אנדערע די הייליגקייט פון דעם טאג, דער פאמעט פון דעם יום טוב אויף וואס ער בעדייט, אונ שטארקין אונ מוטה געבין איינער דעם צווייטין צו ליבען די הייליגע תורה אונ פלאנצין איר אין די הערצער פון אונזערע קינדער. זיי זאלין וועלין לערנען אונ מקיים זיין אלעס וואס דו לערינסט אונז צו גוטין, גליקליך מאכין אונז אויף דיזע וועלט אונ אויף די עוויגע וועלט. אונ דעם קינפטיגען יום טוב זאלין מיר זוכה זיין עולה לרגל זיין אין דיין הייליגען בית המקדש וואס דו וועסט אים בויען במהרה בימינו, אמן.

תחנה להושענה רבה פאר הלל.

אנא יי׳, האל הגדול הגבור והנורא, איך בעט דיך גאט דער גרויסער אונ שטארקער אונ פארכטיגער, איך קום פאר דיר מיט גרוים פחד אונ ציטערניש, אונ איך טוא צו דיר תפלה מיט גרוים כוונה, היינט אין דעם טאג דער דא איז דער לעצטער טאג פון דעם גמר חתימה, היינט אין דעם טאג טוען גיחתמת ווערין דיא קוויטלאך פון יעדער מענטש וואס עס וועט זיך מיט אים פאסירען אגאנץ יאר, ער זאל לעבען אדער שטארבין, ער זאל זיינע יארין אוים לעבין אדער ער זאל ח״ו זיי ניט אוים לעבין, ער זאל שטארבין אין וואסער אדער אין פייער, דורך איין שווערד אדער דורך איין חיה, פון הונגער אדער פון דארשט, אין שטורים אדער אין מארד, ער זאל דער וואר גען ווערען אדער ער זאל פאר שטיינט ווערען, ער זאל רוען אדער ער זאל זיין נע ונד, ער זאל האבין

שלום

שלום און געזונד און שטארק, אדער ער זאל געשטראפט ווערען מיט יסורים, ער זאל פאר ארעמט ווערין, אדער ער זאל רייך ווערען, ער זאל אראפ פון זיין גדולה, אדער ער זאל דער הויבען ווערין, און היינטיגען טאג הושענא רבה ווערט גיגעבין דאס קוויטעל מיט דעם גזר דין צום מענטשין סייא אויף גוטס און סייא חלילה אויף שלעכטס, דרום בין איך געקומען צו בעטין פאר דיר רבונו של עולם, דו זאלסט מיר געבין דעם גוטען קוויטעל, מיר און מיין מאן און מיינע קינדער, לעבין און געזונד און פרנסה בכבוד, אויך גאר דיין פאלק ישראל זאלסטו געבין קוויטלעך פון א גוט לעבין און פרנסה מיט שפע און הצלחה און אלעם גוטען, אמן.

תחנה להושענא רבה פאר הושענות.

רבונו של עולם, דו גאט פון גינאד און ערבארמונג, וועלכער דיין האנד איז אויס גישטרעקט מקבל צו זיין אלעמין וועלכע קערין זיך צו דיר מיטען גאנצין הארצין, העער צו גרויסער גאט דעם גיבעט פון דיין דינערין וועלכע קומט יעצט פאר דיר אין דיין היילינע הויז מיט א צוריסענע הארץ צוא בעטין בייא דיר מחילה וסליחה אין דעם היילינען טאג הושענא רבה, מיט איין איינגיבוגינע קאפ ווי א שווערע זינדערין, מיט הייסע טרערין אין די אויגין שטיי איך יעצט פאר דיר אויס צו בעטין ביי דיר גאט פון ערבארמונג אגוטין צעטיל פאר מיר, פאר מיין מאן, פאר מיינע קינדערלאך און פאר כל ישראל. רבונו של עולם, פאטער פון אלע צובראכענע הערצער, הער צו מיין גיבעט, פאר נעם מיינע זיפצין, נעם צוזאמען מיינע הייסע טרערין וועלכע איך פאר גיס פאר דיר אין דיין היילינע הויז. מיין גיבעט זאל ארויף גיין צוא דיר צוא דיין כסא הכבוד אזו זי זאל דארטין געפינען איין ארט צווישין אלע תפלות ובקשות פון דיין פאלק ישראל וועלכע עס קומען פאר דיר היינט פאר אין דיזען היילינען טאג, און דער זכות פון די הושענות וואס מיר זיינען מקים דעם מנהג פון אונזערע היילינע נביאים, זאל מיר היינט ביי שטיין פאר דיין היילינען שטול, אז דו זאלסט דער מאנען דיין דינערין צו גוטין אויפין נייעם יאר, דו זאלסט זיך ערבארמען אויף מיר, און אויף מיין מאן און אים צו שיקען א גרינגע פרנסה, דו זאלסט היטען מיינע קינדער צו זאמען מיט אלע קינדער

פון

פון דיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל פון אַלֶעם בֵּייז אונ פון קְרַאנְקְהַייטֶען, דוּ זָאלְסְט זֵיי גֶעבִּין אַרֵייגְע הַארֶץ אַז זֵיי זָאלִין גֵייך אִין דֵיינֶע וֶועגִין. לֶערְנֶען דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּנ הִיטֶען דֵיינֶע מִצְוֹת. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ שְׁטַארְקֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט וֶועלְכֶער דוּ עֶרְנִידֶערְסְט דַיין כָּבוֹד צוּ קוּקֶען פוּן דַיינֶע הוֹיכֶע הִימְלֶען אוֹיף יֶעדִין מֶענְטְשִׁין וֶועלְכֶער אִיז עֶרְד בַּיין לֶעבִּין אוּנ פְּשִׁיטָא שׁוֹין נָאכִין טוֹיט. שְׁטְרָאף אוּנְז נִיט מִיט דַיין כַּעַס חָלִילָה, גִיס נִיט אוֹיס אוֹיף אוּנְז דַיין צָארִין, דֶען מִיר הָאבִּין שׁוֹין גֶעטוּג גֶעלִיטֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייז אוּנְז דַיין הִימְלִישֶׁען חֶסֶד. קְלַייבּ צוּ זַאמֶען דֵיינֶע פַּאר וָואגִילְטֶע פַאר שְׁטוֹיסֶענֶע שֶׁעפְּסֶעלַאך פוּן אַלֶע ווינְקְלֶען וֶועלְט, קֶער אוּנְז אוּם אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע לַאנְד, בּוֹי אוֹיף דַיין הֵיילִיגֶע שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם, בּוֹי אוֹיף צוּרִיק דַיין בֵּית הַמִּקְדָשׁ וואוּ דַיין שְׁכִינָה הָאט שְׁטֶענְדִיג גִירוּט, אוּנ דָארְטִין וֶועלִין מִיר מִיט פְרֵיילִיכֶע הֶערְצֶער בְּרֵיינְגֶען קָרְבָּנוֹת אוּנ דִיךְ דִינֶען בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה, אָמֵן, כֵּן יְהִי רָצוֹן.

סֵדֶר הַהַקָפוֹת פוּן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה.

צוּ דֶער עֶרְשְׁטֶער הַקָּפָה זָאגְט מֶען דָאס.

רַחֲמָנָא, דֶער בַּארִימְהַרְצִיגֶער גָאט, גֶעדֵיינְק אוּנְז דֶעם זְכוּת פוּן אַבְרָהָם דַיין גֶעלִיבְּטֶער וָואס דוּ הָאסְט אִים גֶעפְּרוּבְּט מִיט צֶעהְן פְּרוּבוּנְג אוּנ עֶר אִיז בַּיי גֶעשְׁטַאנֶען אוּנ הָאט אִין דִיר גִיגְלוֹיבְּט אוּנ אִיז נִיט גְפַאלִין פוּן זַיין מוּטְה, זַיין זְכוּת אוּנ דֶעם בּוּנְד וָואס דוּא הָאסְט מִיט אִים כּוֹרֵת בְּרִית גִיוֶועִן זָאל אוּנְז בַּיי שְׁטֵיין הַיינְט אִין הוֹשַׁעְנָא רַבָּה צוּ דֶעם גְּמַר חֲתִימָה, אַז דוּ זָאלְסְט קִינִיגֶען אִיבֶּער אוּנְז, דַיין הֵיילִיגֶע פָאלְק יִשְׂרָאֵל.

כִּי אָמַרְתִּי עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה.

צוּ דֶער אַנְדֶערֶער הַקָּפָה זָאגְט מֶען דָאס.

רַחֲמָנָא, דֶער בַּארִימְהַרְצִיגֶער גָאט, גִידֵיינְק אוּנְז דֶעם זְכוּת פוּן יִצְחָק וָואס עֶר הָאט אוֹיס גִישְׁטְרֶעקְט זַיין הַאלְז אוּנ הָאט זִיךְ גִיוָואלְט לָאזִין מַקְרִיב זַיין פַאר אַיין קָרְבָּן עוֹלָה פוּן דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען וֶועגִין, זַיין זְכוּת זָאלְסְטוּ אוּנְז גִידֵיינְקֶען לִיבֶּער גָאט הַיינְט אִין הוֹשַׁעְנָא רַבָּה צוּ דֶעם גְּמַר חֲתִימָה, אַז דוּ זָאלְסְט קֶענִיגֶען אִיבֶּער אוּנְז דַיין לִיבֶּע פָאלְק יִשְׂרָאֵל.

לְךָ זְרוֹעַ עִם גְּבוּרָה, תָּעוֹז יָדְךָ תָּרוּם יְמִינֶךָ.

צו דער דריטער הַקָפָה זאָגט מען דאָס.

רַחֲמָנָא, דער בארימדיגער פאָטער, גידיינק אונז דעם זכות פון אונזער פאָטער יַעֲקֹב זייענדיג צוואנציג יאָר ביי אַזאַ שווערע פראַצע טאָג אונ נאַכט אונ אין אַזאַ שלעכטע געזעלשאַפט (ווי לבן מיט זיינע זין) אָת דאָך האָט ער ניט איבער גיטראָטען איינע פון דיינע געבאָט (ווי ער האט גיזאגט עם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי). זיין זכות זאָל אונז ביי שטיין היינט אין הוֹשַׁעְנָא רַבָּה צו דעם גְמַר חֲתִימָה, אַז דו זאָלסט קינִיגען איבער אונז ביין ליב הייליג פאָלק יִשְׂרָאֵל.

תִּתֵּן אֱמֶת לְיַעֲקֹב, חֶסֶד לְאַבְרָהָם.

צו דער פערטער הַקָפָה זאָגט מען דאָס.

רַחֲמָנָא דער בארימדיגער פאָטער, גידיינק אונז דעם זכות פון משֶׁה רַבֵּנוּ דיין טרייער קנעכט וואָס דו האָסט מיט אים גירעדט פָּנִים בְּפָנִים אונ דורך אים האָסטו אונז גיגעבין דיין ליכטיגע תּוֹרָה זי זאָל אונז לייכטין די וועג. זיין זכות זאָל אונז ביי שטיין היינט אין הוֹשַׁעְנָא רַבָּה צוא דעם גְמַר חֲתִימָה. אַז דו זאָלסט ניך קעניגען איבער אונז דיין ליב הייליג פאָלק יִשְׂרָאֵל.

נְעִימוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח.

צו דער פינפטער הַקָפָה זאָגט מען דאָס.

רַחֲמָנָא, דער בארימדיגער גאָט, גידיינק אונז דעם זכות פון אַהֲרֹן הַכֹּהֵן דער הייליגער מאַן, וואָס ער איז גיוועזן דער פריינדליכער מענש אונ גימאַכט שָׁלוֹם צווישען מענשין אונ האָט זיי צוא גיצויגן ליב האָבין די תּוֹרָה, ער האָט גיטאָן די עֲבוֹדָה אין בֵּית הַמִקְדָשׁ מְכַפֵּר זיין אויף'ן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. זיין זכות זאָל אונז ביי שטיין היינט אין הוֹשַׁעְנָא רַבָּה צו דעם גְמַר חֲתִימָה, אַז דו זאָלסט גיך קעניגען איבער אונז דיין ליב הייליג פאָלק יִשְׂרָאֵל.

יְיָ אֲדוֹנֵינוּ מָה אַדִּיר שִׁמְךָ בְּכָל הָאָרֶץ, אֲשֶׁר תְּנָה הוֹדְךָ עַל הַשָּׁמָיִם.

צו דער זעקסטער הַקָפָה זאָגט מען דאָס.

רַחֲמָנָא, דער בארימדיגער גאָט, גידיינק אונז דעם זכות פון יוֹסֵף הַצַדִיק

וואס

וָואס אִין אַזַא אוּיס גִילַאסֶענֶע לַאנְד וִויא מִצְרַיִם אִיז עֶר גֶעבְּלִיבִּין רֵיין אוּנ הֵיילִיג. אוּנ זַייעֶנְדִיג אִין אַזַא גְדוּלָה אִיז עֶר נִיט הָאפֶּערְדִיג גִיוָוארִין אוּנ אִיז גִיבְּלִיבֶּען טְרַייא צוּ דַיין לִיבֶּען נָאמֶען. זַיין זְכוּת זָאל אוּנְז בַּיי שְׁטֵיין הַיינְט צוּ דֶעם גְמַר חֲתִימָה אַז דוּא זָאלְסְט קִינִיגֶען גִיךְ אוּנ בַּאלְד אוּיף אוּנְז דַיין לִיב הֵיילִיג פָאלְק יִשְׂרָאֵל.

צַדִּיק יְיָ בְּכָל דְּרָכָיו וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו.

צוּ דֶער זִיבֶּעטֶער הַקָּפָה זָאגְט מֶען דָאס.

רַחֲמָנָא, דֶער בַּארִימְהֶערְצִיגֶער גָאט, גִידֵיינְק אוּנְז דָאס זִיסֶע גֶעזַאנְג פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה, מִיט זַיין זִיסֶע קְלִינְגֶענְדִיגֶע שְׁטִימֶע אִין לֶערְנֶען הָאט עֶר דֶער וֶועקְט דֶעם מָארְגֶען שְׁטֶערִין צוּ לוֹיבֶּען דִיךְ מִיט זַיינֶע שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת, זַיין זְכוּת זָאל אוּנְז בַּיי שְׁטֵיין הַיינְט אִין הוֹשַׁעְנָא רַבָּה צוּ דֶעם גְמַר חֲתִימָה, אַז גִיךְ אוּנ בַּאלְד זָאל קוּמֶען דֶער מְבַשֵּׂר צֶדֶק אוּנ מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד פִירִין אוּנְז מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּנ פְרֵיד קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנְזֶער הֵיילִיג לַאנְד. אָמֵן.

לְךָ יְיָ הַגְּדוּלָה וְהַגְּבוּרָה וְהַתִּפְאֶרֶת וְהַנֵּצַח וְהַהוֹד כִּי כֹל בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ, לְךָ יְיָ הַמַּמְלָכָה וְהַמִּתְנַשֵּׂא לְכֹל לְרֹאשׁ: וְהָיָה יְיָ לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ, בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה יְיָ אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד: בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד:

תְּחִנָּה נָאךְ לִיכְט צִינְדִין שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אוּנ שִׂמְחַת תּוֹרָה.

שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אוּנ שִׂמְחַת תּוֹרָה דַארְף מֶען בַּיי לִיכְט צִינְדֶען מַאכֶען שֶׁהֶחֱיָנוּ:

אִיךְ דַאנְק דִיר לִיבֶּער גָאט, וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז נָשִׁים מְזַכֶּה גִיוֶועזְן מִיט דִי לִיבֶּע מִצְוָה פוּן לִיכְט בֶּענְשִׁין, אוּנ אִיךְ בֶּעט דִיר אוּנְזֶער קֶענִיג אוּנ קֶענִיג פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דוּ זָאלְסְט אָן נֶעמֶען לְרָצוֹן מַיין בְּרָכָה אוּיף דִי לִיכְט וָואס אִיךְ הָאבּ אָן גִיצוּנְדִין בֶּעלַייכְטִין דֶעם הֵיילִיגֶען שְׁמִינִי עֲצֶרֶת, וָואס דֶער נָאמֶען „עֲצֶרֶת" (אויף האלטונג) בֶּעווייזְט אוּיף דִי לִיבְשַׁאפְט וָואס דוּ גָאט לִיבְּסְט דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל, וִוי קִינְדֶער וָואס הָאבִּין בֶּעזוּכְט זַייעֶר פָאטֶער, אַז עֶס אִיז גִיקוּמֶען דִי צַייט פוּן אָבְּשַׁייד נֶעמֶען, זָאגְט דֶער פָאטֶער צוּא זַייא, קִינְדֶערְלַאךְ עֶס אִיז מִיר זַייעֶר שְׁוֶוער אַייעֶר שֵׁיידִין זִיךְ פוּן מִיר. בֶּעט אִיךְ אַייךְ פַאר בְּרֵיינְגְט

בַּיי מִיר נָאךְ אַטָאג. אַזוֹי זָאגְט דֶער פָּאטֶער פוּן הִימֶעל צוּא זַיינֶע קִינְדֶער וָואס זַיינֶען אִים גִיקוּמֶען בַּאזוּכִין אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּם סוּכּוֹת, לִיבֶּע קִינְדֶער, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אַייעֶר שֵׁיידֶען זִיךְ פוּן מִיר (פוּן מַיין בית המקדש) אוֹיף אַגַאנְץ וִוינְטֶער בִּיז פֶּסַח וָואס דַאן וֶועט אִיר ווִידֶער קוּמֶען עוֹלֶה לֶרֶגֶל זַיין, פַארְלַאנְג אִיךְ הַאלְט זִיךְ אוֹיף בַּיי מִיר נָאךְ אַטָאג. אוּנ אַזוֹי וִויא אִיךְ הָאבּ לִיכְטִיג גִימַאכְט דֶעם הֵיילִיגֶען יוֹם טוֹב, אַזוֹי זָאלְסְטוּ לִיבֶּער גָאט דֶער לַייכְטִין דִי אוֹיגֶען פוּן מַיין מַאן אוּנ קִינְדֶער לִיבּ צוּא הָאבִּין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּנ פַאר שְׁטֵיין אִירֶע טִיפֶע גִידַאנְקֶען, אוּנ בִּזְכוּת וָואס מִיר נָשִׁים גֵייעֶן הַיינְטִיגֶען יוֹם טוֹב אִין דִי שׁוּלִין קוּסֶען דַיין לִיבֶּע תּוֹרָה אוּנ פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט אִיר, זָאלְסְטוּ אוּנְז מְזַכֶּה זַיין מִיר זָאלִין זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרֵייעֶן מִיט אִיר אוּנ מְקַיֵים זַיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט אַלֶע אִירֶע זִיסֶע גִיבָּאט. מִיר זָאלִין הָאבִּין אַצוּפְרִידֶענֶעם לֶעבִּין אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט אוּנ אוֹיף דִיא עֶווִיגֶע וֶועלְט, אָמֵן.

תְּחִנָה פַאר מוּסָף צוּ תְּפִלַת גֶשֶׁם.

אִיךְ בִּינְד זִיךְ אוֹיף מִיט כָּל יִשְׂרָאֵל צוּ זַאמֶען. וָואס שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דִיר גָאט. אוּנ בֶּעטִין דוּ זָאלְסְט גֶעבִּין רֶעגִין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כְּדֵי דִי פֶעלְדֶער זָאלִין וַואקְסֶען, דִי תְּבוּאָה זָאל זַיין גֶערָאטִין, דִי פֵּירוֹת זָאלִין זַיין זִיס. דִי בְּלוּמֶען זָאלִין אַרוֹיס גֶעבִּין אַגֶעשְׁמַאקְקֶען רֵיחַ, דִי גְרָאז זָאל זַיין גְרִין, שָׁאף אוּנ רִינְדֶער זָאלִין זִיךְ מִיט דֶעם זֶעטִיגֶען. דֶער רֶעגֶען זָאל גֵיין אִין דֶער צַייט, אָן אַשְׁטוּרֶעם וִוינְד, אָן הָאגֶעל, נִיט צוּ פִיל. נִיט צוּא וֶוייניג, אַז דִיא דָארְטִיגֶע אִידֶען וֶועלֶען זַאט זַיין מִיט בְּרוֹיט. וֶועלִין זֵיי קָאנֶען זִיצֶען אוּנ לֶערְנֶען אוּנ תְּפִלָּה טָאן פַאר אוּנְז, אַז דִי הַשְׁפָּעָה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאל זִיךְ צִיעֶן אִין חוּץ לָאָרֶץ, וֶועלִין מִיר נִיט דַארְפֶען אָנְקוּמֶען אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין בֶּעטִין חָלִילָה בְּרוֹיט, דוּ זָאלְסְט אוּנְז דֶער לֵייזֶען פוּן פְרֶעמְדֶע הֶענְד, אוּנ פוּן פְרֶעמְדֶע לֶענְדֶער, זָאלְסְט אוּנְז בְּרֵיינְגֶען אִין אוּנְזֶער לַאנְד (אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל), דָארְטִין וֶועלִין מִיר תְּפִלָּה טָאן פַאר דִיר עֶווִיגֶער אוֹיף אוּנְזֶערֶע פְרוּכְט, דַאמָאלְסְט וֶועלִין מִיר זַאט זַיין פוּן דַיין הֵיילִיגֶע הַאנְד, וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט, פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן, עֶפֶענְ אוֹיף דַיין הַאנְד, אוּנ מַאךְ זַאט אַלֶע לֶעבֶּעדִיגֶע מִיט דַיין גוּטֶען

וִוילֶען

ווילען, געלויבט ביסטו דו גאט וואס דוא ביסט א זן ומפרנס (מקרני ראמים עד ביצי כנים) פון דער גרעסטע טיהרע ביז די קלענסטע, הער צו אונזער תפלה, אונ זיי ממלא דעם רצון פון דיין ליבע פאלק, אמן.

א שיינע היסטאריע וועגין דעם גאנצין שמחת תורה פאר די ספרי תורות.

עס איז נייטיג צו פאר שטיין, וואורום ענדיגט זיך דער סדר פון ימים נוראים מיט „שמיני עצרת אונ שמחת תורה"*), וואס דאן ווערט איבער געגעבין די צעטלאך פון גמר חתימה. צו די שלוחי ההשגחה מקיים זיין דעם פסק פון ב"ד של מעלה**), פאר לייכט האט זיך באדארפט ענדיגען מיט סליחות ותחנונים. וועלין מיר דאס ערקלערין מיט א ספור.

א מלך אדיר האט געהאט א שר זייער א גיטריי'ען, וואס האט זיך מוסר נפש געוועזן אין פיל מלחמות וועגין די עהרע פון קעניג, ער האט גילייגט פיל כחות אין די צייט פון רעוואלוציע איינצושטילען דעם טאטעז, אויף ווייזין זיי ווי דער מלך הבט נור דעם גליק פון דער מדינה אונ עס האט אים געלונגען אום צו קערען די הארץ פון די פאלק צו זייער קעניג. דער קעניג האט אים פיל אורדערין געגעבין אונ האט

אים

*) שמיני עצרת אונ שמחת תורה איז איין זאך, דאס איז איין טאג על פי התורה וויא אין ארץ ישראל איז, אז נאך הקפות זאגט מען (תפלת גשם אין מוסף) נאר בגולה מאכין מיר מספיקא דיומא צוויא טעג, רופין מיר איין טאג „שמיני עצרת" (אויף תפלת גשם) אונ דעם צווייטען „שמחת תורה", אבער באמת איז דאס איין טאג. שמחת תורה זאגין מיר אויך אין שמונה עשרה ותתן לנו ה' באהבה את יום שמיני עצרת החג הזה.

**) אזו וויא מלכותא דארעא איז זיך נוהג, פריער שיקט מען דעם בעל חוב פאוועסטקע אונ מען איז מגביל דעם זמן פון צאהלונג, נאכהער גייט אריין אין נאטאריום, נאכהער איז פראטעסט. נאכהער דערלאנגט מען אין סוד אונ מען געמט ארויס א איספאלניטעלנעם ליסט. אם ענדע גיט מען דעם ליסט צום סודעוונעם פריסטאוו צו ער גייט מאנען אדער אב שרייבען. דאס גלייכען איז אלול די „פאוועסטקע", אז מ'זאל אנהייבען צאלין די „שולד-וועקסלען" וואס דער מענטש האט אונטער געשריבין אגאנץ יאהר (הפנקס פתוח והיד כותבת, וביד כל אדם יחתום). דיא ערנסטליכע לייט (צדיקים גמורים) צאלין צוא דער צייט ביז ראש השנה. די בינונים צאלין יום כפור ביין נאטאריום, דיא שוואכערע צאלין הושענא רבה אויפ'ן איספאלניטעלנעם ליסט, ווען ניט גייט אריין שמיני עצרת דער ליסט צום סודעבנעם פריסטאוו (צו די שלוחי ההשגחה) צו מאנען. ענפרעין מן האדם מדעתו ושלא מדעתו, היינט אז שמיני עצרת ווערט איבער געגעבין די פתקין לשלוחי הגבוה, האט מען דאך געדארפט זאגין סליחות מיט וידוים, מ'זאל צו רייסין דעם ליסט (קרע רוע גזר דיננו), אם ענדע ענדיגט זיך מיט רקודין ומחולות לשמחת התורה?

אים גרוים נימאכט על כל השרים אשר אתו. דער מלך איז גיווען א גרויסער מכיר טובה, האט ער אויס גירעכינט אז די אלע כבוד וואס ער האט אים גינעבין, איז ווייניג קעגין זיין מסירת נפש פאר אים, האט ער אים פערשפראכין אז זיין אייניקיל, וועט ער אריין נעמען אין קייזערליכע פאמיליע, היינו ער וועט אים געבין זיין טאכטער פיר א פרוי, עס איז אוועק א גרעבטע צייט. דער שר איז נפטר גיווארין, מען האט אים בעערדיגט מיט גרויס כבוד אונ גישטעלט אסאך פאמעטניקעס נאך אים. די וועלט איז קיילעכדיג, די דרייט זיך, דער ארוף אונ דער אראפ, האט זיך מזדמן גיווען, אז דעם שר'ס אייניקיל איז גיפאנגען גיווארין אין א פרעמדע מדינה אונ איז פאר קיפט געווארין פיר א שקלאו אונ אויך זיינע קינדער וואס ער האט דארטען גיבוירען זיינען גיבליבען שקלאווען.

ויהי היום, האט דער קעניג דערמאנט זיין יא ווארט, וואס ער האט גינעבין דעם פער־שטארבענעם שר, ער זאל זיין אייניקעל אריין פירין אין קייזערליכע פאמיליע, האט ער געשיקט אבריף צום גראף וואס האלט דעם שר'ס אייניקיל פיר א שקלאו אונ בעט אים, ער זאל אים בעפרייען, ווייל ער שטאמט פון א גרויסין שר, אונ דוא דאסט אים קיין רעכט ניט צו בעהאנדלען אלעס שקלאו, אונ ווען דו וועסט ניט וועלין מיט גוטין אים בעפרייען וועל איך מיט דיר פירין א מלחמה. דער גראף האט זיך שטארק נילאזט בעטין, האט דער קייזער פאר פירט מיט אים א גרויסע מלחמה אונ האט גימאכט פון אים תוהו ובוהו אז מיט בזיונות האט ער גימוזט בעפרייען דעם שר'ס אייניקל אונ אב שיקען אים צום קעניג. דער קייזער האט ערפילט זיין ווארט את האט פאר גילייגט זיין טאכטער, אז ער פערלאנגט זי זאל הייראטהען פיר דעם שר'ס אייניקיל, זיא איז גיוועזען זייער טריי דעם פאטער האט זיא איינגעשטימט הייראטהען מיטען שקלאו, מיט דעם גידאנקען אז ווען ער וועט זיין אידרער, וועט זי אים אויס בילדען אונ אדיל מאכען ער זאל פאסען צו זין דעם קייזער'ס איין אידים. עס איז גיוועזען מיט מזל א גרויס ארטיגע האכצייט אז די וועלט האט ניקווינגען.

די יונגע פרוי האט אנגיהויבין לערנען איר מאן (דעם שקלאוו) אלע וויסענשאפט ווי עס פאסט פאר א קייזערליכען מענשען אונ אלע עניני דרך ארץ, ער זאל זיך קענען האלטען. דיא ערשטע צייט האט ער גילערנט פלייסיג. אונ גיהארכט איר יעדער ווארט וואס זי האט אים גילערנט, מיט דער צייט אבער ווייל ער איז דאך גיבוירין אונ אין

גיצויגין

גיצויגען אין אהפקר לעבין ווי א שקלאוו, די מויל זאל זיין פריי צו ריידין אלע נארישקייט, אונ דא לערינט זי אים, וועגין אונ רעכענען יעדער ווארט איידער ער רעט אים ארויס, אונ אזוי זיין גיין אונ שטיין זאל זיין מיט קאפ אונ מוח, האט ער זיך פאר בייזערט אויף איר אונ איז אנטלאפין. ער איז ארום גילאפען איינינע מאנאטען, מיט אמאל ער לויפט פאר ביי באן־לינע, זעט ער ווי די גאנצע וועג איז סמירנא, אויף יעדער סטאנציע גיט מען ידיעות פון קייזערס אנקומען, בקצור דער קייזער איז אנגקומען. אהיים פון וואגאן אונ זיך גיזעצט אין קארעט האט ער אים דער זעהען אונ ארויף גינומען צו זיך, ער רעט אזוי פריינדליך מיטין קייזער אונ גיט אים פיל כבוד. אין מיטין זאגט דער קייזער צוא אים, הער מיין קינד, וואס איז די פעולה וואס דו האסט מיר ליב אונ גיסט מיר כבוד, אז דו ביסט ברוגז מיט מיין טאכטער. (די טאכטער האט שוין גימעלדעט דעם פאטער וואס ביי איר האט פאסירט), זייא בעסער מיט מיר ברוגז, נור ווער גוט מיט מיין טאכטער. איך גיי אריין אין דיין לאגע, דיר איז אבּיסיל שווער גיהארכזאם זיין איר לערנונג, ווייל דו ביסט גיוואהנט צו א הפקר לעבין ווי א שקלאוו, אבער זיי וויסען אז די גאנצע שווערקייט איז נור די ערסטע צייט, אבער נאכהער אז דו וועסט זיך צוא גיוואנען, לבד וואס דיר וועט זייער גרינג זיין, וועסטו נאך גרויס פערגעניגן האבין פון דיין פיהרונג, דו וועסט זיך שפירען האכגישעצט ווי א קייזערליכער מענש.

דאס זעלבע איז מיט אונז, דער בורא ב"ה האט אמאל גיהאט א טייערין פריינד זיין געליבטען אברהם וואס האט זיך מוסר נפש גיוועזן וועגין זיין כבוד, ער איז ארום גיפארין די וועלט אונ האט ערקלערט „כי כל אלהי העמים אלילים", אז די אלע געטער פון די פעלקער איז פוסטע פאנטאזיעס, אונ די אלע עבודות זייערע, וואס זיי זיינען מקריב מענשין אונ זייערע קינדער צו די געטער איז גוואלדיגע רציחות אונ גרויסע תועבות, מ'דארף דינען נור דעם בורא יחיד „עושה שמים וארץ". ער איז גיגאנגען אין פייער אונ אין קאלך אויבען וועגין דעם כבוד פון השם יתברך, ער איז גיפלויגין אין דער מלחמה מיט די פיר מלכים וועגין כבוד הבורא (וויא עס איז ערקלערט אין אוצר התורה), הכלל וויפיל דער בורא האט אים באלוינט דא אויף דער וועלט (וה' ברך את אברהם בכל) איז אלעם כלא געגין זיין גרויסע ארבייט, האט דער בורא אים פאר שפראכען „להיות לך לאלהים ולזרעך אחריך" דאס הייסט איך וועל איינעם פון דיינע קינדער געבין מיין טאכטער (דיא תורה) וואס זיא איז דיא קייזערליכע טאכטער.

די וועלט איז קילעבדיג, אין פערלויף פון דער צייט איז נתגלגל גיווארין

אַז דֶעם גְרוֹיסֶען שַׂר'ם (אַבְרָהָם אָבִינוּ'ס) אֵיין אֵיינִיקִיל אִיז גִיוֶועֶן אֵיין שְׁקְלַאוו בַּיי אֵיין גֶעווִיסֶען גְרַאף (עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרַיִם), עֶס אִיז גִיקוּמֶען דִי צַייט הָאט הקב"ה גֶעשִׁיקְט זַיינֶע שְׁלוּחִים מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן, אַז דֶער גְרַאף זָאל בֶּעפְרַייעֶן אַבְרָהָם אָבִינוּ'ס אֵיינִיקִיל, דֶער וֶועלְט קֶענִיג בַּארְף מִיט אִים אַ שִׁידוּךְ טָאן, דֶער גְרַאף הָאט זִיךְ אֲפִילוּ גִילָאזְט בֶּעטִין. נוּר דוּרְךְ אַ גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה מִיט 10 גְרַאמַאדְנֶע בָּאמְבֶּעס (עֶשֶׂר מַכּוֹת), הָאט זִיךְ דֶער גְרַאף נִימוּזְט אוּנְטֶער גֶעבִּין אוּנ בֶּעפְרַייעֶן דֶעם שַׂר'ס אֵיינִיקִיל, אוּנ דַאן הָאט מֶען גִישְׁפִּילְט אַ גְרוֹיס-אַרְטִינֶע הָאכְצַייט בַּיין הַר סִינַי, אוּנ מִיט מַזָל הָאבֶּען מִיר גִיהֵיירַאטֶעט דִי בַּארִימְטֶע אֵשֶׁת חַיִל (כַּלָּתָא דקוב"ה). דִי עֶרְסְטֶע צַייט הָאבֶּען מִיר אִיר זֵייעֶר גֶעלִיבְּט אוּנ אִיר גִיהֶעןן גִיהָארְכְזַאם וִוי זִי הָאט אוּנְז גִילֶערְנְט. אוּם מִיר זָאלֶען זַיין מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ, אָבֶּער מִיט דֶער צַייט הָאבִּין מִיר אָנְגִיהֵייבִּין צוּ בֵּיינְקֶען נָאךְ דִי אַמָאלִינֶע זַאכֶען (זָכַרְנוּ אֶת הַדָּגָה אֲשֶׁר נֹאכַל בְּמִצְרַיִם חִנָּם, חִנָּם בְּלֹא מִצְוֹת) בִּכֵן אִיז „נִתְּנָה רֹאשׁ וְנָשׁוּבָה מִצְרַיְמָה" אוּנ אַזוֹי אִיז בְּכָל דוֹר וָדוֹר גֵייט אַרַיין אַמָאל אַרוּחַ שְׁטוּת אִין מֶענְשִׁין אוּנ וִויל זִיךְ צוּרִיק קֶערִין מִצְרַיְמָה, צוּ נַאֲוָה (רַהַב) אוּנ תַּאֲוָה (עֶרְוַת הָאָרֶץ). אוּנ אַזוֹי לוֹיפְט מֶען אַרוּם דֶעם גַאנְצֶען יָאהר מְשׁוּגָע, וְוִילְד.

עֶס קוּמְט ר"ח אֱלוּל מְ'הֵייבְּט אָן גֶעבִּין סִיגְנַאלֶען (תְּקִיעַת שׁוֹפָר) וָואס וַוייזְט אַז דֶער מֶלֶךְ קוּמְט אָן (בַּחֲצוֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר הָרִיעוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ ה', לִפְנֵי ה' כִּי בָא לִשְׁפֹּט הָאָרֶץ) הֵייבְּט זִיךְ אָן דֶעם אִידִין אַבִּיסֶעלֶע בֵּיינְקֶען נָאךְ אַהֲבַת השי"ת, דֶער (חֵלֶק הַנְּשָׁמָה שֶׁהִיא חֵלֶק אֱלוֹהַּ מִמַּעַל) אִיז מִשְׁתּוֹקֵק צוּם כֹּל (צוּא השי"ת וָואס עֶר אִיז כֹּל יָכֹל), הַכְּלָל מְ'שְׁטֵייט אוּיף פַאר טָאג זָאגֶען סְלִיחוֹת, אוּנ וֶוער רֶעט ר"ה, יו"כ, דִי פְרוּיעֶן לֵייפֶען מִיט דִי קָרְבַּן-מִנְחוֹת, מִיט דִי תְּחִנוֹת אִין שׁוּל, עֶס קֶערְט דִי וֶועלְט, עֶס הַאלְט שׁוֹין בַּאלְד בַּיין עֶנְדֶע יָמִים הַנּוֹרָאִים, זָאגְט דֶער בּוֹרֵא ב"ה, קִינְדֶערְלַאךְ, וָואס טוֹיג מִיר אַייעֶר אַלֶע הִתְקָרְבוּת אוּנ דִי אַהֲבָה וָואס אִיר וַוייזְט צוּ מִיר, וֶוען אִיר זַייט בְּרוֹגֶז מִיט מַיין טָאכְטֶער (די תורה), דִיא מוּטֶער דַאכְט זִיךְ, זִיא רֶעט נָאר מִיט דֶעם בּוֹרֵא ב"ה, אוּנ עֶס קוּמְט גֶעבִּין אַקִינְד אִין חֶדֶר, וִויל זִיא נָאר נִיט וִויסִין, זִיא גִיט אִים בֶּעסֶער אַוֶועק אִין גִימְנַאזְיֶע, וָואס טוֹיג אִיר דִיא תּוֹרָה? „קֵיין רַב וֶועט-עֶר נִיט זַיין", זָאגְט זִיא, זָאגְט השי"ת קִינְדֶערְלַאךְ! „הַלְוַאי אוֹתִי עָזָבוּ" אִיר מֶענְט זַיין מִיט מִיר בְּרוֹגֶז (וְתוֹרָתִי שָׁמָרוּ) נוּר זַייט גוּט פְרַיינְד מִיט מַיין טָאכְטֶער (נָאכְהֶער וֶועט אִיר מִיר מְמֵילָא לִיבּ הָאבִּן), אִיךְ גְלוֹיבּ אַייךְ אַז דִי עֶרְסְטֶע צַייט אִיז זִיךְ שְׁוֶוער אָבּ צוּא גִיוָואהְנֶען פוּן דִיא תַּאֲווֹת חוּמְרִיוּת, אַזוֹי וִויא דֶעם קִינְד אִיז שְׁוֶוער צוּא עֶנְטְוָואהְנֶען פוּן דִיא מוּטֶערְס בְּרוּסְט,

אָבֶער אִיז דָען אַתַּכְלִית אַז דֶער קִינְד זָאל שְׁטֶעגְדִיג זַיין? וֶוען אַ מְחוּתָּן וָועט קוּמֶען זֶעהֶן דֶעם חָתָן וָועט עֶר אִים נִיפִּינֶען לֶיגֶענְדִיג אִין דִי מוּטֶערְס פִּיס אוּנ דַיינֶען דִי בְּרוּסְט, אַשְׁיינֶער פָּנִים וָועט דָאס הָאבִּין?! אַלְזָא מוּז מֶען זִיך אָנְטָאן אַכֹּחַ אוּנ מִיט גֶעוָואלְד זִיך צָב רַייסִין פוּן בְּרוּסְט. אָנְהֵייבִּין צוּ עֶסִין נִיזוּגְטֶע שְׁפַּייז וָואס פַּאסְט פִיר גְרוֹיסֶע מֶענְשֶׁען בְּצַלֵּי בַעַת. אוּנ צוּ אִיר וָועט נוּר פַּארְזוּכֶען, טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה׳" וֶועט אִיר זֶעהֶען דִיא זִיסְקַייט פוּן דֶער תּוֹרָה אַז אִיר וֶועט נָאכְהֶער שְׁפַּייעֶן אוֹיף דִיא הַבְלֵי הָעוֹלָם (וִויא דֶער קִינְד שְׁפַּייט נָאכְהֶער אוֹיף דִי בְּרוּסְט וָוען מְ׳וַויִיזְט אִים), דְרוּם אַרְיָנְגַען זִיך דִי יָמִים הַנוֹרָאִים וִימֵי הַתְּשׁוּבָה מִיט שִׂמְחַת תּוֹרָה. מִיר הָערֶען אוּנ פְרַיינְד מִיט דֶעם קִיוֶוערְם טָאכְטֶער, אוּנ מִיר גִייעֶן מִיט אִיר אַטֶענְצֶעלֶע שִׂישׂוּ וְשִׂמְחוּ בְּשִׂמְחַת הַתּוֹרָה, וּתְנוּ כָּבוֹד לַתּוֹרָה׳. צוּ וַוייזִין אַז דֶער עִיקָר אִיז לִיבּ הָאבִּין דִי תּוֹרָה. אוּנ שֶׁעצִין אִיר כָּבוֹד. וֶועהן אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלִין אִיר פְּלַייסִיג לֶערְנֶען אוּנ נוּט פַארְשְׁטֵיין, וֶועט זִיא אוּנְז אוֹיס בִּילְדִין צוּ זַיין מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ. דַאן וָועלִין אַלֶע הָאבִּין פַאר אוּנְז עֶרְנְצְ׳ בְּרָכָה (יראת הכבוד) אוּנ עֶס וֶועט עֶרְהוֹיבִּין וֶוערִין דֶער "קֶרֶן יִשְׂרָאֵל" אוּנ מִיר וֶועלִין זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין מִיט שְׁטָאלְץ אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע לַאנְד בִּמְהֵרָה, אָמֵן.

דִי תְּחִנָּה וָואס מֶען שְׂמְחַת תּוֹרָה, וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּהל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה קוּשֶׁען.

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ. עֶס זָאל זַיין דֶער ווילֶען פַאר דִיר אוּנְזֶער גָאט, אוּנ דֶער גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין, אַז דִי שָׁעָה וָואס מִיר עֶפֶענֶען דֶעם אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ, קוּשֶׁען דַיין לִיבֶּע אוּנ הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאל זַיין אַיין שָׁעָה פוּן דֶערְבַּארִימְקַייט, אוּנ פוּן גְנָאד, אוּנ פוּן בַּאוִוילִיגְקַייט, עֶס זָאל גִיזֶעהֶן וֶוערִין פַאר דִיר דֶער זְכוּת וָואס מִיר פְרֵייעֶן זִיך מִיט דִי לִיבֶּע הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּנ דוּ זָאלְסְט אוּנְז עֶפֶענֶען דִי טוֹיעֶרִין פוּן לֶעבִּין, דִי טוֹיעֶרִין פוּן גִיזוּנְד, דִי טוֹיעֶרִין פוּן פַּרְנָסָה, דִי טוֹיעֶרִין פוּן אַגוּטִין מַזָל, אוּנ דִי טוֹיעֶרִין פוּן גְלִיק, אוּנ דוּ זָאלְסְט אוּנְז בַּאגְלִיקֶען אִין אַלֶע אוּנְזֶערֶע וֶועגִין. וואוּ מִיר וֶועלִין זִיך קֶערִין, אוּם מִיר זָאלֶען קֶענֶען לֶערְנֶען דַיין לִיבֶּע אוּנ הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּנ מְקַיֵּים זַיין אִירֶע מִצְוֹת מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע פְּרָטִים אוּנ דִקְדוּקִים, אַזוֹי וִוי דַיין ווילֶען אִיז, אוּנ מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין מְגַדֵּל זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער צוּ דַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, אוּנ צוּלִיבּ דֶעם זְכוּת וָואס מִיר פְרֵייעֶן זִיך אִין דֶעם לִיבֶּען הֵיילִיגֶען יו״ט מִיט דַיין

תורה, זאלסטו אונז ערפרייען אונזער הארץ מיט אלעם גוטין, אונ עס זאל ניט גישעהן צו אונז אין אלע אונזערע לעבינס טעג קיין פרויערקייט, אונ קיין קלאג אונ קיין זיפצען, אונ זאלסט אונז מציל זיין פון אלע צרות אונ פירען אונז מיט פרייד אין דיין היילגע לאנד במהרה בימינו, אמן.

עוד תחנה לש"ת.

תורה תורה! זעה אן דיינע ליבע קינדער, דאס זיי קומען צו דיר צוא קושען דיך מחמת גרוים ליבשאפט, וואס זייער הארצען איז נאר צוא דיר, אונ זייא טוען זיך אן מיט שיינע אונ טייערע קליידער פון דיין כבוד וועגין, דרום זאלסטו אויף אונז אגוטין זכות זאגין פאר השי"ת, דאס ער זאל אונז געבין א גוט יאר מיט פיל ברכות מיט עושר וכבוד, אונ מיר זאלין זוכה זיין צו גיין קושען די היילגע תורה אין בית המקדש, במהרה בימינו, אמן

בשעת מען קישט די תורה זאגט מען דעם פסוק דריי מאל.

ישקני מנשיקות פיהו, כי טובים דודיך מיין.

דיא תחנה זאגט מען ש"ת איידער מגייט ארוים פון שוהל.

רבונו של עולם, הער פון דער גאנצער וועלט. זאלסט אן נעמען אלע אינזערע תפלות ובקשות וואס מיר האבען דיך גיבעטין אין דער היילגער שול. אונ מיר זאלין חס ושלום ניט פאר שעמט ווערין, דען מיר טוען שוין יעצט אוועק גיין פון דיין היילגער שול אונ מיר טוען זיך פרייען דער מיט וואס מיר זיינען גיוועזן אין שול אונ מיר האבין גיטאן קושין דיין ליבע היילגע תורה וואס זיא ווערט אן גירופען תורת משה, אונ צוליב דעם זכות פון משה רבנו עליו השלום זאלסטו אונז שטארקין אונזערע הערצער, אז מיר זאלען חס ושלום קיין מאל ניט אפ נייגין פון דעם וועג וואס דיא היילגע תורה האט אונז געבאטען, נאר מיר זאלען קענען מקיים זיין אלע מצות וואס אין דער היילגער תורה שטייט. אונ בזכות אלע צדיקים וואס אפפערין זיך פאר די היילגקייט פון דער תורה זאלין מיר זוכה זיין צו האבען גוטע קינדער דאס זיי זאלין זיך מיהען אין דער תורה טאג אונ נאכט אונ מיר זאלען זוכה זיין איבער א יאר אין דער היילגער שול ווידער צו גיין, אמן סלה.

אוּנ דֶער נָאךְ גֵייט מֶען בְּשָׁלוֹם אַהֵיים, אוּנ עֶס אִיז אַ מִצְוָה בְּשַׁעַת דִי ווַייבֶּער גֵייעֶן פוּן שׁוּל, זָאלֶען זֵיי הַאלְטֶען דִי אוֹיגֶען אַרָאפּ צוּ דֶער עֶרְד, כְּדֵי קֵיין מַאנְסְפֶּערְזָאנֶען זָאלֶען אוֹיף זֵיי נִיט קוּקִין אוּנ אוֹיךְ זֵיי זָאלֶען אוֹיף קֵיין מַאנְסְפֶּערְזָאנֶען נִיט קוּקִין. וּבִזְכוּת זֶה ווֶעט אוּנְז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הִיטִין פוּן עֲבֵירוֹת אַלֶע אוּנְזֶערֶע טֶעג, אָמֵן:

הִלְכוֹת חֲנֻכָּה וְהִלְכוֹת פּוּרִים

הִלְכוֹת חֲנֻכָּה

(א) ווַייבֶּער זֶענֶען אוֹיךְ מְחוּיָב חֲנוּכָּה לִיכְט צוּ בֶּענְטְשֶׁען, דֶער פַאר ווֶען דֶער מַאן אִיז נִיט אִין דֶער הֵיים אִיז זִיא מְחוּיָב צוּ צִינְדֶען חֲנוּכָּה לִיכְט כְּדִין וְכַדָּת: (ב) עֶרֶב שַׁבָּת חֲנוּכָּה צִינְדְט מֶען צוּם עֶרְשְׁטִין חֲנוּכָּה לִיכְט דֶער נָאךְ צִינְדְט מֶען לִיכְט פוּן שַׁבָּת, אוּנ מֶען בַּארְף אַרַיין גִיסֶען אַזוֹי פִיל בּוּימְאֵייל עֶס זָאל בְּרֶענֶען בִּיז אַהַאלְבֶּע שָׁעָה אִין דֶער נַאכְט, כְּדֵי עֶס זָאל נִיט זַיין אַבְּרָכָה לְבַטָּלָה, אוּנ מוֹצָאֵי שַׁבָּת מַאכְט מֶען צוּם עֶרְשְׁטִין הַבְדָּלָה דֶער נָאךְ בֶּענְטְשְׁט מֶען חֲנוּכָּה לִיכְט: (ג) בְּעֵת דִי חֲנוּכָּה לִיכְט בְּרֶענֶען מֶעג מֶען טָאן אַמְלָאכָה, נָאר דִי ווַייבֶּער זֶענֶען זִיךְ נוֹהֵג נִיט צוּ טָאן אַמְלָאכָה כָּל זְמַן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט בְּרֶענֶען. ווַייל דֶער נֵס אִיז גִישֶׁעהֶען דוּרְךְ אַ אִשָּׁה, דִי טָאכְטֶער פוּן יוֹחָנָן כֹּהֵן גָדוֹל „יְהוּדִית" ווֶעלְכֶע הָאט זִיךְ אִיר לֶעבֶּען אַנְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר'ן יוּדִישֶׁען פָאלְק אוּנ הָאט גֶעגֶעבִּין עֶסֶען דֶעם צוֹרֵר הַיְהוּדִים אַלִיפוֹרְנוֹס קֶעז, כְּדֵי עֶס זָאל אִים דָארְשְׁטֶען אוּנ הָאט אִים אָנְגֶעטְרוּנְקֶען מִיט מִילְךְ, בִּיז דָאס עֶר אִיז אַנְטְשְׁלָאפֶען גֶעווָארֶען, נָאךְ דֶעם הָאט זִיא אִים אָפְּגֶעשְׁנִיטֶען דֶעם קָאפּ אוּנ הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אוּנ דִיא יוּדֶען הָאבֶּען זַיין חַיִל טוֹיט גֶעשְׁלָאגֶען, דֶערִיבֶּער אִיז אַ מִנְהָג צוּ עֶסֶען אוּם חֲנֻכָּה מִילְכִיגֶע זַאכֶען אַ זֵכֶר צוּ דֶעם נֵס.

הִלְכוֹת פּוּרִים

(א) ווַייבֶּער זַיינֶען מְחוּיָב צוּא הֶערִין לֵייעֶנֶען דִי מְגִילָּה סַיי בַּיי טָאג סַיי בַּיי נַאכְט. אוֹיךְ אַ מֵיידִיל אִיז מְחוּיָב צוּהֶערֶען לֵייעֶנֶען דִי מְגִילָּה, דֶרִיבֶּער אִיז נְלַייךְ זֵיי זָאלִין גֵיין אִין שׁוּל הֶערִין דִי מְגִילָּה לֵייעֶנֶען, סַיידֶען זֵיי הָאבִּין ווֶער עֶס זָאל לֵייעֶנֶען בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּב פוּן אַ כְּשֵׁרָה מְגִילָּה אוּנ אַגוּטֶער בַּעַל קוֹרֵא: (ב) ווַייבֶּער זַיינֶען מְחוּיָב צוּא שִׁיקֶען מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים: (ג) מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת זָאל שִׁיקֶען אַיין אִשָּׁה צוּ אִיר חֲבֶרְתָּה נִישְׁט צוּ קֵיין מַאנְס־פֶּערְזָאהן: (ד) מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים דָאס אִיז צְדָקָה מֶעג גֶעבִּין אֲפִילוּ אַ אִשָּׁה

צוא אמאנספערזאהן: (ה) דיא מצוה „משלוח מנות" דארף זיין ביא טאג. ביי נאכט וואס גיהער שוין צו שושן פורים איז מען ניט יוצא דרום זאל מען זהיר זיין צוא שיקן ביי טאג לפחות צו איינעם וועט מען שוין די איבעריגע קענען שיקען ביי נאכט אונ מ'דארף שיקן 2 זאכן וואס איז ראוי צו עסן דהיינו טארט מיט עפעלכין אדער ווין.

תחנה פון ליכט בענטשין לשבת הגדול.

רבונו של עולם, הער פון דער וועלט, איך גיב אשבח והודאה צו דיין הייליגען נאמען, וואס דו האסט אונז נשים מזכה גיוועו מיט די ליבע מצוה פון ליכט בענשין צו בעלייכטען דעם הייליגען „שבת הגדול" וואס אין אים איז גיטאן גיווארען דער גרויסער נס, ווייל דאן האט די גאנצע פאלק ישראל גיטאן אגרויסין שריט צו זייער גרויסין ציעל, ווארום ביי יציאת מצרים איז דער שבת א) אוים גיקומען צעהן טעג אין ניסן, וואס יעדער אידישע פאמיליע האט גינומען אשעפסעלע. אונ האט אים צו גיבונדין אין שטוב צו צו גרייטין אויף ערב פסח פיר אקרבן פסח, אונ אז די מצריים האבען דאס גיזעהן, אז אידען בינדין צו זייער אבגאט (די מצרים האבין גידינט צו אשעפס) צו גרייטין צום שעכטין, זיינען זיי אויף גיקאכט גיווארין פשוט אוים צו קוילען אלע אידין מיט איין מאל, איז דאס גיוועזן פון אידין אגרויסער מסירת נפש. אונ אז אידין האבען גימאכט אשריט אין איבערנאטירליכקייט (ווייל מיט די נאטור וויל זיך אמענש נים שטעלין אין סכנה) אונ דא האבען אידין זיך גישטעלט אין סכנה לכבוד

מעשה אלפס

א) שבת האט צוויי נעמען, „מנוחה" (רוהונג, ווייל אין אים האט דער בורא גירוהט פון די ארבייט וואס ער האט באשאפען די וועלט אין זעקס טעג), אונ דער צווייטער נאמען איז „שבת" (רוהונג אונ שטערונג כמו תשביתו שאור) ווייל אין אים איז בעשאפין גיווארין די הנהגה נסיית וואס זיא צוא שטערט די הנהגה טבעיית, וויא מיר זעהען אין דער וועלט צוויי הנהגות, דאס מערסטע פירט דער בורא ב"ה מיט די נאטירליכע הנהגה אונ אמאל פירט ער מיט דיא איבער-נאטירליכע הנהגה (מיט נסים ונפלאות), דיא נאטירליכע הנהגה הט דר בורא ב"ה בשאפן אין די זעקס טעג (ששת ימי הבריאה) זי איז ניט ניבונדען מיט די מעשים פון מענשין, ווייל דאן איז נאך אדם ניט גיוועזן באשאפין, דיא הנהגה הנסיי האט ער באשאפין שבת וואס אדם איז שוין גיוועזן, דריבער איז די הנהגה אויף גיקניפט מיט די מעשים פון מענשין, אויב אידען וועלען זיי, גוט אונ פרום וועט זיי גיין די הצלחה דורך טיר אונ דורך טויער (אם שמוע תשמעו אל מצותי ונתתי מטר ארצכם בעתו) ווען ניט חלילה וועט מען פארטריבען ווערין אין

וואלגערין

די גיבאט פון דעם בורא ב"ה, האט זיך ערוועקט אין הימל די איבערנאטירליכע הנהגה (הנהגה נסיי) וואס דער בורא האט איר באשאפען דעם ערשטין שבת בעת בריאת העולם, וואס ביז אהער האט די הנהגה נאך ניט גיארבייט, ווייל עס איז ניט גיוועזן קיין פאלק וואס זאל איר ערוועקען, אבער אז דעם שבת האבען אידין איר באוועגט מיט זייער שריט אין איבערנאטירליכקייט רופט זיך דאס אז זיי האבען אשטופ גיטאן דעם עקסטרין צוג, האט דער בורא אן גיהויבין צו גרייטין די וועג פון זייער גאולה, אונ האט דעם דאנערשטיג (פומצעהן טעג אין ניסן) צוברעכין די אייזערנע קלעטקע אונ גירעטעט זיין טייבעלע, די כנסת ישראל (הפח נשבר ואנחנו נמלטנו) אונ האט איר גיפירט פון מצרים מיט גרוים פאראד מיט אזייל פון וואלקען ביי טאג צו ווייזין די וועג אונ מיט אזייל פון פייער ביי נאכט צו לייכטין דעם גאנצען געגענד. ליבער הארציגער גאט, אזוי ווי דו האסט דאן דער לויכטין אידישע אויגען מיט די גאולה, אזוי זאלסטו דער לייכטין די אויגין פון מיין מאן אונ מיינע קינדער אין דיין ליכטיגע תורה אונ זאלסט אונז ארוים ציהען פון פינסטערין גלות אין דער ליכטיגקייט במהרה בימינו, אמן.

תחנה לפסח נאך ליכט בענטשין.

גרויסער קעניג! איך דאנק אונ לויב דיין ליבען נאמען, וואס דו האסט מיר מזכה גיוועזן מיט די ליבע מצוה בענשין ליכט

מעשה אלפס

וואלגערין זיך צווישען שלעכטע שכנים. וואס מ'זועט צאלין בלוטיגע דירה געלט און מ'וועט אלע ווילע טרייבין, איז ביז שבת הגדול האט שבת נור גיהייסין „יום מנוחה" צום אנדיינקונג וואס גאט האט גירוהט אין אים, אבער שבת הגדול דורך אידישען שריט אין איבער נאטירליכקייט איז נתעורר גיווארין אין הימעל דיא הנהגה נסיית האט ער דאן גיקראגין דעם נאמען „שבת" ווייל דער בורא ב"ה האט דאן צו שטערט די נאטירליכע פיהרונג, וואס פון מצרים האט קיין קנעכט ניט גיקאנט ענטלויפען

און דער ערסטער פאיאד (הנהגה נסיית) וואס האט זיך שבת הגדול אנגיהייבען צו ריהען פון שטאנציע, האט אנגיהייבין צו גיין שנעלער אונ שנעלער ביז די ערסטע נאכט פסח (וואס דאן האבען אידין גיבראטין אונ גיגעסען דעם קרבן פסח) האט ער אנגיהייבין צו גיין אפאלגעם חאד, אונ די גאנצע פאלק זיינען ארוים פון מצרים אין העלען טאג אונ דיא עגיפטישע מיליטער מיט זייערע גיוועהר האבין ניט גיקאנט שטערין, דרום רופט זיך דר ערסטער טאג פסח אין דער תורה מיט'ן נאמען „שבת" וספרתם לכם ממחרת השבת.

צו בעלייכטען דעם היילינען יום טוב וואס אין אים האסטו אונזער מוטער שרה׳ן צו נייגציג יאהר גיענטפערט מיט איר ליבען זון יצחק. אונ פון יצחק׳ס קינדער האסטו אויסערוואהלט פאר דיר צפאלק, וואס צו ליב זיי האסטו גיטאן גרויסע וואונדער, די מצרים האסטו מיט צעהן פלאג גיפלאגט אונ היינטיגע נאכט ביסטו דורך גיפארען אין מצרים אונ דער שלאגען אלע זייערע בכורים, אונ דיין בכור ישראל האסטו ארויס גיפירט פון שקלאפען הויז מיט שטאלץ אונ גרויס כבוד. — ליבער גאט, אזוי ווי דו האסט אויס גיהיט דיין פאלק ישראל בעת דוא האסט דיזע נאכט גיפלאגט די בכורים פון מצרים עס זאל ניט טרעפין קיין שום אונגליק אין א אידישע הויז, אזוי זאלסטו אונז אויך היטען, עס זאל ניט טרעפין ביי אונז קיין שום פלאג, אויך זאל קיינעס אין מיין הויז גיזינד ניט פארשאטען די מצה, די מרור, די ארבע כוסות וואס מיר וועלין באניצין צום סדר לכבוד דיין ליבען נאמען, אונ נעם אן לרצון אונזער מיהע מיט די גרויסע הוצאה וואס מיר האבען גיהאט איידער מיר האבין אויס גיראמט דעם חמץ אונ אריין גינומען די מצה מיט אלע פסח׳דיגע זאכען, בזכות זה זאלסטו אונז העלפין אויס ראמען דעם יצר הרע וואס פערנייערט אונזער הארץ, אונ מיר זאלען חלילה ניט נכשל ווערין אין איסור חמץ, אונ זאלסט ערלייכטין מיינע גידאנקען, איך זאל חלילה ניט קומען צו אנארישען פיהרונג ארויס צו גנב׳נען ביי מיין מאן דעם אפיקומן ביי זיין סדר פון אגאנץ יאהר *)

און

---

*) יעדער קלוגער מענש פארשטייט, אז דער סדר של פסח איז ניט א סדר אויף די נאכט (פון פסח) אליין, נור עס לערינט דעם אידין צו לעבין מיט ארדנונג און סדר אויך אלע טעג און נעכט פון א גאנץ יאהר. קדש, ורחץ בעמערקט אונז, מיר זאלין היילינ און אב־גישייד זיין פון אלע נידעריגע און שפלע טהאטין, און אב־וואשין די הענד פון ניט קיין ערליכען גראשין ערחצו הזכו יען ידיכם דמים מלאו), ווי צב״ש אבקייפין גנבות, פאלשע עדות זאגין און נאך אזעלכע פיינע מסחרים, וואס ערנידערין אונזער כבוד צום אבגרונד. אז מיר האבין ניקראנין ביי אונזערע שכנים א פנים ווי ציגיינער, ה׳ ירחם.

כרפס, דער מאכין א ברכה (בורא פרי האדמה) אויף א שטיקעלע גרינס, בעמערקט אונז. אז דאס וואס די מוטער, די ערד, (כמ״ש ערום יצאתי מבטן אמי וערום אשוב שמה) איז א גרויסע ווירטהין (זיא פארשאפט אונז אלע זארטען שפייז, קליידונג, בוי מאטריאל, גאלד און אבנים טובות) איז נור דאן אז דער פאטער פון הימל איז איר משפיע, און ווען דער פאטער הערט אויף צו געבין די השפעה, ווערט די מוטער אויס־ווירטין. אלזא דארף מען לערנען דעם קינד דאנקען דעם פאטער, ד. ה. מאכין א ברכה אויף יעדער זאך וואס ער געניסט. און ניט מיינען

זאל

און גיב אונז מונטערקייט מיר זאלין ניט איינשלאפען צום סדר בכדי מיר זאלען דער ציילין אונזערע קינדער דיינע וואונדערליכע נסים וואס דו האסט גיטאן מיט אונזערע עלטערין בעת יציאת מצרים אום עס זאל איינגיפלאנצט ווערין אין אונזערע הערצער און אין אונזערע קינדערס הערצעלעך דער ריינער גלויבין אין דיין היילגען נאמען, מיר זאלען גיין אין די וועג פון לעבין, גליקליך צו זיין אין ביידע וועלטין, אמן.

אצווייטע תחנה לפסח נאך ליכט בענטשין.

הארציגער גאט, אזוי ווי איך האב ערלויכטין מיין שטוב מיט מיין ליכט בענשין לכבוד דעם היילגען סדר, אזוי זאלסטו דער לייכטין די פינסטערנעס פון אונזער היילגע לאנד און

בויען

סויל אליין, נור מיטין גידאנקען אויך. ער זאל ערקענען אז לה' הארץ ומלואה, די גרויסע וועלט מיט אלעס וואס אויף איר, איז דער געטליכער בזעט, און ווען מען גיניסט פון איר דארף מען צאלען דעם ווירטה מיט די מטבע שטבעו חכמים בברכות (ווי עס איז גוט ערקלערט אין מעשה אלפס ח"א וח"ה) און ווען ער וועט וויסין, אז די וועלט האט אווירטה, וועט ער וויסין אז מען טאר אליין גיט גנעמען, אז גיט "רוקי ווערך" נור "שאו ידיכם קודש".

דער מענש איז אבער אמאדנע בעשעפעניס, ער האט אין זיך פיעל כוחות, גוטע און שלעכטע, און בעת א תאוה קומט אים אויף, פארגעסט ער אן אלעס, ער ווערט א ווילדע חיה, א צווייפיסיגער טיגער, איז אום צו מאכין דעם טיגער פאר א בן תרבות, האט דער גרויסער וועלט פראפעסער (אני ה' רופאך) גיגעבען צו דעם א מיטל "נחץ" איבער-טיילין די מיטעלסטע מצה, ד. ה. די מיטעלסטע (די בעסטע יאהרין פון לעבין (ניט ווארטין אויף דער עלטער) די קלענערע העלפט אויפ'ן טיש (פאר'ן קערפער, ארבייטין, מאכין גישעפטין), און די גרעסערע העלפט בע-האלטין אויף שפעטער פאר די נשמה, עוסק זיין אין תורה ומעשים טובים, אבער וועהע איז צו דעם וואס "ווייב און קינדער גנב'נען ביי אים ארוים דעם אפיקומן"! די העלפט וואס ער וויל לאזין אויף שפעטער, זיי לאזין איהם אין זיין סדר פון לעבין קיין צייט ניט איבער, אוויילע לערנען, קונה שלמות זיין, זייא שרייען אין איין שטימע הב הב! גיב אבערייטען לעבין, מאדעם און טעאטער, בעלער און (מאגין) קאטער, מען זאל קענען פליהען אין די בעדער, שפאצירין אין די מעדער, דאדורך צו שטערין זייא איהם פון אלע אדעלע געפיהלען, ער פערבלייבט נור ביין שפלען גדאנקען "גוואלד וואו נעמט מען געלט"! — זיי מאכען איהם פאר אמיט-גליד אין די גיפערליכע גיזעלשאפט פון "אנשי דמים ומרמה" וועלכע "לא יחצו ימיהם", זיי ווילין ניט איבער-טיילין זייערע טעג חציו לה' וחציו לכם, דרום דארף יעדע קלוגע פרוי מתפלל זיין צו השי"ת בעת ליכט בענטשין, ער זאל איר ערלייכטין די אויגין צו פירין איר מאן און קינדער אין גוטין וועג, וואס דאס ווענדעט זיך איבערהויפט אן אפרוי ווי שלמה המלך ע"ה זאגט "אשת חיל עטרת בעלה".

בויען דיין בית המקדש אום מיר זאלען קענען מקריב זיין דעם דאנקבאר אָפּפער (קרבן פסח) ווי דו האסט אונז גיבאטין אין דיין הייליגע תורה. אונ אזוי ווי אין דעם הייליגען פסח האסטו ארויס גינומען יוסף'ן פון די פינסטערע תפיסה אונ האסט אים גימאכט פאר א משנה למלך אויף גאנץ מצרים אונ ער איז גיוועזען אכציג יאהר אין גרויס גדולה, אזוי זאלסטו מיט דיין גרויס רחמנות אונז ארויס נעמען פון גלות-תפיסה, אונ אום קערין אונז אונזער קעניגרייך (מלכות בית דוד). — אונ אזוי ווי דו האסט גיהיט אונזערע עלטערין די נאכט אין מצרים, אז אפילו א הונט האט זיך ניט ערלויבט אויף זיי צו בילין (ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו) אזוי זאלסטו אונז היטען דיזען יום טוב אז די בילער זאלען ניט אנפאלען אויף אונז מיט זייערע שקרים פון בלוט בלבולים. אונ אזוי ווי אין דעם יום טוב האסטו ארויף גיגאסין דיין חן אויף אסתר המלכה, וואס זי האט איר לעבין איינגישטעלט צו גיין בעטין פאר אידען, אונ דו האסט איר גיהאלפען, אז וואס דער צורר היהודים האט גיוואלט טאן אידען איז אויס גיגאנגען צו זיין קאפ, אזוי זאלסטו אונז געבין חן אין די אויגין פון קעניג אונ פון זיינע שרים, אונ די צרות וואס המן'ס תלמידים ווילען אן טאן אידען, זאל אויס גיין צו זייערע קעפ, אונ ביי אידען זאל זיין אורה ושמחה, ליכטיג אונ פרייליך צו לויבין דיין ליבען נאמען, אמן.

שערי ציון

איינינע דינים פון פסח

דיא אשה ווייל זי איז די עקרת הבית ליגט אויף איר דר חוב פארזיכטיג צו זיין אין די כשרות פון פסח דאס די בני בית זאלען חלילה ניט נכשל ווערן אין א איסור חמץ, עס איז א מצוה זי זאל אליין גיין צוא מצה באקין אונ גוט אכטונג געבען עס זאל צו גיין בכשרות, אויך דארפען זיי זיך שטארק פרייען אין דעם יום טוב, דען באמת איז דאס זייער יום טוב, אזו וויא די גמרא זאגט (בזכות נשים צדקניות נגאלו ישראל ממצרים) דאס דורך דעם זכות פון דיא ערליכע יודישע פרויען וואס וואַרען אין יענעם דור, זיינען די יודען אויסגילייזט גיוואָרין פון מצרים, דארפין זייא זעהן דער זכות זאל ווייטער אויף זייא מגין זיין, מיר וועלען דאס געבין צו פארשטיין מיט א משל: א אשה וועלכע וואר פון די נאטור ניט זייער שיין, נאר ווייל זיא פלעגט זיך זייער שיין ציהרען האט זיא נושא חן גיוועזן ביי א גרויסין מאן ער זאל מיט איר חתונה האבין, דר גרויסר מאן האט איר זעהר ליב געהאט דאס ער פלעגט אלע יאהר אין דעם זעלביגען

חתונה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק אוּנ לוֹיבּ דַיין לִיבֶּען נָאמֶען, וָואס דוּ הָאסְט מִיר מְזַכֶּה גִיוֶוען מִיט דִי לִיבֶּע מִצְוָה פוּן לִיכְט בֶּענְשִׁין צוּ בֶּעלַייכְטֶען דַיין הֵיילִיגֶען שַׁבָּת, אוּנ אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ לִיכְטִיג גִימַאכְט מַיין שְׁטוּבּ לְכָבוֹד דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען, אַזוֹי זָאלְסְטוּ דֶער לַייכְטִין מַיין נְשָׁמָה מִיט דִי לִיכְט פוּן דַיין תּוֹרָה, אַז דֶער אוֹר הַתּוֹרָה זָאל מִיר מְחַיֶּה זַיין צוּ תְּחִיַּית הַמֵּתִים וָואס מִיר הָאפֶען אַז עֶס וֶועט זַיין חוֹל הַמּוֹעֵד פֶּסַח, וִוי מִיר לֵייעֶנֶען מָארְגִין אִין דֶער הַפְטוֹרָה אַז דֶער בּוֹרֵא הָאט גִיוִויזִין יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא תְּחִיַּית הַמֵּתִים, עֶר הָאט גִיזֶעהֶן אַגְרוֹיסֶע פֶעלְד מִיט טְרוּקֶענֶע בֵּיינֶער. הָאט עֶר אִים גִיהֵייסֶען נְבִיאוֹת זָאגְען, אִיז גִיוָוארֶען אַגְרוֹיסֶער רַעַשׁ אוּנ דִי בֵּיינֶער הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהֵייבְּן צוּ צוּרוּקֶען אֵיינֶע צוּ דִי אַנְדֶרֶע, אוּנ זַיינֶען אוֹיף גִישְׁטֶעלְט גִיוָוארֶען גַאנְצֶע סְקֶעלֶעטִין, נַאכְהֶער אִיז גִיוָוארֶען אוֹיף זֵיי אָדֶערִין מִיט פְלֵייש אוּנ הוֹיט, נַאכְהֶער הָאט עֶר גִיזָאגְט נְבוּאָה, אִיז אַרַיין גִיבְּלָאזֶען גִיוָוארֶען אַלֶעבְּהַאפְט אִין זֵיי אוּנ עֶס זַיינֶען אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אַגְרוֹיסֶער פּוּבְּלִיק מֶענְשִׁין, הָאט דֶער בּוֹרֵא אִים גִיזָאגְט אַז דִי דָאזִיגֶע בֵּיינֶער אִיז אַרְמֶז אוֹיף דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּנ אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגֶען אַז לֶעבֶּעדִיג וֶועלִין נוּר וֶוערִין דִי וָואס הָאבִּין אִין זִיךְ אַשַׁיין פוּן תּוֹרָה, פוּן דֶעם וֶועט וֶוערִין אַטַל שֶׁל תְּחִיָּה. בֶּעט אִיךְ דִיר גָאט דוּ זָאלְסְט מִיר גֶעבִּין אַגוּט הַארְץ אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבֶּען דִי תּוֹרָה אוּנ הָאדֶעוֶוען מַיינֶע קִינְדֶער צוּ תּוֹרָה אוּנ נֶעמֶען אֵיידִימְס עֶרְלִיכֶע אִידִין וָואס לֶערְנֶען דַיין תּוֹרָה, אוּנ הֶעלְף

שערי ציון

חֲתוּנָה טָאג מַאכֶען אַגְרוֹיסֶען יוֹם טוֹב, פַארְבֶּעטֶען פִיל גֶעסְט אוּנ פָארְשְׁטֶעלֶען זַיין פְרוֹיא מִיט אִירֶע שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, מִיט אִיר חֵן פוּן אִיר צִירֶען זִיךְ, אֵיינְמָאל אִיז אִיר אַיינְגֶעפַאלֶען אַמְשׁוּגַעַת אִין דֶעם טָאג פוּן אִיר יוֹם טוֹב אַרַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי גֶעסְט נִיט אוֹיס-גֶעפּוּצְט אוּנ אֲפִילוּ נִיט אַרוּם גִיוַואשִׁין דָאס עֶס אִיז גִיוָוארִין אַגְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער, דֶער מַאן אִיז זֵייעֶר בֵּייז גִיוָוארֶען עֶר זָאגְט צוּ אִיר, בֶּאֱמֶת בִּיסְטוּ דָאךְ נִיט שֵׁיין נָאר דַיין צִירֶען זִיךְ הָט אוֹיף דִיר גִיגֶעבֶּען אַחֵן דָאס אִיךְ זָאל דִיךְ גְלִיקְלִיךְ מַאכֶען, קוּמְסְטוּ יֶעצְט אִין דֶעם וֶועלְבִּיגֶען יוֹם טוֹבְדִיגֶען טָאג פוּן דַיין גְלִיק אֲפִילוּ נִיט אַרוּם גִיוַואשְׁן, זָאג דוּ וֶועלְבְּסְט וָואס פַר אַפְּנִים הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט בַּיי מַיינֶע גֶעסְט? דֶער נִמְשָׁל אִיז, עַל פִּי רוֹב וַוייבֶּער הָאבֶּען אוֹיף זִיךְ ווִינְצִיג זְכוּתִים, וֶוען זֵייא הָאבֶּען שׁוֹין אַמָאל זוֹכֶה גֶעוֶועזֶען דָאס דוּרְךְ זֵייעֶר זְכוּת זָאל וֶוערֶען אַזוֹי אַיוֹם טוֹב, דַארְפֶען זֵיי זֶעהְן אִים צוּ הַאלְטֶען טֵייעֶר נִיט צוּא בֶּעשְׁמוּצֶען אִים חָלִילָה מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים

מיר מיט מיין מאן און קינדער, אז אונזער אויער זאל זיין אפין צו הערין דברי תורה, בכדי מיר זאלען זוכה זיין שפעטער צו הערין די שטימע פון רוח הקודש וואס וועט רופען צו די טויטע (הקיצו) מאכט זיך אויף איר טויטע צו לויבין השי״ת, איז דער וואס עפינט יעצט אויף זיין אויער צו הערין די רייד פון דער תורה, וועט ער זוכה זיין אז זיין אויער וועט הערין דעם בת קול און וועט אויף שטיין תחיית המתים, ווי משה רבנו האט אונז מרמז געווען (אין די שירה פון האזינו) (האזינו השמים ואדברה) ווען איר מענשין וועט צו ליגין אייער אויער הערין די רייד פון דער תורה, בעת איר זייט נאך בבחינת „שמים״ הייסט איר האט נאך ביי זיך די נשמה וואס זי איז א הימעלם-וועזין, וועט איר זוכה זיין (ותשמע הארץ אמרי פי) אז ווען איר וועט נור זיין ערד (א גוף אליין) בעת די נשמה איז ניטא אין אים, וועט איר אויך הערין די וייכע געשמאקע רייד פון (הקיצו ורננו שוכני עפר) וואס מיר האפען אז דאס זאל געשעהן במהרה, אמן.

תחנה פון די אנדערע טעג פסח (נאך ליכט בענטשין).

די אנדערע טעג פסח צו ליכט בענטשין זאגט מען ניט קיין שהחינו.

גרויסער פארכטיגער גאט, בזכות וואס איך האב אנגעצונדין ליכט בעלייכטין דעם הייליגען יום טוב וואס אין דיזע נאכט האסטו געלויכטין מיט א זייל פייער פאר דיין הייליג פאלק ישראל, בעת פרעה האט זיי נאך געיאגט און האט זיי געדרייכט ביין ים, איז זיי זייער ביטער געווען, ווי זיינען געווארען ארום גערינגעלט פון אלע פיר זייטען, פארינט איז דער גרויסער ים, פון ביידע זייטין איז מדבר עגדעשין און שלאנגען און פון הינטין יאגט פרעה מיט א גרויסען חיל ווי זאמד און ערד, האבען דיינע קינדער גענומען שרייען צו דיר, האסטו געהייסין משה רבנו ער זאל שפאלטען דעם

שערי ציון

מען דארף זיין נזהר בעת מען שמיילעט אפ אנעקוילטען עוף אום פסח ניט צו שמיילען מיט שטרוי העלבע זיי וועגען מיט די זאנגען פילייכט געפינט זיך אין די זאנג אפיכטער קערינדיל קאן מען נאך חלילה נבשל ווערען באיסור חמץ. פאר דעם אפ׳ שמיילען דאס עוף זאל מען ארויס נעמען דעם פופעק, אויך די מארבע פון דעם ושט. און בעת מען עפינט דעם פופעק איז גלייך אים צו עפענען אין דרויסען, דאס עס זאל זיך חלילה אין שטוב ניט מאכען קיין מבשול פון חמץ, און אז מ׳איז פארזיכטיג וועט השי״ת העלפין.

ים, אונ דער זייל פון פייער האט בעלויכטעט די וועג, אונ דיינע קינדער זיינען גיגאנגען אין ים אין דער טריקענעס. אונ פון ביידע זייטין איז גיוועזען וועגט מיט וואסר, אונ פרעה מיט זיין גאנצען חיל האסטו דער טרונקען אין ים. ליבער גאט דיינע קינדערלאך שטייען יעצט אויך אין אגרויסע עת צרה, פון הינטען טרייבט מען זיי פון אלע ערטער, מ'האט זיי איינג גימאכט, מ'האט צו גינומען אלע לעבינס-מיטלען, פון פארענט לאזט מען זיי ניט אריין אין אנדערע מדינות, זיי האבען קיינע מיטלען ניט נור צו ווארפען זיך אין ים ח"ו, רבונו של עולם! שריי אן אויף דעם ים פון צרות ער זאל טרוקען ווערין פאר אונז, אונ זאל בעסער דער טרינקען אונזערע נאכיאגער אונ פאר פאלגער אונ פאר אונז זאל קומען א ישועה, וועלין מיר זינגען צו דיר אגאטליכע גיזאנג ווי משה אונ די ישראל האבען דאן גיזונגען די שירה פון „אז ישיר" אונ האבען גיבעטין (תפול עליהם אימתה ופחד) אז אויף די אידישע פערפאלגער זאל פאלען א שרעק זיי זאלען בלייבען שטום ווי א שטיין. ביז וואנען מיר וועלין אריבער דעם ים הגליות, אונ קומען אין גיבען צו אונזער הייליגע לאנד אין דיין הייליגען בית המקדש, אמן.

תחנה לשבועות (נאך ליכט בענטשין).

ביידע טעג שבועות זאגט מען שהחינו צו ליכט בענטשין.

הער פון דער וועלט, איך דאנק אונ לויב דיין ליבען נאמען, וואס דו האסט מיר גישאנקען לעבן. זוכה צו זיין מקיים זיין די ליבע מצוה פון בענטשין ליכט דעם הייליגען הערליכען יום טוב, וואס אין אים האסטו ערשיינט מיט דיין גרויסען כבוד אויפין בארג סיני,

שערי ציון

מנהגים פון שבועות

(א) עס איז אמנהג אוים צו שפרייטען די שטוב מיט פערשידענע גרעזליך מיט שמעקעדיגע בלומלעך, צו דער מאנען זיך אן מתן תורה וואס איז גיוועזען אויף דעם בארג סיני אין די צייט וואס דער בארג איז פול גיוועזען מיט פערשידענע גראזען אונ בלומען, אויך איז אום יום טוב פון שבועות דער משפט פון אלע

מעשה אלפס

1) דער אנדענקונג פון דעם הייליגען יום טוב שבועות איז זייער טייער, שבועות דאס איז זעקס טאג אין חודש סיון האבען די יודען מקבל גיווען די תורה, מיר געפינען דאס נאך בששת ימי בראשית האט הקדוש ברוך הוא אויסגענומען אתנאי מיט די וועלט, דאס אויב די יודען וועלען חלילה ניט מקבל זיין די תורה וועט די

צו לערנען דיין פאלק די ליכטיגע תורה ומצות, אונ דו האסט צו
זיי גילאזט הערין דיין הערליכע שטימע אונ דיינע היילגע ווערטער
דורך פלאמען פייער, מיט דונער'ן אונ בליצען האסטו זיך איבער
זיי גיצייגט, אונ מיט א שופר-שטימע האסטו זיך איבער זיי ערשיינט
ווי אין די היילגע תורה איז גישריבען.

גרויסער היילגער פאטער, איך בעט דיין רחמנות, אז דער
זכות פון מיין ליכט בענשין זאל מיר ביישטיין, דו זאלסט
שיקען דיינע היילגע מלאכים מיך אנקרוינען מיט אקרוין פון
היילגע שיינקייט, אזוי ווי דו האסט גיקרוינט דיין ליבע פאלק
ישראל צו מתן תורה, אונ זאלסט געבין מיין מאן אונ מיינע
קינדער גרויס תשוקה, צו לערנען דיין תורה מיט פליים ווען נור
זיי האבען צייט, אונ דו זאלסט זיי דער לייכטין די אויגען צו דער
זעהן אירע טיפקייט אונ שפירען אירע זיסקייט.

הארציגער פאטער, בענטש די פרוכט פון די בוימער וואס דו
טוסט היינטיגען יום טוב משפטין, זיי זאלען האבען אין
זיך גוטע זאפט צו ערקוויקען די הערצער. אויך זאלסטו בענשין
אונזערע קינדער וואס זיי זיינען די פרוכט פון די עלטערין (דער מענש איז
גיגליכען צו אבוים) אז זיי זאלען האבען אין זיך גוטע זאפט, כלומר
גוטע גידאנקען אונ מדות טובות צו ערקוויקען די הארץ פון זייערע
עלטערין. אונ מיר זאלען זוכה זיין צו הערין אצווייטען מאל דיינע
רייד ווען דו וועסט ערשיינען צו אונז, אזוי ווי דו האסט ערשיינט

וועלט צוריק ווערען תהו ובהו, די ווייבער
הגם זיי לערנען ניט קיין תורה זאגט די
גמרא דאס זיי קאנען זוכה זיין צו דעם
טייערין שכר פון די תורה, מיט דעם וואס
זיי זעהען צו פערזארגען דאס זייער מאן
מיט די קינדער זאלען קאנען לערנען תורה,
די תורה הקדושה איז זייער גרויס דאס
אחוץ די איינפאכע רייד אירע איז דא אויף
יעדען אות אויף יעדעם פינטעלע פון די
תורה סודי סודות דאס די צדיקים וועלכע
זיינען ראוי ווערט פאר זיי גיעפינט די
היילגע סודות התורה, דאס עס שיינט פאר זיי אגרויס ליכטיגקייט, עס איז דא
פיל ערטער אין די תורה וואס איז זייער קשה נאר דער חכם וועלכער גיט זיך מיה

פרוכט-בוימער, איבער דעם שטעלען
מיר די ביימלעך, דאס מיר זאלען
בעטען אז עס זאל גיבענשט ווערען צו
גוטען אלע פרוכט-בוימער: (ב) עס איז
אמנהג צו שטעלין אין די פענסטער דאס
מין גראז וואס הייסט „אייער" אזעלכע
לאנגע ברייטע גראזען ווס וואקסען ביין
ברעג פון די טייכליך, דאס איז ארמז
אז אין דעם טאג האט מען משה רבנו

ארוין

אונ

צו אונזערע עלטערין, אונ אזוי ווי אין דעם טאג האט מרים (די שוועסטער פון משה רבנו) גישטעלט זיך ביין ברעג פון טייך נילוס, ועהן וואס עס וועט פאסירין מיט איר ברודעריל משה, וואס מ'האט אים גיווארפען אין טייך. אונ בזכות וואס ער וועט מקבל זיין די תורה דעם טאג פון דיין האנד איז ער נצול גיווארען פון טייך אונ איז אריין גיקומען אין קיניגליכע פאלאצין, אזוי זאל די גוטע שוועסטער (די תורה) אונז אויך אפ היטען, מיר זאלען נצול ווערין פון דעם טייך צרות, וואס מיר טרינקען זיך יעצט, אונ מיר זאלען אריין גיבראכט ווערין אין דיינע היילינע פאלאצען ציון וירושלים במהרה, אמן.

תחנה דעם צווייטען טאג שבועות (פאר תהלים זאגען).

גרויסער קעניג! אזוי ווי היינט איז יאהר צייט נאך אונזער היילינען קעניג דוד, קום איך טאן אנחת רוח צו זיין ריינע נשמה אונ זאגען די שירות ותשבחות פון זיין היילינען תהלים, בזכות זה זאל ער זיין אמליץ טוב פאר אונז, אז אונזערע קינדער זאלען פילין אזא זיסקייט אין דער תורה ווי ער האט גיפילט, ווי ער האט גיזאגט הנחמדים מזהב ומפז רב ומתוקים מדבש ונופת צופים. די תורה ומצות זיינען גילוסטיגער פון גין גאלד אונ זיסער פאר האניג. מה אהבתי תורתך כל היום היא שיחתי, אה! ווי ליב איך האב דיין תורה, אגאנצען טאג איז זי מיין גישפרעך. אונ אין אלע זייערע גיזעלשאפטין זאלען זיי נור ריידין וועגין די ליבשאפט פון דער תורה ווי ער האט גיזאגט ואדברה בעדותיך נגד מלכים ולא אבוש, אונ זאלסט אונז מזכה זיין צו זעהען מלכות בית דוד אין ציון וירושלים במהרה, אמן.

שערי ציון

אריין געווארפען אין דעם טייך אונ ער איז נצול גיווארין בזכות וואס ער האט נעדארפט מקבל צוא זיין דיא היילינע תורה: (ג) שבועות איז מען זיך נוהג צו מאכין אויך א מילכדיגע סעודה, דער טעם איז וויל אויף דיא תורה איז געזאגט געווארען דער פסוק (דבש וחלב תחת לשונך):

מעשה אלפס

אין לערינט תורה לשמה לייכטען זיינע אויגען אין די תורה דאס עס ווערט אים אלעם פארענטפערט, דער מעשה אלפס (חלק ד' זייטע 18) שרייבט אויף דעם אטייערין משל (עיין שם).

אוּיךְ פִיר אַפְרוּי וָואס הָאט נָאךְ גָאר נִיט גֶעבּוֹירִין, זָאגִין דָאס נָאךְ לִיבִּט בֶּענְטְשִׁין.

וַתִּתְפַּלֵּל חַנָּה וַתֹּאמַר, עָלַץ לִבִּי בַּיהֹוָה, רָמָה קַרְנִי בַּיהֹוָה, רָחַב פִּי עַל־אוֹיְבַי, כִּי־שָׂמַחְתִּי בִּישׁוּעָתֶךָ: אֵין־קָדוֹשׁ כַּיהֹוָה כִּי־אֵין בִּלְתֶּךָ, וְאֵין צוּר כֵּאלֹהֵינוּ: אַל־תַּרְבּוּ תְדַבְּרוּ גְּבֹהָה גְבֹהָה, יֵצֵא עָתָק מִפִּיכֶם, כִּי אֵל דֵּעוֹת יְהֹוָה, וְלוֹ נִתְכְּנוּ עֲלִלוֹת: קֶשֶׁת גִּבֹּרִים חַתִּים, וְנִכְשָׁלִים אָזְרוּ חָיִל: שְׂבֵעִים בַּלֶּחֶם

שערי ציון

וַתִּתְפַּלֵּל, חַנָה הָאט תְּפִלָּה גִיטָאן (וַתֹּאמַר) אוּנ הָאט פָארְהֶער דֶער צֵיילְט דִי שְׁבָחִים פוּן השי"ת, בִּכְדֵי זִי זָאל זִיךְ פָארְשְׁטֶעלִין פַאר וֶועמֶען זִי שְׁטֶעלְט זִיךְ מִתְפַּלֵל זַיין, פַאר אַזַא גְרוֹיסֶען פָארְכְטִיגִין קֶענִיג, (עָלַץ) מִיט דַיין הִילְף הָאסְטוּ עֶרְפְרֵייט מַיין הַארְץ אוּנ גִיפֶעסְטִיגְט מַיין מוּטְה, פְרִיעֶר בִּין אִיךְ גִיוֶוען וִוי אַשְׁטוּמֶע שֶׁעפְּסֶעלֶע (פאר די וואס שרין איר) אוּנ יֶעצְט הָאבּ אִיךְ וֶוערְטֶער אִין מַיין מוֹיל צוּ עֶנְטְפֶערִין מַיינֶע פַיינְד וָואס הָאבֶּען מִיר גִיעֶרְגֶערְט, דְרוּם פְרֵיי אִיךְ מִיר וָואס אִיךְ בִּין גִיהָאלְפֶן, אוּנ אִיבֶּער הוֹיפְּט וָואס דַיין נָאמֶען וַואר גִיהָאלְפֶען עֶר זָאל נִיט מְחוּלָל זַיין וֶוען דִי עֶרְלִיכֶע אוּנ דִי פְרוּמֶע זַיינֶען גִיפַיינִיגְט. (אֵין) עֶס אִיז נִיטָא אַהֵיילִיגֶער אַזוֹי וִוי גָאט, אוּנ עֶס אִיז נִיטָא קַיין קִינְסְטְלֶער וִויא דוּ, אַמַיילֶער קֶען נוּר אָבּ מָאלֶען אַגִישְׁטַאלְט פוּן אַמֶענְשִׁין, אָבֶּער קַיין גִידֶערִים אוּנ לֶעבְּהַאפְט קֶען עֶר נִיט אַרַיין גֶעבִּין, אוּנ גָאט מַאלְט אוֹיס אַצוּרָה אִין אַצוּרָה (אַקִינְד אִין מוּטֶערְס לַייבּ) אוּנ גִיט דָארְטְ'עֶן אַרַיין גִידֶערִים אוּנ אַנְשָׁמָה, אִיז דֶען דָא אַזַא קִינְסְטְלֶער וִוי גָאט? (אַל תַּרְבּוּ) אִיר שְׁטָאלְצֶע לַייט (ווי פנינה אונ איר גלייכין) זָאלְט נִיט רֵיידִין מֶער הוֹיכֶע אוּנ שְׁטָאלְצֶע רֵייד, עֶס זָאל מֶער נִיט אַרוֹיס גֵיין קַיין שְׁטַארְקֶע אוּנ אָבְּגִיקֶערְטֶע רֵייד פוּן אַייעֶר מוֹיל, דֶען גָאט וֵוייס וָואס בַּיין מֶענְשִׁין אִין גִידַאנְקֶען אִיז (וָואס עֶר מֵיינְט מִיט דִי רֵייד) אוּנ פַאר אִים וֶוערִין גִיצֵיילְט דִי אַלֶע מַעֲשִׂים פוּן מֶענְשִׁין, אַלְזָא וֶועט אִיר זִיךְ נִיט קֶענֶען אוֹיסְדְרֵייעֶן, אַז אִיר הָאט גָאר אַנְדֶערְס גִימֵיינְט. (קֶשֶׁת) אוּנ וַוייל עֶר וֵוייס אַלֶע מַעֲשִׂים אוּנ גִידַאנְקֶען פוּן מֶענְשִׁין, דְרוּם צָאלְט עֶר יֶעדֶערִין מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, אַז פְלוּצְלוּנְג וֶוערִין צוּ בְּרָאכֶען דִי גִיוֶוער פוּן דִי גִבּוֹרִים אוּנ דִי שְׁוַואכֶע וֶוערִין

נִשְׂכָּרוּ, וּרְעֵבִים חָדֵלּוּ, עַד עֲקָרָה יָלְדָה שִׁבְעָה, וְרַבַּת
בָּנִים אֻמְלָלָה: יְהוָה מֵמִית וּמְחַיֶּה, מוֹרִיד שְׁאוֹל וַיָּעַל:
יְהוָה מוֹרִישׁ וּמַעֲשִׁיר, מַשְׁפִּיל אַף־מְרוֹמֵם: מֵקִים מֵעָפָר
דָּל, מֵאַשְׁפֹּת יָרִים אֶבְיוֹן, לְהוֹשִׁיב עִם־נְדִיבִים, וְכִסֵּא

שערי ציון

אָנגיגורט מיט שטאַרקייט. ווייל די גבורים האָבּען גיהאַפּט אויף זייער שטאַרקייט אונ דיא שוואַכע האָבּען נור גיהאַפּט צוא אים. (שְׂבֵעִים) די וואָס זיינען זאַט גיוועזן מיט גוטעס ווערין הונגעריג, ביז זיי דאַרפען זיך פאַרדינגען פאַר ברויט, אונ די וואָס זיינען הונגעריג גיוועזן קריגען זייער ברויט בּרֶוַח אונ זיי דאַרפען ניט דינגען ביין צווייטען, אָט אַזוי ווי איר זעט ביי מיר, די עֲקָרָה ווערט גיענטפערט מיט זיבּין קינדר, אונ די מוטער פון פיל קינדער ווערט פאַרשניטען פון אירע קינדר*). (ה׳) גאָט מאַכט טויט אונ לעבּעדיג, כּלוֹמַר, דאָס איז ניט גיוועזן קיין איבּער גאַנג, נור גאָט האָט עס גימאַכט, ער האָט גימאַכט טייטין פְּנִינָה׳ס קינדער אונ מְחַיֶּה גיוועזן די קינדער פון די עֲקָרָה, זי זאָל ניט מַפִּיל זיין אונ זיי זאָלען זיך האָדעווען. ער מאַכט נידעריג דעם הויכין צום אָבּגרונד אונ דער הויבּט דעם גיפאַלענעם. (ה׳) גאָט מאַכט אָרים די רייכע אונ מאַכט רייך די אָרימע, ער מאַכט נידעריג די שטאָלצע אונ דער הייבּט די ערנידערטע. (מֵקִים) ער שטעלט אויף דעם אָרומאַן וואָס ער איז שוין גילעגין נידעריג אַז צו דר׳ערד. (מֵאַשְׁפּוֹת) דער אֶבְיוֹן וואָס זיין דירה איז שוין גיוועזן לעבּין מיסט קאַסטען, טוט ער אים אויף שטעלין אַזוי הויך צו זעצין אים מיט די שענסטע לייט פון שטאָט, אונ איין עהרע שטול גיט ער זיי, אַז עס בּלייבּט פאַר קינדער אונ קינד׳ס קינדער. ווייל גאָט

---

*) וויא דאָ האָט פּאַסירט, חַנָּה איז גיוועזן איין עֲקָרָה אונ פְּנִינָה האָט גיהאַט צעהן קינדער, האָט פְּנִינָה שטאָלצירט אונ פלעגט חַנָּה׳ן ערגערין מיט שטעכעדיגע רייד. האָט דער בּוֹרֵא גיענטפערט חַנָּה׳ן, אונ ביי איר גיבוירין דעם ערסטין קינד האָט פְּנִינָה באַגראָבין צוויי קינדער. אונ בעת חַנָּה האָט גיבּאָרין דעם צווייטין קינד האָט פְּנִינָה באַגראָבין נאָך צוויי, ממילא בעת חַנָּה האָט גידאַרפט גיבוירין איר פינפטען קינד האָט גיזאָלט ביי פְּנִינָה דיא לעצטע צוויי קינדער שטאַרבין, איז פְּנִינָה גיפאַלין חַנָּה׳ן צוא דיא פיס זיא זאָל איהר מוחל זיין אונ מִתְפַּלֵּל זיין אַז אירע צוויי קינדער זאָלען לעבּין בּלייבּען, האָט חַנָּה מִתְפַּלֵּל גיוועזן זיינען זיי גיבּליבּען לעבּין, זיינען זיי גירופין גיוואָרן אויף חַנָּה׳ס נאָמען, הייסט עס אַז חַנָּה האָט גיהאַט זיבּען קינדר אונ פְּנִינָה גאָר ניט.

כָּבוֹד יַנְחִלֵם, כִּי לַיהוָה מְצֻקֵי אֶרֶץ, וַיָּשֶׁת עֲלֵיהֶם תֵּבֵל׃
רַגְלֵי חֲסִידָיו יִשְׁמֹר, וּרְשָׁעִים בַּחֹשֶׁךְ יִדָּמּוּ, כִּי־לֹא בְכֹחַ
יִגְבַּר־אִישׁ׃ יְהוָה יֵחַתּוּ מְרִיבָיו, עָלָיו בַּשָּׁמַיִם יַרְעֵם,
יְהוָה יָדִין אַפְסֵי־אָרֶץ, וְיִתֶּן־עֹז לְמַלְכּוֹ, וְיָרֵם קֶרֶן מְשִׁיחוֹ׃

שערי ציון·

גאט האט געלייגט דעם פונדאמענט אויף וואס די ערד שטייט און אויף דעם האט ער געגרינגערט דעם פלאץ וואס מענשין באזיצען אים, הייגט ווי באלד ער איז דער בעל הבית פון די דירות, וועצט ער דעם אריין און דעם ארויס. (רגלי) די טריט פון זיינע פרומע טוט ער היטען, אבער די רשעים ווערין אין פינסטערנעס פאר שניטען, וייל ניט אין די קראפט פון מענשין ווענדעט זיך זיין הצלחה, נור ביי גאט אין האנד ליגט עס, אלזא ווער עס איז געפעלינג ביי גאט דעם גיט ער עס. ביז אהער האט זי דער צײלט דעם שבח פון השי"ת יעצט ענדיגט זי איר תפלה. (ה׳) וייל זי האט געזעהען ברוח הקודש אז די פלשתים וועלין מלחמה האלטען מיט שמואל׳ן האט זי מתפלל געווען אז די וואס וועלין קריגען מיט אים זאלען צו בראכען ווערין. (עליו) צו ליב אים (מיין שמואל׳ן) זאל גאט מאכין שטורמען אין הימל, און איר תפלה איז אנגינומען געווארען (וויא עס שטייט ווייטער) אז די פלשתים זיינען געקומען אויף מלחמה מיט די אידען האט שמואל תפלה געטאן און גאט האט געמאכט דונערין אויף די פלשתים, זיינען זיי פארטומלט געווארין און זיינען געמארדעט געווארען פאר אידין. (ה׳) גאט העלף, אז מיין זון זאל זיין אפיהערער אויף די גאנצע פאלק פון איין גרעניץ ביזן צווייטין. (ויתן) און גאט זאל געבין מאכט צו דעם קעניג וואס מיין זון וועט קרוינען (דאס איז שאול המלך), (וירם) און ער זאל ערהויבען דאס הערשאפט פון זיין געזאלבטין, דאס איז דוד וואס שמואל האט אים נור געזאלבט, אבער געקרוינט איז ער געווארען ערשט נאך שמואל׳ס טויט.

נאכהער זאל זי זאגין די תחנה.

רבונו של עולם, בזכות וואס איך האב געלייענט די הייליגע רייד פון אונזער מוטער חנה, וואס זי האט געלויבט דיין נאמען און האט מתפלל געווען אויף אירע קינדער, וואס פון אירע הייליגע

ווערטער שיינט ארויס דער מוסר, אז די וואס שטאלצירען מיט די גוטעס וואס דו ביזט אויף זיי משפיע, ווי פנינה האט שטאלצירט מיט אירע קינדער קעגען חנה'ן וואס זי האט גיהאט אשווערע גימיט און האט איר פארשאפט גרויסע שמערצין, האסטו אבער גיקערט דיין השגחה פון פנינה'ן, בכדי זי זאל אויך פארזוכען דעם טעם וואס אשווערע גימיט צו קינדער איז א). הארציגער פאטער! אז איך נעם דאס ארויף אויפין גידאנקען שרעקט מיר מיין הארץ, פיליכט האב איך אויך שטאלצירט קעגין טרויעריגע הערצער, און האב זיי פארשאפט שמערצן, דרום האסטו מיר גשטראפט, און גיבסט מיר אויך פארזוכין דעם ביטערין טעם פון אשווערע גימיט צוא קינדער. אה, וועה, וויא ביטער און פינסטער איז דער שטראף וואס פנינה הט גיהאט! אלזא ליבער פאטער פאל איך כורעים ומשתחוים מיט מיין ביטערע הארץ צו דיין גרויסע רחמנות, אזוי ווי פנינה איז גיפאלין חנה'ן צו די פיס, און בעט דיר מיט טרערין, דו זאלסט מיר מוחל זיין אויף דיזין פארברעך און אויף אלע בייזע מעשים וואס איך האב ביז יעצט גיטאן און קער צוריק דיין ליכטיגע אנגעזיכט צו מיר, און בענש מיר וויא דוא האסט גיבענשט אונזער מוטער חנה'ן מיט אגרינגע גימיט, איך זאל האבען מיינע ליבע קינדערלאך אן צער און זאל זיי ערציהען דיר צו דינען, זיי זאלען לערנען דיין הייליגע תורה מיט גרויס שקידה

מעשה אלפס

א) דער מדרש זאגט, בעת אידין זיינען ניקומען צום הר סיני מקבל זיין די תורה, האט השי"ת גיזאגט ברינגט מיר ערבים וואס זאלין פאר אייך קאווירען, אז איר וועט היטין מיין תורה ומצות. האבין אידין גיענטפערט, די אבות וועלין קאווירין, זאגט דער בורא, עלטערין נעם איך ניט אן פאר ערבים, זאגין זיי אונזערע קינדער וועלין זיין ערבים, דא ענטפערט השי"ת, יא, יא, קליינע קינדער זיינען גוטע ערבים. דרום זאגט דער משורר (אם לא תדעי לך היפה בנשים) אויב דו שיינע אידעשע פרוי ווייסט ניט פאר וואס דוא האסט אשווערע גימיט פון קינדער? (גדיותיך על משכנות הרועים, אלו גדיים הממושכנין על הרועים). זאלסטו וויסען אז די פיצינקע ציקאלאך זיינען משכנות (ערבים) פאר די עלטערין, ווען די עלטערין היטין ניט ריכטיג די תורה ומצות, ובפרט מצות ציצית און מזוזה וואס דער ביי שטייט (למען ירבו ימיכם), אז בזכות זה וועלין אייערע קינדער האבין אריכות ימים. אלזא די מוטער וואס האט חלילה אשווערע גימיט צו קינדער, זאל אכטונג געבען אז דער מאן און אירע קינדער זאלין טראגין כשרה ציצית, און אכטונג געבען עס זאל זיין אנגישלאגען אמת'ה כשרה מזוזות אין שטוב, ניט די וואס מ'קייפט פר אכט קאפיקעס, נור אמת'ח גוטע. (לעזט וועגין דעם אין מעשה אלפס חלק שני פרק „די פערדישע פאדקעווע"), אין ווי נייט מעגליך זיך אב היטין פון לשון הרע. ובזכות זה וועט השי"ת געבין אריכות ימים אייך מיט אייערע קינדער, אמן.

(פּלייס), זֵיי זָאלִין מִיט זֵייעֶר תּוֹרָה עֶרְלַייכְטִין דִי אוֹיגִין פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל ווִי חַנָה'ס זוּן (שמואל הנביא) וָואס עֶר פְלֶעגְט גַאנְץ אָפְט אַרוּם פָאהרֶען אִין אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטֶעט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לֶערְנֶען מִיט זֵיי דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּנ אַיין פְּלַאנְצֶען אִין זֵיי אַלֶע טַייעֶרֶע מִדוֹת אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט דִי מִדָה פוּן שָׁלוֹם וָואס דוּרְךְ שָׁלוֹם װֶעלִין מִיר אוֹיס גִילֵייזְט װֶערִין פוּן אוּנְזֶער שְׁוֶוערֶע גָלוּת אוּנ גֵיין מִיט שְׁטָאלְץ אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע לַאנְד בִּמְהֵרָה; אָמֵן.

אַתְּחִנָה פַאר יְתוֹמִים (וואס קומען אן צו אשטיף מוטער).

דִיא עֶלְטֶערֶע יְתוֹמָה (אָדֶער יָתוֹם) זָאל דָאס בֶּעטִין אִין גֶעגֶענְוַוארְט פוּן דִי קְלֶענֶערֶע יְתוֹמִים, דֶעם עֶרְשְׁטִין יָאר לְפָחוֹת אַלֶע עֶרֶב ר"ח אוּנ וַוייטֶער אֵיינִיגֶע מָאל אִין יָאהְר.

הַארְצִיגֶער גָאט! בְּעֵת אוּנְזֶער לִיבֶּע מוּטֶער הָאט גִילֶעבְּט בִּיזְט דוּ גִיוֶוען אוּנְזֶער פָאטֶער, יֶעצְט בִּיזְט דוּ אוֹיךְ אוּנְזֶער מוּטֶער. אָה, הִימְלִישֶׁער פָאטֶער! אוּנְזֶער טַאטֶע הָאט גִינוּמֶען אַצְוֵוייטֶע פְרוֹי, גִיוָואהְנְלִיךְ מִיר קֶענֶען צוּ אִיר נִיט הָאבִּין, זִי הָאט נִיט גִיוָואלְט אַז אוּנְזֶער מוּטֶער זָאל חָלִילָה גֵיין אַיוּנְגֶע פוּן דֶער וֶועלְט, אוּנ וִוידֶער מִיט וָואס וֶועט אוּנְזֶער מוּטֶער זַיין גְרִינְגֶער אִין קֶבֶר, אַז דֶער פָאטֶער וֶועט פִינְסְטֶערִין? נוּר עֶפֶּעס דֶער מָאנֶענְדִיג דֶעם שְׁטְרַאשְׁנֶעם נָאמֶען „שְׁטִיף מוּטֶער" גֵייט אַרִיבֶּער אַשְׁרֶעק אִיבֶּערִין לַייב, וֶוער וֵייס וָואס פַאר אַיין חַארַאקְטֶער זִיא הָאט? זִיא קֶען זִיךְ חָלִילָה דְזֶעקְעוֶוען אִיבֶּער אוּנְז אוּנ אוֹיף וֶועקֶען אוּנְזֶערֶע בְּלוּטִיגֶע וואוּנְדֶן, וָואס קֶענֶען נִיט פַארְהֵיילְט וֶוערְן, וַוייל אַמוּטֶער קֶען מֶען נִיט אָבּ קוֹיפֶען, אָה גָאט! עֶס אִיז אוּנְז זֵייעֶר בִּיטֶער, מִיר הָאבִּין פַאר קֵיינֶעם נִיט אוֹיס צוּ גִיסִין אוּנְזֶער בִּיטֶערֶע הַארְץ נוּר פַאר דִיר, וָואס דַיין טִיטוּל אִיז „אֲבִי יְתוֹמִים", מִיר הָאבִּין קֵיין מִיטְל ווִי זִיךְ צוּא רֶעכְטֶען פוּן אוּנְזֶער טְרוֹיעֶרִיגֶע לַאגֶע. נוּר מִיט דִי קְלוּגֶע עֵצָה פוּן דַיין תּוֹרָה, ווִי מִיר לֶערְנֶען (אין משלי) שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט „כַּמַיִם הַפָּנִים לַפָּנִים כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם". אַזוֹי ווִי אַוַואסֶער (אדער אשפיגל), וֶועלְכֶע מִינֶע מְ'וַוייזְט צוּ אִים אַזַא מִינֶע זֶעט מֶען עֶנְטְגֶעגִין, אַזוֹי אִיז דִי הַארְץ פוּן אַמֶענְשִׁין צוּ אַמֶענְשִׁין, וֶוען מִיר וֶועלִין זִיךְ מַאכִין אַגוּט הַארְץ צוּ אִיר, וֶועט דָאס ווִירְקֶען אוֹיף אִיר, זִי זָאל הָאבִּין אַגוּט הַארְץ צוּ אוּנְז. אַלְזָא בֶּעטִין מִיר דַיין חֶסֶד, דוּ זָאלְסְט אוּנְז הֶעלְפִין מִיר זָאלִין אִיר אוֹיף נֶעמֶען בְּכָבוֹד אוּנ אִיר שְׁטֶענְדִיג שֶׁעצִין.

גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער גָאט! דַיין חָכְמָה אוּנ דַיינֶע וואוּנְדֶר וָואס מְ׳זֶעט אַרוֹים פוּן דַיין וֶועלְט, וָואס דוּ הָאסְט בֶּעשַׁאפֶען, אִיז נִיט צוּ בֶּעשְׁרַייבְּן, אוּנ אִיבֶּער הוֹיפְּט דַיין חָכְמָה וָואס לִיגְט אִין דֶעם בַּאשַׁאף פוּן דִי קְלֵיינֶע וֶועלְטֶעלֶע דָאס אִיז דֶער מֶענְשׁ, וִוי אוּנְזֶער מוּטֶער חַנָּה הָאט גִיזָאגְט אִין אִיר תְּפִלָּה (אין קדוש כה׳) עֶס אִיז נִיטָא אַזַא הֵיילִיגֶער וִוי אוּנְזֶער גָאט אוּנ עֶס אִיז נִיטָא אַזַא קִינְסְטְלִיכֶר מַיילֶער וִוי עֶר, אַבָּשָׂר וָדָם קֶען אוֹיס מָאלֶען דִי שֶׁענְסְטֶע צוּרָה, אָבֶּער קֵיין הַארְץ, קַיין גִידֶערִים, קֵיין לֶעבְּהַאפְט קֶען עֶר נִיט אַרַיין גֶעבְּן אִין אִיר, אָבֶּער דוּ מָאלְסְט אוֹיס אַצוּרָה אִין אַצוּרָה, אַקִינְד אִין מוּטֶערְס בּוֹיךְ אוּנ גִיבְּסְט דָארְטְען אַרַיין אַהַארְץ, גִידֶערִים אוּנ אַלֶעבְּהַאפְט, אוּנ אַזוֹי וִוי מְ׳קֶען נִיט אוֹיס דֶער צֵיילֶען דַיינֶע וואוּנְדֶער, אַזוֹי אִיז קַיין גְרוּנְד צוּ דַיינֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט אַלֶע דַיינֶע בֶּעשֶׁעפֶענֶעס אוּנ אִיבֶּער הוֹיפְּט מִיטִין מֶענְשִׁין, דוּ הִיטְסְט אִים אוּנ שִׁיקְסְט אִים זַיין שְׁפַּייז אִין אַזַא אָרְט, וָואס זַיין בֶּעסְטֶער גוּטֶער פְרַיינְד, דֶער גְרֶעסְטֶער פְּרָאפֶעסֶער קֶען דָארְטֶען נִיט צוּ קוּמֶן, דָאס אִיז בַּיי דִי מוּטֶער אִין לַייבּ. אַלְזָא בֶּעט אִיךְ דַיין רַחֲמָנוּת, דוּ זָאלְסְט אוֹיף פַּאסְען דֶעם קִינְד וָואס אִיךְ שְׁוַואנְגֶער יֶעצְט, דוּ זָאלְסְט אִים הִיטֶען אוּנ קְרֶעפְטִיגֶן, עֶס זָאלִין עֶנְטְוִויקֶעלְט וֶוערִין אַלֶע זַיינֶע גְלִידֶערְלַאךְ, אַלֶע זַיינֶע חוּשִׁים, עֶר זָאל גִיבּוֹירֶען וֶוערִין אַגִיזוּנְטֶער אַפְרִישֶׁער מִיט אַלֶע חוּשִׁים אוּנ גוּטֶע פֵייהִיגְקֵייטִין, אוּנ גִיבּ מִיר אוֹיךְ קְרֶעפְטִין אִים אוֹיס צוּ טְרָאגִין, עֶס זָאל מִיר חָלִילָה נִיט טְרֶעפִין קֵיין שְׁרֶעק אוּנ קֵיין שׁוּם בֵּייזֶע בַּאגֶעגֶענֶעס, אוּנ הֶעלְף מִיר מִיט גוּטֶע גִידַאנְקֶען אִיךְ זָאל טְרַאכְטִין וֶועגִין הֵיילִיגֶע זַאכֶען א), אוּנ וֶועגִין דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דַיין

מעשה

א) דִי גוּטֶע הֵיילִיגֶע גִידַאנְקֶען בְּעֵת טְרָאגִין דֶעם קִינְד, הָאט פִיל צוּ בֶּעדַייטִין, נִיט אוּם זִיסְט זַיינֶען פָארִיגֶע צַייטִין גִיוֶוען פִיל גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים אוּן הֵיילִיגֶע מֶענְשִׁין, וַוייל דֶער רַעְיוֹן פוּן דִי מוּטֶער אִיז גִילֶעגִין, אַז אִיר קִינְד וֶועט זַיין אַתַּנָּא, אַגָדוֹל, אַצַדִיק, אֲפִילוּ בְּעֵת זִי פְלֶעגְט אִים אָן טָאן, פְלֶעגְט זִי זָאגִין מִיט פְרֵייד אָט דָאס אִיז אַתַּנֶעלֶע, אַגְ־וֹל, הָאט דָאס אוֹיף אִיר פִיל גִיוִוירְקְט אַז בְּעֵת טְרָאגִין הָאבֶּען אִירֶע גוּטֶע גִידַאנְקֶען

אלפס

זִיךְ אוֹיס גִימָאלְט אוֹיף דֶעם מוֹחַ׳ל אוּנ הֶערְצֶעלֶע פוּן קִינְד, אוּן עֶס הָאט אִים גִיצְווִינְגִין צוּ אֵיידִילְקַייט. אִין פִּרְקֵי אָבוֹת לֶערְנֶען מִיר אַז ר׳ יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי הָאט גִיזָאגְט אַ שֶׁבַח אוֹיף דֶעם גְרוֹיסִן תַּנָּא. דֶעם חכם פוּן אִידִין (אַזוֹי הָאט מֶען אִים גְרוּפִן אִין רוֹמִישֶׁען קֵייזֶערְלִיכֶען הוֹיף) ר׳ יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא „אַשְׁרֵי יוֹלַדְתּוֹ“ (דֶעם דַאנְק קוּמְט דִי מוּטֶער זַיינֶע), וַוייל דִיא גַאנְצֶע צַייט פוּן אִיר שְׁוַואנְגֶער מִיט אִים הָאט זִיא גִיבֶּעטִין בַּיי

פיל

תּוֹרָה, בִּכְדֵי עֶס זָאל אַיין גִיפְלִיסְט וֶוערִין אִין מַיינֶע בְּלוּטִין אַלִיבְּשַׁאפְט צוּ דַיין תּוֹרָה וּמִצְוֹת, אוּנ דָאס זָאל אוֹיךְ אִיבֶּער גֵיין צוּ דֶעם קִינְדְ׳ס בְּלוּטִין, צוּ דֶעם קִינְדְ׳ס מוֹחַ׳ל, אַז עֶר זָאל זַיין אַיין אוֹהֵב תּוֹרָה, אַוַוארִימֶער אִיד אוּנ אַגוּטֶער מֶענְשׁ וִוי דַיין תּוֹרָה פֶּערְלַאנְגְט, וִוי דִי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס זַיינֶען גִיוֶועזְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס הָאבִּין פַאְרשַׁאפְט גְרוֹיס כָּבוֹד צוּ דַיין נָאמֶען אוּנ צוּ דַיין לִיבֶּע פָאלְק יִשְׂרָאֵל. אוּנ גִיבּ מַיין טְהֵייל צְווִישֶׁען דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וָואס הָאבֶּען אַיינְגִיפְלַאנְצְט טַייעֶרֶע פְרוּכְט בּוֹימֶער אִין אִידִישֶׁען חַיין גָארְטֶען. אוּנ הֶעלְף מִיר צוּ גֶעבּוֹירִין אִים אִין אַגוּטֶע אַמַזָלְדִיגֶע שָׁעָה, אָן גְרוֹיסֶע שְׁמֶערְצְן. וַוייל דֶער שְׁלִיסֶעל פוּן גֶעבּוֹירֶען הָאסְטוּ נִיט אִיבֶּער גִיגֶעבִּין צוּ קַיין מַלְאָךְ נוּר בַּיי דִיר אִין הַאנְד, וָואס דוּ בִּיסְט דֶער רַב חֶסֶד פוּל מִיט גְנַאדֶע אוּנ בַּארִימְהֶערְצִיגְקַייט. אוּנ הֶעלְף מִיר אָבּ צוּ הִיטֶען דִי מִצְוֹת וָואס בֶּעלַאנְגְט צוּ אוּנְז פְרוֹיעֶן בִּכְדֵי דֶער זְכוּת זָאל מִיר בַּיישְׁטֵיין אוּנ אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁוַואנְגֶערֶע פְרוֹיעֶן, זֵיי זָאלִין גְרִינְג אוֹיס טְרָאגֶען אוּנ גְרִינְג גֶעבּוֹירֶען מִיט מַזָל אוּנ בְּרָכָה. אָמֵן.

תְּחִנָּה אַחַר הַלֵּדָה.

נָאכִין אִיבֶּער קוּמֶען זָאל זִי וַואשִׁין דִי הֶענְד אוּנ גֶעבִּין אַשֶׁבַח וְהוֹדָאָה צוּ השי״ת.

אִיךְ דַאנְק אוּנ לוֹיבּ דַיין לִיבֶּען נָאמֶען הַארְצִיגֶער גָאט, וָואס דוּא הָאסְט מִיר מִיט מַיין קִינְד אַרִיבֶּער גֶעפִירְט דֶעם גֶעפֶערְלִיכֶען

מעשה אלפס

פִיל גְרוֹיסֶע לַייט, מִ׳זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם קִינְד עֶר זָאל זַיין אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם. אִיז אִירֶע גְרוֹיסֶע הִתְפַּעֲלוּת פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וְצַדִּיקִים הָאבֶּען גִיוִוירְקְט אוֹיפִ׳ן קִינְד, וִוי עֶס וֶוערְט דֶער צֵיילְט אִין סֵפֶר הַבְּרִית, אַ שְׁוַואנְגֶערֶע פְרוֹי הָאט גִיגְרָאבִּין בּוּלְבֶּעס, אִיז אַרוֹיס גִילָאפִין אַ גְרוֹיסֶע זַאבֶּע פוּן זוּמְפּ הָאט זִי זִיךְ פַאר וואוּנְדֶערְט אוֹיף אִיהֶר, נַאכְהֶער הָאט אַוִוינְד אַ בְּלָאז גִיטָאן אוּנ הָאט פַארְטְרֵייסִילְט דִי מוּטֶער דִי רֶעכְטֶע אוֹיג, הָאט זִי מִיטִ׳ן הַאנְד אוֹיס גִירִיבֶּען דִי אוֹיג. נָאכְהֶער אַז זִי הָאט גֶעבּוֹירֶען דֶעם קִינְד אִיז גִיוֶוען בַּיי אִים לֶעבִּין רֶעכְטֶע אוֹיג אַ צַייכֶען פוּן אַזַאבֶּע. וַוייל אִיר מַחֲשָׁבָה הָאט גִיוִוירְקְט אוֹיפִ׳ן קִינְד, אוּנ אַפְּשִׁיטָא אַז דִי מוּטֶערְס מַחֲשָׁבָה וִוירְקְט אוֹיפִ׳ן מוֹחַ׳ל פוּן קִינְד, דְרוּם זָאל אַ קְלוּגֶע פְרוֹי גֵייעֶנְדִיג פוּן בֵּית הַטְּבִילָה אוּנ דִי נָאגְצֶע צַייט פוּן שְׁוַואנְגֶערִין אוֹיס מַיידִין נַארִישֶׁע גִידַאנְקֶען, אוּנ נוּר טְרַאכְטִין הֵיילִיגֶע גִידַאנְקֶען וֶועגִין דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים וֶועגִין צַדִּיקִים אוּנ גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים בְּכָל דוֹר, אוּנ עֶס אִיז אַ גְלַייכֶע זַאךְ אַז אִין יֶעדֶער אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ זָאלִין הֵיינְגֶען פָּאטְרֶעטִין פוּן גְאוֹנִים וְצַדִּיקִים, זִי זָאל זִיךְ דֶער מָאנֶען אָן זֵיי אוּנ טְרַאכְטִין וֶועגִין דֶעם, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וְצַדִּיקִים אוֹיף לַאנְגֶע יָאהְר מִיט פִיל נַחַת, אָמֵן.

ווען

גְרֶענִיץ מִיט חֶסֶד. אוּנ אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט אוּנְז אַרִיבֶּער גִיפִירְט לְשָׁלוֹם, אַזוֹי זָאלְסְטוּ מִיט דַיין חֶסֶד אַרִיבֶּער פִירֶין אַלֶע אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער לְחַיִים וּלְשָׁלוֹם. אָמֵן.

אַתְּחִנָה פַאר אַמוּטֶער נָאכִין בְּרִית.

גְרוֹיסֶער קֶענִיג אוּנ וֶועלְט פְרָאפֶּעסֶער, מִיר הָאבֶּען מְקַיֵים גִיוֶועזֶן דַיין הֵיילִיגֶען רָצוֹן מַל צוּא זַיין אוּנְזֶער קִינְד צוּ אַכְט טָאג וִוי דוּ הָאכְט גִיבָּאטֶען צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ, בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער גָאט נֶעם אָן דִי מִצְוָה וִוי אִיךְ וָואלְט מַקְרִיב גִיוֶועזֶן אַקָרְבָּן, אוּנ אַזוֹ וִוי דוּ הָאסְט גִישִׁיקְט דֶעם מַלְאָךְ רְפָאֵל צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ, הֵיילִין אִים פוּן זַיינֶע שְׁלַאפְקַייט, בְּעֵת עֶר הָאט זִיךְ גִימַלְ'תְּ, אַזוֹי זָאלְסְטוּ אִים שִׁיקֶען צוּ מַיין קִינְד, אוּים הֵיילִין דִי וואוּנְד עֶר זָאל זִיךְ גִיזוּנְד וֶוערִין. וּבִזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה זָאלְסְטוּ מִיר אוֹיךְ שִׁיקֶען אַרְפוּאָה שְׁלֵמָה אִין מַיינֶע צוּבְרָאכֶענֶע גְלִידֶער, אוּנ הֶעלְף מִיר צוּ הָאדֶעוֶועןָ אִים אָן צַעַר אוּנ זַיי מַשְׁפִּיעַ מִילְךְ אִין מַיינֶע בְּרִיסְט עֶר זָאל הָאבֶּען גֶענוּג צוּ זֵייגִין *), אוּנ אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אִים מְגַדֵל צוּ זַיין צוּ תּוֹרָה וּלְחוּפָּה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים. אָמֵן.

תְּחִנָה בַּיין אוֹיף שְׁטֵיין פוּן קִינְד־בֶּעט.

גְנֶעדִיגֶער פָּאטֶער, אִיךְ גִיבּ אַשֶׁבַח וְהוֹדָאָה צוּ דַיין לִיבֶּען נָאמֶען וָואס דוּ הָאסְט מִיר אוֹיף גִיהוֹיבִּין פוּן מַיין שְׁלַאפֶע בֶּעט אִיךְ זָאל שׁוֹין קֶענֶען אַרוֹים גֵיין אִין גַאס וִוי אַלֶע מֶענְשִׁן, גְרוֹיסֶער גָאט אִיךְ בֶּעטְרַאכְט דַיינֶע וואוּנְדֶער וִוי דוּ הָאסְט פַארְאָרְדִינְט אַז פוּן דִי בְּלוּט וָואס דֶער קִינְד אִיז גִישְׁפַּייזְט גִיוָוארֶען מִיט דֶעם זַייעֶנְדִיג אִין מַיין לַייבּ, הָאסְטוּ אִין אַקוּרְצֶע צַייט אִיבֶּער גִיאַרְבֶּעט אוֹיף מִילְךְ אוּנ הָאסְט צוּ רֶעכְט גִימַאכְט אַקְוַואל (דִי בְּרוּסְט) עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג בְּלַייבִּין פְרִישׁ זַיין שְׁפַּייז, אוּנ הָאסְטוּ פַארְאָרְדִינְט דִי עֶפְּעִנוּנְג פוּן קְוַואל מִיט קְלֵיינֶע לֶעכַאלַאךְ, עֶס זָאל נִיט לוֹיפִין הַאסְטִיג אוּנ נִיט פַארְפְלֵייצִין אִים דִי הֶעלְזֶעלֶע. אוֹיךְ הָאסְטוּ פַארְאָרְדִינְט אַז דֶער טַעַם פוּן דִי מִילְךְ זָאל זִיךְ בַּייטִין נָאךְ דֶעם עֶלְטֶער פוּן קִינְד. אָה, ווי

*) וֶוען מְ'רֶעכְנְט אִיהְם אָבּ צוּ גֶעבִּין צוּ אַיין אַם, זָאל זִי מוֹסִיף זַיין: אוּנ שִׁיק מִיר צוּ פַאר אִיהְם אַ גוּטֶע אַם, אַיין עֶרְלִיכֶע פְרוֹי מִיט פְרִישֶׁע גִיזוּנְטֶע מִילְךְ, זִי זָאל אִים לִיבּ הָאבִּין אוּנ אוֹיף פַּאסִין ווי אַיין אֵייגֶען קִינְד, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהֶען וִוי זִי וֶועט מִיר אִיהְם אָבּ בְּרֵיינְגֶען אַגִיזוּנְטִין אַפְרִישֶׁען, עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין אוּנ רֵיידִין.

וִוי גְרוֹיס דַיינֶע ווּאוּנְדֶר אִיז, הַארְצִיגֶער פָאטֶער, בֶּענְשׁ מִיר מִיט דַיין הַשְׁפָּעָה אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג הָאבִּין גִינוּג צוּ זֵייגִן מַיין קִינְד, עֶר זָאל חָלִילָה נִיט הוּנְגֶערִיג בְּלַייבִּין, אוּנ הִיט מִיר אוֹיס פוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּנ פוּן שְׁרֶעק אוּנ פוּן כַּעַס, מַיינֶע מִילְךְ זָאל חָלִילָה נִיט צוּ קָאכְט וֶוערִין, עֶס זָאל חָלִילָה נִיט פַאר שַׁאטִין מַיין קִינְד, אוּנ גִיבּ מִיר רוּהִיגְקַייט אִיךְ זָאל קֶענֶען אָבּ הִיטֶען רִיכְטִיג דִי צַייט צוּ גֶעבִּין זֵייגִן מַיין קִינְד, אוּנ בְּעֵת אִיךְ שְׁלָאף זָאל אִיךְ דֶער הֶערִין אַז מַיין קִינְד וֵויינְט, אוּנ וִויל זֵייגְן, אוּנ הִיט מִיר אוֹיס, אִיךְ זָאל חָלִילָה שְׁלָאפֶעדִיג נִיט אַרוֹיף לֵייגִין מַיין הַאנְד אוֹיף זַיין מַיילֶעלֶע, אִיךְ זָאל חָלִילָה אִים נִיט דֶער דְרִיקֶען, אוּנ הֶעלְף אוֹיךְ אַלֶע אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער אוֹיס צוּ זֵייגִין זֵייעֶרֶע קִינְדֶער מִיט אַגְרִינְגֶע הָארֶעוַואנֶע, אוֹיס צוּ הָארֶעוֶוען אוּנ גֶעבִּין זֵיי אִין חֵדֶר לֶערְנֶען דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָמֵן.

אַנֵייעֶ תְּחִנָּה בְּעֵת מֶען גֵייט אִין שׁוּל נָאךְ קִינְד־בֶּעט.

גְרוֹיסֶער קֶענִיג, וֶוען מִיר זַייעֶן וֶוערְט גִיוֶועְן אוּן גִיזֶעסִין אוֹיף אוּנְזֶער לַאנְד אוּנ דוּ הָאסְט גִירוּהְט צְווִישֶׁען אוּנְז אִין דַיין הֵיילִיגֶען פַּאלַאץ (דעם בית המקדש) הָאט אַגֶעווִינֶערִין גִידַארְפְט בְּרֵיינְגֶען אַקָרְבָּן צְווֵיי טוֹיבִּין, אֵיינֶע אַקָרְבָּן חַטָּאת (אזינד אפפער *), אוּנ דִי צְווֵייטֶע, אַקָרְבָּן עוֹלָה (אראנק אפפער), פַאר דִיא חֲסָדִים וָואס דוּ הָאסְט מִיט אִיר גִיטָאן דִיא גַאנְצֶע צַייט פוּן טְרָאגִין אוּנ הָאבִּין, וָואס זִיא אִיז נִצוֹל גִיוָוארִין פוּן דִיא גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. אָבֶּער יֶעצְט אַז מִיר הָאבִּין פַארְזִינְדִיגְט אוּנְזֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּנ אִיךְ קֶען קֵיין קָרְבָּן נִיט בְּרֵיינְגֶען, זָאגְט דֶער נָבִיא (וּנְשַׁלְּמָה פָּרִים שְׂפָתֵינוּ) דִי שִׁירִים וְתִשְׁבָּחוֹת וָואס מִיר זָאגִין פַאר דִיר, נֶעמְסְטוּ אָן מִיט דַיין חֶסֶד גְלַייךְ וִוי מִיר וָואלְטִין גִיבְּרַאכְט אֱמֶתֶה קָרְבָּנוֹת דְרוּם בִּין אִיךְ גִיקוּמֶען אִין דַיין הֵיילִיגֶע הוֹיז „מִקְדָּשׁ מְעַט" (קליין בית המקדש) לוֹיבִּין אוּנ דַאנְקֶען דַיין לִיבֶּען נָאמֶען פַאר דַיין גְרוֹיסִין חֶסֶד וָואס דוּא הָאסְט

*) דֶער זִינְד אָפְּפֶער קוּמְט, וַוייל פוּן גְרוֹיס צַעַר בַּיים הָאבֶּען, טְרֶעפְט מַאנְכֶע פְרוֹיעֶן וָואס שִׁילְטִין דֶעם מַאן אוּנ שְׁוֶוערִין זֵיי זָאלֶען מֶעהְר נִיט זַיין מִיט אִיהם, דְרוּם דַארְף זִי הָאבֶּען אַפַּארְגֶעבּוּנְג אוֹיף דִי פַאלְשֶׁע שְׁבוּעָה אוּנ דִי קְלָלוֹת, אוּנ וַוייל דִי תּוֹרָה הָאט חַס גִיהַאט אוֹיף דֶעם כָּבוֹד פוּן דִי אִשָּׁה, זִי זָאל נִיט פַארְשֶׁעמְט וֶוערִין, הָאט זִי גִיהֵייסִין אַז אַלֶע פְרוֹיעֶן, אֲפִילוּ דִי וָואס הָאט נִיט גִישְׁוָוארִין אוּנ נִיט גִישָׁאלְטִין זָאל אוֹיךְ בְּרֵיינְגֶען אַקָרְבָּן, אוּנ פַאר דִי גִידוּלְדִיגֶע פְרוֹיעֶן וָואס שְׁוֶוערִין נִיט אוּנ שִׁילְטִין נִיט בְּרֵיינְגְט דֶער קָרְבָּן אוֹיךְ אַנוּץ, זִי זָאל זִיךְ נֶעמֶען אַמוּסַר, מַה דָאךְ דִי וָואס שִׁילְט אָדֶער שְׁוֶוערְט פוּן גְרוֹיס צַעַר הָאט זִי אַיין עֲבֵירָה אוּן דַארְף בְּרֵיינְגֶען אַקָרְבָּן פַארְגֶעבִּין אִירֶע זִינְד, הַיינְט דֶער וָואס שְׁוֶוערְט אָדֶער עֶר שִׁילְט נִיט גִיצְוואוּנְגֶענֶערְהֵייד, וָואס פַאר אַיין גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה דָאס אִיז, אוּנ מְ'דַארְף הָאבִּין גְרוֹיס תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם.

האסט גיטאן מיט מיר, אונ איך זאג, גילויבט ביסטו הייליגער גאט, קעניג פון דער וועלט, דו טוסט גוטעס צום זינדיגען מענש, דו האסט מיר אויך פיל גוטעס גיטאן אונ גירעטעט פון דיא גרויסע סכנה, אונ האסט מיר גיבענשט מיט פרוכט פון מיין בויך, אקינד אויף לאנגע יאהר, (ואני ברוב חסדך אבוא ביתך) דען מיט דיין חסד האב איך דער לעבט צו קומען אין דיין הייליגע הויז (אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך) אונ וועל זיך קניען אונ נייגען אין דיין הייליגען פאלאץ מיט גרויס פורכט. אונ איך בעט דיין רחמנות, דו זאלסט ווייטער ניט אב טאן דיין חסד פון מיר אונ זאלסט אונז (מיר מיט מיין מאן) מזכה זיין אויס האדעוועז די קינד אן צער צו גוטע אידישקייט אונ יראת שמים. ויהי רצון עס זאל זיין אגוטער ווילין פון דיר, דו זאלסט בויען דעם בית המקדש אין אונזערע צייטין וועלין מיר דארטין ברייגגין פאר דיר די קרבנות וואס דו האסט אונז גיבאטין אין דיין הייליגע תורה, אמן.

תחנה מגדל השן (בעת עס שנידט זיך אויס אציינדעלע ביי אקינד).

גרויסער גאט, דיינע וואונדער אונ דיין השגחה אויף דיינע בעשעפענעס איז ניט אויס צו דער ציילין, ווי דער קינד דארף ארויס גיין אויף אייגענע קעסט (ענטוואהנען פון מוטערס־ברוסט) גרייטסט דו אים צו ציינער צו מאלין זיין שפייז, איך דאנק אונ לויב דיין ליבען נאמען פאר דעם טייערען פרעזענט, די כשרה מציאה, דעם פערעלע וואס איך האב גיפונען ביי מיין קינד אין מיילעלע, אונ איך בעט דיין רחמנות דו זאלסט ניט אב טאן דיין חסד אויף ווייטער אונ העלפין עס זאל זיך גרינג אויס שניידין די איבעריגע ציינדעלאך ביז דעם לעצטין, ער זאל קענען טאן דיין רצון, עסין אונ קלייבין קרעפטין צו גיין אין חדר לערנען דיין הייליגע תורה, איך בעט דיר גאט שטארק זיין הארץ אונ העלף אונז מיר זאלען אים אב היטען ער זאל חלילה מיט די ציינער ניט עסין קיין מאכלות אסורות, נור ער זאל זיין גוט אונ פרום, גאט אונ לייט זאלען זיך מיט אים פרייען, אמן.

תחנה ומדברך נאוה (בעת דער קינד הייבט אן צו ריידין).

בארעמהערציגער גאט, דו האסט בעשאפען אויף דיין וועלט מיליאנען וארטען בעלי חיים אונ קיינעם

האסטו ניט גיגעבין דעם פריזענט פון ריידין, נור דעם מענשין, בכדי ער זאל וויסען אז ער איז די טייערסטע באשעפעניס אויף דיין וועלט, ער זאל זיך קענען האלטען, בענוצין די מתנה נור אויף וויכטיגע זאכין, צו לויבין דיין הייליגען נאמען, לערנען דיין הייליגע תורה, מאכען שלום צווישען מענשן, טרייסטין טרויעריגע הערצער אונ מיט דיין חסד האסטו אים ערלויבט צו ריידין וואס ער האט נייטיג צו גישעפט אונ צו זיינע הצטרכות, אונ אום ער זאל ניט פאר געסין זיין וויכטיגען פאסט אונ חאפין ריידין נארישקייט, האסטו ארום גיצאמט די מאשינע פון ריידין (דעם צונג) מיט צוויי מויערין, איינעם פון ביין (די ציינער) אונ איינעם פון פלייש (די ליפען). עס זאל אים דער מאנען אז דער צונג איז זייער אטייער כלי, דער צייכין אז דער מענש איז דער קייזער פון די בריאה, אונטער זיין האנד האט גאט פארטרויט די גאנצע נאטור, מיט זיינע גוטע אונ קלוגע רייד קען ער איר ערהויבין, אונ מיט אנארישען ווארט קען ער איר ערנידערין, ווי שלמה המלך זאגט (מות וחיים ביד הלשון) דער לעבין אונ דער טויט איז ביין צונג אין האנד. ליבער גאט אזוי ווי דו האסט מיר מזכה גיוועזן צום גרויסען פערגניגען, מיינע אויערין זאל הערין די טייערע שטימעלע, ווי מיין קינד זאגט „טאטע, מאמע", אזוי זאלסטו מיר מזכה זיין צו הערין ווי מיין קינד וועט שוין קענען גוט ריידין אונ וועט זאגין די הייליגע ווערטער „תורה צוה לנו משה" אונ מאכין אברכה, געבין דיר אדאנק פאר די שפייז וואס דו האסט בעשאפען צו זעטיגען דעם מענשין, אונ זאלסט מיר אויך מזכה זיין אים צו פירען אין חדר אונ הערין ווי ער וועט לערנען די גיפערילטע ווערטער פון דיין הייליגע תורה. אונ העלף אונז אב צו היטין זיין מיילעלע, ניט צו ריידין קיין מיאוסע ווערטער, נים זידלען חלילה, ניט שילטען חלילה, ופשיטא ניט זאגין קיין ליגען חלילה, נור ריידין דברי תורה וחכמה, עס זאל זיין שיין פר גאט אונ לייט, אמן.

תחנה ביין פירען דעם ערסטין מאל דאס קינד אין חדר

אויך ווען דאס קינד הייבט אן לערנען חומש אונ ווען ער הויבט אן גמרא.

ליבער גאט, איך דאנק דיר פאר די טייערע מתנה, וואס דו האסט מיר גישאנקען דעם ליבען זוהן, אונ איך האב זוכה גיוועזן צו דעם גליקליכען טאג, פירין אים אין חדר לערנען דיין

היילּיגע תורה, אָה, ווי גליקליך איך שעץ זיך היינט. דעם גאָלדענעם מעדאלל מיט ברילאַנטין גיזעצט, וואס דער גרויסער קעניג (מלך מלכי המלכים) האט אונז מיט זיין אייגען-האַנד בעשאַנקען (מימינו אש דת למו). אויפין באַרג סיני מיט גרויס פאַראַד גיגעבן, אונזער תורה וואס זי איז די גרויסטע ליכט, וועלכע האט בעלייכטעט אונ בעלייכט אויך יעצט אַלע מענשין ווייער וועג, האב איך זוכה גיוועזן היינט מיין קינד אָן הייבין לערנען, וואס דאס איז דער הויפט זכות פון אונז פרויען, ווי אונזערע חכמים שרייבין (אין היילינגען תלמוד) „נשים במאי זכיין" מיט וועלכין זכות קענען נשים זיגען (מנצח זיין) דעם גרויסען בלוט-שונא, (דעם יצר הרע) וואס ער וויל איבער פירען דעם מענשין פון ביידע וועלטין, ווי באלד זיי זיינען פטור פון תורה לערנען? אונ קיין אַנדער גיווער קעגין יצר הרע איז ניטאָ נור תורה, ווי אונזערע חכמים שרייבין, אַז השי"ת זאגט (בראתי יצר הרע) איך האב באַשאַפען דעם יצר הרע, האב איך אָבער באַשאַפין די תורה וואס זי איז (אַ סם חיים) אַהייל-מיט'ל קעגין אים, טוא מיט וואס קענען מיר פרויען זיגען דעם יצר הרע? ענטפערט דער היילּיגער תלמוד, מיט דעם וואס מיר פירען אונזערע קינדער אין חדר לערנען תורה, האבין מיר אויך דעם זכות פון תורה, דרום פרייט מיר זייער מיין הארץ היינטיגען טאג, אונ איך בין דיר זייער דאנקבאר דאפיר. — אָנא, אב הרחמן, איך בעט דיר הארציגער פאטער, בזכות דיין היילּיגע תורה זאָלסטו שטארקין אלע זיינע רמ"ח אברים אונ שס"ה גידים, ער זאל האבען קרעפטין צו לערנען תורה, אונ זאלסט אים געבין חכמה אונ גוטע פייהיגקייט ער זאל פארשטיין אונ גידיינקען וואס דער רבי וועט מיט אים לערנען, אונ גיב אים אַגוטע אַפרומע הארץ ער זאל לויפען מיט חשק אין חדר, אונ אונז זיי משפיע שפע פרנסה מיר זאלען קענען פאר אים דינגען גוטע אונ פרומע מלמדים, זיי זאלין מיט אים לערנען תורה אונ יראת שמים, אונ גיב אונז רוהיגקייט מיר זאלען האבין גידולט צו פארהערין אים שטענדיג וואו ער האלט אין לערנען א).

א) דער פאר הערין שטענדיג דעם קינד, (ושננתם לבניך, ולמדתם אותם את בניכם). איז זייער אוויכטיגע זאך, דאס אַז אַפאטער דארף אַליין לערנען מיט זיין ערקטע איז דאס אחיוב פון דער תורה קינה, נור נוייל ניט אַלע האבין צייט אונ

פיהינקיים

הארציגער גאט, אזוי ווי דו האסט באשיצט יוסף הצדיק בעת פרעה האט אים גיקרוינט פאר אמשנה למלך און ער איז ארויס גיפארען איבערין לאנד מצרים, זיינען דאן אלע גילאפין אויפין וואונדער אים זעהען, אדעלע טעכטער זיינען גיקראכין אויף די מויערין (בנות צעדה עלי שור) זעהען זיין שיינקייט און זיין הערליכקייט, האסטו אים באשיצט, עס זאל אים ניט שאדין קיין עין הרע, אזו זאלסטו מיין קינד אויך באשיצין פון עין הרע, אז קיין בייזע אויג זאל אים ניט שאדן, און דער זכות פון זיין תורה לערנען און פון אלע חדר קינדער וואס זייערע מיילאך זיינען ריין פון זינד, זאל אונז ביי שטיין דו זאלסט אונז געבין געזונד און פרנסה בכבוד, און איך מיט מיין מאן זאלען זוכה זיין צו זעהען וויא ער וועט אנהייבין חומש און נאכהער גמרא א), נאכהער צו זיין בר מצוה, הערין ווי ער וועט זאגין אשיפע דרשה וואס וועט ערפרייען גאט און לייטין, נאכהער וועלין מיר ווייטער בעטין, אמן.

מעשה אלפים

פיהינקייט צו דעם, דינגען מיר א שליח (דעם מלמד), אבער באמת איז מצוה בו יותר מבשלוחו, דהיינו איז מען יוצא דיא מצוה מיט'ן פאר'הערין. אויך איז עס א גרויסע זריזות פארין קינד, אז ער ריכט זיך אז דער פאטער וועט איהם פארהערין, סטארעט ער זיך איין צו הארכין וואס דער רבי זאגט אים, ער ווייס אז ער וועט וויסין ניעט דער פאטער אים געבין א מתנה, אייב ניט וועט ער זיך בייזערין. אויך דער רבי סטארעט זיך דער קינד זאל וויסין, ווי באלד ער ווייס, אז עס איז דא אויף אים א קאנטראל, און די מצוה ליגט אויף די מוטער זי זאל דער מאנען דעם פאטער אים צו פארהערין, און ווען דער פאטער איז ניט צו הויז, זאל זי בעטין א שכן א גוטען פריינד פאר הערין דעם קינד. וועט איר שכר זיין זייער גרויס, לבד וואס איר מיהע וועט זיין מיט נוטץ, אויך זאל זי מזרז זיין דעם רבי, ער זאל איהם לערנען א ברכה מאכין אויף אלס, און אבהיטין פון ליגען זאגען, און דאס קען די מוטער קאנטראלירען אכטונג געבען אויב ער זאגט אמת און היט צו מאכין א ברכה, און דער וואס פאסט אויף דעם ביימעלע, וועט זוכה זיין הנאה צו האבען פון זייגע גוטע פרוכט.

שערי ציון

א) מיר געפינען פאר נייטיג אי צומערקין איינינע פרויען, דאס ווי דער קינד לערינט אים חומש, זאגען זיי, מ'דארף אים מער ניט געבן לערנען. זא וזא וועט ער קיין רב ניט זיין, וועלען מיר זיי פאר טייטשין דעם פסוק וואס זיי האבען גיזאגט מיט זייערע קינדער ברכה, וועלען זיי זעהען אז זיי זיינען אין טעות (תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב) די תורה וואס משה רבנו האט אונז געלערינט, איז ניט פאר יענעם דור אליין, נור „מורשה" איין עוויגע זאך ווי איין ירושה וואס גייט איבער פון עלטערין צוא קינדער און ניט „מורשה לרבנים" אז רבנים און לומדים אליין דארפין איר לערנען, נור „מורשה קהלת יעקב" פארן גאנצין נארד יעקבים, אלע אידין דארפין לערנען און קענען דיא תורה, ווי ווייט זייער יכולת איז, אזוי

ווי

אבינו אב הרחמן, דערבאַרמיגער פֿאָטער אונ קעניג, מיר דאַנקען דיר פֿאר די פֿרייד וואס דו האסט אונז היינט פֿערשאַפֿט, וואס מיר האבין זוכה געווען אונזער זון'ס בר מצוה אין אַגוטע מזל'דיגע שעה צו לאַנג לעבין אונ צו געזונט ושלום וברכה, האט ער אָנגעטאָהן דעם היילינען צייכען אונ אנדענקען (די תפלין) אויף זיין האנד אונ אויף זיין קאָפּ, וואס דאס ווייזט אז מ'דאַרף זיין איין איד מיט האנד (טהאט) אונ קאפ (לערנונג), כלומר, מיט תורה ומעשים טובים א). היינט האט ער זוכה געווען, אין זיין נשמה זאָל אריין קומען אַהייליגע שיין פֿון הימעל, דאס איז דער יצר טוב, ער זאל אים פֿירין אין דעם גוטין וועג וואס דוא האסט געבאָטין אין דיין היילינע תורה, ער זאל לערנען תורה אונ טאהן מצות אונ מעשים טובים, יעצט בעטין מיר דיך רבונו של עולם, דו זאלסט העלפֿין אונזער קינד, זיין יצר טוב זאל זיך שטענדיג שטארקין אויף זיין יצר הרע, אונ ער זאל קענין זיין אַגוטער פֿרומער יוד ווי דיין היילינער ווילין פֿארלאנגט פֿון דעם מענטש. ער זאל זיין גוט צו הקב"ה
אונ

שערי ציון

ווי אַסאַלדאַט דאַרף לערנען אונ קענען זיין אונצעניע, ווען ניט איז ער קיין סאלדאט, די תורה איז אונזער אונצעניע, צוא זיין פֿריינדליכע מענשין צו די גיזעלשאַפֿט, אונ טרייע אונטערטאַנער צום וועלט קעניג, אונ דער וואס לערנט ניט קיין תורה, איז ווי אַסאַלדאט וואס אנטלויפֿט פֿון סלוזבע. אונ דער עיקר תורה איז משנה וגמרא, ווען ניט בלייבט ער חלילה אקאראים. אַקלוגע מוטער וועט פֿארשטיין ווי ריכטיג דאס איז. אויך זאל די מוטער זעהען דער קינד זאל אויסלערנען גאַנץ חומש כסדר ווי אונזערע עלטערין האבין גילערינט וואס פֿון זיי זיינען אַרויס די גרעסטע גאונים אונ צדיקים. ניט קיינע מעטאָדעס וואס קלייבין נור שטיקלאך חומש. פֿון דעם ווערין זיי בלייבין אונוויסענדע. דאס איז נור וויא אַקרופּניק מיט נישט, אונ דער קינד גייט אַרויס וויסט. נור לערנען ווי אונזער גרויסער רבי "משה רבינו" האט גילערינט אין זיין חדר. די גאנצע תורה כסדר.

מעשה אלפס

א) די מוטער וואס וויל אז דער קינד זאל פֿלייסיג לייגין תפלין און שעצין זיי מיט כבוד, וויא עס פאסט צו אַזא ערהאבענעם צירונג וואס דער גרויסער וועלט קעניג האט אונז בעצירט ווי די תורה רופֿט דאס "לטוטפות" (צו אצירונג), זאל זי אין דעם טאג פֿון בר מצוה (אָדער דעם שבת פֿריהער) דורך לעזין מיט איהר זון די פֿארערדע מעשה אלפס וואס מיר האבין גישריבין אין בוך "הטפות לטוטפות" (רעדעס ווענין תפלין), דארטין איז ערקלערט בעה"י פֿיל גידאנקען וואס תפלין בעדייט, אפֿילו וואס דיא צוויי שינען פֿון של ראש (מיט דריי קעפּעלאך אונ פֿיר קעפּעלאך) בעדייטען, הכלל אין די זרגאנישע פֿארערדע געפֿינט איהר פֿון פֿונגיל מילך, זיא וואָרעמט אויף די הארין צו לייגען שטענדיג תפלין מיט פֿערגנינגען.

און צו מענטשין, מיר זאלן פון אים נחת האבין אויף די וועלט און מיר זאלין דורך אים זוכה זיין צו עולם הבא. רבונו של עולם, אזוי ווי דו האסט גיטאהן מיט אונז חסדים ביז היינט און האסט אונז גיהאלפין אונזער זוהן אויף צו האדעווען ביז היינטיגן טאג, צו זיין בר מצוה, אזוי זאלסטו דיינע חסדים פון אונז ניט אפטאהן אויף ווייטער, מיר זאלין זוכה זיין מגדל זיין דעם זוהן און אונזערע אלע קינדער צו תורה און יראת שמים מיט עושר און כבוד, און אונזערע שמחות זאלין ניט פארשטערט ווערין אויף אייביג, און מיר זאלין זוכה זיין צוא פיהרען אונזער זוהן צוא זיין חופה ווען דיא גליקליכע צייט וועט זיין מיט זיין אמת'ן זיווג, אמן.

תחנה אפשפרעכין איין עין הרע.

גרויסער וועלט בעשעפער, דו האסט בעשאפען די גרויסע וועלט און אויך די קליינע וועלטעלע (דאס איז דער מענש) דו האסט אים בעשאפין מיט צוויי הונדערט אכט און פערציג אברים, געגין די רמ"ח מצות עשה פון דיין תורה, און מיט דריי הונדערט פינף און זעכציג אדערין, געגין די שס"ה מצות לא תעשה פון דר תורה, איינע פון דיינע גלידער איז די אויגען, און דיין פארלאנג איז, אז דער מענש זאל קוקען מיט אגוטע אויג אויף אלעמען, פארגינען יעדערין וואס גאט האט אים גיגעבן, ווי אונזערע חכמים שרייבין (אין פרקי אבות) איזהו דרך טובה שידבק בה האדם. עין טובה". נור ווייל דער מענש איז זינדיג און מאנכע מענשין האבין אבייזע אויג, ניט צו פארגינען דעם צווייטין, דרום ליגט אין זייער אויג גיפט און עס שאדעט אפילו ווען זיי מיינען ניט קיין שלעכטעס. דרום בעט איך דיר באהיט מיין קינד פון עין הרע, שיק דיינע מלאכים זיי זאלען מיט זייערע פליגלען באשיצען מיין קינדדם גיזיכט ווי משה רבנו זאגט (אין מזמור יושב בסתר) כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך, עס זאל אים חלילה ניט באגעגענען קיין בייזע אויג, און איך באשווער אלע בייזע אויגין וועלכע טוען שאדין מענשין, סיי פון יודין און סיי פון נישט יודין אז איר זאלט קיין שליטה האבין אויף (פלוני בן פלוני) אדער (פלוניה בת פלונית)*)

עס

*) וואו עס שטייט (פלוני) דארף מען דערמאנען דעם נאמען פון מאנספערזאן מיט דעם נאמען פון זיין מוטער. און וואו עס שטייט פלונית, דארף מען דערמאנען דעם נאמען פון די פרוי מיט איהר מוטערס נאמן, סיי ביי א גרויסען מענשין און סיי ביי א קינד.

עס זאל איהם (אדער איהר) ניט שאדין קיין בייזע אויג, אשווארצע, אבלאהע, אגעלע, אגרינע, אקיילכדיגע, אפלאטציגע, אברייטע אשמאלע, א אוים גישטארציטע, א איינגעפאלענע, סיי פון אזקן, סיי פון אזקנה, סיי פון אבחור, סיי פון אבתולה, סיי פון איין נשואה, סיי פון איין אלמנה, סיי פון אפרוי מיט איר שנור, סיי פון אקרוב אדער אקרובה, סיי פון אפרעמדין אדער אפרעמדע, סיי פון אבעקאנטען אדער אבעקאנטע, איך בין גוזר אויף אייך אלעמען מיט די אויגען פון דעם עוויגען וועלכע זעהען אלע מאל, זיי שלאפען ניט אונ דרעמלען ניט, זיי זיינען משגיח שטענדיג אויף די גאטס-פארכטיגע, ווי דוד המע"ה זאגט (הנה עין ה' אל יראיו) אז דער רבונו של עולם היט זיינע פרומע די וואס האפין צו אים, עס זאל זיי קיין שלעכטעס גישעהען, אונ איר בייזע אויגין עין הרע'ניקעס זאלט אב טרעטין פון פלוני (אדער פלונית) פון זיין חדר אונ פון זיין גאנצע הויז, אונ זאלט קיין קראפט האבין שולט צו זיין אויף אים (אדער איהר) ניט ביי טאג ניט ביי נאכט, ניט וואכעדיג ניט אין שלאף, אונ ער (אדער זי) זאל זיין געהיט פון אלע שלעכטע אויגן, אזו וויא דער בורא ב"ה האט אוים געהיט אידין אין דער מדבר פון די בייזע אויג פון בלעם הרשע. (לישועתך קויתי ה') צו דיין הילפע גאט האף איך, אמן.

אתחנה ווען מ'גיט צדקה (אין ר' מאיר בעל-הנס פושקע):

רבונו של עולם, איך גיב צדקה (געלט אדער ליכט) פאר די ריינע נשמה פון דעם צדיק דעם גרויסען תנא ר' מאיר בעל הנס, אלהא דמאיר ענני א) דער גאט פון ר' מאיר ענטפער מיר (דיא לעצטע דריי ווערטער דארף מען זאגין דריי מאל) אונ אזוי ווי דוא האסט צוא גיהערט זיין

מעשה אלפס

א) ר' מאיר בעל הנס. דאס איז דער גרויסער תנא ר' מאיר פון דער משנה, ער וואר איין איידים פון דעם תנא ר' חנינא בן תרדיון (איינער פון די עשרה הרוגי מלכות), ס'האט איהם פארברענט מיט די ספר תורה, וואס ער האט אין איהר געלערנט, אונ ס'האט צוראבירט זיין הויז, אונ זיין טאכטער האט מען אריין גיגעבין אין אקאזאנע שענדליכע הויז. האט ר' מאיר צער גהאט אז זיין שוועגערין זיצט אין א מיאוסן פלאץ, האט ער מיט גינומען אסך געלט, אונ גענאנגען איר אוים קייפין געקרעטענע ביין קמאטרישעל אונ האט זיך געמאכט א צייכין, אויב זי האלט זיך ריין אונ ערליך, וועט זיך מיר טרעפין א נס. אז איך וועל איר קענען ארוים האפין, איז ער גיקומען אונ האט זיך פארשטעלט פאר א רוימישען פריץ אונ האט איין גיצאלט אין בית הטומאה אונ גיפאדערט די אונ די וויל ער, האט זי ארוים גישיקט א ענטפער אז זיא קען ניט

ווייל

תפלה אונ דוא האסט מיט אים געטאן נסים אונ נפלאות אפענע אונ בעהאלטענע, דו האסט אים גערעטעט פון פיל סכנות, אזו זאלסטו צו הערין מיין געבעט מיט דיין גרויס רחמנות, אונ זאלסט מיר ארויס נעמען פון דעם צער וואס איך האב יעצט, אונ זאלסט טאן מיט מיר אונ מיט דיין גאנצע פאלק ישראל נסים ונפלאות צו ליב דעם זכות פון דעם הייליגען תנא ר' מאיר בעל הנס, (דא קען מען אוים ריידין וואס מ'דארף, היינו ווען אקינד איז ר"ל קראנק זאל מען זאגין) אונ זאלסט שיקין ארפואה שלמה צו מיין קינד, בתוך שאר חולי ישראל (אונ דאס גלייכין וואס מ'דארף בעטין) אונ בזכות די צדקה זאלסטו ברייינגען אהילף אויף דעם כלל ישראל ווי דיין מדה איז (זורע צדקות מצמיח ישועות) דו פר זייעסט די צדקות וואס אידין טוען אונ מאכסט שפראצין הילף וואס דוא וועסט ברייינגען אויף אונז אונ אויף כלל ישראל במהרה, אמן.

הימלישער

מעשה אלפס

וויל זי האט די צייט, האט ער אב געווארט, אונ ווייטער איר געפאדערט, האט זי ווידער גיענטפערט דעם זעלבען תירוץ, האט ער אנגעשטעלט נאך מענשען זאלין איר פאדערן האט זי אלעמען אזוי גיענטפערט, האט ער פארשטאנען אז זי האלט זיך ערליך, איז ער גיגאנגען צום סמאטריטעל אונ האט אים געזאגט גיב מיר איר ארויס, ענטפערט ער איך האב מורא פאר די גיריכט, זאגט ער אים. נא דיר א סומא געלט העלפט וועסטו נעמען פאר זיך אונ העלפט וועסטו האבען צו געבען שוחד, אונ אז די געלט וועט זיך ענדיגען מיט וואס וועל איך געבען שוחד? (פרעגט דער סמאטריטיל) – ענטפערט ר' מאיר וועסטו זאגין (אלהא דמאיר ענני) דער נאט פון ר' מאיר ענטפער מיר, וועסטו גירעטעט ווערין, פרעגט דער שומר ווער זאגט דאס, אז מיט די תפלה וועל איך ניצול ווערין? זאגט ר' מאיר איך וועל דיר ווייזן. דארטין איז גיוועזן בייזע הינט, וואס פלעגין קענען צו רייסין אמענשין, האט ר' מאיר גינומען אשטיינדיל אונ אווארף גיטאן אויף זיי, זיינען זיי אנגיפאלען אים צו רייסין, האט ער גיזאגט (אלהא דמאיר ענני) האבען זיי אב גיטראטין, אז דער שומר האט גיזעהן אז עס איז ריכטיג האט ער איר ארויס גיגעבען איהם, לסוף האט מען גימסרת דעם סמאטריטל, אז ער האט פארקויפט די מיידל, האט מען אים פר'משפט הייננגען, ווי מ'האט איהם ארויף גיצויגין איפ'ן תליה האט ער גיזאגט (אלהא דמאיר ענני) האט זי זיך איבער גיריסין, פרעגט מען וואס איז דאס פאר אנעשיכטע? האט ער דער צעילט די גאנצע מעשה, האט מען ארויס גישטעלט ר' מאיר'ס בילד אויף אלע גאסען, ווער עס וועט אים טרעפין זאל אים ברייינגען אין געריכט, איין מאל האט מען איהם דערזעהען האט מען אים גיוואלט אנגעמען, איז גיקומין אליהו הנביא אונ זיך פארשטעלט פאר אין אויסגילאסענע פרויא אונ האט איהם ארויס גינומען אין מיט'ן גאס ור' מאיר האט גיזעהן אז דאס איז אליהו הנביא, נור זיי האט זיך אב גידוכט אז דאס איז א פרוי) האט מען איהם אוועק גילאזין, זיי האבען גירעכענט אז זיי האבען א טעות ווייל דער צדיק ר' מאיר האט קיין באקאנשאפט ניט מיט איבערגעלאסענע פרויען, איז ער אנטלאפין פון רום קיין בבל.

הימלשער פאטער, אין דיא צעהען גיבאט וואס דוא האסט אונז גיגעבין מיט גרוים פאראר על הר סיני, איז איינע פון זיי (כבד את אביך ואת אמך) גיב עהרע דיין פאטער אונ מוטער. אונ לכבד וואס דער שכר פון דעם אויף די עוויגע וועלט איז זייער גרוים, האסטו נאך צו גיזאגט דער פאר צגוטין לוין אויף דער וועלט „אריכות ימים" א), כלומר, דער וואס האלט ערליך עלטערין איז מאריך ימים, אונ דו האסט די מצוה גישטעלט זייער הויך, דו האסט איר פארגליכין כביכול צו דיין כבוד, אז מען גיט כבוד עלטערין, איז גלייך וויא מען גיט דיר כבוד, אונ ווען מ'האט פאר זיי רעשפעקט (עהרענ־פורכט) איז גלייך וויא מ'האט פאר דיר רעשפעקט. אונזערע חכמים דריקען דאס אויס מיט דעם לשון, אין דער צייט אז אמענש גיט כבוד זיינע עלטערין, זאגט הקב"ה, איך פאר רעכין זיי, גלייך ווי איך וואלט וואהנען צווישען זיי אונ זיי וואלטין מיר געבין כבוד. אונ ווען חלילה אמענש פארשאפט פארדרוס זיינע עלטערין, זאגט השי"ת, גוט האב איך גיטאן, וואס איך וואהן ניט צווישען זיי, ווען איך וואלט וואהנען צווישען זיי, וואלטין זיי מיר אויך מצער גיוועזן. אויך זאגין אונזערע חכמים, אז די מצוה פון „כבוד אב ואם" איז נוהג אפילו נאך זייער טויט. ווען זיי זיינען שוין אויף די אמתה וועלט. דארף מען זייא אויך ערליך האלטין, מיט דעם וואס דיא קינדער גייען אין גוטין וועג, זיי טוען מצות אונ מעשים טובים, גיבען זיי מיט דעם כבוד, זייערע עלטערין, לייט זאגין, גיבענשט זאלין זיין די עלטערין, אליכטיגען גן עדן זאלין זיי האבין. וואס זיי האבן אויס גיהאדעוועט אזעלכע גוטע אונ פרומע קינדער, אונ אויף יענע וועלט האבין די עלטערין אויך פיל נחת, ווייל דורך די מצות ומעשים טובים וואס די קינדער טוען, ווערין די עלטערין אלס דער

שערי ציון

א) דער שכר „אריכות ימים" איז מדה כנגד מדה, ווייל דער וואס איז מכבד זיינע עלטערן, פארשאפט ער זיי אויך אריכות ימים, עלטערן ווינשען זיך ניט קיין העכערין נחת רוח ווי דם, אז זייערע קינדער זאלן גיין בדרך הישר אונ זאלין זיי גיהארכזאם זיין, דרום איז זיין שכר אויך אריכות ימים, אבער ווען מ'איז דער ווידער עלטערין, פארקירצט מען זיי די יאהרין חלילה, איז דער עונש אויך מדה כנגד מדה, השי"ת זאל אונז היטין פון דעם.

האבען מיט א מדרגה העכער אין גן עדן א).

ליבער גאט, אז איך שטעל מיר פאר וויפיל כחות און געזונד עלטערין ליגען אוועק פאר קינדער, ועה איך אז איך האב ניט יוצא געווען געגען מיינע עלטערן, און נאך מער דאס איז דאך אזא מצוה וואס דער שכל איז עם מחייב, ווען אפילו דו וואלסט דאס ניט פר זאגט. דו האסט דאס נור פארזאגט, אום צו געבין א שכר טוב דער פאר, ווייל מען איז אגב מקיים א מצוה אויך, אבער באמת לערינט דאס דער ריינער שכל, ווי עשו וואס אין אלע זאכען איז ער געווען פארבראכין, אבער כבוד אב האט ער געהיט אויפען העכסטין ארט, בעת ער האט גידארפט בארינגען יצחק'ן האט ער אנגיטאן שיינע הערליכע קליידער, און די קליידער האט ער ניט אנגיטרויט אפילו זיינע פרויען, נור זיין מוטער רבקה'ן אליין. און נאך פיל היסטאריעס וואס אונזערע חכמים דער ציילען פון אומות העולם ווי זיי האבין מכבד געווען זייערע עלטערן 1), און אויך וואס לבד

איך

מעשה אלפס

1) דער נביא יחזקאל זאגט אין זיין קלוגע מוסר (ובמשפט הגוים לא עשיתם) איר טוט אלם נאך די אומות העולם, געגין די תורה וואס זי הט גישריבין (ובחקותיהם לא תלכו), וואלט איר לפחות נאך טאן זיי אין אלם. אם ענדע טוט איר נור זייערע נארישע זאכין, אבער די גוטע ניט, זעט וויא אומות העולם האלטען דיא ירושה פון זייער פאטער משו צוא שעצין עלטערין. וויא די גמרא דערציילט, אמאל האבין דיא חכמים נידארפט קויפין טייערע פינקעל שטיינער צום אפוד (פון כהן גדול) זיינען זיי ניקומען צו איינעם אדימענט-הענדלער פון אומות העולם זיין נאמען וואר „דמה" (אין שטאט אשקלון) אים איז גישטאנען צו פר דינען אן דעם העכר אהאלבן מיליאן רענדלך, האט זיין פאטער „נתינה" גישלאפען אויף דעם קאסטין פון דיא דימענטין, האט ער אים ניט גיוואלט וועקין און האט פארלארען דעם פדיון. נאך א מעשה האט פאסירט מיט דעם זעלבין, ער איז גיזעסין אין פארלאמענט פון רום, איז גיקומען זיין מוטער (זיא וואר גירירט) און האט אים אראב גיריסין זיין קלייד און אן גישפוגען אים אין פנים און ער האט איר ניט פאר שעמט, דער ווייל איז פון איר א ראם גיפאלין איר

סוף

שערי ציון

א) און ווען מ'רעכינט גוט אוים, דארף מען זיי מכבד זיין נאכין טוט מער ווי פאר זייער לעבין. ווייל ווען זיי האבין גילעבט האבין זיי אמאל גיקאנט זייער כבוד מוחל זיין. אבער אז זיי זיינען גישטארבין, קענען זיי דאך ניט מוחל זיין זייער כבוד. ווארום אז די עלטערין זיינען אויף די אמתה וועלט און די קינדער זינדיגען, פארשעמען זיי זייער פאטער און מוטער, הקב"ה זאגט צו זיי, זעט אייערע קינדער וואס איר האט גבראכט אויף דער וועלט, ווי זיי זינדיגען צו מיר און פארשעמען מיין נאמען מיט מיין תורה און מצות.

איך פערשטיי דאס מיטין שכל, בין איך נאך פארזאגט אויף דעם אין עשרת הדברות, און איך האב דאס ניט געהיט ווי מ'דארף, דרום קום איך אויס וויינען מיין הארץ פאר דיר פאטער פון הימל, און בעט דיר, דו זאלסט מיר העלפין צו גיין אין גוטין וועג, איך זאל דער מיט פארשאפין כבוד מיינע עלטערין, און אפשיטא היינט אין דעם טאג פון זייער יאהר צייט, דאס איז ביי זיי אהייליגער טאג, אין דעם טאג זיינען זיי ארוים פון די פינסטערע נארישע וועלט צו די ליכטיגע אמת'ה וועלט, דאס איז איין ארט אימענינום וואס אין דעם טאג איז דער מענש ארוים פון פינסטערין איינגען טונעל (טומער לייב) אין די ליכטיגע וועלט, בעט איך דיר דו זאלסט מיר העלפין בעשיינען זייער שמחה. ליכטיג מאכין זייערע זאלען אין גן עדן מיט מיין דאוונען מיט אווארימע הארץ, און איך שטעל אליכט (אדער איך גיב גאז אין בית המדרש) מ'זאל פאר די ליכט דאוונען און לערנען צו בעלייכטין זייער נשמה אין גן עדן, און איך גיב צדקה עס זאל ווערין פון דעם אהייליגע שטאט-קלייד פאר זייער נשמה, ווי דער נביא זאגט (מעיל צדקה יעטני) אז דורך צדקה וואס מ'גיט פאר זייערע נשמות ווערין זיי באקליידעט מיט אשטאט-קלייד אין גן עדן, און העלף מיר דעם אגאנצין טאג זאלן מיינע גידאנקען זיין ריין און הייליג צו טראכטין נור וועגין מיינע ליבע עלטערין ווי צו פארשאפין זיי כבוד און פערגניגען אין גן עדן, און זייער זכות מיט דעם זכות פון אלע ריינע נשמות פון גן עדן זאל מיר ביישטיין עס זאל פארגרינגערט ווערין מיין פרנסה, איך זאל זיך קענען וואס מער אב געבין צו מצות ומעשים טובים, איך זאל זיי קענען פארשאפין שטענדיג כבוד, און

איך

מעשה אלפס

טוך, האט ער זיך איין גיבוינין און אויף גיהויבין און איר אן גיטאן. אבער אונזערע חכמים הגם זייא האבין אוים גימייט אלע מנהגים פון די אומות העולם, נור אגוטע זאך האבין זיי זיך גילערינט אפילו פון זיי אויך, וויא די גמרא דער ציילט אז דער תנא ר' טרפון (ער איז גיוועזן אגרויסער אדיל), האט ער גיהאט איין אלטע מוטער, איז ווען די מוטער האט גידארפט ארויף גיין אויפ'ן בעט שלאפין, האט ער זיך איין גיבויגין צו ד'ערד (אנשטאט אפוס בייגקעלע) די מוטער זאל ארויף גיין אויף אים, און פון אים אויפ'ן בעט. רב יוסף ווען ער האט גיהערט דיא טריט פון זיין מוטער אז זיא גייט, האט ער גיזאגט מ'דארף זיך שטעלין פאר איר, וייל דיא שכינה קומט מיט איר, כלומר. ווען מ'איז מכבד דיא מוטער, איז גלייך וויא מ'איז מכבד השי"ת, דרום דארף זיך יעדער מענטש גיוואהנען מכבד זיין זיינע עלטערין. וועט ער מאריך ימים זיין. לבד זיין גרויסער שכר בעולם שכולו ארוך.

אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהֶען זַיי פָּנִים אֶל פָּנִים אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה פוּן תְּחִיַית הַמֵתִים, וָואס מִיר הָאפִּין עֶס זָאל זַיין בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

דֶער עִנְיָן פוּן "חֲבֵרִים כָּל יִשְׂרָאֵל".

וַוייל "תְּפִלָה בְּצִבּוּר" אִיז אַגְרוֹיסֶע זַאךְ אוּנ דָאס זֶעלְבֶּע יֶעדֶער תְּחִנָה, יֶעדֶער גִיבֶּעט אִיז בֶּעסֶער אַז מְ'זָאגְט עֶס צוּ זַאמֶען בָּרַבִּים, אוּנ אַזוֹי וִוי דֶער רֵיינֶער שֵׂכֶל וַוייזְט אַז וֶוען הֵייסְט בְּצִבּוּר, אַז אִיךְ הָאבּ לִיבּ יֶענֶעם אִידֶען אוּנ יֶענֶער הָאט מִיר לִיבּ, אוּנ מִיר בֵּיידֶע הָאבִּין לִיבּ דֶעם דְרִיטֶען אוּנ אַזוֹ אַלֶעמֶען הֵייסְט דָאס תְּפִלָה בְּצִבּוּר, אָבֶער וֶוען אִיךְ הָאבּ חָלִילָה יֶענֶעם פַיינְט אוּנ יֶענֶער הָאט מִיר פַיינְט, הֵייסְט דָאס נָאר נִיט קֵיין צִבּוּר, נוּר יֶעדֶער אִיז פַאר זִיךְ, דֶערִיבֶּער שְׁרַייבְּט דֶר ר"י הַקָדוֹשׁ ז"ל אַז פַארֶען דַאוֶונֶען זָאל יֶעדֶער אִיד מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ דִי מִצְוָה פוּן (וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ) אוּנ זָאל אַרַיין נֶעמֶען אִין גִידַאנְקֶען לִיבּ צוּ הָאבֶען יֶעדֶר אִידֶען.

תְּחִנָה וֶוען מֶען פָארְט אוֹיפְ'ן יַם.

גְרוֹיסֶער וֶועלְט בַּאשֶׁעפֶער, דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפִין אִין זֶעקְס טֶעג דִי הִימֶעל אוּנ דִי עֶרְד, אוּנ אַלְס וָואס אִין זֵיי גֶעפִינְט זִיךְ,

און

מעשה אלפס

א) אִין מַעֲשֹׂה אַלְפֶס (עֶנְדֶע: זֶעקְכְטֶע טְהֵייל) הָאבִּין מִיר גִישְׁרִיבִּין דִי גִישִׁיכְטֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט בְּעֵת אִידִין זַיינֶען גִיוֶוען אִין דֶער מִדְבָּר, אַז דִי רְשָׁעֵי יִשְׂרָאֵל (וְוִיא דָתָן וַאֲבִירָם) הָאבִּין גִיוָואלְט פַאר בְּלֶענְדְעָן אִידִישֶׁע אוֹיגִין אוּנ הָאבֶּען שַׁבָּת אִין דֶער פְרִיה אוֹים גִישָׁאטִין אוֹיפִין פֶעלְד דִי מַן, וָואס זֵיי הָאבֶען פְרַייטִינג אָנְגִיקְלִיבִּן, בִּכְדֵי צוּ נַארִין אִידִין, אַז שַׁבָּת גֵייט אוֹיךְ מַן, אוּנ זַיינֶען אַרַיין אִין דֶער מַחֲנֶה אוּנ הָאבֶען גִיזָאגְט אַז זֵיי הָאבִּען גִיזֶעהֶן וִוי הַיינְט גֵייט אוֹיךְ מַן מְ'זָאל גֵיין קְלֵייבִּין, שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה אַז זֵיי זַיינֶען אַרוֹים גִיגַאנְגֶען שַׁבָּת קְלֵייבֶּען אוּנ הָאבֶען נִיט גִיפוּנֶען, וַוייל הַשי"ת הָאט אַרוֹים גִישִׁיקְט פֵייגְלֶען וָואס הָאבֶען אוֹיף גִיפִּיקְט דֶעם מַן, דָאס אִיז צוּ לֶערְנֶען אוּנְז, אַז דִי מַן וָואס מְ'רֶעכִינְט צוּ קְלַייבִּין שַׁבָּת כְּלוֹמֶר דֶעם שַׁבַּתְ'דִיגֶען לֵייזוּנְג וָואס מְ'לֵייזְט פוּן נָאךְ דִי שְׁקִיעָה אָן, וֶועלֶען דָאס סוֹף כָּל סוֹף פֵייגְלַאךְ צוּ פִּיקֶען, כְּלוֹמַר דָאקְטוֹרִים וֶועלֶען דָאס צוּ נֶעמֶען אוּנ פִיקֶענְדִיג וֶועלֶען זֵיי אוֹים רַייסֶען שְׁטִיקֶער פְלֵייש מִיט זֵייעֶר שְׁנָאבִּיל. אַלְזָא בְּעֵת דֶער יֵצֶר הָרְע פַאר־שְׁכוֹרְ'ת דֶעם מֶענְשֶׁען מִיטְ'ן לֵייזוּנְג פוּן נָאךְ דִי שְׁקִיעָה, זָאל מֶען דִי הִיסְטָארְיֶע אַרַיין נֶעמֶען אִין זִינֶן, וֶועט מֶען זִיךְ אוֹים־נִיכְטֶערִין פוּן דִי שִׁכְרוּת, אוּנ מִיט זְרִיזוּת פַר מַאכִין דֶעם גִישֶׁעפְט אוּן לֵייפִין אַהֵיים לִיכְט בֶּענְשִׁין אִין דֶער צַייט, וֶועט הַשי"ת גֶעבִּין הַצְלָחָה אִין אַייעֶרֶע גִישֶׁעפְטִין.

דאס

את אין דעם דריטען טאג האסטו געזאגט, אז די וואסער וואס האט
באדעקט דעם גאנצען ערד - קוגיל זאלין זיך אויף זאמלין אין איין
ארט, אונ אזוי איז געווארען, זיי האבין זיך אויף געזאמילט אונ
געווארען א גרויסער ים. אונ האסט אין אים בעשאפן, אלע וארטין
ברואים, אלעם וואס איז דא אויף דער יבשה איז דא אין ים,
אויסער די חולדה א) האסטו אין ים ניט באשאפן, צו לערנען א מוסר
דעם מענשין וואס בעת ער איז רוהיג, ליגט ער אין הבלי הזמן, ער
זאמילט אונ זאמילט ווי דיא חולדה אונ ווייס ניט פאר וועמען ער
זאמילט (יצבור ולא ידע מי אוספם), ווייל ער איז פאר טומילט פון דעם
וועלט־לארים, דאדורך דער הערט ער ניט דיין שטימע (די
געטליכקייט פון זיין נשמה), אונ ער מיינט אז דער גאנצער תכלית זיינער
איז נור עסען אונ טרינקען, אבער ווי ער קומט אויפין ים אונ שלאגט
זיך ארוים דעם טומיל פון דער וועלט ב), דא דער הערט ער דיין
שטימע, ווי דוד המלך זאגט (קול ה' על המים) גאטעס שטימע
וואו דער הערט דער מענש? אויפין וואסער. (ורוח אלהים מרחפת)
וואו שוועבט גאטס גייסט? וואו שפירט אים דער מענש? (על המים)
איבער הויפט פארנדיג אויף דעם גרויסין ים, ווי עס שטייט געשריבען
אין מזמור ה' מלך (מקולות מים רבים) פאר דעם רוישען פון די
מעכטיגע וואסער (דאס איז דער טומיל פון דער וועלט) (אדירים משברי ים)
זיינען מעכטיגער די וועלען פון דעם גרויסען ים, (אדיר במרום ה')
דארטין (אויפ'ן ים) באמערקט דער מענש ווי שטארק אונ מעכטיג
די געטליכקייט איז, ווי דוד המלך זאגט (יורדי הים באניות) די וואס
רייזין אויפין ים אין שיפין (עושי מלאכה במים רבים) די מאטראזין
אונ די סוחרים וואס ארבייטין פיל אין די גרויסע וואסערין (המה
ראו מעשי ה') די זעהען גאטס ווערק אונ זיינע וואונדער וואס
אין די טיפענעס פון ים, (ויאמר ויעמד רוח סערה) דורך גאטס ווארט
שטעלט

מעשה אלפס

א) דאס איז אזא מין באשעפעניש אן אויגין וואס זיא גראבט זיך אין דער ערד אונ זאמעלט אונ שלעפט צוזאמען וואס זי געפינט דארטין אונ גראבט ווייטער אונ זאמעלט וואס זי געפינט, אונ ווייס ניט פאר וועמען זי זאמעלט.

ב) אין סדור מעשה אלפס (אויפין פסוק כל הנשמה תהלל יה אונ אין מזמור שמעו זאת כל העמים האזינו כל יושבי חלד) האבען מיר געשריבען נאך א טייטערין מוסר, אויף דעם וואס אין ים איז ניטא קיין חולדה.

שטעלט זיך אויף א שטורם ווינט אויפ'ן ים (ותרומם גליו) און עס ווערין הויך דיינע אינדרין (די וואלין פון ים) (יעלו שמים ירדו תהומות) דורך דעם שטורעם הייבין די וואלין אויף די שיף צום הימל און ווארפען איר נאכהער צום אב גרונד (נפשם ברעה תתמוגג) דאס זייער זייל צו גיסט זיך פון שרעק (יחוגו וינועו כשכור) זיי טומלען און שאקלען זיך אום ווי בעטרונקענע (וכל חכמתם תתבלע) און זייער גאנצע קענטשאפט (צו די שיף ארבייטער) ווערט פאר ניכטעט. (ויצעקו אל ה' בצר להם) אלס זיי האבען אבער גישריען צו גאט אין זייער נויט (וממצוקותיהם יוציאם) האט ער זיי פון זייער איינגשאפט און נויט ארויס גיצויגין, (יקם סערה לדממה) ער האט אומגימאכט דעם שטורעם צו איינער שטילקייט (ויחשו גליהם) און עס זיינען שטיל גיווארען זייערע וואלן. (וישמחו כי ישתוקו) און זיי פרייען זיך דאס זיי זיינען גיבליבען רוהיג, (וינחם אל מחוז חפצם) און ער האט זיי אב געפירט צו דעם ארט וואו זיי האבען באגערט. (יודו לה' חסדו) זיי דארפען דאנקען גאט פיר זיין גינאד און ערציילען זיינע וואונדער צו אלע מענשין.

ליבער הארציגער פאטער! ביי מיין יעצטיגען פארין אויפ'ן ים באמערק איך אויך עטוואס דיינע גבורות און דיינע גרויסע חסדים מיטין מענשן, וואס דו האסט אים גיגעבין גרויס פארשטאנד, ער זאל קענען מאכען אוועג אין ים, ווי דער נביא זאגט (הנותן בים דרך) דו ביזט דער גאט וואס דו האסט דורך געפירט דורך דעם ים א וועג, דו האסט דורך געפירט דיין פאלק ישראל איבערין ים אזוי ווי אויף אגלייכע פאצטאווע וועג, (ובמים עזים נתיבה) און דו פירסט דורך אין דאס מעכטיגע רוישענדע וואסער א באן, כלומר, דו האסט גיגעבין גרויס פארשטאנד אין מענשין ער זאל דער גיין די כחות וואס דו האסט באשאפען אין די נאטור, וואס מיט דעם זאל מען קענען מאכען גרויסע פאראהאדין, זיי זאלען פארען ווי אבאן אויפען ים א) און אזוי ווי דיינע חסדים מיטין מענשין זיינען

א) דאס איז די פארע וואס האט אגרויסען (צו צפון) דאדורך ווייס דער שיף קאפיטאן קראפט צו דרייען די רעדער און וואו צו גיין, דער קאמפאס איז פאר די שיף שניידין דעם וואסער און שטופען די שיף, וויא דיא רעדלעך צום באן, וואס זייא און די סגולה פון מאגנעט נאדיל (אויפין פירען דעם באהן צוא זיין וועג וואו קאמפאס) וואס נאורפט נור צו איין זייט ער דארף גיין.

גרויס, בעט איך דיר, דו זאלסט באגליקען מיין רייזע אויפין ים, דער ים זאל זיין רוהיג אונ די שיף זאל גיין וואו זי דארף, זי זאל חלילה זיך ניט אנקלאפין אן אשטיין אונ ניט ארויף גיין אויף אזאמד, ביי נאכט היט אויף די מאטראזען וואס שטייען אויפין פיקעט זייא זאלין חלילה ניט איין שלאפען. עס זאלין זיך חלילה ניט אנשלאגען אשיף אן אשיף, אונ באהיט אונז פון אנדערע אונגליקען וואס טרעפין אויפין ים, דען דוא ביסט דער הערשער איבער אים, וויא דער נביא זאגט (רוגע הים ויהמו גליו) דו קענסט איינשטילען דעם ים אין רעכטין ברומען פון זיינע וועלען, ווי די נאכט (שביעי של פסח) וואס פרעה האט נאך גיאגט אידישע קינדער, אונ האט זיי גיגרייכט ביין ים, האסטו גימאכט וויען אשטורם ווינד אויפין ים, אז דער ים האט גירוישט אונ אין מיטין האסטו אים בארוהיגט, אז ער האט זיך גישפאלטין אויף צוועלף וועגין אונ יעדער שבט פון אידין איז גיגאנגען אין אים אין אבעזונדער וועג, אונ אז זייערע באליידיגער האבין זיי נאך גיאגט, האסטו אוואונק גיטאן צום ים האט ער אפלייץ גיטאן אויף זיי, אז זייער מחנה מיט זייערע פערד אונ רייט וועגין זיינען פארזונקען גיווארען צום אב גרונד, אין די וועלבע צייט וואס דיינע קינדער זיינען גיגאנגען אין דער טריקענעם אין מיטין ים. אונ ברייננ מיר אויף מיין ארט לשלום איך זאל קומען גיזונד אונ זאל ניט געפינען קיין שטערונג אין וועג, מ'זאל מיר אראב לאזין פון שיף אונ ארייין לאזין אין פארט וואו איך פערלאנג, אונ זאל דארטין אלעמען (צו וועמען איך פאר) געפינען גיזונד אונ פרידליך, אונ אזו ווי דו שטילסט איין דעם ים אין מיטין זיין רוישין, אזוי זאלסטו איין שטילען אלע שונאי ישראל וואס קאכין אונ רוישין אויף אונז ווי די וואלען פון ים, אונ זאלסט ארויף גיסין דיין גייסט אויף אלע באשעפענעס, זיי זאלען דער קענען דיין איינציגקייט, אונ זאלען פול ווערין מיט געטליכע וויסענשאפט, עס זאל מקוים ווערין דיינע הייליגע רייד (דויד דעם נביא ישעיה) (ומלאה הארץ דעה את ה') עס וועט פול ווערין די לאנד מיט אנערקענען גאט (כמים לים מכסים) זא ווי דאס וואסער באדעקט דעם ים, במהרה בימינו, אמן.

(א) פאר דעם זאלצין מוז מען דאס פלייש ווייקין אין קאלטע וואסער (ניט אין וואַרים וואַסער). עס מוז זיך ווייקין א האלבע שעה סידין לכבוד שבת מעג זיין ווייניגער ווי א האלבע שעה כדי עס זאל ניט ארויסקומען קיין חילול שבת:

(ב) אז דאס פלייש איז גיפרארין טאר מען עס ניט זאלצין ביז עס גייט אויף און מען זאל עס ווייקין דער נאך זאל מען ערשט זאלצין:

(ג) זאלצין דאס פלייש מוז מען אויף אלע זייטין. מען זאל ניט איבער לאזין א ליידיג שטיקעל ארט אין פלייש אן זאלץ. עופות מוז מען זאלצין אויסוויינינג און אינוויינינג:

(ד) פאר דעם זאלצין מוז דאס פלייש אביסיל אפרינען פון דעם וואסער כדי עס זאל ניט צוא גיין דאס זאלץ:

(ה) נאך דעם ווייקין פאר דעם זאלצין מוז מען דאס פלייש אפ שווענקען פון דעם ווייק וואסער:

(ו) מען טאר ניט צו זאלצין מיט גאנץ דינע זאלץ:

(ז) דאס פלייש דארף ליגין אין זאלץ איין שעה, נור לכבוד שבת ווען מען האט מורא מען זאל ניט מחלל שבת זיין איז גענוג א האלבע שעה:

(ח) נאך דעם זאלצין פאר דעם אפגיסין זאל מען דאס פלייש גוט אפשאקלען פון דיא זאלץ און דער נאך אפגיסין און דער נאך וואשען אין א כלי און דער נאך ווידער אפגיסען:

(ט) אין דער כלי וואס מען שווענקט איבער דאס פלייש נאך

דעם זאלצין זאל מען ניט אריין לייגין פריער דאס פליישׁ אין דער כלי נאר פריער וואסער אן גיסען:

(י) אז מען האט ניט א באזונדערע כלי צום זאלצין וואס זי האט פיל לעבער מעג מען זאלצין אויף א אפּ גיהובלעטע ברעט און מען זאל עס לייגין אביסיל קרום:

(יא) פליישׁ וואס איז גילעגין דריא מעת לעת ניט גיזאלצין און ניט גיווייקט טאר מען עס שוין ניט זאלצין צום קאכין נאר מען מוז עס שוין בראטין אויף דעם פייער, ניט אין קיין כלי:

(יב) אז דאס פליישׁ איז גילעגין דריי מעת לעת ניט אפּ גיוואשין און מען האט עס דער נאך גיבראטין אויף דעם פייער וויא דער דין איז, טאר מען עס נאך דעם בראטין אויך ניט קאכין מען מוז עסין גיבראטין:

(יג) ווען מען האט פארגעסין און מען האט גילאזט דאס פליישׁ ווייקין פאר דעם זאלצין א גאנצין מעת לעת איז דאס וויא טרפה און מען זאל פרעגין א שאלה. און אז מען האט גילאזט ליגין דאס פליישׁ אין זאלץ א גאנצין טאג זאל מען אויך פרעגין א שאלה. און אז דער דריטער מעת לעת קומט אוים שבת אדער יום טוב זאל מען פרעגין א שאלה וויא אזוי אפּ צוא גיסין.

(יד) ווען דאס פליישׁ וואס עס ליגט אין זאלץ איז אריין גיפאלין אין סינק אדער אויף דער ערד מוז מען פרעגין א שאלה:

(טו) װען מען זאלצט אַ קעפּיל מוז מען דאס קעפּיל אויפּמאַכין און צו שׁנײדין אויף צװײען און אויך אַלע זײטין זאלצין און פאר דעם זאלצין װײקין װי אויבען איז געשׁטאַנין, אז מען האט ניט צו האקט דאס קעפּיל מוז מען אַ שׁאֵלָה פרעגין;

(טז) די קלאען פון פיס מוז מען אונטין אָפּ האקין ביז מען װעהט אַרױם פליישׁ מיט בלוט און בשׁעת װען די פיס ליגט אין זאלץ זאל מען עם שׁטעלין מיט די קלאען אַראָפּ כדי דאס בלוט זאל אָפּרינען. אז מען האט ניט אָפּ געהאַקט די קלאען זאל מען פרעגין אַ שׁאֵלָה;

מפתחות פון השלמה

אכט אונ פופציג וויכטיגע ענינים וואס ווערט געבראכט אין מעשה אלפס, תפארת ציון, שערי ציון, ראשון לציון, פרי הגפן, פנינים יקרים, משלים יקרים.

צד

א) די מעלה פון זריזות . . . 16
ב) דער אונגליק פון עצלות . . .
ג) דינים פון נעגיל וואסער . . 18
ד) אנידאנקין פון על נטילת ידים . .
ה) ביאור פון "מפליא לעשות" .
ו) ערקלערט ווארום איז לשון הרע אזא גרויסע עבירה? . . . 22
ז) אטייערע לערנונג פון חרקטר פון האן 24
ח) ווי די תורה איז אטרייע מוטער 26
ט) א מוסר השכל פון אקלוגע פרוי . 28
י) אמ[ע]אן פון א יונגען מענשען . טו
יא) אמאל איז צוויי בעסער פון דריי . 32
יב) דער פערברעך פון רכילות . 34
יג) אקלוגע בעמערקונג פון די נאטור . יט
יד) אשיינער משל וועגין קנאה . כד
טו) ערקלערט דעם פסוק ואהבת את ה' אלהיך . . . . . כט
טז) די הייליגע צייט פון קריאת התורה . ל
יז) דער גרויסער גיפאהר פון גאוה . . לג
יח) ערקלערונג וועגין עלינו לשבח. לד
יט) וויא פארדינט מען דעם נאמען „העכסט ארינטליכע פרוי" . . לט
כ) וואס בעדייט דער פארברענען חלה . 84
כא) איינינע דינים פון חלה נעמען . 88
כב) איינינע דינים פון ערב שבת . מו
כג) ווארום ניהער ליכט בענשין מעהר צו ווייבער איידער חנוכה ליכט? מז
כד) א שיינער משל פון מדרש . 96
כה) אנטווארט אויף די גרויסע פראגע פון „מתות בשעת לדתן" . . נב
כו) א נעשיכטע פון רומישען פרינץ נו
כז) ענין פון שבת בראשית ושבת הגדול נח
כח) דעם נארישען טעות פון שפילען חנוכה אין קארטין . . . . סד
כט) א משל פון פוקס מיטין נום . . סה
ל) די שייכות פון מי שעשה נסים צו ר"ח בענטשין . . . . . עד
לא) א שיינעם משל פון שבת המלכה. עז
לב) א שיינעם באור אויף דעם מאמר „שמכבסות צואת בניהם בשבת" .
לג) ווען מ'דארף עסין אין א תענית צבור, ווי זאל מען זיך נוהג זיין? 163
לד) ווארום האט משה רבינו דיא צווייטע לוחות אויסגהאקט אונ די ערשטע איז גיווען מעשה אלהים . פח
לה) שיינע משלים מענין תשובה . פט
לו) א היסטאריע מיט א שיף אויף א אינזיל 180
לז) התעוררות לימים הנוראים . : צו
לח) וועגן דעם גרויסין גאטליכין בופעט . 198
לט) דער סאלדאט אויף קאראול אין א ווינטער נאכט 206
מ) רינגאלאך אין די גרויסע וועלט קייט 222
מא) דער ענין פון תשליך . . . קיב
מב) דינים ומנהגים לערב יו"כ . . קיט
מג) ביאור משנת „אשריכם ישראל" . 240
מד) מוסר פאר כל נדרי . . 246
מה) ענין האושפיזין בסוכה. . . קלה
מו) איינינע דינים פון פסח . . קמח
מז) מנהגים פון שבועות . . . 298
מח) הסבר על מחז"ל „האי מאן דביש ליה בהאי מתא ליזל למתא אחריתא" קנב
מט) די מצוה פון מזוזה איז מאריך ימים קנג
נ) אבעמערקונג וועגין קווארטיראנטין .
נא) דינים ומנהגים לטבילת מצוה 806
נב) די וויכטיגקייט פון חופה-טאג . 808
נג) די ערבות פון קליינע קינדער . 826
נד) די שיינקייט ווען אשטיף-מוטער באהאנדעלט גוט שטיף קינדער. קסח
נה) אבאמערקונג וויא די אמהות האבין גיוואלט האדעוועון שטיף קינדער . קסי
נו) די הייליגע גדאנקען בעת שוואנגערין 832
נז) וועגין פארהערין קינדער . . 838
נח) וועגין געבען קינדער אין חדר. קע

LIBRARY
NOV 1 3 2006
UNIVERSITY OF TORONTO

Presented to the

LIBRARIES *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

by

Mr. ABE LEBOW